STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09948

# MODERNE VISENSHAFT UN ANARKHYE

Petr Alekseevich Kropotkin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „ארבייטער פריינד".

# מאדערנע וויסענשאפט

## און

# אנארכיע.

פון

פעטער קראפאטקין.

---

איבערזעצט פון ר. ראקער.

---

לאנדאן, 1913.

„ארבייטער פריינד" דרוקעריי, 163 דזשובילי סטריט, א.

# פאָרוואָרט.

ווען מיר אַנאַליזירען אַ געוויסע סאָציאַלע טעאָריע, בעמערקען מיר גלייך, אַז ניט בלויז שטעלט זי מיט זיך פאָר אַ פּאַרטיי-פּראָגראַם און אַ אידעאַל פון אַ געזעלשאַפטליכער איבערבויאונג, נור אַז זי איז אין אַל-געמיין פערבונדען מיט אַ געוויסען פילאָזאָפישען סיסטעם — דעם אַל-געמיינעם בעגריף פון דער נאַטור און פון די מענשליכע געזעלשאַפטען. אָט די דאָזיגע אידעע האָב איך פערזוכט צו ענטוויקלען אין צוויי פאָר-לעזונגען איבער דער אַנאַרכיע, וואו איך האָב געצייגט די בעציהונגען, וועלכע עקזיסטירען צווישען אונזערע אידעען און די שטרעבונג, וואָס שפּיגעלט זיך אַזוי גוט אָב איצט אין די נאַטור-וויסענשאַפטען, צו ערקלערען די גרויסע ערשיינונגען פון דער נאַטור מיט דער האַנדלונג פון די אונ-ענדליך קליינע, — דאָרט וואו מען האָט פריהער ניט געזעהן ווי די האַנד-לונג פון די גרויסע מאַסען, — און צו אָנערקענען, אין די סאָציאַלע וויסענשאַפטען, די רעכטע פון דעם אינדיווידואום, דאָרט וואו ביז איצט האָט מען בלויז אָנערקענט די אינטערעסען פון׳ם שטאַאַט.

אין דיזען בוך פערזוך איך אַצינד צו צייגען, אַז אונזער בעגריף וועגען דער אַנאַרכיע שטעלט מיט זיך פאָר אַ נויטוועגדיגע קאָנסעקווענץ פון׳ם אַלגעמיינעם גרויסען אויפוואַכען פון די נאַטור-וויסענשאַפטען, וועלכער האָט שטאַטגעפונען וועהרענד דעם 19טען יאָהרהונדערט. די לעהרע פון דעם דאָזיגען גרויסען אויפוואַכען, ווי אויך פון די מערקוויר-דיגע ערפאָלגונגען, וואָס די וויסענשאַפט האָט געמאַכט וועהרענד די לעצטע צעהן אָדער צוועלף יאָהר פון׳ם יאָהרהונדערט, וועלכער האָט זיך ערשט געשלאָסען, האָבען עס מיר אינספּירירט צו שרייבען דאָס דאָזיגע ווערק.

עס איז בעקאַנט, אַז די לעצטע יאָהרען פֿון'ם פֿערגאַנגענעם יאָהרהונדערט האָבען זיך אויסגעצייכענט דורך וואונדערבאַרע פֿאָרטשריטע אין די נאַטירליכע וויסענשאַפֿטען. אָט די דאָזיגע פֿאָרטשריטע איז עס צו דאַנקען די ענטדעקונג פֿון'ם דראָטלאָזען טעלעגראַף, פֿון אַ רייהע פֿון ביז דאַן אונבעקאַנטע שטראַהלונגען, פֿון אַ גרופּע אונטהעטיגע גאַזען, וואָס ענטזאָגען זיך אַריינצוטרעטען אין כעמישע פֿערבינדונגען, פֿון נייע עלעמענטאַרע פֿאָרמען פֿון דער לעבעדיגער מאַטעריע און אַזוי ווייטער. און עס האָט מיך געפֿיהרט צו דער גרינדליכער לעהרע פֿון די דאָזיגע נייע עראָבערונגען פֿון דער וויסענשאַפֿט.

אין 1891, אין דער זעלבער צייט ווען די דאָזיגע ענטדעקונגען האָבען זיך אַזוי שנעל געפֿאָלגט איינע די אַנדערע, האָט מיר דער רעדאַקטאָר פֿון דער Nineteenth Century, מר. דזשיימס נאָולס, פֿאָרגעשלאָגען פֿאָרטצוזעצען אין זיין צייטשריפֿט די סעריע אַרטיקלען איבער דער מאָדערנער וויסענשאַפֿט, וואָס האַקסלי האָט ביז דאַן געמאַכט און וועלכע דער גרויסער נאָכפֿאָלגער פֿון דאַרווין'ן האָט זיך געפֿיהלט געצוואונגען אָבצולאָזען צוליעב געזונדהייט'ס אורזאַכען. מען פֿערשטעהט ווי שווער עס איז מיר געווען זיך צו ענטשליסען אָנצונעהמען דעם פֿאָרשלאַג. ניט עלעגאַנטע בעשפּרעכונגען איבער וויסענשאַפֿטליכע טהעמאַס פֿלעגט האַקסלי מאַכען, זאָנדערן אַרטיקלען יעדע פֿון וועלכע פֿלעגט גרינדליך בעהאַנדלען צוויי אָדער דריי פֿון די גרויסע וויסענשאַפֿטליכע פֿראַגען פֿון טאָג און פֿלעגט געבען דעם לעזער, אין אַ פֿערשטענדליכען סטיל, אַ בעגרינדעטען און קריטישען אַנאַליז פֿון די ענטדעקונגען, וואָס אָנבעטרעפֿען די דאָזיגע פֿראַגען. מר. נאָולס האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט און כדי צו פֿערלייכטערן מיין אַרבייט האָט די Royal Society מיר צוגעשיקט אַן איינלאַדונג בייצואוואויהנען איהרע זיצונגען. איך האָב ענדליך אָנגענומען, און וועהרענד צעהן יאָהר, פֿון 1892, האָב איך געשריבען די סעריע אַרטיקלען "Recent Science" פֿאַר דער Nineteenth Century ביז וואַנען אַ האַרץ־פֿעהלער האָט אויך מיך געצוואונגען אָבצולאָזען די שווערע אַרבייט.

זייענדיג אויף אַזאַ אופן געפֿיהרט צום ערנסטען שטודיום פֿון די וואונדערבאַרע ענטדעקונגען פֿון יענע יאָהרען, בין איך געקומען צו אַ דאָפּעלטען רעזולטאַט. איך האָב געזעהן פֿון איין זייט ווי אַזוי — אַלץ אַ דאַנק דער אינדוקטיווער מעטהאָדע — נייע ענטדעקונגען פֿון אונגעהויער וויכטיגקייט פֿאַר דער אויפֿפֿאַסונג פֿון דער נאַטור זיינען צוגעקומען

צו די יעניגע וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט אין די יאָהרען 1856 —1862, און ווי אַזוי אַ טיעפֿערע לעהרע פֿון די גרויסע ענטדעקונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען פֿון מאַיער, גראָוו, ווירץ, דאַרווין און פֿיעלע אַנדערע אין מיטען פֿון'ם יאָהרהונדערט, אין דערזעלבער צייט וואָס זי האָט אַרויפֿגעשטעלט נייע פֿראַגען פֿון אַן אונגעהויער גרויסער פֿילאָזאָפֿישער וויכטיגקייט, האָט אויך געוואָרפֿען אַ נייעם ליכט אויף די פֿריהערדיגע ענטדעקונגען, און האָט דער וויסענשאַפֿט געעפֿענט נייע האָריזאָנטען. און דאָרט וואו געוויסע וויסענשאַפֿטסלייט, צו אונגעדולדיגע, אָדער אפשר צו דורכגעדרונגען מיט זייער אַלטער ערציהונג, האָבען געוואָלט דערזעהן „אַ באַנקראָט פֿון דער וויסענשאַפֿט", האָב איך געזעהן בלויז אַ נאָרמאַלע, ביי די מאַטעמאַטיקער גאַנץ געוועהנליכע ערשיינונג, דער איבערגאַנג פֿון אַן ערשטער אַננעהערונג צו די ווייטערע.

מיר זעהען, ווירקליך, שטענדיג דעם אַסטראָנאָם, דעם פֿיזיקער, בעווייזען די עקזיסטענץ פֿון געוויסע בעציהונגען צווישען פֿערשיעדענע ערשיינונגען, בעציהונגען, וועלכע מיר רופֿען אָן אַ „פֿיזישער געזעץ". נאָך דעם נעהמען זיך אַן אַנצאָהל פֿון פֿאָרשער צו דער אויספֿיהרליכער לעהרע פֿון די אַנווענדונגען פֿון'ם דאָזיגען געזעץ. גלייך אָבער ווי די פֿאַקטען קלייבען זיך אָן אַ דאַנק זייערע ארבייטען, געפֿינען באַלד די דאָזיגע פֿאָרשער אוים אַז דאָס געזעץ, וואָס זיי שטודירען איז בלויז אַן „ערשטע אַננעהערונג": אַז די פֿאַקטען, וועלכע מען דאַרף ערקלערען זיינען אַסך קאָמפּליצירטער ווי זיי זעהען עס אויס. כדי צו נעהמען זעהר אַ בעקאַנטען ביישפּיעל, איז עס דער פֿאַל מיט „קעפּלער'ס געזעצען" וואָס אָנבעלאַנגט די בעוועגונג פֿון די פּלאַנעטען אַרום דער זון. אַ גענויע לעהרע פֿון די פּלאַנעטען בעוועגונגען האָט צוערשט בעשטעטיגט די דאָזיגע געזעצען. זי האָט בעוויזען, אַז די סאַטעליטען פֿון דער זון בעוועגען זיך ווירקליך אונגעפֿעהר אויף אַן עליפּטישען שטייגער מיט דער זון אַלס איינע פֿון די מיטעלפּונקטען. מען האָט זיך אָבער גלייך אַרומגעזעהן, אַז די עליפּטישע פֿאָרם איז בלויז אַן ערשטע אַננעהערונג. אין דער ווירקליכקייט ענטשטעהען די פּלאַנעטען אוים פֿערשיעדענע אָבלענקונגען אין זייער עליפּטישען דורכגאַנג. און ווען מען האָט אויסשטודירט די דאָזיגע אָבלענקונגען, וואָס ווערען אַרויסגערופֿען צוליעב דער ווירקונג פֿון פּלאַנעטען איינע אויף די אַנדערע, זיינען די אַסטראָנאָמען אימשטאַנד געווען צו ערגרייכען אַ צווייטע און אַ דריטע אַננעהערונג, וועלכע האָבען געוויזען, פֿיעל בעסער ווי די ערשטע, די ווירקליכע בעוועגונג פֿון די פּלאַנעטען.

גענוי דאָסזעלבע קומט פֿאָר אַצינד אין די נאַטור-װיסענשאַפֿטען. נאָך די גרויסע ענטדעקונגען װעגען דער אונפֿערניכטבאַרקייט פֿון דער מאַטעריע, װעגען דער איינהייט פֿון פֿיזישע קרעפֿטען, װאָס װירקען אין דער לעבעדיגער מאַטעריע װי אין דער ניטלעבענדיגער מאַטעריע; נאָך דעם װי די פֿערענדערליכקייט פֿון די מינים איז פֿעסטגעשטעלט געװאָרען, און אַזוי װייטער, זוכען אַצינד די װיסענשאַפֿטען װאָס שטודירען אין זייערע איינצעלהייטען די פֿאָלגען פֿון די דאָזיגע ענטדעקונגען, די „צווייטע אָננעהערונגען", װעלכע זאָלען מיט מעהר פֿאָלקאָמענהייט ענט-שפּרעכען די לעבענסווירקליכקייטען פֿון דער נאַטור.

די כלומרשט'ע „באַנקראָטען פֿון דער װיסענשאַפֿט", װאָס זיינען אַצינד אויסגענוצט פֿון די מאָדישע פֿילאָזאָפֿען — זיינען בלויז די פֿאָר-שונגען פֿון די צווייטע און דריטע אָננעהערונגען מיט װעלכע די װיסענשאַפֿט גיט זיך שטענדיג אָב נאָך יעדער פּעריאָדע פֿון גרויסע ענטדעקונגען.

איך װעל זיך דערפֿאַר דאָ לאַנג ניט אָבשטעלען צו דיסקוטירען די װערק פֿון דיזע עטליכע גלענצענדע, אָבער אויבערפֿלעכליכע, פֿילאָזאָפֿען, װעלכע זוכען זיך אויסצונוצען מיט די אונפֿערמיידליכע אָבשטעלונגען פֿון די װיסענשאַפֿטען, כדי צו פּריידיגען די מיסטישע זעלבסטערקענטניס און צו דיסקרעדיטירען די װיסענשאַפֿטען אין אַלגעמיין אין די אויגען פֿון יענע, װעלכע זיינען ניט פֿעהיג אַליין צו קאָנטראָלירען אַזעלכע קריטיקען. איך װאָלט געװען געצװאונגען דאָ צו װידערהאָלען דאָס װאָס איז בעשריבען אין'ם טעקסט פֿון'ם בוך װעגען דעם מיסברויך פֿון די מעטאַ-פֿיזיקער בנוגע צו דער דיאַלעקטישער מעטהאָדע. עס װעט גענוג זיין אָנצואווייזען, פֿאַר דעם לעזער װעלכער אינטערעסירט זיך אין די דאָזיגע פֿראַגען, אויף דאָס װערק פֿון Modern Science : Hugh S. R. Elliot (די מאָדערנע װיסענשאַפֿט and the illusions of Professor Bergson און די אילוזיעס פֿון פּראָפֿעסאָר בערגסאָן), װעלכעס איז לעצטענס ערשיענען אין ענגלאַנד, מיט אַ גלענצענדען פֿאָרוואָרט פֿון סיר ריי לאַנ-קעסטער. אין דעם דאָזיגען װערק װעט מען קענען זעהן מיט װעלכע אייגענוויליגע און ריין דיאַלעקטישע מעטהאָדען, און מיט װעלכע שפּראַ-כען-פֿייער-װערק עררייכט דער ליעבלינגס פֿאָרשטעהער פֿון דער דאָזיגער שטרעבונג צו זיינע שליסע.

פֿון דער צווייטער זייט, שטודירענדיג די לעצטע פֿאָרשריטע פֿון די נאַטור-װיסענשאַפֿטען און אויסגעפֿינענדיג אין יעדער נייער ענטדע-קונג אַ נייע אָנווענדונג פֿון דער אינדוקטיווער מעטהאָדע, האָב איך אין דערזעלבער צייט געזעהן װי אַזוי די אַנאַרכיסטישע אידעען, װאָס זיינען

פֿאָרמולירט געווען פֿון גאָדווין און פּרודהאָן און זיינען ענטוויקעלט געוואָרען פֿון זייערע נאָכפֿאָלגער, האָבען אויך פֿאָרגעשטעלט די אָנווענדונג פֿון דערזעלבער מעטהאָדע צו די וויסענשאַפֿטען, וועלכע שטודירען דעם לעבען פֿון די מענשליכע געזעלשאַפֿטען. איך האָב דערפֿאַר פֿערזוכט צו צייגען, אין דעם ערשטען טהייל פֿון דיזען בוך ביז וועלכער שטופֿע די ענטוויקלונג פֿון דער אַנאַרכיסטישער אידעע איז געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט די פֿאָרטשריטע פֿון די נאַטור-וויסענשאַפֿטען. און איך האָב פֿערזוכט אָנצוגעבען ווי אַזוי און פֿאַרוואָס געפֿינט די פֿילאָזאָפֿיע פֿון דער אַנאַרכיע איהר בעשטימטען פּלאַץ אין די לעצטע פֿערזוכען אויסצואַרבייטען אַ סינטעטישע פֿילאָזאָפֿיע, ד.ה. דער בעגריף פֿון דער וועלט אין איהר גאַנצעס.

אין דעם צווייטען טהייל פֿון׳ם בוך, וועלכער איז אַ נויטווענדיגע ערגענצונג פֿון׳ם ערשטען טהייל, בעהאַנדעל איך די פֿראַגע פֿון דעם שטאַאַט. פֿון אָנפֿאַנג דרוק איך איבער אַן ארטיקעל וועגען דער היסטאָרישער ראָלע פֿון׳ם שטאַאַט, וועלכער איז ערשיענען אַלס בראָשורע מיט איינעגע יאָהר צוריק; נאָך דעם פֿאָלגט אַן אָבהאַנדלונג וועגען דעם מאָדערנעם שטאַאַט אין זיין ראָלע פֿון מאָנאָפּאָלען פֿערשאַפֿער צו גונסטען פֿון אַ מינאָריטעט פֿון פּריווילעגירטע. דאָרט אונטערזוך איך אויך די ראָלע פֿון מלחמות אין דער אָנזאַמלונג פֿון רייכטימער אין די הענד פֿון אַ פּריווילעגירטער מינאָריטעט, און די גלייכצייטיגע, נויטווענדיגע, אַרמוטה פֿון די מאַסען. ערגרייפֿענדיג די דאָזיגע ברייטע פֿראַגע פֿון׳ם שטאַאַט אַלס שאַפֿער פֿון מאָנאָפּאָלען, האָב איך פֿון דעסטוועגען געמוזט זיך בענוגענען בלויז אָנצוצייגען די וויכטיגסטע שטריכען, און איך האָב עס מיט אַן אַלץ גרעסערער צופֿריעדענהייט געמאַכט, זייענדיג זיכער אַז עס וועט זיך אימיצער געפֿינען, וועלכער וועט אין קורצען זיך נעהמען צו דער דאָזיגער אַרבייט, און אויסנוצענדיג די מאַסע דאָקומענטען וואָס זיינען ערשיענען לעצטענס אין פֿראַנקרייך, אין דייטשלאַנד און אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען, וועט ווייזען אין פֿולען די מאָנאָפּאָליסטישע ראָלע פֿון׳ם שטאַאַט, וועלכע ווערט טאָג טעגליך אַן אַלץ מעהר און מעהר שוידערליכע געפֿאַהר.

ענדליך ערלויב איך מיר, ביים שלוס פֿון׳ם בוך, צו שטעלען אונטער׳ן נאָמען פֿון „ערקלעהרונגס נאָטיצען” אָנמערקונגען וועגען די פֿערפֿאַסער וועמעס נעמען זיינען אָנגעדייטעט אין דיזען ווערק, און וועגען איינעגע וויסענשאַפֿטליכע טערמינען. נעהמענדיג אין אָנבעטראַכט די

אָנצאָהל פֿון נעמען וואָס זיינען אָנגעדייטעט אין דיזע זייטען — אַם מעהרסטען וויניג בעקאַנט צו מיינע אַרבייטער לעזער — האָב איך געדיינקט, אַז די דאָזיגע נאָטיצען וועלען מיינע לעזער צונוץ קומען.

אין דערזעלבער צייט אייל איך זיך אויסצודריקען מיין בעסטען דאַנק צו מיין פֿריינד, דר. מאַקס נעטלוי, וועלכער האָט געהאַט די ליעבענסווירדיגקייט מיר צו העלפֿען מיט זיינע ברייטע קענטניסע פֿון דער סאָציאַליסטישער און אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור פֿאַר די היסטאָרישע קאַפּיטלען פֿון מיין בוך, און פֿאַר די „ערקלערונגס נאָטיצען".

ברייטאָן, פֿעברואַר, 1913.

I.

## דער אורשפרונג פוז אנארכיזם.

דער אנארכיזם איז ניט קיין פראדוקט פון וויסענשאפטליכע פארשונגען אדער פון וואס פאר עס איז ניט פילאזאפישען סיסטעם. די סאציאלע וויסענשאפטען האבען נאך לאנג ניט דערגרייכט אט דעם גראד פון גענויאיגקייט און זיכערהייט ווי די פיזיק אדער כעמיע. די מעטעאראלאגיע איז נאך ווייט ניט אימשטאנד צו בעשטימען אין פאראויס, וואס פאר א וועטער מיר וועלען האבען נעכסטען מאנאט אדער זאגאר נעכסטע וואך; און עס וואלט געווען נאריש פון אונז צו בעהויפטען, אז מיט דער הילף פון אזא יונגע וויסענשאפט ווי די סאציאלאגיע, וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט פיעל קאמפליצירטערע נאטור־ערשיינונגען ווי ווינד און רעגען, וועלען מיר אין פאראויס און אויף א וויסענשאפטליכען אופן קענען בעשטימען די סאציאלע פאסירונגען פון דער צוקונפט. מיר דארפען אויך ניט פערגעסען, אז די מענער פון דער וויסענשאפט זיינען אויך בלויז מענשען ווי אלע אנדערע; די מעהרהייט פון זיי בעלאנגט צו די פריווילעגירטע קלאסען און זיינען פאלגליך דורכגעדרונגען מיט אלע פאראורטהיילען פון זייער קלאס; די מייסטע פון זיי זיינען זאגאר דירעקט בעצאהלט פון'ם שטאאט. דערפאר איז גאנץ קלאהר, אז די אנארכיע קומט ניט ארויס פון די אוניווערזיטעטען.

אזוי ווי דער סאציאליזם אין אלגעמיין און ווי יעדע אנדערע סאציאלע בעוועגונג, איז אויך דער אנארכיזם ארויסגעוואקסען פון'ם פאלק גופא, און זיין לעבענס־פעהיגקייט, זיינע שעפערישע קרעפטען וועלען אויף אזוי לאנג אנהאלטען, אזוי לאנג ער וועט בלייבען א בעוועגונג פון די מאסען.

אין אַלע צייטען האָבען עקזיסטירט צוויי פֿערשידענע ריכטונגען פֿון דיינקען און האַנדלען אין דער מענשליכער געזעלשאַפֿט, וועלכע האָבען זיך בעקעמפֿט איינע די אַנדערע. פֿון איין זייט די מאַסען, דאָס פֿאָלק, וועלכע האָבען זיך אויסגעאַרבייט זייער וועג פֿון לעבען אין אַ גאַנצער רייהע פֿון נויטווענדיגע אינסטיטוציאָנען, אום צו שאַפֿען אַ מעגליכקייט פֿאַר דער סאָציאַלער עקזיסטענץ, אויפֿצוהאַלטען דעם פֿריעדען, אויסצוגלייכען שטרייטיגקייטען און צו פּראַקטיצירען געגענזייטיגע הילפֿע, ווען די אומשטענדען האָבען געפֿאָדערט אַ פֿעראייניגונג פֿון אַלע קרעפֿטען. די סאָציאַלע מנהגים פֿון דעם שטאַם ביי די ווילדע, די דאָרף־געמיינדעס און שפּעטער די האַנדווערקער־גילדעס אין די שטעדט פֿון'ם מיטעל־אַלטער, די ערשטע פֿונדאַמענטען פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלען רעכט, וועלכע זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אין די דאָזיגע קאָמונעס, אום אויסצוגלייכען זייערע געגענזייטיגע בעציהונגען — אָט די אַלע און נאָך פֿיעלע אַנדערע ענליכע אינסטיטוציאָנען זיינען ענטוויקעלט און אויסגעאַרבייט געוואָרען ניט דורך דער געזעץ־געבונג, נאָר דורך דעם שעפֿערישען גייסט פֿון די מאַסען.

פֿון דער אַנדערער זייט האָבען אין אַלע צייטען עקזיסטירט מכשפות, צויבעריי, רעגען־מאַכערס, נביאים און פּריעסטער, וועלכע האָבען בעגרינדעט און אויפֿגעהאַלטען די ערשטע פּרימיטיווע קענטניסע פֿון דער נאַטור און די ערשטע עלעמענטען פֿון רעליגיעזער פֿערעהרונג (פֿערעהרונג פֿון דער זונן, פֿון דער לבנה, פֿון די נאַטור־קרעפֿטען און פֿון די נשמות פֿון די געשטאָרבענע). וויסען און אַבערגלויבען זיינען אין יענע צייטען געגאַנגען האַנד אין האַנד. די ערשטע אָנפֿאַנגען פֿון דער וויסענשאַפֿט, דער אָנהויב פֿון אַלע קינסטע און מלאכות איז דורכגעקנאָטען געווען מיט צויבעריי און מיט רעליגיעזע מנהגים און צערעמאָניעס, וועלכע מען האָט פֿאָרזיכטיג בעהאַלטען פֿון די אַנדערע, וואָס האָבען דערפֿון ניט געוואוסט. נעבען די דאָזיגע ערשטע פֿערטרעטער פֿון רעליגיאָן און וויסענשאַפֿט זיינען נאָך געווען די קענער פֿון די אַלטע מנהגים און געוואוינהייטען. יענע מענער, וועלכע — ענליך ווי די ב ר ע ה אָ נ ס אין אירלאַנד — האָבען געהאַלטען אין זכרון די פֿריהערדיגע ביישפּיעלען און ענטשיידונגען פֿון'ם געזעץ. און דאַן זיינען נאָך געווען די אָנפֿיהרער פֿון די מיליטערישע באַנדעס, פֿון וועמען מען האָט געגלויבט, אַז זיי וויסען די מאַגישע סעקרעטען, ווי אָנצופֿיהרען ערפֿאָלגרייכע מלחמות.

די דאָזיגע דריי גרופּען מענשען האָבען פֿאָרמירט צווישען זיך געהיימע געזעלשאַפֿטען, מיט דעם צוועק צו בעהאַלטען דעם סוד פֿון זייער וויסען און קענען צווישען זיך און איהם נור איבערצוגעבען נאָך אַ לאַנגער און

שטערבליכער פֿאַרבערייטונג — צו די, וועלכע זיי האָבען געפֿונען פֿאַר נייטיג. אויב די דאָזיגע גרופּעס האָבען זיך צייטענווייז בעקעמפֿט איינע די אַנדערע, זיינען זיי אָבער אין אַלגעמיין שטענדיג געווען פֿערבונדען אין דעם לאַנגען פֿערלויף פֿון דער געשיכטע: זיי האָבען זיך פֿעראייניגט און געהאָלפֿען זיך איינע די אַנדערע אין פֿערשיעדענע בעציהונגען, כדי זיי זאָלען זיין אימשטאַנדע צו רעגירען די מאַסען, צו בעהערשען און פֿערשקלאַפֿען זיי, צו לעבען פֿון זייער אַרבייט און אויף זייער רעכנונג.

עס איז גאַנץ קלאָר, אַז די אַנאַרכיע שטעלט פֿאַר מיט זיך די ערשטע פֿון די צוויי אויבען דערמאָהנטע שטרעבונגען, דאָס הייסט, זי פֿערקערפּערט מיט זיך די שעפֿערישע און קאָנסטרוקטיווע קראַפֿט פֿון די מאַסען, וועלכע האָט אויסגעאַרבייט די אינסטיטוציאָנען פֿון דעם אַלגעמיינעם רעכט, מיט דעם צוועק צו פֿערטהיידיגען זיך געגען אַ רעגירענדע מינדערהייט. און עס איז אויך היינט ווידער די שעפֿערישע און קאָנסטרוקטיווע קראַפֿט פֿון'ם פֿאָלק, אונטערשטיצט דורך דער גאַנצער מאַכט פֿון דער מאָדערנער וויססענשאַפֿט און טעכניק, מיט וועמענס הילפֿע דער אַנאַרכיזם זוכט צו שאַפֿען נייע, אונבעדינגט נויטווענדיגע איינריכטונגען, אום צו פֿערזיכערן די פֿרייע ענטוויקלונג פֿון דער געזעלשאַפֿט אין געגענזאַץ צו יענע ריכטונגען, וועלכע שטעלען זייער גאַנצע האָפֿנונג אויף די געזעצע, וואָס ווערען געמאַכט פֿון די רעגירענדע מינאָריטעטען.

מיר קענען דערפֿאַר זאָגען, דאָס אין אַלע צייטען האָבען עקזיסטירט אַנאַרכיסטען און אַנהייגער פֿון'ם שטאַאַט.

נאָך אַן ערשיינונג קענען מיר בעאָבאַכטען אין דער געשיכטע. מיר געפֿינען שטענדיג, דאָס אינסטיטוציאָנען, זאָגאַר אַזעלכע, וואָס זיינען אורשפּרינגליך געשאַפֿען געוואָרען, אום אויפֿצוהאַלטען די גלייכהייט, דעם פֿריעדען און די געגענזייטיגע הילפֿע אין דער געזעלשאַפֿט, ווערען מיט דער צייט פֿערשטיינערט, ווען זיי דערגרייכען אַ געוויסען עלטער. זיי פֿערליערען זייער אורשפּרינגליכע בעדייטונג, פֿאַלען אַריין אין די הענד פֿון אַמביציעזע מינאָריטעטען און ווערען ביסלעכווייז אַ הינדערניס פֿאַר די ווייטערע ענטוויקלונג פֿון דער געזעלשאַפֿט. פֿון אָט דעם מאָמענט פֿאַנגט זיך אָן דער קאַמפּף פֿון איינצעלנע, מעהר אָדער ווייניגער איזאָלירטע אינדיווידוען געגען די דאָזיגע אינסטיטוציאָנען. אין דער צייט אָבער, ווען אַ טהייל פֿון אָט די אונצופֿרידענע רעוואָלטירען געגען אַן אונערטרעגליך געוואָרענע אינסטי-טוציאָן, פֿערזוכען איהר צו מאָדיפֿיצירען פֿאַר דעם וואָהלזיין פֿון אַלעמען און פֿריהער פֿון אַלעם אָוועקצומאַכען מיט אַן אויטאָריטעט, וועלכע האָט אין אָנפֿאַנג ניט בלויז איבערהויפּט קיין שום שייכות געהאַט צו איהר,

נור זי איז מיט דער צייט ואגאר מעכטיגער געוואָרען פון דער אינסטיטוציאָן גופא — געפינען זיך אויך אַנדערע, וואס ווילען זיך אין גאַנצען בעפרייען פון אלע אינסטיטוציאָנען פאר געגענזייטיגער הילפע. זיי זאָגען זיך אָב פון די שבט מנהגים, פון די דאָרף-געמיינדעס, פון די גילדעס א.ז.וו. מיט ד׳ר אבזיכט אַרויסצורייסען זיך און זיך אין גאַנצען צו שטעלען העכער פון אַלע סאָציאַלע אינסטיטוציאָנען, כדי זיי זאָלען קענען בעהערשען די איבעריגע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט און אָנצוקלייבען רייכטהימער אויף דעם רעכנונג פון דער אַלגעמיינהייט.

אַלע אמת׳ע רעליגיעזע, פאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע רעפאָרמאַטאָרס האָבען בעלאַנגט צו דער ערשטער פון דיביידע קאַטעגאָריעס; און צווישען זיי זיינען שטענדיג געווען איינצעלנע אינדיווידוען, וועלכע, ניט וואַרטענדיג ביז זייערע מיטבירגער, אָדער אפילו א געוויסער טהייל פון זיי, וועלען זיין דורכגעדרונגען מיט עהנליכע אידעען, האָבען געשטרעבט אויפצורייצען מעהר אָדער ווייניגער צאָהלרייכע גרופּעס געגען דער אונטערדריקונג, אָדער וועלכע האָבען אַליין געהאַנדעלט, ווען זיי האָבען ניט געפונען קיין מיטקעמפפער. אַזעלכע רעוואָלוציאָנערען האָבען עקזיסטירט אין אַלע פעריאָדען פון דער געשיכטע.

* * *

צווישען די דאָזיגע רעוואָלוציאָנערען קען מען אונטערשיידען צוויי פערשידענע טיפּען. איין טהייל פון זיי, רעוואָלטירענדיג געגען דער אויטאָריטעט, וועלכע האָט אונטערדריקט די געזעלשאַפט, איז פאר קיין פאַל ניט אויסען געווען צו צושטערען אָט די אויטאָריטעט; זיי האָבען איינפאַך פערזוכט אײַנצובעקומען די עפענטליכע מאַכט אין זייערע אייגענע הענד. אויף דעם פּלאַץ פון דער מאַכט, וועלכע האָט פערשקלאַפט די מאַסען, האָבען זיי געוואָלט אַוועקשטעלען אַ נייע מאַכט, זייער אייגענע מאַכט, און זיי האָבען פערשפּראָכען — און אָפטמאָל האָבען זיי ווירקליך גאַנץ עהרליך געמיינט — אַז די נייע אויטאָריטעט, וועלכע מען וועט איבערגעבען צו זיי, וועט שטענדיג האָבען אין זינען דעם וואָהלזיין פון׳ם פאָלק און וועט זיין דער אמת׳ער פערטרעטער פון די מאַסען — אַ פערשפּרעכען, וועלכער איז שפּעטער שטענדיג פערגעסען געוואָרען. אויף אַזאַ אופן האָט זיך ענטוויקעלט די קייזערליכע אויטאָריטעט פון די צעזאַרען, די אויטאָריטעט פון דער קירכע אין די ערשטע יאָהרהונדערטע פון אונזער צייט-רעכנונג, די מאַכט פון די איינצעלנע דיקטאַטאָרס אין די אָבשטאַרבענדע קאָמונען פון׳ם מיטעל-אַלטער א.ז.וו. דיזעלבע געדאַנקען-ריכטונג האָט געפיהרט צו דער קעניגליכער אויטאָריטעט אין איראָפּאַ ביי דער ענדע

פֿון דער פֿעאָדאַלער פּעריאָדע. דער גלויבען אין אַ קייזער, אַ צעזאַר, „צו העלפֿען דעם פֿאָלק" עקזיסטירט אפילו ביז היינטיגען טאָג.

אָבער זייט ביי זייט מיט דער אויטאָריטעטער ריכטונג איז נאָך געוועזען אַן אַנדערע, ווען עס האָט זיך געפֿיהלט אַ נויטווענדיגקייט איבערצובייטען די עקזיסטירענדע אינסטיטוציאָנען. אין אַלע צייטען, פֿון די אַלטע גריכענלאַנד ביז היינט צו טאָג, זיינען געוועזען איינצעלנע אינדיווידועןּ, און געוויסע ריכטונגען אין'ם דיינקען און האַנדלען פֿון די מענשען, וועלכע זיינען ניט צופֿרידען געוועזען איבערצובייטען די אַלטע פֿאָרמען פֿון אויטאָריטעט אויף נייע, נאָר זייער ציעל איז געוועזען צו פֿערניכטען אין גאַנצען די אויטאָריטעט, וואָס האָט זיך צוגעשעפּעט צו די פֿאָלקס־אינסטיטוציאָנען. זיי האָבען פּראָקלאַמירט די סאָווערעניטעט פֿון דעם אינדיווידואום און פֿון'ם פֿאָלק און פֿערזוכט צו בעפֿרייען די פֿאָלקס־אינסטיטוציאָנען פֿון דער אויטאָריטעטער אויבערמאַכט; זיי האָבען געאַרבייט פֿאַר דער פֿרייער ענטוויקלונג פֿון דעם קאָלעקטיווען גייסט פֿון די מאַסען, כדי דער זשעניע פֿון'ם פֿאָלק זאָל קענען צוריק אויסאַרבייטען אינסטיטוציאָנען פֿאַר גענויטיגע הילפֿע און געמיינשאַפֿטליכע פּראָטעקציאָן, וועלכע זאָלען שטעהען אין אָנקלאַנג מיט די נויטווענדיגקייטען און מיט די נייע בעדינגונגען פֿון'ם לעבען. אין די קאָמונעס פֿון די אַלטע גריכענלאַנד און הויפּטזעכליך אין די פֿרייע שטעדט פֿון'ם מיטעל־אַלטער — פֿלאָרענץ, פּסקאָוו א.ז.וו. — געפֿינען מיר אַסך ביישפּיעלען פֿון דעם דאָזיגען קאַמפּף.

אַט דערפֿאַר מעגען מיר זאָגען, אַז צווישען די רעפֿאָרמערס און רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך געפֿונען אין אַלע צייטען יאַקאָבינער און אַנאַרכיסטען.

* * *

די פֿערגאַנגענהייט ווייסט פֿון מעהרערע גרויסע און מעכטיגע פֿאָלקס־בעוועגונגען, וועלכע האָבען געהאַט אַן אַנאַרכיסטישען כאַראַקטער. גאַנצע דערפֿער און שטעדט האָבען זיך אויפֿגעהויבען געגען דעם פּרינציפּ פֿון רעגירונג, געגען די פֿערטהיידיגער פֿון'ם שטאַאַט, געגען זיינע געריכטען און געזעצע און האָבען פּראָקלאַמירט די העכסטע רעכטע פֿון'ם מענשען. זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט פֿון אַלע געשריבענע געזעצע און ערקלערט, אַז יעדער מענש דאַרף זיך אַליין רעגירען, אַזוי ווי זיין געוויסען הייסט איהם. אויף אַזאַ אופֿן האָבען זיי פֿערזוכט צו גרינדען אַ נייע געזעלשאַפֿט אויף דעם באַזיס פֿון גלייכהייט, פֿולע פֿרייהייט און אַרבייט. אין דער קריסטליכער בעוועגונג פֿון דעם לאַנד יהודה, אונטער דער רעגירונג פֿון קייזער

אויגוסטוס, געגען דעם רוימישען געזעץ, דעם רוימישען שטאַאַט און געגען דער מאָראַליטעט, אָדער בעסער געזאָגט, געגען דער אוּנמאָראַליטעט פון יענער צייט, האָבען, אָהן אַ צווייפעל, עקזיסטירט אַסך אַנאַרכיסטישע עלעמענטען. אָבער די דאָזיגע בעוועגונג האָט בּיסלעכווייז אָנגענומען אַ ריין קירכליכען כאַראַקטער נאָך דעם מוסטער פון דער אַלטער העברעאישער קירכע און דעם רוימישען קייזעררייך; די דאָזיגע ענטוויקלונג האָט, פערשטעהט זיך, געמוּוט דערשטיקען דעם אַמאָליגען אַנאַרכיסטישען גייסט, זי האָט געגעבען דער קריסטליכער לעהרע אַ רוימישע פאָרם און איז בּיסלעכווייז געוואָרען דער הויפּט־פונדאַמענט פון אויטאָריטעט, שטאַאַטס־שקלאַפעריי און אונטערדריקונג. די ערשטע זריעה פון „אָפּאָרטוניזם" אין דעם קריסטענטהום צייגט זיך שוין שטאַרק אַרוים אין די פיער עוואַנגעליומס און אין די האַנדלונגען פון די אַפּאָסטלען, אויב די בעריכטען אין דעם נייעם טעסטאַמענט זיינען ריכטיג.

די אַנאַבאַפּטיסטישע בעוועגונג פון׳ם 16־טען יאָהרהונדערט, וועלכע איז טהאַטזעכליך געווען די איינלייטונג פון דער רעפאָרמאַציאָן, האָט אויך געהאַט אַן אַנאַרכיסטישען באַזיס. אָבער די בעוועגונג איז דערשטיקט געוואָרען דורך לוטהער און זיינע אָנהייננגער, וועלכע האָבען זיך פעראייניגט מיט די פירסטען געגען די רעבעלישע בויערן, זי איז דערטרונקען געוואָרען אין דעם בלוט פון די בויערן און פון די שטאָדטיגע קבצנים, וועלכע איז פערגאָסען געוואָרען טייכענווייז. דערנאָך איז דער רעכטער פליגעל פון די רעפאָרמאַטאָרס בּיסלעכווייז וואָס וויטער אַלץ מעהר קאָרומפּירט געוואָרען, ביז וואַנען עס איז מעהר ניט איבערגעבליבען ווי יענער קאָמפּראָמיס צווישען דעם אייגענעם געוויסען און דעם שטאַאַט, וועלכער רופט זיך היינט פּראָטעסטאַנטיזם.

***

דער אַנאַרכיזם האָט אַלזאָ צו פערדאַנקען זיין אורשפּרונג דער שעפערישער און קאָנסטרוקטיווער טהעטיגקייט פון די מאַסען, וועלכע האָט אויסגעאַרבייט אין דער פערגאַנגענהייט אַלע סאָציאַלע אינסטיטוציאָנען פון דער מענשהייט, און די רעוואָלטען פון דעם אינדיווידואום און פון די נאַציאָנען געגען די פערטרעטער פון דער ברוטאַלער געוואַלד אויסערהאַלב די דאָזיגע אינסטיטוציאָנען, וועלכע האָבען אַרויפגעלייגט זייערע הענד אויף זיי און זיך בענוצט מיט זיי פאַר זייער אייגענעם נוצען. יענע רעבעלען, וועמענס ציעל עס איז געווען צוריק אויפצוּוועקען דעם שאַפענדען געניוס פון די מאַסען און די נויטווענדיגע פרייהייט פאַר זיין שעפערישע טהעטיגקייט, כדי ער זאָל קענען אויסאַרבייטען די נייע אינסטי־

טוציאָנען, וועלכע די צייט האָט געפאָדערט, זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון׳ם אַנאַרכיזם.

דער אַנאַרכיזם פון אונזער צייט איז ענטשטאַנען דורך דעמזעלבען קריטישען און רעוואָלוציאָנערען פראַטעסט, וועלכער האָט אַרויסגערופען דעם סאָציאַליזם אין אַלגעמיין. איין טהייל אָבער פון די סאָציאַליסטען, נאָכדעם ווי ער האָט זיך דורכגעאַרבייט ביז צו דער נעגאַציאָן פון׳ם קאַפּיטאַליזם און פון דער געזעלשאַפט, וועלכע גרינדעט זיך אויף דער הערשאַפט פון׳ם קאַפּיטאַל איבער דער אַרבייט, האָט זיך אָבגעשטעלט אויף אָט דער שטופע פון זיין ענטוויקלונג. זיי האָבען זיך נים ערקלעהרט פאַר אויסגעשפּראָכענע שונאים פון אָט דער מאַכט, וועלכע שטעלט פאָר מיט זיך די אייגענטליכע קראַפט פון׳ם קאַפּיטאַליזם: געגען דעם שטאַאט און זיינע וויכטיגסטע פונדאַמענטען — די צענטראַליזאַציאָן פון אויטאָריטעט און דעם געזעץ, וועלכער ווערט שטענדיג געמאַכט פון אַ קלייגער מינאָריטעט פאַר איהרע אייגענע אינטערעסען, און געגען אַזאַ פאָרם פון יוסטיץ, וועמענס וויכטיגסטע אויפגאַבע עס איז צו בעשיצען אויטאָריטעט און קאַפּיטאַליזם. דער אַנאַרכיזם האָט זיך נים אָבגעשטעלט פאַר קיינע פון די דאָזיגע אינסטיטוציאָנען אין זיין קריטיק. ער בעקעמפפט נים בלויז דעם קאַפּיטאַליזם, נאָר זיין קאַמפּף ריכטעט זיך אויך אין דערזעלבער צייט געגען די הויפּט־פונדאַמענטען פון׳ם קאַפּיטאַליזם: געגען געזעץ, אויטאָריטעט און שטאַאַט.

---

## II.

## די אינטעלעקטועלע בעוועגונג פון׳ם 18־טען יאהרהונדערט.

אויב דער אַנאַרכיזם, אַזוי ווי אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונגען, איז דירעקט אַרויסגעוואַקסען פון׳ם פאָלק גופא אין אונרוהיגע צייטען פון קאַמפּף און אויפשטאַנד און נים פון דעם שטודיר־צימער פון ערגעץ אַ געלעהרטען, איז אָבער פון דעסטוועגען וויכטיג צו וויסען, וואָס פאַר אַ פּלאַץ ער פערנעהמט צווישען די פערשידענע וויסענשאַפטליכע און פילאָזאָפישע גייסטיגע שטרעבונגען פון אונזער צייט. וואָס פאַר אַ בעציהונגען בעשטעהען צווישען איהם און די דאָזיגע שטרעבונגען? אויף וועלכע פון זיי שטיצט ער זיך הויפטזעכליך? מיט וועלכע מעטהאָדען בענוצט ער זיך

אין זיינע פאָרשונגען, אום צו בעווייזען די ריכטיגקייט פון זיינע שליסע? מיט אַנדערע ווערטער: צו וואָס פאַר אַ שולע פון דער מאָדערנער רעכטס-פילאָזאָפיע בעלאַנגט דער אַנאַרכיזם? מיט וואָס פאַר אַ ריכטונג פון דער מאָדערנער וויסענשאַפט איז ער אַם בעסטען איינשטימיג?

ווען מיר דערמאָהנען זיך ווי שטאַרק די סאָציאַליסטען האָבען זיך געלאָזט פערבלענדען פון דער עקאָנאָמישער מעטאַפיזיק — אַ פאַקט, וועלכער האָט זיך ערשט ניט לאַנג צוריק ווידער דייטליך אַרויסגעצייגט — מוזען מיר צוגעבען, אַז די דאָזיגע פראַגע איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. אָט דערפאַר וויל איך פערזוכען צו פערענטפערען אַזוי קורץ און איינפאַך ווי נור מעגליך און אויסמיידען אַלע שווערע ווערטער, וואו נור מען קען זיי אויסמיידען.

* * *

די גייסטיגע בעוועגונג פון'ם 19-טען יאָהרהונדערט האָט איהר אור-שפּרונג אין די שריפטען פון די שאָטישע און פראַנצויזישע פילאָזאָפען, וועלכע האָבען געלעבט און געווירקט אין דער מיט און אין דעם לעצ-טען העלפט פון דעם פריהערדיגען יאָהרהונדערט.

דער ערוואַכען פון דעם מענשליכען געדאַנק אין יענער צייט האָט ענטוויקעלט ביי די דאָזיגע דיינקער דעם וואונש צו פעראייניגען אַלע מענשליכע קענטניסען אין אַן אַלגעמיינעם סיסטעם — אין אַ סיסטעם פון דער נאַטור. פערוואַרפענדיג די סקאָלאַסטישע און מעטאַפיזישע אַנשויאונגען פון'ם מיטעל-אַלטער, האָבען זיי געהאַט דעם מוטה צו בעטראַכטען די גאַנצע נאַטור — דעם וועלט-רוים מיט זיינע שטערען, אונזער פּלאַנעטען-סיסטעם, די ערד, די ענטוויקלונג פון פלאַנצונגען, חיות און פון דער מענשליכער געזעלשאַפט אויף איהר — אַלס אַ סעריע פון פאַקטען, וועלכע מען דאַרף שטודירען אויף דעמזעלבען שטייגער, ווי מען שטודירט די נאַ-טור וויסענשאַפטען.

בענוצענדיג זיך מיט דער אמת'ער וויסענשאַפטליכער מעטהאָדע, ד. ה. מיט דער אינדוקטיוו-דעדוקטיווער מעטהאָדע האָבען זיי זיך אונטערגענומען צו שטודירען אַלע פאַקטען, וועלכע די נאַטור גיט אונז, צי עס האַנדעלט זיך וועגען דער וועלט פון די שטערען אָדער וועגען דער וועלט פון די חיות, צי וועגען ערגעץ אַ רעליגיאָנס-סיסטעם אָדער וועגען וואָס פאַר עס איז ניט מענשליכער אינסטיטוציאָן, אויף דעמזעלבען שטיי-גער ווי אַ נאַטור-פאָרשער שטודירט די פראַגען פון דער פיזיק. זיי האָבען פריהר געקליבען די פאַקטען, און ווען זיי האָבען דערנאָך פער-זוכט צו ציהען אַלגעמיינע שליסע, האָבען זיי עס געטהאָן אויף דעם וועג

פֿון אינדוקציאָן. זיי האָבען מאַנכעסמאָל אויפֿגעשטעלט געוויסע היפּאָטעזען, אָבער זיי האָבען צו זיי ניט צוגעלייגט קיין גרעסערע בעדייטונג, ווי דאַרווין האָט געטהאָן, ווען ער האָט אויפֿגעשטעלט זיין היפּאָטעזע נאָך דער ענטשטעהונג פֿון נייע מינים דורך נאַטירליכע אויסוואַהל אין דעם קאַמפּף אום דאַזיין, אָדער ווי מענדעלעעוו האָט צוגעלייגט צו זיין „פּעריאָדישען געזעץ". זיי האָבען אין די דאָזיגע היפּאָטעזען מעהר ניט געזעהן, ווי פֿאָרלויפֿיגע ערקלערונגען, אום צו פֿערלייכטערן די גרופּירונג פֿון די פֿאַקטען אין זייער שפּעטערדיגען שטודיום. אָבער אזעלכע היפּאָטעזען האָבען פֿריהער געמוזט בעשטעטיגט ווערען דורך דעם, וואָס מען האָט זיי אַנגעווענדעט אויף אַ גרויסע צאָהל פֿאַקטען און ערקלערט זיי אויף אַ מאַטהעמאַטישען, דעדוקטיווען שטייגער; און מען האָט זיי ניט בעפֿאָר אָנערקענט אַלס נאַטור־געזעצע, איידער זיי האָבען ניט אויסגעהאַלטען יעדע פּראָבע און איידער מען האָט ניט געקענט ערקלערען די אורזאַכען פֿון זייער שטענדיגער ריכטיגקייט.

* * *

ווען דער צענטער פֿון דער פֿילאָזאָפֿישער בעוועגונג האָט זיך פֿון שאָטלאַנד און ענגלאַנד נאָך פֿראַנקרייך איבערגעטראָגען, האָבען די פֿראַנצויזישע פֿילאָזאָפֿען מיט דער כאַראַקטעריסטישער פֿעהיגקייט פֿאַר אַלעם סיסטעמאַטישע, וועלכע צייכענט אויס די פֿראַנצויזישע דיינקער, אָנגעהויבען אויפֿצובויען אַלע מענשליכע וויסענשאַפֿטען, נאָך אַן אַלגעמיינעם פּלאַן און נאָך דיזעלבע פּרינציפּען. זיי האָבען פֿערזוכט צונויפֿצושטעלען די „פֿעראַלגעמיינערטע קענטניסע", ד. ה. די פֿילאָזאָפֿיע פֿון דעם וועלט-רוים און פֿון אַלע לעבעדיגע ערשיינונגען אויף אַ שטרייננג וויסענשאַפֿטליכען באַזיס. דערפֿאַר האָבען זיי פֿערוואָרפֿען אַלע מעטאַפֿיזישע קאָנסטרוקציאָנען פֿון די פֿריהערדיגע פֿילאָזאָפֿען און האָבען ערקלערט אַלע ערשיינונגען דורך דער טהעטיגקייט פֿון דיזעלבע פֿיזישע קרעפֿטען (ד. ה. דורך מעכאַנישע ווירקונגען און געגענ־ווירקונגען). דאָס איז פֿאַר זיי געוועזען גענוג, אום צו ערקלערען דעם אורשפּרונג און די ענטוויקלונג פֿון דעם ערד-קוגעל.

מען זאָגט, אַז ווען נאַפּאָלעאָן דער ערשטער, ריידענדיג מיט לאַפּלאַס וועגען זיין „ערקלערונג פֿון דעם וועלט־סיסטעם" האָט בעמערקט, אַז ער דערמאָהנט אין ערגעץ ניט גאָט, האָט לאַפּלאַס איהם געענטפֿערט: „איך בנייטיג זיך ניט אין דער דאָזיגער היפּאָטעזע". אָבער לאַפּלאַס האָט נאָך מעהר געטהאָן. ער האָט זיך קיינמאָל ניט בענוצט מיט די גרויסע ווערטער פֿון דער מעטאַפֿיזיק, אונטער וועלכע עס בעהאַלט זיך געוועהנליך די אונפֿעהיגקייט צו פֿערשטעהען די ערשיינונגען פֿון דער נאַטור,

אָדער זיי נור האַלב צו פֿערשטעהען, מיט אַנדערע ווערטער, די אונפֿעהיגקייט צו בעגרייפֿען די פֿאַקטען אין זייער קאָנקרעטער פֿאָרם אַלס מעסבאַרע קוואַנטיטעטען. לאַפּלאַס האָט זיך ניט געניטיגט אין דער מעטאַפיזיק, פונקט ווי ער האָט זיך ניט געניטיגט אין דער היפּאָטעזע פֿון אַ הימלישען בעשעפֿער. און אָבוואָהל זיין „ערקלערונג פֿון'ם וועלט־סיסטעם" ענטהאַלט ניט קיין שום מאַטעמאַטישע בערעכנונגען און איז אָנגעשריבען אין אַזאַ איינפֿאַכען און פֿערשטענדליכען סטיל, אַז יעדער אינטעליגענטער לעזער קען עס פֿערשטעהן, זיינען אָבער די מאַטהעמאַטיקער שפּעטער אימשטאַנד געווען אויסצודריקען יעדען בעזונדערען געדאַנק פֿון דעם דאָזיגען ווערק אין מאַטהעמאַטישע גלייכונגען; ד. ה. אַלס גלייכע בעדינגונגען צווישען מעסבאַרע קוואַנטיטעטען. אַזוי אַקוראַט און ריכטיג האָט לאַפּלאַס אויסגעאַרבייט יעדע איינצעלהייט פֿון זיין ווערק.

* * *

דאָס, וואָס לאַפּלאַס האָט געטהאָן פֿאַר דער מעכאַנישער ערקלערונג פֿון די הימעלס־ערשיינונגען, דאָסזעלבע האָבען די פֿילאָזאָפֿען פֿון'ם 18-טען יאָהרהונדערט געטהאָן פֿאַר דעם שטודיום פֿון די מייסטע ערשיינונגען פֿון'ם לעבען, ווי אויך פֿאַר די ערשיינונגען פֿון דעם מענשליכען פֿערשטאַנד און געפֿיהל, ד. ה. פֿאַר דער פּסיכאָלאָגיע. אין זייערע שריפֿטען געפֿינען מיר אין ערגעץ ניט די מעטאַפיזישע בעהויפּטונגען, וועלכע מיר געפֿינען אין די ווערק פֿון זייערע פֿאָרגיינגער און די שריפֿטען פֿון דעם דייטשען פֿילאָזאָף אימאַנועל קאַנט.

מיר ווייסען, אַז קאַנט צ.ב.ש. האָט ערקלערט דעם מאָראַלישען געפֿיהל פֿון'ם מענשען פֿאַר אַ „קאַטעגאָרישען אימפּעראַטיוו" און איז געווען מיט דער מיינונג, דאָס אַ בעזונדערער פּרינציפּ פֿון אויפֿפֿיהרונג מוז עקזיסטירען, אויב מיר בעטראַכטען דעם דאָזיגען געפֿיהל פֿאַר אַ געזעץ, וואָס קען אָנגענומען ווערען פֿאַר אַן אַלגעמיינע, אַן אוניווערזאַלע טהאַטזאַך". אָבער יעדעס וואָרט אין דער דאָזיגער דעפֿינאַציאָן האָט פֿאָרגעשטעלט מיט זיך נעבעלדיגעס און אונפֿערשטענדליכעס („אימפּעראַטיוו", „קאַטעגאָריש", „געזעץ", „אוניווערזאַל!"), וואָס מען האָט איינגעפֿיהרט, אָנשטאָט פֿון מאָראַלישע פֿאַקטען, וועלכע זיינען בעקאַנט צו אַלעמען, און וועלכע ער האָט זיך אונטערגענומען צו ערקלערען.

די פֿראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטען האָבען זיך ניט געקענט צופֿריעדענשטעלען מיט אַזעלכע „גרויסע ווערטער" און מיט דער דאָזיגער אַרט פֿון „ערקלערונגען". אַזוי ווי זייערע שאָטישע און ענגלישע פֿאָרגענגער, ווען זיי האָבען געוואָלט ערקלערען, פֿון וואַנען דער מענש האָט

גענומען זיינע אַנשויאונגען מכח גוט און שלעכט, האָבען זיי זיך ניט געוואָלט בעגנוגענען מיט אַ וואָרט, וואו עס האָט זיי אויסגעפֿעהלט אַן אידע, ווי געטהע זאָגט. זיי האָבען שטודירט דעם מענשען גופא; און אַקוראַט ווי האָטשסאָן (1725) און ווי שפּעטער אַדאַם סמיטה אין זיין בעסטען ווערק, „דער אורשפּרונג פֿון מאָראַלישע געפֿיהלען", האָבען זיי אויסגעפֿונען, אַז דער מאָראַלישער אינסטינקט פֿון'ם מענשען האָט זיך גענומען פֿון אַ געפֿיהל פֿון מיטלייד און סימפּאַטהיע, וועלכער ערוועקט זיך אין אונז, ווען מיר זעהען אַנדערע ליידען; ער איז אַ פּראָדוקט פֿון אונזער פֿעהיגקייט צו קענען זיך אידענטיפֿיצירען מיט אַנדערע און איז אַזוי שטאַרק, אַז מיר פֿיהלען כמעט אַ פֿיזישען שמערץ, זעהענדיג, ווי מען שלאָגט אַ קינד; אונזער גאַנצע נאַטור עמפּעהרט זיך געגען אַזאַ האַנדלונג.

אָנהויבענדיג מיט אַזעלכע אַלטעגליכע בעאָבאַכטונגען און מיט גוט בעקאַנטע פֿאַקטען, זיינען די ענציקלאָפּעדיסטען געקומען צו ברייטע אַלגעמיינע שליסע. אויף אַזאַ אופן האָבען זיי ווירקליך ערקלערט דעם מאָראַלישען געפֿיהל, וועלכער איז אַ צוזאַמענגעזעצטער, פֿערוויקעלטער פֿאַקט, דורך דעם וואָס זיי האָבען אויפֿגעוויזען, פֿון וועלכע איינפֿאַכע פֿאַקטען ער האָט זיך גענומען. אָבער זיי האָבען קיינמאָל ניט פֿערזוכט צו בענוצען זיך מיט אונפֿערשטענדליכע, נעבעלדיגע ווערטער, וועלכע ערקלערען קיין זאַך ניט — אַזעלכע ווערטער ווי „אימפּעראַטיוו" און „קאַטעגאָריש" אָדער „אוניווערזאַלער געזעץ" — אָנשטאָט מיט בעקאַנטע און פֿערשטענדליכע פֿאַקטען.

דעם ווערטה פֿון אַזאַ מעטהאָדע קען יעדער בעגרייפֿען. אָנשטאָט צו וואַרטען אויף אַן „אינספּיראַציאָן פֿון אויבען", אָנשטאָט צו זוכען אַן איבערנאַטירליכען אורשפּרונג אויסערהאַלב דער מענשהייט, אום צו ערקלערען דעם מאָראַלישען געפֿיהל, האָבען זיי אַזוי געזאָגט: „אָט דאָ איז אייער מענשליכער געפֿיהל פֿון מיטלייד און סימפּאַטהיע, וועלכען דער מענש האָט בעקומען בירושה ביי דעם סאַמע אורשפּרונג פֿון זיין ענטשטעהונג; ער האָט איהם בעשטעטיגט, בעאָבאַכטענדיג אַלע איבעריגע בעשעפֿענישען און האָט איהם ביסלעכוויז פֿערפֿאָלקאָמענט דורך זיינע ערפֿאַהרונגען אין דעם געזעלשאַפֿטליכען לעבען."

* * *

מיר זעהען אַלזאָ, אַז די דיינקער פֿון'ם 18טען יאָהרהונדערט האָבען ניט איבערגעביטען זייער מעטהאָדע, ווען זיי זיינען אַריבערגעגאַנגען פֿון דער וועלט פֿון די הימעלס-קערפּער און די פֿיזיקאַלישע סיסטעמען

צו דער וועלט פֿון בעמיע, אָדער פֿון דער פֿיזישער און כעמישער וועלט צום לעבען פֿון די פֿלאַנצונגען און חיות, צום מענשען און צו דער ענטוויקלונג פֿון די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פֿאָרמען פֿון דער מענשליכער געזעלשאַפֿט און צולעצט צו דער ענטוויקלונג פֿון דעם מאָראַלישען געפֿיהל, פֿון דער רעליגיאָן א.ז.וו.

זייער מעטהאָדע איז געבליבען דיזעלבע; עס איז געווען די אינדוקטיווע מעטהאָדע, וועלכע זיי האָבען אָנגעווענדעט אויף אַלע צווייגען פֿון דער וויסענשאַפֿט. און עס האָט זיך זיי קיינמאָל ניט געטראָפֿען, אַז זייער מעטהאָדע איז דורכגעפֿאַלען, אָדער אַז זיי האָבען זיך געדאַרפֿט בענוצען מיט אַן אַנדער מעטהאָדע — צי זיי האָבען שטודירט די רעליגיאָנען, צ׳ זיי האָבען אַנאַליזירט דעם געפֿיהל פֿון מאָראַל. קיינמאָל זיינען זיי ניט געצוואונגען געווען צו בענוצען זיך מיט מעטאַפֿיזישע בעגריפֿען („די אונשטערבליכע זעעלע", „אימפּעראַטיווע און קאַטעגאָרישע געזעצע" א.ז.וו.) אָדער מיט וואָס פֿאַר עס איז ניט דיאַלעקטישער מעטהאָדע. און פֿאָרגליך האָבען זיי זיך בעמיהט צו ערקלערען דעם גאַנצען וועלט־רוים מיט זיינע אַלע ערשיינונגען אויף דעמזעלביגען אופֿן ווי די נאַטור־פֿאָרשער.

אין יענער אונפֿערגעסליכער צייט, ווען דער וויסענשאַפֿטליכער געדאַנק האָט זיך אויפֿגעוועקט, האָבען די ענציקלאָפּעדיסטען צונויפֿגעשטעלט זייער גראַנדיאָזע ענציקלאָפּעדיאָ. לאַפּלאַס האָט פֿערעפֿענטליכט זיין „סיסטעם פֿון׳ם וועלט־רוים" און האָלבאַך זיין „סיסטעם פֿון דער נאַטור". לאַוואוּאַזיע האָט פֿערטהיידיגט די טהעאָריע פֿון דער אונצושטערבאַרקייט פֿון דער מאַטעריע און פֿאָלגליך די אונצושטערבאַרקייט פֿון קראַפֿט און בעוועגונג. לאָמאָנאָסאָוו, אינספּירירט פֿון בעילי, האָט שוין דאַמאָלס סקיצירט זיין מעכאַנישע טהעאָריע פֿון וואַרעמקייט, לאַמאַרק האָט ערקלערט דעם אורשפּרונג פֿון די אונענדליך פֿערשידענע מינים פֿון פֿלאַנצונגען און חיות, דורך דעם וואָס זיי האָבען זיך צוגעפּאַסט צו די פֿערשידענע אומשטענדען, וועלכע האָבען זיי אַרומגערינגעלט. דידראָ האָט געגעבען אַן ערקלערונג פֿון מאָראַלישע געפֿיהלען, מאָראַלישע געוואוינהייטען פֿון פּרימיטיווע און רעליגיעזע אינסטיטוציאָנען, ניט וואַרטענדיג אויף אַן אינספּיראַציאָן פֿון אויבען. רוסאָ האָט פֿערזוכט צו ערקלערען די ענטשטעהונג פֿון פּאָליטישע אינסטיטוציאָנען דורך אַ סאָציאַלען קאָנטראַקט — ד.ה. דורך אַן אַקט פֿון׳ם מענשליכען ווילען. מיט איין וואָרט, עס איז ניט געווען איין געביעט, וועלכען זיי האָבען ניט שטודירט מיט דער הילפֿע פֿון דערזעלבער מעטהאָדע פֿון

וויסענשאַפטליכער אינדוקציאָן און דעדוקציאָן, וועלכע איז בעשטעטיגט געוואָרען דורך די פאַקטען גופא.

פערשטעהט זיך, אַז מעהר ווי איין פעהלער איז געמאַכט געוואָרען ביי אַט דעם גרויסען און מוטהיגען פערזוך. דאָרטען, וואו מען האָט זיך גענייטיגט אין מעהר וויסען האָט מען זיך מאַנכעסמאָל בענוצט מיט פאַלשע און אונבעשטימטע מיינונגען. אָבער אַ נייע מעטהאָדע איז אָנגעווענדעט געוואָרען פאַר אַלע צווייגען פון'ם מענשליכען וויסען און צו דאַנקען דער דאָזיגער נייער מעטהאָדע, האָט מען אַליין אויסגעפונען אַלע טעות'ן און זיי פערריכט. אויף אַזא אופן האָט דאָס 19טע יאָהרהונדערט ערהאַלטען בירושה אַ מעכטיגען אינסטרומענט פאַר וויסענשאַפטליכע אונטערזוכונגען פון דעם 18טען יאָהרהונדערט. און מיט דעם דאָזיגען אינסטרומענט האָט די מאָדערנע וויסענשאַפט אויסגעאַרבייט אונזער גאַנצען בעגריף וועגען דעם וועלט-רוים און זיינע אַלע ערשיינונגען אויף אַ וויסענשאַפטליכען באַזיס און האָט אַוועקגעמאַכט מיט אַלע פאָראורטהיילען, מיט אַלע נעבעלדיגע ווערטער, וועלכע מיינען קיין זאַך ניט, און מיט וועלכע מען האָט זיך אָפטמאָל בלויז בענוצט, ווייל מען האָט מורא געהאַט פאַר רעליגיעזע פערפאָלגונגען, אָדער אום פטור צו ווערען פון שווערע פראָבלעמען.

---

## III.

## די רעאַקציאָן אין אנפאנג פון'ם 19-טען יאָהרהונדערט.

אין דער ערשטער פעריאָדע פון'ם 19-טען יאָהרהונדערט, נאָך דער נידערלאַגע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, האָט אייראָפּאַ, ווי מיר ווייסען, איבערגעלעבט אַ צייט פון אַלגעמיינער רעאַקציאָן אויף אַלע געביעטען, אין דער פּאָליטיק ווי אויך אין דער וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע. דער „ווייסער טעראָר" פון די בורבאָנען אין פראַנקרייך; די גרינדונג פון דער „היילינער אַליאַנץ" צווישען עסטרייך, דייטשלאַנד און רוסלאַנד, וועלכע איז אין 1815 אין ווינן פערפאָלשטענדיגט געוואָרען; די הערשאַפט פון מיסטיציזם און פיעטיזם אין די קעניגליכע הויפען און ביי די פריווילעגירטע קלאַסען און איבעראַל דער דעספּאָטיזם פון דער פּאָליציי — דאָס איז געווען דער צושטאַנד אין יענער צייט. פון

דעסטוועגען זיינען אָבער די גרויסע פֿונדאַמענטאַלע פּרינציפּען פֿון דער רעוואָלוציאָן ניט אונטערגעגאַנגען. די ביסלעכווייזע בעפֿרייאונג פֿון די בויערן און שטאָדט־אַרבייטער פֿון אַ צושטאַנד פֿון האַלבער לייב־אייגענשאַפֿט, אין וועלכען זיי האָבען געלעבט די גאַנצע צייט, די גלייכהייט בעפֿאָר דעם געזעץ און די רעפּרעזענטאַטיווע רעגירונג — אַט די דריי פּרינציפּען, וועלכע די רעוואָלוציאָן האָט פּראָקלאַמירט, און וועלכע זיינען פֿערשפּרייט געוואָרען איבער גאַנץ אייראָפּאַ, ביז נאָך פּוילען און רוסלאַנד דורך דעם זיעג־רייכען מאַרש פֿון די פֿראַנצויזישע אַרמעען, האָבען זיך ביסלעכווייז דורכגעבראָכען אַ וועג אין פֿראַנקרייך און אין די איבעריגע לענדער. נאָך דער שטורעמדיגער ר ע וו אָ ל ו צ י אָ ן, וועלכע האָט אָנגעשריבען די גרויסע פּרינציפּען פֿון פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט אויף איהר פֿאָהן, האָט זיך אָנגעהויבען די ע וו אָ ל ו צ י אָ ן, ד.ה. די לאַנגזאַמע און ביסלעכווייזע פֿערוואַנדלונג פֿון די שטאַאַטליכע און געזעלשאַפֿטליכע אינסטיטוציאָנען און די פּראַקטישע אָנווענדונג פֿון די אידעען, וועלכע זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרען אין פֿראַנקרייך אין דער צייט פֿון 1789 ביז 1793, אין׳ם אַל־טעגליכען לעבען. די דאָזיגע לאַנגזאַמע פֿערווירקליכונג פֿון פּרינציפּען, וועלכע זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרען וועהרענד דער פֿערגאַנגענער רעוואָלוציאָנערער פּעריאָדע, אין דער שפּעטערדיגער עפּאָכע פֿון עוואָלוציאָן, קען זאָגאַר אָנגענומען ווערען אַלס איין אַלגעמיינער געזעץ פֿון דער מענשליכער ענטוויקלונג.

אָבוואָהל די קירכע, דער שטאַאַט און די וויסענשאַפֿט האָבען געטראָטען מיט די פֿיס דעם באַנער, אויף וועלכען די רעוואָלוציאָן האָט אָנגעשריבען דעם מאָטאָ „פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט"; אָבוואָהל דער קאָמפּראָמיס מיט די עקזיסטירענדע בעדינגונגען, מיט דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לייב־אייגענשאַפֿט, איז געוואָרען דער פּאַסוואָרט פֿון דעם מאָמענט, אפילו ביי די פֿילאָזאָפֿען פֿון יענער צייט — העגעל אין דייטשלאַנד און קוזען אין פֿראַנקרייך — האָבען אָבער די גרויסע פּרינציפּען פֿון פֿרייהייט ביסלעכווייז דאָך געפֿונען זייער וועג אין לעבען. אמת, די לייב־אייגענשאַפֿט פֿון די בויערן אין מזרח־זייט פֿון אייראָפּאַ און די אינקוויזיציאָן, וועלכע איז אָבגעשאַפֿט געוואָרען אין איטאַליען און שפּאַניען דורך די אַרמעען פֿון דער רעוואָלוציאָן, זיינען צוריק איינגעפֿיהרט געוואָרען. אָבער די רעוואָלוציאָן האָט די דאָזיגע אינסטיטוציאָנען געגעבען אַ טויט־קלאַפּ, פֿון וועלכען זיי האָבען זיך קיינמאָל מעהר ניט געקענט צוריק אויפֿהויבען.

די כוואַליע פֿון בעפֿרייאונג האָט צוערשט דערגרייכט דעם מערב־זייט

פֿון דייטשלאַנד, דערנאָך האָט זי זיך אויפֿגעהויבען אין פּרייסען און עסטרייך אין 1848 און האָט זיך פֿערשפּרייט איבער שפּאַניען און איטאַליען, ביז וואַנען זי האָט צולעצט דערגרייכט ביז רוסלאַנד, וואו די לייב־איינענשאַפֿט איז אָבגעשאַפֿט געוואָרען אין 1861, און די באַלקאַן לענדער, וואו זי האָט עקזיסטירט ביז 1878. די שקלאַפֿעריי פֿון די נעגערס אין אַמעריקא האָט זיך געענדיגט אין 1863.

די אידעען פֿון גלייכהייט פֿאַר אַלעמען בעפֿאָר דעם געזעץ און די פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג האָבען אין דערזעלבער צייט אויך געפֿונען זייער וועג פֿון מערב קיין מזרח, און צו ענדע פֿון'ם 19-טען יאָהרהונדערט האָבען בלויז רוסלאַנד און די טערקיי זיך נאָך געשלעפּט מיט דעם יאָך פֿון'ם אויטאָקראַטישען רעזשים; אָבער אויך דאָרטען איז דער אַבסאָלוטיזם שוין אַזוי שוואַך, אַז עס וועט מעהר ניט נעהמען קיין לאַנגע צייט, ביז ער וועט אין גאַנצען פֿערשווינדען.

* * *

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. שוין אויף דעם גרענעץ, וועלכער האָט אָבגעטהיילט דעם 18-טען פֿון'ם 19-טען יאָהרהונדערט, האָט מען שוין עפֿענטליך און ענערגיש פּראָפּאַגאַנדירט די אידעען פֿון עקאָנאָמישער בעפֿרייאונג. באַלד נאָך דער אָבשאַפֿונג פֿון'ם קעניגטהום, דורך דעם אויפֿשטאַנד פֿון דעם פֿאָלק פֿון פּאַריז אַם 10־טען אויגוסט 1792, און הויפּטזעכליך נאָך דעם אונטערגאַנג פֿון די זשיראָנדיסטען אַם 2־טען יוני 1793, האָט זיך מאַניפֿעסטירט אין פּאַריז און אין די פּראָווינצען אַ שטאַרקער אויסברוך פֿון קאָמוניסטישע שטרעבונגען, וועלכער האָט אַרויסגערופֿען אַ דירעקטע אַקציאָן אין דער דאָזיגער ריכטונג ביי די רעוואָלוציאָנערע סעקציאָנען פֿון די גרויסע שטעדט און אין די מוניציפּאַל-פֿערוואַלטונגען פֿון די קלענערע שטעדט און דערפֿער פֿון אַ גרויסען טהייל פֿון פֿראַנקרייך.

דאָס פֿאָלק האָט איינפֿאַך ערקלערט, אַז די צייט איז געקומען, ווען די גלייכהייט דאַרף ניט זיין מעהר קיין פּוסטעס וואָרט, נאָר אַ לעבעדיגער פֿאַקט; און ווייל די אונגעהייערע לאַסט פֿון דער מלחמה, וועלכע די רעפּובליק האָט געדאַרפֿט אָנפֿיהרען געגען די פֿעראייניגטע קעניגע, איז הויפּטזעכליך געפֿאַלען אויף די אָרעמע, האָט דאָס פֿאָלק געצוואונגען די קאָמיסאַרען פֿון דעם קאָנווענט אין די פּראָווינצען אַנצוּוועגדען קאָמוניסטישע מאַסרעגלען.

דער קאָנווענט גופא איז געצוואונגען געוואָרען פֿון'ם פֿאָלק צו

בענוצען זיך מיט קאָמוניסטישע מיטלען, אום „אָבצושאַפֿען דאָס עלענד" אין „אויסצוגלייכען די פֿערמעגענס". און נאָך דעם ווי די זשיראָנדיסטען, די פּאַרטיי פֿון די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער, האָבען פֿערלאָרען די מאַכט אין דער צייט פֿון'ם 31־טען מאַי ביז דעם 2־טען יוני 1793, זיינען דער קאָנוועגט און דער בורזשואַזער קלוב פֿון די יאַקאָבינער געווען געצוואונגען אָנצונעהמען אַ גאַנצע סעריע פֿון מאַסרעגלען, וועלכע האָבען ניט בלויז געציעלט צו נאַציאָנאַליזירען די ערד, נור אויך דעם האַנדעל פֿון די נויטווענדיגסטע לעבענס מיטלען.

די דאָזיגע בעוועגונג, וועלכע האָט געהאַט אַ טיעפֿען הינטערגרונד איז אָנגעגאַנגען ביז יולי 1794. ווען די בורזשואַזע רעאַקציאָן פֿון די פֿעראייניגטע זשיראָנדיסטען און מאָנאַרכיסטען האָט בעקומען די אויבער־האַנד. אָבער זי האָט געגעבען דעם 19 טען יאָהרהונדערט אַ ספּעציפֿי־שען כאַראַקטער — די קאָמוניסטישע און סאָציאַליסטישע טענדענץ פֿון זיינע פֿאָרטגעשריטענסטע עלעמענטען.

אַזוי לאַנג ווי די בעוועגונג איז אָנגעגאַנגען, האָט זי געהאַט פֿער־שידענע פערטרעטער פֿון'ם פֿאָלק גופא. אָבער צווישען די שרייבער פֿון יענער פעריאָדע האָט זיך ניט געפֿונען קיינער, וועלכער איז געווען פֿע־היג צו געבען די דאָזיגע אידעען און שטרעבונגען אַ ליטעראַרישען אויס־דרוק און צו פּראָפּאַגאַנדירען זיי אויף אַזאַ שטייגער, אַז זיי זאָלען מאַ־כען אַן אונפֿערגעסליכען איינדרוק אויף די מוחות פֿון די צייט גענאָסען.

ערשט אין 1793 און אין ענגלאַנד, האָט וויליאַם גאָדווין פֿערעפֿענט־ליכט זיין ווירקליך בעדייטענדעס ווערק: „אַן אונטערזוכונג פֿון דער פּאָליטישער גערעכטיגקייט און איהר איינפֿלוס אויף דער עפֿענטליכער מאָראַל". גאָדווין איז געווען דער ערשטער טהעאָרעטיקער פֿון דעם סאָ־ציאַליזם אָהן אַ רעגירונג; ד. ה. פֿון'ם אַנאַרכיזם; ווערהרעד אין דער פערזאָן פֿון באַבעף, וועלכער איז פֿילייכט אינספּירירט געוואָרען פֿון בואָנאַראָטי האָט דער צענטראַליסטישער סאָציאַליזם אָדער דער שטאַאַטס־סאָציאַליזם געפֿונען זיין ערשטען טהעאָרעטיקער אין 1796.

שפּעטער זיינען ערשיענען פֿוריע, סענט סימאָן און ראָבערט אָוען, די דריי בעגרינדער פֿון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם און די פֿערטרע־טער פֿון זיינע דריי וויכטיגסטע ריכטונגען, און האָבען ענטוויי־קעלט די פּרינציפּען, וועלכע דאָס פֿראַנצויזישע פֿאָלק האָט שוין אַרויס־געשטעלט אין דעם פֿערגאַנגענעם יאָהרהונדערט. און אין די פֿערציגער יאָהרען איז געקומען פּרודהאָן, וועלכער, ניט וויסענדיג פֿון גאָדווין'ס ווערק, האָט פֿון דאָס ניי אוועקגעשטעלט דעם פֿונדאַמענט פֿון'ם אַנאַרכיזם.

דער וויסענשאַפֿטליכער באַזיס פֿון׳ם סאָציאַליזם — אי פֿון׳ם שטאַאַטס־סאָציאַליזם, אי פֿון דעם אַנטי־שטאַאַטליכען סאָציאַליזם — איז אַלזאָ שוין אויסגעאַרבייט געוואָרען אין אָנפֿאַנג פֿון׳ם 19־טען יאָהרהונדערט מיט אַזאַ גרינדליכקייט און אַזאַ וואונדערבאַרער רייכקייט פֿון אידעען, מיט וועלכע די מייסטע פֿון אונזערע צייט־גענאָסען זיינען לײדער ניט בעקאַנט. דער פֿאַקט איז, אַז דער מאָדערנער סאָציאַליזם, וועלכער דאַטירט פֿון דער גרינדונג פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציאָן״ אין 1864, האָט בלויז אַרויסגעשטעלט צוויי נייע פונקטען, וועלכע האָבען, אָהן אַ צווייפֿעל, אַן ענטשיידענע בעדייטונג. דער מאָדערנער סאָציאַליזם האָט ערקלערט, אַז זיין אויפֿגאַבע קען נור פֿערווירקליכט ווערען דורך אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, אַ זאַך, פֿון וועלכע פֿוריע, סענט סימאָן און ראָבערט אָועז האָבען ניט געוואָלט אָדער ניט געוואַנט צו ריידען. אויסערדעם האָט ער זיך אָבגעזאָגט פֿון אַלע רעליגיעזע פֿאָרשטעלונגען, פֿון דעם גלויבען אין „קריסטוס דעם סאָציאַליסט און רעוואָלוציאָנער״, מיט וועלכען מען פֿלעגט אָפֿטמאָל פּאַראַדירען בעפֿאָר 1848.

דער מאָדערנער סאָציאַליזם האָט פֿערשטאַנען, דאָס אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן איז אונבעדינגט נויטווענדיג, אום צו פֿערווירקליכען זיינע אידעען, אַ רעוואָלוציאָן ניט אין דעם זין, ווי מען פֿערשטעהט געוועהנליך, ריידענדיג פֿון אַ רעוואָלוציאָן אין דער אינדוסטריע אָדער פֿון אַ רעוואָלוציאָן אין דער וויסענשאַפֿט, נאָר אַן אמת׳ע רעוואָלוציאָן אין דער קאָנקרעטער און אייגענטליכער בעדייטונג פֿון דעם וואָרט, דאָס הייסט אַן אַלגעמיינע און דירעקטע רעקאָנסטרוקציאָן פֿון אַלע פֿונדאַמענטען פֿון דער געזעלשאַפֿט גופא. דער מאָדערנער סאָציאַליזם האָט אויך אויפֿגעהערט צוזאַמענצושמעלצען זיינע פּרינציפּען מיט געוויסע אונשולדיגע רעפֿאָרמען און סענטימענטאַלע פֿערבעסערונגען, וועלכע ווערען פֿערטראָטען פֿון עטליכע קריסטליכע רעפֿאָרמערס. עס איז נייטיג צו בעמערקען, אַז אָט די לעצטע אויפֿגאַבע איז שוין ערפֿילט געוואָרען פֿון גאָדווין, פֿוריע און ראָבערט אָועז. וואָס אָנבעלאַנגט דעם צענטראַליזם און דעם קולטוס פֿון אויטאָריטעט און דיסציפּלין, וועלכע די מענשהייט האָט צו פֿערדאַנקען דער טהעאָקראַטיע אין דעם קייזערליך־רוימישען געזעץ — אַלעס איבערבלייבענץ פֿון אַ פֿינסטערער פֿערגאַנגענהייט — זיינען נאָך אַלץ פֿאַרהאַן אַסך מאָדערנע סאָציאַליסטען, וועלכע קענען זיך ניט בעפֿרייען פֿון אָט די אַלטע פֿאָרשטעלונגען; זיי האָבען אפילו ביז איצט ניט דערגרייכט די שטופֿע פֿון זייערע צוויי פֿאָרגענגער גאָדווין און פּרודהאָן.

* * *

עס וואָלט געווען אַ צו שווערע אויפגאַבע צו געבען דאָ אַ מעהר־אָדער וויינינגער אויספיהרליכען איבערבליק איבער דער אַלגעמיינער רע־אַקציאָן, וועלכע האָט בעהערשט גאַנץ אייראָפּאַ נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, און איבער דעם איינפלוס, וואָס זי האָט געהאַט אויף דער ענטוויקלונג פון דער וויסענשאַפט. עס איז גענוג צו קאָנסטאַטירען, דאָס אַלעס, מיט וואָס די מאָדערנע וויסענשאַפט שטאָלצירט היינט אַזוי פיעל, איז שוין אָנגעדייטעט און אָפּטמאָל זאָגאַר וויסענשאַפטליך ערקלערט געוואָרען אין דער לעצטער פעריאָדע פון׳ם 18־טען יאָהרהונדערט. די מעכאַנישע טהעאָריע פון וואַרעמקייט; די אונצערשטערבאַרקייט פון דער בעוועגונג (די אויפהאַלטונג פון דער קראַפט); די פערענדערליכקייט פון די מינים דורך דעם דירעקטען איינפלוס פון זייער אומגעבונג. פיזי־אָלאָגישע פסיכאָלאָגיע; די אַנטהראָפּאָלאָגישע בעהאַנדלונג פון דער גע־שיכטע, רעליגיאָן און געזעצגעבונג; די געזעצע פון דער געדאַנקען־ענטוויקלונג — מיט איין וואָרט, די גאַנצע מעכאַנישע וועלט־אויפפאַסונג און די סינטהעטישע פילאָזאָפיע — אַ פילאָזאָפיע, וועלכע בעהאַנדעלט דעם פונדאַמענט פון אַלע פיזישע, כעמישע, לעבעדיגע און געזעלשאַפט־ליכע ערשיינונגען אַלס אַ גאַנצעס — דאָס אַלעס איז שוין אָנגעדייטעט און טהיילוויז זאָגאַר אויסגעאַרבייט געוואָרען אין 18־טען יאָהרהונדערט.

אָבער די רעאַקציאָנערען האָבען בעקומען די אויבער־האַנד, און נאָך דער נידערלאַגע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן זיינען אָט די אַלע ענטדעקונגען אונטערדריקט געוואָרען פאַר גאַנצע פופציג יאָהר. די רעאַקציאָנערע געלעהרטע האָבען ערקלעהרט, אַז זיי האָבען אַ „קנאַפּע וויסענשאַפטליכע בעדייטונג". מיט דער פרעטענזיע, אַז מען דאַרף „פריהער שטודירען די פאַקטען" און אָנקלייבען וויסענשאַפטליכען „מאַטעריאַל", האָבען די וויסענשאַפטליכע געזעלשאַפטען זאָגאַר צוריק־געוויזען אַזעלכע אונטערזוכונגען, וועלכע האָבען פאָרגעשטעלט מיט זיך ניט מעהר און ניט וויינינגער ווי פינקטליכע בערעכנונגען און אויסמעס־טונגען. אַזעלכע וואונדערבאַרע ענטדעקונגען ווי די פון דעם עלטערען סעגען און שפּעטער דזשאַול׳ס בערעכנונג פון דער מעכאַנישער גלייכ־ווערטיגקייט פון וואַרעמקייט, דורך וועלכע ער האָט אויסגעפונען, ווי פיעל מעכאַנישע רייבונג עס איז נויטווענדיג, אום צו פראָדוצירען אַ געוויסע קוואַנטיטעט וואַרעמקייט — דאָס אַלעס איז איינפאַך פערוואָר־פען געוואָרען פון די דאָזיגע פערטרעטער פון דער טראַדיציאָן. אפילו די „קעניגליכע געזעלשאַפט פון גרויס בריטאַניען", וועלכע שטעלט פאַר מיט זיך די ענגלישע אַקאַדאַמיע פון וויסענשאַפט, האָט זיך ענטזאָגט צו

דריקען דזשאָול'ס ווערק, דערפאַר וואָס זי האָט אויסגעפונען, אַז עס איז „ניט וויסענשאַפטליך". מען האָט אפילו ניט צוגעלייגט קיין שום ווערטה צו דעם אויסגעצייכענטען ווערק איבער דער איינהייט פון די פיזישע קרעפטען, וועלכעס גראָוו האָט אָנגעשריבען אין 1843 און וועלכעס האָט ערשט אַרויסגערופען די אויפמערקזאַמקייט פון דער ווי־סענשאַפט אין 1856. מען דאַרף קענען די געשיכטע פון דער וויסענשאַפט אין דעם ערשטען העלפט פון'ס 19־טען יאָהרהונדערט, אום צו בעגרייפען די גערדיכטע פינסטערניש, וואָס האָט אַרומגענומען גאַנץ אייראָפאַ אין יענער צייט.

ביי די ענדע פון די 50־גער יאָהרען איז דער שלייער פלוצלונג צוריסען געוואָרען, און אונטער דעם איינפלוס פון דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע פון 1848 האָט זיך אין מערב־זייט פון אייראָפאַ ענטוויקעלט יענע גרויסע בעוועגונג, וועלכע האָט אַרויסגערופען גאַריבאַלדי'ס אויפ־שטאַנד, די בעפרייאונג פון איטאַליען, די אָבשאַפונג פון דער שקלאַ־פעריי אין אַמעריקאַ, די ליבעראַלע רעפאָרמען אין ענגלאַנד און מיט עטליכע יאָהר שפּעטער די אָבשאַפונג פון לייב-אייגענשאַפט אין רוס־לאַנד. די זעלבע בעוועגונג האָט אויך געבראָכען די אויטאָריטעט פון שעלינג און העגעל אין אייראָפאַ, און אין רוסלאַנד איז געבויירען געוואָ־רען יענע אָפענע עמפּעהרונג געגען גייסטיגע פערשקלאַפונג און געגען אַלע סאָרטען אויטאָריטעט, וועלכע איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען ניהיליזם.

היינט, ווען עס איז מעגליך פאַר אונז צו וואַרפען אַ בליק צוריק אויף דער געשיכטע פון יענע צייטען, פערשטעהען מיר, אַז עס זיינען געווען די פּראָפּאַגאַנדאַ פאַר רעפּובליקאַנישע און סאָציאַליסטישע אידעען אין די 30־גער און 40־גער יאָהרען פון'ם 19־טען יאָהרהונדערט און די רעוואָלוציאָן פון 1848, וועלכע האָבען געהאָלפען דער וויסענשאַפט צוצוברעכען די קייטען, אין וועלכע מען האָט איהר איינגעשמידעט, זייט די געגען־רעוואָלוציאָן און שפּעטער די אָפענע רעוואָלוציאָן האָבען זיך אָנגעפאַנגען; ד. ה. גאָכדעם ווי די רעוואָלוציאָנערע פראַנצויזישע רעפּוב־ליק פון 1789 ביז 1793 איז פערניכטעט געוואָרען דורך די פעראייניגטע קעניגע פון אייראָפאַ.

דאָ איז ניט דער פּלאַץ צו בעשעפטיגען זיך מיט איינצעלהיי־טען; עס איז גענוג צו דערמאָהנען איינינע פאַקטען, אום צו בעווייזען די ריכטיגקייט פון אונזער בעהויפּטונג. סענען, וועמענס נאָמען מיר האָבען גראָד וואָס דערמאָהנט אַלס דעם בעגרינדער פון דער מעכאַנישער

טהעאָריע פֿון וואַרעמקייט; דער היסטאָריקער אָגיסטען טהיערי, וועלכער האָט צוערשט געשאַפֿען אַ ריכטיגען באַזיס פֿאַר דעם שטודיום פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער אָרדנונג אין די ערשטע קליינע רעפּובליקען פֿון׳ם מיטעל-אַלטער און פֿון די פֿעדעראַליסטישע אידעען פֿון יענער צייט; סיסמאָנדי, דער היסטאָריקער פֿון די פֿרייע מיטעל-אַלטערליכע רעפּוב-ליקען פֿון איטאַליען — זיי אַלע זיינען געווען אָנהייגער פֿון סענט סימאָן — איינעם פֿון די דריי גרויסע בעגרינדער פֿון׳ם סאָציאַליזם אין דעם ערשטען העלפֿט פֿון׳ם 19טען יאָהרהונדערט; אַלפֿרעד ר. וואָליים, וועלכער האָט אויסגעפֿונען, אין דערזעלבער צייט ווי דאַרווין, די טהעאָ-ריע מכח דעם אורשפּרונג פֿון די מינים דורך נאַטירליכע אויסוואַהל, איז אין זיין יוגענד געווען אַן איבערצייגטער אָנהייגער פֿון ראָבערט אָוען; אָגיסט קאָמט איז געווען אַן אָנהייגער פֿון סענט סימאָן; ריקאַרדאָ און בענטהעם האָבען נאָכגעפֿאָלגט ראָבערט אָוען, און די מאַטעַ-ריאַליסטען קאַרל פֿאָגט און דושאָרדזש לואיס, אַקוראַט ווי גראָוו, מילל, הערבערט ספּענסער און פֿיעלע אַנדערע זיינען בעאיינפֿלוסט געוואָרען פֿון דער ראַדיקאַל-סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין די 30ער און 40ער יאָהרען. פֿון דער דאָזיגער בעוועגונג האָבען זיי גענומען זייער וויסענשאַפֿטליכען מוטה.

דער ערשיינען פֿון די ווערק פֿון גראָוו, דושאָול, בערטהעלאָט, העלמהאָלץ, מענדעלעעוו, פֿון דאַרווין, קלאָד בערנאַרד, ספּענסער, מאָלעשאָט און פֿאָגט, פֿון לייעל איבער דעם אורשפּרונג פֿון׳ם מענשען, פֿון בעין, מילל, בורנוף — דער ערשיינען פֿון אַזאַ גלענצענדע סעריע פֿון ביכער אין אַזאַ קורצע צייט האָט אַרויסגערופֿען אַ גאַנצע רעוואָלוציאָן אין די פֿונדאַמענטאַלע בעגריפֿען און פּרינציפּען פֿון דער וויסענשאַפֿט. די גאַנצע וויסענשאַפֿט האָט זיך פּלוצלינג בע-וואויגען אויף אַ גאַנץ נייעם וועג. גאַנץ נייע געביעטען פֿון׳ם מענשליכען וויסען האָבען זיך פּלוצלינג אויפֿגעעפֿענט. די ביאָלאָגיע, די וויסענ-שאַפֿט פֿון׳ם לעבען, די אַנטהראָפּאָלאָגיע און עטהנאָלאָגיע, די וויסענ-שאַפֿטען פֿון די מענשליכע אינסטיטוציאָנען, די פֿיזישע פּסיכאָלאָגיע, די וויסענשאַפֿט פֿון דער פֿערנונפֿט, דעם ווילען און די געמיטס-בעוועגונ-גען, די געשיכטע פֿון די רעכטס-אַנשויאונגען און רעליגיאָנען אויף אַ וויסענשאַפֿטליכען אַנטהראָפּאָלאָגישען באַזיס — דאָס אַלעס האָט זיך אין גיכען ענטוויקעלט פֿאַר אונזערע אויגען און מיר זיינען איבעראַשט געוואָרען דורך דעם מוטה און דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט פֿון די אַלגעמיינע שליסע, וועלכע די פֿערשידענע פֿאָרשער האָבען ענטוויקעלט.

דאָס, וואָס מען האָט אין 18טען יאָהרהונדערט נור אָנגענומען, איז איצט בעוויזען געוואָרען מיט דער וואָג, מיט'ן מיקראָסקאָפּ און טויזענדער בעאָבאַכטונגען און עקספּערימענטען האָבען בעוויזען די ריכטיגקייט. אפילו דער סטיל פון שרייבען האָט זיך פאַלשטענדיג איבערגעביטען. די אויבען דערמאָהנטע מענער פון דער וויסענשעפט האָבען זיך צוריקגעקעהרט צו דעם איינפאַכען, קלאָרען און שעהנעם סטיל, וועלכער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אינדוקטיווער מעטהאָדע, און מיט וועלכען די גרויסע דיינקער פון'ם 18טען יאָהרהונדערט האָבען זיך בענוצט, נאָך דעם ווי זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט פון דער מעטאַפיזיק.

עס איז אונמעגליך צו זאָגען אין פאָרויס, אין וואָס פאַר אַ ריכטונג די וויסענשאַפט וועט זיך ווייטער ענטוויקלען. אַזוי לאַנג ווי די מענער פון דער וויסענשאַפט וועלען זיין אָבהייניג פון די בעזיצענדע קלאַסען און פון'ם שטאַאט, אַזוי לאַנג וועט זייער וויסענשאַפט טראָגען אויף זיך דעם שטעמפּעל פון דעם דאָזיגען איינפלוס, און עס וועט שטענדיג בעשטעהן אַ געפאַהר פון אַ פעריאָדע פון שטילשטאַנד, אַזוי ווי עס איז געוועזען דער פאַל אין דער ערשטער העלפט פון'ם 19־טען יאָהרהונדערט. איינס אָבער איז זיכער: די וויסענשאַפט, אַזוי ווי זי עקזיסטירט היינט, נייטיגט זיך מעהר ניט אין דער היפּאָטעזע, אָהן וועלכע לאַפּלאַס האָט שוין געקענט אויסקומען; זי האָט אויך ניט נייטיג צו בענוצען זיך מיט די מעטאַפיזישע „ווערטערלאַך", פון וועלכע געטהע האָט שוין אָבגעלאַכט. מיר זיינען שוין היינט אימשטאַנד צו לייענען אין דעם בוך פון דער נאַטור, וועלכעס ענטהאַלט די ענטוויקלונג פון דעם אונאָרגאַנישען און אָרגאַנישען לעבען, די ענטוויקלונג פון דער מענשהייט, און מיר קענען גאַנץ גוט אויסקומען אָהן דער היפּאָטעזע פון אַ בעשעפער, פון אַ מיסטישער לעבענס־קראַפט אָדער פון אַן אונשטערבליכער זעעלע; מיר נייטיגען זיך ניט אין העגעל'ס טרילאָגיע און ברויכען שוין מעהר ניט בעהאַלטען אונזער אונוויסענהייט אונטער דעם שלייער פון וואָס פאַר עס איז ניט מעטאַפיזישע סימבאָלען. די מעכאַנישע ערשיינונגען, וועלכע ווערען אַלץ קאָמפּליצירטער, וואָס ווייטער מיר געהען אַוועק פון דער פיזיק צו די מאַניפעסטאַציאָנען פון'ם לעבען, זיינען פאָלקאָם גענוג, אום צו ערקלערען די נאַטור און דאָס גאַנצע אינטעלעקטועלע און סאָציאַלע אָרגאַנישע לעבען אויף אונזער פּלאַנעט.

קיין צווייפעל ניט, עס איז נאָך פאַרהאַן אַסך אונבעקאַנטעס, דונקעלעס און אינפערשטענדליכעס אין דער נאַטור, און מיר וויסען, דאָס פּראָפּאָרציאָנעל מיט דער פערפאָלקאָמנונג פון אונזער וויסען, וועלען זיך

אויפֿעפֿענען פֿאַר אונז אַלץ מעהר נייע פּראָבלעמען, וועלכע דאַרפֿען ערקלערט ווערען. אָבער מיר ווייסען ניט פֿון קיין געביעט, וואו מיר זאָלען ניט זיין אימשטאַנד צו ערקלערען די ערשיינונגען דורך דיזעלבע איינפֿאַכע פֿיזיקאַלישע פֿאַקטען, וועלכע מיר קענען בעאָבאַכטען, ווען צוויי ביליאַרד-קוגלען שטויסען זיך צוזאַמען, אָדער ווען אַ שטיין פֿאַלט אַראָב צו דער ערד, אָדער אין די כעמישע טהאַטזאַכע׳, וועלכע מאַניפֿעסטירען זיך אַרום אונז. ביז איצט זיינען די מעכאַנישע פֿאַקטען געווען פֿאָלקאָמען גענוג פֿאַר אונז, אום צו ערקלערען די ערשיינונגען, וועלכע מיר האָבען זיך אונטערגענומען צו שטודירען. זיי האָבען אונז קיינמאָל ניט אָבגענאַרט, און מיר זעהען ניט קיין שום מעגליכקייט, אַז מיר וועלען, ווען עס איז, ענטדעקען אַזאַ ספֿערע, וואו מיר וועלען זיך מעהר ניט קענען בענוגענען מיט די מעכאַנישע פֿאַקטען. פֿאָרלויפֿיג האָבען מיר ניט קיין שום אורזאַכע, וועלכע זאָל קענען רעכטפֿערטיגען דעם גלויבען אין דער עקזיסטענץ פֿון אַזאַ ספֿערע.

---

## IV.

## קאָמט׳ס פּאָזיטיווע פֿילאָזאָפֿיע.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז נאָכדעם ווי די וויסענשאַפֿט פֿון׳ם 19-טען יאָהרהונדערט איז געקומען צו די פֿריהער דערמאָהנטע רעזולטאַטען, האָט זיך אַ־ויסגעצייגט די נויטווענדיגקייט צו שאַפֿען אַ סינטהעטישע פֿילאָזאָפֿיע, וועלכע זאָל פֿערקערפּערן מיט זיך די הויפּט־רעזולטאַטען פֿון די אַלע וויסענשאַפֿטען. מען האָט שוין מעהר ניט פֿערשווענדעט די צייט אויף פּוסטע סימבאָלישע אויסדריקע, ווי די „סובסטאַנצען", די „אידעע פֿון דער וועלט־געביידע", די „בעשטימונג פֿון׳ם לעבען" און אַנדערע עהנליכע ווערטער, מיט וועלכע די פֿילאָזאָפֿען פֿלעגען פֿעראינטערעסירען אונזערע פֿאָטער׳ס און זיידעס, און געמאַכט אַ סוף צו דעם אַנטראָפּאָמאָרפֿהיזם — צו דער געוואוינהייט צוצושרייבען צו דער נאַטור און די פֿיזישע קרעפֿטען מענשליכע אייגענשאַפֿטען און אַבזיכטען. עס איז געווען צייט צו מאַכען אַ פֿערזוך אויסצואַרבייטען אַ פֿילאָזאָפֿיע, וועלכע זאָל פֿאָרשטעלען מיט זיך אַ פֿערנינפֿטיגע, איינהייטליכע, סיסטעמאַטישע צוזאַמענשטעלונג פֿון אונזערע

אַלע קענטניסע. אַזאַ פֿילאָזאָפֿיע, גיהענדיג גראַדענווייז פֿון די איינפֿאַכע צו די קאָמפּליצירטע ערשיינונגען, האָט זיך געדאַרפֿט שטעלען פֿאַר איהר אויפֿגאַבע צו ערקלערע: אויף אַ בריטען אופֿן די פֿונדאַמענטאַלע פּרינציפּען פֿון'ם לעבען און פֿון דער וועלט־געביידע און וואָלט אונז דערמיט געגעבען דעם שליסעל צו פֿערשטעהען די גאַנצע נאַטור. אין דערזעלבער צייט וואָלט דאָס געווען פֿאַר אונז אַ מעכטיגער אינסטרומענט פֿאַר ווייטערדיגע אונטערזוכונגען, אום אויסצוגעפֿינען נייע בעציהונגען צווישען די זאַכען און ערשיינונגען — זאָגענאַנטע „נאַטור־געזעצע", ווי מען רופֿט עס היינט — און אונז געגעבען די איבערצייגונג, אַז אונזערע שליסע זיינען ריכטיג, ווי פֿיעל זיי זאָלען זיך ניט אונטערשיידען פֿון די אַלגעמיינע און געוועהנליכע מיינונגען.

די נויטווענדיגקייט פֿון אַ סינטהעטישער פֿילאָזאָפֿיע איז שוין פֿערשטאַנען געוואָרען אין 18-טען יאָהרהונדערט פֿון די ענציקלאָפּעדיסטען; פֿון וואָלטער און זיין וואונדערבאַרען „פֿילאָזאָפֿישען דיקציאָנער", וועלכער איז נאָך היינט צו טאָג אַ מאָנומענטאַלעם ווערק; פֿון טירגאָ און פֿון סענט סימאָן, איינעם פֿון די גרינדער פֿון די דריי סאָציאַליסטישע שולען. שפּעטער אין די 40-ער און 50-ער יאָהרען פֿון דעם פֿערגאַנגענעם יאָהרהונדערט, האָט אָגיסט קאָמט אונטערגענומען דיזעלבע אַרבייט אין זיין „פּאָזיטיווער פֿילאָזאָפֿיע" אויף אַ מעהר וויסענשאַפֿטליכען באַזיס און בעסער אין אַנקלאַנג מיט דעם לעצטען פּראָגרעס פֿון די נאַטור וויסענשאַפֿטען, און נאָך דעם וואונדערבאַרען ערוואַכען פֿון די נאַטור־וויסענשאַפֿטען, אין מיטען 19-טען יאָהרהונדערט, איז געקומען הערבערט ספּענסער מיט זיין „סינטהעטישער פֿילאָזאָפֿיע".

וואָס אָנבעלאַנגט די מאַטהעמאַטיק און די עקזאַקטע וויסענשאַפֿטען אין אַלגעמיין, האָט קאָמט זיין אויפֿגאַבע אויף אַ גלענצענדען אופֿן געלייזט. מיר אָנערקענען אויך היינט, אַז ער איז פֿאָלקאָמען גערעכט געווען, ווען ער האָט אַריינגענומען די ביאָלאָגיע, די וויסענשאַפֿט פֿון'ם לעבען און די סאָציאָלאָגיע, די וויסענשאַפֿט פֿון דער מענשליכער געזעלשאַפֿט, אין דעם קרייז פֿון זיין „פּאָזיטיווער פֿילאָזאָפֿיע". מיר ווייסען אויך, וואָס פֿאַר אַ מעכטיגען איינפֿלוס זיין פּאָזיטיווע פֿילאָזאָפֿיע האָט געהאַט אויף די דיינקער און מענער פֿון דער וויסענשאַפֿט אין דער צווייטער העלפֿט פֿון'ם 19-טען יאָהרהונדערט.

אָט דערפֿאַר האָבען זיך די יעניגע, וועלכע אָנערקענען פֿאָלשטענדיג דאָס ווערק פֿון דעם גרויסען פֿילאָזאָף, געמוזט שטעלען די פֿראַגע: ווי קומט עס, אַז קאָמט איז געווען אַזוי שוואַך, ווען ער האָט זיך

אונטערגענומען אין זיין צווייטען גרויסען ווערק — „די פּאָזיטיווע פּאָלי־טיק" — צו שטודירען די מענשליכע אינסטיטוציאָנען, איבערהויפּט די מאָרענע, און די עטהיק.

ווי אַזוי איז גאָר מעגליך געווען, דאָס אַ מאַן מיט אַזעלכע ברייטע און פּאָזיטיווע אַ־שויאונגען ווי קאָמט, זאָל ווערען אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען דער בעגרינדער פון אַ רעליגיאָן און זאָגאַר פון אַ געוויסער גאָטעס פערעהרונג?

אייניגע פון זיינע נאָכפאָלגער האָבען פערזוכט אויסצוגלייכען די אידעען, וועלכע קאָמט האָט פערטראָטען אין זיין ערשטען ווערק מיט די, וועלכע ער האָט שפּעטער געפּיידיגט, ערקלערענדיג, אַז די מעט־טהאָדען פון דעם פילאָזאָף זיינען אין ביידע ווערק געבליבען דיזעלבע אָבער דאָס איז פאַר קיין פאַל ניט ריכטיג, דען די אידעען און מעטהאָ־דען פון דער „פּאָזיטיווער פילאָזאָפיע" זיינען גאַנץ אַנדערע ווי די פון דער „פּאָזיטיווער פּאָליטיק". דאָס איז אויך געווען די אורזאַכע, וואַרום אַזעלכע צוויי בעריהמטע פילאָזאָפישע נאָכפאָלגער פון קאָמט, ווי ליט־ע און דזשאָן סטיואַרט מילל האָבע זיך אָנטזאָגט צו אָנערקענען די „פּאָ־זיטיווע פּאָליטיק" אַלס אַ טהייל פון קאָמט'ס פילאָזאָפיע. זיי האָבען אין דעם דאָזיגען ווערק מעהר ניט געזעהן ווי אַ פּראָדוקט פון אַ גייסט, וואָס איז שוין אַלט און שוואַך געוואָרען.

און דאָך איז דער דאָזיגער ווידערשפּרוך, וועלכער עקזיסטירט צווי־שען די ביידע ווערק, צווישען דער „פּאָזיטיווער פילאָזאָפיע" און דער „פּאָזיטיווער פּאָליטיק" זעהר כאַראַקטעריסטיש און וואַרפט אַ העל־עס ליכט אויף אייניגע פון די טיעפסטע און וויכטיגסטע פּראָבלעמען פון אונזער אייגענער צייט.

* * *

ווען קאָמט האָט געענדיגט זיין „קורס פון דער פּאָזיטיווער פילאָ־זאָפיע", האָט ער זיכער געמוזט פיהלען, אַז זיין פילאָזאָפיע האָט נאָך ניט איינגעשלאָסען די וויכטיגסטע פראַגע — די פראַגע וועגען דעם אורשפּרונג פון דעם מאָראַלישען געפיהל ביים מענשען און דעם איינפלוס פון דעם דאָזיגען געפיהל אויף דעם לעבען פון'ם מענשען און אויף דעם לעבען פון די מענשליכע געזעלשאַפטען. עס איז אונבעדינגט נויטווענדיג געווען, אַז אַ קורס פון פּאָזיטיווער פילאָזאָפיע זאָל זיך בעשעפטיגען מיט דעם שטודיום מכח דעם אורשפּרונג פון דעם מאָראַלישען געפיהל און ערקלערען איהם דורך דיזעלבע אורזאַכען, דורך וועלכע קאָמט האָט ערקלערט דאָס לעבען אין אַלגעמיין. ער האָט געדאַרפט אויפצייגען

וואַרום עס עקזיסטירט ביי דעם מענשען אַ בעדערפֿניש צו געהאָרכען דעם דאָזיגען געפֿיהל, אָדער אַם וויינינגסטענס, וואַרום ער רעכענט זיך מיט איהם, און ער האָט דאָס אַלעס געדאַרפֿט ערקלערען, ניט אַריינמישענדיג וואָס פֿאַר עס איז ניט איבערנאַטירליכע קראַפֿט.

עס איז אַ העכסט מערקווירדיגער פֿאַקט, אַז קאָמט איז טאַקע געווען אויף דעם ריכטיגען וועג, אויף וועלכען דאַרווין האָט איהם שפּעטער נאָכגעפֿאָלגט, ווען ער האָט פֿערזוכט צו ערקלערען אין זיין בעקאַנטען ווערק „די אָבשטאַמונג פֿון'ם מענשען", ווי אַזוי עס האָט זיך ענטוויקעלט ביים מענשען דער מאָראַלישער געפֿיהל. קאָמט האָט אָנגעשריבען אין זיין „פּאָזיטיווער פּאָליטיק" אייניגע וואונדערבאַרע שטעלען, וועלכע צייגען אונז, דאָס ער האָט זאָגאַר בעמערקט די פֿערשפּרייטונג פֿון סאָציאַביליטעט און געגענזייטיגער הילפֿע ביי די חיות און פֿערשטאַנען די עטהישע בעדייטונג פֿון דעם דאָזיגען פֿאַקטאָר. *)

אָבער דער מאַנגעל אין ביאָלאָגישע קענטניסע אין יענער צייט האָט איהם פֿערהינדערט צו ציהען די נויטווענדיגע פּאָזיטיוויסטישע שליסע פֿון אָט די פֿאַקטען, און אויסער דעם האָט קאָמט דאַמאָלס שוין מעהר ניט געהאַט דעם נייטיגען מוטה פֿאַר אַזאַ אַרבייט. אָט דעריבער האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו גאָט, צו דעם היילינגטהום פֿון אַלע פּאָזיטיווע רעליגיאָנען, וועמען דער מענש דאַרף פֿערעהרען און אָנבעטען, כדי ער זאָל בלייבען מאָראַליש. קאָמט האָט אַוועקגעשטעלט אויף דעם פּלאַץ פֿון גאָט דאָס וואָרט מענשהייט און האָט עס געשריבען מיט גרויסע בוכשטאַבען. ער האָט אונז אויפֿגעפֿאָדערט צו וואַרפֿען זיך אויף די קניע פֿאַר אָט דער נייער גאָטהייט און איהר אָנצורופֿען אין אונזערע געבעטען, אום צו ענטוויקלען אונזערע מאָראַלישע געפֿיהלען.

מעהר ווי דעם דאָזיגען שריט האָט מען ניט געדאַרפֿט; ווי באַלד מען האָט נור אָנערקענט די נויטווענדיגקייט, אַז דער מענש מוז האָבען

*) איך האָב ניט בעמערקט אָט די שטעלען, ווען איך האָב פֿערעפֿענטליכט די פֿריהערדיגע אויסגאַבען פֿון דיזער אָבהאַנדלונג. אַ פּאָזיטיוויסטישער פֿריינד אין בראַזיליען האָט מיר געמאַכט אויפֿמערקזאַם דערויף און מיר אין דערזעלבער צייט צוגעשיקט דאָס צווייטע גרויסע ווערק פֿון קאָמט; איך בענוץ זיך מיט דער איצטיגער געלעגענהייט איהם אויסצודריקען מיין הערצליכסטען דאַנק. אויך אין דיזען ווערק געפֿינען זיך זייטען און זייטען פֿול מיט געניאַלע געדאַנקען, און עס איז פֿאַר מיר געוועזען אַן אמת'ער פֿערגניגען זיי היינט נאָך אַמאָל איבערצולייענען אויף דעם ראָטה פֿון אַ פֿריינד.

אַ געוויסען עפּעס, וואָס ער זאָל קענען פֿערעהרען, עפּעס וואָס עס איז איבערהאַלב פֿון איהם און העכער פֿון איהם, כדי די מענשליכע חיה זאָל ניט אַראָבגעהן פֿון'ם ריכטיגען וועג — ווי באַלד מען האָט נור אָנער־קענט אַזאַ זאַך, איז אַלעס איבעריגע געווען אונפֿערמיידליך. די ריטואַלע זייט פֿון קאָמט'ס רעליגיאָן איז לייכט געפֿונען געוואָרען אין די צערעמאָ־ניעס פֿון די אַלטע רעליגיאָנען, וועלכע זיינען געקומען צו אונז פֿון מזרח.

קאָמט איז פּשוט געווען געצוואונגען צו קימען צו אַזעלכע שליסע, נאָך דעם ווי ער האָט ניט בעגריפֿען, אַז דער מאָראַלישער געפֿיהל, אַקוראַט ווי די סאָציאַביליטעט און די געזעלשאַפֿט גופא האָבען שוין עקזיסטירט בעפֿאָר דער מענש איז ענטשטאַנען. אָט דערפֿאַר האָט ער זיך ניט געקענט בעשליסען צו זעהן אין דעם דאָזיגען געפֿיהל ניט מעהר ווי אַ ווייטערע ענטוויקלונג פֿון דער טהיערישער סאָציאַבי־ליטעט, וועלכע האָטביים מענשען בלויז געפֿונען אַ שטאַרקערען אויס־דרוק צוליעב זיינע בעאָבאַכטונגען פֿון דער נאַטור און די ערפֿאַהרונגען, ויעלכע ער האָט געקליבען אין פֿערלויף פֿון זיין געזעלשאַפֿטליכער ענטוויקלונג.

קאָמט האָט ניט בעמערקט, אַז דער מאָראַלישער געפֿיהל פֿון'ם מענשען איז פּונקט אַזוי אָבהייננגיג פֿון זיין אמת'ער נאַטור ווי אַלע פֿיזישע פֿאָרמען פֿון זיין אָרגאַניזם; אַז ביידע זיינען די ירושה פֿון אַן אונגעהייער לאַנגען פּראָצעס פֿון ענטוויקלונג — אַ פּראָצעס, וועלכער געהט שוין אָן פֿיעלע טויזענדער און טויזענדער יאָהרען.

ער האָט טאַקע בעמערקט די געפֿיהלען פֿון סאָציאַביליטעט און גגענזייטיגער סימפּאַטהיע ביי די חיות, אָבער שטעהענדיג אונטער דעם איינפֿלוס פֿון דעם גרויסען זאָאָלאָג קוּוויע, וועלכער איז אין יענער צייט געווען די גרעסטע אויטאָריטעט, האָט ער ניט געוואָלט אָנערקענען, וואָס ביפֿאָן און לאַמאַרק האָבען שוין פֿאָרויס געזעהן — די פֿערענדער־ליכקייט פֿון די מינים. ער האָט איינפֿאַך ניט בעגריפֿען דעם אונאונטער־בראָכענעם ענטוויקלונגס־פּראָצעס פֿון דער חיה צום מענשען. פֿאָלגליך האָט ער אויך ניט געקענט פֿערשטעהן, אַז דער מאָראַלישער געפֿיהל פֿון'ם מענשען איז ניט מעהר ווי אַ העכערע און ווייטערע ענטוויקלונג פֿון דעם אינסטינקט פֿון געגענזייטיגער הילפֿע, וועלכע איז שוין ענטוויקעלט געווען אין די געז־עלשאַפֿטען פֿון די טהיערען, לאַנג בעפֿאָר די ערשטע מענשען־עהנליכע בעשעפֿענישען זיינען ערשיענען אויף דער ערד.

אָט דערפֿאַר האָט קאָמט ניט געקענט בעגרייפֿען, דאָס וואָס מיר

קענען און מוזען היינט בעגרייפען, אז ניט קוקענדיג אויף די אונמאָראַ־לישע האַנדלונגען פון איינצעלנע איזאָלירטע מענשען, וועט דער מאָראַלי־שער געפיהל פון'ם מענשען אַזוי לאַנג געפינען אַ שטאַרקען אינסטינקט־טיוועו אויסדרוק אין דעם לעבען פון דער מענשהייט, אַזוי לאַנג ווי די מענשליכע ראַסע וועט ניט אַריינטרעטען אין אַ פעריאָדע פון אָבשטאַרבונג און דעגענעראַציאָן; דאָס יעדע האַנדלונג, וואָס איז ניט אין איינקלאַנג מיט דעם מאָראַלישען אינסטינקט, מוז נויטווענדיגערווייזע אַרויסרופען אַ רעאַקציאָן פון אַלע אַנדערע געפיהלען, אַקוראַט ווי יעדע מעכאַ־נישע אַקציאָן רופט אַרויס אַ רעאַקציאָן אין דער פיזיקאַלישער וועלט; דאָס אין דער דאָזיגער נויט־ווענדיגער רעאַקציאָן פון די מענשען געגען אַנטי־סאָציאַלע האַנדלונגען פון אייצעלנע, איז בעהאַלטען די קראַפט, וועלכע האַלט אויף דעם מאָראַלישען געפיהל און די מאָראַלישע געוואוינהייטען פון די מענשליכע געזעלשאַפטען און אין דערזעלבער צייט די סאָציאַביליטעט אין אַ געוויסע זעלבסט-בעשריינקונג ביי אַלע חיות, וואָס פיהרען אַ געזעלשאַפטליכען לעבען; און דאָס אָט די קראַפט איז פיעל מעכטיגער ווי די דינים פון וואָס פאַר עס איז ניט רעליגיאָן אָ־ער פון ערגעץ אַ געזעץ-געבער. ניט בעגרייפענדיג דאָס אַלעס, איז קאָמט פשוט געוועזן געצוואונגען צו ערפינדען אַ נייע גאָטהייט — „די מענשהייט"— און אַ נייען גאָטעס־דיענסט, וועלכע זאָלען דעם מענשען שטענדיג צייגען דעם ריכטיגען וועג פון אַ מאָראַלישען לעבען.

ער האָט זיך איינפאַך ניט געקענט בעפרייען פון דעם איינפלוס פון זיין קריסטליכער ערציהונג, אַקוראַט ווי סענט סימאָן און פוריע, אָהן דעם שטענדיגען קאַמפף צווישען אַ גוטען און אַ שלעכטען פ־ינציפ, וועלכע זיינען ביידע גלייך שטאַרק אין קרעפטען, אָהן דעם גלויבען, אַז דער מענש דאַרף שטענדיג אָנקומען צו דעם פערטרעטער פון אַלעם גוטעס, כדי ער זאָל איהם געבען די נייטיגע קראַפט, אום צו בעקעמפ־פען דעם פערטרעטער פון אַלעם שלעכטעס — אָהן אַזאַ גלויבען קען דאָס קריסטענטהום איבערהויפט ניט עקזיסטירען. און קאָמט ביי וועמען די קריסטליכע אידעע איז געוועזן טיעף איינגעוואָרצעלט, האָט זיך שנעל צוריקגעקעהרט צו דער אַלטער לעהרע, ווי באַלד ער האָט געדאַרפט האַנדלען מיט דער פראַגע וועגען מאָראַליטעט און מיט די מיטלען, ווי אַזוי צו פערשטאַרקערן דעם מאָראַלישען געפיהל פון'ם מענשען. דער קולטוס פון דער מענשהייט איז פאַר איהם בלויז געוועזן דער אינסטרו־מענט, מיט וועלכען מען קען פערהיטען דעם מענשען געגען דער שענד־ליכער מאַכט פון דעם שלעכטען פרינציפ.

## V

## די ערוואכונג אין די יאהרען 1856—1862.

אָגיסט קאָמט איז דורכגעפאַלען, ויען ער האָט זיך אונטערגענומען צו שטודירען די מענשליכע אינסטיטוציאָנען און איבערהויפט, ווען ער האָט פערזוכט אויסצוגעפינען דעם אורשפרונג פון מאָראַל. אָבער מיר דאַרפען ניט פערגעסען, אַז ער האָט אָנגעשריבען זיין „פּאָזיטיווע פי־לאָזאָפיע" און זיין „פּאָזיטיווע פּאָליטיק" לאַנג בעפאָר דער פעריאָדע פון 1856—1862, אין וועלכער דער האָריזאָנט פון דער וויסענשאַפט איז מיט אַמאָל געוואָרען ברייטער אין די אַלגעמיינע בעגריפען און אַנ־שויאונגען פון דעם געבילדעטען מענשען האָבען זיך ענטוויקעלט אויף אַ געוואַלדיגען אופן.

אַ גאַנצע סעריע פון פונדאַמענטאַלע ווערק איז ערשיענען אין פער־לויף פון די דאָזיגע פינף אָדער זעקס יאָהר און האָט טהאַטזעליך גע־שאַפען אַ נייע עפּאָכע אין דער וויסענשאַפט. די דאָזיגע ווערק האָבען בעהאַנדעלט די הויפט-צווייגען פון דעם מענשליכען וויסען אויף אַ גאַנץ נייען שטייגער און האָבען פעראורזאַכט אַ גאַנצע רעוואָלוציאָן אין אונזערע אַנשויאונגען איבער דער נאַטור, איבער דאָס לעבען אין אַלגעמיין און איבער דאָס לעבען פון די מענשליכע געזעלשאַפטען; אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער וויסענשאַפט וועהרענד די לעצטע צוויי טויזענד יאָהר האָט ניט שטאַטגעפונען אַזאַ רעוואָלוציאָן.

דאָס, וואָס די ענציקלאָפּעדיסטען האָבען בלויז פאָרויסגעזעהן אין דונקעלע, אונבעשטימטע פאָרמען און וואָס איינצעלנע פון די גרעסטע גייסטער האָבען ענדליך אויסגעפונען מיט אַזוי פיעל מיה אין דער ער־שטער העלפט פון'ם 19-טען יאָהרהונדערט, איז מיט אַמאָל געוואָרען דער אייגענטליכער אינהאַלט פון אונזער אַלגעמיינעם וויסען — אַ לע־בעדיגער פאַקט, ועלכער האָט אונז געבראַכט די רייכסטע רעזולטאַטען. און דאָס אַלעס איז געוואונען געוואָרען דורך דער אַנווענדונג פון דער אינדוקטיווער וויסענשאַפטליכער מעטהאָדע אין אַ־א פולקייט און אויף אַזאַ פערשטענדליכען אופן, אַז פון דאַמאָלס אָן שיינט אונז יעדע אַנדערע מעטהאָדע צו זיין אונפאַלקאָמען, פאַלש און אָהן אַ שום צוועק.

לאָמיר זיך אַביסעל אָבשטעלען ביי די רעזולטאַטען פון יענער עפּאָכע, כדי מיר זאָלען בעסער קענען אָבשאַצען דעם צווייטען פערזוך צו שאַפען אַ סינטהעטישע פילאָזאָפיע, וועלכער איז געמאַכט געוואָרען פון הערבערט ספענסער.

אין פֿערלויף פֿון די דאָזיגע זעקס יאָהר צייט האָבען גראָוו, קלויסיוס, העלמהאָלץ, דזשאָול און אַ גאַנצע אַרמעע פֿון פֿיזיקער און אָסטראָנאָמען — אויך קירכהאָף איז געוועזן צווישען זיי, וועלכער האָט אונז געגעבען די מעגליכקייט אויסצוגעפֿינען די כעמישע צוזאַמענשטעלונג פֿון די שטערען דורך זיין וואונדערבאַרע ענטדעקונג פֿון דעם ספּעקטראַל אַנאַליז — צוברעכען דעם צאַם, וועלכער האָט די מענער פֿון דער וויסענשאַפֿט ניט ערלויבט אַריבערצוגעהן אין דאָס געביעט פֿון ווייטע גענעראַליזירונגען. אין עטליכע יאָהר צייט האָבען זיי פֿאַקטיש בעוויזען די איינהייט פֿון דער גאַנצער אונאָרגאַנישער וועלט, איינשליסענדיג די ווייטסטע שטערען — דאָס הייסט די ווייטסטע זונען מיט זייערע פּלאַנעטען.

פֿון דאַמאָלס אָן איז שוין געוועזן אונמעגליך צו רעדען לענגער פֿון יענע געהיימניספֿולע „שטראָמען“ פֿון וואַרעמקייט, עלעקטריציטעט אָדער מאַגנעטיזם, דורך וועלכע די פֿיזיקער האָבען פֿריהער ערקלערט די פֿערשידענע פֿיזיקאַלישע קרעפֿטען: איצטער איז פֿאַקטיש בעוויזען געוואָרען, דאָס אַלע פֿיזישע קרעפֿטען, אַריינרעכענענדיג ליכט, וואַרעמקייט, עלעקטריציטעט און מאַגנעטיזם, זיינען די רעזולטאַטען פֿון דיזעלבע מעכאַנישע טרייסלונגען פֿון די מאָלעקולען, וועלכע פֿעראורזאַכען די כוואַליעס אין ים און די ציטערנדע בעוועגונגען פֿון אַ גלאָק אָדער אַ שטים-גאָפּעל.

און אין דערזעלבער צייט האָט מען אויך אויסגעפֿונען די מיטלען, ווי צו מעסטען אָט די אונזעהבאַרע טרייסלונגען פֿון די מאָלעקולען, אָבצואווענגען זייער קראַפֿט, אַקוראַט ווי מיר בערעכענען די קראַפֿט פֿון אַ שטיין, וואָס פֿאַלט אַראָב, אָדער פֿון אַן אייזענבאַהן, וואָס האַלט אין פֿאָהרען.

נאָך מעהר, אין יענע אונפֿערגעסליכע יאָהרען איז זאָגאַר בעוויזען געוואָרען, אַז די ווייטסטע הימעלס-קערפּערם — אפילו די מיריאַדען זונען פֿון דער מילך-גאַס — זיינען צוזאַמענגעשטעלט פֿון דיזעלבע איינפֿאַכע שטאָפֿען אָדער עלעמענטען, וועלכע מיר געפֿינען אין אַלע קערפּערם פֿון דער ערד, און אַז דאָרטען פֿינדען שטאַט דיזעלבע טרייסלונגען פֿון די מאָלעקולען מיט דיזעלבע פֿיזישע און כעמישע רעזולטאַטען, וועלכע מיר קענען בעאָבאַכטען אויף אונזער פּלאַנעט. עס איז זאָגאַר זעהר וואַהרשיינליך, אַז די בעוועגונגען פֿון די געוואַלדיגע הימעלס-קערפּערם, וועלכע שוועבען דורך דעם אונענדליכען וועלט-רוים, פֿאָלגענדיג דעם אַלגעמיינעם געזעץ פֿון דער שווער-קראַפֿט אָדער גראַוויטאַציאָן,

איז אַליין אויך בלויז דער רעזולטאַט פֿון די דאָזיגע אונזעהבאַרע טרייסלונגען, וועלכע טראָגען זיך איבער איינע אויף די אַנדערע דורך דעם גאַנצען וועלט־רוים אויף ביליאָנען און טריליאָנען פֿון מיילען.

* * *

די דאָזיגע קאַלאָרישע און עלעקטרישע טרייסלונגען געניגען אונז, אום צו ערקלערען אַלע כעמישע ערשיינונגען. די כעמיע איז ניט מעהר ווי אַן אַנדער קאַפּיטעל פֿון די מעכאַנישע בעוועגונגען פֿון די מאָלעקולען. אפילו דאָס לעבען פֿון די פֿלאַנצונגען און חיות אין זיינע אונזעהלבאַרע מאַניפֿעסטאַציאָנען איז ניט מעהר ווי אַ שטענדיגער איבערבייט פֿון די מאָלעקולען, אָדער בעסער געזאָגט פֿון די אַטאָמען אין די מאָלעקולען אינערהאַלב דער אונגעהייער ברייטער סעריע פֿון אונבעשטענדיגע שטאָפֿען, וועלכע לאָזען זיך כעמיש זעהר לייכט אויפֿלייזען, און וועלכע שטעלען צונויף די לעבעדיגע געוועבען פֿון אַלע לעבעדיגע בעשעפֿניסען. דאָס לעבען איז ניט מעהר ווי אַ סעריע פֿון כעמישע אויפֿלייזונגען און פֿערבינדונגען אין זעהר קאָמפּליצירטע מאָלעקולען, אַ סעריע פֿון גערונגס־ערשיינונגען, וועלכע ווערען אַרויסגערופֿען דורך כעמישע, אונאָרגאַנישע גערונגס־שטאָפֿען.

אין דערזעלבער קורצער פּעריאָדע האָט מען זאָגאַר אויסגעפֿונען (אין 1900—1890 האָט מען געבראַכט מעהרער בעווייזען פֿאַר דער דאָזיגער ענטדעקונג), אַז דער פּראָצעס פֿון'ם לעבען אין די קעמערלאַך פֿון'ם נערווען־סיסטעם בעשטעהט אויך בלויז פֿון כעמישע פֿערענדערונגען פֿון די מאָלעקולען אין די לעבעדיגע נערווען־צעלען, און דאָס די איבערטראָגונג פֿון די מאָלעקולאַרע טרייסלונגען פֿון איין נערווען־קעמערל אויף די אַנדערע און די כעמישע פֿערענדערונגען גיבען אונז אַ מעכאַנישע ערקלערונג מכח דעם נערווען־לעבען פֿון די חיות און וועגען דער איבערטראָגונג פֿון געוויסע עמפּפֿינדונגען ביי די פֿלאַנצונגען.

דער רעזולטאַט פֿון די אַלע אונטערזוכונגען איז געווען אַ געוואַלדיגער. צו דאַנקען די דאָזיגע אונטערזוכונגען קענען מיר היינט פֿערשטעהען, ווי אַזוי עס ענטשטעהען ביי אונז אין מוח בילדער און איינדריקע און קריצען זיך איין דאָרטען; ווי אַזוי זיי ווירקען איינע אויף די אַנדערע און אויף וואָס פֿאַר אַן אופן זיי פּראָדוצירען ביי אונז אידעען און בעגריפֿען. דאָס אַלעס קענען מיר פֿערשטעהען, ניט אָבטרעטענדיג פֿאַר אַ מאָמענט פֿון דעם געביעט פֿון די ריין פֿיזיאָלאָגישע טהאַטזאַכען. מיר קענען זאָגאַר פֿערשטעהען די זאָגענאַנטע „אידעען פֿערבינדונגען", דאָס הייסט ווי אַזוי אַ נייער איינדרוק קען צוריק אויפֿלעבען אַן אַלטען.

אויף אַזאַ שטייגער האָט זיך אונז איינגעגעבען צו וואַרפֿען אַ בליק אויף דעם אייגענטליכען מעכאַניזם פֿון דעם געדאַנק.

* * *

עס פֿערשטעהט זיך, אַז אונזער וויסען איז נאָך זעהר בעשריינקט אין דיזער היגזיכט. די וויסענשאַפֿט האָט זיך קוים וואָס בעפֿרייט פֿון דער מעטאַפֿיזיק, וועלכע האָט איהר געשטיקט און געדריקט פֿאַר הונדערטער יאָהרען, און מיר האָבען ערשט געמאַכט די ערשטע פֿאַרטריט אַריבער דעם גרענעץ אין דאָס גרויסע געביעט פֿון דער פֿיזישער פּסיכאָלאָגיע. אָבער אַן אָנפֿאַנג איז געמאַכט געוואָרען און מען האָט אַוועקגעלייגט אַ געזונדען פֿונדאַמענט פֿאַר ווייטערדיגע אונטערזוכונגען. דער אַמאָליגער אונטערשיעד צווישען בעזונדערע געביעטען, וועלכען דער דייטשער פֿילאָזאָף קאַנט האָט פֿערזוכט פֿעסטצושטעלען — דעם געביעט פֿון די ערשיינונגען, וועלכע מיר קענען אונטערזוכען אין „צייט און רוים" (דער געביעט פֿון די פֿיזישע ערשיינונגען), און דעם געביעט פֿון די ערשיינונגען, וועלכע מיר קענען בלויז אונטערזוכען „אין צייט" (דער געביעט פֿון די גייסטיגע ערשיינונגען) — מוז היינט פֿערשווינדען. וואָס אָנבעלאַנגט די פֿראַגע פֿון דעם מאַטעריאַליסטישען רוסישען פֿיזיאָלאָג, פּראָפֿעסאָר סיעטשענאָוו: „צו וואָס פֿאַר אַ געביעט בעלאַנגט די פּסיכאָלאָגיע, און ווער דאַרף איהר שטודירען?" האָט די וויסענשאַפֿט איהר שוין פֿערענטפֿערט: „די פּסיכאָלאָגיע איז אַ צווייג פֿון פֿיזיאָלאָגיע, און דער פֿיזיאָלאָג דאַרף איהר שטודירען מיט דער הילפֿע פֿון דער פֿיזיאָלאָגישער מעטהאָדע". עס איז אַ פֿאַקט, אַז די לעצטע אונטערזוכונגען פֿון די פֿיזיאָלאָגען האָבען געוואָרפֿען פֿיעל מעהר ליכט אויף דעם מעכאַניזם פֿון דעם געדאַנק, אויף דער ענטשטעהונג פֿון די איינדריקע און די אַרט און ווייזע ווי זיי פֿערפֿעסטיגען זיך אין מוח, ווי די אַלע פֿיינע און ביטרע דעפֿינאַציאָנען און דיסקוסיאָנען, מיט וועלכע די מעטאַפֿיזיקער האָבען אונז געבענטשט פֿאַר הונדערטער און הונדערטער יאָהרען.

אויף אַזאַ שטייגער איז די מעטאַפֿיזיק בעזיעגט געוואָרען אין איהר וויכטיגסטער פֿעסטונג, וועלכע האָט פֿריהער פֿאָלשטענדיג בעלאַנגט צו איהר. די מאַטעריאַליסטישע פֿילאָזאָפֿיע האָט פֿערכאַפּט דאָס פֿעלד פֿון דער פּסיכאָלאָגיע, וואו די מעטאַפֿיזיקער זיינען זיכער געווען, אַז זיי וועלען קיינמאָל ניט בעזיעגט ווערען, און דאָס איז די אורזאַכע, וואַרום אונזערע קענטניסע אויף דעם דאָזיגען געביעט האָבען זיך פֿערמעהרט מיט אַזאַ שנעלקייט, פֿון וועלכע מען האָט פֿריהער ניט געוואוסט.

* * *

אָבער צווישען די אַלע ווערק, וועלכע זיינען ערשיענען אין די פֿריהער דערמאָהנטע פֿינף אָדער זעקס יאָהר, איז ניט געווען קיין בוך, וואָס האָט געהאַט אַזאַ טיפֿע און מעכטיגע ווירקונג ווי דאַרווין'ס „ענטשטעהונג פֿון די מינים".

שוין אין 18־טען יאָהרהונדערט האָט ביפֿאָן זיך דערוועגט צו ערקלערען, אַז די פֿערשידענע מינים פֿון פֿלאַנצונגען און חיות, וועלכע לעבען אויף דער ערד, שטעלען ניט פֿאָר מיט זיך קיין פֿעסטע און בעשטימטע פֿאָרמען — אַ בעהויפּטונג, מיט וועלכער לאַמאַרק איז שפּעטער אויך אַרויסגעטראָטען אין די ערשטע יאָהרען פֿון'ם 19־טען יאָהרהונדערט. די ביידע פֿראַנצויזישע נאַטור־פֿאָרשער האָבען ערקלערט, דאָס אַלע עקזיסטירענדע מינים פֿון פֿלאַנצונגען און חיות זיינען פֿערענדערליך און האַלטען זיך אין איין פֿערענדערן אונטער דעם איינפֿלוס פֿון די אומשטענדען, וואָס רינגלען זיי אַרום. זיי האָבען ערקלערט, אַז די פֿאַמיליען־עהנליכקייט, וועלכע עס בעמערקט זיך ביי פֿערשידענע מינים פֿון אַ בעזונדערער גרופּע, איז אַ בעוויז, אַז די דאָזיגע מינים האָבען אַ געמיינשאַפֿטליכע אָבשטאַמונג און געמיינשאַפֿטליכע אור־עלטערן. אויף אַזאַ אופן מוזען אַלע פֿערשידענע סאָרטען בוטער־בלומען, וועלכע מיר געפֿינען אויף אונזערע לאָנקעס און אין זומפּיגע געגענדען, זיך ענטוויקעלט האָבען פֿון דעמזעלביגען געמיינשאַפֿטליכען אור־שטאַם. זייער איצטיגע פֿערשידענהייט לאָזט זיך דערמיט ערקלעהרען, וואָס זיי האָבען זיך שפּעטער ענטוויקעלט אונטער בעזונדערע בעדינגונגען און האָבען זיך צוגעפּאַסט צו זייער אומגעבונג. דאָס זעלבע איז אויך געווען דער פֿאַל מיט די היינטיגע מינים פֿון וואָלף, הונד, שאַקאַל, פֿוקס; זיי האָבען פֿריהער ניט עקזיסטירט, און אויף זייער פּלאַץ איז געווען אַ געוויסער מין פֿון חיות, פֿון וועלכע עס זיינען שפּעטער אַרויסגעוואַקסען, צוליעב דיזעלבע אומשטענדען די פֿערשידענע מינים פֿון וועלף, הינט, שאַקאַלען און פֿוקסען.

אָבער אין 18 טען יאָהרהונדערט איז געווען געפֿעהרליך צו פֿערטהיידיגען אַזעלכע אפיקורסות. די קירכע האָט ביפֿאָן'ן געסטראַשעט פֿאַר אַ פֿיעל קלענערע זאַך און איהם געצוואונגען צו ציהען צוריק זיינע בעהויפּטונגען וועגען דער געאָלאָגישער ענטוויקלונג פֿון דער ערד. אין יענער צייט איז די קירכע נאָך זעהר מעכטיג געווען, און דעם נאַטור־פֿאָרשער, וועלכער האָט זיך דערוועגט צו פֿערטרעטען אַזעלכע לעהרען, וואָס זיינען ניט געווען אין איינקלאַנג מיט איהרע לעהרען, האָט זי געסטראַשעט מיט'ן געפֿענגניס, מאַרטערנים אָדער מיט'ן דול־הויז. דאָס איז טאַקע די אורזאַכע, וואָרום די „אפיקורסים" זיינען געווען אַזוי

פאַרזיכטיג מיט זייערע ווערטער אין דעם ערשטען העלפט פון'ם 19טען יאָהר-הונדערט. אָבער אין דעם צווייטען העלפט פון דעם פערגאַנגענעם יאָהר-הונדערט, נאָך די רעוואָלוציאָנען פון 1848, זיינען דאַרווין און וואַליים מוטהיג אַרויסגעטראָטען מיט דערזעלבער אפיקורסישער לעהרע; דאַרווין האָט זאָגאַר געהאַט דעם מוטה צו בעהויפטען, אַז דער מענש גופא איז נים מעהר ווי דער פראָדוקט פון אַ לאַנגער פיזיאָלאָגישער ענטוויקלונג; אַז ער שטאַמט אָב פון אַ מין, פון וועמען דער מענש און די היינט עקזיסטירענדע אַפען זיינען אַרויסגעוואַקסען, און דאָס דער „אונשטערב-ליכער גייסט" און דער „מאָראַלישער געפיהל" פון'ם מענשען האָבען זיך ענטוויקעלט אויף דעמזעלביגען שטייגער ווי די אינטעליגענץ און די סאָציאַלע אינסטינקטען פון אַ שימפּאַנז אָדער אַ מוראַשקע.

מיר ווייסען, וואָס פאַר אַ שטורם פון האַס און עמפּערונג די פאַר-שטעהער פון דער קירכע האָבען אויפגעהויבען געגען דאַרווין און הויפטזעכליך געגען זיין מוטהיגען, געלערנטען און אינטעליגענטען תלמיד האָקסלי, וועלכער האָט פונקט בעטאָנט די זייטען פון דאַרווין'ם לעהרע, וואָס האָבען אַם מייסטען אויפגערעגט די פריעסטער פון אַלע רעליגיאָנען.

דער קאַמפּף איז געווען הייס, אָבער די דאַרוויניסטען זיינען צולעצט פערבליבען די זיעגער. פון דאַמאָלס אָן האָט זיך ענטוויקעלט אַ נייע וויסענשאַפט פאַר אונזערע אויגען — די ביאָלאָגיע, די וויסענשאַפט פון'ם לעבען און זיינע אַלע מאַניפעסטאַציאָנען. דער אורשפּרונג פון אַלע מינים דורך געמיינשאַפטליכע אָבשטאַמונג ווערט היינט אָנערקענט אַלס אַן אונבעשטרייטבאַרער פאַקט. צווישען די גלחים גופא געפינען זיך אייניגע, וועלכע אָנערקענען די נייע לעהרע און גיבען זיך מיה צו פער-אייניגען די טהעאָריע פון ענטוויקלונג מיט דער אָפענבאַרונג פון'ם עוואַנגעליום.

* * *

דאַרווין'ם ווערק האָט אונז אין דערזעלבער צייט געגעבען אַ שלי-סעל און אַ נייע מעטהאָדע פון אונטערזוכונג פאַר פיעלע אַנדערע ער-שיינונגען, ווי צ.ב.ש. פאַר דעם לעבען פון דער פיזישער מאַטעריע, פאַר דעם לעבען פון די אָרגאַניזמען און פאַר דעם לעבען און ענטוויקלונג פון געזעלשאַפטען. די אידעע פון אַ שטענדיגער ענטוויקלונג — פון אַ פּראָגרעסיווער עוואָלוציאָן און אַ גראַדענוווייזער צופּאַסונג פון די וועזענס און געזעלשאַפטען צו נייע בעדינגונגען, פּראָפּאָרציאָנעל מיט דער מאָ-דיפיצירונג פון די דאָזיגע בעדינגונגען — אָט די אידעע האָט געפונען אַ פיעל ברייטערען אַרבייטס-פעלד ווי די איינפאַכע ערקלערונג ווענען

דעם אורשפרונג פֿון נייע מינים. ווען מען האָט זיך בענוצט מיט דער נייער מעטהאָדע, אום צו שטודירען די אַלגעמיינע נאַטור ווי אויך דאָס לעבען פֿון׳ם מענשען און פֿון די געזעלשאַפֿטליכע איינריכטונגען, האָט זיך אויפֿגעעפֿענט פֿאַר אונז אַ גאַנץ נייער האָריזאָנט, און מיר זיינען מיט אַמאָל געווען אימשטאַנד צו ערקלערען זיך איינינע פֿון די שווערסטע פּראָבלעמען אויף אַלע געביעטען פֿון׳ם מענשליכען וויסען. נעהמענדיג דעם דאָזיגען פּרינציפּ פֿון אונטערזוכונג, מיט זיינע רייכע קאָנסעקווענצען פֿאַר אַ באַזיס, איז ניט בלויז מעגליך געווען פֿאַר אונז צוריק צונויפֿצו־שטעלען די גאַנצע ענטוויקלונגס־געשיכטע פֿון די אָרגאַניזמען, נאָר מיר האָבען אויך געהאַט אַ מעגליכקייט צוריק צונויפֿצושטעלען די געשיכטע פֿון די מענשליכע אינסטיטוציאָנען.

אויף אַזאַ אופן איז ענטשטאַנען די ביאָלאָגיע, מיט וועמענס הילפֿע הערבערט ספּענסער האָט אונז געצייגט, ווי אַזוי די אונצעהלבאַרע מינים אין דער וועלט פֿון די חיות און פֿלאַנצונגען זיינען אימשטאַנד געווען זיך צו ענטוויקלען, אַרויסװאַקסענדיג פֿון עטליכע גאַנץ איינפֿאַכע אָר־גאַניזמען, וועלכע האָבען פֿון אָנהויב אָן עקזיסטירט אויף דער ערד; און הֶעקעל האָט געהאַט די מעגליכקייט אויסצואַרבייטען אַ וואַהר־שיינליכען אָבשטאַמונגס־פּלאַן פֿון די פֿערשידענע סאָרטען חיות, אין וועלכען אויך דער מענש איז געווען איינגעשלאָסען. דאָס אַליין איז שוין געווען אַ גרויסער ערפֿאָלג; אָבער די נייע מעטהאָדע האָט אונז אויך געגעבען אַ מעגליכקייט אַוועקצולעגען אַ פֿעסטען וויסענשאַפֿטליכען פֿונ־דאַמענט פֿאַר דער געשיכטע פֿון די מענשליכע מנהגים, געוואוינהייטען, רעליגיאָנען און אינסטיטוציאָנען — אַ וויסענשאַפֿט, פֿון וועלכער די פֿי־לאָזאָפֿען פֿון׳ם 18־טען יאָהרהונדערט האָבען נאָך ניט געוואוסט און וועלכע האָט אויך פֿאַר אָגיסט קאָמט נאָך ניט עקזיסטירט. היינט זיינען מיר אימשטאַנד אָנצושרייבען די געשיכטע פֿון די מענשליכע געזעלשאַפֿ־טען, אינסטיטוציאָנען און רעליגיאָנען מיט דער הילפֿע פֿון דער ענטוויק־לונגס־טהעאָריע, און עס בעשטעהט ניט קיין שום נויטווענדיגקייט צו בענוצען זיך מיט די מעטאַפֿיזישע פֿאָרמולען פֿון העגעל, מיט די „איינ־געבוירענע אידעען”, מיט הימלישע אָפֿענבאַרונגען אָדער מיט קאַנט׳ס „סובסטאַנצען”. מיר נייטיגען זיך ניט מעהר אין די אַלע פּוסטע פֿאָרמולען, וועלכע האָבען ניט קיין שום בעדייטונג פֿאַר דער אמת׳ער וויסענשאַפֿט־ליכער פֿאָרשונג און אונטער וועלכע עס פֿלעגען זיך שטענדיג בעהאַלטען די אַלטע אונוויסענהייט, דער אַלטער אַבערגלויבען, דערזועלבער בלינדער פֿאָראורטהייל איז דער פֿאָרם פֿון קלינגענדע ווערטער.

צו דאַנקען דער אונערמידליכער אַרבייט פֿון די נאַטור-פֿאָרשער פֿון איין זייט און דער טהעטיגקייט פֿון העגרי מעין און זיינע נאָכ-פֿאָלגער פֿון דער אַנדערער זייט, וועלכע האָבען זיך בענוצט מיט דער-זעלבער אינדוקטיווער מעטהאָדע פֿאַר דעם שטודיום פֿון די פרימיטיווע אינסטיטוציאָנען און די געזעצע, וועלכע האָבען זיך ענטוויקעלט פֿון די ערשטע, זיינען מיר געווען אימשטאַנד, וועהרענד די לעצטע דרייסיג יאָהר, אַוועקצושטעלען די געשיכטע פֿון די מענשליכע אינסטיטוציאָנען אויף אַזאַ פֿעסטען באַזיס ווי די ענטוויקלונגס-געשיכטע פֿון וואָס פֿאַר עס איז ניט מין אין דער וועלט פֿון די פֿלאַנצונגען און חיות.

* * *

עס וואָלט, פֿערשטעהט זיך, געווען אונגערעכט צו איגנאָרירען די אַרבייט, וועלכע איז אין דיזער בעציהונג שוין אויפֿגעטהאָן געוואָרען אין די 30-גער יאָהרען פֿון דעם פֿערגאַנגענעם יאָהרהונדערט פֿון דער שולע פֿון אָגיסטען טהיעררי אין פֿראַנקרייך, פֿון מוירער און די „גער-מאַניסטען" אין דייטשלאַנד און שפּעטער אין רוסלאַנד פֿון קאָסטאָמאַראָוו, ביעלאַיעוו און פֿיעלע אַנדערע פֿון זייערע נאָכפֿאָלגער. עס איז וואָהר, אַז די ענציקלאָפּעדיסטען האָבען זיך שוין בענוצט מיט דעם ענטוויקלונגס-פּרינציפּ, ווען זיי האָבען שטודירט די מענשליכע געוואוינהייטען און אינסטיטוציאָנען אָדער די פֿערשידענע שפּראַכען. אָבער די דאָזיגע טהע-אָריע האָט ערשט דאַן געקענט פֿיהרען צו ריכטיגע און וויסענשאַפֿטליכע רעזולטאַטען, נאָך דעם ווי די מענער פֿון דער וויסענשאַפֿט האָבען זיך אויסגעלערנט צו האַנדלען מיט די פֿאַקטען פֿון דער געשיכטע אויף דעמזעלביגען שטייגער, ווי אַ נאַטור-פֿאָרשער, שטודירענדיג די גראַדועג-וויזע ענטוויקלונג פֿון די אָרגאַנען פֿון אַ פֿלאַנצונג אָדער פֿון אַ נייען מין.

ס'איז געווען אַ צייט, ווען די מעטאַפֿיזישע פֿאָרמולען האָבען געהאָל-פֿען דעם דיינקער אויסצואַרבייטען געוויסע אַלגעמיינע שליסע. עס איז אויך קיין צווייפֿעל ניט, אַז זיי האָבען מיטגעהאָלפֿען אויפֿוועקען די פֿאַ-סיווע קראַפֿט פֿון דעם געדאַנק, און מיט זייערע אָפֿטמאָל פֿאָעטישע בעשרייבונגען האָבען זיי ערוועקט אין די מוחות די אידעע פֿון אַן אינער-ליכער איינהייט פֿון דער גאַנצער נאַטור און פֿון אַ לעבען אָהן אַ סוף. אין אַ צייט, ווען די רעאַקציאָן האָט איבעראַל טריאומפֿירט, ווי עס איז דער פֿאַל געווען אין דער ערשטער פעריאָדע פֿון'ם 19-טען יאָהרהונ-דערט, אין אַ צייט, ווען די אינדוקטיווע גענעראַליזירונגען פֿון די ענצי-קלאָפּעדיסטען און פֿון זייערע שאָטישע און ענגלישע פֿאָרגענגער זיינען כמעט ווי פֿערגעסען געוואָרען, און ווען עס וואָלט זיך געפֿאָדערט אַ גרויסער

מאָראַלישער מוטה צו ריידען מכח דער איינהייט פון דער פיזישער און „גייסטיגער" נאַטור און דערמיט אַרויסצורופען די אָפּאָזיציאָן פון דעם טריאומפירענדען מיסטיציזם — אין אַזאַ פינסטערער צייט האָבען די פּאָעט׳שע אַנשויאונגען פון געוויסע פראַנצויזישע דיינקער און די נעבעל־דיגע מעטאַפיזיק פון די דייטשען אַם וויינינגסטענס אויפגעהאַלטען דעם זין און געשמאַק פאַר גענעראַליזירונגען און אַלגעמיינע שליסע.

אָבער די גענעראַליזירונגען פון יענער צייט — צי זיי זיינען געוואונען געוואָרען דורך דער דיאַלעקטישער מעטהאָדע, צי מיט דער הילפע פון אַ האַלב-בעוואוסטער אינדוקציאָן — זיינען, צוליעב זייער אורשפרונג, מורא׳דיג אונבעשטימט געווען. די ערשטע, די דיאַלעקטישע גענעראַלי־זירונגען, האָבען זיך מייסטענטהיילס געגרינדעט אויף נאַאיווע בעהויפּטונגען, עהנליך צו די פון די אַלטע גריעכען, וועלכע האָבען פערזוכט צו בעווייזען, אַז די פּלאַנעטען בעוועגען זיך אין דער פאָרם פון אַ קרייז, דערפאַר וואָס דער קרייז שטעלט פאַר מיט זיך די פאָלקאָמענסטע גע־בויגענע ליניע. ווען די מענשען האָבען ניט דערקענט אויף דעם ערשטען בליק דעם נאַאיווען כאַראַקטער פון אַזעלכע בעהויפּטונגען און דעם אַב־סאָלוטען מאַנגעל אין בעווייזען, איז עס געווען דערפאַר, ווייל דאָס אַלעס איז בעהאַלטען געווען אונטער דעם שלייער פון אונבעשטימטע, נעבעל־דיגע ווערטער און פון אַ דונקלען, גראָטעסקען און שווערען סטיל פון שרייבען. וואָס אָנבעלאַנגט די אַנדערע, דאָס הייסט די יעניגע גענעראַ־ליזירונגען, וועלכע זיינען געווען דער רעזולטאַט פון אַ האַלב-בעוואוסטער אינדוקציאָן, זיינען זיי שטענדיג מורא׳דיג בעשריינקט געווען אין זייערע בעאָבאַכטונגען, ווי צ.ב.ש די האַסטיגע אַלגעמיינע שליסע פון ווייסמאַן, וועלכע האָבען זיך געגרינדעט אויף אַ זעהר שמאָלען באַזיס פון וויר־ליכע טהאַטזאַכען און וועלכע האָבען ניט לאַנג צוריק אַרויסגערופען אַ געוויסע איבעררעשונג ביי אונזערע היינטיגע ביאָלאָגען. דער ווערטה פון אַזעלכע היפּאָטעטישע גענעראַליזירונגען אויף דעם באַזיס פון אַ האַלב־בעוואוסטער אינדוקציאָן איז זעהר לייכט איבערטריבען געוואָרען; מען האָט געמאַכט פון זיי אונפערענדערליכע געזעצע, ווערענד אין דער ווירקליכקייט זיינען עס בלויז געווען היפּאָטעזען, אָנגענומענע בעהויפּטונגען אָדער גאַנץ פּרימיטיווע ענטוויקעלטע גענעראַליזירונגען, וועלכע ויינען נאָך ניט בעשטעטיגט געוואָרען דורך די עלעמענטאַרסטע פאַקטען.

אויסערדעם האָבען די דאָזיגע אַלגעמיינע שליסע און גענעראַליזי־רונגען געפונען אַזאַ אונבעשטימטען, אַבסטראַקטען און נעבעלדיגען אויס־דרוק, ווי צ.ב.ש. די בעריהמטע טהעזיס, אַנטי־טהעזיס און סינטהעזיס

פֿון העגעל, אַז יעדער איינציגער האָט דערפֿון געקענט אַרויסנעהמען, וואָס עס האָט זיך איהם פֿערגלוסט, ווי באַלד נאָר עס האָט זיך געהאַנדעלט צו ציהען פּראַקטישע שליסע. און דאָס איז טאַקע געווען דערפֿאַל: מיט דער דאָזיגער טהעאָריע האָט מען בעגרינדעט דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט פֿון באַקונין אין די מאַי־רעוואָלוציאָן פֿון דרעסדען, דעם רעוואָלוציאָנערען יאַקאָבּיניזם פֿון קאַרל מאַרקס און די לעהרע מכח דער „אַנערקענונג פֿון דעם וואָס עקזיסטירט", און וועלכע איז געווען די אורזאַכע, וואָס אַזוי פֿיעל פֿון דעם „רעכטען פֿליגעל" פֿון די העגעליאַנער האָבּען געמאַכט „שלום מיט דער ווירקליכקייט" און פֿערהערליכט די אויטאָקראַטיע. עס איז ניט נייטיג צו דערמאָהנען דאָ די עקאָנאָמישע טעות'ן, אין וועלכע די מאַרקסיסטען זיינען קירצליך אַריינגעפֿאַלען, צו דאַנקען זייער אַלטער ליעבּע צו דער דיאַלעקטישער מעטהאָדע און דער עקאָנאָמישער מעטאַפֿיזיק, וועלכע לאָזט זיך פֿאַר קיין פֿאַל ניט פֿעראייניגען מיט דעם שטודיום, מיט די אמת'ע פֿאַקטען פֿון'ם עקאָנאָמישע לעבּען.

VI

## הערבערט ספּענסער'ס סינטהעטישע פֿילאָזאָפֿיע.

נאָכדעם ווי מען האָט אָנגעהויבּען אָנצואווענדען אין דער אַנטהראָפּאָלאָגיע דיזעלבּע מעטהאָדען, מיט וועלכע די פֿאָרשער בענוצען זיך אין אַלע אַנדערע נאַטור וויסענשאַפֿטען, האָבּען מיר ענדליך געהאַט אַ מעגליכקייט צו דערקענען די הויפּט-ליניעס פֿון דער מענשליכער געשיכטע און אויפֿקצומאַכען מיט אַלע מעטאַפֿיזישע פֿאָרשטעלונגען, וועלכע זיינען פֿאַר דעם שטודיום פֿון דער געשיכטע פּונקט אַזאַ גרויסער אָבּהאַלט געווען, ווי די טראַדיציאָנען פֿון דער ביבעל פֿאַר דעם פּראָגרעס פֿון געאָלאָגיע.

אָט דער־פֿאַר האָט מען אייגענטליך געמעגט עריוואַרטען, אַז הערבערט ספּענסער, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען אין דער צווייטער העלפֿט פֿון'ם 19־טען יאָהרהונדערט צונויפֿצושטעלען אַ סינטהעטישע פֿילאָזאָפֿיע, זאָל ניט ווייטער מאַכען דיזעלבּע טעותים, וועלכע זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער „פּאָזיטיווער פּאָליטיק" פֿון אָגיסט קאָמט. און דאָך

איז דאָס ביי איהם געווען דער פֿאַל. עס איז גאָר קיין צווייפֿעל ניט, אַז ספּענסער׳ס „סינטהעטישע פֿילאָזאָפֿיע" איז געווען אַ גרויסער שריט פֿאָרווערטס, דערפֿאַר וואָס זי פֿיהרט אונז ניט צו אַ נייער רעליגיאָן אָדער צו אַ נייער פֿאָרם פֿון גאָטעס-פֿערעהרונג; פֿונדעסטוועגען ענט־האַלט אָבער דער סאָציאָלאָגישער טהייל פֿון זיין ווערק אַזעלכע מורא׳דיגע טעיתים, וועלכע פֿיהרען צו דיזעלבע פֿאַלשע שליסע, ווי קאָמט׳ס פּאָזיטיווע פֿילאָזאָפֿיע.

עס איז אַ פֿאַקט, אַז ווען ספּענסער האָט זיך בעשעפֿטיגט מיט דער פּסיכאָלאָגיע פֿון די מענשליכע געזעלשאַפֿטען — נאָכדעם ווי ער האָט פֿריהער אַזוי וואונדערבאַר ערקלערט דעם אינהאַלט פֿון אונזערע קענטניסע אין די פֿיזישע וויסענשאַפֿטען, אין דער ביאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע — איז ער מעהר ניט געווען געטריי צו זיין שטרייננגער וויסענשאַפֿטליכער מעטהאָדע; ער האָט פּשוט מורא געהאַט פֿאַר די קאָנזעקווענצען, צו וועלכע די דאָזיגע מעטהאָדע וואָלט איהם אונפֿערמיידליך געמוזט פֿיהרען. איין ביישפּיעל איז גענוג צו בעווייזען די ריכטיגקייט פֿון אונזער בעהויפּטונג: ספּענסער האָט פֿאָלשטענדיג אָנערקענט, אַז די ערד וואָלט ניט געדאַרפֿט זיין דער פּריוואַט-אייגענטהום פֿון איינצעלנע; דערפֿאַר וויל דער גרונד-בעזיצער, שטיצענדיג זיך אויף זיין רעכט צו פֿערהעכערן די גרונד-שטייער, קען דורך דעם פֿערהינדערן זיינע מיטמענשען אַרויסצוציהען פֿון דער ערד אַלעס, וואָס זיי וואָלטען געקענט אַרויסקריגען דורך אינטענסיווע קולטיווירונג; אָדער דערפֿאַר ווייל ער קען זיין לאַנד אין גאַנצען לאָזען אונבעאַרבייט און אָבוואַרטען ביז וואַנען דער ווערטה דערפֿון פֿערהעכערט זיך, צו דאַנקען דער אַרבייט פֿון אַנדערע מענשען, וועלכע וואוינען אַרום איהם. ספּענסער האָט פֿאָלקאָמען אָנערקענט, דאָס אַזאַ סיסטעם איז שעדליך פֿאַר דער געזעלשאַפֿט און אַ גרויסע געפֿאַהר. אָבער ער האָט ניט געוואַגט צו בענוצען זיך מיט דעמזעלביגען אַרגומענט אין בעצוג צו אַלע אַנדערע אָנגעקליבענע רייכטהימער, ווי צ.ב.ש. די קוילען-גריבער אָדער די דאָקס, שוין ניט ריידענדיג פֿון די ווערקשטאַטען און פֿאַבריקען. וואָס אָנבעלאַנגט נאַטור-וויסענשאַפֿטליכע פֿראַגען, האָט ער זיך ניט אָבגעשראָקען צו פֿערטרעטען אַזעלכע מיינונגען, וועלכע זיינען אַבסאָלוט אַנטקעגענגעזעצט געווען צו די אַלגעמיינע אַנשויאונגען, וואָס האָבען עקזיסטירט פֿאַר הונדערטער און הונדערטער יאָהרען אונטער דעם איינפֿלוס פֿון רעליגיעזע פֿאָרשטעלונגען. אָבער אין דער סאָציאָלאָגיע האָט ער ניט געהאַט דעם מוטה צו אָנערקענען די לאָגישע שליסע פֿון זיינע אייגענע אַרגומענטען.

נאָך אַ ביישפּיעל, וועלכער איז העכסט כאַראַקטעריסטיש. ספּענסער האָט מוטהיג אויפגעהויבען זיין שטימע געגען דער אַריינמישונג פון דעם שטאַאַט אין דעם לעבען פון דער געזעלשאַפט; ער האָט זאָגאַר איינעם פון זיינע ווערק געגעבען אַ טיטעל, וועלכער פערקערפערט מיט זיך אַ גאַנצען רעוואָלוציאָנערען פּראָגראַם: „דער מענש געגען דעם שטאַאַט". אָבער ביסלעכווייז האָט ער דעם גאַנצען היינטיגען שטאַאַט ווידער צוריק אויפגעבויט, אַזוי ווי ער געהט און שטעהט, אום צו ראַטעווען זיין פונקציאָן אַלס אַ בעשיצער און פּראָטעקטאָר פון דער געזעלשאַפט, און האָט זיך בעגנוגענט מיט עטליכע שוואַכע בעשריינקונגען.

* * *

די אויבען דערמאָהנטע ווידערשפּריכע און פיעלע אַנדערע וואָלט מען געקענט ערקלערען דורך דעם, וואָס ספּענסער האָט אויסגעאַרבייט דעם סאָציאָלאָגישען טהייל פון זיין פילאָזאָפיע אונטער דעם איינפלוס פון דער ראַדיקאַלער בעוועגונג אין ענגלאַנד אין די 40ער יאָהרען, לאַנג בעפאָר ער האָט אָנגעשריעבען דעם טהייל, וועלכער האַנדעלט מיט די נאַטור-וויסענשאַפטען. דער פאַקט איז, אַז ער האָט אָנגעשריעבען זיין „סאָציאַלע סטאַטיק" אין 1851, ד.ה. אַלזאָ אין אַ צייט, ווען דער אַנטהראָפּאָלאָגישער שטודיום פון די מענשליכע אינסטיטוציאָנען איז נאָך געווען אין זיינע קינדער-יאָהרען. נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זיין, דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ספּענסער — אַקוראַט ווי קאָמט — האָט זיך ניט געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו שטודירען די מענשליכע אינסטיטוציאָנען אַלס אַ נאַטור-פאָרשער, אָהן אַ וואָס פאַר עס איז ניט אין פאָראויס בעשטימטע מיינונג.

נאָך מעהר: ווי באַלד ער איז צוגעקומען צו דער פילאָזאָפיע פון דער געזעלשאַפט, ד.ה. צו דער סאָציאָלאָגיע, האָט ער אָנגעהויבען צו בענוצען זיך מיט אַ נייער מעטהאָדע און נאָך דערצו מיט אַזאַ מעטהאָדע, וועלכע בעגינסטיגט די ערגסטע טעותים — מיט דער מעטהאָדע פון אַנאַלאָגיע פערגלייכונגען, מיט וועלכע ער האָט זיך קיינמאָל ניט בענוצט אין זיין שטודיום פון די פאַקטען פון דער פיזישער נאַטור. די פאָלגע איז געווען, אַז די דאָזיגע מעטהאָדע האָט איהם ערלויבט צו רעכט-פערטיגען אַ מאַסע אין פאָראויסבעשטימטע אידעען. אָט דערפאַר האָבען מיר נאָך ביז היינט ניט קיין סינטהעטישע פילאָזאָפיע, וועלכע גרינדעט איהרע ביידע הויפּט-טהיילען, די נאַטור-וויסענשאַפטען און די סאָציאָלאָגיע, אויף דעמזעלביגען באַזיס און דיזעלבע מעטהאָדען.

עס איז אויך נייטווענדיג צו ערקלערען, אַז ספּענסער איז פֿאַר קיין פֿאַל ניט געווען דער געאייגענטער מאַן צו פֿערשטעהען די פּרימיטיווע אינסטיטוציאָנען פֿון די ווילדע, וועלכע שטעלען פֿאַר מיט זיך אַ בע־דייטענדען טהייל פֿון דער גאַנצער סאָציאָלאָגיע. די אונפֿעהיגקייט צו קענען פֿערשטעהען די מאָראַל אַנשויאונגען און מנהגים פֿון אַנדערע נאַציאָנען, וועלכע כאַראַקטעריזירט די ענגלענדער אין אַלגעמיין, איז ביי ספּענסער נאָך מעהר ענטוויקעלט געווען ווי ביי די מייסטע פֿון זיינע לאַנדסלייט. — „מיר ענגלענדער זיינען מענשען פֿון דעם רוימישען רעכט; די אירלענדער זיינען אַ פֿאָלק פֿון דעם געוואוינהייטס־רעכט — אָט דעריבער קענען מיר זיך ניט פֿערשטעהען איינע די אַנדערע". אַזוי האָט דזשיימס נאָולס, אַ זעהר אינטעליגענטער און העכסט געבילדעטער מאַן, אַמאָל געזאָגט צו מיר. — די שוועריגקייט ווערט נאָך פֿיעל גרעסער, ווען אַן ענגלענדער דאַרף האַנדלען מיט אַזעלכע מענשען, וועלכע מען שטעלט פֿאַר אַלס די „נידעריגערע ראַסען". און דאָס איז טאַקע דער פֿאַל געווען מיט ספּענסער. ער איז פֿאַר קיין פֿאַל ניט פֿעהיג געווען צו פֿערשטעהען דעם רעספּעקט פֿון דעם ווילדען צו זיין שטאַם אָדער צו די איינריכטונגען און רעכטס־אַנשויאונגען פֿון זיין שטאַם; ער האָט ניט געקענט פֿע־שטעהען דעם העלד פֿון אַן איסלענדישער לעגענדע, וועלכע זעהט אין דער „בלוט־ראַכע" אַ הייליגע פֿליכט; דאָס אינערליכע לעבען פֿון אַ מיטעל־אַלטערליכער שטאָדט, מיט זיינע שטענדיגע קעמפּפֿע, וואָס איז פּונקט דערפֿאַר געווען אַ לעבען פֿון אַ וואונדערבאַרען פּראָגרעס, איז געווען אונפֿערשטענדליך פֿאַר איהם. דער בעגריף וועגען רעכט און געזעץ, וועלכער האָט עקזיסטירט אין יענע פעריאָדען פֿון דער ציוויליזאַציאָן, איז אין גאַנצען פֿרעמד געווען צו ספּענסער; ער האָט אין דעם מ׳זהר ניט געז׳זהן ווי די ווילדקייט, דעם באַרבאַריזם און די גרויזאַמקייט פֿון אַזאַ לעבען.

* * *

אויסער דעם — און דאָס איז אפשר נאָך אַ פֿיעל וויכטיגערער פֿאַקטאָר — האָט ספּענסער, אַקוראַט ווי האַקסלי און אַזוי פֿיעל אַנדערע, געהאַט אַ גאַנץ פֿאַלשע מיינונג וועגען דער אייגענטליכער בעדייטונג פֿון דעם „קאַמפּף אום דאַזיין". פֿאַר איהם איז דער „קאַמפּף אום דאַזיין" ניט בלויז געווען אַ קאַמפּף צווישען פֿערשיעדענע מינים חיות (די וועלף פֿרעסען די האָזען, פֿערשיעדענע סאָרטען פֿויגלען לעבען פֿון אינסעקטען א.ז.וו.). נאָר ער האָט אויך געגלויבט אין אַ שטענדיגען קאַמפּף אי־נערהאַלב דעם מין גופא, צווישען די אינדיווידוען פֿון יעדער

גאַטונג. אין דער ווירקליכקייט עקזיסטירט אָבער ניט אַזאַ קאַמפּף — זיכער ניט אויף אַזאַ שטייגער, ווי ספּענסער האָט זיך פאָרגעשטעלט — אפילו ניט צווישען די חיות און נאָך פיעל וויינינגער צווישען די פּרימי־טיווסטע ווילדע שטאַמען. אָבער איינמאָל ווי דער פילאָזאָף ספּענסער האָט אָנערקענט אַזאַ קאַמפּף, זיינען זיינע אַלע סאָציאָלאָגישע אַנשוי־אונגען בעאיינפלוסט געוואָרען פון דער דאָזיגער פאַלשער פאָרשטעלונג.

עס איז דאָ ניט דער פּלאַץ צו דיסקוטירען די פראַגע, אויף וויפיעל דאַרווין גופא איז פעראַנטוואָרטליך פאַר אָט די פאַלשע אויסלעגונג פון דעם קאַמפּף אום דאַזיין. זיכער איז, אַז ווען ער האָט פערעפענטליכט זיין „אָבשטאַמונג פון'ם מענשען," צוועלף יאָהר נאָך דעם „אורשפּרונג פון די מינים", איז זיין אויפפאַסונג וועגען דעם בעגריף פון'ם קאַמפּף אום דאַזיין שוין געוועזען אַ פיעל ברייטערער. דאָס איז שוין מעהר ניט געוועזען דער איינגער בעגריף פון אַ שטענ־דיגען האַרטען קאַמפּף, וואָס געהט אָן צווישען די מיטגלידער פון יעדען מין, מיט וועלכען מיר בעגעגענען זיך אין זיין ערשטען גרויסען ווערק, וואו ער האָט געדראַפט בעווייזען די בעדייטונג פון דער נאַטיר־ליכער אויסוואַהל פאַר דער ענטשטעהונג פון נייע מינים. אין זיין צווייטען גרויסען ווערק, „די ענטשטעהונג פון'ם מענשען", שרייבט ער פונקט פערקעהרט, אַז יענע מינים, וועלכע פערמאָגען צווישען זיך די גרעס־טע צאָהל אינדיווידוען מיט געפיהלען פון געגענזייטיגער סימפּאַטהיע, האָבען די בעסטע אויסזיכטען צו עקזיסטירען און איבערצולאָזען צאָהל־רייכע קינדער. דאַרווין האָט אַלזאָ אַליין אַוועקגעמאַכט מיט זיין פריהער־דיגער אַנשויאונג מכח דעם קאַמפּף אום דאַזיין. פון דעסטוועגען האָט ספּענסער פאָלשטענדיג אויפגעהאַלטען די אויפפאַסונג, וועלכע דאַרווין האָט פערטראָטען אין זיין ערשטען ווערק.

* * *

די קאַפּיטלען אין דער „ענטשטעהונג פון'ם מענשען", וואו דאַרווין ציינט אונז, ווי אַזוי די עטהיק פון'ם מענשען האָט זיך ביסלעכווייז ענטוויקעלט פון די סאָלידאַרישע געוואוינהייטען פון זיינע טהיערישע אור־עלטערן, וואָלטען אייגענטליך געדאַרפט זיין דער אָנפאַנגס־פונקט פון אַ נייער, פאָלגען־רייכער אויפפאַסונג פון דער נאַטור און פון דער ענט־וויקלונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, אַן אויפפאַסונג, פון וועלכע געטהע האָט שוין אַ געוויסע אַהנונג געהאַט. פון דעסטוועגען האָט מען ניט געצאָהלט קיין אויפמערקזאַמקייט צו די דאָזיגע קאַפּיטלען. ערשט אין 1879, אין אַ פאָרטראַג פון דעם זאָאָלאָג קעסלער, געפינען מיר אַ

קלאָהרע אויפֿפֿאַסונג איבער די בעציהונגען, וועלכע עקזיסטירען אין דער נאַטור צווישען דעם קאַמפּף אום דאַזיין און דער געגענזייטיגער הילפֿע.— „פֿאַר דער פּראָגרעסיווער ענטוויקלונג פֿון אַ גאַטונג" — אַזוי האָט ערקלעהרט דער רוסישער פּראָפֿעסאָר, געבענדיג עטליכע ביישפּיעלען— „איז דאָס געזעץ פֿון געגענזייטיגער הילפֿע פֿיעל וויכטיגער, ווי דאָס געזעץ פֿון אַ געגענזייטיגען קאַמפּף".

שפּעטער מיט אַ יאָהר האָט לאַנעסאַן געהאַלטען אַ פּאָרטראַג אין פּאַריז איבער „דעם קאַמפּף אום דאַזיין און די פֿעראייניגונג פֿאַר'ן קאַמפּף", און באַלד דערנאָך האָט ביכנער פֿערעפֿענטליכט זיין ווערק „די ליעבע", וואו ער האָט אויפֿגעוויזען די בעדייטונג פֿון סימפּאַטהיע צווישען חיות אַלס אַ פֿאַקטאָר פֿון דער ענטוויקלונג פֿון ערשטע בעגריפֿען פֿון מאָראַל; אָבער ער האָט צופֿיעל איבערגעשאַצט די בעדייטונג פֿון דער עלטערן־און קינדער־ליעבע און פֿון דעם געפֿיהל פֿון מיטלייד און האָט דורך דעם אַליין בעשריינקט דעם פֿעלד פֿון זיינע אונטערזוכונגען.

עס איז געוועזען לייכט פֿאַר מיר צונויפֿצוקלייבען נאָך מעהר מאַטע־ריאַל (אין מיין בוך „געגענזייטיגע הילפֿע: אַ פֿאַקטאָר פֿון ענטוויקלונג"), אום צו בעווייזען די ריכטיגקייט פֿון קעסלער'ס פֿאָרטרעפֿליכער אידעע און איהר אַנצואווענדען אויף דער געשיכטע פֿון'ם מענשען. איך האָב בלויז געדאַרפֿט באַזירען מיינע שליסע, מכח געגענזייטיגער הילפֿע ביי די חיות, אויף די גענויע בעאָבאַכטונגען פֿון דער נאַטור, וועלכע אונזערע בעסטע זאָאָלאָגען האָבען אונז געגעבען, און מיינע אַנשויאונגען איבער דער געשיכטע פֿון די מענשליכע אינסטיטוציאָנען אויף די רעזולטאַטען פֿון אַ מאַסע מאָדערנע היסטאָרישע אונטערזוכונגען. ביי די חיות איז די געגענזייטיגע הילפֿע טהאַטזעכליך ניט בלויז די בעסטע וואַפֿע אין דעם קאַמפּף פֿאַר דער עקזיסטענץ געגען פֿיינדליכע נאַטור־קרעפֿטען און געגען אַנדערע פֿיינדליכע מינים, נאָר זי איז אויך אין דערזעלבער צייט דער וויכטיגסטער מיטעל פֿון אַ פּראָגרעסיווער ענט־וויקלונג. געגענזייטיגע הילפֿע איז אפילו פֿאַר די שוואַכסטע חיות אַ גאַראַנטיע פֿאַר אַ לאַנגען לעבען און פֿאַלגליך אַ מיטעל פֿאַר אַנצו־קלייבען רייכע ערפֿאַהרונגען — אַ זיכערהייטס־מיטעל אויפֿצוברייעגען זייערע קינדער און אַ פֿאָרבעדינגונג פֿאַר דעם אינטעלעקטועלען פּראָגרעס. דאָס איז אויך די אורזאַכע, ווארום יענע מינים חיות, וועלכע פּראַקטיצי־רען אַם מייסטען געגענזייטיגע הילפֿע, האַלטען זיך ניט בלויז בעסער אויף אין דעם קאַמפּף אום דאַזיין, ווי די, וואָס לעבען אָבגעשלאָסען פֿון די אַנדערע, נאָר זיי פֿערנעהמען אויך אַ העכערע שטעלונג אין זייערע

אייגענע קלאַסען (ביי די אינסעקטען, פויגעל און וויג־טהיערע), צוליעב זייער בעסער ענטוויקעלטער קערפערליכער קאָנסטיטוציאָן און זייער אינטעליגענץ.

ספענסער האָט ניט בעמערקט אָט דעם פונדאַמענטאַלען פאַקט אין דער נאַטור. פערקעהרט, ער האָט אָנערקענט דעם שטענדיגען קאַמפף פאַר דער עקזיסטענץ, וועלכער געהט אָן אין יעדען מין, פאַר אַ פעסט שטעהענדען פאַקט, וועלכער נייטיגט זיך ניט אין קיין שום בעווייז. אַ קאַמפף אויף לעבען און טויט, אַ קאַמפף „מיט צייהן און נעגעל" פאַר יעדען ביסען נאַהרונג! „די נאַטור איז אָנגעפאַרבט מיט דעם בלוט פון דעם גלאַדיאַטאָר", ווי טעניסאָן האָט איהר פאָרגעשטעלט — אָט דאָס איז געווען זיין בעגריף וועגען דעם לעבען פון די חיות. ערשט אין 1890 האָט ער אָנגעהויבען פערשטעהען ביז אַ געוויסען גראַד די בעדייטונג פון געגענזייטיגער הילפע, אָדער בעסער געזאָגט, פון דעם געפיהל פון געגענזייטיגער סימפּאַטהיע אין דער וועלט פון די חיות, און ער האָט געקליבען פאַקטען און געמאַכט בעאָבאַכטונגען אין דער דאָזיגער ריכ־טונג. אָבער אפילו דאַן איז דער פרימיטיווער מענש נאָך אימער פער־בליבען פאַר איהם די ווילדע חיה, וואָס זיין פאַנטאַזיע האָט איהם פאָרגעשטעלט, וועלכער קען נור עקזיסטירען אונטער דער בעדינגונג, אַז ער רייסט אַרויס דעם לעצטען ביסען פון דער האַנד פון זיינע מיט־מענשען.

עס איז גאַנץ קלאָר, אַז נאָך דעם ווי ספענסער האָט אָנגענומען אַזאַ פאַלשע אידעע, איז ער שוין מעהר ניט געווען אימשטאַנד צו ענטוויקלען זיין סינטהעטישע פילאָזאָפיע אָהן אַ גאַנצע רייהע פון פאַלשע שליסע און בעהויפטונגען.

VII.

## די ראלע פון דעם געזעץ אין דער געזעלשאפט.

ספענסער איז ניט געווען דער איינציגער, וועלכער איז בעגאַנגען דעמזעלבינגען טעות. די פילאָזאָפען פון'ם 19־טען יאָהרהונדערט, בלייבענדיג געטריי צו דער לעהרע פון האָבס, האָבען געקוקט אויף די פרימיטיווע מענשען אַזוי ווי אויף ווילדע חיות, וועלכע לעבען זיך צוזאַמען

אין קליינע, אָבגעשלאָסענע פאַמיליעס, האַלטענדיג אין איין קעמפּפען איינע מיט די אַנדערע פאַר זייער נאַהרונג און זייערע פרויען, ביז וואַנען עס האָט זיך ענטוויקעלט אין זייערע רייהען אַ מענשען־פריינדליכע רעגירונג, כדי זיי צו צווינגען צו לעבען בשלום צווישען זיך. אפילו אַזאַ בעדייטענדער נאַטור־פאָרשער ווי האָקסלי האָט נאָך אין 1885 פערטראָטען דעם זעלביגען שטאַנדפּונקט ווי האָבס, ערקלערענדיג, אַז דאָס לעבען פון די מענשען איז אין אָנפאַנג געווען אַ שטענדיגער קאַמפּף פון „יעדען איינציגען געגען אַלע", ביז וואַנען — אַ דאַנק עטליכע העכער ענטוויקעלטע אינדיווידוען — „עס האָט זיך געגרינדעט די ערשטע געזעלשאַפט". (זעה דעם אַרטיקעל זיינעם: „דער קאַמפּף אום דאַזיין — אַ פּראָגראַם"). דאָס צייגט אונז, דאָס אפילו אַזאַ געלערנטער דאַרוויניסט ווי האָקסלי האָט ניט געהאַט קיין שום אַהנונג, אַז דער מענש האָט איבערהויפּט ניט געגרינדעט די געזעלשאַפט און דאָס זי האָט שוין עקזיסטירט ביי די חיות, לאַנג בעפאָר דעם ערשיינען פון'ם מענשען אויף דער ערד. אַזוי שטאַרק איז די מאַכט פון אַן איינגעוואָרצעלטען פאָראורטהייל.

ווען מיר גיבען זיך די מיה צו דערגעהן די געשיכטע פון דעם דאָזיגען פאָראורטהייל, וועלען מיר באַלד אויסגעפינען, אַז ער האָט זיך גענומען פון דער רעליגיאָן און די קירכען. די געהיימע געזעלשאַפטען פון די צויבערער, רעגען־מאַכער און שאַמאַנען, שפּעטער די אַסירישע און עגיפּטישע פּריעסטער און דערנאָך די קריסטליכע פּריעסטער האָבען שטענדיג פערזוכט איינצורעדען דעם מענשען, אַז „די וועלט איז פול מיט זינד"; אַז נור די פריינדליכע פערמיטלונג פון דעם שאַמאַן, דעם צויבערער, דעם הייליגען, דעם פּריעסטער קען פערהינדערן די פינסטערע קרעפטען איינצושלינגען דעם מענשען; און דאָס נור זיי אַליין זיינען אימשטאַנד צו פּועל'ן ביי דער צאָרניגער גאָטהייט, זי זאָל ניט לאָזען דעם מענשען אונטערגעהן אין זיינע זינד און איהם ניט בעשטראָפען פאַר זיינע עבירות.

דאָס אור־קריסטענטהום האָט אפילו פערזוכט אָבצושוואַכען דעם דאָזיגען פאָראורטהייל אין בעצוג צו די פּריעסטער; אָבער די קריסטליכע קירכע, שטיצענדיג זיך אויף די ווערטער פון'ם וואַנגעליום מכח דעם „איביגען פייער", האָט איהם געמאַכט נאָך שטאַרקער, ווי ער איז געווען בעפאָר. די לעהרע גופא, אַז גאָט'ס זוהן איז געקומען אויף דער ערד, אום צו שטאַרבען פאַר די זינד פון די מענשען, האָט בעשטעטיגט די דאָזיגע אַנשויאונג. דיזעלבע אַנשויאונג האָט דער „הייליגער אינקוויזיציאָן"

אויך ערלויבט צו מאַרטערן איהרע אָפּפּערס אויף דעם גרויזאַמסטען אופן, צו בראָטען זיי אויף אַ קליינעם פייער, ווייל דאַדורך האָבען זיי געהאַט אַ מעגליכקייט צו טהאָן תשובה און צו ראַטעווען זייער נשמה פון אייביגע ליידען און שמערצען. און עס איז ניט בלויז געווען די רוימיש־קאַטהאָלישע קירכע וואָס האָט אַזוי געהאַנדעלט; אַלע קריסטליכע קירכען, אָהן אַן אויסנאַהם, זייענדיג געטריי צו דעמזעלבען פּרינציפּ, האָבען קאָנקורירט איינע מיט די אַנדערע צו ערפינדען נייע ליידען און נייע אָבשרעקונגס מיטלען, אום אויסצובעסערן די יעניגע, וואָס זיינען פערזונקען געוואָרען אין „זינד". אפילו נאָך היינט צו טאָג גלויבען נייינציג פון הונדערט, אַז נאַטירליכע פּאַסירונגען ווי אַ טריקענעס, ערד־ציטער־ניסען אָדער עפּידעמיעס, זיינען אָנשיקעניסען פון גאָט, אום צוריק־צופיהרען די זינדיגע מענשהייט אויף דעם ריכטיגען וועג.

אין דערזעלבער צייט האָט דער שטאַאַט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, אום אויפצוהאַלטען אין זיינע שולען און אוניווערזיטעטען דעם זעלבען גלויבען אין דער נאַטירליכער שלעכטקייט פון'ם מענשען. זיינע לעהרער און פּראָפעסאָרען פּריידיגען איבעראַל די נויטווענדיגקייט צו האָבען אַ מאַכט איבער דעם מענשען און איינצופּלאַנצען אַ מאָראַלישען עלעמענט אין דער געזעלשאַפט דורך דער בעשטראָפונג פון די, וועלכע ברעכען דאָס „געזעץ פון מאָראַליטעט"; דערביי פערגעסען זיי ניט צו ענטוויקלען ביים מענשען דורך כיטרע מיטלען די איבערצייגונג, אַז די געזעצע פון מאָראַל און די געשריבענע געזעצע זיינען איין און דיזעלבע. צו איבער־צייגען דעם מענשען אין דער נויטווענדיגקייט פון אויטאָריטעט, איז פאַר דעם שטאַאַט אַ פראַגע פון לעבען און טויט; דען קוים וואָס דער מענש הויבט אָן צו צווייפלען אין דער נויטווענדיגקייט פון אַ שטאַרקער אויטאָ־ריטעט, אום צו פערשטאַרקערן די פּרינציפּען פון מאָראַל, מוז אין גיכען ביי איהם פערשוואונדען ווערען דער גלויבען אין דער הויכער מיסיאָן פון זיינע רעגירער.

אונזער גאַנצע רעליגיעזע, היסטאָרישע, יוריסטישע און סאָציאַלע ערציהונג איז דורכגעדרונגען מיט דער אידעע, אַז דער מענש, ווי באַלד נאָר מען וועט איהם איבערלאָזען צו זיך אַליין, וועט זיך אומקעהרען צוריק צו זיין אַמאָליגען ווילדען צושטאַנד, און דאָס אָהן דער עקזיסטענץ פון וואָס פאַר עס איז ניט אויטאָריטעט, וואָלט איין מענש דעם אַנדערן פשוט אויפגעגעסען. פון דער „מאַסע" קען מען קיין זאַך ניט ערוואַרטען, נור ברוטאַליטעט און דעם קריעג פון אַלע געגען אַלע. די מענשען וואָלטען איינפאַך געמוזט אונטערגעהן, אויב זיי וואָלטען ניט געהאַט

איבער זיך די אויסערוועהלטע — די פריעסטער און ריכטער און זייערע געהילפען, דעם פאָליציסט און דעם היינקער. די דאָזיגע ערלייזער, אַזוי דערצעהלט מען אונז, פערהינדערן דעם קאַמפף פון אַלע געגען אַלע! זיי ענטוויקלען ביים מענשען דעם רעספעקט פאַר דעם געזעץ, לערנען איהם אויס די דיסציפלין און פיהרען איהם אויף דעם ריכטיגען וועג, ביז וואַנען עס וועלען זיך ענטוויקלען בעסערע שטרעבונגען אין די „פערהאַרטעוועטע מענשען-הערצער", אַזוי אַז מיר וועלען זיך מעהר ניט נייטיגען אין אַזוי פיעל געפענגניסע און גאַלגאַנען ווי היינט.

מיר לאַכען זיך איים פון יענעם קעניג, וועלכער, ווען מען האָט איהם אין 1848 אַרויסגעטריעבען פון זיין לאַנד, האָט אויסגעשריען מיט פערצווייפלונג: „מיינע אָרעמע אונטערטהאַנען! זיי וועלען דאָך מוזען אונטערגעהן אָהן מיר!" מיר לאַכען זיך אויס פון יענעם ענגלישען קויפמאַן, וועלכער האָט זיך איינגערעדט, אַז זיינע לאַנדס-לייט זיינען די אור-אייניקלאַך פון דעם פערשוואונדענעם שבט פון ישראל, און דעריבער האָט זיי גאָט אויסערוועהלט צו געבען די „נידעריגערע ראַסען" אַ גוטע רעגירונג.

אָבער געפינען מיר דען ניט דיזעלבע איבערטרייבונגען מכח דעם אייגענעם ווערטה ביי אַלע נאַציאָנען און זאָגאַר ביי דער גרויסער מעהרהייט פון די זאָגענאַנטע געבילדעטע?

* * *

אָבער דער וויסענשאַפטליכער שטודיום פון דער געשיכטליכער ענטוויקלונג פון די געזעלשאַפטען און זייערע אינסטיטוציאָנען פיהרט אונז צו גאַנץ אַנדערע אַנשויאונגען. די געשיכטע צייגט אונז, אַז די געוואוינהייטען און מנהגים, וועלכע די מענשהייט האָט געשאַפען פאַר דער פראַקטיצירונג פון געגענזייטיגער הילפע, פאַר דער געגענזייטיגער פערטהיידיגונג און פאַר דעם פריעדען אין אַלגעמיין, זיינען דירעקט אויסגעאַרבייט און ענטוויקעלט געוואָרען פון דער „נאָמענלאָזער מאַסע". צו דאַנקען די דאָזיגע מנהגים און געוואוינהייטען איז דער מענש געווען אימשטאַנד זיך אויפצוהאַלטען אין דעם קאַמפף אום דאַזיין אונטער די שווערסטע און ביטערסטע נאַטירליכע אומשטענדען. די וויסענשאַפטליכע פאָרשונג צייגט אונז, אַז די זאָגענאַנטע פיהרער, העלדען און געזעץ-געבער פון דער מענשהייט האָבען קיין איינציגע נייע זאַך ניט צוגעגעבען צו דער געשיכטע, וואָס איז ניט שוין פריהער אויסגעאַרבייט געוואָרען דורך דאָס געוואוינהייטס-רעכט. די בעסטע פון זיי האָבען בלויז בעשטעטיגט און דורך בעשטימטע ווערטער ערקלעהרט די אינסטיטוציאָנען,

וועלכע האָבען שוין לאַנג בעפֿאָר עקזיסטירט אין די מנהגים און געוואוינהייטען פֿון די פֿערשיעדענע פֿעלקער און שטאַמען; נאָר די מייסטע פֿון די דאָזיגע „מענשהייטס-בעגליקער" האָבען זיך בענוצט מיט דער קלענסטער געלעגענהייט, אום צו קענען פֿערניכטען דאָס אונגעשריעבענע געזעץ, ווי באַלד נור עס האָט זיי פֿערהינדערט צו עטאַבלירען זייער פערזענליכע מאַכט; אָדער זיי האָבען איבערגעביטען דעם אייגענטליכען צוועק פֿון די פֿאָלקס-אינסטיטוציאָנען צו זייער אייגענעם נוצען און צום נוצען פֿון זייער קלאַס.

שוין אין יענע אור-אַלטע צייטען, וועלכע פֿערלירען זיך אין דעם דונקעלען טומאַן פֿון דער אייז-פעריאָדע, האָבען די מענשען געלעבט צוזאַמען אין געזעלשאַפֿטען. און אין די דאָזיגע געזעלשאַפֿטען האָבען זיך אויסגעאַרבייט אַ גאַנצע רייהע פֿון אינסטיטוציאָנען, וועלכע די מענשען פֿלעגען אָבהיטען מיט אַ רעליגיעזער פינקטליכקייט, אום צו שאַפֿען אַ מעגליכקייט פֿאַר אַ געמיינשאַפֿטליכען לעבען. און שפּעטער, אין פֿערלויף פֿון דער גאַנצער געשיכטע פֿון דער מענשליכער ענטוויקלונג האָט די שעפּפֿערישע קראַפֿט פֿון דער נאָמענלאָזער מאַסע שטענדיג אויסגעאַרבייט נייע פֿאָרמען פֿון דעם סאָציאַלען לעבען, פֿון געגענזייטיגער הילפֿע און גאַראַנטיען פֿאַר דעם פֿריעדען, וויבאַלד נור עס האָבען זיך ענטוויקעלט נייע בעדינגונגען.

פֿון דער אַנדערער זייט צייגט אונז די מאָדערנע וויסענשאַפֿט קלאָר און דייטליך, אַז דאָס געזעץ — צי די מענשען האָבען איהם צוגעשריעבען אַ געטליכען אורשפרונג, צי זיי האָבען בלויז געזעהן אין איהם די חכמה פֿון דעם געזעץ-געבער — האָט קיינמאָל ניט מעהר געטהאָן, ווי אַוועקצושטעלען אויף אַ פֿעסטען באָזיס, אָדער בעסער געזאָגט צו קריסטאַליזירען אין בעשטימטע פֿאָרמען אַזעלכע מנהגים און געוואוינהייטען, וואָס האָבען שוין עקזיסטירט און צו געבען זיי אַ גרעסערע פֿערשפרייטונג. אַלע אַלטע געזעץ-ביכער, אָהן אַ שום אויסנאַהם, זיינען ניט מעהר ווי אַ צוזאַמענשטעלונג פֿון מנהגים און געוואוינהייטען, וועלכע מען האָט אָנגעשריעבען, כדי זיי זאָלען ניט געהן פֿערלאָרען פֿאַר די קומענדע דורות. אָבער אין דערזעלבער צייט פֿלעגען די געזעץ-געבער צו די דאָזיגע מנהגים שטענדיג נאָך צולייגען עטליכע נייע בעשטימונגען, אום צו שאַפֿען אונגלייכהייט און צו פֿערשקלאַפֿען די מאַסען פֿאַר די אינטערעסען פֿון די בעוואַפֿענטע רייכע און די קריעגערישע מינאָריטעטען.

„דו זאָלסט ניט טויטען!" זאָגט דאָס אַלטע אידישע געזעץ; „דו

זאָלסט ניט גנב׳ענען!" — „דו זאָלסט ניט זאָגען פאַלשע עדות!" אָבער צו אָט די אַלע אויסגעצייכענטע מאָראַלישע בעשטימונגען, וועלכע זיינען אַלגעמיין אָנערקענט געוואָרען אין יענער צייט, האָט דאָס געזעץ באַלד צוגעזעצט: „דו זאָלסט ניט בעגערען דיין שכן׳ס ווייב, ניט זיין שקלאַף און ניט זיין אייזעל!" און האָט דערמיט פאַר אַ לאַנגע צייט לעגאַליזירט די שקלאַפעריי און אַוועקגעשטעלט די פרוי אויף דער שטופע פון אַן ארבייטס-טהיער.

„זאָלסט ליעבען דיין חבר ווי זיך אַליין!" האָט דאָס קריסטענטהום שפעטער געפּריידיגט; אָבער דער אַפּאָסטעל פּוילוס האָט שנעל צוגעזעצט: „שקלאַפען, געהאָרכט אייערע הערן!" און „ניטאָ קיין אויטאָריטעט, ווי די וואָס גאָט האָט בעשטימט!" אויף אַזאַ אופן האָט דאָס קריסטענטהום גערעכטפאַרטיגט דעם אונטערשיעד צווישען הערען און קנעכט אַלס אַן אויסדרוק פון גאָט׳ס ווילען און האָט אָנערקענט די אויטאָריטעט פון די באַנדיטען, וועלכע האָבען אין יענער צייט בעהערשט רוים.

דאָס עוואַנגעליום האָט אפילו געפּריידיגט די ערהאַבענע אידעע צו פערצייהען יעדע בעליידיגונג, וועלכע איז דער אייגענטליכער אינהאַלט פון דער קריסטליכער לעהרע, אָבער אין דערזעלבער צייט האַלט עס אין איין דערמאָהנען דעם גאָט פון נקמה און פערטהיידיגט אויף אַזאַ אופן די ראַכע.

דיזעלבע ערשיינונג ווידערהאָלט זיך שפּעטער, נאָך דעם אונטערגאַנג פון דעם רוימישען קייזער-רייך, אין די געזעץ-ביכער פון די זאָגענאַנטע באַרבאַרען — ביי די גאַליער, לאָנגאָבאַרדען, אַלעמאַנען, זאַקסען און סלאַוואַניער. די דאָזיגע געזעץ-ביכער האָבען לעגאַליזירט אַן אויסגעצייכענטע געוואוינהייט, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען אין יענער צייט, אָנשטאָט פון דעם אַלטען רעכט פון נקמה „אַן אויג פאַר אַן אויג! אַ צאָהן פאַר אַ צאָהן! אַ וואונד פאַר אַ וואונד! אַ לעבען פאַר אַ לעבען!" האָט זיך פערשפּרייט די געוואוינהייט צו צאָהלען אַ פ ע ר ג י ט י ג ו נ ג פאַר וואונדען און מאָרדען. אין דיזער בעציהונג זיינען די געזעץ-ביכער פון די באַרבאַרען טאַקע געווען אַ פּראָגרעס אין פערגלייך מיט דעם אַלטען געזעץ פון בלוט-ראַכע, וועלכעס האָט עקזיסטירט ביי די אַמאָליגע שטאַמען. אָבער די דאָזיגע געזעץ-ביכער האָבען אויך אין דערזעלבער צייט עטאַבלירט די אָבטהיילונג פון פרייע מענשען אין פערשיעדענע קלאַסען, אַן אונטערשיעד, וועלכער האָט זיך

אין יענער צייט קוים ארויסגעזעהן און וועלכער איז פּלוצלונג בעשטעטיגט געוואָרען דורך דאָס געזעץ.

די געזעץ-ביכער פון די באַרבאַרען האָבען נעמליך געמאַכט אַן אונטערשיעד אין דער פערגיטיגונג: אַזוי און אַזוי פיעל דאַרף מען בעצאָהלען פאַר אַ שקלאַף (צו דעם הערר פון'ם שקלאַף, פערשטעהט זיך); אַזוי און אַזוי פיעל פאַר אַ פרייען מאַן; אַזוי און אַזוי פיעל פאַר אַ פיהרער. די פערגיטיגונג פאַר אַ פיהרער איז געוועזען אַזוי הויך, אַז עס האָט איינפאַך געמיינט לעבענס-לענגליכע שקלאַפעריי פאַר דעם מערדער. עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז די אורזאַכע פון דעם דאָזיגען אונטערשיעד, וועלכער איז עטאַבלירט געוואָרען דורך דער געוואוינהייט, איז צוערשט בלויז געוועזען די אויסרעכנונג, אַז די פאַמיליע פון דעם ערמאָרדעטען פיהרער האָט פערלוירען מעהרער, ווי די פון אַ געוועהנליכען פרייען מאַן, וועלכער איז דער'הרגט געוואָרען אונטער דיזעלבע אומשטענדען; פאָלגליך האָט די ערשטע געהאַט אַ רעכט אויף אַ העכערע פערגיטיגונג ווי די לעצטע. אָבער מיט דעם וואָס דאָס געזעץ-בוך האָט **לעגאַליזירט** די דאָזיגע געוואוינהייט, איז אין דערזעלבער צייט עטאַבלירט געוואָרען די אָבטהיילונג פון די מענשען אין פערשידענע **קלאַסען**, און דער אונטערשיעד האָט בעקומען אַזאַ פעסטען באַזיס, אַז מיר האָבען אפילו היינט צו טאָג נאָך ניט געקענט פּטור ווערן דערפון.

* * *

דאָסזעלבע איז דער פאַל מיט יעדער געזעץ-געבונג, אפילו מיט אונזערע היינטיגע געזעצע. די אונגערעכטיגקייט און אונטערדריקונג פון די אַמאָליגע צייטען זיינען דורך דאָס געזעץ שטענדיג איבערגעטראָגען געוואָרען אויף די שפּעטערדיגע פּעריאָדען. אויף אַזאַ שטייגער האָט זיך איבערגעטראָגען די טיראַניי פון דעם פערסישען קייזער-רייך אויף גריכענלאַנד און דער דעספּאָטיזם פון די מאַקעדאָנישע קעניגע אויף רוים. די אונטערדריקונגס-מעטהאָדען און גרויזאַמקייטען פון דעם רוימישען קייזער-רייך און פון די אויטאָקראַטישע און טהעאָקראַטישע רעגירונגען אין אָריענט האָבען זיך איבערגעטראָגען אויף די יונגע באַרבאַרישע שטאַאַטען, וועלכע האָבען זיך גראָד וואָס ענטוויקעלט, און אויף דער קריסטליכער קירכע. מיט דער הילפע פון דעם געזעץ האָט די פערגאַנגענהייט די צוקונפט איינגעשמידעט אין קייטען.

אַלע גאַראַנטיען, וועלכע זיינען נויטווענדיג פאַר דעם לעבען פון דער געזעלשאַפט; אַלע פאָרמען פון דעם סאָציאַלען לעבען, וועלכע האָבען זיך עטאַבלירט אינערהאַלב די שטאַאַטען, די דאָרף-קאָמונעס און די

מיטעל-אַלטערליכע שטעדט; אַלע פֿאָרמען פֿאַר די בעציהונגען צווישען פֿערשידענע שטאַמען און צווישען די שטאָדט-רעפּובליקען פֿון׳ם מיטעל-אַלטער, וועלכע האָבען שפּעטער געדיענט פֿאַר די ערשטע עלעמענטען פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלען פֿעלקער-רעכט; אַלע פֿאָרמען פֿון געגענ-זייטיגער אונטערשטיצונג און פֿון דער פֿערטהיידיגונג פֿון׳ם פֿריעדען — איינגעשלאָסען די געריכטס-טריבונאַלען און געשוואָרענע — זיינען אויס-געאַרבייט אוז פֿערווירקליכט געוואָרען דורך דעם שעפּפֿערישען געניוס פֿון די נאַמענלאָזע מאַסען. אַלע געזעצע, פֿון די עלטסטע צייטען ביז היינטיגען טאָג, האָבען שטענדיג פֿאָרגעשטעלט מיט זיך אַ צוזאַמענמי-שונג פֿון צוויי פֿערשידענע עלעמענטען. איין עלעמענט האָט פֿער-שטאַרקערט און סטאַביליזירט געוויסע מנהגים און געוואוינהייטען, וועלכע מען האָט שוין בעפֿאָר אויסגעפֿונען פֿאַר ניצליך; דער אַנדערער עלע-מענט פֿון אַלע געזעצע איז געוועזען אַ צוזעצונג צו די דאָזיגע גע-וואוינהייטען — אָפֿטמאָל ניט מעהר ווי אַ געוויסענלאָזע פֿערטייטשונג פֿון אַ געוויסען מנהג — מיט דעם צוועק צו עטאַבלירען אָדער צו פֿער-שטאַרקערן די קיום וואָס ענטשטאַנדענע אויטאָריטעט פֿון דעם קעניג, דעם פֿעאָדאַל-הערר, דעם סאָלדאַט אָדער דעם פריעסטער און צו פֿער-זיכערן און סאַנקציאָנירען זייער מאַכט.

אָט צו די אַנשויאונגען פֿיהרט אונז דאָס וויסענשאַפֿטליכע שטודיום פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער ענטוויקלונג; דאָס האָבען אונז געצייגט די רעזולטאַטען פֿון די לעצטע צוואַנציג אָדער דרייסיג יאָהר, וועלכע מיר האָבען צו דאַנקען אַ גרויסע צאָהל פֿון געוויסענהאַפֿטע פֿאָרשער און געלעהרטע. עס איז וואַהר, אַז די מענער פֿון דער וויסענשאַפֿט האָבען אין די מייסטע פֿעלע ניט דעם מוטה קלאָהר און דייטליך צו פֿאָרמולי-רען וועלכע אפיקורס׳שע אַנשויאונגען; אָבער דער דייגקענדער לעזער, וועלכער שטודירט זייערע ווערק, מוז נויטווענדיגער ווייזע קומען צו די אויבען דערמאָהנטע שליסע.

## VIII.

## דער פלאץ פון'ם אנארכיזם אין דער מאדערנער וויסענשאפט.

וואס פאר א פלאץ פערנעהמט אלזא דער אנארכיזם אין דער גרויסער גייסטיגער בעוועגונג פון'ם 19־טען יאהרהונדערט ?

דער ענטפער אויף אט דער פראגע איז שוין אנגעדייטעט געווארען אין דעם, וואס מיר האבען געזאגט אין די פריהערדיגע קאפיטלען. דער אנארכיזם איז א וועלט־אנשויאונג, וואס גרינדעט זיך אויף דער מעכאנישער 1) ערקלערונג פון אלע נאטור־ערשיינונגען — איינגעשלאסען דאס לעבען פון די מענשליכע געזעלשאפטען און זייערע עקאנאמישע, פאליטישע און מאראלישע פראבלעמען. זיין מעטהאדע איז די פון די נאטור־וויסענשאפטען, און יעדען שלוס, וועלכען ער טראגט ארויס פון זיינע אונטערזוכונגען, מוז פריהער בעשטעטיגט ווערען דורך דער דאזיגער מעטהאדע, איידער ער קען אנגענומען ווערען פאר וויסענשאפטליך. זיין ציעל איז אויסצוארבייטען א סינטהעטישע פילאזאפיע, וועלכע שליסט איין אלע ערשיינונגען פון דער נאטור און דעם לעבען פון די געזעלשאפטען, אויסמיידענדיג די טעותים, אין וועלכע קאמט און ספענסער האבען זיך פערפלאנטערט, צוליעב די פריהער דערמאהנטע אורזאכען.

עס פערשטעהט זיך, אז דער אנארכיזם איז דערפאר נויטווענדיגערווייזע געצוואונגען צו פערענטפערן אלע פראגען פון דעם מאדערנעם לעבען אויף זיין אייגענעם שטייגער ; זיין שטעלונג צו די דאזיגע פראגען איז א גאנץ אנדערע, ווי די שטעלונג פון אלע איבעריגע פאליטישע פארטייען ; ער אונטערשיידעט זיך זאגאר ביז צו א געוויסען פונקט פון די סאציאליסטישע פארטייען, וועלכע האבען זיך נאך ניט אין גאנצען בעפרייט פון אלע מעטאפיזישע פארשטעלונגען.

פערשטעהט זיך, די אויסארבייטונג פון א פאלשטענדיגער מעכאנישער אויפפאסונג פון דער נאטור, איבערהויפט וואס אנבעלאנגט דעם סאציאלאגישען טהייל, וועלכער בעשעפטיגט זיך ספעציעל מיט דעם

1) עס וואלט בעסער געווען צו זאגען „קינעטיש" אנשטאט מעכאניש, אבער דאסווארט איז ליידער ווייניג בעקאנט.

לעבען און מיט דער ענטוויקלונג פון די געזעלשאפטען, האט זיך קוים וואס אנגעפאנגען. אבער זאגאר דאס ווייניגע, וואס עס איז ביז איצט געטהאן געווארען און מאנכעס מאל זאגאר אונבעוואוסטערהייט, טראגט שוין דעם כאראקטער, וועלכען מיר האבען אנגעדייטעט. אין דער רעכטס-פילאזאפיע, אין דער עטהיק, אין דער פאליטישער עקאנאמיע און אין דעם היסטארישען שטודיום פון די נאציאנען און פון די געזעלשאפטליכע אינסטיטוציאנען האט דער אנארכיזם זיך שוין ערווארבען א פלאץ און בעוויזען, אז ער שטעלט זיך ניט צופרידען מיט די אלטע מעטאפיזישע אנשויאונגען און קוקט אויס פאר א נאטור-וויסענשאפטליכען באזיס.

ער לאזט זיך ניט אבנארען דורך די מעטאפיזישע פארשטעלונגען פון העגעל, שעלינג און קאנט אדער דורך די לעהרער פון דעם רוימישען און קירכען-געזעצליכען רעכט; די בעהויפטונגען פון די געלעהרטע פראפעסארען פון דעם זאגענאנטען שטאאטס-רעכט און די פאליטישע עקאנאמיע פון די מעטאפיזיקער האבען פאר איהם א קנאפען ווערטה. ער וויל קלאהר פערשטעהן אלע פראגען, וועלכע הויבען זיך אויף אויף די דאזיגע געביעטען, שטיצענדיג זיך אויף די רעזולטאטען פון דער געוואלדיגער ארבייט, וואס איז אויפגעטהאן געווארען וועהרענד די לעצטע דרייסיג אדער פערציג יאהר פון א נאטור-וויסענשאפטליכען שטאנדפונקט.

* * *

אקוראט ווי די מאטעריאליסטישע, ד. ה. די מעכאנישע, אדער בעסער געזאגט, די קינעטישע פילאזאפיע האט געמאכט א סוף צו די אלע מע-טאפיזישע בעגריפען פון'ם „וועלט-גייסט", „דער שעפפערישער נאטור-קראפט", דער „ליעבענדער צוציהונגס-קראפט פון דער מאטעריע", דער „פערמענשליכונג פון דער אידעע", דעם „צוועק פון דער נאטור", דעם „צוועק פון דאזיין", דעם „אונבעגרייפליכען" א.ז.וו. און האט בלויז אויסגעקליבען דערפון די אורשפרינגליכע גענעראליזירונגען, וועלכע האבען זיך בעהאלטען אונטער די דאזיגע ווערטער און זיי איבערזעצט אין דער קאנקרעטער שפראך פון די ווירקליכע פאסירונגען — אזוי האנדעלט אויך דער אנארכיסם, ווען ער בעשעפטיגט זיך מיט די ערשיינונגען פון'ם געזעלשאפטליכען לעבען.

ווען די מעטאפיזיקער ווילען איבערצייגען דעם נאטור-פארשער, אז דאס גייסטיגע און זיטליכע לעבען פון'ם מענשען „שפיעלט זיך אב לויט די אייביגע געזעצע פון'ם גייסט", דאן קנייטשט דער לעצטער בלויז מיט די פלייצעס און זעצט געדולדיג פאר זיין שטודיום מכח די ערשיי-

נונגען פֿון׳ם לעבען, פֿון דער אינטעליגענץ און פֿון די געפֿיהלען און ליידענשאַפֿטען, אום צו בעווייזען, אַז די אַלע פֿערשיעדענע ערשיינונגען לאָזען זיך צוריקפֿיהרען אויף פֿיזישע און כעמישע אורזאַכען. — ער פֿערזוכט אויסצוגעפֿינען די נאַטירליכע געזעצע פֿון די דאָזיגע ערשיינונגען.

דאָס זעלבע איז דער פֿאַל מיט דעם אַנאַרכיסט, ווען מען דער־צעהלט איהם, אַז לויט העגעל׳ן שטעלט „יעדע ענטוויקלונג פֿאַר מיט זיך אַ טהעזיס, אַן אַנטיטהעזיס און אַ סינטהעזיס;״ אָדער ווען אימיצער וויל איהם איינריידען, אַז „דער צוועק פֿון דעם געזעץ איז צו שאַפֿען גערעכ־טיגקייט, וועלכע שטעלט פֿאַר מיט זיך די פֿערקערפּערונג פֿון דער העכסטער אידעע״; אָדער ווען איינער פֿרעגט איהם וועגען „דעם צוועק פֿון׳ם לעבען״. ער קניישטשט מיט די פּלייצעס, ווען מען שטעלט איהם אַזעלכע פֿראַגען און פֿרעגט זיך אַליין: „ווי אַזוי איז גאָר מעגליך, אַז היינט צו טאָג, ווען די נאַטור־וויסענשאַפֿטען האָבען דערגרייכט אַזאַ וואונדערבאַרע ענטוויקלונג, זאָלען זיך נאָך געפֿינען אַזעלכע ריקשטענדיגע מענשען, וועלכע גלויבען נאָך אין אַזעלכע פּוסטע ווערטער, מענשען, וואָס ריידען נאָך אין דער שפּראַך פֿון די פּרימיטיווע ווילדע, וועלכע שטעלען זיך פֿאַר, אַז די גאַנצע נאַטור ווערט בעהערשט פֿון מענשען־עהנליכע וועזענס!״

דער אַנאַרכיסט לאָזט זיך ניט בעאיינפֿלוסען דורך קלינגענדע פֿראַ־זען, וועלכע דיענען בלויז צו פֿערדעקען די אונוויסענהייט אָדער — וואָס עס איז נאָך ערגער — דעם אַבערגלויבען — די מורא פֿאַר דעם אונבעגרייפֿליכען. דאָס איז די אורזאַכע, וואַרום ער צאָהלט איבערהויפּט ניט קיין שום אויפֿמערקזאַמקייט צו אַזעלכע ווערטער און געהט רוהיג ווייטער אָן מיט זיין שטודיום פֿון די סאָציאַלע טהעאָריען און אינסטיטו־ציאָנען אין דער פֿערגאַנגענהייט און גענענוואַרט, זיך שטענדיג בענוצענדיג מיט דער נאַטור־וויסענשאַפֿטליכער מעטהאָדע.

און ער געפֿינט דערביי, אַז די ענטוויקלונג פֿון׳ם געזעלשאַפֿטליכען לעבען איז פֿיעל קאָמפּליצירטער און אויך פֿיעל אינטערעסאַנטער, ווי די מעטאַפֿיזישע פֿאָרמולאַציאָנען און דעפֿיניאַציאָנען שטעלען אונז פֿאַר.

* * *

עס איז זעהר פֿיעל גערעדט געוואָרען וועהרענד דער לעצטער צייט וועגען דער זאָגענאַנטער דיאַלעקטישער מעטהאָדע, וועלכע די סאָציאַל־דעמאָקראַטען רעקאָמאַנדירען אונז, אום דערמיט אויסצואַרבייטען דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל. אָבער די דאָזיגע מעטהאָדע האָט פֿאַר אונז קיין גרעסערע בעדייטונג ווי פֿאַר דער מאָדע־נער נאַטור־וויסענשאַפֿט

די דיאַלעקטישע מעטהאָדע דערמאָהנט דעם מאָדערנעם נאַטור־פֿאָרשער אין עפּעס זעהר אַלטעס, וואָס די וויסענשאַפֿט האָט גליקליכערווייזע שוין לאַנג פֿערגעסען. קיין איינציגע ענטדעקונג פֿון'ם 19־טען יאָהרהונדערט אויף דעם געביעט פֿון מעכאַניק, אַסטראָנאָמיע, פֿיזיק, כעמיע, ביאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע אָדער אַנטראָפּאָלאָגיע איז ניט געמאַכט געוואָרען מיט דער הילפֿע פֿון דער דיאַלעקטישער מעטהאָדע. די אַלע געוואַלדיגע ערפֿינ־דונגען און ענטדעקונגען פֿון דעם פֿערגאַנגענעם יאָהרהונדערט האָבען מיר צו דאַנקען דער אינדוקטיוו־דעדוקטיווער מעטהאָדע. וועלכע איז די איינציגע וויסענשאַפֿטליכע מעטהאָדע. און אַזוי ווי דער מענש איז אַ טהייל פֿון דער נאַטור, און אַזוי ווי זיין פּערזענליכעס און סאָציאַלעס לעבען איז פּונקט אַזוי גוט אַ נאַטור־ערשיינונג, ווי דאָס וואַקסען פֿון אַ בלום אָדער ווי די ענטוויקלונג פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכען לעבען ביי די ביענען און מוראַשקעס — אַט דערפֿאַר איז ניטאָ קיין שום נויט־ווענדיגקייט איבערצובייטען אונזער מעטהאָדע אויף אַן אַנדערע, ווען מיר געהען איבער פֿון דער בלום צום מענשען, פֿון דעם דאָרף פֿון די ביבערס צו דער שטאָדט פֿון די מענשען. עס וואָלט איינפֿאַך געווען אַבסורד אַוועקצואוואַרפֿען אַ מעטהאָדע, וועלכע איז געווען אַזוי ניצליך פֿאַר אונז און אויסצוקוקען פֿאַר אַ נייע מעטהאָדע אין דעם רייך פֿון דער מעטאַפֿיזיק.

* * *

די אינדוקטיוו־דעדוקטיווע־מעטהאָדע, וועלכע מיר ווענדען אָן אין דער נאַטור־וויסענשאַפֿט, האָט איהר ווירקזאַמקייט אַזוי גלענצענד בעווי־זען, אַז דאָס 19טע יאָהרהונדערט האָט מעהר אויפֿגעטהאָן פֿאַר דעם פּראָגרעס פֿון דער וויסענשאַפֿט, ווי עס איז געטהאָן געוואָרען אין פֿער־לויף פֿון גאַנצע צוויי טויזענד יאָהר בעפֿאָר. און ווען מענער פֿון דער וויסענשאַפֿט האָבען זיך אין דעם צווייטען העלפֿט פֿון'ם 19טען יאָהרהונ־דערט בענוצט מיט דערזעלבער מעטהאָדע אין זייער שטודיום פֿון די מענשליכע געזעלשאַפֿטען, האָבען זיי זיך ניט געהאַט צו רעכענען מיט קיין שום הינדערניס, וואָס זאָל זיי צווינגען איבערצובייטען זייער מעטהאָדע אויף דער מיטעל־אַלטערליכער סקאָלאַסטיק, וועלכע העגעל האָט ווידער ניי אויפֿגעלעבט. און ווען איינציגע נאַטור־פֿאָרשער, שטעהענדיג אונטער דעם איינפֿלוס פֿון זייער בורזשואַזער ערציהונג, האָבען זיך ערקלערט פֿאַר נאָכפֿאָלגער פֿון דער וויסענשאַפֿטליכער מעטהאָדע פֿון דאַרווין און בעהויפּטעט, אַז דאָס געזעץ פֿון דער נאַטור לויטעט: „פֿערניכטע יעדען, וואָס עס איז שוואַכער פֿון דיר!‟ דאַן איז עס געווען אַ קליינינקייט פֿאַר אונז אויפֿצואווייזען מיט דער הילפֿע פֿון דערזעלביגער וויסענשאַפֿטליכער

מעטהאָדע, אַז דאָס איז איבערהויפּט נ י ט געווען דער שלוס, וועלכען דאַרווין האָט געצויגען, און אַז די דאָזיגע וויסענשאַפֿטס-מענער זיינען געווען אויף אַ פֿאַלשען וועג. מיר זיינען געווען אימשטאַנד צו צייגען, דאָס אַזאַ „געזעץ פֿון דער נאַטור" עקזיסטירט איבערהויפּט ניט, אַז די נאַטור לערנט אונז עפּעס גאַנץ אַנדערעס, און דאָס זייערע שליסע זיינען פֿאַר קיין פֿאַל ניט געווען וויסענשאַפֿטליך.

דאָסזעלבע איז דער פֿאַל, ווען די עקאָנאָמיסטען זוכען אונז איינ־צורייידען, אַז די אונגלייכהייט פֿון די פֿערמעגענס איז אַ „נאַטור-געזעץ", און אַז דער קאַפּיטאַליסטישער אויסבייטונגס-סיסטעם שטעלט פֿאַר מיט זיך די בעסטע פֿאָרם פֿון דער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציאָן. אָנווענדענדיג די נאַטור־וויסענשאַפֿטליכע מעטהאָדע, זיינען מיר אימשטאַנד אויפֿצואַ־ווייזען אַז די דאָזיגע זאָגענאַנטע „געזעצע" פֿון דער בורזשואַזער סאָציאַלער וויסענשאַפֿט, איינגעשלאָסען די גאַנצע היינטיגע פּאָליטישע עקאָנאָמיע, זיינען איבערהויפּט קיין געזעצע ניט, ־אָנדערן ניט מעהר ווי פּראָסטע בעהויפּטונגען, וועמענס ריכטיגקייט עס איז ביז איצט פֿון קיינעם ניט גערעכטפֿערטיגט און בעוויזען געוואָרען. דער פֿאַקט איז, דאָס איינציגע פֿון זייערע פֿונדאַמענטאַלע זאָגענאַנטע געזעצע ווערען צו־פֿאַלען אויף ברעקלאַך, ווי באַלד זיי דאַרפֿען אויסהאַלטען די פּראָבע פֿון די ווירקליכע טהאַטזאַכען, צו וועלכע דער אמת'ער שטודיום פֿון דעם איינענטליכען לעבען פֿיהרט אונז.

* * *

איין זאַך איז נאָך נייטיג צו בעמערקען. די וויסענשאַפֿטליכע אונ־טערזוכונג קען נור דאַמאָלס זיין פֿרוכטבאַר, ווען זי שטעלט זיך אַ געוויסע אויפֿגאַבע; ד.ה. ווען זי איז אונטערגענומען געוואָרען מיט דער אַבזיכט צו געפֿינען אַן ענטפֿער אויף אַ קלאָרע און בעשטימטע פֿראַגע. און וואָס קלאָרער און דייטליכער מיר זעהען אַרויס די עקזיסטירענדע בעציהונגען צווישען דער געשטעלטער פֿראַגע און די פֿונדאַמענטאַלע גרונד-בעדינ־גונגען פֿון אונזער וועלט-אַנשויאונג, אַלץ פֿרוכטבאַרער וועט זיין די דאָזיגע אונטערזוכונג. וואָס בעסער אַ פֿראַגע פּאַסט זיך צו צו אונזערע אַלגעמיינע אַנשויאונגען, אַלץ לייכטער איז איהר לייזונג.

די פֿראַגע, וואָס דער אַנאַרכיזם האָט צו שטעלען, לאָזט זיך אויס־דריקען אויף אַזאַ שטייגער: „וועלכע סאָציאַלע פֿאָרמען פֿער־זיכערן אַם בעסטען, אין אַזעלכע און אַזעלכע גע־זעלשאַפֿטען און ביי דער מענשהייט אין אַלגעמיין, די גרעסטע סומע פֿון גליק און וואָהלזיין און

פאלגליך די גרעסטע סומע פון לעבענס-קראפט?" —
„וועלכע פארמען פון דער געזעלשאפט אייגנען זיך אם בעסטען צו פער-גרעסערן די דאזיגע סומע פון גליק און וואהלזיין און צו ענטוויקלען איהר אי אין קוואליטעט אי אין קוואנטיטעט, ד.ה. וועלכע פארמען זיינען אימשטאנד צו מאכען אונזער גליק וואס פאלקאמענער און פיעל-זייטיגער?
— די דאזיגע פראגע ענטהאלט אין דערזעלבער צייט די דעפינאציאן פון דעם פראגרעס.

דער וואונש צו אונטערשטיצען די ענטוויקלונג אין דער דאזיגער ריכטונג, בעשטימט די סאציאלע, וויסענשאפטליכע און קינסטלערישע טהעטיגקייט פון דעם אנארכיסט. און די דאזיגע טהעטיגקייט, דערפאר וואס זי שטעהט אין אנקלאנג מיט דער ענטוויקלונג פון דער געזעל-שאפט אין דער אויבען דערמאהנטער ריכטונג, ווערט אויף אזא אופן א קוואל פון העכערער לעבענס-קראפט, לעבענס-פעהיגקייט און פון א געפיהל פון איינהייט מיט דער מענשהייט און איהרע בעסטע קרעפטען.

און דעריבער איז די דאזיגע טהעטיגקייט אויך א קוואל פון הע-כערער לעבענס-קראפט און גליק פאר דעם איינצעלנעם מענשען.

---

## IX.

## דער אנארכיסטישער אידעאל און די פריהערדיגע רעוואלוציאנען.

דער אנארכיזם, אזוי ווי מיר האבען שוין פריהער ערקלערט, איז דירעקט ארויסגעוואקסען פון דעם שטראם פון'ם פראקטישען לעבען.

גאדווין, וועלכער האט געלעבט אין דער צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן פון 1789 ביז 1793, האט געזעהן מיט זיינע אייגענע אויגען, ווי די אויטאריטעט פון'ם שטאאט, וועלכע איז ענט-שטאנען וועהרענד און דורך דער רעוואלוציאן, איז געווארען א הינדערניס צו דער ענטוויקלונג פון דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג. ער האט אויך גע-וואוסט, וואס עס איז אנגעגאנגען אין ענגלאנד אונטער דעם מאנטעל פון'ם פארלאמענטאריזם.—די פערכאפונג פון דער קאמונאלער ערד, דער פערקויף פון גוט בעצאהלטע עפענטליכע אמטען, די יאגד נאך ארעמע קינדער אין די ארבייטס-הייזער פון גאנץ ענגלאנד, וועלכע זיינען פון בעזונדערע אגענטען מאסענווייז פערשלעפט געווארען אין די וועבערייען פון לאנקאשיר,

וואו די מייסטע פֿון זיי זיינען צוגרונד געגאַנגען אין עטליכע יאָהר צייט — דאָס אַלעס האָט שטאַטגעפֿונען אונטער דער פּראָטעקציאָן פֿון׳ם פּאַרלאַמענט. גאָדווין האָט באַלד פֿערשטאַנען, דאָס אַ רעגירונג, און זאָל עס אפילו זיין די „איינציגע און אונטהיילבאַרע רעפּובליק" פֿון די יאַקאָבינער, וועט קיינמאָל ניט זיין אימשטאַנד צו פֿערווירקליכען די נויטווענדיגע סאָציאַלע, קאָמוניסטישע רעוואָלוציאָן; ער האָט פֿערשטאַנען, דאָס אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, זייענדיג דער בעשיצער פֿון׳ם שטאַאַט און פֿון די פּריווילעגיעס, וועלכע יעדער שטאַאַט האָט צו פֿערטהיידיגען, מוז אין גיכען ווערען אַ הינדערניס צו דער רעוואָלוציאָן. ער איז געווען איבערצייגט און האָט פֿריי און אָפֿען פּראָקלאַמירט, אַז די מענשען דאַרפֿען זיך פֿריהער בעפֿרייען פֿון זייער גלויבען אין געזעץ, אויטאָריטעט, שטאַאַטליכע איינהייט, „אָרדנונג", אייגענטהום און אַנדערע אינסטיטוציאָנען, וועלכע די פֿערגאַנגענהייט האָט אונז איבערגעלאָזט בירושה, ווען אונזערע עלטערן זיינען נאָך געווען שקלאַפֿען, איידער די רעוואָלוציאָן קען טריאומפֿירען.

דער צווייטער אַנאַרכיסטישער טהעאָרעטיקער, פּרודהאָן, איז געקומען נאָך גאָדווין און האָט איבערגעלעבט די רעוואָלוציאָן פֿון 1848. ער האָט געהאַט די מעגליכקייט צו זעהן מיט זיינע אייגענע אויגען די פֿערברעכען פֿון דער רעפּובליקאַנישער רעגירונג און האָט אין דערזעלבער צייט פֿערשטאַנען די אונמעגליכקייט פֿון לואי בלאַן׳ס שטאַאַטס סאָציאַליזם. אונטער דעם פֿרישען איינדרוק פֿון אַלעס, וואָס ער האָט געזעהן וועהרענד דער רעוואָלוציאָן, האָט ער אָנגעשריבען זיין מעכטיגעס ווערק „אַלגעמיינע אידעען וועגען דער רעוואָלוציאָן", וואו ער האָט פֿריי און אָפֿען פֿערטראָטען דעם אַנאַרכיזם און געפּריידיגט די אָבשאַפֿונג פֿון׳ם שטאַאַט.

שפּעטער, אין דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן", איז עס ווידער געווען נאָך אַ רעוואָלוציאָן, נאָך דער פּאַריזער קאָמונע פֿון 1871, ווען די אַנאַרכיסטישע אידעע האָט זיך דורכגעבראָכען אַ וועג. די פֿאַלשטענדיגע רעוואָלוציאָנערע אונמעכטיגקייט פֿון דער קאָמונאַלער רעגירונג, טראָץ דעם וואָס אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען פֿון יענער צייט — יאַקאָבינער, בלאַנקיסטען און אינטערנאַציאָנאַליסטען — זיינען אויף אַ זעהר גערעכטען אופן פֿערטראָטען געווען אין דער דאָזיגער קערפּערשאַפֿט; און די אונפֿעהיגקייט פֿון דעם גענעראַל קאָמיטע פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלע", וועלכע איז זיך געזעסען אין לאָנדאָן און האָט פֿון דאָרטען פֿערזוכט צו רעגירען די פּאַריזער בעוועגונג דורך

לעכערליכע און שעדליכע בעפֿעהלען — אָט די צוויי נייע ערפֿאַהרונגען האָבען אויפֿגעעפֿענט די אויגען פֿון אַ גרויסער צאָהל מיטגלידער פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלע". פֿערשידענע פֿעדעראַציאָנען פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלע" און פֿערשידענע פֿון איהרע פּראָמינענטע מיטגלידער, צווישען זיי באַקונין, האָבען אָנגעהויבען נאָכדיינקען איבער דער שעדליכקייט פֿון יע-דער רעגירונג, אפילו ווען זי איז אויסערוועהלט געוואָרען אויף אַזאַ פֿרייען אופֿן ווי די קאָמונע אָדער ווי די גענעראַל-קאָמיטע פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלע".

שפּעטער מיט עטליכע מאָנאַטען האָט די גענעראַל-קאָמיטע פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלע" אויף אַ פּריוואַט מיטינג, אַנשטאָט אויף אַ יעהר-ליכען קאָנגרעס, אָנגענומען אַזעלכע בעשליסע, וועלכע האָבען נאָך דייט-ליכער אַרויסגעצייגט די געפֿאַהר פֿון אַ רעגירונג אין דער „אינטערנאַ-ציאָנאַלע". דורך די דאָזיגע שעדליכע רעזאָלוציאָנען האָט מען פֿערזוכט צו מאַכען פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלע", וועלכע האָט ביז דאַן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַן אָרגאַניזאַציאָן פֿאַר דעם דירעקטען עקאָנאָמישען און רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף פֿון די אַרבייטער גרופּען געגען דעם קאַפּי-טאַליזם, אַ פּאָליטיש-פּאַרלאַמענטאַרישע בעוועגונג, וועלכע האָט בלויז געקענט אויסברייגגען און צושטערען איהרע אייגענטליכע קרעפֿטע.

די דאָזיגע רעזאָלוציאָן האָט אַרויסגערופֿען אַן אָפֿענע רעוואָלט ביי די ראָמאַנישע פֿעדעראַציאָנען פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלע" געגען דער גענעראַל-קאָמיטע; די פֿעדעראַציאָנען פֿון שפּאַניען, איטאַליען, פֿון'ם יוראַ און טהיילווייז פֿון בעלגיען האָבען זיך אויפֿגעהויבען געגען די אויטאָריטערע בעשליסע פֿון די לאָנדאָנער פֿיהרער, און פֿון דאַמאָלס אָן האָט זיך אָנגעהויבען די מאָדערנע אַנאַרכיסטישע בעוועגונג.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז די אַנאַרכיסטישע בעוועגונג איז יעדעס מאָל בענייט געוואָרען, ווען זי האָט דערפֿיהלט דעם איינדרוק פֿון אַ גרויסער פּראַקטישער ערפֿאַהרונג; די לעהרען פֿון'ם לעבען גופא זיינען געווען די אורזאַכע פֿון איהר ענטשטעהונג. אָבער ווי נאָר זי האָט זיך ענטוויקעלט, האָט זי באַלד אָנגעהויבען אויסאַרבייטען אַן אַלגעמיינעם אויסדרוק פֿון איהרע פּרינציפּען און אַ טהעאָרעטישען און וויסענשאַפֿטליכען באַזיס פֿון איהרע לעהרען. וויסענשאַפֿטליך — ניט אין דעם זין, וואָס זי האָט אָנ-גענומען אַן אונפֿערשטענדליכע שפּראַך אָדער די אַלטע מעטאַפֿיזישע בעגריפֿען, נאָר דורך דעם, וואָס זי האָט געזוכט אויסצוגעפֿינען אַ באַזיס פֿון איהרע פּרינציפּען אין די נאַטור-וויסענשאַפֿטען פֿון דער צייט און צו ווערען אַ צווייג פֿון זיי.

* * *

אין דערזועלבער צייט האָט זי אויסגעאַרבייט איהר אייגענעם אידעאַל.

קיין שום קאַמפּף קען ניט זיין ערפאָלגרייך, ווען ער איז אונבעוואוסט, ווען ער האָט ניט קיין בעשטימטען און קאָנקרעטען ציעל. די צושטערונג פון דעם איצטיגען צושטאַנד איז אונמעגליך, אַזוי לאַנג ווי די מענשען האָבען ניט קיין בעשטימטען בעגריף, אין דער צייט, ווען דער קאַמפּף געהט אָן און וועהרענד דער פעריאָדע פון צושטערונג, וועגען דעם וואָס דאַרף פערנעהמען דעם פּלאַץ פון די אַלטע אינסטיטוציאָנען. אפילו אַ טהעאָרעטישע קריטיק איז ניט מעגליך, אַזוי לאַנג ווי מענשען האָבען ניט אַ מעהר אָדער וויינינער בעשטימטע פאָרשטעלונג פון דעם, וואָס זיי וואָלטען געוואונשען, עס זאָל פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דאָס אַלטע. דער אידעאַל, דער בעגריף פון עטוואָס בעסערעם ענטוויקעלט זיך שטענדיג, בעוואוסט אָדער אונבעוואוסט, אין די מוחות פון די, וועלכע קריטיקירען די עקזיסטירענדע אינסטיטוציאָנען.

ביי מענער פון דער אַקציאָן איז דאָס נאָך מעהר דער פאַל. זאָגען צו מענשען: „לאָמיר פריהער צושטערען דעם קאַפּיטאַליזם און די אויטאָקראַטיע, שפּעטער וועלען מיר שוין זעהן, וואָס מיר וועלען קענען אוועקשטעלען אויף זייער פּלאַץ", הייסט ניט מעהר און ניט וויינינער ווי זיך אַליין אָבנאַרען און אָרנאַרען אַנדערע. אָן אמת'ע קראַפט איז קיינמאָל ניט געשאַפען געוואָרען דורך דעם, וואָס מען האָט מענשען אָבגענאַרט. דער פאַקט איז, דאָס אפילו דער, וואָס האַלט ניט פון אידעאַלען און לאַכט אָב פון זיי, האָט פונדעסטוועגען שטענדיג אַ געוויסע פאָרשטעלונג פון עפּעס, וואָס ער וואָלט געוואונשען צו זעהען אויף דעם פּלאַץ פון דעם, וואָס ער אַטאַקירט. די, וועלכע אַרבייטען פאַר דער צושטערונג פון דער אויטאָקראַטיע, ערוואַרטען צ.ב.ש. אַז די נאָהנטע צוקונפט וועט זיי ברייגגען אַן ענגלישע אָדער אַ דייטשע קאָנסטיטוציאָן; אַנדערע טרוימען פון אַ רעפּובליק אונטער דער מעכטיגער דיקטאַטור פון זייער אייגענער פּאַרטיי, פון אַ מאָנאַרכיסטישער רעפּובליק ווי אין פראַנקרייך אָדער פון אַ פעדעראַליסטישער רעפּובליק ווי די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ. און אויסערדעם איז פאַרהאַן היינט אַ דריטע פּאַרטיי, וועלכע שטרעבט צו נאָך גרעסערע בעשריינקונגען פון דער שטאַאַטליכער מאַכט, צו נאָך מעהר פרייהייט פאַר די שטעדט, די קאָמונעס, פאַר די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען און אַלע סאָרטען גרופּען און פעראייניגונגען, ווי עס איז מעגליך אויסצופיהרען אין וואָס פאַר עס איז ניט רעפּובליק.

און ווען מענשען אַטאַקירען דעם קאַפּיטאַליזם, האָבען זיי שטענדיג

אַ געוויסען בעגריף, אַ מעהר אָדער וויינינער בעשטימטע אידעע פֿון דעם, וואָס זיי ווינשען אַוועקצושטעלען אויף דעם פּלאַץ פֿון'ם קאַפּיטאַליזם: שטאַאַטס-קאַפּיטאַליזם אָדער אַ געוויסען סאָרט פֿון שטאַאַטס-קאָמוניזם, אָדער אַ פֿעדעראַציאָן פֿון פֿרייע קאָמוניסטישע גרופּען פֿאַר דער פּראָדוקציאָן, דעם אויסטויש און דער צוטהיילונג פֿון די נויטווענדיגע לעבענס-מיטלען.

יעדע פּאַרטיי האָט אַלזאָ איהרע אייגענע פֿאָרשטעלונגען וועגען דער צוקונפֿט — איהר אידעאַל, וועלכע גיבען איהר די מעגליכקייט אָבצוגעבען אַן אייגענעם אורטהייל איבער אַלע פֿאַקטען, וואָס קומען פֿאָר אין דעם פּאָליטישען און עקאָנאָמישען לעבען פֿון די נאַציאָנען, און וועלכע אינספּירירען איהר אויסצוגעפֿינען פּראַקטישע מיטלען פֿון טהעטיגקייט, אום וואָס גיכער צו קענען פֿערווירקליכען איהר ציעל. עס איז דעריבער ניט מעהר ווי נאַטירליך, אַז דער אַנאַרכיזם, אָבוואָהל ער איז אַרויסגעוואַקסען פֿון דעם טאָג-טעגליכען קאַמפּף, האָט אויך אויסגעאַרבייט זיין אידעאל. און דער דאָזיגער אידעאַל, דער דאָזיגער ציעל, די דאָזיגע פּלענער האָבען די אַנאַרכיסטען באַלד אָבגעטהיילט אין זייערע מעטאָדען פֿון טהעטיגקייט פֿון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען, זאָגאַר פֿון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע ווילען אויפֿהאַלטען די אַלטע רוימישע און קירכליכע אידעע פֿון'ם שטאַאַט, וועלכע זיי האָבען אַריבערגעטראָגען אין דער צוקונפֿטיגער געזעלשאַפֿט פֿון זייערע חלומות.

---

X.

## אנארכיזם.

אַזוי ווי מיר זעהען אַלזאָ האָבען די פֿערשיעדענסטע היסטאָרישע, עטהנאָלאָגישע און עקאָנאָמישע בעטראַכטונגען אַרויסגערופֿען ביי די אַנאַרכיסטען אַ פֿאָרשטעלונג פֿון אַ געזעלשאַפֿט, וועלכע אונטערשיידעט זיך זעהר שטאַרק פֿון דעם אידעאַל פֿון די אויטאָריטערע פּאָליטישע פּאַרטייען. די אַנאַרכיסטען שטעלען זיך פֿאָר אַזאַ געזעלשאַפֿט, וואו די גענענזייטיגע בעציהונגען פֿון די מיטגלידער ווערען ניט רעגולירט דורך געזעצע און זעלבסט-הערשענדע אָדער אויסערוועהלטע רעגירונגס-אויטאָריטעטען, זאָנדערן דורך גענענזייטיגע אָבמאַכונגען צווישען די מיטגלידער פֿון דער בעטרעפֿענדער געזעלשאַפֿט און דורך אַ רייהע סאָציאַלע מנהגים

און געוואוינהייטען — מנהגים און געוואוינהייטען, וועלכע ווערען ניט פערשטיינערט דורך געזעצע און אבערגלויביגע פארשטעלונגען, נאר וועלכע האלטען זיך אין איין ענטוויקלען אין איינקלאנג מיט די שטענדיג וואקסענדע פאדערונגען פון א פרייען לעבען, אינספירירט דורך דעם פראגרעס פון דער וויסענשאפט, פון ערפינדונגען און פון דער שטענדיגער ענטוויקלונג פון העכערע אידעאלען.

קיינע רעגירענדע אויטאריטעטען! קיין רעגירונג פון איין מענש דורך א צווייטען מענשען! קיין פערשטיינערונג און שטילשטאנד, נאר א שטענדיגע ענטוויקלונג — אזוי ווי מיר זעהען איהר אין דער נאטור. פרייע בעוועגונג פאר דעם איינצעלנעם, פאר דער פאלשטענדיגער ענטוויקלונג פון זיינע אינדיווידועלע פעהיגקייטען — פאר זיין אינדיווידואליזירונג! מיט אנדערע ווערטער מיינט עס, אז דער איינצעלנער מענש זאל מעהר ניט זיין געצוואונגען צו קיין שום האנדלונג דורך דער מורא פאר בעשטראפונג. די געזעלשאפט פאדערט פון איהם קיין זאך ניט, אויסער דאס, וואס ער אנערקענט פרייוויליג. אין א געזעלשאפט פון גלייכע מענשען איז דאס פאלשטענדיג גענוג, אום צו פערהינדערן אונסאציאלע האנדלונגען, וועלכע קענען ברייננגען שאדען צו אנדערע מענשען און צו דער געזעלשאפט גופא און פאר צו פערזיכערן דעם שטענדיגען מאראלישען פראגרעס פון דער געזעלשאפט.

אט דאס איז די אנשויאונג, וועלכע די אנארכיסטען ענטוויקלען און פראפאגאנדירען.

* * *

אמת, ביז איצט האט נאך ניט עקזיסטירט קיין שום געזעלשאפט, וועלכע האט די דאזיגע פרינציפען פאלשטענדיג פערווירקליכט צווישען איהרע מיטגלידער, אבוואהל דער שטרעבען צו דער טהיילווייזער פערווירקליכונג פון אזעלכע אידעען האט זיך שטענדיג מאניפעסטירט ביי דער מענשהייט. מיר קענען דערפאר זאגען, אז דער אנארכיזם פערקערפערט מיט זיך א געוויסען געזעלשאפטליכען אידעאל און אז דער דאזיגער אידעאל אונטערשיידעט זיך פון די געזעלשאפטליכע אנשויאונגען, וועלכע זיינען ביז אהער פערטראטען געווארען פון די מייסטע פילאזאפען, וויסענשאפטס-מענער און פיהרער פון פאליטישע פארטייען, וואס האבען פרעטענדירט צו בעהערשען די מענשהייט און צו רעגירען די מענשען.

פון דעסטוועגען וואלט עס געווען ניט ריכטיג צו ערקלערען אזא אנשויאונג פאר אן אוטאפיע, דערפאר ווייל דאסווארט „אוטאפיע"

אין אונזער הייגטיגער שפּראַך פערקערפּערט מיט זיך די אידעע פון עפּעס, וואָס קען קיינמאָל ניט פערווירקליכט ווערען.

נעהמענדיג דאָס וואָרט „אוטאָפּיע" אין זיין געוועהנליכער בעדייטונג, וואָלט מען עס בלויז געדאַרפט אָנווענדען פאַר אַזעלכע אידעען, וועלכע גרינדען זיך אויסשליסליך אויף די טהעאָרעטישע שליסע פון אַ זאַך, וואָס עס איז ווינשענסווערטה פון דעם שרייבער'ס שטאַנדפּונקט; אָבער מען וואָלט דאָס וואָרט קיינמאָל ניט געדאַרפט אָנווענדען פאַר דאָס, וואָס עס ענטוויקעלט זיך שוין אין מענשליכע אָרגאַניזאַציאָנען. אוטאָפּיעס קען מען אָנרופען די פאָרשטעלונג פון אַ קאַטהאָלישען וועלט-רייך פון די פּאַפּסטען, דעם חלום פון אַ נאַפּאָלעאָנישען קייזער-רייך, די משיח-אידעע פון מישקיעוויטש א.ז.וו. אָבער עס איז אַבסאָלוט פאַלש צו ריידען פון אַן אוטאָפּיע, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַן אידעע ווי דער אַנאַרכיזם, וואָס גרינדעט זיך אויף דער אַנאַליזירונג פון בעשטימטע שטרעבונגען פון אַן ענטוויקלונג, וועלכע געהט שוין איצט אָן אין דער געזעלשאַפט, און אויף די שליסע, וועלכע ער ציהט פון די דאָזיגע שטרעבונגען פאַר דער צוקונפט; דען, ווי מיר האָבען געזעהן, זיינען דיזע שטרעבונגען געווען פאַר טויזענדער יאָהרען די אָנטרייבענדע קראַפט פאַר דער ענטוויקלונג פון סאָציאַלע מנהגים און געוואוינהייטען, וועלכע זיינען בעקאַנט אין דער וויסענשאַפט אונטער דעם נאָמען „געוואוינהייטס־רעכט" און וועלכע מאַניפעסטירען זיך אַלס דייטליכער אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט.

וואָס אָנבעלאַנגט די אַלטע בעהויפּטונג וועגען דער נויטווענדיגער לאַנגזאַמקייט, מיט וועלכער יעדע נייע פאַזע פון ענטוויקלונג איז פערבונדען, אַ בעהויפּטונג, וועלכע מען הערט אַזוי אָפט ווידערהאָלען, איז גענוג, אַז מיר זאָלען זיך דערמאָהנען, אַז נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק, צו ענדע פון'ם 18־טען יאָהרהונדערט—פּונקט ווען די פעראייניגטע שטאַאַטען פון נאָרד־אַמעריקאַ האָבען זיך געגרינדעט — איז מען אין אַלגעמיין געווען מיט דער מיינונג, דאָס יעדע גרעסערע געזעלשאַפט, אָהן אַ קעניג, איז ניט מעהר ווי אַ נאַרישע אוטאָפּיע. אָבער די עקזיסטענץ פון די רעפּובליקען אין נאָרד-און זיד־אַמעריקאַ, פון דער שווייץ און פראַנקרייך האָבען אונז בעוויזען, אַז ניט די רעפּובליקאַנער, נאָר די בעוואונדערער און פערטהיידיגער פון דער מאָנאַרכיע זיינען געווען די אמת'ע „אוטאָפּיסטען". די מאָנאַרכיסטען זיינען בלויז בעהערשט געוואָרען פון זייערע פערזענליכע ווינשע און האָבען זיך ניט גערעכענט מיט די שטרעבונגען פון די געזעלשאַפטען, וואָס האָבען זיך ענטוויקעלט אויסערהאַלב

דעם יאָך פֿון די מאָנאַרכיסטישע טראַדיציאָנען; זיי, ניט די רעפּובליקאַנער, האָבען צוגעשריבען צו פֿיעל וויכטיגקייט און סטאַבילי־טעט צו די מאָנאַרכיסטישע אינסטיטוציאָנען; זיי האָבען פּשוט ניט בעמערקט, אַז די דאָזיגע אינסטיטוציאָנען זיינען ניט אַ פּראָדוקט פֿון דער מענשליכער נאַטור, נאָר זיי זיינען אַרויסגעוואַקסען פֿון צייטענווייזע היסטאָרישע בעדינגונגען.

* * *

ווען מיר קוקען זיך נעהנטער צו צו דעם אורשפּרונג פֿון דער אַנאַרכיסטישער געזעלשאַפֿטס־אויפֿפֿאַסונג, געפֿינען מיר, אַז איהר אור־שפּרונג איז אַ דאָפּעלטער: פֿון איין זייט די קריטיק געגען די היעראַרכישע אָרגאַניזאַציאָנען און די געגען דער אויטאָריטערער אויפֿפֿאַסונג פֿון דער געזעלשאַפֿט; און פֿון דער צווייטער זייט די אַנאַליזירונג פֿון די שטרע־בונגען, וועלכע מאַניפֿעסטירען זיך אין די פּראָגרעסיווע בעוועגונגען פֿון דער מענשהייט, אין דער פֿערגאַנגענהייט און נאָך מעהרער אין דער געגענוואַרט.

שוין אין די עלטעסטע פּעריאָדען פֿון דער שטיין־צייט האָבען די מענשען געמוזט בעגרייפֿען די איבלען, וואָס קומען אַרויס, ווען איינ־צעלנע פֿון זיי פֿערשאַפֿען זיך אַ פּערזענליכע אויטאָריטעט, אפילו ווען זיי זיינען געווען די אינטעליגענטסטע, מוטהיגסטע און קליגסטע אינדי־ווידואַליטעטען. אָט דערפֿאַר האָבען זיך ענטוויקעלט אין די פּרימיטיווע שטאַמען, אין די דאָרף־גענאָסענשאַפֿטען, אין די מיטעל־אַלטערליכע גילדעס (גילדעס פֿון די שכנים, די קינסטלער, די האַנדווערקער, די הענדלער, יעגער א. ז. וו.) און שפּעטער אין די מיטעל־אַלטערליכע שטעדט אַזעלכע אינסטיטוציאָנען, וועלכע האָבען זיי געגעבען די מעג־ליכקייט צו אָרגאַניזירען דעם ווידערשטאַנד געגען יענע פֿרעמדע, וועלכע האָבען פֿערזוכט צו אונטערדריקען זייער לעבען און אייגענטהום און געגען די יעניגע פֿון זייערע אייגענע מיטגלידער, וועלכע זיינען אויסען געווען צו עטאַבלירען זייער אייגענע פּערזענליכע אויטאָריטעט. דיזעלבע פֿאָלקס־שטרעבונגען האָבען זיך דייטליך אַרויסגעצייגט אין די רעליגיעזע מאַסען־בעוועגונגען פֿון אייראָפּאַ אין די ערשטע פֿאַזען פֿון דער רעפֿאָר־מאַציאָן און ביי איהרע הוסיטישע און אַנאַבאַפּטיסטישע פֿאָרגענגער. אין אַ פֿיעל שפּעטערער פּעריאָדע, נעמליך אין 1793, האָט זיך דיזעלבע שטרעבונג פֿון דיינקען און האַנדלען מאַניפֿעסטירט אין דער אויסגע־שפּראָכענער אונאַבהייננגיגער און פֿרייער פֿעדעראַטיווער אַקטיוויטעט פֿון

די פאַריזער „סעקציאָנען" און פון אַלע גרויסע שטעדט און פיעלע קליינע „קאָמונעס" אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. *) און נאָך שפּעטער האָבען זיך ענטוויקעלט די אַרבייטער-פעראייניגונגען אין ענג־לאַנד און פראַנקרייך, צום טראָץ די גרוֹיזאַמע געזעצע, באַלד ווען דאָס פאַבריק־סיסטעם האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען. אויך דיזע בעווע־גונג איז געווען אַ פּראָדוקט פון דעמזעלבען ווידערשטאַנד פון די מאַסען געגען דער מאַכט פון די וויניגע — געגען די קאַפּיטאַליסטען.

דאָס זיינען די וויכטיגסטע פאָלקס־אַנאַרכיסטישע ריכטונגען, פון וועלכע מיר וויסען אין דער געשיכטע, און עס פערשטעהט זיך, אַז די דאָזיגע בעוועגונגען האָבען געמוזט געפינען אַן אויסדרוק אין דער ליטע־ראַטור. און דאָס איז טאַקע געווען דער פאַל, זייט לאַאָ־טסע אין כינאַ און איניגע פון די ערשטע גריעכישע פילאָזאָפען, ווי צ.ב.ש. אַריסטיפּוס און די ציניקער; צענאָ און עטליכע פון די סטאָאיקער. פון דעסטוועגען האָבען די אַלע פאָלקס־בעוועגונגען, וועלכע זיינען אַרויסגעוואַקסען פון די מאַסען און ניט פון געוויסע צענטערם פון געלעהרטע, געפונען וויניג סימפּאַטהיע ביי די געלעהרטע, צי זיי זיינען געווען רעוואָלוציאָנער, צי זייער כאַראַקטער איז געווען אַ טיעפער קאָנסטרוקטיווער כאַראַקטער.

דער גריעכישער סטאָאיקער צענאָ האָט שוין פערטראַכטען די אידעע פון אַ פרייער געזעלשאַפט אָהן אַ שום רעגירונג, בעקעמפּפענדיג די שטאַאַטס־אוטאָפּיע פון פּלאַטאָ. צענאָ האָט שוין אָנגעדייטעט אויף דעם אינסטינקט פון סאָציאַביליטעט, וועלכען די נאַטור האָט ענטוויקעלט אין געגענזאַץ צו דעם אינסטינקט פון עגאָאיזם און זעלבסט־ערהאַלטונג. ער האָט פאָראויסגעזעהן אַ צייט, ווען די מענשען וועלען זיך פעראייניגען ניט קוקענדיג אויף אַלע קינסטליכע גרענעצען, און גרינדען דעם קאָסמאָס. דאַמאָלס וועט מעהר ניט זיין קיין נויטווענדיגקייט פאַר געזעצע, געריכטס־הייזער אָדער טעמפּלען, און די מענשען וועלען זיך מעהר ניט נייטיגען אין געלד פאַר דעם אויסטויש פון געגענזייטיגע דיענסטע און געפעליגקייטען. די ווער־טער גופא, מיט וועלכע ער פלעגט זיך בענוצען, זיינען געווען מערק־ווירדיג עהנליך צו די, מיט וועלכע די אַנאַרכיסטען בענוצען זיך היינט.

דער בישאָף פון אַלבאַ, מאַרקאָ דזשיראָלאַמאָ ווידאַ, האָט אין 1553 ענטוויקעלט עהנליכע אידעען געגען דעם שטאַאַט, זיינע געזעצע און זיין „ערהאַבענע אונגערעכטיגקייט"; דאָסזעלבע האָבען געטהאָן די ערשטע פּיאָנירען פון'ם ראַציאָנאַליזם אין אַרמעניען אין דער צייט פון'ם 9טען

*) זעה פ. קראָפּאָטקין „די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן".

יאָהרהונדערט, די הוסיטען — איבערהויפּט קאָדזשעקי — אין 15טען יאָהרהונדערט און די ערשטע אַנאַבאַפּטיסטען.

ראַבלע האָט פֿערטראָטען דיזעלבע אידעען אין דעם ערשטען העלפֿט פֿון'ם 16טען יאָהרהונדערט און פֿענעלאָן אין דער לעצטער פֿאַזע פֿון דעם זעלבען יאָהרהונדערט. צו ענדע פֿון'ם 18טען יאָהרהונדערט זיינען דיזעלבע אַנשויאונגען הויפּטזעכליך ענטוויקעלט געוואָרען פֿון דעם ענ־ציקלאָפּעדיסט דידראָ, און זיי האָבען שפּעטער, ווי מיר האָבען שוין בעמערקט, געפֿונען אַ פּראַקטישען אויסדרוק אין דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָן.

אָבער גאָדווין איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט ענטוויקעלט אין אַ גוט דעפֿינירטער פֿאָרם די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּרינציפּען פֿון'ם אַנאַרכיזם אין זיין ווערק „אָן אונטערזוכונג וועגען דער פּאָליטישער גערעכטיגקייט", וואָס איז ערשיענען אין 1793. ער האָט זיך אפילו ניט בענוצט מיט דעם וואָרט „אַנאַרכיע", אָבער ער האָט קלאָר און דייטליך ענטוויקעלט די אַנאַרכיסטישע פּרינציפּען און מוטהיג אַטאַקירט די געזעצע, בעוויזען די אונניצליכקייט פֿון'ם שטאַאַט און ערקלערט, אַז די ווירקליכע גערעכטיגקייט וועט ערשט דאַן קומען, ווען עס וועלען מעהר ניט עקזיסטירען קיינע געריכטס-הייזער. וואָס אָנבע־לאַנגט די אייגענטהומס־פֿראַגע, האָט ער אָפֿען און פֿריי פֿערטראָטען דעם קאָמוניזם.*)

פּרודהאָן איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט זיך בענוצט מיט דעם וואָרט „אַנ־אַרכיע" (קיין רעגירונג) און איז אַרויסגעטראָטען מיט אַ מעכטיגער קריטיק געגען די אומזיסטיגע פֿערזוכען פֿון די מענשען אויס-צוגעפֿינען אַזאַ רעגירונג, וועלכע זאָל פֿערהינדערן די רייכע צו בעהער־שען די אָרעמע, און אין דערזעלבער צייט פֿערבלייבען זיי שטענדיג אונטער דעם קאָנטראָל פֿון די רעגירענדע קלאַסען. די ווידערהאָלטע פֿערזוכען, וועלכע פֿראַנקרייך האָט געמאַכט זייט 1793 צו שאַפֿען אַזאַ קאָנסטיטוציאָן און דער פֿיאַסקאָ פֿון דער רעוואָלוציאָן פֿון 1848 האָט איהם געגעבען אַ רייכען מאַטעריאַל פֿאַר זיין קריטיק.

---

*) דאָס אַלעס געפֿינט זיך אין דער ערשטער אויסגאַבע פֿון 1793, וועלכע איז ערשינען אין צוויי קוואַרטאָ-בענדער. אין דער צווייטער אויסגאַבע, וועלכע איז ערשינען אין 1796 אין צוויי אָקטאַוואָ-בענדער, נאָך דער פֿערפֿאָלגונג פֿון זיינע רעפּובליקאַנישע פֿריינד, האָט ער צוריקגענומען זיינע אַנזיכטען איבער דעם קאָמוניזם און געמילדערט זיינע אידעען וועגען דער רעגירונג.

זייענדיג אַ פֿיינד פֿון אַלע פֿאָרמען פֿון׳ם שטאַאַטס־סאָציאַליזם, וועלכע זיינען אין די 40גער און 50גער יאָהרען פֿערטראָטען געוואָרען פֿון די צאָהלרייכע קאָמוניסטישע שולען און ריכטונגען, האָט פּרודהאָן אַטאַקירט אויף דעם ביטערסטען אופן אַלע פֿערזוכען אין דער דאָזיגער ריכטונג. אָננעהמענדיג ראָבערט אָוען׳ס סיסטעם פֿון אַרבייטס־טשעקס, וועלכע שטעלען פֿאָר מיט זיך די אַרבייטס־שטונדען, האָט פּרודהאָן ענטוויקעלט זיין אידעע פֿון מ ו ט ו אַ ל י ז ם, וועלכע האָט פֿערוואָרפֿען יעדע פֿאָרם פֿון אַ פּאָליטישער רעגירונג אַלס אונניצליך און שעדליך.

דער ווערטה פֿון אַלע פּראָדוקטען זאָל בעשטימט ווערן לויט דער נויטווענדיגער אַרבייטס־צייט, וועלכע איז פֿערקערפּערט אין יעדען פּראָדוקט, און דער גאַנצער אויסטויש צווישען די פּראָדוציזירער האָט געזאָלט רעגולירט ווערען דורך אַ נאַציאָנאַלע באַנק, וועלכע וועט אָננעהמען יעדע בעצאָהלונג אין אַרבייטס־טשעקס; אַ בעזונדערע בירא (קלירינג הויז) האָט געזאָלט פֿעסטשטעלען דעם טעגליכען באַלאַנס פֿון דעם אויס־טויש צווישען די טויזענדער בראַנטשען פֿון דער דאָזיגער באַנק.

אויף אַזאַ אופן וואָלט יעדער דיענסט, וועלכער איין מענש טהוט פֿאַר דעם צווייטען געווען ג ל י י ך א י ן ו ו ע ר ט ה; און אַזוי ווי די באַנק וואָלט געהאַט די מעגליכקייט אויסצובאָרגען אַרבייטס־טשעקס אָהן אַ שום פּראָפֿיט, און יעדע אָרגאַניזאַציאָן וואָלט געווען אימשטאַנד אויס־צובאָרגען אַרבייטס־געלד אויף איין פּראָצענט אָדער נאָך ווייניגער, בלויז אום צודעקען די פֿערוואַלטונגס־קאָסטען, וואָלט דאָס קאַפּיטאַל פֿערלאָרען זיין שעדליכע מאַכט און וואָלט מעהר ניט געקענט בענוצט ווערען אַלס אַ מיטעל פֿאַר אויסצובייטען אַנדערע.

פּרודהאָן האָט זיין סיסטעם פֿון מוטואַליזם זעהר אויספֿיהרליך ענטוויקעלט צוזאַמען מיט זיינע אידעען געגען דער רעגירונג און געגען דעם שטאַאַט; אָבער עס איז נויטווענדיג צו בעמערקען, אַז דער מוטואַ־ליסטישער טהייל פֿון זיין פּראָגראַם איז שוין פֿריהער ענטוויקעלט גע־וואָרען אין ענגלאַנד פֿון וויליאַם טהאָמפּסאָן (1825), וועלכער איז צוערשט געווען אַ מוטואַליסט, איידער ער איז געוואָרען אַ קאָמוניסט, און פֿון די ענגלישע נאָכפֿאָלגער פֿון טהאָמפּסאָן — דזשאָן גרעי אין 1831 און דזש. ב. ברעי אין 1839.

* * *

אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען איז דיזעלבע ריכטונג פֿערטראָטען געוואָרען פֿון דזשאָשוע וואָררען, וועלכער, נאָך דעם ווי ער האָט גענומען אַן אַנטהייל אין ראָבערט אָוען׳ס „ניו האַרמאָני“, איז שפּעטער

אַרויסגעטראָטען געגען דעם קאָמוניזם און האָט אין 1827 געגרינדעט אַ „מאַגאַזין" אין סינסינעטי, וואו מען פלעגט אויסטוישען די פּראָדוקטען לויט דעם ווערטה פון די אַרבייטס-שטונדען און מיט דער הילפע פון זאָגענאַנטע אַרבייטס-טשעקס. אַזעלכע אינסטיטוציאָנען האָבען עקזיסטירט ביז 1865 אונטער פערשיעדענע נעמען — „ביליגקייטס-מאַגאַזינען", „דאָרף פון ביליגקייט" א.ז.וו.

דיזעלבע אידעען מכח דעם אַרבייטס-ווערטה און מכח דעם אויסטויש פון די פּראָדוקטען לויט די קאָסטען פון דער אַרבייט זיינען אין דייטש־לאַנד פערטראָטען געוואָרען אין 1843 און 1845 פון מאָזעס העסס און קאַרל גרין און אין דער שווייץ פון ווילהעלם מאַרר, וועלכער האָט בע־קעמפפט דעם אויטאָריטערען קאָמוניזם פון ווילהעלם וויטלינג.

פון דער אַנדערער זייט איז דאָרט ערשינען אין 1845 דאָס ווערק פון דעם העגעליאַנער מאַקס שטירנער — זיין אמת'ער נאָמען איז געווען קאַזפּאַר שמידט — „דער איינציגער און זיין אייגענטהום", אַלס אַ מין אָפּאָזיציאָן געגען די עקסטרעם אויטאָריטערע אַנשויאונגען פון וויטלינג, וועלכע האָבען אין יענער צייט געפונען אַסך אָנהיינגער אין די קרייזען פון די דייטשע אַרבייטער. שטירנער'ס בוך איז ניט לאַנג צוריק זאָצוזאָגען ניי ענטדעקט געוואָרען פון דזשאָן הענרי מאַקיי און מען האָט אין די אַנאַרכיסטישע קרייזען אַסך גערעדט וועגען דעם אַלס אַ סאָרט מאַני־פעסט פון די אינדיווידואַליסטישע אַנאַרכיסטען.

„דער איינציגער און זיין אייגענטהום" איז אַן אָפענע קריעגס־ערקלעהרונג געגען דעם שטאַאַט און געגען דער נייער טיראַניי, וועלכע דער מענש וואָלט גענדאַרפט איבערלעבען, ווען דער אויטאָריטערער קאָ־מוניזם וואָלט פערווירקליכט געוואָרען. אַרגומענטירענדיג אויף דעם מעטאַפיזישען שטייגער פון העגעל, האָט שטירנער געפּריידיגט די רע־האַביטילירונג פון דעם „איך" און די סוּווערעניטעט פון דעם אינדיווי־דואום; און די דאָזיגע אַנשויאונגען האָבען איהם געמאַכט צו פערוואַרפען יעדע פאָרם פון מאָראַליטעט און צו פּראָפּאַגאַנדירען אַ „פעראייניגונג פון עגאָאיסטען".

פערשיעדענע אַנאַרכיסטישע שרייבער און צולעצט דער פראַנצויזישער פּראָפעסאָר באַש אין זיין זעהר אינטערעסאַנטען ווערק „דער אינדיווידואַ-ליסטישער אַנאַרכיזם — מאַקס שטירנער" (1904) האָבען אָבער לייכט אויפגעוויזען, אַז דיזער סאָרט אינדיווידואַליזם, האָבענדיג פאַר זיין ציעל די „פולע ענטוויקלונג" ניט פון אַלע מיטגלידער אין דער געזעלשאַפט, נאָר בלויז פון די, וועלכע מען האַלט פאַר די פעהיגערע, ניט קוקענדיג

אויף דעם רעכט פֿאַר דער פֿולער ענטוויקלונג פֿון אַלעמען, איז ניט מעהר ווי אַ פֿערמאַסקירטער צוריקקעהרען זיך צו דעם היינטיגען ביל־דונגס־מאָנאָפּאָל פֿון אַ קליינער מינדערהייט. די דאָזיגע לעהרע איז ניט מעהר ווי דאָס רעכט פֿאַר דער פֿולער ענטוויקלונג פֿון פּריווילעגירטע מינאָריטעטען. אָבער אַזוי ווי אַזעלכע מאָנאָפּאָלען קענען בלויז אויפֿגע־האַלטען ווערען דורך דער פּראָטעקציאָן פֿון אַ מאָנאָפּאָליזירטער געזעצ־געבונג און דורך דעם אָרגאַניזירטען צוואַנג פֿון'ם שטאַאַט, אָט דעריבער ענדיגט זיך די אָפּאָזיציאָן פֿון די דאָזיגע אינדיווידואַליסטען דערמיט, וואָס זיי קעהרען זיך צוריק צו דער שטאַאַטס־אידעע און צו דעם זעלביגען צוואַנג, וועלכע זיי האָבען פֿריהער אַזוי שטאַרק אַטאַקירט. זייער שטעלונג איז דיזעלבע ווי פֿון הערבערט ספּענסער און ווי פֿון אַלע אָנהייגער פֿון דער זאָגענאַנטער „מאַנטשעסטער־שולע" פֿון די עקאָנאָמיסטען, וועלכע האָט אויך אָנגעהויבען מיט אַ שטאַרקער קריטיק געגען דעם שטאַאַט, נאָר צולעצט האָט זי איהם ווידער פֿאָלשטענדיג אָנערקענט אַלס אַ נויטווענדיגקייט, אום אויפֿצוהאַלטען די מאָנאָפּאָלען פֿון פּריוואַט־אייגענ־טהום, וועלכע געפֿינען אין דעם שטאַאַט זייער שטאַרקסטען פֿערטרעטער און בעשיצער.

* * *

דאָס איז געווען די ענטוויקלונג פֿון די אַנאַרכיסטישע אידעען פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָן און גאָדווין ביז פּרודהאָן. דער נעכסטער שריט איז געמאַכט געוואָרען אין דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן", וועלכע האָט איינגעפֿלאַנצט ביי דער אַרבייטער־קלאַס אַזוי פֿיעל האָפֿנונג און געוואָרפֿען אַזאַ שרעק אויף דער בורזשואַזיע אין דער צייט פֿון 1868 ביז 1870, פּונקט בעפֿאָר דעם אויסברוך פֿון דער דייטש־פֿראַנצויזישער מלחמה.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז די „אינטערנאַציאָנאַלע" איז ניט געגרינדעט געוואָרען פֿון מאַרקס אָדער פֿון וואָס פֿאַר עס איז ניט אַנדערער פּער־זענליכקייט, ווי די געצען־דינערס פֿון די פֿערשידענע ריכטונגען ווילען אונז איינריידען. זי איז אַרויסגעוואַקסען פֿון אַ מיטינג אין לאָנדאָן, אין 1862, ווען אַ דעלעגאַציאָן פֿון פֿראַנצויזישע אַרבייטער, וועלכע זיינען געקומען בעזוכען די צווייטע אינטערנאַציאָנאַלע וועלט־אויסשטעלונג, האָבען זיך צונויפֿגעטראָפֿען מיט די פֿערטרעטער פֿון די ענגלישע טרייד־יוניאָנס און ראַדיקאַלען, וועלכע האָבען זיי עמפּפֿאַנגען. שוין אין 1830 האָט ראָבערט אָוען געמאַכט אַ פֿערזוך צו אָרגאַניזירען, פֿון זיין „גרויסער נאַציאָנאַלער טריידס־יוניאָן", אַן אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָן פֿון אַלע

אינדוסטריען; אָבער די ווילדע פֿערפֿאָלגונגען פֿון דער ענגלישער רעגירונג געגען דער נאַציאָנאַלער טריידס־יוניאָן האָבען איהם געצוואונגען אָב־צולייגען די אידעע אויף אַ גינסטיגערע צייט. פֿון דעסטוועגען איז דער דאָזיגער געדאַנק נים פֿערלאָרען געגאַנגען, ער האָט עקזיסטירט שטילערהייט אין ענגלאַנד און האָט געפֿונען אָנהייגגער אין פֿראַנקרייך. נאָך דער מפּלה פֿון דער רעוואָלוציאָן פֿון 1848 האָבען פֿראַנצויזישע עמיגראַנטען איהם מיט אַריבערגענומען איבער דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן און האָבען איהם פּראָפּאַגאַנדירט אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען אין דער צייטונג „ל'ענ-טערנאַסיאָנאַל".

די מייסטע פֿראַנצויזישע אַרבייטער, וועלכע זיינען אין 1862 געקומען קיין לאָנדאָן, זיינען געווען „מוטואַליסטען" פֿון פּרודהאָן'ס שולע, און די ענגלישע טרייד־יוניאָניסטען זיינען הויפּטזעכליך בעשטאַנען פֿון אָנהייגגער פֿון ראָבערט אָוען'ס אידעען, ענגלישע „אָועניסטען".ביידע האָבען זיך פֿעראייניגט און דער רעזולטאַט פֿון דער דאָזיגער פֿעראייניגונג איז געווען די גרינדונג פֿון אַ מעכטיגער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער-אָרגאַניזאַציאָן. דורך מאַרקס און אייניגע אַנדערע האָט די דאָזיגע פֿעראייניגונג פֿון די צוויי ווירטיגסטע בעוועגונגען פֿון'ם סאָציאַליזם אין יענער צייט ערהאַלטען די גייסטיגע אונטערשטיצונג פֿון דער געהיימער אָרגאַניזאַציאָן פֿון די „קאָמוניסטישע מאַטעריאַליסטען", אַן אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע האָט פֿאָר־געשטעלט מיט זיך דאָס, וואָס עס איז נאָך איבערגעבליבען פֿון די קאָנ־ספּיראַטיווע געזעלשאַפֿטען, וועלכע זיינען געווען אַזוי מעכטיג אין די 30־גער און 40-גער יאָהרען אונטער דער לייטונג פֿון בלאַנקי און באַרבעס און וועלכע האָבען זיך אַליין ענטוויקעלט פֿון דער גרויסער פֿערשווערונג פֿון גראַקוס באַבעף און די אויטאָריטערע קאָמוניסטען אין דער צייט פֿון 1794 און 1795.

מיר האָבען געזעהן אין איינעם פֿון די פֿריהערדיגע קאַפּיטלען, אַז די צייט פֿון 1856—1862 איז געווען אַ וואונדערבאַרע פּעריאָדע פֿון ענטוויקלונג אין דער וויסענשאַפֿט און פֿילאָזאָפֿיע. אָט דיזעלבע פּעריאָדע איז אויך געווען אַן אַלגעמיינע ווידעראויפֿוואַכונג פֿון דעם פּאָליטישען ראַדיקאַליזם אין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ. און די דאָזיגע בעוועגונג האָט איבעראַל געהאַט אַ שטאַרקען איינפֿלוס אויף די אַרבייטער; זיי האָבען אָנגעהויבען צו פֿערשטעהן, אַז זיי אַליין דאַרפֿען פֿאָרבערייטען די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָן. די אינטערנאַציאָנאַלע וועלט־אויסשטעלונג פֿון 1862 איז פֿאָרגעשטעלט געוואָרען אַלס דער גרויסער יום טוב פֿון דער אַלגעמיינער וועלט אינדוסטריע, וועלכע פֿערקערפּערט מיט זיך דעם

אָנפאַנג פון אַ נייער פאַזע אין דעם קאַמפף פון דער אַרבייט פאַר איהר בעפרייאונג. אָט דערפאַר האָט די גרינדונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלע, וועלכע האָט זיך מוטהיג אָבגעזאָגט פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען און פּראָקלאַמירט, אַז די אַרבייטער דאַרפען נעהמען זייער בעפרייאונג אין זייערע אייגענע הענד, געמאַכט אַ טיעפען איינדרוק.

די אינטערנאַציאָנאַלע האָט זיך זעהר שנעל פערשפּרייט אין די לאַטיינישע לענדער. איהר קאַמפף־קראַפט איז געוואָרען אַ דראָהונג צו דער בירגערליכער געזעלשאַפט, און אין דרעזעלבער צייט האָבען איהרע פעדעראַציאָנען און איהרע יעהרליכע קאָנגרעסען די אַרבייטער געגעבען די מעגליכקייט צו דיסקוטירען און אויסצואַרבייטען די אידעען פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציאָן.

* * *

אין יענער צייט זיינען אַלע איבערצייגט געווען, דאָס אַזאַ רעוואָלוציאָן וועט אין גיכען מוזען אויסברעכען; אָבער די מיינונגען וועגען די פאָרמען און די ערשטע נויטווענדיגע שריט פון אַזאַ רעוואָלוציאָן זיינען געווען זעהר אונקלאָר און אונבעשטימט. אין די רייהען פון דער אינטערנאַציאָנאַלע האָבען זיך זאָגאַר פעראייניגט פערשידענע סאָציאַליסטישע ריכטונגען, וועלכע האָבען בעקעמפפט איינע די אַנדערע.

די גרונד־אידעע פון דער אינטערנאַציאָנאַלע איז געווען דער דירעקטער קאַמפף פון דער אַרבייט געגען דעם קאַפּיטאַל אויף דעם עקאָנאָמישען געביעט; ד.ה. די בעפרייאונג פון דער אַרבייט ניט דורך דער הילפע פון דער בורזשואַזער געזעצגעבונג, נאָר דורך דער אַקציאָן פון די אַרבייטער גופא.

אָבער ווי אַזוי די בעפרייאונג פון דער אַרבייט וועט פערווירקליכט ווערען, און וואָס פאַר אַ פאָרם די נייע אָרגאַניזאַציאָן פון פּראָדוקציאָן און אויסטויש וועט אָננעהמען — אָט אין דיזע פראַגען זיינען די מיינונגען פון די סאָציאַליסטען אין 1868—1864 פונקט אַזוי פערשידען געווען, ווי מיט צוואַנציג יאָהר בעפאָר, ווען די פערשידענע סאָציאַליסטישע שולען זיינען זיך צונויפגעקומען אין דער רעפּובליקאַנישער נאַציאָנאַל־פערטרעטונג אין פּאַריז אין 1848.

אַקוראַט ווי זייערע פראַנצויזישע פאָרגענגער, וועמענס אידעען און שטרעבונגען וויקטאָר קאָנסידעראַן האָט אַזוי מייסטערהאַפט פאָרגעשטעלט אין זיין ווערק „דער סאָציאַליזם בעפאָר דער אַלטער וועלט" (1848), אַזוי זיינען אויך די סאָציאַליסטען פון דער אינטערנאַציאָנאַלע ניט מאַרשירט אונטער דער פאָהן פון איין לעהרע. זיי האָבען געזעהען

עטליכע פֿערשידענע לייזונגען פֿון דער פֿראַגע און זיינען ניט געווען זיכער, וועלכער וועג עס איז דער בעסטער.

פֿריהער פֿון אַלעם איז געווען די דירעקטע ירושה פֿון דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָן — די פֿערשווערונג פֿון באַבעף פֿון 1795 — וועלכע האָט זיך פֿערקערפּערט אין די געהיימע געזעלשאַפֿטען פֿון די פֿראַנצויזישע „מאַטעריאַליסטישע קאָמוניסטען" און פֿון די דייטשע קאָ־מוניסטען — די נאָכפֿאָלגער פֿון וויטלינג. ביידע האָבען פֿערטראָטען די טראַדיציאָנען פֿון דעם עקסטרעמען יאַקאָביניזם פֿון 1793. אין 1848 האָבען זיי נאָך אַלץ גע'חלום'ט, אַז עס וועט זיך זיי איינגעבען אין אַ שעהנעם טאָג צו פֿערכאַפּען די מאַכט פֿון'ם שטאַאט — אפשר מיט דער פֿאָרלויפֿיגער הילפֿע פֿון אַ דיקטאַטאָר — און צו פֿערווירקליכען די „דיקטאַטור פֿון'ם פּראָלעטאַריאַט" נאָך דעם טעראָריסטישען מאָדעל פֿון די יאַקאָביניסטישע אָרגאַניזאַציאָנען פֿון 1793, נאָר דאָס מאָל צו גונ־סטען די אַרבייטער. די דאָזיגע דיקטאַטור האָט געזאָלט דורכפֿיהרען דעם קאָמוניזם מיט דער הילפֿע פֿון אַ שטרייענגער געזעץ־געבונג.

דורך טויזענדער געזעצע, בעשריינקונגען און אָבגאַבען וואָלט דער בעזיץ פֿון פּריוואַט־אייגענטהום געווען פֿערבונדען מיט אַזוי פֿיעל שוועריגקייטען, אַז די אייגענטהימער גופא וואָלטען העכסט צופֿריעדען געווען אַוועקצוגעבען זייער אייגענטהום צום שטאַאט. נאָך דער אָבשאַ־פֿונג פֿון פּריוואַט־אייגענטהום וואָלט מען אַרויסגעשיקט גרויסע „אַרביי־טער־אַרמעען" צו קולטיווירען די ערד און צו בעאַרבייטען די פֿעלדער, און די אינדוסטריעלע פּראָדוקציאָן פֿאַר דעם שטאַאט וואָלט אָרגאַניזירט געוואָרען אויף דעם זעלביגען האַלב־מיליטערישען שטייגער. *) די דאָזיגע ריכטונג האָט נאָך פֿערטראָטען דיזעלבע אידעען אין דער צייט, ווען די אינטערנאַציאָנאַלע איז געגרינדעט געוואָרען און האָט שפּעטער געהאַט אַסך אָנהייגער אין די רייהען פֿון די פֿראַנצויזישע בלאַנקיסטען.

דירעקט אַנטקעגענגעזעצט צו דעם דאָזיגען יאַקאָביניסטישען קאָ־מוניזם איז געווען די קאָאָפּעראַטיווע אידעע פֿון ראָבערט אָוען, וועלכע האָט פֿערוואָרפֿען יערען שטאַאטליכען צוואַנג און האָט זיך הויפּטזעכליך געשטיצט אויף דער מאַכט פֿון די אָרגאַניזירטע און פֿעדערירטע

*) עס איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען, דאָס עהנליכע אידעען וועגען שטאַאטס־אַגריקולטור דורך זאָגענאַנטע „ארבייטער אַרמעען" זיינען פּראָפּאַגאַנדירט געוואָרען פֿון נאַפּאָלעאָן דעם 3־טען, ווען ער האָט נאָך געשטרעבט צו ווערען פּרעזידענט פֿון דער רעפּובליק, אין זיין שריפֿט: „די אָבשאַפֿונג פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט".

אַרבייטער פֿעראייניגונגען, אי אום דורכצופֿיהרען די רעוואָלוציאָן, אי אום אויפֿצוהאַלטען די לעבענס-בעדינגונגען פֿון דער נייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט. די ענגלישע אָועניסטען האָבען פֿערוואָרפֿען דעם קאָמוניזם; אָבער צוזאַמען מיט די פֿראַנצויזישע נאָכפֿאָלגער פֿון פֿוריע האָבען זיי צוגעשריעבען אַ גרויסע וויכטיגקייט צו די פֿריי אָרגאַניזירטע און פֿעדעראַליסטיש פֿעראייניגטע געמיינדעס און גרופּען, וועלכע וועלען געמיינשאַפֿטליך בעזיצען זייער לאַנד, זייערע פֿאַבריקען און זייערע מאַגאַזינען. די בעלוינונג פֿאַר דער אַרבייט אין יעדען אינדוסטריעלען דאָרף, ווי אויך אין דעם אויסטויש צווישען די פֿערשידענע גרופּען זאָל רעגולירט ווערען דורך אַרבייטס-טשעקס, וועלכע פֿערקערפּערן מיט זיך די אַרבייטס-שטונדען פֿון יעדער פּראָדוקטיווער טהעטיגקייט אין די קאָמונאַלע פֿעלדער, ווערקשטאַטען און פֿאַבריקען.

דיזעלבע אידעע פֿון אַרבייטס-טשעקס, אום צו בעשטימען דעם ווערטה פֿון דער אַרבייט, איז פּראָפּאַגאַנדירט געוואָרען, ווי מיר האָבען שוין פֿריהער בעמערקט, פֿון פּרודהאָן און זיינע מוטואַליסטישע נאָכפֿאָלגער. אויך זיי האָבען פֿערוואָרפֿען יעדע אויטאָריטערע אַריינמישונג פֿון דעם שטאַאַט ווערהענד דער איבערגאַנגס-פּעריאָדע ווי אויך אין דעם שפּעטערען סאָציאַליסטישען לעבען פֿון דער געזעלשאַפֿט. זיי זיינען געווען מיט דער מיינונג, דאָס אַלע פֿונקציאָנען פֿון דעם שטאַאַט אין עקאָנאָמישע אַנגעלעגענהייטען וואָלטען געקענט אויסגעפֿיהרט ווערען דורך די בראַנטשען פֿון דער פֿאָלקס-באַנק און די זאָגענאַנטע קאָנטראָל-הייזער און דאָס די עפֿענטליכע ערציהונג, די סאַניטערע אינסטיטוציאָנען א.ז.וו. זאָלען ליעגען אין די הענד פֿון פֿאָלשטענדיג אונאַבהייננגיגע קאָמונעס.

אויסערדעם האָבען נאָך עקזיסטירט צוויי בעדייטענדע שרייבער, פּעקער און ווידאַל, וועלכע האָבען פֿערטראָטען די אידעע פֿון אַרבייטס-טשעקס, וועלכע זאָלען פֿערנעהמען דעם פּלאַץ פֿון געלד ביי יעדען אויסטויש; ביידע האָבען אין דערזעלבער צייט פּראָפּאַגאַנדירט די פֿערשטאַאַטליכונג פֿון דער ערד, די מינען, די אייזענבאַהנען און פֿאַבריקען און האָבען זייער סיסטעם אָנגערופֿען קאָלעקטיוויזם. פּעקער איז געווען אַ מיטגליד פֿון דער נאַציאָנאַל-פֿערטרעטונג אין 1848; ער האָט אָנגעשריעבען אַ פֿאָלשטענדיגע אָבהאַנדלונג איבער דער דאָזיגער פֿראַגע, אין וועלכער ער האָט ענטוויקעלט אַלע איינצעלהייטען פֿון זיין סיסטעם — אפילו אין דער פֿאָרם פֿון געזעצע, וועלכע דער פּאַרלאַמענט האָט נאָך זיין מיינונג נאָך געדאַרפֿט אָננעהמען, אום אויסצופֿיהרען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן. די נעמען פֿון פּעקער און ווידאַל זיינען

אין יענער צייט כמעט אין גאַנצען פֿערגעסען געוואָרען, אָבער זייערע אי־דעען זיינען ווייט פֿערשפּרייט געווען און זיינען צווישען די דייטשען צוריק אויפֿגעלעבט געוואָרען אונטער די נעמען „מאַרקסיזם", „וויסענ־שאַפֿטליכער סאָציאַליזם" אָדער „קאָלעקטיוויזם".

* * *

אויסער די פֿערשידענע אויבענדערמאָהנטע ריכטונגען האָבען די אידעען פֿון דער סענט סימאָניסטישער ריכטונג געהאַט אַ בעדייטענדען איינפֿלוס אויף פֿיעלע מוחות פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן", אַקוראַט ווי אויף די רעוואָלוציאָנערען פֿון 1848.

אַסך גלענצענדע שרייבערס, פּאָליטיקער און אינדוסטריאַליסטען, צווישען זיי דער פֿילאָזאָף אָגיסט קאָמט, דער היסטאָריקער אָגיסטען טהיעררי און דער עקאָנאָמיסט סיסמאָנדי, האָבען זיך ענטוויקעלט אונטער דעם איינפֿלוס פֿון סענט סימאָן׳ס לעהרע; און זייערע ווערק האָבען געמאַכט אַ טיעפֿען איינדרוק אויף די מייסטע סאָציאַלע רעפֿאָרמערס.

דער מענשליכער פּראָגרעס — אַזוי האָבען זיי געזאָגט — האָט זיך ביז איצט מאַניפֿעסטירט אין דער פֿערוואַנדלונג פֿון דער שקלאַפֿעריי אין לייב - אייגענשאַפֿט און פֿון דער פֿערוואַנדלונג פֿון לייב - אייגענשאַפֿט אין לוין - שקלאַפֿעריי. איצט אָבער איז געקומען די צייט אָבצו־שאַפֿען דעם לוין-סיסטעם. און צוזאַמען מיט דעם לוין-סיסטעם מוז אויך פֿערשווינדען פּריוואַט-אייגענטהום. פּריוואַט - אייגענטהום און אויטאָריטעט זיינען פֿאַר קיין פֿאַל ניט קיין אונפֿערענדערליכע אינסטיטוציאָנען. דאָס אייגענטהום האָט שוין דורכגעמאַכט פֿערשידענע מאָדיפֿיקאַציאָנען אין פֿערלויף פֿון דער געשיכטע, און נייע פֿערענדע־רונגען וועלען שטאַטפֿינדען, ווען זיי זיינען נויטווענדיג.

די אָבשאַפֿונג פֿון פּריוואַט-אייגענטהום — אַזוי האָבען זיי געשריע־בען — קען גראַדענוויז אויסגעפֿיהרט ווערען דורך אַ סעריע פֿון מאַס־רעגלען (די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציאָן האָט שוין גענומען די איניציאַטיווע אין דיזער ריכטונג), וועלכע גיבען דעם שטאַאַט די מעגליכקייט איבערצו־נעהמען אַ שטענדיג וואַקסענדען טהייל פֿון דער ערד מיט דער הילפֿע פֿון אָבגאַבען, וועלכע ער לייגט אַרויף אויף ירושות. אויף אַזאַ אופֿן וועלען די אינדיווידועלע ירושות אַלץ מעהר פֿערהינדערט ווערען מיט דעם צוועק זיי ביסלעכווייז אין גאַנצען אָבצושאַפֿען, און די רייכע, איינזעהענדיג אַז עס איז צו זייער אייגענעם נוצען, וועלען זיך צולעצט אַליין אַנטזאָגען פֿון די פּריווילעגיעס פֿון אַן אָבשטאַרבענדער ציוויליזאַציאָן. „אַזוי וועט דער שטאַאַט צולעצט ווערען דער איינציגער אייגענטהימער

פון דער ערד און אַלע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען, דער רעגולירער פון דער גאַנצער אַרבייט, דער קאָפּ און רעגולירער פון די דריי וויכטיגסטע פונקציאָנען אין דעם סאָציאַלען לעבען — קונסט, וויסענשאַפט און אינדוסטריע".*)

יעדער איינער, זייענדיג אַן אַרבייטער אין איינע פון די דאָזיגע אָבטהיילונגען, איז אויף אַזאַ שטייגער אַן אָנגעשטעלטער פון'ם שטאַאַט. די רעגירונג וועט זיין צונויפגעשטעלט פון אַ היעראַרכיע פון די „בעסטע מענער" — די בעסטע מענער פון דער וויסענשאַפט, די בעסטע קינסטלער, די בעסטע אינדוסטריאַליסטען.

די צוטהיילונג פון די פּראָדוצירטע לעבענס־מיטלען אונטער דעם דאָזיגען סיסטעם וועט אָנגעהן לויט דעם פּרינציפּ: „יעדען לויט זיינע פעהיגקייטען, און יעדער פעהיגקייט לויט איהרע ווערק".*)

די סענט סימאָניסטישע ריכטונג און נאָך מעהר די פּאָזיטיוויסטישע פילאָזאָפיע, וועלכע איז אַרויסגעוואַקסען פון דער ערשטער, האָט אַרויסגעגעבען אַ גאַנצע רייהע פון בעדייטענדע היסטאָרישע ווערק, אין וועלכע דער אורשפּרונג פון פּריוואַט־אייגענטהום, פון אויטאָריטעט, פון'ם שטאַאַט און פון דער קלאַסען־צוטהיילונג איז דיסקוטירט געוואָרען אויף אַ ריין וויסענשאַפטליכען שטייגער און וועלכע האָבען ביז היינט צו טאָג בעהאַלטען זייער ווערטה. די סענט סימאָניסטען האָבען אין דערזעלבער צייט אויך שאַרף קריטיקירט די זאָגענאַנטע קלאַסישע עקאָנאָמיע פון אַדאַם סמיטה און ריקאַרדאָ (וועלכע איז דאַמאָלס בעקאַנט געווען אַלס די מאַנטשעסטער שולע), וואָס האָט פּערוואָרפען די „אַריינמישונג פון'ם שטאַאַט" אין עקאָנאָמישע פראַגען. אָבער בעקעמפּפענדיג די פּרינציפּען פון דעם קאָמערציעלען און אינדוסטריעלען אינדיווידואַליזם און פון דער פרייער קאָנקורענץ, וועלכע די אויבען דערמאָהנטע עקאָנאָמיסטען האָבען פּראָפּאַגאַנדירט, זיינען די סענט סימאָניסטען פערפאַלען געוואָרען אין דעמזעלבען אירטהום, וועמען זיי האָבען צוערשט אַזוי ביטער אַטאַקירט

---

*) זעה וו. קאָנסידעראַן „דער סאָציאַליזם בעפאָר דער אַלטער וועלט" (1848) זייטע 36. איך בענוץ זיך דאָ מיט קאָנסידעראַן'ס אייגענע ווערטער, אום צו צייגען, ווי אַזוי דער סענט סימאָניזם איז פערשטאַנען געוואָרען פון די סאָציאַליסטען אין 1848, און ווי פיעלע פון זיינע אידעען זיינען נאָך פערבליעבען אין די לעהרען פון די היינטיגע סאָציאַל־דעמאָקראַטען.

*) דאָס איז די ווערטליכע סענט־סימאָניסטישע פאָרמולירונג.

אין זייער קריטיק געגען דעם מיליטערישען שטאַאַט, וועלכער גרינדעט זיך אויף דער קלאַסען-צוטהיילונג אין דער געזעלשאַפט („דעם קלאַסען-שטאַאַט"). זיי האָבען צולעצט אָנערקענט די נויטוועגדיגקייט פון אַן אַל-מעכטיגען שטאַאַט און באַזירט זייער געזעלשאַפטליכען פונדאַמענט אויף אונגלייכהייט און אויטאָריטעט און די אָרדנונג אויף א היעראַרכיע פון אַדמיניסטראַטאָרס, רעגולירענדיג דעם געזעלשאַפטליכען לעבען פון אויבען נאָך אונטען.

* * *

דער אונטערשיעד צווישען די סענט סימאָניסטען און די קאָמוניסטען פון 1848 איז אַלזאָ בעשטאַנען אין דעם, וואָס די ערשטע האָבען בע-שטימט אַ ריין אינדיווידועלען אַנטהייל פאַר דעם איינצעלנעם פון די אַלע רייכטהימער, וועלכע זיינען פראָדוצירט געוואָרען דורך דער געמיינשאַפטליכער אַרבייט פון דער גאַנצער געמיינדע. מאַנכע פון זיי האָבען געלייסטעט אַ ווערטהפולע אַרבייט אויף דעם געביעט פון דער פאָליטישער עקאָנאָמיע, נאָר איין זאַך האָבען זיי פאָרט ניט בעגריפען: זיי האָבען ניט פערשטאַנען, אַז די פראָדוקציאָן אין אַלגעמיין איז אַ סאָציאַלער פאַקט, און דערפאַר איז מאַטעריעל אונמעגליך צו בע-שטימען אויף אַ געדעכטען אופן דעם אַנטהייל, וועלכען יעדער איינער האָט בעזונדער אין דער אַלגעמיינער מאַסע פון די פראָדוצירטע לעבענס-מיטלען א.ז.וו.

אין אָט דער בעציהונג איז געווען אַ גרויסער אונטערשיעד צווישען די קאָמוניסטען און די סענט סימאָניסטען. אָבער אין איין פונקט זיינען די אויטאָריטערע קאָמוניסטען און די נאָכפאָלגער פון סענט סימאָן פאָל-שטענדיג איינשטימיג געווען: ביידע האָבען איגנאָרירט דעם אינדיווידואום און זיינע פאָדערונגען. די קאָמוניסטען האָבען דעם איינצעלנעם בלויז געגעבען דאָס רעכט אויסצוקלייבען זיינע פערוואַלטער און רעגירער; די ערשטע סענט סימאָניסטען, בעפאָר 1848, האָבען אפילו דאָס אויך ניט צוגעגעבען. אונטער דעם קאָמוניזם, אַקוראַט ווי אונטער דעם סענט סימאָניזם און קאָלעקטיוויזם איז דער איינצעלנער מעהר ניט געווען ווי אַן אָנגעשטעלטער פון'ם שטאַאַט. מיט די לעהרען פון עטיען קאַבעט האָט דער יאַקאָביניסטישער קאָמוניזם, די אונטערדריקונג פון דער אינ-דיווידואַליטעט, דערגרייכט זיין פאָלקאָמענסטען אויסדרוק.

צום שלום איז נאָך נייטיג צו דערמאָהנען די נאָכפאָלגער פון לואי בלאַן, וועלכע זיינען געווען זעהר צאָהל-רייך אין יענער צייט אין פראַנק-רייך און דייטשלאַנד. אין דייטשלאַנד איז די דאָזיגע ריכטונג פערקערפערט

געוואָרען אין אַ שטאַרקען פֿליגעל פֿון די לאַסאַליאַנער. זיי זיינען געווען מיט דער מיינונג, דאָס אַ רעגירונג, וועלכע וועט אַרויסוואַקסען פֿון אַ רעוואָלוציאָן און זיין דורכגעדרונגען מיט סאָציאַליסטישע אידעען, קען דורכפֿיהרען די פֿערוואַנדלונג פֿון דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל אין אַלגעמיינעם אייגענטהום דורך דעם, וואָס דער שטאַאַט וועט העלפֿען די אַרבייטער אָרגאַניזירען גרויסע אַרבייטס-געגאָסענשאַפֿטען פֿאַר דער פּראָדוקציאָן, אונטערשטיצען זיי מיט געלדער און פֿעראייניגען זיי אַלע אין אַ ברייטען סיסטעם פֿון נאַציאָנאַלער פּראָדוקציאָן. אַ גלייכמעסיגע בעצאָהלונג פֿון אַלע אַרבייטער, וואָס זיינען בעשעפֿטיגט אין די דאָזיגע געגאָסענשאַפֿטען, האָט געזאָלט אָנגענומען ווערען פֿאַר דער איבערגאַנגס-פּעריאָדע, ביז וואַנען מען וועט דערגרייכען דעם אייגענטליכען ציעל — די צוטהיילונג פֿון די פּראָדוקטען לויט די בעדערפֿנישען פֿון יעדען פּראָדוצירער. עס איז געווען דאָס, וואָס קאָנסידעראַן האָט אָנגערופֿען אַ קאָמוניסטישען סענט סימאָניזם אונטער דער פֿערוואַלטונג פֿון׳ם שטאַאַט.

לואי בלאַן און זיינע אָנהיינגער זיינען איבערצייגט געווען, אַז די דאָזיגע פּראָדוקטיווע אַרבייטער-געגאָסענשאַפֿטען, ווען דער שטאַאַט וועט זיי אונטערשטיצען דורך אַ ברייטען קרעדיט-סיסטעם פֿערבונדען מיט גאַנץ קליינע פּראָצענטען, וועלען זיי קענען פֿריי קאָנקורירען געגען דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן, און אונטער דער פֿיהרונג פֿון דעם שטאַאַט גופא וועט עס זיי באַלד געלינגען אַרויסצוואַרפֿען דעם קאַ-פּיטאַליסט פֿון דער אינדוסטריע און ביסלעכוויז צו פֿערנעהמען דאָס לאַנד און די אַגראַרישע פּראָדוקציאָן. דער דאָזיגער עקאָנאָמישער, סאָ-ציאַליסטישער ציעל דאַרף שטענדיג פֿערנעהמען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די אַרבייטער, אָנשטאַט די ריין פּאָליטישע אידעען פֿון די בורזשואַזע פּאָליטיקער.

די דאָזיגע אידעען, וועלכע זיינען פֿערשפּרייט געוואָרען דורך דער רעוואָלוציאָן פֿון 1848, זיינען אויך פֿערטראָטען געוואָרען מעהר אָדער ווייניגער בעשטימט אָדער אונבעשטימט און מיט פֿערשידענע מאָדיפֿי-צירונגען אין די רייהען פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער-אַסאָ-סיאַציאָן. די אָנהיינגער פֿון דער דאָזיגער ריכטונג האָבען אויך אָנערקענט, ווי מיר האָבען שוין פֿריהער בעמערקט, אַ שטאַרקע מעכטיגע רעגירונג, וועלכע זאָל האַלטען אין איהרע הענד דעם גאַנצען עקאָנאָמישען לעבען פֿון דער נאַציאָן; און זיי זיינען פֿאָלקאָם געווען איינשטימיג מיט דער איצטיגער היעראַרכישער און צענטראַליזירטער אָרגאַניזאַציאָן פֿון׳ם שטאַאַט.

גליקליבערווייזע זיינען אין דער אינטערנאַציאָנאַלע אויך פֿערטראָטען געווען די אידעען פֿון די פֿוריעאיסטען, וועלכע האָבען ביז צו אַ געוויסען גראַד פֿאָרגעשטעלט מיט זיך אַ געגען־געוויכט געגען די אויבען דער־מאָהנטע אידעען פֿון די יאַקאָבינִיסטישע בעוואונדערער פֿון׳ם שטאַאַט.

---

## XI.

## אנארכיזם — (פֿאָרטזעצונג).

שאַרל פֿוריע, אַ צייט־גענאָסע פֿון דער גרויסער פֿראַנצויזישער רע־וואָלוציאָן, פֿון וועלכער ער האָט גענומען זיינע הויפּט־אידעען, האָט שוין מעהר ניט געלעבט, ווען די אינטערנאַציאָנאַלע איז געגרינדעט געוואָרען. אָבער זיינע אידעען זיינען אַזוי גוט פּאָפּולאַריזירט געוואָרען פֿון זיינע אָנהייגער — איבערהויפּט פֿון קאָנסידעראַן, וועלכער האָט זיי געגעבען אַ וויסענשאַפֿטליכע איינהייט — אַז די מייסטע פֿאָרטגעשריטענע גייסטער פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלע זיינען, בעוואוסט אָדער אונבעוואוסט, זעהר שטאַרק בעאיינפֿלוסט געוואָרען פֿון פֿוריע׳ס אידעען.*)

די גרונד־אידעע פֿון פֿוריע איז אָבער ניט געווען די פֿעראייניגונג פֿון קאַפּיטאַל, אַרבייט און טאַלאַנט פֿאַר דער פּראָדוקציאָן פֿון אַלע געזעלשאַפֿטליכע רייכטהימער, צו וועלכע די מייסטע היסטאָרישע ווערק

---

*) עס איז בעקאַנט פֿון אונזער פֿריינד טשערקעסאָוו׳ס ווערק, אַז מאַרקס און ענגעלס האָבען אויסגעבאָרגט דעם טהעאָרעטישען טהייל פֿון די עקאָנאָמישע פּרינ־ציפּען, וועלכע זיי האָבען ענטוויקעלט אין זייער „קאָמוניסטישען מאַניפֿעסט" פֿון קאָנסידעראַן׳ס שריפֿט „פּרינציפּען פֿון׳ם סאָציאַליזם: מאַניפֿעסט פֿון דער דעמאָקראַטיע פֿון׳ם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט", וועלכע איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין 1843. יעדער, וואָס וועט נור פֿערגלייכען די ביידע מאַניפֿעסטען, וועט זיך באַלד איבערצייגען, אַז ניט נור דער טהעאָרעטישער אינהאַלט, נאָר זאָגאַר די פֿאָרם פֿון׳ם „קאָמוניסטישען מאַניפֿעסט" איז אויסגעבאָרגט געוואָרען פֿון קאָנסידעראַן׳ס ביכעל. וואָס אָנבעלאַנגט דעם פּראַקטישען פּראָגראַם פֿון׳ם „קאָמוניסטישען מאַני־פֿעסט", האָט אונז פּראָפֿעסאָר אַנדלער געצייגט, אַז ער איז געווען דערזעלביגער, וועלכען די פֿראַנצויזישע און דייטשע געהיימע אָרגאַניזאַציאָנען, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסען פֿון די געהיימע געזעלשאַפֿטען פֿון באַבעף און בואָנאַראָטי, האָבען פֿערטראָטען.

איבער דעם סאָציאַליזם האָבען צוגעשריבען אַזאַ גרויסע בעדייטונג. זיין הויפּט-ציעל איז געווען אַוועקצומאַכען מיט דעם אינדיווידועלען האַנדעל צו גונסטען פון פּריוואַט-פּראָפיט, צוזאַמען מיט די אַלע ספּעקולאַציעס, וועלכע ער פערזוכט און צו שאַפען אַ פ ר י י ע נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע אָ ר-ג אַ נ י ז אַ צ י אָ ן פאַר ד ע ם א ו י ס ט ו י ש פון א ל ע פ ר אָ ד ו ק ט ע ן.

די רפואה פאַר אַלע געמיינהייטען פון דעם היינטיגען אויסבייטונגס-סיסטעם — אום זיך אויסצודריקען אין קאָנסידעראַן'ס ווערטער — איז פאַר פוריע געווען „צ ו ש אַ פ ע ן ד י ר ע ק ט ע ב ע צ י ה ו נ ג ע ן צווישען דעם פּראָדוצירער און דעם קאָנסומענט דורך דער אָרגאַניזאַציאָן פון ק אָ מ ו נ אַ ל ע אַ ג ע נ ט ו ר ע ן אַלס פערמיטלונגס-קערפּערשאַפטען. די דאָזיגע אָרגאַניזאַציאָנען האָבען געזאָלט זיין די פערוואַלטער, ניט די איינענטהימער, פון אַלע לעבענס-מיטלען און געדאַרפט איבערגעבען די פּראָדוקטען דירעקט צו די קאָנסומענטען, צושטעלענדיג צו די פּראָדוק-ציאָנס-קאָסטען ניט מעהר ווי די ווירקליכע קאָסטען פון טראַנספּאָרט און פערוואַלטונג, וועלכע זיינען שטענדיג זעהר אונבעדייטענד".

אויף אַזאַ אופן האָט קאָנסידעראַן פערשטאַנען פוריע („דער סאָציאַליזם בעפאָר דער אַלטער וועלט", זייטע 28). מען קען זעהען, אַז פוריע, וועלכער האָט שוין געשוואָרען, זייענדיג אַ אינגעל פון זיעבען יאָהר, אַנצופיהרען אַ קאַמפּף אויף לעבען און טויט געגען דעם האַנדעל, וועל-כער האָט געלעבט אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רע-וואָלוציאָן און געזעהן, ווי די ספּעקולאַציעס האָבען זיך אָנגעפאַנגען וועהרענד דער רעוואָלוציאָן, ווען מען האָט פערקויפט די נאַציאָנאַלע אימעניעס, און די ספּעקולאַציעס מיט לעבענס-מיטלען אין דער צייט פון דער מלחמה, האָט גוט פערשטאַנען די געוואַלדיגע בעדייטונג פון יענעם גרויסען פערזוך, וועלכען די ס אַ נ ק י ל אָ ט ע ן פון 1793 און 1794 האָבען געמאַכט מיט דער אַבזיכט צו נאַציאָנאַליזירען דעם האַנדעל מיט דער הילפע פון קאָמונאַלע מאַגאַזינען.

די ק אָ מ ו נ ע, די פרייע שטאָדט-פערוואַלטונג — פוריע האָט עס אָנגערופען די פ אַ ל אַ נ ק ס — האָט אַלזאָ נאָך פוריע'ס מיינונג גע-דאַרפט לייזען דעם גרויסען פּראָבלעם פון דעם אויסטויש און די צוטהיי-לונג פון די פּראָדוקטען. אָבער די קאָמונע האָט ניט געזאָלט זיין דער איינענטהימער פון די אָנגעקליבענע רייכטהימער, זאָנדערן ניט מעהר ווי אַ מין אַגענטור פאַר צונויפצוזאַמלען די פּראָדוקטען און צו צוטהיילען זיי, ניט אַרויפלייגענדיג קיין שום אָבגאַבען אויף די קאָנסומענטען און ניט מאַכענדיג ק י י ן פ ר אָ פ י ט פון זיי.

פֿוריע האָט די דאָזיגע אידעע נאָך ווייטער ענטוויקעלט. ער האָט אָנגענומען, דאָס אַלע מיטגלידער פֿון אַ דאָרף־קאָמונע וועלען זיך פֿער־איינינען אין אַ „פֿאַלאַנקס"; זיי וועלען צוזאַמענטהאָן זייער ערד, זייער פֿיעה און זייערע אַגראַרישע געצייג, אום צו קולטיווירען דאָס לאַנד, אָדער זיי וועלען זיך בעשעפֿטיגען מיט אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען, אַקוראַט ווי די ערד, די פֿיעה, די מאַשינען א.ז.וו. וואָלטען געווען זייער געמיינשאַפֿטליכעס אייגענטהום — אין דערזעלבער צייט וועלען זיי פֿאָרזיכטיג פֿערצייכענען, וויפֿיעל יעדער איינוואוינער טראָגט ביי צו דעם אַרבייטס־קאַפּיטאַל.

אין אַזאַ פֿעראייניגונג דאַ־ף מען שטענדיג האַלטען אין זינען צוויי הויפּט־פּונקטען. קיין אונאַנגענעהמע אַרבייט דאַרף איבּערהויפּט ניט עקזיסטירען. יעדע אַרבייט דאַרף זיין אַזוי אָרגאַניזירט, אַזוי צוטהיילט און אַזוי פֿערשיעדענאַרטיג, אַז זי וועט שטענדיג זיין אַטראַקטיוו. און קיין שום צוואַנג דאַרף ניט עקזיסטירען. אין אַ געזעלשאַפֿט, וועלכע גרינדעט זיך אויף דעם באַזיס פֿון פֿרייער פֿעראייניגונג, קען קיין סאָרט צוואַנג ניט טאָלערירט ווערען, שוין ניט ריידענדיג, אַז עס וועט ניט עק־זיסטירען קיין שום נויטווענדיגקייט פֿאַר דעם. אויב מען וועט נור אַביסעל נעהמען אין אָנבעטראַכט די בעדערפֿנישען פֿון יעדען איינציגען און זיך צוקוקען צו זיי אויף אַ פֿערנינפֿטיגען אופֿן און אויב יעדער מיטגליד פֿון דעם פֿאַלאַנקס וועט האָבען די פֿולע מעגליכקייט צו בעשעפֿטיגען זיך מיט אַגריקולטור און אינדוסטריע און אין דערזעלבער צייט מיט גייסטיגער און קינסטלערישער אַרבייט, וועלען אַלע שוועריגקייטען פֿער־שוואונדען ווערען. די מיטגלידער פֿון דעם פֿאַלאַנקס וועלען באַלד דער־קענען, דאָס אפילו די ליידענשאַפֿטען פֿון די מענשען, וועלכע האָבען אונטער די איצטיגע געזעלשאַפֿטליכע בעדינגונגען זעהר אָפֿט אַ שעד־ליכען און געפֿעהרליכען כאַראַקטער און מיט וועלכע מען ענטשולדיגט שטענדיג יעדע מאַסרעגעל פֿון צוואַנג און אונטערדריקונג — די מענשען וועלען דערקענען, דאָס אפילו די דאָזיגע ליידענשאַפֿטען קענען פֿער־וואַנדעלט ווערען אין אַ קוואַל פֿון פּראָגרעס, אויב מען וועט בלויז אָנערקענען זייער בערעכטיגונג און שאַפֿען פֿאַר זיי אַ פֿערנינפֿטיגען סאָ־ציאַלען אויסוועג אין דער פֿאָרם פֿון נייע ריזיקאַלישע אונטערנעהמונגען, סאָציאַלער בעלעבונג, פֿערשידענאַרטיגקייט א.ז.וו.

* * *

וואָס אָנבעלאַנגט די פֿראַגע, ווי אַזוי צו צוטהיילען די פּראָדוצירטע לעבענס־מיטלען און רייכטהימער, האָט פֿוריע — וועלכער איז גענייגט געווען אויסשליסליך צו פּראָפּאַגאַנדירען אַ פֿרידליכע לייזונג פֿון דעם סאָציאַלען פּראָבלעם נאָך דער מפּלה פֿון דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָן און וועהרענד דער שרעקליכער רעאַקציאָן, וועלכע האָט געפֿאָלגט נאָך דער רעוואָלוציאָן — געפֿאָדערט די נויטווענדיגקייט צו אָנערקענען דעם פּרינציפּ פֿון פֿעראייניגונג צווישען קאַפּיטאַל, אַרבייט און טאַלאַנט. ער איז געווען מיט דער מיינונג, אַז דער ווערטה פֿון די רייכטהימער, וועלכע יעדער פֿאַלאַנקס פּראָדוצירט, דאַרף צוטהיילט ווע־רען אין דריי חלקים: איין טהייל צו בעלוינען דעם קאַפּיטאַל, איין טהייל צו בעלוינען די אַרבייט און איין טהייל צו בעלוינען דעם טאַלאַנט. פֿון דעסטוועגען האָבען די מייסטע אינטערנאַציאָנאַליסטען ניט צוגעשרי־בען קיין גרויסע וויכטיגקייט צו אָט דער זייט פֿון פֿוריע'ס אידעען; זיי האָבען אין דעם מעהר ניט געזעהן ווי אַ קאָנצעסיאָן צו דער רעאַקציאָן, וועלכע האָט געהערשט וועהרענד דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט געלעבט. פֿאַר זיי איז בלויז געווען אינטערעסאַנט דער הויפּט־טהייל פֿון זיין פּלאַן, וועלכער לאָזט זיך צוזאַמענפֿאַסען אין די פֿאָלגענדע פּונקטען:

1) די קאָמונע, ד.ה. אַ קליינע טעריטאָריאַלע איינהייט דאַרף בע־טראַכטעט ווערען אַלס דער באַזיס פֿון דער נייער סאָציאַליסטישער גע־זעלשאַפֿט.

2) די קאָמונע איז די אַגענטור, דער פֿערוואַלטער פֿון אַלע פּראָ־דוקטען, וועלכע די אַרומיגע לאָקאַלע קערפּערשאַפֿטען אַרבייטען אויס און דער פֿערמיטלער פֿון דעם אויסטויש. זי רעפּרעזענטירט אויך אין דערזעלבער צייט די פֿעראייניגונג פֿון די קאָנסומענטען און עס איז זעהר וואַהרשיינליך, אַז אין די מייסטע פֿעלע וועט זי אויך פֿאָרשטעלען מיט זיך די פּראָדוצירענדע קערפּערשאַפֿט, וועלכע קען אָבער אויך זיין אַ ריין פּראָפֿעסיאָנעלע, ניט קיין טעריטאָריאַלע גרופּירונג, אָדער אַ פֿע־דעראַציאָן פֿון פּראָדוקציאָנס־גרופּען.

3) די דאָזיגע קאָמונעס וועלען זיך פֿרייוויליג פֿעדערירען איינע מיט די אַנדערע, אום צו פֿאָרמירען די פֿעדעראַציאָן, די רעגיאָן אָדער די נאַציאָן.

4) די אַרבייט מוז האָבען אַן אַטראַקטיווען כאַראַקטער. קיין שום לייזונג פֿון דער סאָציאַלער פֿראַגע איז ניט מעגליך, אַזוי לאַנג ווי דער

דאָזיגער פּראָבלעם וועט ניט געלייזט ווערען. און צו לייזען איהם איז פאַלשטענדיג מעגליך.

5) קיין שום צוואַנג איז ניט נייטיג, אום אויפצוהאַלטען די האַר־מאָניע אין אַזעלכע אָרגאַניזאַציאָנען. די עפענטליכע מיינונג אַליין וועט אויפהאַלטען דעם סאָציאַלען גלייכגעוויכט.

וואָס אָנבעלאַנגט די פראַגע וועגען צוטהיילונג פון די פּראָדוקטען, זיינען די אַרבייטער פון דער „אינטערנאַציאָנאַלע" געווען מיט דער מיי־נונג, אַז די דאָזיגע פראַגע מוז געלייזט ווערען פון יעדער קאָמונע בעזונדער. איין קאָמונע וועט פיילייכט איינפיהרען צווישען איהרע מיט־גלידער דעם קאָמוניסטישען פּרינציפּ: „יעדען נאָך זיינע בעדערפנישען"; אַנדערע וועלען אפשר אָננעהמען אַן אַנדערן סיסטעם און בעלוינען יעדען מיטגליעד לויט דער אַרבייט, וועלכע ער וועט אויספיהרען. די דאָזיגע לייזונג, וועלכע האָט איבערגעלאָזט צו יעדער קאָמונע די אויסוואַהל פון דעם סיסטעם פון בעלוינונג, איז געווען דער אייגענטליכער אינהאַלט פון דער אידעע, וואָס איז בעקאַנט געווען ביי די לאַטיינישע פעלקער אונטער דעם נאָמען „קאָלעקטיוויזם" אין געגענזאַץ צו דעם אויטאָריטערען קאָ־מוניזם פון באַבעף'ס שולע.

און וואָס ענדליך אָנבעלאַנגט די פראַגע ווי אַזוי די היינטיגע גע־זעלשאַפט קען פערוואַנדעלט ווערען אין אַ סאָציאַליסטישע, זיינען אַלע אַרבייטער פון יענער צייט איינשטימיג געווען, אַז אין גיכען וועט אויס־ברעכען אַ נייע רעוואָלוציאָן, פיעל טיעפער און אַלגעמיינער ווי די רעוואָלו־ציאָן פון 1848; און דאַמאָלס וועלען די אַרבייטער אָנווענדען זייערע אַלע כוחות, אום אַוועקצונעהמען מיט די מאָנאָפּאָלען פון'ם קאַפּיטאַל.

אָט דאָס איז געווען דער באַזיס, אויף וועלכען די אַנאַרכיסטישע אידעען אין דער „אינטערנאַציאָנאַלע" האָבען זיך ענטוויקעלט.

דער איבערבליק, וועלכען מיר האָבען געגעבען, צייגט אונז, ווי אַזוי עס זיינען דורכגעמישט געווען אין דער „אינטערנאַציאָנאַלע" יאַקאָ־ביניסטישע, ד.ה. צענטראַליסטיש־אויטאָריטערע אידעען מיט אידעען פון לאָקאַלער אונאַבהייניגקייט און פעדעראַליזם.ביידע זיינען געווען ירושות פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. אויב די צענטראַליסטישע אידעען זיינען דירעקט איבערגענומען געוואָרען פון די יאַקאָבינער פון 1793 און פון דער פערשווערונג פון באַבעף, דורך די געהיימע קאָמוניס־טישע אָרגאַניזאַציאָנען אין דעם ערשטען העלפט פון'ם 19־טען יאָהר־הונדערט, זיינען אָבער די אידעען פון אַ לאָקאַלער אונאַבהייניגער אַקציאָן — אַם וויינינגסטענס וואָס אָנבעלאַנגט די פראַנצויזען — דירעקט

גענומען געוואָרען פֿון דער מעכטיגער און ווירקליך רעוואָלוציאָנער און קאָנסטרוקטיווער אַקציאָן פֿון די פּאַריזער „סעקציאָנען“ און פֿון די קאָמונעס פֿון 1793 און 1794, וועלכע איך האָב קירצליך בעשריעבען אין מיין ווערק „די גרויסע פֿראַנצויזישע רעוואָלוציאָן“.

פֿון דעסטוועגען איז נויטווענדיג צו בעמערקען, אַז די ערשטע ריכטונג, ד.ה. די יאַקאָביניסטישע שולע איז, אָהן אַ שום צווייפֿעל, געוועזן די שטאַרקסטע פֿון די ביידע. די געבילדעטע בורזשואַס, וועלכע זיינען צוגעשטאַנען צו דער „אינטערנאַציאָנאַלע“, זיינען מייסטענטהיילס געוועזן יאַקאָבינער.

* * *

און שפּעטער איז געקומען די שרעקליכע מלחמה צווישען פֿראַנקרייך און דייטשלאַנד, וועלכע איז פֿון נאַפּאָלעאָן און זיינע ראַטהגעבער אויף אַ וואַהנזיניגען אופֿן פּראָוואָצירט געוואָרען, אום צו ראַטעווען דעם קייזער־רייך פֿאַר דער דראָהענדער רעוואָלוציאָן. די מלחמה האָט זיך געענדיגט מיט אַ מורא'דיגער מפּלה פֿאַר פֿראַנקרייך, און דערנאָך איז געקומען די פּראָוויזאָרישע רעגירונג פֿון גאַמבעטאַ און טהיער און די קאָמונע פֿון פּאַריז, וועלכע האָט אַרויסגערופֿען עהנליכע פֿערזוכען אין סענט עטיען און אין באַצעלאָנאַ און קאַטהאַכענאַ אין שפּאַניען. אין די דאָזיגע פֿאָלקס־אויפֿשטענדע האָט זיך דייטליך אַרויסגעצייגט, וואָס פֿאַר אַ פּאָליטישע פֿאָרם אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן וועט אָננעהמען.

ניט אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, ווי מען האָט געזאָגט אין 1848, נאָר *די פֿרייע, אונאָבהייניגע קאָמוניסטישע קאָמונע.*

פֿערשטעהט זיך, די פּאַריזער קאָמונע גופא האָט געליטען פֿון דעמזעלביגען כאַאָס אין די אידעען און אַנשויאונגען מכח די ערשטע טריט, וועלכע די רעוואָלוציאָן דאַרף מאַכען אויף דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען געביעט, פֿון וועלכען די „אינטערנאַציאָנאַלע“ האָט געליטען. ביידע — די יאַקאָבינער און די קאָמונאַליסטען, ד. ה. די צענטראַליסטען און די פֿעדעראַליסטען זיינען פֿערטראָטען געוועזן אין דעם פּאַריזער אויפֿשטאַנד, און עס איז געוועזן אונפֿערמיידליך, אַז עס האָט געמוזט קומען צו אַ קאַמפּף צווישען די צוויי ריכטונגען. דער קריעגערישסטער עלעמענט זיינען געוועזן די יאַקאָבינער און בלאַנקיסטען, אָבער די עקאָנאָמישע און קאָמוניסטישע אידעאַלען פֿון באַבעף זיינען שוין זעהר שטאַרק אָבגעשוואַכט געוועזן ביי די בורזשואַזע פֿיהרער פֿון דער בעוועגונג. פֿאַר זיי איז די עקאָנאָמישע פֿראַגע געוועזן אַ פֿראַגע פֿון קלענערע וויכטיגקייט, מיט וועלכע מען דאַרף ערשט האַנדלען נאָך דעם טריאומף פֿון דער

קאָמונע, און די דאָזיגע אידעע האָט געהאַט די איבער־מאַכט. אָבער די שרעקליכע מפלה פֿון דער קאָמונע און די בלוטיגע נקמה פֿון דער בורזשואַזיע איז מעהר ניט געווען ווי אַ נייער בעווייז, אַז דער טריאומף פֿון אַ פֿאָלקס־קאָמונע איז מאַטעריעל אונמעגליך, אַזוי לאַנג ווי דאָס פֿאָלק וועט אין דער זעלבער צייט ניט טריאומפֿירען אויף דעם עקאָנאָמישען געביעט.

ביי די לאַטיינישע פֿעלקער האָבען די פּאַריזער קאָמונע און די אויפֿשטענדע פֿון באַרצעלאָנאַ און קאַטאַבענאַ איין פֿאַר אַלע מאָל פֿעסטגעשטעלט די אידעען פֿון דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט.

די אונאַבהייגיגע קאָמונע — אָט דאָס איז די פֿאָרם, וואָס די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן דאַרף אָננעהמען. זאָל דאָס גאַנצע לאַנד און די גאַנצע וועלט זיין געגען איהר; אָבער ווען איהרע איינוואוינער זיינען איינמאָל געקומען צו דעם בעשלוס צו קאָמונאַליזירען די צוטהיילונג פֿון די לעבענס־מיטלען, דעם אויסטויש פֿון די פּראָדוקטען און די פּראָדוקציאָן, דאַן מוזען זיי צוערשט פֿערווירקליכען זייער בעשלוס ביי זיך גופא. און אויב זיי טהוען עס, וועלען זיי באַלד געפֿינען אַזעלכע קרעפֿטע, וועלכע זיי וואָלטען קיינמאָל ניט געקענט געפֿינען אונטער אַנדערע אומשטענדען פֿאַר דעם טריאומפף פֿון אַ גרויסער בעוועגונג, אַזעלכע קרעפֿטע, וועלכע קענען אַריינציהען דאָס גאַנצע לאַנד און זיינע ריקשטענדיגסטע און גלייכגילטיגסטע טהיילען אין די כוואַליעס פֿון דער רעוואָלוציאָן. עס איז פֿיעל בעסער אָנצופֿיהרען אַן אָפֿענעם קאַמפף געגען אַלע אינסטיטוציאָנען פֿון דער רעאַקציאָן, איידער זיך צו שלעפּען מיט זיי אין דער פֿאָרם פֿון הונדערטער קייטען, צוגעשמיעדט צו די פֿיס פֿון די קעמפּפֿער.

און דאָס איז נאָך ניט אַלעס. מיר האָבען געמאַכט נאָך אַ שריט פֿאָרווערטס. מיר פֿערשטעהען היינט, דאָס אויב עס עקזיסטירט ניט קיין שום נויטווענדיגקייט פֿאַר אַ צענטראַלע רעגירונג, אום צו בעהערשען די אונאַבהייגיגע קאָמונעס, אויב מען וועט אַוועקמאַכען מיט דער נאַציאָנאַלער רעגירונג און די נאַציאָנאַלע איינהייט וועט אויפֿגעהאַלטען ווערען דורך אַ פֿרייע פֿעדעראַציאָן, דאַן מוזען מיר קומען צו דעם בעשלוס, דאָס אַ צענטראַלע מוניציפּאַל רעגירונג איז פּונקט אַזוי אונניצליך און שעדליך. דערזעלבער פֿעדעראַטיווער פּרינציפּ איז גענוג פֿאַר דער פֿערוואַלטונג פֿון דער קאָמונע גופא.

* * *

דער אויפשטאַנד פון דער פּאַריזער קאָמונע האָט אַלזאָ געלייזט אַ פראַגע, וועלכע האָט געפייניגט יעדען אמת'ן רעוואָלוציאָנער. צוויי מאָל האָט פראַנקרייך געמאַכט אַ פערזוך דורכצופיהרען אַ מין סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָן, מיט דער הילפע פון אַ צענטראַלער רעגירונג, וועלכע איז מעהר אָדער ווייניגער געניינט געווען צו ערפילען די דאָזיגע אויפגאַבע: דעם ערשטען מאָל אין דער צייט פון 1793-1794, ווען זי האָט פערזוכט צו פערווירקליכען די אמת'ע עקאָנאָמישע גלייכהייט — די „פּאַקטישע גלייכהייט", ווי מען פלעגט זאָגען אין יענער צייט — דורך די מאָס־רעגלען פון אַ שטריינגער יאַקאָבינישער רעגירונג; און דעם צווייטען מאָל אין 1848, ווען זי האָט געוואָלט פערווירקליכען אַ „דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק". און ביידע פערזוכע האָבען זיך געענדיגט מיט אַ פיאַסקאָ. איצטער איז אויסגעפונען געוואָרען אַ נייע לייזונג: די פרייע קאָמונע מוז לייזען אָט די פראַגע אינערהאַלב איהר אייגענער טעריטאָריע; און מיט דער דאָזיגער לייזונג האָט זיך ענטוויקעלט אַ נייער אידעאַל — ד י  א נ אַ ר כ י ע.

איצט האָבען מיר אָנגעהויבען צו פערשטעהען, אַז דער פונדאַמענט פון פּרודהאָן'ס ווערק „די אַלגעמיינע אידעע וועגען דער רעוואָלוציאָן פון'ם 19־טען יאָהרהונדערט" ענטהאַלט אין זיך אַ טיעפע פּ ר אַ ק ט י ש ע אידעע — די אידעע פון דער אַנאַרכיע. און אין די לאַטיינישע לענדער האָט דער גייסט פון די מעהרער פאָרטגעשריטענע עלעמענטען אָנגעהויבען אַרבייטען אין דער דאָזיגער ריכטונג.

ליידער בלויז אין די לאַטיינישע לענדער: אין פראַנקרייך, אין שפּאַניען, אין איטאַליען, אין דער פראַנצויזישער שווייץ און אין דעם וואַלאָנישען טהייל פון בעלגיען. די דייטשען, פערקעהרט, האָבען אַרויסגענומען אַ גאַנץ אַנדער לעהרע פון זייער זיעג איבער פראַנקרייך און גאַנץ פערשיעדענע אידעען — די פערעהרונג פון דעם צענטראַליסטישען שטאַאַט.

דער צענטראַליסטישער שטאַאַט, וועלכער איז פיינדליך אפילו צו די שטרעבונגען פון נאַציאָנאַלער אומאַבהייניגקייט; די מאַכט פון צענטראַליזאַציאָן און אַ שטריינגע צענטראַלע רעגירונג — אָט דאָס זיינען געווען די לעהרען, וועלכע זיי האָבען גענומען פון די זיעגען פון דעם דייטשען קייזער־רייך. און זיי האַלטען זיך זאָגאַר נאָך היינט צו טאָג ביי די דאָזיגע לעהרען, ניט בעגרייפענדיג, אַז דאָס איז מעהר ניט געווען ווי אַ זיעג פון אַ מיליטערישער מאַסע, דער זיעג פון דער אַלגעמיינער מיליטער־פליכט פון די דייטשען איבער דעם רעקרוטירונגס־סיסטעם פון די פראַנצויזען און איבער דער אינערליכער פערפוילטקייט פון דעם

צווייטען נאַפּאָלעאָנישען קייזער־רייך. דאָס צווייטע קייזער־רייך איז געשטאַנען אויף דעם שוועל פֿון אַ רעוואָלוציאָן, פֿון וועלכער די גאַנצע מענשהייט וואָלט פּראָפֿיטירט, אויב זי וואָלט ניט פֿערהינדערט געוואָרען דורך די דייטשע עראָבערער.

די קאָמונעס פֿון פּאַריז און קאַטאַבענאַ האָבען אַלזאָ אין די לאַטייניש לענדער געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר דער ענטוויקלונג פֿון דער אַנאַרכיע. די אויטאָריטערע טענדענצען פֿון דעם גענעראַל־קאָמיטע פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־אַסאָסיאַציאָן, וועלכע האָבען זיך באַלד אַרויסגעצייגט און אונטערגעגראָבען די אייניגקייט פֿון דער גרויסער אַרבייטער-אָרגאַניזאַציאָן, האָבען נאָך מעהר פֿערשטאַרקערט די אַנאַרכיסטישע געדאַנקען-ריכטונג. און דאָס איז נאָך מעהר געווען דער פֿאַל, ווען דער אויבען דערמאָהנטער קאָמיטע, מיט מאַרקס, ענגעלס און עטליכע פֿראַנצויזישע בלאַנקיסטען אָן דער שפּיצע, — אַלע ריינע יאַקאָבינער — האָט זיך בענוצט מיט זיין מאַכט, אום אויסצופֿיהרען אַ ש ט אַ אַ ט ס - ש ט ר י י ך אין דער אינטערנאַציאָנאַלע. אָנשטאָט דעם עקאָנאָמישען קאַמפּף פֿון דער אַרבייט געגען דעם קאַפּיטאַל, וועלכער איז ביז אַהער געווען דער ג־ונד-פּרינציפּ פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלע, האָט מען אַריינגעבראַכט די פּאַרלאַמענטאַריש־פּאָליטישע אַקציאָן אין דעם פּראָגראַם פֿון דיער גרויסע־ אָרגאַניזאַציאָן. אויף אַזאַ אופֿן האָט אויסגעבראָכען אַן אָפֿענער אויפֿשטאַנד פֿון די פֿעדעראַציאָנען אין שפּאַניען, איטאַליען, אין שווייצער יורא, אין מזרח-זייט פֿון בעלגיען און ביי געוויסע סעקציאָנען פֿון די ענגלישע אינטערנאַציאָנאַליסטען געגען דעם גענעראַל־קאָמיטע פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלע.

* * *

אין מיכאַאיל באַקונין האָט די אַנאַרכיסטישע ריכטונג, וועלכע האָט זיך אַלץ שטאַרקער ענטוויקעלט אין דער אינטערנאַציאָנאַלע, געפֿונען אַ מעכטיגען, פֿעהיגען און בעגייסטערטען אַפּאָסטעל; און אַרום באַקונין און זיינע פֿריינד אין דעם שווייצער יורא האָט זיך גרופּירט אַ קליינער קרייז פֿון טאַלאַנטפֿולע איטאַליענער און שפּאַניער, וועלכע האָבען זיינע אידעען ווייטער ענטוויקעלט. מיט דער הילף פֿון זיינע גרויסע היסטאָרישע און פֿילאָזאָפֿישע קענטניסען האָט באַקונין אַוועקגעשטעלט אין אַ סעריע פֿון מעכטיגע און איינדרוקספֿולע שריפֿטען די גרונד־אידעען פֿון דעם מאָדערנעם אַנאַרכיזם.

די פֿאָלשטענדיגע אָבשאַפֿונג פֿון דעם שטאַאַט מיט זיין גאַנצער אָרגאַניזאַציאָן און זיינע אַלע אידעאַלען — דאָס איז געווען דער מאָטאָ,

וועלכען באַקונין האָט מוטהיג פּראָקלאַמירט. אין דער פערגאַנגענהייט איז דער שטאַאַט געווען אַ היסטאָרישע נויטווענדיגקייט, וועלכע איז אַרויסגעוואַקסען פון דער אויטאָריטעט, וואָס די פריעסטער־קלאַסען האָבען זיך ערוואָרבען. אָבער היינט איז זיין פאָלשטענדיגע פערניכטונג געוואָרען אַ היסטאָרישע נויטווענדיגקייט, דערפאַר ווייל דער שטאַאַט פערקערפערט מיט זיך די אָבלייקנונג פון יעדער פרייהייט און ווייל ער פערדאַרבט אפילו דאָס, וואָס ער נעהמט זיך אונטער אויסצופיהרען פאַר דעם אַלגעמיינעם וואָהלזיין. יעדע שטאַאַטליכע געזעצגעבונג, און ווען אפילו זי איז דער רעזולטאַט פון דעם זאָגענאַנטען אַלגעמיינעם שטים־רעכט, מוז פערוואָרפען ווערען, דערפאַר וואָס זי איז שטענדיג געמאַכט געוואָרען, רעכענענדיג זיך מיט די אינטערעסען פון די פריווילעגירטע קלאַסען. יעדע נאַציאָן, יעדע פּראָווינץ, יעדע קאָמונע מוז האָבען דאָס אַבסאָלוטע רעכט פריי צו אָרגאַניזירען זיך, פּאָליטיש און עקאָנאָמיש און אויף איהר אייגענעם שטייגער, אַזוי לאַנג ווי זי שאַפט דורך דעם ניט קיין געפאַהר צו די איבעריגע נאַציאָנען, פּראָווינצען אָדער קאָמונעס. „פעדעראַליזם" און „אויטאָנאָמיע" זיינען נאָך ניט גענוג. דאָס זיינען ניט מעהר ווי ווערטער, צו פערמאַסקירען די אויטאָריטעט פון'ם שטאַאַט. די פאָלשטענדיגע אונאַבהייניגקייט פון די קאָמונעס, זייער פרייע פעדעראַציאָן און די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן אינערהאַלב די קאָמונעס — דאָס איז, ווי באַקונין האָט בעוויזען, דער אידעאַל, וועלכער ענטוויקעלט זיך היינט בעפאָר אונזער ציוויליזאַציאָן אויס דעם נעבעל פון דער פערגאַנגענהייט. און דער אינדיווידואום הויבט אָן צו פערשטעהן, אַז זיין ווירקליכע פריי־הייט ענטוויקעלט זיך פּראָפּאָרציאָנעל מיט דער פרייהייט פון אַלע אי־בעריגע, וועלכע רינגלען איהם אַרום.

וואָס אָנבעלאַנגט זיינע עקאָנאָמישע אידעען, איז באַקונין אינערליך אַ קאָמוניסט געווען; אָבער צוזאַמען מיט זיינע פעדעראַליסטישע פריינדע פון דער אינטערנאַציאָנאַלע און אַלס אַ צוגעשטענדניס צו דעם אַנטאַ־גאָניזם געגען דעם קאָמוניזם, וועלכען די אויטאָריטערע קאָמוניסטען האָבען אַרויסגערופען אין פראַנקרייך, האָט ער זיך גערופען אַ „קאָלעק־טיוויסטישער אַנאַרכיסט". פערשטעהט זיך, ער איז ניט געווען אַ „קאָ־לעקטיוויסט" אין דעם זין פון פעקער אָדער ווידאַל און זייערע מאָדערנע נאָכפאָלגער, וועמענס ציעל איז אייגענטליך ניט מעהר ווי שטאַאַטס־קאַפּיטאַליזם. ער האָט דעם וואָרט „קאָלעקטיוויזם" אויפגעפאַסט אין דעם פריהער דערמאָהנטען זין; ד.ה. ער האָט ניט געוואָלט בעשטימען אין פאָראויס, וואָס פאַר אַ פאָרם פון צוטהיילען די פּראָדוקטען די

פראָדוּציִרער זאָלען אָננעהמען אין זייערע פֿערשיעדענע גרופּען — די קאָמוּ־ניסטישע לייזונג, אָדער די אַרבייטס־טשעקס, אָדער גלייכע בעצאָהלונג, אָדער וואָס פֿאַר עס איז ניט אַנדער מעטהאָדע. און מיט די דאָזיגע אַנ־שויאונגען איז ער אין דערזעלבער צייט געווען אַן ענערגישער אַפּאָסטעל פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן, וועמענס אויסברוך אַלע סאָציאַליסטען פֿון יענער צייט האָבען אין גיכען ערוואַרטעט און וועלכע ער האָט גע־פריידיגט מיט גליהענדע ווערטער.*)

---

## XII.

## אַנאַרכיזם — (פֿאָרטזעצונג).

אויב דער פּראָטעסט געגען דעם שטאַאַט, אויף דעם שטייגער, ווי ער איז אָנגעפֿיהרט געוואָרען פֿון בורזשואַזע שרייבער בעפֿאָר 1848 און שפּעטער, ביז צו דעם אויפֿשטאַנד פֿון דער פּאַריזער קאָמונע, האָט גע־האַט דעם כאַראַקטער פֿון אַ רעוואָלט פֿון דעם *אינדיווידואום* געגען דער געזעלשאַפֿט און איהרע היפּאָקריטישע פֿאָרמען, האָט ער אָבער איצטער, ווען עס האָט זיך אויפֿגעהויבען אַן עהנליכע בעוועגונג ביי די אַ־בייטער, בעקומען אַ פֿיעל טיעפֿערען אינהאַלט.

די אַרבייטער האָבען געזוכט אויסצוגעפֿינען אָט די *געזעלשאַפֿט־ליכע* פֿאָרמען, מיט וועמענס הילפֿע זיי האָבען געדיינקט צו קענען פּטור ווערען פֿון דעם סיסטעם פֿון אויסבייטונג און אונטערדריקונג פֿון איין מענש דורך דעם צווייטען, און וועלכער ווערט היינט אויפֿגעהאַלטען דורך דעם שטאַאַט. די גרינדער פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרביי־טער אַסאָסיאַציאָן" האָבען געזעהען אין דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציאָן דעם

---

*) אייניגע פֿון באַקונין'ס מיטאַרבייטער און פֿריינד — געמליך וואַרלען, גיאָם און די איטאַליענער — האָבען זיך שוין אין 1868 גערופֿען קאָמוניסטישע אַנאַרכיסטען. אָבער זייענדיג שפּעטער געצוואונגען, אַנצופֿיהרען אַ ביטערן קאַמפּף פֿאַר דער אונאַבהיינגיקייט פֿון זייערע פֿערשיעדענע פֿעדעראַציאָנען, האָבען זיי ניט געשיינקט קיין בעזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט צו דער דאָזיגער פֿראַגע און האָבען איבערגעלאָזט די לייזונג צו די קאָמונעס און אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען פֿון דער צוקונפֿט.

עמבריאָ פֿון אָט דער נייער געזעלשאַפֿט, וועלכע וועט געבוירען ווערען דורך אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן — אַ געזעלשאַפֿט, וואו די פֿונקציאָנען, וועלכע בעלאַנגען היינט צו דער רעגירונג, וועלען פֿערנומען ווערען דורך פֿרייוויליגע קאָנטראַקטען, אַזוי ווי זיי וועלען זיך ענטוויקלען דורך די דירעקטע בעציהונגען צווישען די פֿערשיעדענע גרופּען פֿון די פּראָדוצירער און קאָנסומענטען. אין דער דאָזיגער אַטמאָספֿערע האָט דער אידעאַל פֿון דעם אַנאַרכיסט אויפֿגעהערט צו זיין אַן אינדיווידועלער אידעאַל — ער האָט בעקומען אַ סאָציאַלען כאַראַקטער.

וואָס מעהרער די אַרבייטער פֿון אייראָפּאַ און אַמעריקאַ האָבען זיך דירעקט בעקענט איינע מיט די אַנדערע, אָהן דער פֿערמיטלונג פֿון די רעגירונגען, אַלץ מעהר האָבען זיי זיך איבערצייגט פֿון זייערע אייגענע קרעפֿטען און פֿון זייער פֿעהיגקייט אויפֿצובויען די געזעלשאַפֿט אויף אַ נייעם באַזיס. זיי האָבען פֿערשטאַנען, דאָס אויב דאָס פֿאָלק וועט צוריק צונעהמען די ערד און אַלע אינסטרו- מענטען פֿאַר דער פּראָדוקציאָן פֿון די נויטווענדיגע מיטלען צום לעבען, און אויב די פֿעראייניגונגען פֿון מענער און פֿרויען, וועלכע זיינען בע- שעפֿטיגט אין די פֿאַבריקען, אויף די פֿעלדער און אין די מיענען, וועלען אַליין ווערען די פֿערוואַלטער פֿון דער פּראָדוקציאָן, וועלען זיי אונטער אַזעלכע אומשטענדען זיין אימשטאַנד צו פּראָדוצירען אויף דעם לייכ- טעסטען אופֿן אַלצדינג, אין וואָס די געזעלשאַפֿט נייטיגט זיך, אום צו פֿערזיכערן דעם וואָהלזיין פֿון אַלעמען און צו געבען יעדען איינציגען גענוג פֿרייע צייט פֿאַר דער ענטוויקלונג פֿון זיינע אַלע גייסטיגע פֿע- היגקייטען. דער געוואַלדיגער פּראָגרעס פֿון אונזער מאָדערנער וויסענ- שאַפֿט און טעכניק צייגט אונז, וואָס ווייטער אַלץ דייטליכער, די מעג- ליכקייט פֿון אַזאַ צושטאַנד. אויסערדעם קען דער אויסטויש פֿון די פּראָדוקטען אין אַ ברייטער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציאָן פֿון פּראָדו- צירער און קאָנסומענטען אויף דעם זעלבען לייכטען אופֿן אָרגאַניזירט ווערען, ווי באַלד עס האַנדעלט זיך שוין ניט מעהר וועגען די פּערזענליכע אינטערעסען פֿון אַ קליינער מינדערהייט.

אין דערזעלבער צייט האָט דער דיינקענדער טהייל פֿון די אַרבייטער, וועלכער האַלט זיך אין איין פֿערמעהרען, בעגריפֿען, אַז דער שטאַאַט מיט זיינע טראַדיציאָנען, זיין היעראַרכיע און זיין קליין-גייסטיגען נאַ- ציאָנאַליזם, וועט שטענדיג זיין אַן אָבהאַלט פֿאַר דער ענטוויקלונג פֿון אַזאַ אָרגאַניזאַציאָן; און די פֿערזוכע, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין די פֿערשידענע לענדער אַם וויניגסטענס טהיילווייז אויסצובעסערן די

סאָציאַלע איבלען אינערהאַלב דעם איצטיגען בורזשואַזען שטאַאַט, האָבען וואָס ווייטער אַלץ דייטליכער אַרויסגעצייגט דעם פיאַסקאָ פון אַזאַ טאַקטיק.

וואָס ברייטער עס איז געווען די טהעטיגקייט פון אַזעלכע פערזוכען, אַלץ דייטליכער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער מעכאַניזם פון'ם שטאַאַט קען פאַר קיין פאַל ניט בענוצט ווערען פאַר אַן אינסטרומענט צו בעפרייען די אַרבייטער. דער שטאַאַט איז אַזאַ אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע איז דירעקט געשאַפען און ענטוויקעלט געוואָרען צו עטאַבלירען די מאָנאָפּאָלען צו גונסטען די שקלאַפען בעזיצער, די קירכליכע און אַריסטאָקראַטישע פעאָדאַל-הערען, די גרונד-בעזיצער און קעניגע, די קויפמאַנס-גילדעס און די פראָצענטניקעס, די מיליטערישע פיהרערס און די „אַדעל-מענער" און היינט צו טאָג צו גונסטען די אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטען, וועמען ער האָט פערזאָרגט מיט „הענד" וועלכע ער האָט אַרויסגעטריבען פון די דערפער, פון דער קאָמונאַלער ערד. דער שטאַאַט וואָלט אַלזאָ אין בעסטען פאַל מעהר ניט געקענט זיין, ווי אַן אונניצליכע אינסטיטוציאָן, ווי באַלד די דאָזיגע מאָנאָפּאָלען וועלען מעהר ניט עקזיסטירען. דאָס גאַנצע לעבען וואָלט געוואָרען איינפאַכער, ווי באַלד דער מעכאַניזם, וועלכער איז ספּעציעל געשאַפען געוואָרען פאַר דער אויסבייטונג פון די אָרעמע דורך די רייכע, וואָלט פערשוואונדען געוואָרען.

די אידעע פון אונאַבהייניגע קאָמונעס פאַר דער טעריטאָריאַלער אָרגאַניזאַציאָן און פון פעדערירטע קערפּערשאַפטען פון טרייד-יוניאָנס פאַר דער אָרגאַניזאַציאָן פון די מענשען אין בעצוג צו זייערע פערשידענע פראָדוקטיווע טהעטיגקייטען האָט געשאַפען אַ קאָנקרעטע פאָרשטעלונג פון אַ געזעלשאַפט, וועלכע איז רעגענערירט געוואָרען דורך אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן. עס בלייבט אונז מעהר ניט איבער ווי צוצוזעצען צו די דאָזיגע צוויי פאָרמען פון אָרגאַניזאַציאָן נאָך אַ דריטע, וועלכע האָט זיך אונגעהייער שנעל ענטוויקעלט אין פערלויף פון די לעצטע פופציג יאָהר, ווי באַלד די פעלקער האָבען אויסגעקעמפט פאַר זיך אַ ביסעל מעהר פרייהייט אין דיזער ריכטונג: נעמליך, די טויזענדער און טויזענדער פרייע פעראייניגונגען און געזעלשאַפטען, וועלכע האָבען זיך ענטוויקעלט איבעראַל, אום צו בעפרידיגען אַלע מעגליכע און דיינקבאַרע בעדערפנישען פאַר עקאָנאָמישע, סאַניטערע און ערציהונגס צוועקען, פאַר געגענזייטיגע הילפע, פאַר דער פּראָפּאַגאַנדאַ פון פערשידענע אידעען, פאַר קונסט און פערגניגען א.ז.וו. דיזע אַלע אָרגאַניזאַציאָנען ערגענצען זיך איינע די אַנדערע און זיינען שטענדיג פאַרטיג צו רעכענען

זיך מיט נייע בעדערפֿנישען דורך נייע אָרגאַניזאַציאָנען און פֿערבע־סערונגען.

נאָך מעהר. מען הויבט היינט אָן צו פֿערשטעהען, אַז ווען די מענש־ליכע געזעלשאַפֿט וועט זיך ענטוויקלען אין דער דאָזיגער ריכטונג, וועלען צוואַנג און בעשטראָפֿונג נויטוועגדיגער ווייזע מוזען פֿערשווינדען. דער גרעסטער אָבהאַלט אויפֿצוהאַלטען אַ געוויסען מאָראַלישען ניוואָ אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט, איז דער מאַנגעל אין סאָציאַלער גלייכהייט. אָהן ווירקליכע גלייכהייט קען דער אינסטינקט פֿון גערעכטיגקייט קיינמאָל ניט אַלגעמיין ענטוויקעלט ווערען, דערפֿאַר וואָס גערעכטיגקייט פֿאָדערט די אָנערקענונג פֿון גלייכהייט. אין אַ געזעלשאַפֿט, וואו די פּרינציפּען פֿון גערעכטיגקייט וועלען ניט בעליידיגט ווערען אויף יעדען שריט און טריט דורך די עקזיסטירענדע אונגלייכהייט פֿון די מענשליכע רעכטע און די אונגלייכע מעגליכקייטען פֿון דער אינדיווי־דועלער ענטוויקלונג, וועט די גערעכטיגקייט זיך מוזען פֿערשפּרייטען איבעראַל און ווערען אַ געוואוינהייט פֿון׳ם פֿאָלק.

אין דעם דאָזיגען פֿאַל וואָלט דער איינצעלנער געווען פֿריי, דער־פֿאַר וואָס זיין פֿרייהייט וואָלט מעהר ניט בעשריינקט געוואָרען דורך מורא: דורך מורא פֿאַר אַ סאָציאַלער אָדער אַן איבערנאַטירליכער בעשטראָפֿונג, אָדער דורך זיין געהאָרכזאַמקייט צו אַנדערע מענשען, וועלכע האַלטען זיך פֿאַר זיינע פֿאָרשטעהער אָדער צו מיסטישע און מעטאַפֿיזישע קרעפֿטען.ביידע פֿאָרשטעלונגען זיינען דער גרעסטער פֿלוך פֿאַר דער מענשהייט, זיי פֿיהרען צו גייסטיגער פֿערשקלאַפֿונג און מאַ־כען דעם מאָראַלישען ניוואָ פֿון׳ם מענשען נידעריגער אָנשטאָט העכער.

אין אַ פֿרייער אומגעבונג אויף דעם פֿונדאַמענט פֿון גלייכהייט וואָלטען מיר רוהיג געמעגט ערוואַרטען, אַז דער מענש וועט זיך פֿיהרען, אַזוי ווי זיין אייגענער שכל וועט איהם דיקטירען; פֿערשטעהט זיך, זיין שכל גופא וואָלט געטראָגען אויף זיך דעם שטעמפּעל פֿון די געזעל־שאַפֿטליכע אומשטענדען, וואָס רינגלען איהם אַרום. און אין דערזעלבער צייט וואָלט ער געווען אימשטאַנד פֿאָלשטענדיג צו ענטוויקלען זיין אינ־דיווידואַליטעט; וועהרענד דער „אינדיווידואַליזם", אין וועלכען בורזשואַזע אינטעליגענטען זעהען היינט אַ מיטעל פֿאַר דער ענטוויקלונג פֿון די פֿעהיגערע אינדיווידוען, איז — ווי יעדער קען אַליין זעהען — דער הויפּט־אָבהאַלט פֿאַר דער דאָזיגער ענטוויקלונג. ניט בלויז דער־פֿאַר וואָס דער שטאַאַט און קאַפּיטאַליזם ווענדען אָן אַלע מיטלען צו פֿערהינדערן די גייסטיגע פֿרוכטבאַרקייט און צו האַלטען איהר אויף אַ

נידעריגער שטופע און ווייל די גרויסע מעהרהייט פון פעהיגע מענשען האבען היינט ניט די מוזע און ניט די געלעגענהייט צו ענטוויקלען זייערע העכערע פעהיגקייטען; נאר אויך דערפאר, ווייל די, וואס האבען שוין יא די נייטיגע צייט און געלעגענהייט, ווערען אין דער היינטיגער געזעלשאפט נור אנערקענט מיט דער בעדינגונג, אז זיי וועלען קיינמאל ניט געהן „צו ווייט" מיט זייער קריטיק געגען דער איצטיגער געזעלשאפט און הויפטזעכליך, אז זיי וועלען זיך קיינמאל ניט נעהמען צו דירעקטע האנדלונגען, וועלכע קענען פיהרען צו דער צושטערונג פון די איצטיגע געזעלשאפטליכע בעדינגונגען אדער פילייכט בלויז צו ערנסטע רעפארמען. נור צו די יעניגע ערלויבט מען א געוויסע „ענטוויקלונג פון זייער אינדיווידואליטעט", וועלכע זיינען ניט געפעהרליך אין דיזער בעציהונג — צו די, וועלכע זיינען בלויז „אינטערעסאנט" פאר דעם פיליסטער, און פאר וועלכע ער דארף קיינמאל ניט ציטערן.

* * *

די אנארכיסטען, ווי מיר האבען שוין פריהער בעמערקט, גרינדען זייערע פארשטעלונגען וועגען דער צוקונפט אויף יענע ערשיינונגען, וועלכע מען קען דייטליך בעאבאכטען אין דעם סאציאלען לעבען פון אונזער צייט.

ווען מיר אונטערזוכען אלזא די שטרעבונגען, וועלכע האבען בעקומען די אויבערמאכט אין דעם לעבען פון די ציוויליזירטע לענדער, זייט די ענדע פון'ם 18־טען יאהרהונדערט, וועלען מיר זיכער ניט פערפעהלען צו בעמערקען, ווי שטארק עס זיינען געוועזען די צענטראליסטישע און אויטאריטערע טענדענצען וועהרענד דער דאזיגער פעריאדע, אי ביי דער בורזשואזיע און אי ביי יענע ארבייטער, וועלכע זיינען ערצויגען געווארען מיט די אידעען פון דער בורזשואזיע און וועלכע פערזוכען היינט אריינצוטרעטען אין די רייהען פון זייערע היינטיגע רעגירער און עקספלאטאטארס.

אבער אין דערזעלבער צייט בעמערקען מיר אויך דעם פאקט, אז די אנטי־צענטראליסטישע און אנטי־מיליטאריסטישע אידעען, ווי אויך די אידעען פון פרייער פערשטענדיגונג, ענטוויקלען זיך פון טאג צו טאג אלץ שטארקער און שטארקער ביי די ארבייטער און ביי די מעהר געבילדעטע און גייסטיג פרייערע עלעמענטען פון דער בורזשואזיע — איבערהויפט אין וועסט איירָאפא.

איך האב אויפגעוויזען אין אנדערע שריפטען („ברויט און פרייהייט" און „געגענזייטיגע הילפע") ווי שטארק ענטוויקעלט עס איז היינט צו טאג

דער שטרעבען צו פֿאַרמירען פֿרייוויליגערהייט, אויסערהאַלב דעם שטאַאַט און די פֿערשיעדענע קירכען, טויזענדער און טויזענדער פֿרייע אָרגאַניזאַציאָנען פֿאַר די פֿערשידענסטע צוועקען און בעדערפֿנישען: אויף דעם עקאָנאָמישען געביעט — ווי צ.ב.ש. די אָבמאַכונגען צווישען די אייזענבאַהן־קאָמפּאַניעס, די אַרבייטער־סינדיקאַטען, די טראָסטס פֿון די אונטערנעהמער, די אַגראַרישע קאָאָפּעראַציאָנען, די קאָאָפּעראַטיווע קערפּערשאַפֿטען פֿאַר דעם עקספּאָרט א.ז.וו. — אויף דעם געביעט פֿון דער פּאָליטיק, פֿון וויסענשאַפֿט, קונסט, ערציהונג און פֿיעלע אַנדערע צווייגען פֿון'ם געזעלשאַפֿטליכען לעבען. דאָס, וואָס עס האָט פֿריהער, אָהן אַ שום צווייפֿעל, בעלאַנגט צו די פֿונקציאָנען פֿון'ם שטאַאַט און פֿון דער קירכע, פֿערקערפּערט זיך היינט אין דער טהעטיגקייט פֿון פֿרייע אָרגאַניזאַציאָנען.

די דאָזיגע שטרעבונגען ענטוויקלען זיך מיט אַן אויסערגעוועהנליכער שנעלקייט דירעקט פֿאַר אונזערע אויגען. עס איז געוועזען גענוג, דאָס אַ הויך פֿון פֿרייהייט האָט כאָטש אַ ביסעל בעשריינקט די מאַכט פֿון שטאַאַט און קירכע אין זייער שטענדיגען שטרעבען צו פֿערגרעסערן דעם געביעט פֿון זייער טהעטיגקייט וואָס ווייטער און ווייטער — און פֿיעלע טויזענדער פֿרייוויליגע אָרגאַניזאַציאָנען האָבען איבעראַל אַרויסגעשפּראָצט. און מיר מעגען זיין זיכער, אַז וואָס מעהר דער שטאַאַט און די קירכע — דיביידע בלוט־שונאים פֿון פֿרייהייט — וועלען בעשריינקט ווערען אין זייער מאַכט, אַלץ ברייטער וועט זיך ענטוויקלען דער טהעטיגקייטס־פֿעלד פֿון די פֿרייע אָרגאַניזאַציאָנען.

דער גאַנצער צוקונפֿטיגער פּראָגרעס וועט זיך מאַניפֿעסטירען אויף דיזען וועג, און דער אַנאַרכיזם אַרבייט דירעקט אין דערזעלביגער ריכטונג.

* * *

וואָס אַנבעלאַנגט די עקאָנאָמישע אַנזיכטען פֿון די אַנאַרכיסטען, קענען מיר אונטערשיידען דריי פֿערשידענע ריכטונגען.

אַזוי ווי דער סאָציאַליזם איז אויפֿגעפֿאַסט געוואָרען אין זיין ברייטער, אורשפּרינגליכער און אמת'ער בעדייטונג — אַלס אַ פֿערזוך אַוועקצומאַכען מיט דער אויסבייטונג פֿון דער אַרבייט דורך דעם קאַפּיטאַל — זיינען די אַנאַרכיסטען געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט די סאָציאַליסטען פֿון יענער צייט. אָבער זיי זיינען שפּעטער געצוואונגען געוועזען זיך אָבצורייסען און צו געהען זייער אייגענעם וועג, ווען די סאָציאַליסטען האָבען אָנגעהויבען ערקלעהרען, אַז עס איז פֿאָרלויפֿיג ניטאָ קיין שום מעגליכקייט אַוועקצומאַכען מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אויסבייטונג,

ניט אזוי לאַנג, ווי מיר ווילען לעבען, און דאָס אַלעס, וואָס מיר קענען טהאָן וועהרענד דער איצטיגער פעריאָדע פון סאָציאַלער ענטוויקלונג, איז צו מילדערן די אויסבייטונג און צו בעשריינקען די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטען דורך געוויסע געזעצליכע מאסרעגלען.

אין געגענזאַץ צו די דאָזיגע שטרעבונגען פון די היינטיגע סאָציאַליסטען, ערקלערען די אַנאַרכיסטען, אַז מיר דאַרפען שוין היינט אַרבייטען פאַר דער אָבשאַפונג פון דעם איצטיגען סיסטעם און ניט וואַרטען ביז וואַנען עס וועלען זיך ענטוויקלען נייע פאָרמען און פאַזען פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלאָטאַציע. מיר דאַרפען שוין היינט פערזוכען אַרויסצונעהמען אַלע פּראָדוקציאָנס-מיטלען — די ערד, די מינען, די פאַבריקען, די טראַנספּאָרט-מיטלען און אין דערזועלבער צייט אַלע מיטלען צום לעבען — פון די הענד פון פריוואַט-קאַפּיטאַליסטען און זיי איבערגעבען צו די אָרגאַניזאַציאָנען פון די פּראָדוצירער און קאָנסומענטען.

וואָס אָנבעלאַנגט די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן — ד.ה. די געזעלשאַפטליכע פאָרם, אין וועלכע אַן עקאָנאָמישע רעוואָלוציאָן וועט קענען אויסגעפיהרט ווערען — אונטערשיידען מיר זיך אין גאַנצען פון אַלע שטאַאַטס-סאָציאַליסטישע ריכטונגען. פאַר אונז איז יעדע פאָרם פון שטאַאַטס-סאָציאַליזם ניט מעהר ווי אַ סיסטעם פון שטאַאַטס-קאַפּיטאַליזם, וועלכער ווערט היינט געפריידיגט אונטער דעם נאָמען קאָלעקטיוויזם אַלס אַ מיטעל צו לייזען די סאָציאַלע פראַגע. מיר זעהען אין דער אָרגאַניזאַציאָן פון דער פּאָסט, די טעלעגראַפען, די שטאַאַטס-אייזענבאַהנען און עהנליכע זאַכען, וועלכע מען שטעלט אונז היינט פאַר אַלס אַן אילוסטראַציאָן פון אַ געזעלשאַפט אָהן קאַפּיטאַליסטען, ניט מעהר ווי אַ נייע, פיליייכט אַ פערבעסערטע, אָבער זיכער קיין ווינשענסווערטהע פאָרם פון דעם לוין-סיסטעם.

מיר בעהויפּטען, אַז דער שטאַאַט, וועלכער איז געווען דער ווערקצייג, דורך וועלכען די מינאָריטעטען האָבען עטאַבלירט און אָרגאַניזירט זייער הערשאַפט איבער די מאַסען, קען פאַר קיין פאַל ניט דיענען אַלס אַ קראַפט צו צושטערען די פּריווילעגיעס פון די בעזיצענדע קלאַסען. די געשיכטע לערנט אונז, דאָס יעדע נייע פאָרם פון דעם עקאָנאָמישען לעבען פאָדערט שטענדיג אַ נייע פאָרם פון פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן; און אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט — צי זי וועט זיין קאָלעקטיוויסטיש צי קאָמוניסטיש — קען און וועט ניט זיין קיין אויסנאַהמע פון דער

דאָזיגער רעגעל. פּונקט ווי מיר קענען זיך ניט בענוצען מיט דער קירכע, אום צו בעפרייען די מענשליכע מוחות פון דעם אַלטען אַבערגלויבען, פונקט ווי דער מענשליכער געפיהל פון סאָלידאַריטעט וועט דאַרפען געפינען זיין אויסדרוק אויסערהאַלב דער קירכע, אַזוי וועט אויך די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע בעפרייאונג פון דעם מענשען מוזען שאַפען נייע פאָרמען, אום צו געפינען אַן אויסדרוק אין לעבען און קען זיך ניט בענוצען מיט די פאָרמען, וועלכע דער שטאַאט האָט געשאַפען.

פאָלגליך בעשטעהט דער וויכטיגסטער מיטעל פון די אַנאַרכיסטען אין דעם, אויפצוואועקען אָט די קאָנסטרוקטיווע קרעפטען פון די פּראָדוצירענדע מאַסען פון׳ם פאָלק, וועלכע האָבען זיך מאַניפעסטירט אין אַלע גרויסע עפּאָכען פון דער מענשליכער געשיכטע, אום אויסצופיהרען די נויטווענדיגע ענדערונגען, און וועלכע וועלען אויך אַרויסרופען דעם גרויסען איבערבייט, מיט דער הילפע פון אונזערע אָנגעקליבענע קענטניסע, דעם גרויסען איבערבייט, וועלכער ווערט ערוואַרטעט מיט אונגעדולד פון די בעסטע מענשען פון אונזער אייגענער צייט.

דאָס איז אויך די אורזאַכע, וואָרום די אַנאַרכיסטען אַנטזאָגען זיך זיך צו פערנעהמען א פּלאַץ אַלס געזעצגעבער אָדער אַלס בעאַמטע פון דער רעגירונג. מיר ווייסען, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן וועט קיינמאָל ניט פערווירקליכט ווערען מיט דער הילפע פון ג ע ז ע צ ע. געזעצע קענען בלויז נ אָ כ פ אָ ל ג ע ן די אויסגעפיהרטע פאַקטען; און אויב זיי טהוען דאָס אפילו אויף אַן עהרליכען אופן — וואָס איז מייסטענטהיילס נ י ט דער פאַל — בלייבט אָבער דאָס געזעץ ניט מעהר ווי א טויטער בוכשטאַב, אַזוי לאַנג ווי עס זיינען ניט פאַרהאַן די לעבעדיגע קרעפטע, וואָס זיינען נויטווענדיג, אום אַרוסצורופען אָט די שטרעבונגען, וועלכע דאָס געזעץ בעשטעטיגט שפּעטער אַלס אַן אויסגעפיהרטען פ אַ ק ט.

פון דער אַנדערער זייט האָבען די אַנאַרכיסטען, זייט די צייטען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן, שטענדיג פּראָפּאַגאַנדירט צו נעהמען אַן אַקטיווען אַנטהייל אין יענע אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען, וועלכע פיהרען אָן דעם ד י ר ע ק ט ע ן קאַמפף פון דער אַרבייט געגען דעם קאַפּיטאַל און זיין בעשיצער — דעם שטאַאט.

זיי זיינען מיט דער מיינונג, דאָס אַזא קאַמפף גיט די אַרבייטער א בעסערע מעגליכקייט, ווי יעדער אונדירעקטער מיטעל, אויסצוקעמפּפען צייטווייליגע פערבעסערונגען אונטער די היינטיגע בעדינגונגען פון דער אַרבייט; אין דערזעלבער צייט עפענט ער אויף די אויגען פון די מאַסען,

אום צו דערקענען די איבעל פֿון דעם קאַפּיטאַליזם און פֿון דעם שטאַאַט, וועלכער אונטערשטיצט די קאַפּיטאַליסטען, און ענטוויקעלט ביי זיי דעם געדאַנק, אַז עס איז דאָ אַ מעגליכקייט צו אָרגאַניזירען די קאָנסומציאָן, די פּראָדוקציאָן און דעם אויסטויש פֿון די פּראָדוקטען אָהן דער פֿער־מיטלונג פֿון דעם קאַפּיטאַליסט און דעם שטאַאַט.

* * *

וואָס אָנבעלאַנגט די פֿראַגע, אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן מען וועט בעלוינען די אַרבייט אין אַ געזעלשאַפֿט, וואָס האָט זיך בעפֿרייט פֿון דעם יאָך פֿון קאַפּיטאַל און שטאַאַט, זיינען די מיינונגען פֿון די אַנאַרכיסטען נאָך אַלץ פֿערשידען.

אַלע פֿערוואַרפֿען איינשטימיג די נייע פֿאָרם פֿון דעם לוין־סיסטעם, וועלכע וואָלט זיך ענטוויקעלט, ווען דער שטאַאַט זאָל ווערען דער איי־גענטהימער פֿון דער ערד, די מינען, די פֿאַבריקען, די אייזענבאַהנען א.ז.וו. און דער גרויסער אָרגאַניזירער און פֿערוואַלטער פֿון דער גאַנצער אַגרי־קולטור און אינדוסטריע. אויב מען וואָלט דעם שטאַאַט נאָך צוגעגעבען די דאָזיגע פֿונקציאָנען צו דער מאַכט, וועלכע ער בעזיצט שוין היינט — אָבגאַבען, פֿערטהיידיגונג פֿון'ם לאַנד, אונטערשטיצונג פֿון די רעליגיאָנען א.ז.וו. — וואָלטען מיר געשאַפֿען אַ נייע טיראַניי און נאָך אַן ערגערע ווי די אַלטע.

די גרויסע מעהרהייט פֿון די אַנאַרכיסטען אָנערקענען די קאָמו־ניסטישע לייזונג. זיי זיינען איבערצייגט, אַז די איינציגע פֿאָרם פֿון קאָ־מוניזם אין אַ ציוויליזירטער געזעלשאַפֿט וואָלט נור געקענט זיין אַזעלכע, וואו די רעגירונג זאָל זיך ניט שטענדיג קענען אריינמישען אין אַלצדינג — דאָס הייסט: אַן אַנאַרכיסטישע פֿאָרם. און זיי בעגרייפֿען אויך, דאָס אַן אַנאַרכיסטישע געזעלשאַפֿט אויף אַ ברייטען שטייגער וואָלט איבער־הויפּט ניט געקענט עקזיסטירען, אויב זי וואָלט ניט פֿערזיכערט איהרע מיטגלידער מיט אַ געוויסען מינימום פֿון וואָהלשטאַנד, וועלכער ענט־שטעהט דורך דער געמיינשאַפֿטליכער אַרבייט פֿון אַלעמען. מיט איין וואָרט, זיי זיינען מיט דער מיינונג, אַז קאָמוניזם און אַנאַרכיע ערגענצען זיך איינע די אַנדערע.

אויסער דער דאָזיגער הויפּט־ריכטונג פֿון'ם אַנאַרכיזם איז אָבער נאָך פֿאַרהאַן אַן אַנדער ריכטונג, וועלכע זעהט אין דעם אַנאַרכיזם די רע־האַביטילירונג פֿון'ם אינדיווידואַליזם.

די לעצטע ריכטונג איז, נאָך אונזער מיינונג נאָך, ניט מעהר ווי אַן איבערבלייבאַכץ פֿון יענע צייטען, ווען די מעגליכקייט צו פּראָדוצירען לעבענס־מיטלען און אַלע אינדוסטריעלע בעקוועמליכקייטען האָט נאָך ניט געהאַט דערגרייכט די פֿאָלקאָמענהייט, וועלכע זי האָט בעקומען היינט צו טאָג. אין יענע צייטען האָט מען אין דעם קאָמוניזם מעהר ניט געזעהן, ווי אַ צושטאַנד פֿון אַלגעמיינער אָרעמקייט און עלענד, און ווען מען איז געווען מיט דער מיינונג, אַז וואָהלשטאַנד איז אַ זאַך, וואָס איז בלויז צוגענגליך צו אַ געקליבענע מינדערהייט. אָבער דאָס, וואָס עס איז אַמאָל געווען אַן אמת'ער הינדערניס פֿון אַן אויסערגעוועהנליכער וויכטיגקייט פֿאַר דעם קאָמוניזם, עקזיסטירט שוין מעהר ניט. צו דאַנקען דער געוואַלדיגער פּראָדוקטיוויטעט פֿון דער מענשליכער אַרבייט, וועלכע אונזער צייט האָט דערגרייכט אויף אַלע געביעטען פֿון אַגריקולטור און אינדוסטריע, קענען מיר היינט מיט בעשטימטקייט בעהויפּטען, דאָס עטליכע יאָהר קאָמוניסטישע אַרבייט וואָלטען לייכט געקענט שאַפֿען אַ זעהר הויכע שטופע פֿון אַלגעמיינעם וואָהלשטאַנד.

די אינדיווידואַליסטישע אַנאַרכיסטען זיינען צושפּאָלטען אין צוויי פֿערשידענע לאַגערס. פֿון איין זייט האָבען מיר די ריינע אינדיווידואַ־ליסטען אין דעם זין פֿון מאַקס שטירנער, וועלכע האָבען וועהרענד דער לעצטער צייט נאָך צוגעקראָגען אַ געוויסע אונטערשטיצונג דורך די פּראַכטפּולע פּאָעטישע פֿאָרמען פֿון ניטצשע'ס שריפֿטען. אָבער מיר האָבען שוין פֿריהער ערקלערט, ווי מעטאַפֿיזיש און פֿרעמד צום אמת'ן לעבען עס איז אָט די „זעלבסט־בעהויפּטונג פֿון'ם אינדיווידואום"; ווי זי קעהרט זיך געגען די געפֿיהלען פֿון גלייכהייט, וואָס זיינען פֿאַרהאַן ביי די מייסטע פֿון אונז; און ווי מורא'דיג זי דערנעהנטערט אָט די זאָגע־נאַנטע „אינדיווידואַליסטען" צו די, וועלכע האָבען זיך איינגערעדט, אַז זיי שטעלען פֿאָר מיט זיך אַ „העכערע ראַסע" — צו די, וועלכע מיר האָבען צו פֿערדאַנקען דעם שטאַאַט, די קירכע, די מאָדערנע געזעץ־געבונג, די פּאָליציי, דעם מיליטאַריזם, דעם אימפּעריאַליזם, און אַלע אַנדערע פֿאָרמען פֿון אונטערדריקונג.

די אַנדערע אָבטהיילונג פֿון די אינדיווידואַליסטישע אַנאַרכיסטען ווערט פֿערטראָטען פֿון די מוטואַליסטען אין דעם זין פֿון פּרודהאָן, פֿון וועלכע מיר האָבען גערעדט אין איינעם פֿון די פֿריהערדיגע קאַ־פּיטלען. זייערע אידעען, ווי מיר האָבען געזעהן, האָבען געהאַט אַ גע־וויסען ערפֿאָלג אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען, וואו עס עקזיסטירען נאָך איצט אָרגאַניזאַציאָנען פֿון פֿאַרמערס, וועלכע טוישען אויס זייערע

פּראָדוקטען דורך טשעקס נאָך דעם פּרינציפּ „אַ שטונדע פֿאַר אַ שטונדע". פֿון רעסטװעגען װעט זיך שטענדיג אױפֿהױבען די פֿראַגע געגען דעם דאָזיגען סיסטעם, װעלכער גרינדעט זיך אױף דער געמײנשאַפֿטליכקײט פֿון דער ערד און די פּראָדוקציאָנס־מיטלען. קאָמוניזם, װאָס אָנבעלאַנגט דעם בעזיץ פֿון דער ערד, די פֿאַבריקען א.ז.װ. און אינדיװידואַליזם אין דער פּראָדוקציאָן זײנען אַ צו גרױסער װידערשפּרוך, כדי זײ זאָלען קענען עקזיסטירען אין דערזעלבער געזעלשאַפֿט, שױן גאָר ניט רײדענדיג, װי שװער עס װאָלט געװען ריכטיג אָבצושאַצען דעם מאַרק־פּרײז אָדער דעם פֿערקױפֿס־װערטה פֿון יעדען פּראָדוקט מיט דעם מאַס־שטאַב פֿון דער דורכשניטליכער אַרבײטס־צײט, װעלכע איז נױטװענדיג געװען, װען דער פּראָדוקט איז פֿאַבריצירט געװאָרען.

צו ברײנגען מענשען אַזױ װײט, כדי זײ זאָלען זײן אײנשטימיג מיט דער דאָזיגער אָבשאַצונג פֿון זײער אַרבײט, װאָלט אַלײן שױן געפֿאָדערט, אַז זײערע אידעען זאָלען זײן טיעף דורכגעדרונגען מיט קאָמוניסטישע פּרינציפּען, אַם װײניגסטענס װאָס אָנבעלאַנגט די פּראָדוקציאָן פֿון די נױטװענדיגסטע לעבענס־מיטלען. און אױב אַ געמײנדע װאָלט נאָך אײנגעפֿיהרט בײ זיך, אַלס אַ װײטערען צוגעשטענדניס צום אינדיװידואַליזם, אַ העכערע בעצאָהלונג פֿאַר געלערנטע אָדער קאָמפּליצירטע אַרבײט און אַלע מעגליכקײטען פֿאַר דער ענטשטעהונג פֿון אַ בעאַמטען־היעראַרכיע, װאָלטען זיך פֿון דעם ענטװיקעלט אַלע אונבעקװעמליכקײטען פֿון דעם הײנטיגען לױן־סיסטעם, װעלכע די אַרבײטער בעקעמפֿפֿען איצטער.

דיזעלבע אַרגומענטען קענען אױך ביז צו אַ געװיסען גראַד אָנגעװענדעט װערען אױף די אינדיװידואַליסטישע אַנאַרכיסטען פֿון אַמעריקאַ, װעלכע זײנען אין די פֿופֿציגער יאָהרען פֿון דעם פֿערגאַנגענעם יאָהר־הונדערט פֿערטראָטען געװאָרען דורך ס. פּ. אַנדרוס און װ. גרין און שפּעטער דורך ליסאַנדער ספּונער און װעלכע עס װערען הײנט פּראָפּאַגאַנדירט פֿון בענדזשאַמין טאָקער, דעם בעקאַנטען רעדאַקטאָר פֿון דער ניו יאָרקער „ליבערטי". זײערע אידעען זײנען טהײלװײז די פֿון פּרודהאָן און טהײלװײז די פֿון הערבערט ספּענסער. זײ ערקלערען, אַז דאָס אײנציגע געזעץ, װאָס אַלע אַנאַרכיסטען דאַרפֿען רעספּעקטירען, איז דער פּרינציפּ, אַז יעדער דאַרף בעזאָרגען זײנע אײגענע געשעפֿטען און זיך ניט אַרײנמישען אין די אַנגעלעגענהײטען פֿון אַנדערע. יעדער אינדיװידואום און יעדע גרופּע האָט אַ רעכט צו אונטערדריקען די גאַנצע מענשהײט, אױב זײ האָבען די מאַכט דערצו; און אױב אָט דאָס אײנציגע געזעץ, אַז יעדער זאָל בעזאָרגען זײנע אײגענע געשעפֿטען, װעט

געפינען אן אלגעמיינעם און פאלקאמענעם אויסדרוק, וועט ניט זיין קיין שום געפאהר, דערפאר וואס די רעכטע פון יעדען איינציגען אינדיווידואום וועלען זיין בעשריינקט דורך די גלייכע רעכטע פון אלע אנדערע.

אבער צו ארגומענטירען אויף אזא אופן, הייסט, נאך אונזער מיינונג, צאהלען א צו גרויסע בעדייטונג צו דער מעטאפיזישער דיאלעקטיק און צו איגנארירען די פאקטען פון'ם אמת'ן לעבען. עס איז איבערהויפט אונמעגליך, מיר זאלען זיך קענען פארשטעלען א געזעלשאפט, וואו די אנגעלעגענהייטען פון איין מיטגליעד וועלען ניט בעריהרען די אנגעלעגענהייטען פון אנדערע, אויב ניט פון אלעמען; און נאך פיעל וויינציגער קענען מיר זיך פארשטעלען א געזעלשאפט, וואו די שטענדיגע בעציהונגען צווישען די פערשידענע מיטגלידער וועלען ניט שאפען א בעשטימטען אינטערעס פון יעדען איינציגען צו אלע אנדערע, אן אינטערעס, וועלכער וואלט געמאכט פאר יעדען איינציגען אונמעגליך צו האנדלען, ניט איבערקלערענדיג אין דערזעלבער צייט, וואס פאר א ווירקונג עס וועט האבען זיין האנדלונג אויף אנדערע.

דאס איז אויך די אורזאכע, ווארום טאקער—פונקט ווי ספענסער—נאך זיין וואונדערבארער קריטיק געגען דעם שטאאט און נאך זיין ענערגישער פערטהיידיגונג פון די רעכטע פון'ם אינדיווידואום, אנערקענט צולעצט דאס רעכט פון אלע מיטגלידער אין דער געזעלשאפט צו פערטהיידיגען זיך דורך דעם שטאאט. אבער עס איז פונקט געוועז אט די פונקציאן צו „פערטהיידיגען" די שוואכע מיטגלידער אין דער געזעלשאפט, דורך וועלכע דער שטאאט אין זיין היסטארישער ענטוויקלונג האט ביסלעכווייז געשאפען די אלע אגרעסיווע טהעטיגקייטען, וועלכע ספענסער און טאקער האבען אויף אזא גלענצענדען אופן קריטיקירט.

דער דאזיגער ווידערשפרוך איז, ווי עס ווייזט אויס, די אורזאכע, ווארום דער אנארכיסטישער אינדיווידואליזם געפינט אפילו אנהייגער ביי דער בורזשואזער אינטעליגענץ, אבער ער געפינט ניט קיין שום אבקלאנג ביי די ארבייטער. פון דעסטוועגען איז נויטווענדיג צו בעמערקען, אז דער אנארכיסטישער אינדיווידואליזם האט דאך אויפגעטהאן איין גוטע זאך, מיט דעם וואס ער האט פערהינדערט די אנארכיסטישע קאמוניסטען צו מאכען צופיעל צוגעשטענדניסע צו דער אלטער אידעע פון שטאאטס-אפיציאליזם. עס איז אזוי שווער צו בעפרייען זיך פון אלטע אידעען.

וואס אנבעלאנגט דעם אנארכיסטישען קאמוניזם, איז זיכער, אז די דאזיגע לייזונג געפינט יעדען טאג וואס מעהר אנהייגער ביי די ארבייטער,

וועלכע גיבען זיך מיה צו בעקומען אַ קלאָרען בעגריף וועגען דער קומענדער רעוואָלוציאָנערער אַקציאָן. די סינדיקאַליסטישע און טרייד־יוניאָן בעוועגונג, וועלכע גיט די אַרבייטער אַ בעסערע מעגליכקייט צו פּראַקטיצירען זייער סאָלידאַריטעט און צו פיהלען די געמיינשאַפטליכקייט פון זייערע אינטערעסען, ווי וואָס פאַר עס איז ניט וואָהלען, אַרבייטען אויס דעם וועג פאַר די דאָזיגע בעגריפע. און עס איז זיכער ניט צו אָפּ־טימיסטיש צו ערקלערען, אַז ווען עס וועט זיך אָנפאַנגען אַן ערנסטע בעוועגונג פאַר דער בעפרייאונג פון דער אַרבייט אין אייראָפּאַ און אַמע־ריקאַ, וועלען אַם וויינינגסטענס אין די לאַטיינישע לענדער געמאַכט ווע־רען פערזוכען אין דער אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישער ריכטונג, און די דאָ־זיגע פערזוכען וועלען האָבען אַ פיעל טיעפערען כאַראַקטער, ווי אַלעס וואָס דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט אויפגעטהאָן אין 94—1793.

---

XIII.

## א פאר כריטישע בעטראכטונגען פונ׳ם אנארכיזם.

אָט דאָס זיינען די גרונד־אידעען פון׳ם אַנאַרכיזם; איצטער וועלען מיר נאָך געבען אַ פּאָר קאָנקרעטע אילוסטראַציאָנען, אום צו צייגען, וואָס פאַר אַ פּלאַץ עס פערנעהמען אונזערע אידעען אין דער וויסענ־שאַפטליכער און סאָציאַלער בעוועגונג פון אונזער צייט.

ווען מען דערצעהלט אונז, אַז מיר דאַרפען רעספּעקטירען דאָס געז־זעץ (געשריבען מיט גרויסע בוכשטאַבען), דערפאַר ווייל „דאָס געזעץ איז די וואַהרהייט, אויסגעדריקט אין אַן אָביעקטיווער פאָרם", אָדער דערפאַר ווייל „די הויפּט־שטופּען אין דער ענטוויקלונג פון דעם געזעץ זיינען די זעלבע, ווי די פון אונזער גייסטיגער ענטוויקלונג", אָדער דערפאַר, ווייל „געזעץ און מאָראַל שטעלען פאָר מיט זיך דעם זעלבען בעגריף און אונ־טערשיידען זיך בלויז אין דער פאָרם איינע פון די אַנדערע", דאַן מאַכען אָט די שטאָלצע און קלינגענדע בעהויפּטונגען אַזאַ שוואַכען איינדרוק אויף אונז, ווי אויף מעפיסטאָפעלעס אין געטהע׳ס „פאַוסט". מיר ווייסען אפילו גאַנץ גוט, אַז די ערפינדער פון די דאָזיגע בעהויפּטונגען האָבען זיך געגעבען זעהר פיעל מיה, אום אויסצוגעפינען די ריכטיגע ווערטער

פאַר זייערע געדאַנקען, וועלכע זיי האָבען געהאַלטען פאַר אויסערגעוועהנליך טיעף; אָבער מיר ווייסען אויך, אַז דאָס זיינען ניט מעהר ווי אונבעוואוסטע פערזוכע אויף דער גרונדלאַגע פון ברייטע אַלגעמיינע שליסע, געגרינדעט אויף אַ פאַלשטענדיג אונפאָלקאָמענעם באַזיס און פערדונקעלט דורך ווערטער, וועלכע מען האָט ספּעציעל אויסגעקליבען צו היפּנאָטיזירען די מענשען מיט זייער פראַזענהאַפטער אונבעשטימטקייט.

דער פאַקט איז, אַז אין די אַלטע צייטען האָבען מענשען פערזוכט צו געבען דעם געזעץ אַ געטליכען אורשפּרונג; שפּעטער האָבען זיי פערזוכט צו גרינדען איהם אויף אַ מעטאַפיזישען באַזיס; היינט אָבער זיינען מיר אימשטאַנד צו שטודירען דעם אורשפּרונג פון די בעגריפע, פון וועלכע דאָס געזעץ איז אַרויסגעוואַקסען און זייער אַנטראָפּאָלאָגישע ענטוויקלונג, אַקוראַט ווי מיר האָבען די מעגליכקייט צו שטודירען די ענטוויקלונג פון וועבעריי אָדער די מעטהאָדען פון די ביענען, ווען זיי פּראָדוצירען האָניג. שטיצענדיג זיך אויף די וויסענשאַפטליכע אַרבייט פון דער אַנטראָפּאָלאָגישער שולע, שטודירען מיר היינט די ענטשטעהונג פון סאָציאַלע מנהגים און פון די בעגריפע פון'ם רעכט ביי די פּרימיטיוועסטע ווילדע שטאַמען, און מיר זיינען אימשטאַנד נאָכצופאָלגען זייער גראַדעוועלע ענטוויקלונג אין די געזעץ־ביכער פון די פערשידענע היסטאָרישע עפּאָכען ביז צו אונזער אייגענער צייט.

שטודירענדיג די פראַגע אויף אַזאַ שטייגער, קומען מיר צו דעם שלוס, וועלכען מיר האָבען שוין ענטוויקעלט אין די פריהערדיגע זייטען:— אַלע געזעצע האָבען אַ דאָפּעלטען אורשפּרונג, און עס איז פּונקט אָט דער צוויי־פאַכער אורשפּרונג, וואָס אונטערשיידעט זיי פון די מנהגים און געוואוינהייטען, וועלכע האָבען זיך ענטוויקעלט דורך דעם טעגליכען געברויך, פאָרשטעלענדיג מיט זיך די פּרינציפּען פון מאָראַליטעט, וועלכע האָבען עקזיסטירט אין אַ בעזונדערער געזעלשאַפט און אין אַ בעזונדערער פּעריאָדע. דאָס געזעץ בעשטעטיגט די דאָזיגע מנהגים; עס קריסטאַליזירט זיי; אָבער אין דערזועלבער צייט בענוצט עס זיך מיט אָט די אַלגעמיין אָנגענומענע מנהגים, אום אריינצו'גנב'ענען פערמאַסקירטערהייט געוויסע נייע אינסטיטוציאָנען, וועלכע דיענען אין גאַנצען די אינטערעסען פון די מיליטערישע און רעגירענדע מינדערהייטען. אויף אַזאַ שטייגער האָט דאָס געזעץ צ.ב.ש. איינגעפיהרט און סאַנקציאָנירט די שקלאַפעריי, דעם קלאַסען־אונטערשיעד, די פּריעסטערליכע, פּאַטערנעלע און מיליטערישע אויטאָריטעט; עס האָט אַריינגעשמוגעלט די לייבאייגענשאַפט און שפּעטער די אונטערוואַרפונג צום שטאַאַט. מיט דער הילפע פון די דאָזיגע מיטלען איז

דאָס געזעץ שטענדיג געווען אימשטאַנד אַרויפצולייגען אַ יאָך אויף דעם מענשען, אויף אַזאַ שטייגער, אַז ער האָט עס אפילו ניט בעמערקט; אַ יאָך, פון וועלכען ער האָט זיך בלויז געקענט בעפרייען דורך רעוואָלו־ציאָנען.

דערזעלבער פראָצעס האָט זיך אָבגעשפיעלט פון די עלטסטע צייטען ביז היינט צו טאָג; און ער מאַניפעסטירט זיך נאָך היינט פאַר אונזערע אויגען אין דער פאָרם פון דער זאָגענאַנטער אַרבייטס-געזעצגעבונג. דען האַנד אין האַנד מיט דער „פראָטעקציאָן פון׳ם אַרבייטער", וועלכע פערקערפערט מיט זיך דעם אייגענטליכען, פון אַלעמען אָנערקענטען צוועק פון די זאָגענאַנטע אַרבייטער־געזעצע, האָבען די דאָזיגע געזעצע אַריינגע׳גנב׳עט אויף אַ בעטריגערישען אופן די אידעע פון „האָמפאָלסערי אַרביטריישאָן", פון געצוואונגענע שיעדס־געריכטען דורך דעם שטאַאַט אין פאַל פון אַ סטרייק („קאָמפאָלסערי אַרביטריישאָן", וואָס פאַר אַ ווידערשפרוך דאָס איז!); אָדער זיי האָבען אַריינגעשמוגעלט דעם פרינציפ פון אַן אַרבייטס־טאָג פון אַזוי און אַזוי פיעל שטונדען דורך דעם צוואַנג פון׳ם געזעץ. זיי האָבען געעפענט אַ טהירעל, כדי דער שטאַאַט זאָל האָבען דאָס רעכט צו פערנעהמען דעם פלאַץ פון די אייזענבאַהנער דורך מיליטער אין דער צייט פון אַ סטרייק; זיי האָבען געזעליך סאַנקציאָנירט די אונטערדריקונג פון די בויערן אין אירלאַנד, פעסט שטעלענדיג הויכע פרייזען פאַר דער צוריקקויפונג פון דער ערד א.ז.וו. און אַזאַ סיסטעם וועט שטענדיג עקזיסטירען, אַזוי לאַנג, ווי אַ טהייל פון דער געזעלשאַפט וועט מאַכען געזעצע פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט. און מיט די דאָזיגע מיטלען האָבען זיי פערשטאַרקערט די מאַכט פון׳ם שטאַאַט, וועלכער איז די וויכטיגסטע שטיצע פון׳ם קאַפיטאַליזם.

אַזוי לאַנג ווי עס וועלען געמאַכט ווערען געזעצע און דורכגעפיהרט ווערען דורך צוואַנג, וועט דער רעזולטאַט נויטווענדיגערווייזע שטענדיג מוזען זיין דערזעלביגער.

אָט דערפאַר פערשטעהען מיר, וואָרום דער אַנאַרכיזם, פון גאָדווין אָן, האָט פערוואָרפען אַלע געשריבענע געזעצע, אָבוואָהל די אַנאַרכיסטען זיינען מעהר דורכגעדרונגען, ווי וואָס פאַר עס איז ניט געזעץ־געבער פון דעם געפיהל פון גערעכטיגקייט, וועלכע — לאָמיר עס נאָך אַמאָל ווידער־האָלען — איז גלייך־בעדייטענד מיט גלייכהייט און וועלכע קען ניט עקזיסטירען אָהן איהר.

* * *

ווען מען בעשולדיגט אונז, אַז מיט דעם וואָס מיר פֿערוואַרפֿען דאָס געזעץ, פֿערוואַרפֿען מיר אויך די מאָראַל, דערפֿאַר וואָס מיר אַנער־קענען ניט דעם „קאַטעגאָרישען אימפּעראַטיוו" פֿון וועלכען קאַנט האָט גערעדט צו אונז, דאַן איז אונזער ענטפֿער, אַז די שפּראַך גופא, אין וועלכע די דאָזיגע בעשולדיגונג איז פֿאָרמולירט געוואָרען, איז פֿרעמד און אונ־פֿערשטענדליך פֿאַר אונזערע מוחות.*) זי איז פּונקט אַזוי פֿרעמד און אונפֿערשטענדליך צו אונז ווי צו דעם נאַטור־פֿאָרשער, וועלכער שטודירט די מאָראַל. איידער מיר נעהמען זיך דיסקוטירען די פֿראַגע מיט אונזערע בעשולדיגער, שטעלען מיר זיי פֿריהער אָט די פֿראַגע: „וואָס איז דאָס אַזוינס „קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו"? קענט איהר ניט איבער־זעצען אייער בעהויפּטונג אין אַ פֿערשטענדליכע שפּראַך, אין אַ שפּראַך צ.ב.ש., מיט וועלכער לאַפּלאַס האָט זיך בענוצט, ווען ער האָט אויסגעפֿונען דעם מיטעל אויסצודריקען די פֿאָרמולען פֿון דער העכערער מאַטהעמאַטיק אין וועלכע ווערטער, אַז יעדער איינער זאָל איהם קענען פֿערשטעהן? אַלע גרויסע מענער פֿון דער וויסענשאַפֿט טהוען אַזוי; פֿאַר וואָס טהוט איהר ניט דאָסזעלבע?"

וואָס איז ווירקליך די מיינונג, ווען מען בענוצט זיך מיט די ווערטער „אוניווערזאַלעס געזעץ" אָדער „קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו"? מיינט עס אפֿשר די אָנערקענונג פֿון דער אידעע: „טהו יענעם ניט, וואָס דו ווילסט ניט ער זאָל דיר טהאָן"? אויב אַזוי, זעהר גוט. לאָמיר אַלזאָ אָנהויבען צו שטודירען — אַזוי ווי האָטשעסאָן און אַדאַם סמיטה האָבען געטהאָן בעפֿאָר אונז — פֿון וואַנען עס האָט זיך גענומען אָט דער מאָראַלישער בעגריף, און ווי אַזוי ער האָט זיך ענטוויקעלט. לאָמיר זעהן אויסצוגעפֿינען אויף ווי ווייט די דאָזיגע אידעע פֿון גערעכטיגקייט ענטהאַלט אין זיך די אי־דעע פֿון גלייכהייט. דאָס איז אַ זעהר וויכטיגע פֿראַגע, דערפֿאַר וואָס נור די, וועלכע בעטראַכטען אַנדערע פֿאַר זייער גלייכען, קענען האַנדלען נאָך דער רעגעל: „טהו יענעם ניט, וואָס דו ווילסט ניט, ער זאָל דיר טהאָן." אַ בעזיצער פֿון לייבאייגענע און אַ שקלאַפֿען־הענדלער קענען זיכער ניט אָנערקענען דעם „אוניווערזאַלען געזעץ" אָדער דעם „קאַטעגאָרישען אימפּעראַטיוו" אין בעצוג אויף די לייבאייגענע און נעגערס, דערפֿאַר וואָס זיי קוקען ניט אויף זיי ווי אויף זייער גלייכען. און אויב אונזער בעמערקונג איז ריכטיג, דאַן לאָמיר זעהן צי עס איז איבערהויפּט

*) איך בענוץ זיך דאָ מיט די ווערטער, אין וועלכע אַ דייטשער דאָקטאָר האָט ניט לאַנג צוריק פֿאָרמולירט זיין בעשולדיגונג אין אַ בריעף צו מיר.

מעגליך צו לערנען מאָראַליטעט און צו פֿערטרעטען אין דערזועלבער צייט די אידעע פֿון אונגלייכהייט.

לאָמיר פֿריהער אַנאַליזירען, ווי גיאָיאָ האָט געטהאָן, די „זעלבסט־אויפֿאָפּפֿערונג", און נאָך דעם לאָמיר זעהן, וואָס עס זיינען געווען די אורזאַכען און בעדינגונגען, וועלכע האָבען אָם מייסטען בייגעטראָגען אין דער געשיכטע צו דער ענטוויקלונג פֿון מאָראַלישע געפֿיהלען — צו דעם געפֿיהל, וואָס האָט געפֿונען אַן אויסדרוק אין דעם געבאָט פֿון׳ם עוואַנגעליום, וואָס אָנבעלאַנגט אונזערע בעציהונגען צו אונזערע מיט־מענשען און צו דעם אַנדערן געפֿיהל, וואָס פֿיהרט צו דער אויפֿאָפּפֿע־רונג פֿון דעם אייגענעם איך. דאַמאָלס וועלען מיר זיין אימשטאַנד צו דערקענען, וואָס פֿאַר סאָציאַלע בעדינגונגען און אינסטיטוציאָנען פֿער־שפּרעכען אונז דעם בעסטען רעזולטאַט פֿאַר דער צוקונפֿט. מיר וועלען זיך דערוויסען, אויף וויפֿיעל די רעליגיאָן האָט בייגעטראָגען צו דער ענטוויקלונג פֿון די דאָזיגע געפֿיהלען און אויך וויפֿיעל די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אונגלייכהייט, וועלכע דאָס געזעץ האָט עטאַבלירט, זיינען געווען אַ הינדערניס צו דער דאָזיגער ענטוויקלונג. און אין דערזועלבער צייט וועלען מיר אויך דערזעהען, אויף וויפֿיעל דאָס געזעץ, די בע־שטראָפֿונגען, די געפֿענגניסע, די ריכטער, די געפֿענגניס־וועכטער און די היינקערס האָבען בייגעטראָגען צו דער ענטוויקלונג פֿון די מאָראַלישע געפֿיהלען פֿון׳ם מענשען.

לאָמיר שטודירען יעדע איינצעלהייט בעזונדער פֿון דעם דאָזיגען פּראָצעס — דאַמאָלס וועט אונזער דיסקוסיאָן וועגען מאָראַל און וועגען דער מאָראַליזירונג פֿון׳ם מענשען דורך דעם געזעץ, דעם טריבונאַל און די פֿערטרעטער פֿון דער פּאָליציי אונז ברייגגען גע־וויסע פּראַקטישע רעזולטאַטען. אָבער לאָמיר אַוועקלייגען אָן אַ זייט אָט די הויכע פּראַזען, וועלכע דינען בלויז אַלס אַ מיטעל צו פֿערדעקען די אויבערפֿלעכליכקייט פֿון אונזערע קענטניסע. מעגליך, דאָס אין אַ געווי־סער פּעריאָדע פֿון דער געשיכטע זיינען זיי געווען אונפֿערמיידליך, אָבוואָהל עס איז נאָך אַ גרויסע פֿראַגע, צי זיי האָבען דאַמאָלס גע־בראַכט וואָס פֿאַר עס איז ניט נוצען. אָבער היינט, ווען מיר האָבען אַ מעג־ליכקייט צו שטודירען די שווערסטע געזעלשאַפֿטליכע פֿראַגען אויף דעם זעלבען אופֿן, ווי דער גערטנער פֿון איין זייט און דער פֿיזיאָלאָג פֿון דער אַנדער זייט שטודירען די גינסטיגסטע בעדינגונגען פֿאַר דער ענט־וויקלונג פֿון פֿלאַנצונגען, היינט נייטיגען מיר זיך געוויס ניט מעהר אין אַזעלכע דונקעלע און אונקלאָרע בעגריפֿע.

* * *

און ווען אַן עקאָנאָמיסט קומט צו געהן און דערצעהלט אונז, אַז „אין אַן אַבסאָלוט אָפּענעם מאַרק ווערט דער ווערטה פֿון די סחורות געמאָסטען דורך דער קוואַנטיטעט פֿון אַרבייט, וואָס איז געזעלשאַפֿטליך נויטווענדיג געווען צו פּראָדוצירען די דאָזיגע סחורות" — אַזוי ווי ריקאַרדאָ, פּרודהאָן, מאַרקס און פֿיעלע אַנדערע האָבען ערקלערט — דאַן אַנערקענען מיר ניט די דאָזיגע בעהויפּטונג אַלס אַ מין דאָגמאַ, דערפֿאַר וואָס אַ געוויסע אויטאָריטעט האָט איהר אַרויסגעשטעלט אָדער ווייל זי ערשיינט אונז צו זיין „מורא'דיג סאָציאַליסטיש". אונזער ענטפֿער איז: „מעגליך, אַז עס איז אַזוי. אָבער קענט איהר דען ניט פֿערשטעהען, אַז מאַכענדיג אַזאַ בעהויפּטונג, ערקלערט איהר מיט דעם, אַז דער ווערטה און די קוואַנטיטעט פֿון נויטיוענדיגער אַרבייט זיינען ביידע פּראָפּאָרציאָנעל, פּונקט ווי די שנעלקייט פֿון אַן אַראָבפֿאַלענדען קערפּער איז פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָהל פֿון די סעקונדען, וואָס דער אַראָבפֿאַלען געדויערט? אַרויסשטעלענדיג אַזאַ בעהויפּטונג, ערקלערט איהר, אַז עס איז פֿאַרהאַן אַ געוויסע קוואַנטיטאַטיווע בעציהונג צווישען דער אַרבייט און דעם מאַרק-פּרייז. זעהר גוט; אָבער צי האָט איהר דען געמאַכט אויסמעסטונגען, בעאָבאַכטונגען — קוואַנטיטאַטיווע אויסמעסטונגען, וועלכע זיינען אַליין אימשטאַנד צו בעשטעטיגען אַזאַ קוואַנטיטאַטיווע בעהויפּטונג?

„איהר מעגט זאָגען, אַז אין אַלגעמיין גערעדט פֿערגרעסערט זיך דער אויסטויש-ווערטה פֿון סחורות, ווען די קוואַנטיטעט פֿון דער נויטוועגדיגער אַרבייט איז גרעסער. אויף אַזאַ אופֿן האָט אַדאַם סמיטה זיך אויסגעדריקט; אָבער ער איז געווען גענוג קלוג צוצוזעצען, דאָס אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן עקזיסטירט איבערהויפּט ניט מעהר קיין פּראָפּאָרציאָ צווישען דעם אויסטויש-ווערטה און דער קוואַנטיטעט פֿון נויטוועגדיגער אַרבייט. אָבער צו בעהויפּטען, אַז פֿאָלגליך זיינען די ביידע קוואַנטיטעטען — דער אויסטויש-ווערטה און די געזעלשאַפֿטליך נויטוועגדיגע אַרבייט — פּראָפּאָרציאָנעל, אַז די איינע איז דער מאַסשטאַב פֿאַר די אַנדערע און אַז דאָס איז אַן עקאָנאָמישער געזעץ, איז ניט מעהר ווי אַ גראָבער טעות. אַזאַ בעהויפּטונג איז פּונקט אַזוי פֿאַלש, ווי צו בעהויפּטען, אַז די קוואַנטיטעט פֿון רעגען, וואָס וועט פֿאַלען מאָרגען, איז פּראָפּאָרציאָנעל צו דער קוואַנטיטעט פֿון די מילימעטערס, וועלכע דער באַראָמעטער וועט זיך מוזען אַראָבלאָזען אונטער דער דורכשניטס-ליניע, וואָס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרען אין אַ געוויסען פּלאַץ און אין אַ געוויסען סעזאָן.

דער מאַן, וואָס האָט צוערשט בעמערקט, אַז עס איז פֿאַרהאַן אַ געגענזייטיגע בעציהונג צווישען די נידעריגערען גראַדען פֿון׳ם באַראָמעטער און דער קוואַנטיטעט פֿון רעגען, וואָס גיסט זיך פֿון די וואָלקענס; דער מאַן, וואָס האָט צוערשט בעמערקט, אַז אַ שטיין, וואָס פֿאַלט אַראָב פֿון אַ הויכען פלאַץ, פֿאַלט שנעלער ווי אַ שטיין, וואָס פֿאַלט אַראָב בלויז אַ יאַרד די הויך — אָט דיביידע מענער האָבען געמאַכט ווייסענשאַפֿטליכע ענטדעקונגען. דאָסזעלבע האָט אַדאַם סמיטה געטהאָן אין בעצוג צום ווערטה. אָבער ווען אימיצער וואָלט געקומען צו געהען, נאָך דעם ווי אָט די אַלגעמיינע בעאָבאַכטונגען זיינען געמאַכט געוואָרען, און וואָלט ערקלערט, אַז די קוואַנטיטעט פֿון דעם רעגען, וואָס איז געפֿאַלען, ווערט געמאָסטען דורך דער קוואַנטיטעט פֿון די גראַדען, וועלכע דער באַראָמעטער האָט זיך אַראָבגעלאָזט אונטער דעם דורכשניטס-גראַד; אָדער ווען אימיצער זאָל בעהויפטען, אַז דער רוים, וואָס אַ שטיין פֿאַלט אַדורך איז פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צייט פֿון׳ם פֿאַל און קען גע־מאָסטען ווערען דורך איהר, וואָלט עס איינפֿאַך געוועזען אַ נאַרישקייט. אַזאַ מענש וואָלט בעוויזען, אַז ער האָט ניט קיין שום פֿאָרשטעלונג פֿון וויסענשאַפֿטליכע מעטהאָדען, און דאָס זיינע שריפֿטען זיינען ניט וויסענשאַפֿטליך, וויפֿיעל ער זאָל זיך ניט בענוצען מיט די ווערטער פֿון אַ וויסענשאַפֿטליכען זשאַרגאָן. און דאָס איז טאַקע געוועזען דער פֿאַל מיט יענע, וואָס האָבען אַרויסגעשטעלט די אויבען דערמאָהנטע בעהויפּטונג מכח דעם ווערטה.

עס איז נויטהווענדיג צו בעמערקען, אַז דער מאַנגעל אין עקזאַקטע ציפֿערמעסיגע פֿאַקטען, מיט וועלכען מען זוכט צו רעכטפֿאַרטיגען אָט די אויבערפֿלעכליכע בעהאַנדלונג פֿון עקאָנאָמישע פֿראַגען, איז פֿאַר קיין פֿאַל קיין ענטשולדיגונג ניט.

מיר זיינען בעקאַנט מיט אַסך פֿאַקטען אויף דעם געביעט פֿון די עקזאַקטע וויסענשאַפֿטען, וואו צוויי קוואַנטיטעטען זיינען אָבהייגיג איינע פֿון די אַנדערע, אַזוי אַז ווען די איינע פֿערגרעסערט זיך, פֿערגרעסערט זיך אויך די אַנדערע; פֿון דעסטוועגען ווייסען מיר אָבער, אַז זיי זיינען פֿאַר קיין פֿאַל ניט פּראָפּאָרציאָנעל איינע צו די אַנדערע. צווישען אַנדערע אורזאַכען, וועלכע בעשטימען די שנעלקייט פֿון דעם וואַקסען פֿון אַ פֿלאַנצונג, איז די קוואַנטיטעט פֿון וואַרעמקייט, וועלכע זי בעקומט, זיכער איינע פֿון די וויכטיגסטע. די הויכקייט פֿון דער זונן איבער דעם האָריזאָנט און די דורכשניטליכע טעמפּעראַטור פֿון יעדען בעזונדערן טאָג פֿערגרעסערן זיך מיט יעדען טאָג נאָך דעם 22סטען מערץ; אַזוי האָבען

מיר געלערנט דורך די בעאָבאַכטונגען פֿון פֿיעלע יאָהרען. ווען מיר שיסען אוים מיט אַ ביקס, גיט זי אַ שטוים צוריק און מיר ווייסען, אַז דער שטוים צוריק פֿערשטאַרקערט זיך, ווען מיר פֿערגרעסערן די קוואַנטיטעט פֿון פּולווער אין דער פּאַטראָן. אַזעלכע ביישפּיעלע זיינען דאָ אַ סך.

אָבער וואו קענט איהר געפֿינען דעם וויסענשאַפֿטס־מאַן, וועלכער זאָל פֿון די דאָזיגע פֿעסטגעשטעלטע בעציהונגען אַרויסטראָגען דעם שלוס, אַז פּאָלגליך זיינען די שנעלקייט פֿון דעם וואַקסען פֿון אַ פֿלאַנצונג און די קוואַנטיטעט פֿון וואַרעמקייט, וועלכע זי בעקומט, די הויכקייט פֿון דער זונן איבער דעם האָריזאָנט און די דורכשניטליכע טעגליכע טעמ־פּעראַטור, דער שטוים צוריק פֿון אַ ביקס און די קוואַנטיטעט פֿון פּול־ווער אין דער פּאַטראָן פּראָפּאָרציאָנעל איינע צו די אַנדערע? אַז ווען איינע פֿון דיביידע פֿערגרעסערט זיך צוויי מאָל אָדער דריי מאָל וועט די אַנדערע זיך פֿערגרעסערן אויף דעמזעלביגען שטייגער? מיט אַנדערע ווערטער, אַז די איינע איז דער מאַסשטאַב צו מעס־טען די צווייטע? אַ מאַן פֿון דער וויסענשאַפֿט וויים, אַז צווישען צוויי קוואַנטיטעטען קענען עקזיסטירען טויזענדער אַנדערע בעציהונגען אויסער דער פּראָפּאָרציאָנאַליטעט; און אַזוי לאַנג ווי עס זיינען ניט גע־מאַכט געוואָרען אַ גענוגענדע צאָהל אויסמעסטונגען און בע־רעכנונגען, וועלכע בעווייזען אונז, אַז עס איז יאָ פֿאַרהאַן אַזאַ בעציהונג פֿון אַן איינפֿאַכער פּראָפּאָרציאָנאַליטעט, וועט קיינער ניט וואַ־גען אַרויסצוטרעטען מיט אַזאַ בעהויפּטונג.

אָבער אונזערע עקאָנאָמיסטען האָבען עס יאָ געטהאָן, מיט דעם וואָס זיי האָבען בעהויפּטעט, אַז די אַרבייט איז דער מאַסשטאַב פֿון דעם ווערטה. זיי האָבען געטהאָן נאָך ערגערעס — זיי האָבען אפילו ניט געזעהען, אַז דאָס, וואָס זיי האָבען ערקלערט, איז ניט מעהר ווי אַ בע־הויפּטונג, אַ פֿערמוטונג. זיי האָבען דרייסט ערקלערט, אַז זייער בעהויפּטונג איז אַ געזעץ; זיי האָבען אפילו ניט פֿערשטאַנען די נויטווענדיגקייט צו בעשטעטיגען זייער „געזעץ" דורך אויסמעסטונגען און בערעכנונגען.

אין דער אמת'ן זיינען די בעציהונגען צווישען אַזעלכע קוואַנטיטעטען ווי דער וואַקסען פֿון אַ פֿלאַנצונג און די וואַרעמקייט, וועלכע זי בעקומט, די קוואַנטיטעט פֿון פּולווער, וואָס איז פֿערנוצט געוואָרען און דער שטוים צוריק פֿון אַ ביקס א.ז.וו. צו קאָמפּליצירט, אום מען זאָל קענען געפֿינען פֿאַר זיי אַן אויסדרוק דורך אַ ריין אַריטמעטישע פּראָפּאָרציאָן. דאָסזעלבע איז דער פֿאַל מיט די בעציהונגען צווישען אַרבייט און ווערטה. דער

אויסטויש־ווערטה און די נויטוועגדיגע אַרבייט זיינען נ י ט פ ר אָ פ אָ ר־צ יאָ נ ע ל א י י נ ע צ ו ד י אַ נ ד ע ר ע. די אַרבייט איז נ י ט ד ע ר מ אַ ס ש ט אַ ב צו בעשטימען דעם ווערטה, און אַדאַם סמיטה האָט עס טאַקע שוין בעמערקט. נאָך דעם ווי ער האָט פֿריהער ערקלערט, אַז עס א י ז אַ ז ו י, האָט ער באַלד בעמערקט, אַז דאָס איז בלויז געווען דער פֿאַל אין דער פּרימיטיווער פּעריאָדע פֿון דער מענשהייט. אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם ווערט דער אויסטויש־ווערטה נ י ט מ ע ה ר בעשטימט דורך די נויטוועגדיגע אַרבייט. אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט דאַרפֿען מיר זיך רעכענען מיט פֿיעלע אַנדערע פֿאַקטען, וועלכע פֿערענדערן די איינפֿאַכע בעציהונג, וואָס האָט אפשר אַמאָל עקזיסטירט צווישען דער אַרבייט און דעם אויסטויש־ווערטה. אָבער אונזער־ע מאָדערנע עקאָנאָמיסטען זאָרגען זיך ניט וועגען דעם; זיי ווידערהאָלען שטענדיג דאָס, וואָס ריקאַרדאָ האָט געשריבען אין דעם ערשטען העלפֿט פֿון'ם נייגצעהנטען יאָהרהונדערט.

דיזעלבע אויסזעצונגען, וועלכע מיר האָבען געמאַכט מכח דעם ווערטה, זיינען פּאַסיג צו די מייסטע בעהויפּטונגען פֿון די עקאָנאָמיסטען און די זאָגענאַנטע „וויסענשאַפֿטליכע סאָציאַליסטען", וועלכע ווערען ניט מיעד פֿאָרצושטעלען זייערע פּערזענליכע פֿערמוטונגען אַלס „נאַטור־געזעצע". מיר זיינען ניט בלויז מיט דער מיינונג, אַז די מייסטע פֿון אָט די זאָגענאַנטע „געזעצע" זיינען פֿאַלש, נאָר מיר זיינען אויך איבערצייגט, אַז די יעניגע, וועלכע גלויבען אין די דאָזיגע „געזעצע" וואָלטען אַליין פֿערשטאַנען זייער טעות, ווען זיי וואָלטען געאַרבייט אויף דעמזעלבען שטייגער ווי די נאַטור־פֿאָרשער, ווען זיי וואָלטען פֿערשטאַנען די נויטווענדיגקייט צו גרינדען יעדע ציפֿערמעסיגע און קוואַנטיטיווע בעהויפּטונג אויף ציפֿערמעסיגע און קוואַנטיטיווע בעווייזע.

* * *

די אַנשויאונגען פֿון דעם אַנאַרכיסט וועגען דער גאַנצער פּאָליטישער עקאָנאָמיע זיינען גאַנץ פֿערשידען פֿון די אַנזיכטען פֿון אונזערע עקאָנאָמיסטען, וועלכע זיינען איבערהויפּט ניט צוגעוואוינט געוואָרען צו דער וויסענשאַפֿטליכער, אינדוקטיווער מעטהאָדע און וועלכע בעגרייפֿען אפילו ניט, וואָס דאָס איז אַזוינס — אַ „נאַטור־געזעץ", אָבוואָהל זיי בענוצען זיך ביי יעדער געלעגענהייט מיט דעם דאָזיגען אויסדרוק. זיי פֿערשטעהען זאָגאַר ניט דעם ב ע ד י נ ג ס וו י י ז ע ן כאַראַקטער פֿון אַלע זאָגענאַנטע נאַטור־„געזעצע".

דער פאַקט איז, אַז יעדעס נאַטור־געזעץ קען שטענדיג בלויז פֿער־שטאַנען ווערען אויף אַזאַ אופן: — „א ו י ב דיזע און דיזע בעדינגונגען זיינען ביי דער אַרבייט, וועט דער רעזולטאַט זיין דער און דער. — א ו י ב אַ גראַדע ליניע שניידט דורך אַן אַנדער ליניע אויף אַזאַ שטייגער, אַז עס ענטשטעהען צוויי גלייכע ווינקעל פֿוןביידע זייטען פֿון דעם דורכ־שניידונגס־פּונקט, וועלען די פֿאָלגען זיין אַזעלכע און אַזעלכע. — א ו י ב די בעוועגונגען אַליין, וועלכע מאַניפֿעסטירען זיך אין גאַנצען וועלט-רוים, ווירקען אויף צוויי קערפּערס, און אויב עס איז ניט פֿאַרהאַן צו וויט אַוועק אַ דריטער אָדער פֿערטער קערפּער, וועלכער זאָל ווירקען אויף די ביידע אויבען דערמאָהנטע קערפּערס, דאַן וועלען די צענטערס פֿון דער צוציהונגס־קראַפֿט פֿון די דאָזיגע צוויי קערפּערס זיך בעוועגען איינע צו דער אַנדערער מיט אַזאַ און אַזאַ שנעלקייט.“ (דאָס איז די ערקלעהרונג פֿון דעם גראַוויטאַציאָנס־געזעץ.) א.ז.וו.

שטענדיג איז פֿאַרהאַן אַן „אויב“ — אַ בעדינגונג, וואָס דאַרף פֿריי־הער ערפֿילט ווערען.

פֿאָלגליך זיינען אַלע זאָגענאַנטע ג ע ז ע צ ע און טהעאָריען פֿון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע ניט מעהר ווי בעהויפּטונגען, עהנליך צו דער: —

„אָנגענומען, דאָס אין אַ געוויסען לאַנד איז שטענדיג פֿאַרהאַן אַ גרויסע צאָהל מענשען, וועלכע קענען ניט עקזיסטירען אַ מאָנאַט אָדער אפילו צוויי וואָכען צייט, ניט אַרבייטענדיג פֿאַר אַ בעשטימטען לוין און וועלכע זיינען צוליעב דעם געצוואונגען אָנצונעהמען די בעדינגונגען, וועלכע דער שטאַאַט צווינגט זיי צו ערפֿילען אין דער פֿאָרם פֿון אָבגאַ־בען, גרונד־שטייער א.ז.וו. אָדער וועלכע די יעניגע ביטען זיי אָן, וועמען דער שטאַאַט אַנערקענט פֿאַר די אייגענטהימער פֿון דער ערד, די פֿאַבריקען, די אייזענבאַהנען א.ז.וו. — אָנגענומען, אַז דאָס איז דער פֿאַל, וועלען די פֿאָלגען זיין אַזעלכע און אַזעלכע.“

אונזערע אַקאַדעמישע עקאָנאָמיסטען האָבען ביז איצט בלויז אויס־גערעכענט, וואָס עס וואַקסט אַרויס פֿון אַזעלכע בעדינגונגען, אָבער די בעדינגונגען גופא האָבען זיי קיינמאָל ניט אַנאַליזירט און ספּעציאַליזירט. און ווען מען האָט זיי אפילו שוין יאָ דערמאָהנט, האָט מען באַלד ווידער פֿערגעסען אין זיי און מעהר ניט גערעדט וועגען דעם.

דאָס איז שוין גענוג שלעכט, אָבער פֿאַרהאַן נאָך אַ זייט אין די לעהרען פֿון די עקאָנאָמיסטען, וועלכע איז נאָך פֿיעל ערגער. זיי האָבען פֿאָרגעשטעלט די פֿ אַ ק ט ע ן, וועלכע זיינען דער רעזולטאַט פֿון די דאָזיגע בעדינגונגען, אַלס געזעצע — אַלס

אונפערמיידליכע און אונפערענדערליכע געזעצע.
און זיי פלעגען דאס רופען וויסענשאפט.

וואס אנבעלאנגט די פאליטישע עקאנאמיסטען פון׳ם סאציאליסטי־שען לאגער, איז וואהר, אז זיי האבען קריטיקירט מאנכע שליסע פון די אקאדעמישע עקאנאמיסטען און אויסגעטייטשט געוויסע פאקטען אויף אן אנדער שטייגער; אבער זיי האבען אויך די גאנצע צייט פערגעסען אין די פריהער דערמאהנטע בעדינגונגען און האבען צוגעשריבען צו די עקא־נאמישע פאקטען פון א געוויסע פעריאדע א צו גרויסע סטאבילימעט, דורך דעם וואס זיי האבען זיי פארגעשטעלט אלס נאטור־געזעצע. קיינער פון זיי האט ביז איצט ניט אויסגעארבייט זיין אייגענעם וועג אין דער עקאנאמישער וויסענשאפט. דאס מייסטע, וואס זיי האבען געטהאן — דורך מארקס אין זיין „קאפיטאל״—אין דיזער ריכטונג, איז דאס וואס זיי האבען איבערגענומען די מעטאפיזישע ערקלערונגען פון אקאדעמישע עקאנאמיסטען ווי ריקארדא און האבען געזאגט: „איהר זעהט, ווען מיר נעהמען אפילו אייער אייגענע דעפינאציאנען, קענען מיר אויפצייגען, אז דער קאפיטאליסט עקספלאטירט דעם ארבייטער!״ — דאס קלינגט זעהר שעהן אין אן אגיטאציאנס־בראשורע, אבער עס איז זעהר ווייט אוועק פון דער עקאנאמישער וויסענשאפט.

* * *

נעהמענדיג דאס אלעס אין אנבעטראכט, זיינען מיר מיט דער מיי־נונג, אז די גאנצע פאליטישע עקאנאמיע דארף אוועקגעשטעלט ווערען אויף אן אנדער פונדאמענט, כדי זי זאל קענען ווערען אן אמת׳ע ווי־סענשאפט. זי מוז בעהאנדעלט ווערען אלס א נאטור־וויסענשאפט און די מעטהאדען פון דעם עקאנאמיסט דארפען זיין דיזעלבע ווי די, מיט וועלכע מען בענוצט זיך אין אלע עקזאקטע, עמפירישע וויסענשאפטען; די גאנצע פאליטישע עקאנאמיע דארף אויסארבייטען פאר זיך א גאנץ אנדער ציעל. זי דארף פערנעהמען אין בעצוג צו דער מענשליכער געזעלשאפט די זעלביגע פאזיציאן, וועלכע די פיזיאלאגיע פערנעהמט אין בעצוג צו די פלאנצונגען און חיות. מיט איין ווארט, די פאליטישע עקאנאמיע דארף ווערען די פיזיאלאגיע פון דער געזעלשאפט.

איהר אויפגאבע מוז זיין דער שטודיום פון די שטענדיג וואקסענדע געזעלשאפטליכע בעדערפנישען און דער שטודיום פון די מיטלען, מיט וועלכע מען האט זיך בענוצט אין דער פערגאנגענהייט און מיט וועלכע מען בענוצט זיך אין דער געגענווארט, אום צו בעפרידיגען די דאזיגע בעדערפנישען. זי דארף זעהן אויף ווי ווייט די דאזיגע מיטלען זיינען

געוועזן און זיינען איצטער פּאַסיג פאַר דעם צוועק, וועלכען זי האָט אין אויג. און אַזוי ווי די אויפגאַבע פון יעדער וויסענשאַפט בעשטעהט אין איהר פּראַקטישער אָנווענדונג אין בעצוג צו די פאָדערונגען פון'ם טעג־ליכען לעבען — אַ געדאַנק, וואָס איז שוין מיט אַ לאַנגער צייט צוריק ענטוויקעלט געוואָרען פון בייקאָן — מוז די פּאָליטישע עקאָנאָמיע שטודירען אַלע מיטלען, מיט וועלכע מיר קענען אַם בעסטען בעפרידיגען די איצטיגע און צוקונפטיגע בעדערפנישען מיט וואָס קלענערע אויסגאַבען פון ענערגיע (מיט עקאָנאָמיע) און מיט די בעסטע רעזולטאַטען פאַר דער מענשהייט אין אַלגעמיין.

* * *

עס איז אַלזאָ גאַנץ פערשטענדליך, וואַרום אונזערע שליסע זיינען אין פיעלע בעציהונגען אַזוי פערשידען פון די, צו וועלכע אַקאַדעמישע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע עקאָנאָמיסטען זיינען געקומען; וואַרום מיר אָנער־קענען ניט געוויסע „בעציהונגען", אויף וועלכע זיי האָבען אָנגעדייטעט, אַלס „געזעצע"; וואַרום אונזער פאָרשטעלונג פון'ם סאָציאַליזם איז אַזוי פערשידען פון זייער אויפפאַסונג; און וואַרום דער שטודיום פון די שטרעבונגען פון'ם מאָדערנעם עקאָנאָמישען לעבען האָט אונז געפיהרט צו גאַנץ אַנדערע שליסע אין בעצוג צו דעם, וואָס עס איז ווינשענס־ווערטה און מעגליך. מיט אַנדערע ווערטער — וואַרום מיר זיינען גע־קומען צום פרייען קאָמוניזם, אָנשטאָט צום שטאַאַט־קאַפּיטאַליזם און צום קאָלעקטיוויסטישען לוין־סיסטעם.

מעגליך, אַז מיר זיינען פאַלש און אַז זיי זיינען גערעכט. אָבער די פראַגע, ווער פון אונז איז גערעכט אָדער אונגערעכט, קען ניט געלייזט ווערען דורך ביצאַנטינישע קאָמענטאַרען צו דעם, וואָס דער אָדער יענער שרייבער האָט געמיינט צו זאָגען אָדער דיסקוטירענדיג איבער דאָס, וואָס עס שטעהט אין איינקלאַנג מיט העגעל'ס „טרילאָגיע"; און גאַנץ געוויס ניט דורך דעם, וואָס מיר ווען זיך אויך ווייטער בענוצען מיט דער דיאַלעקטישער מעטהאָדע.

דאָס איז נור דאַמאָלס מעגליך, ווען מיר שטודירען די פאַקטען פון'ם עקאָנאָמישען לעבען אויף דעמזעלביגען אופן און נאָך דיזעלבע מעטהאָדען, ווי מיר שטודירען די נאַטור־וויסענשאַפט.*)

* * *

*) די פאָלגענדע אויסצוגען זיינען אַרויסגענומען פון אַ בריעף, וועלכען איך האָב ערהאַלטען פון אַ גוט בעקאַנטען ביאָלאָג, אַ בעלגישען פּראָפעסאָר. איך האָב

שטענדיג בענוצענדיג זיך מיט דערזעלבער מעטהאָדע, ציהט דער אַנאַרכיסט אויך זיינע אייגענע שליסע אין בעצוג צו די פֿערשידענע פּאָ־ליטישע פֿאָרמען פֿון דער געזעלשאַפֿט און ספּעציעל צום שטאַאַט. עס מאַכט אויף אונז קיין שום איינדרוק ניט, ווען מען ערקלעהרט אינז, אַז „דער שטאַאַט איז די בעשטעטיגונג פֿון דער העכסטער גערעכטיגקייט אין דער געזעלשאַפֿט", אָדער „דער שטאַאַט איז דאָס ווערקצייג, דער טרעגער פֿון'ם פּראָגרעס", אָדער „אָהן דעם שטאַאַט קיין געזעלשאַפֿט".

---

דעם בריעף ערהאַלטען, פּינקט ווען איך האָב געמאַכט די קאָרעקטור פֿאַר דער פֿראַנ־צויזישער אויסגאַבע פֿון דיזען ווערק, און ער קען דיענען אַלס אַ בעסערע ענטוויק־לונג פֿון מיין בעהויפּטונג. די בעמערקונגען אין האַלבע לבנות זיינען צוגעזעצט פֿון מיר:—

„וואָס ווייטער איך לייען אין אייער בוך „פֿיעלדס, פֿעקטאָריס ענד וואָרקשאָפּס", אַלץ מעהר קום איך צו דער איבערצייגונג, אַז פֿון היינט אָן און ווייטער וועט דער שטודיום פֿון סאָציאַלע פֿראַגען נור צוגענגליך זיין צו די, וועלכע האָבען שטודירט די נאַטור־וויסענשאַפֿטען און וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פֿון די דאָזיגע וויסענשאַפֿטען. די יעניגע, וועלכע האָבען אויס־שליסליך גענאָסען די זאָגענאַנטע קלאַסישע ערציהונג, זיינען אינפֿעהיג צו פֿערשטעהן די היינטיגע אידעען־בעוועגונג; זיי זיינען אפילו ניט פֿעהיג צו שטודירען אַ גרעסערע צאָהל פֿון בעזונדערע פֿראַגען.

„......די אידעע פֿון דער אַלזייטיגער אַרבייטס־טהעטיגקייט, ד.ה. די צו־טהיילונג פֿון דער אַרבייט נאָך דער צייט נאָך (געמיינט איז די אידעע, אַז עס וואָלט פֿאַר דער געזעלשאַפֿט געווען ניצליכער, ווען יעדער מענש וואָלט געהאַט די מעגליכקייט צו בעשעפֿטיגען זיך מיט אַגריקולטור, אינדוסטריע און גייסטיגער אַרבייט, אום זיין טהעטיגקייט זאָל זיין פֿערשיעדענאַרטיג און זיין אינדיווי־דואַליטעט זאָל זיך קענען ענטוויקלען אין אַלע ריכטונגען), וועט געוויס ווערען איי־נער פֿון די פֿונדאַמענטאַלע גרונד־פּרינציפּען פֿון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפֿט. פֿאַרהאַן אַסך ביאָלאָגישע פֿאַקטען, וועלכע זיינען אין איינקלאַנג מיט דער אויבענ־דערמאָהנטער אידעע, פֿאַקטען, וואָס צייגען אונז, אַז דאָס איז אַ נאַטור געזעץ (מיט אַנדערע ווערטער, אין דער נאַטור איז די דאָזיגע ערשיינונג זעהר אָפֿט אַ מיטעל, ווי איינצושפּאָרען קראַפֿט). ווען מיר קוקען זיך צו צו די לעבענס־פֿונקציאָנען פֿון אַ לע־בעדיגען וועזען, וועהרענד די פֿערשידענע פּעריאָדען פֿון זיין עקזיסטענץ, אפילו וועהרענד די פֿערשידענע צייטען פֿון'ם יאָהר און אָפֿטמאָל זאָגאַר וועהרענד די פֿער־שידענע צייטען פֿון טאָג, דאַן געפֿינען מיר די אָנווענדונג פֿון דער דאָזיגער צוטהיילונג



קראָפּאָטקין—מאָדערנע וויסענשאַפֿט און אַנאַרכיע.

זייענדיג געטריי צו אונזער מעטהאָדע, שטודירען מיר דעם שטאַאַט מיט דערזעלבער געלאַסענקייט, ווי מיר שטודירען די געזעלשאַפטען פון די מוראַשקעס אָדער פון די ביהנען אָדער פון די פייגעל, וואָס קומען צו די ברעגעס פון די אַרקטישע טייכען אָדער צו די ברעגעס פון'ם אייזמער, אום דאָרטען צו בעקומען און אויפצוהאָדעווען זייערע קינדער. עס איז ניט נייטיג נאָך אַמאָל צו ווידערהאָלען דאָ די רעזולטאַטען פון אונזערע שטודיען; ווייל דאָס וואָלט געמיינט ניט מעהר און ניט וויניגער ווי נאָך אַמאָל איבערצוזאָגען אַלעס, וואָס די אַנאַרכיסטען האָבען ערקלערט פון גאָדווין'ס צייטען ביז היינטיגען טאָג און וואָס יעדער איינער

---

פון דער אַרבייט נאָך דער צייט נאָך, וועלכע איז אייגג פערבונדען מיט דער צוטהיילונג פון דער אַרבייט פון די אָרגאַנען (אַדאַם סמיטה'ס געזעץ).

„די יעניגע מענער פון דער וויסענשאַפט, וועלכע זיינען ניט בעקאַנט מיט די נאַטור-וויסענשאַפטען, זיינען איבערהויפט ניט אימשטאַנד צו פערשטעהן די אמת'ע בעדייטונג פון אַ נאַטור-געזעץ. דאָס וואָרט „געזעץ" מאַכט זיי בלינד, און זיי ריידען זיך איין, דאָס אַ געזעץ, ווי צ.ב.ש. דאָס געזעץ פון אַדאַם סמיטה, פערקערפערט מיט זיך אַ מין פאַטאַליסטישע קראַפט, פון וועלכער עס איז אונמעגליך זיך אַרויסצודרעהען. ווען מען ציינט זיי די צווייטע זייט פון דעם געזעץ — זיינע בעדויערליכע פאָלגען פאַר דער אינדיווידועלער ענטוויקלונג און פאַר דעם גליק און וואָהלזיין פון'ם מענשען, דאַן ענטפערן זיי אונז, אַז „דאָס דאָזיגע געזעץ איז אונערביטליך." און זעהר אָפט הערט זיך אַרויס פון דעם דאָזיגען ענטפער אַ געפיהל פון אונפעהלבאַרקייט. דער נאַטורפאָרשער וויים אָבער זעהר גוט, אַז די וויסענשאַפט איז אימשטאַנד אַוועקצומאַכען מיט די שלעכטע און שעדליכע ווירקונגען פון אַ נאַטור-געזעץ, און אַז דער מענש, וואָס אַרבייט געגען דער נאַטור, דערגרייכט זעהר אָפט זיין ציעל.

„די צוציהונגס-קראַפט פעראורזאַכט דעם פאַל פון אַ פיזישען קערפער, אָבער דיזעלבע צוציהונגס-קראַפט איז אויך די אורזאַכע, וואָס אַ לופט באַלאָן הויבט זיך אויף (דער פליהען מיט מאַשינען, וואָס זיינען שווערער פון דער לופט, איז איינער פון די לעצטע ביישפיעלען אין דיזער בעציהונג). פאַר אונז איז דאָס אַזאַ איינפאַכע ערשיינונג; אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָבען די עקאָנאָמיסטען פון דער קלאַסישער שולע די גרעסטע מיה צו פערשטעהן די בעדייטונג פון אַזאַ בעאָבאַכטונג.

„דאָס געזעץ פון דער צוטהיילונג פון דער אַרבייט נאָך דער צייט נאָך וועט מיט דער צייט אָנערקענט ווערען פאַר דעם געגענשטיק פון אַדאַם סמיטה'ס געזעץ, און דאָס וועט אונז געבען די מעגליכקייט דורכצופיהרען די אַלזייטיגע אַרבייטס-טהעטיגקייט פון דעם אינדיווידואום."

קען געפֿינען מיט אַלע נייטיגע ערגענצונגען און קאָמענטאַרען אין אַ גאַנצער סעריע פֿון ביכער און בראָשורען.

פֿאַר אונזער איצטיגען צוועק איז גענוג צו ערקלערען, אַז פֿאַר אונזער אייראָפּעאישע ציוויליזאַציאָן — ד.ה. פֿאַר דער ציוויליזאַציאָן פֿון די לעצטע פֿופֿצעהן הונדערט יאָהר, צו וועלכע מיר בעלאַנגען — איז דער שטאַאַט אַזאַ פֿאָרם פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער ענטוויקלונג, וועלכע איז ערשט ענטשטאַנען זייט דעם 16־טען יאָהרהונדערט, אונטער דעם איינפֿלוס פֿון אַסך אורזאַכען, וועלכע איך האָב דערמאָהנט אין מיין עסיי: „דער שטאַאַט און זיין היסטאָרישע ראָלע.” בעפֿאָר דער דאָזיגער פעריאָדע און זייט דעם אונטערגאַנג פֿון דעם רוימישען קייזער־רייך, האָט דער שטאַאַט — אין זיין רוימישער פֿאָרם — איבערהויפּט ניט עקזיסטירט. און ווען מיר געפֿינען איהם דעם טראָץ אין אונזערע שול־ביכער, זאָגאַר שוין ביים אָנהויב פֿון דער באַרבאַרישער פעריאָדע, דאַן איז דאָס ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי אַ פּראָדוקט פֿון דער איינבילדונגס־קראַפֿט פֿון געווייסע היסטאָריקער, וועלכע גיבען זיך די גרעסטע מיה אויסצוגעפֿינען די אָבשטאַמונגס־געשיכטע פֿון די קעניגע; אין פֿראַנקרייך געהט מען צו דיזען צוועק צוריק ביז צו די אָנפֿיהרער פֿון די מעראָווינגישע קריעגס־באַנדעס און אין רוסלאַנד ביז צו צוריק אין 862. אמת׳ע היסטאָריקער אָבער וויסען, אַז דער שטאַאַט האָט זיך ערשט ענטוויקעלט אויף די רואינען פֿון די פֿרייע שטעדט אין מיטעל־אַלטער.

* *
*

פֿון דער אַנדערער זייט זיינען דער שטאַאַט, אַלס אַ פּאָליטישע מאַכט, די שטאַאַטליכע געזעץ־געבונג, די קירכע און דער קאַפּיטאַליזם פֿאַקטען און בעגריפֿע, וועלכע מען קען ניט אָבטהיילען איינע פֿון די אַנדערע. די דאָזיגע אינסטיטוציאָנען האָבען זיך ענטוויקעלט אין פֿערלויף פֿון דער געשיכטע, אונטערשטיצענדיג און העלפֿענדיג זיך איינע די אַנדערע.

זיי זיינען פֿערבונדען איינע מיט די אַנדערע, ניט דערפֿאַר וואָס דער צופֿאַל און די צייט האָבען זיי געפֿיהרט צוזאַמען, נאָר עס איז דער פֿעַ־באַנד פֿון אורזאַכע און ווירקונג, וועלכער פֿעראייניגט זיי.

פֿאַר אונז איז דער שטאַאַט ניט אַנדערש ווי אַ פֿערזיכערונגס־געזעלשאַפֿט צווישען דעם גרונד־בעזיצער, דעם מיליטערישען אָנפֿיהרער, דעם ריכטער, דעם פּריסטער און שפּעטער דעם קאַפּיטאַליסט. זיין אויפֿגאַבע איז אויפֿצוהאַלטען און אונטערצושטיצען די אויטאָריטעט פֿון יעדען פֿון זיי איבער די פֿאָלקס־מאַסען און צו בענוצען זיך מיט זייער עלענד, אום אַליין צו ווערען רייך און מעכטיג.

דאָס איז געווען דער אורשפּרונג פֿון׳ם שטאַאט; דאָס איז געווען זיין געשיכטע; און דאָס איז זיין גאַנצער אינהאַלט ביז דעם היינטיגען טאָג.

פֿאַלגליך איז דער געדאַנק, אַז עס איז מעגליך אָבצושאַפֿען דעם קאַפּיטאַליזם און אויפֿצוהאַלטען דעם שטאַאט אָדער אָבצושאַפֿען דעם קאַפּיטאַליזם מיט דער הילפֿע פֿון׳ם שטאַאט — אין דער צייט, ווען דער שטאַאט איז ספּעציעל געגרינדעט געוואָרען פֿאַר דעם פֿאָ־טשריט און פֿאַר דער ענטוויקלונג פֿון׳ם קאַפּיטאַליזם און האָט וואָס ווייטער אַלץ מעהר פֿערגרעסערט זיין מאַכט און אינערליכע שטאַרקקייט, פּראָפּאָרציאָ־נעל צו דער וואַקסענדער מאַכט פֿין׳ם קאַפּ־טאַליזם — ניט מעהר ווי אַן אונפֿערנינפֿטיגע אילוזיע. די דאָזיגע אילוזיע איז נאָך אונזער מיינונג נאָך פּונקט אַזוי אַבסורד, ווי צו ערוואַרטען, אַז די אַרבייט וועט בעפֿרייט ווערען מיט דער הילפֿע פֿון דער קירכע, פֿון׳ם צעזאַריזם אָדער אימפּע-ריאַליזם. אמת, אין דעם ערשטען העלפֿט פֿון׳ם 19-טען יאָהרהונדערט זיינען געווען אַסך סאָציאַליסטען, וואָס האָבען גע׳חלום׳ט פֿון אַזאַ זאַך; אָבער צו לעבען נאָך אַלץ אין דערזעלבער וועלט פֿון חלומות, היינט, ווען מיר זיינען שוין אַריבער דעם שוועל פֿון׳ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, איז ווירקליך שוין אַביסעל צו קינדעריש.

אַ נייע פֿאָ־ם פֿון עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציאָן פֿאָדערט נויטווענדי־גערווייזע אויך אַ נייע פֿאָרם פֿון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציאָן. און צי דער געזעלשאַפֿטליכער איבערבייט וועט אויסגעפֿיהרט ווערען אויף אַ גיכען אופֿן דורך אַ רעוואָלוציאָן, צי פּאַמעלאַך דורך אַ שטופֿענווייזע ענטוויקל־לונג, מוז אָבער דער צווייפֿאַכער איבערבייט, די עקאָנאָמישע און פּאָלי-טישע אומוועלצונג געהען האַנד אין האַנד איינע מיט די אַנדערע.

יעדער טריט אויף דעם וועג צו עקאָנאָמישער פֿרייהייט, יעדער זיעג איבער דעם קאַפּיטאַליזם וועט אויך זיין אין דערזעלבער צייט אַ שריט פֿאָרווערטס אויף דעם וועג צו פּאָליטישער פֿרייהייט, אַ טריט נעהנטער צו דער בעפֿרייאונג פֿון דעם יאָך פֿון׳ם שטאַאט דורך דער הילפֿע פֿין פֿרייע לאָקאַלע, פּראָפֿעסיאָנעלע און אַדמיניסטראַטיווע אָב־מאַכען. און יעדער שריט, וואָס וועט געמאַכט ווערען צו בעש־יינקען די מאַכט פֿון׳ם שטאַאט און זיינע פֿונדאַמענטען, וועט אין דערזעלבער צייט העלפֿען די מאַסען צו בעזיעגען דעם קאַפּיטאַליזם.

---

## XIV.

# די טאקטישע מיטלען.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז ווען עס איז פֿאַרהאַן אַזאַ גרויסער אונטער־שיעד אין די מעטהאָדען פֿון אינטרזוכונג און אין די גרונד־פּרינציפּען צווישען די אַנאַרכיסטען און די וויסענשאַפֿטליכע אַקאַדעמיקער אין זייערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קאַלענען, מוזען זיי זיך אויך אונטערשיידען איינע פֿון די אַנדערע אין די מעטהאָדען פֿון זייער טהעטיגקייט.

אַזוי ווי מיר קוקען אויף דעם שטאַאַט און דאָס געזעץ, זעהען מיר אין דער שטענדיג וואַקסענדער אונטערוואַרפֿונג פֿון דעם אינדיווידואום אונטער דעם יאָך פֿון׳ם שטאַאַט פֿאַר קיין פֿאַל ניט קיין סמן פֿון פּראָ־גרעס און נאָך פֿיעל וויניגער זעהען מיר אין דעם אַ צייכען, אַז מיר דערנעהנטערן זיך צו די גרויסע סאָציאַלע אומוועלצונגען, וועלכע די צייט פֿאָדערט.

מיר זיינען זאָגאַר ניט איינשטימיג מיט יענע אויבערפֿלעכליכע קרי־טיקער פֿון דער היינטיגער געזעלשאַפֿט, וועלכע פֿאָדערן די שטאַאַטליכע פֿערוואַלטונג פֿון די אינדוסטריען, ערקלערענדיג, אַז דער אורשפּרונג פֿון דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם איז די „אַנאַרכיע פֿון דער פּראָדוקציאָן" און אַז דעם דאָזיגען צושטאַנד האָבען מיר צו פֿערדאַנקען דער ליבעראַלער לעהרע: laissez faire, laissez aller — „זאָל אַלעס געהן ווי עס געהט", וועלכע בעקעמפֿפֿט יעדע אַריינמישונג פֿון דעם שטאַאַט אין אינדוס־טריעלע אַנגעלעגענהייטען. דאָס וואָלט געהייסען, אַז דער שטאַאַט האָט ווירקליך פּראַקטיצירט די דאָזיגע לעהרע; אין דער ווירקליכקייט האָט ער עס קיינמאָל ניט געטהאָן, פּונקט פֿערקעהרט! מיר ווייסען, אַז אין דער צייט, ווען אַלע רעגירונגען האָבען געגעבען די קאַפּיטאַליסטען און מאָנאָפּאָליסטען די פֿולע פֿרייהייט אָנצוקלייבען רייכטהימער אויף דעם חשבון פֿון שלעכט בעצאָהלטע אַרבייטער, וואָס לעבען אין נויט און עלענד, האָבען זיי אָבער קיינמאָל ניט און אין ערגעץ ניט געגעבען די אַרבייטער אַ דיזעלבע פֿרייהייט זיך אויפֿצוהויבען געגען דער דאָזיגער אויסבייטונג. קיין רעגירונג האָט נאָך ניט אַנערקענט דעם פּרינציפּ פֿון „זאָל עס געהן, ווי עס געהט", אַלס אַ רעכט פֿון די עקספּלאָטירטע מאַסען. דאָס דאָזיגע רעכט עקזיסטירט בלויז פֿאַר די עקספּלאָטאַטאָרס.

אין פֿראַנקרייך, אפילו אונטער דער רעגירונג פֿון דעם שרעקליך

„רעוואָלוציאָנערען" קאָנוועגט פֿון די יאַקאָבינער, פֿלעגט מען סטרייקס בעהאַנדלען אַלס אַ „קאָאַליציאָן", ד.ה. אַלס אַ „פֿערשווערונג צו פֿאַרמירען אַ שטאַאַט אין דעם שטאַאַט"—און מען האָט די „פֿערשווערער" בעשטראָפֿט מיט'ן טויט. עס איז אַלזאָ ניט נייטיג צו ריידען פֿון דער געזעץ-געבונג געגען די אַרבייטער אונטער נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען און שפּעטער אונטער דער מאָנאַרכיסטישער רעסטאָראַציאָן, אפילו ניט פֿון דער היינטיגער בורזשואַזער רעפּובליק.

אין ענגלאַנד האָט מען נאָך אין 1813 געשלעפּט סטרייקענדע אַרבייטער אויף דער תליה, ערקלערענדיג, אַז זיי האָבען אַנדערע „איינגעשראָקען", און אין 1834 האָט די ענגלישע רעגירונג פֿערשיקט אַרבייטער נאָך אויסטראַליען, ווייל זיי האָבען זיך דערוועגט צו גרינדען מיט ראָבערט אָועען אַ „נאַציאָנאַלע טריידס-יוניאָן". אין די 60-גער יאָהרען זיינען סטרייקערס פֿעראורטהיילט געוואָרען צו שווערער אַרבייט פֿאַר אויסשטעלען סטרייק-פּאָסטען — די ריכטער האָבען ערקלערט, אַז עס איז זייער אויפֿגאַבע צו פֿערטהיידיגען די „פֿרייהייט פֿון דער אַרבייט" — און נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק, אין 1903 און אַלס אַ רעזולטאַט פֿון דער זאָגענאַנטער „טאַף ווייל דעסיזשאָן" האָט די אָרגאַניזאַציאָן פֿון די אייזענבאַהנער געדאַרפֿט אויסצאָהלען £26.000 צו אַן אייזענבאַהן קאָמפּאַניע, דערפֿאַר ווייל די אַרבייטער האָבען ערקלערט אַ סטרייק.

לוינט עס, נאָך אַלעם דעם, נאָך צו ריידען פֿון פֿראַנקרייך, וואו דאָס רעכט צו גרינדען טרייד-יוניאָנס און אָרגאַניזאַציאָנען פֿון די פֿעלד-אַרבייטער איז ערשט אָנערקענט געוואָרען אין 1884, נאָך דער אַנאַרכיסטישער אַגיטאַציאָן פֿון ליאָן און דער בעוועגונג פֿון די קוילען-גרעבער אין 1883; אָדער פֿון דער שווייץ, וואו מען האָט דערשאָסען סטרייקענדע אַרבייטער אין אַאיראָלאָ אין דער צייט ווען מען האָט אויסגעגראָבען דעם סט. גאָטהאַרד טונעל; שוין ניט ריידענדיג פֿון דייטשלאַנד, שפּאַניען, רוסלאַנד אָדער פֿון די פֿעראייניגטע שטאַאַטען, וואו די אַריינמישונג פֿון דעם שטאַאַט צו גונסטען דער קאַפּיטאַליסטישער אונאָרדנונג האָט נאָך אָנגענומען ערגערע פֿאָרמען?

* * *

פֿון דער אַנדערער זייט זעהען מיר, ווי יעדער שטאַאַט צווינגט די בויערן און די אינדוסטריעלע אַרבייטער צו לעבען אין נויט און עלענד, צו דאַנקען די גרויסע אָבגאַבען, וואָס ער צווינגט זיי צו צאָהלען און די מאָנאָפּאָלען, וועלכע ער שאַפֿט צו גונסטען די גרונדבעזיצער, די באַוועלקעניגע, די אייזענבאַהן-מאַגנאַטען, די שענקערס און פֿיעלע אַנדערע.

מיר דאַרפֿען זיך בלויז דערמאָהנען, ווי אַזוי דאָס קאָמונאַלע גרונד־אייגענטהום פֿון די געמיינדעס איז צושטערט געוואָרען אין ענגלאַנד מיט דער הילפֿע פֿון די זאָגענאַנטע „ענקלאָשור עקטס", אָדער ווי מען ווי־דערהאָלט דיזעלבע רויבעריי אין רוסלאַנר, כדי צו פֿערזאָרגען די גרונד־בעזיצער און די גרויסע פֿאַבריקאַנטען מיט „הענד".

מיר דאַרפֿען זיך בלויז אַביסעל אַרומקוקען און מיר וועלען באַלד דערזעהן ווי די שטאַאַטען שאַפֿען איבעראַל אין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ מאָנאָפּאָלען צו גונסטען די קאַפּיטאַליסטען אין דערהיים און נאָך מעהר אין פֿערכאַפּטע לענדער ווי עגיפּטען, טאָנקין, טראַנסוואַל א.ז.וו.

וואָס פֿאַר אַ ווערטה האָט עס צו ריידען מיט מאַרקס מכח דער „פּרימיטיווער אָנזאַמלונג" — אָקוראַט ווי דער דאָזיגער „אָנטרייב", וועלכען דער שטאַאַט גיט די קאַפּיטאַליסטען, וואָלט געווען אַ זאַך פֿון דער פֿער־גאַנגענהייט? דער פֿאַקט איז, אַז די פּאַרלאַמענטען פֿון אַלע נאַציאָנען האָבען ביז אַהער יעדעס יאָהר געשאַפֿען נייע מאָנאָפּאָלען פֿאַר אייזענ־באַהן, טראַמוויי, גאַז, וואַסער און טראַנספּאָרט קאָמפּאַניס, פֿאַר שולען, פֿערשיעדענע אינסטיטוציאָנען א.ז.וו. אָט דער בעריהמטער „אָנטרייב" דורך דעם שטאַאַט איז און איז שטענדיג געווען דער ערשטער פֿונדאַמענט פֿון אַלע גרויסע קאַפּיטאַליסטישע פֿערמעגענס.

אין קורצע ווערטער, דער סיסטעם, וועלכער פֿערקערפּערט מיט זיך די ניט אַריינמישונג פֿון דעם שטאַאַט אין אינדוסטריעלע און קאָמער־ציעלע פֿראַגען, האָט ביז איצט אין ערגעץ ניט עקזיסטירט. איבעראַל איז דער שטאַאַט געווען און איז נאָך היינט דער הויפּט־פֿונדאַמענט, דער דירעקטער און אונדירעקטער בעשעפֿער פֿון'ם קאַפּיטאַליזם און פֿון זיין מאַכט איבער די מאַסען. זייט די שטאַאַטען האָבען זיך ענטוויקעלט, האָ־בען די מאַסען אין ערגעץ ניט געהאַט די פֿרייהייט צו בעקעמפֿען די אונטערדריקונג דורך די קאַפּיטאַליסטען. די וועניגע רעכטע, וועלכע די אַרבייטער בעזיצען היינט צו טאָג, האָבען זיי בלויז געוואונען דורך זייער ענטשלאָסענהייט און דורך שטענדיגע אָפּפֿערס.

צו ריידען וועגען דער „ניט אַריינמישונג פֿון'ם שטאַאַט" אין אינדוס־טריעלע אַנגעלעגענהייטען מעג זיך אפשר פּאַסען פֿאַר בורזשואַזע עקאָנאָ־מיסטען, וועלכע ווילען איינריידען די אַרבייטער, אַז זייער עלענד איז אַ „נאַטור־געזעץ". אָבער ווי אַזוי איז גאָר מעגליך, אַז סאָציאַליסטען זאָלען זיך בענוצען מיט אַזעלכע אַרגומענטען? דער שטאַאַט פֿלעגט זיך שטענ־דיג אַריינמישען אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פֿון די פֿעלקער צו גונס־טען דעם קאַפּיטאַליסטישען עקספּלאָאַטאַר. ער האָט איהם שטענדיג

געגעבען זיין פּראָטעקציאָן און איהם געהאָלפען אָנקלייבען אַלץ גרעסערע רייכטהימער. און עס האָט גאָר ניט געקענט זיין אַנדערש: ווייל דאָס איז דאָך געווען איינע פון זיינע פונקציאָנען, די וויכטיגסטע אויפגאבע פון'ם שטאַאַט.

דער שטאַאַט איז ספּעציעל געשאַפען געוואָרען פאַר דעם צוועק צו צווינגען די בויערן אויף דעם לאַנד און די האַנדווערקער אין די שטעדט, זיי זאָלען מוזען אָנערקענען די געזעצע פון די גרונד בעזיצער, פון די אינדוסטריעלע אונטערנעהמער, פון דער מיליטערישער קלאַס און פון די פריעסטער.

* * *

מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, אַז דער סאָציאַליזם — וואָס פאַר אַ פאָרם ער זאָל ניט אָננעהמען אין זיין ענטוויקלונגס-פּראָצעס צום קאָמוניזם — דאַרף זיך אויסגעפינען זיין אייגענע פאָרם פון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציאָן. די לייבאייגענשאַפט און די אַבסאָלוטע מאָנאַרכיע זיינען שטענדיג געגאַנגען האַנד אין האַנד. די עקזיסטענץ פון דער איינער איז געווען נויטווענדיג, כדי די צווייטע זאָל קענען עקזיסטירען. דאָסזעלבע איז דער פאַל מיט דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם. די פּאָליטישע פאָרם פון'ם קאַפּיטאַליזם איז דאָס פערטרעטונגס-סיסטעם, די פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג אָדער אין דער פאָרם פון אַ רעפּובליק, אָדער אין דער פאָרם פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע. דאָס איז די אורזאַכע, פאַר וואָס דער סאָציאַליזם קען זיך ניט בענוצען מיט דער רעפּרעזענטאַטיווער רעגירונג אַלס אַ וואַפע צו בעפרייען די אַרבייט; פּונקט ווי ער קען זיך ניט בענוצען מיט דער קירכע און מיט איהר טהעאָריע פון'ם געטליכען רעכט, אָדער מיט דעם אימפּעריאַליזם און צעזאַריזם מיט זייער טהעאָריע פון אַ בעאַמטען-היעראַרכיע פאַר דעם זעלביגען צוועק.

עס איז נויטווענדיג אויסצואַרבייטען אַ נייע פאָרם פון אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציאָן אין דעם מאָמענט, ווען די סאָציאַליסטישע פּרינציפּען וועלען געפינען זייער פּלאַץ אין אונזער לעבען. און עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז די דאָזיגע נייע פאָרם וועט מוזען זיין אַ מעהר פּאָפּולערע, אַ מעהר דעצענטראַליזירטע פאָרם, נעהנטער צו דער פאָלקס-פערזאַמלונג פון דער זעלבסט-רעגירונג, ווי אַ פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג קען, ווען עס איז, זיין.

דאָס זיינען אַלזאָ די שטרעבונגען, וועלכע ענטוויקלען זיך אין די פאָרשטעלונגען פון די מענשען, ווי באַלד זיי בעפרייען זיך פון דעם פאָראורטהייל פון דער אויטאָריטעט. ווען מיר קוקען זיך צו מיט

אויפֿמערקזאַמקייט צו דעם לעבען אין ענגלאַנד, פֿראַנקרייך און די פֿעראייניגטע שטאַאַטען, ווערען מיר געוויס בעמערקען אַ בעשטימטע שטרעבונג פֿאַר דער גרינדונג פֿון אונאַבהייניגע קאָמונעס, מוניציפּאַלע און דאָרפֿישע פֿערוואַלטונגס-קערפּערשאַפֿטען, פֿעראייניגונגען, געזעלשאַפֿטען, פֿעדעראַציאָנען א.ז.וו., וועלכע זיינען פֿערבונדען איינע מיט די אַנדערע דורך אַ פֿרייען אָבמאַך און אונאַבהייניג פֿון יעדער שטאַאַטליכער פֿערמיטלונג. פֿערשטעהט זיך, עס איז ניט דער דייטשער קייזער, אָדער די ענגלישע אימפּעריאַליסטען אָדער אפילו די יאַקאָבינער־ראַדיקאַלען פֿון דער שווייץ, וועלכע שטרעבען צו אַזעלכע ציעלען. די אויגען פֿון דיזע מענשען זיינען בלויז געריכטעט אויף דער פֿערגאַנגענהייט. אָבער עס איז פֿאַרהאַן אַ פּראָגרעסיווע ריכטונג אין דער געזעלשאַפֿט, הויפּטזעכליך צווישען די אַרבייטער אין איירָאָפּאַ און אַמעריקאַ, וועלכע גיט זיך די גרעסטע מיה, ווי אויסצוגעפֿינען נייע וועגען פֿאַר דעם אַלטעגליכען לעבען און פֿאַר דער מענשליכער אַרבייט, אונאָבהייניג און אויסערהאַלב פֿון׳ם שטאַאַט.

וויסענדיג דאָס אַלעס, איז פֿאַר אונז אונמעגליך, מיר זאָלען זעהן אין דער שטענדיג וואַקסענדער אונטערוואַרפֿונג אונטער דעם שטאַאַט אַן עלעמענט פֿון פּראָגרעס. פֿערקעהרט, מיר פֿערטרעטען אַ פֿאָרטגעשריטענע בעוועגונג פֿון דער געזעלשאַפֿט אין דער ריכטונג צו דער פֿאָלשטענדיגער אָבשאַפֿונג פֿון יעדער רעגירונגס-אויטאָריטעט און צו דער ענטוויקלונג פֿון פֿרייע אָבמאַכען אויף אַלע געביעטען, וועלכע האָבען פֿריהער בעלאַנגט צום שטאַאַט און צו דער קירכע. און דעריבער פֿערטרעטען מיר די ענטוויקלונג פֿון דער פֿרייער איניציאַטיווע ביי יעדען אינדיווידואום און אין יעדער גרופּע. אָט דאָס זיינען די שטרעבונגען, וועלכע בעשטימען די טאַקטיק פֿון די אַנאַרכיסטען אין דעם אינדיווידועלען לעבען און אין דעם לעבען פֿון אונזערע אָרגאַניזאַציאָנען.

* * *

זייענדיג אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, שטודירען מיר הויפּטזעכליך אין דער געשיכטע דעם אורשפּרונג און די ענטוויקלונג פֿון די פֿריהערדיגע רעוואָלוציאָנען. מיר זוכען צו בעפֿרייען די געשיכטע פֿון אַלע פֿאַלשע ערקלערונגען און פֿערטייטשונגען, וועלכע די היסטאָריקער פֿון׳ם שטאַאַט האָבען איהר ביז אַהער געגעבען. אין די היסטאָרישע בעשרייבונגען, וועלכע מען האָט אונז ביז איצט געגעבען וועגען די פֿעָ־שיעדענע רעוואָלוציאָנען, קען מען איבערהויפּט ניט אַרויסזעהן דאָס פֿאָלק; מיר

לערנען קיין זאַך ניט וועגען דער ענטשטעהונג פון דער רעוואָלוציאָן. אונזער אויפגאַבע איז צוריק אויסצוגעפינען די ווירקליכע ראָלע פון'ם פאָלק, דאָס וואָס עס איז געוואונען געוואָרען דורך אַ רעוואָלוציאָן, די אידעען, וועלכע האָבען אינספּירירט די מאַסען און די טאַקטישע פעהלער, וואָס זיינען בעגאַנגען געוואָרען.

שטודירענדיג די ענטשטעהונגס-געשיכטע פון אַ רעוואָלוציאָן, שטעלען מיר זיך נאָך ניט צופרידען, ווען מען דערצעהלט אונז, אונטער וואָס פאַר שרעקליכע אומשטענדען די מאַסען האָבען געלעבט בעפאָר דער רעוואָלוציאָן. עס ווילט זיך אונז וויסען, ווי אַזוי דאָס פאָלק האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיין צושטאַנד פון גלייכגילטיגקייט און פערצווייפלונג און האָט זיך גענומען צו רעוואָלוציאָנערע טהעטיגקייט? ווי אַזוי האָבען זיך די מאַסען אויפגעכאַפּט? און וואָס האָבען זיי געטהאָן, נאָך דעם ווי זיי האָבען ערוואַכט?

מיר פערשטעהען צ.ב.ש. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן גאַנץ אַנדערש ווי אַ לואי בלאַן, וועלכער זעהט אין איהר ניט מעהר ווי אַ גרויסע פאָליטישע בעוועגונג אונטער דער דירעקציאָן פון'ם יאַקאָבינער קלוב. פאַר אונז איז עס געווען אַ גרויסע פאָלקס-בעוועגונג, וואָס האָט זיך הויפּטזעכליך מאַניפעסטירט אין די דערפער, ביי די בויערן, אום אָוועקצומאַכען מיט דער פעאָדאַלער לייבאייגענשאַפט און צוריק צוצונעהמען די ערד, וועלכע מען האָט אָוועקגערויבט פון די דאָרף-קאָמונעס מיט דער הילפע פון די גרונד-געזעצע פון 1669, — און ביי די פּראָלעטאַריער אין די שטעדט, וועלכע האָבען זיך געוואָלט בעפרייען פון זייער עלענד דורך אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציאָן פאַר דעם אויסטויש פון די פּראָדוקטען און דורך דער סאָציאַליזירונג פון דער פּראָדוקציאָן*).

מיר שטודירען די קאָמוניסטישע שטרעבונגען פון דער בעוועגונג, וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט צווישען דעם אָרעמסטען טהייל פון דער בעפעלקערונג אין 1793-94 אין די וואונדערבאַרע פאָרמען פון אָט דער פרייוויליגער פאָלקס-אָרגאַניזאַציאָן פאַר די פערשידענסטע עקאָנאָמישע און פאָליטישע פונקציאָנען, וועלכע די מאַסען האָבען אויסגעאַרבייט אין די „סעקציאָנען" פון די גרויסע שטעדט און אין מאַנכע קליינע מוניציפּאַל-פערוואַלטונגען. און פון דער אַנדערער זייט שטודירען מיר אויפמערקזאַם, ווי אַזוי די מאַכט פון דער בורזשואַזיע האָט זיך ענטוויקעלט פון טאָג צו טאָג, און ווי זי האָט פערזוכט, מיט ענערגיע און אינטעליגענץ, צו

---

*) זעה פּ. קראָפּאָטקין — די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן.

עטאַבלירען איהר אייגענע אויטאָריטעט אויף דעם פּלאַץ פֿון דער צו־בראָכענער אייטאָריטעט פֿון׳ם קעניג און זיין קאַמאַרילאַ. צו אָט דעם צוועק האָט די בורזשואַזיע געקעמפּפט מיט אַלע מיטלען, אום אויפצו־בויען אַ מעכטיגען צענטראַליזירטען שטאַאַט, וועלכער זאָל בעשיצען דאָס אייגענטהום, וואָס זי האָט זיך ערוואָרבען וועהרענד אָדער דורך דער רעוואָלוציאָן און איהר געבען די פֿולע מעגליכקייט צו פֿערגרעסערן איהרע רייכטהימער דורך דער שלעכט בעצאָהלטער אַרבייט פֿון די אָרע־מערע קלאַסען. מיר שטודירען די ענטוויקלונג און דעם קאַמפּף צווי־שען אָט די צוויי קרעפֿטע און זוכען אויסצוגעפֿינען די אורזאַכען, וואַ־רום די לעצטע האָט בעקומען די אויבערהאַנד איבער דער ערשטער.

דאַמאָלס וועלען מיר פֿערשטעהן, ווי אַזוי דער צענטראַליזירטער שטאַאַט, וועלכען די יאַקאָבינ־סטישע בורזשואַזיע האָט געשאַפֿען, האָט אויסגעאַרבייט דעם וועג פֿאַר דעם אויטאָקראַטישען קייזעררייך פֿון נאַ־פּאָלעאָן דעם ערשטען. די זעלבע ערשיינונג האָט זיך נאָך אַמאָל ווידער־האָלט מיט פֿופֿציג יאָהר שפּעטער. דער טרוים פֿון די יעניגע, וועלכע האָבען אין 1848 געוואָלט שאַפֿען אַ צענטראַליסטישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק, איז געווען דער נויטווענדיגער פֿונדאַמענט פֿאַר דעם צווייטען קייזעררייך פֿון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען. און מיר קענען פֿערשטעהן, ווי אַזוי אָט די צענטראַליזירטע אויטאָריטעט, וועלכע האָט דערשטיקט אין פֿראַנקרייך זיעבעציג יאָהר נאָכאַנאַנד יעדען לאָקאַלען פֿערזוך און יעדע פּערזענליכע איניציאַטיווע אויסערהאַלב דער היערארכיע פֿון׳ם שטאַאַט, בעהערשט נאָך היינט דאָס לאַנד. דער ערשטער פֿערזוך צו ברעכען דעם יאָך פֿון׳ם שטאַאַט — אַ פֿערזוך, וועלכער האָט אויפגעעפֿענט אַ נייע ערא אין דער געשיכטע — איז ערשט געמאַכט געוואָרען אין 1871 דורך דעם קאָמונאַליסטישען אויפשטאַנד פֿון דעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט.

עס איז לייכט צו זעהן, דאָס אויך אויף דיזען געביעט זיינען אונ־זערע אַנשויאונגען וועגען דער געשיכטע און די שליסע, צו וועלכע מיר קומען, גאַנץ פֿערשיעדען פֿון די אַנשויאונגען און די היסטאָרישע שליסע פֿון די בורזשואַזע, ווי אויך פֿון די סאָציאַליסטישע פּאָליטישע פּאַרטייען.

* * *

מיר ווילען דאָ איצט ניט מאַכען קיין אַנאַליזירונג פֿון די פֿערשיע־דענע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונגען אין דער פֿערגאַנגענהייט; עס איז גענוג צו ערקלערען, דאָס אונזער אויפפֿאַסונג וועגען דער קומענדער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן איז זעהר פֿערשיעדען פֿון אַ יאַקאָבינ־סטי־שער דיקטאַטור, אָדער פֿון אַ פֿערענדערונג פֿון די געזעלשאַפֿטליכע

אינסטיטוציאָנען מיט דער הילפֿע פֿון אַ קאָנוועגט, אַ פּאַרלאַמענט אָדער אַ דיקטאַטאָר. רעוואָלוציאָנען זיינען קיינמאָל ניט געמאַכט געוואָרען אויף אַזאַ שטייגער; און אויב די היינטיגע אַרבייטער-בעוועגונג וועט זיך ענט-וויקלען אין דער דאָזיגער ריכטונג, וועט זי פֿערדאַמט זיין אונטערצו-געהן, ניט האָבענדיג קיין שום דויערהאַפֿטען רעזולטאַט.

פונקט פֿערקעהרט, מיר גלויבען, דאָס אויב אַ רעוואָלוציאָן פֿאַנגט זיך אָן, דאַרף זי אָננעהמען די פֿאָרם פֿון אַ וויט פֿערשפּרייטער פֿאָלקס-בעוועגונג, אַזאַ בעוועגונג, וועלכע אינספּירירט די מאַסען, אונטער דעם איינפֿלוס פֿון דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט אין יעדען דאָרף, אין יעדער שטאָדט, אַליין צו רעאָרגאַניזירען די געזעלשאַפֿט אויף אַ נייעם באַזיס. דאָס פֿאָלק — די בויערן און פֿעלד-אַרבייטער און דאָס פּראָלעטאַריאַט פֿון די שטעדט — מוז זיך אַליין נעהמען צו דער קאָנסטרוקטיווער אַר-בייט אויף דעם באַזיס פֿון מעהר אָדער ווייניגער קאָמוניסטישע פּרינצי-פּען, ניט וואַרטענדיג, ביז וואַנען מען וועט אויסאַרבייטען בעשטימטע פּלענער און בעפֿעהלען פֿון אויבען. באַלד פֿון אָנפֿאַנג אָן דאַרף די בע-וועגונג זעהן צו פֿער־זאָרגען יעדען איינציגען מיט וואוינונג און נאַהרונג און נאָכדעם אָרגאַניזירען די פּראָדוקציאָן פֿאַר אַלעס, וואָס עס איז נויט-ווענדיג צו שאַפֿען נאַהרונג, וואוינונג און קליידונג פֿאַר אַלעמען.

עס איז זעהר וואַהרשיינליך, אַז די רעוואָלוציאָנערען וועלען צוערשט ניט פֿאָרשטעלען מיט זיך די מעהרהייט פֿון דער נאַציאָן. אָבער אויב זיי זיינען גענוג שטאַרק אין צאָהל אין אַלע שטעדט און דערפֿער איבער דאָס גאַנצע לאַנד, און אויב זיי וועלען אָנהייבען צו לעבען אויף זייער אייגענעם נייעם סאָציאַליסטישען שטייגער, וועלען זיי זיין אימשטאַנד או סצוקעמפּפֿען פֿאַר זיך דאָס רעכט צו געהן זייער אייגענעם וועג. און עס איז זעהר וואַהרשיינליך, אַז זיי וועלען האָבען אַ גרויסען איינפֿלוס אויף דאָס לאַנד און וועלען שלעפּען מיט זיך אַ גרויסען טהייל פֿון דער בעפֿעלקערונג, ווי עס איז געווען דער פֿאַל אין פֿראַנקרייך אין 1793-94.

וואָס אָנבעלאַנגט די רעגירונג, צי זי האָט זיך פֿאָרמירט דורך גע-וואַלד גופא, צי מען האָט איהר אויסגעוועהלט; צי זי שטעלט פֿאָר מיט זיך די „דיקטאַטור פֿון'ם פּראָלעטאַריאַט", ווי מען פֿלעגט זאָגען אין פֿראַנקרייך אין די 40-גער יאָהרען און ווי מען זאָגט נאָך היינט אין דייטשלאַנד, צי עס וועט זיין אַ „פּראָוויזאָרישע רעגירונג" אָדער אַ „קאָנ-וועגט" — האָבען מיר ניט קיין שום צוטרוי צו איהר. מיר ווייסען שוין אין פֿאָראוים, אַז זי וועט זיין אונפֿעהיג דורכצופֿיהרען די רעוואָלוציאָן, אַזוי לאַנג ווי דאָס פֿאָלק גופא וועט ניט אויספֿיהרען דעם איבערבייט

און שוין אויסאַרבייטען אויף'ן פּלאַץ די נויטווענדיגע נייע אינסטיטוציאָנען.

מיר זאָגען דאָס ניט דערפֿאַר, ווייל מיר האָבען אַ פּערזענליכע אַנטיפּאַטהיע געגען רעגירונגען, נאָר דערפֿאַר ווייל די גאַנצע געשיכטע האָט אונז בעוויזען, אַז מענשען, וועלכע די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע האָט אַוועקגעזעצט אויף די פּלעצער פֿון אַ רעגירענדער קערפּערשאַפֿט, זיינען קיינמאָל ניט געווען אימשטאַנד דאָס אויסצופֿיהרען, וואָס מען האָט פֿון זיי ערוואַרטעט. און דאָס איז אונפֿערמיידליך; ווייל אַן אָבגעזונדערטע קערפּערשאַפֿט פֿון איינצעלנע מענשען, ווי אינטעליגענט און איבערגעגעבען זיי זאָלען ניט זיין, מוז האָבען אַ דורכפֿאַל, ווען עס האַנדעלט זיך צו רעאָרגאַניזירען די געזעלשאַפֿט אויף אַ גאַנץ נייעם פֿונדאַמענט. אַזאַ אויפֿגאַבע קען נור אויסגעפֿיהרט ווערען דורך דעם קאָלעקטיווען גייסט פֿון די מאַסען. איינצעלנע מענשען, וועלכע זיינען אָבגעטהיילט פֿון'ם פֿאָלק, קענען מאַנכעס מאָל געפֿינען דעם לעגאַלען אויסדרוק פֿאַר דער צושטערונג פֿון אַלטע געזעלשאַפֿטליכע פֿאָרמען, ווען די צושטערונג פֿון דאָס אַלטע איז שוין אין פֿולען שוואונג. דאָס מייסטע, וואָס זיי קענען אפשר טהאָן, איז צו פֿערברייטערן דעם פֿעלד פֿון דער צושטערונגס־אַרבייט, איבערטראָגענדיג די אַרבייט, וואָס עס איז שוין געטהאָן געוואָרען אין איין טהייל פֿון לאַנד, אויף אַ ברייטערען טהייל פֿון דעם טעריטאָריום. אָבער דורכצופֿיהרען די געזעלשאַפֿטליכע רעקאָנסטרוקציאָן דורך געזעצע, איז אַבסאָלוט אונמעגליך; דאָס בעווייזט אונז — צווישען פֿיעלע אַנדערע ביישפּיעלען — די גאַנצע געשיכטע פֿון דער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציאָן. פֿיעלע טויזענדער געזעצע, וועלכע דער רעוואָלוציאָנערער קאָנווענט האָט אָנגענומען, זיינען אפילו נאָך ניט דורכגעפֿיהרט געוואָרען, ווען די רעאַקציאָן האָט זיך אויפֿגעהויבען און האָט די אַלע געזעצע אַריינגעוואָרפֿען אין פּאַפּיר־קאָרב.

ווערענד אַ רעוואָלוציאָן וועלען שטענדיג אַרויסוואַקסען נייע פֿאָרמען פֿון'ם לעבען פֿון די חורבות פֿון די אַלטע פֿאָרמען; אָבער קיין שום רעגירונג וועט, ווען עס איז, זיין אימשטאַנד צו געפֿינען אַן אויסדרוק פֿאַר זיי, אַזוי לאַנג ווי די דאָזיגע פֿאָרמען האָבען ניט בעקומען אַ בעשטימטען כאַראַקטער ווערענד דער אַרבייט פֿון דער רעקאָנסטרוקציאָן גופא, וועלכע מוז זיך מאַניפֿעסטירען אין טויזענדער פֿערשידענע פּלעצער אין דערזעלבער צייט. ווער האָט פֿאָרויסגעזעהן — ווער, אין דער אמת'ן, האָט גאָר געקענט פֿאָרויסזעהן — בעפֿאָר 1789, וואָס פֿאַר אַ ראָלע די מוניציפּאַל-פֿערוואַלטונגען און די קאָמונע פֿון פּאַריז וועלען שפּיעלען אין די רעוואָלוציאָנערע

עראייגניסען פֿון 1793-1789? עס איז איינפֿאַך אונמעגליך צו מאַכען געזעצע פֿאַר דער צוקונפֿט. מיר קענען בלויז פֿאָרויסזעהן ביז צו אַ געוויסען גראַד די פֿונדאַמענטאַלע שטרעבונגען פֿון אַ בעד־וועגונג און אויסאַרבייטען דעם וועג פֿאַר איהר.

* * *

עס פֿערשטעהט זיך, אַז אויפֿפאַסענדיג דעם פּראָבלעם פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן אויף אַזאַ אופן, קען זיך דער אַנאַרכיזם ניט לאָזען פֿערפֿיהרען דורך אַ פּראָגראַם, וואָס האט פֿאַר אַ ציעל: „די עראָבערונג פֿון דער פּאָליטישער מאַכט, וועלכע געפֿינט זיך היינט אין די הענד פֿון'ם שטאַאַט".

מיר ווייסען, אַז די דאָזיגע עראָבערונג פֿון דער פּאָליטישער מאַכט קען ניט אויסגעפֿיהרט ווערען דורך פֿרידליכע מיטלען. די בורזשואַזיע וועט זיך, אָהן אַ קאַמפּף, ניט ענטזאַגען פֿון איהר מאַכט; זי וועט זיך פֿערטהיידיגען. און וואָס מעהר די סאָציאַליסטען וועלען ווערען אַ טהייל פֿון דער רעגירונג און זיך טהיילען מיט דער מאַכט פֿון דער בורזשואַזיע, אַלץ וואַסערדיגער און בלאַסער וועט ווערן זייער סאָציאַליזם. און דאָס איז טהאַטזעכליך איצט דער פֿאַל אויב עס וואָלט געוועזן אַנדערש, וואָלט די בורזשואַזיע, וועלכע איז פֿיעל שטאַרקער אין צאָהל און אינטע־ליגענץ, ווי די מייסטע סאָציאַליסטען שטעלען זיך פֿאָר, קיינמאָל ניט געטהיילט איהר מאַכט מיט די סאָציאַליסטען.

און פֿון דער אַנדערער זייט ווייסען מיר אויך, דאָס אויב אַן ער פֿאָלגרייכער אויפֿשטאַנד וואָלט פֿראַנקרייך, ענגלאַנד אָדער דייטשלאַנד געגעבען אַ פּראָוויזאָרישע סאָציאַליסטישע רעגירונג, וואָלט אַזאַ רעגירונג געוועזן אַבסאָלוט אונמעכטיג, אָהן דער ספּאָנטאַנער קאָנסטרוקטיווער טהעטיגקייט פֿון די מאַסען, און זי וואָלט אין גיכען געוואָרען אַ הינדערניס, אַן אָבהאַלט פֿאַר דער רעוואָלוציאָן.

* * *

שטודירענדיג די פֿאָרבערייטונגס־פּעריאָדען פֿון רעוואָלוציאָנען, זיינען מיר געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ניט די ווידערשטאַנדס־קראַפֿט אָדער די אַטאַקען פֿון אַ פּאַרלאַמענט אָדער פֿון וואָס פֿאַר עס איז ניט פֿערטרעטונגס־קערפּערשאַפֿט שטעלען פֿאָר מיט זיך דעם אייגענטליכען אורשפּרונג פֿון אַ רעוואָלוציאָן. אַלע רעוואָלוציאָנען האָבען זיך אָנגעהויבען ביים פֿאָלק. קיין רעוואָלוציאָן איז ניט אַרויס־געוואַקסען פֿיקס און פֿאַרטיג, בעוואָפֿענט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, אַזוי ווי מינערוואַ איז אַרויסגעוואַקסען פֿון דעם מוח פֿון יופּיטער. אַלע

רעוואָלוציאָנען האָבען, אויסער דעם פּראָצעס פֿון זייער ענטשטעהונג, געהאַט זייער פּעריאָדע פֿון ענטוויקלונג, ווען די מאַסען, נאָכדעם ווי זיי האָבען צוערשט פֿאָרמולירט זעהר בעשיידענע פֿאָדערונגען, האָבען ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו פֿערשטעהן די נויטווענדיגקייט פֿון טיעפֿערע און ראַדיקאַלערע אומוועלצונגען. זיי זיינען געוואָרען אַלץ מוטהיגער און ענטשלאָסענער; די פּראָבלעמען פֿון דעם מאָמענט צווינגען זיי מעהר צו ריזיקירען; זיי בעקומען מעהר צוטרוי צו זיך אַליין, און ווי באַלד זיי האָבען אַראָבגעוואָרפֿען פֿון זיך זייער לעטאַרגישע פֿערצווייפֿלונג, ענטוויקלען זיי זייער פּראָגראַם טיעפֿער און ברייטער. די „מורא'דיגע ביטעס", וועלכע זיי האָבען אַרויסגעשטעלט אין דער ערשטער צייט, פֿערוואַנדלען זיך ביסלעכווייז אין אמת'ע רעוואָלוציאָנערע פֿאָדערונגען.

פֿראַנקרייך האָט געברויכט פֿיער יאָהר צייט, פֿון 1789 ביז 1793, אום צו שאַפֿען אַ רעפּובליקאַנישע מינדערהייט, וועלכע איז געווען גענוג שטאַרק זיך איינצושטעלען פֿאַר איהרע פֿאָדערונגען.

וואָס אָנבעלאַנגט דעם ענטשטעהונגס־פּראָצעס פֿון אַ רעוואָלוציאָן, בעגרייפֿען מיר איהם אויף אַזאַ שטייגער: איינצעלנע אינדיווידוען, וועלכע פֿיהלען אין זיך אַ טיעפֿע אונצופֿריעדענהייט צו די אומשטענדען, וואָס רינגלען זיי אַרום, רעוואָלטירען צוערשט איינציגווייז. פֿיעלע פֿון זיי געהען צו גרונד, און מען זעהט ניט קיין שום רעזולטאַט פֿון זייער אַרבייט; אָבער די גלייכגילטיגקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט האָט בעקומען אַ שטויס. אפילו די, וואָס זיינען געווען העכסט צופֿריעדען מיט די בעשטעהענדע בעדינגונגען און די אונוויסענסטע עלעמענטען זיינען אויפֿגעטרייסעלט געוואָרען דורך דיזע איינצעלנע רעבעלישע אַקטען און פֿרעגען זיך אַליין: „פֿאַר וואָס פֿאַר אַ צוועק זיינען דיזע מענשען געשטאָרבען; עהרליכע מענשען, פֿול מיט ענערגיע, הויבען אָן צו רעוואָלטירען און זיינען פֿאַרטיג אַוועקצוגעבען זייערע לעבענס?" מיט דער צייט ווערט שוין אונמעגליך צו בלייבען גלייכגילטיג; די מענשען זיינען געצוואונגען צו ערקלערען זיך פֿאַר אָדער געגען די ציעלען, צו וועלכע אָט די איינצעלנע אינדיווידוען האָבען געשטרעבט.

ביסלעכווייז ווערען קליינע גרופּען מענשען אָנגעשטעקט מיט דעמזעלבען גייסט פֿון רעוואָלט. זיי פֿאַנגען אויך אָן צו רעוואָלטירען, אָפֿטמאָל מיט דער האָפֿנונג אויף אַ טהיילווייזען ערפֿאָלג; צ.ב.ש. צו געווינען אַ סטרייק, צו בעקומען ברויט פֿאַר זייערע קינדער אָדער צו ווערען פּטור פֿון איינינע פֿערהאַסטע בעאַמטע. זעהר אָפֿט אָבער רעוואָלטירען זיי אויך אָהן אַ שום האָפֿנונג אויף אַן ערפֿאָלג, איינפֿאַך דערפֿאַר, וואָס

עס איז זיי שוין אוממעגליך איינצווייצען רוהיג, ניט איין אָדער צוויי אַזעלכע רעוואָלטען, נאָר הונדערטער קליינע אויפשטענדע זיינען געווען די איינלייטונג צו די רעוואָלוציאָנען אין ענגלאַנד און פראַנקרייך. און אויך דאָס איז געווען אונפערמיידליך. אָהן אַזעלכע רעוואָלטען אין אויפשטענדע וואָלטען מיר קיינמאָל ניט געהאַט קיין רעוואָלוציאָן. אָהן די דראָהונג, וועלכע ליגט בעהאַלטען אין אַזעלכע רעוואָלטען, וואָלט דאָס פאָלק קיינמאָל ניט אימשטאַנד געווען אַרויסצורייסען ערנסטע פערבעסערונגען פון די רעגירענדע קלאַסען. אָהן אַזעלכע אויפשטענדע וואָלטען די מענשליכע מוחות זיך קיינמאָל ניט בעפרייט פון זייערע טיעף איינגעוואָרצעלטע פאָראורטהיילען און געפאַסט נייעם מוטה, אום צו ענטוויקלען נייע האָפנונגען. און האָפנונג — די האָפנונג אויף אַ פערבעסערונג — איז שטענדיג געווען די אַנטרייבענדע קראַפט פון אַלע רעוואָלוציאָנען.

מען האָט זיך אָפט בענוצט מיט דער „פריעדליכער" אָבשאַפונג פון דער לייבאייגענשאַפט אין רוסלאַנד, אום צו בעווייזען, אַז עס איז מעגליך אויסצופיהרען אַ גרויסען סאָציאַלען איבערבייט, אָהן אַ רעוואָלוציאָן. אָבער מען האָט פערגעסען אָדער מען מאַכט זיך פערגעסען, אַז אַ לאַנגע סעריע פון בויערן-רעוואָלטען האָבען פריהער שטאַטגעפונען און געפיהרט צו דער אָבשאַפונג פון דער לייבאייגענשאַפט. די דאָזיגע רעוואָלטען האָבען זיך שוין אָנגעפאַנגען אין די פופציגער יאָהרען פון דעם פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט, וואַהרשיינליך אַלס אַן אָבקלאַנג פון 1848 אָדער פון די אויפשטענדע פון גאַליציען אין 1846. זיי זיינען וואָס ווייטער אַלץ ערנסטער געוואָרען און האָבען ביסלעכווייז אָנגענומען אַזאַ כאַראַקטער ווי קיינמאָל בעפאָר. דאָס איז אָנגעגאַנגען ביז 1857, ווען אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט פערשפראָכען צו בעפרייען די לייבאייגענע אין זיין בריעף צו די אַדעל-מענער פון דער ליטוי. די ווערטער פון אַלעקסאַנדער הערצען: „עס איז בעסער צו געבען די פרייהייט פון אויבען, איידער זי זאָל קומען פון אונטען", וועלכע אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט ווידערהאָלט, ריידענדיג צו די מאָסקאָווער אַדעל-מענער אין 1856, זיינען ניט בלויז געווען אַ פוסטע דראָהונג; זיי האָבען בלויז אויסגעדריקט דעם אמת'ן צושטאַנד פון יענער צייט. עס איז געווען די מורא פאַר אַן אַלגעמיינעם בויערן-אויפשטאַנד, פיל־לייכט נאָך שרעקליכער ווי דער אויפשטאַנד פון פוגאַטשאָוו אין 1773, וועלכע האָט די רוסישע פעאָדאַליסטען געצוואונגען איינצוגעבען

דאָסזעלבע האָט פּאַסירט יעדעס מאָל, ווען מען האָט דערפיהלט די נאָהענטקייט פֿון אַ רעוואָלוציאָן, און מען קען רוהיג אָננעהמען אַלס אַן אַלגעמיינע רעגעל, אַז דער כאַראַקטער פֿון יעדער רעוואָלוציאָן איז בעשטימט געוואָרען דורך דעם כאַראַקטער און צוועק פֿון די פֿריהערדיגע רעוואָלטען, וועלכע האָבען איהר פֿאָרבערייטעט.

צו ערוואַרטען, אַ ס אָ צ י אַ ל ע רעוואָלוציאָן זאָל קומען פֿון זיך אַליין אָהן פֿריהערדיגע רעוואָלוציאָנערע אַקטען, רעוואָלטען און אויפֿשטענדע, איז אַ קינדערשע האָפֿנונג. דאָס וואָלט געהייסען פֿערמאַכען די אויגען צו אַלעס, וואָס עס טהוט זיך אַרום אונז אין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ און צו איגנאָרירען די הונדערטער סטרייקס און קליינע רעוואָלטען, וועלכע מאַניפֿעסטירען זיך איבעראַל און וועלכע בעקומען וואָס ווייטער אַ טיעפֿערען און ברייטערען כאַראַקטער.

---

## XV.

## שלום-בעטראַכטונגען.

דאָס, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען אין די פֿריהערדיגע קאַפּיטלען, איז, דוכט זיך אונז, גענוג צו מאַכען זיך אַן אַלגעמיינע אידעע וועגען דעם אַנאַרכיזם, צו צייגען, וואָס פֿאַר אַ פּלאַץ ער פֿערנעהמט אין דער מאָדערנער געדאַנקען-וועלט און פֿעסטצושטעלען זיינע בעציהונגען צו דער מאָדערנער וויסענשאַפֿט.

דער אַנאַרכיזם שטעלט פֿאַר מיט זיך אַ פֿערזוך אָנצוואווענדען די פֿעראַלגעמיינערונגען, וועלכע מיר האָבען געוואונען מיט דער הילפֿע פֿון דער אינדוקטיוו-דעדוקטיווער מעטהאָדע אין די נאַטור-וויסענשאַפֿטען, אויף אַלע אינסטיטוציאָנען פֿון דער מענשליכער געזעלשאַפֿט. גרינדענדיג זיך אויף דעם באַזיס פֿון דער דאָזיגער אויפֿפֿאַסונג, איז ער אין דערזעלבער צייט אַ פֿערזוך אויסצוגעפֿינען אין פֿאָראויס דעם וואַהרשיינליכען ענטוויקלונגס-פּראָצעס פֿון דער מענשהייט אויף איהר וועג צו פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, אָנגעטריבען דורך דעם פֿערלאַנג צו ערהאַלטען די גרעסטע סומע פֿון גליק און וואָהלזיין, וואָס עס איז נור מעגליך, פֿאַר יעדע איינהייט אין דער מענשליכער געזעלשאַפֿט.

דער אַנאַרכיזם איז דער אונפֿערמיידליכער רעזולטאַט פֿון דער אינ-טעלעקטועלער בעוועגונג אין די נאַטור-וויסענשאַפֿטען, וועלכע האָט זיך אָנגעפֿאַנגען ביי די ענדע פֿון'ם 18טען יאָהרהונדערט. דורך דעם טריאומף פֿון דער רעאַקציאָן אין אייראָפּאַ, נאָך דער נידערלאַגע פֿון דער פֿראַנ-צויזישער רעוואָלוציאָן, איז די דאָזיגע בעוועגונג אָבגעשטעלט געוואָרען אין איהר ענטוויקלונג, אָבער מיט זעכציג יאָהר שפּעטער האָט זי זיך אויפֿגעהויבען פֿון דאָס ניי מיט איהר גאַנצער קראַפֿט. דער אַנאַרכיזם האָט זיינע וואָרצלען אין דער נאַטוראַליסטישער פֿילאָזאָפֿיע פֿון'ם 18טען יאָהרהונדערט. אָבער ער האָט ערשט בעקומען אַ זיכערן און פֿאָלשטענ-דיגען פֿונדאַמענט נאָך דער רענעסאַנס פֿון די וויסענשאַפֿטען, וועלכע האָט זיך מאַניפֿעסטירט אין מיטען פֿון'ם 19טען יאָהרהונדערט און וועלכע האָט אַריינגעגעבען אַ נייעם לעבען אין דעם שטודיום פֿון די מענשליכע אינסטיטוציאָנען און געזעלשאַפֿטען אויף אַ נאַטור-וויסענשאַפֿטליכען באַזיס.

די זאָגענאַנטע „וויסענשאַפֿטליכע געזעצע", וועלכע האָבען, ווי עס ווייזט אויס, געקענט צופֿרידענשטעלען די דייטשע מעטאַפֿיזיקער וועהרענד די ערשטע דרייסיג יאָהר פֿון'ם 19טען יאָהרהונדערט, האָבען ניט קיין שום פּלאַץ אין דער אַנאַרכיסטישער געדאַנקען-וועלט. דער אַנאַרכיזם אָנערקענט ניט קיין אַנדער מעטהאָדע פֿון אונטערזוכונג, ווי נור די ווי-סענשאַפֿטליכע מעטהאָדע; און ער בענוצט זיך מיט דער דאָזיגער מע-טהאָדע אין אַלע וויסענשאַפֿטען, וועלכע מען רופֿט געוועהנליך געזעל-שאַפֿטס-וויסענשאַפֿטען.

דאָס איז די וויסענשאַפֿטליכע אויפֿפֿאַסונג פֿון'ם אַנאַרכיזם.

מיט דער הילפֿע פֿון דער וויסענשאַפֿטליכער מעטהאָדע פֿון די עקזאַקטע וויסענשאַפֿטען און בענוצענדיג זיך מיט די לעצטע וויסענ-שאַפֿטליכע אונטערזוכונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אונטער דעם איינפֿלוס פֿון דער דאָזיגער מעטהאָדע, זוכט דער אַנאַרכיזם ניי אויפֿצו-בויען אַלע וויסענשאַפֿטען, וועלכע בעשעפֿטיגען זיך מיט דעם שטודיום פֿון'ם מענשען און צו רעווידירען אַלע עקזיסטירענדע בעגריפֿען מכח רעכט, גערעכטיגקייט א.ז.וו. שטיצענדיג זיך אויף די נייע רעזולטאַטען פֿון דער אַנטראָפּאָלאָגישער פֿאָרשונג און ערגענצענדיג דאָס ווערק פֿון זיינע פֿאָר-גענגער אין 18טען יאָהרהונדערט, קעמפֿט דער אַנאַרכיזם צוזאַמען מיט דעם אינדיווידואום געגען דעם שטאַאַט און צוזאַמען מיט דער געזעלשאַפֿט געגען דער אויטאָריטעט, וועלכע בעהערשט די געזעלשאַפֿט צוליעב גע-וויסע היסטאָרישע בעדינגונגען. בענוצענדיג זיך מיט די פֿאַקטען, וועלכע

די מאָדערנע וויסענשאַפט האָט צונויפגעקליבען, האָט דער אַנאַרכיזם בעוויזען, אַז די אויטאָריטעט פון'ם שטאַאט, וועלכע האַלט אין איין וואַק-סען היינט צו טאָג, איז אין דער ווירקליכקייט ניט מעהר ווי אַ שעדליכע און אוננוציגע איבער-געבליבענע, וועלכע איז פאַר אונז אייראָפּעער ערשט אויפגעבויט געוואָרען אין 15טען און 16טען יאָהרהונדערט; אַן אינסטיטוציאָן, וועלכע איז ספּעציעל געשאַפען געוואָרען צו פערטהיידיגען די אינטערעסען פון'ם לענדלאָרדיזם, קאַפּיטאַליזם און אָפיציאַליזם און וועלכע האָט שוין אין די עלטערע צייטען פעראורזאַכט דעם אונטערגאַנג פון רוים און גריכענלאַנד און פון פיעלע אַנדערע צענטערס פון דער ציוויליזאַציאָן, וואָס האָט אַמאָל געבליהט אין די לענדער פון מזרח-זייט און אין עגיפּטען.

די שטאַאַטס-אויטאָריטעט, וועלכע איז געשאַפען געוואָרען אין פער-לויף פון דער געשיכטע מיט דעם צוועק צו פעראייניגען די אַדעל-מענער, די ריכטער, די מיליטערישע פיהרער און די פּריעסטער פאַר דער גע-מיינשאַפטליכער פערטהיידיגונג פון זייערע קלאַסען-אינטערעסען און וועלכע איז שטענדיג געווען אַ הינדערניס פאַר דעם מענשען אין זיינע פערזוכען צו שאַפען זיך אַ פרייע און זיכערע עקזיסטענץ — דיזעלבע שטאַאַטס-אויטאָריטעט קען בשום אופן ניט זיין קיין וואָפע פאַר דער בעפרייאונג, אַקוראַט ווי דער אימפּעריאַליזם און די קירכע קענען ניט דיענען אַלס אינסטרומענטען פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן.

אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע איז דער אַנאַרכיזם געקומען צו דעם שלוס, אַז די איבלען פון אונזער צייט ווערען ניט פעראורזאַכט דורך דעם, וואָס דער קאַפּיטאַליסט פערכאַפּט פאַר זיך דעם „מעהר-ווערטה" אָדער „ריין-געווין", נאָר דורך דעם פאַקט, וואָס עס איז אי-בערהויפּט דאָ אַ מעגליכקייט פאַר „מעהר-ווערטה" און „ריין-געווין" אין דער געזעלשאַפט. דער קאַפּיטאַליסט קען פערכאַפּען דעם פּראָדוקט פון מענשליכער אַרבייט, דערפאַר וואָס מיליאָנען מענשען האָבען בוכשטעב-ליך ניט פון וואָס צו לעבען, אויב זיי ווילען ניט פערקויפען זייער אַר-בייטס-קראַפט און זייער אינטעליגענץ פאַר אַזאַ פּרייז, וועלכער גיט דעם קאַפּיטאַליסט די מעגליכקייט צו מאַכען דעם „ריין-געווין" און דעם „מעהר-ווערטה".

דאָס איז די אורזאַכע, וואָרום מיר זיינען מיט דער מיינונג, אַז דער ערשטער קאַפּיטעל אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וועלכער דאַרף שטודירט ווערען, איז די קאָנסומציאָן, די פערטהיילונג פון די פּראָדוקטען, ניט די פּראָדוקציאָן. און ווען עס וועט

אויסברעכען אַ רעוואָלוציאָן, איז די ערשטע אויפגאַבע צו אָרגאַניזירען די פערטהיילונג פון די לעבענס-מיטלען און פראָדוקטען אויף אַזאַ אופן, אַז יעדער איינציגער זאָל זיין פערזאָרגט מיט וואוינונג, קליידער און נאַהרונג. אונזערע פאָרגענגער פון 1793 און 1794 האָבען דאָס גוט פערשטאַנען. וואָס אָנבעלאַנגט די פּראָדוקציאָן, וועט זי מוזען אָרגאַניזירט ווערען אויף אַזאַ שטייגער, אַז די ווichטיגסטע בעדערפנישען פון אַלע מיטגלידער אין דער געזעלשאַפט זאָלען צוערשט קענען בעפרידיגט ווערען און וואָס שנעלער. אָט דערפאַר זעהט דער אַנאַרכיזם אין דער קומענדער רעוואָלוציאָן מעהרער, ווי אַן איינפאַכען איבערבייט פון גאָלד אויף „ארבייטס-טשעקס" אָדער ווי די אָבשאַפונג פון די איצטיגע קאַפּיטאַליסטען צו גונסטען דעם שטאַאַט אַלס דער איינציגער קאַפּיטאַליסט. פאַר די אַנאַרכיסטען איז די קומענדע רעוואָלוציאָן דער ערשטער שריט צום פרייען קאָמוניזם, צו אַ געזעלשאַפטליכען צושטאַנד, וואו עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר דעם שטאַאַט.

ויינען די בעטראַכטונגען פון דעם אַנאַרכיזם, די שליסע, וועלכע ער ציהט פון זיינע בעאָבאַכטונגען, ריכטיג? — די וויסענשאַפטליכע קריטיק פון זיינע גרונדלאַגען פון איין זייט און הויפּטזעכליך דאָס פּראַקטישע לעבען פון דער אַנדערער זייט וועלען פערענטפערען די דאָזיגע פראַגע. פאַרהאַן אָבער איין פּונקט, וואו דער אַנאַרכיזם איז, אָהן אַ שום צווייפעל, גערעכט; נעמליך דאָרט, ווען ער בעטראַכט דעם שטודיום פון די געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציאָנען אַלס אַ קאַפּיטעל פון דער נאַטורוויסענשאַפט, ווען ער זאָגט זיך אָב איין פאַר אַלע מאָל פון אַלע מעטאַפיזישע אידעען און ערקלערונגען, און ווען ער בענוצט זיך מיט דערזעלביגער מעטהאָדע, וועלכע איז געווען דער מיטעל אויפצובויען די גאַנצע מאָדערנע וויסענשאַפט און אונזער היינטיגע מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע. און די דאָזיגע מעטהאָדע איז דער בעסטער מיטעל אויסצוגעפינען די טעותים, וועלכע די אַנאַרכיסטען האָבען מעגליכערווייזע געמאַכט. אָבער אויסצופּרובירען די ריכטיגקייט פון זיינע שליסע און אַנשויאונגען איז נור מעגליך דורך די וויסענשאַפטליכע אינדוקטיוו-דעדוקטיווע מעטהאָדע, וועלכע איז דער באַזיס פון יעדער וויסענשאַפט און דורך וועלכע יעדע וויסענשאַפטליכע אויפפאַסונג פון דעם אוניווערזום איז ענטוויקעלט געוואָרען.

* * *

פון די פאָלגענדע אָבהאַנדלונגען איבער דעם אַנאַרכיסטישען קאָמוניזם און איבער דער היסטאָרישער ענטוויקלונג פון'ם שטאַאַט און

זיין איצטיגע פֿאָרם, וועלען די לעזער קענען זעהען, אויף וועלכע אור־זאַכען עס גרינדעט זיך אונזער געגנערשאַפֿט צום שטאַאַט און וועלכע אידעען עס האָבען אונז געמאַכט צו אָנערקענען די מעגליכקייט פֿון אַ געזעלשאַפֿט, וועלכע — אָננעהמענדיג דעם קאָמוניזם אַלס דעם באַזיס פֿון איהר עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציאָן — זאָגט זיך אָב פֿון דער היעראַר־כיש־צענטראַליסטישער אָרגאַניזאַציאָנס־פֿאָרם וואָס רופֿט זיך „שטאַאַט“.*)

*) אויסער די ווערק, וואָס זיינען שוין דערמאָהנט געוואָרען פֿאַר דעם שטו־דיום פֿון דער ענטוויקלונגס־געשיכטע פֿון׳ם אַנאַרכיזם, זעה נאָך די אויסגעצייכענטע “Bibliographie de l’Anarchie” פֿון מ. נעטלאַו, וועלכע איז ערשיענען אַלס אַ באַנד פֿון דער פֿון עליזע רעקלו אין 1897 געגרינדעטער “Bibliotèque des Temps nouveaux” דער לעזער וועט דאָרט געפֿינען אַ גאַנצע ליסט פֿון שריפֿטען און אַ גרינדליכע ביבליאָגראַפֿיע פֿון די פֿערשידענע אַנאַרכיסטישע ווערק און צייטשריפֿטען.

(ענדע פֿון׳ם ערשטען טהייל.)

## צווייטער טהייל.

# קאמוניזם און אנארכיע.

---

I.

### דער אנארכיסטישער קאמוניזם.

אין 1876, אויף דעם קאָנגרעס אין פלאָרענץ, האָבען די מיטגלידער פון דער איטאַליענישער פעדעראַציאָן פון דער „אינטערנאַציאָנאַלע" בע־שלאָסען צו רופען זיך „אַנאַרכיסטישע קאָמוניסטען"; דאָסזעלבע האָט זיך ווידערהאָלט אין 1880 אויף דעם קאָנגרעס פון דער יורא־פעדעראַ־ציאָן אין שאָ־דע־פאָנד. דער דאָזיגער בעשלוס האָט פעראורזאַכט אַ גע־וויסע סענזאַציאָן אין דער סאָציאַליסטישער וועלט. מאַנכע האָבען געזעהן אין דעם בעשלוס אַ שריט פאָרווערטס אין דער אַלגעמיינער ענטוויקלונג; אַנדערע האָבען אין דעם מעהר ניט געזעהן, ווי אַ נאַרישקייט, אַן אונ־געהייערען ווידערשפרוך.

עס איז וואַהר — ווי מיין פריינד דושיימס גיאָם האָט שוין פריהער בעמערקט — אַז דער אויסדרוק „אַנאַרכיסטישער קאָמוניזם" אָדער „אַנטיאויטאָריטערער קאָמוניזם" איז שוין דערמאָהנט געוואָרען אין אַ בריעף פון וואַרלען, וועלכען גיאָם האָט אין 1870 פערעפענטליכט אין דער צייטונג „פראָגרעס" איז לאָקל, ערקלערענדיג דערביי זיין איינשטי־מיגקייט מיט דעם נייעם פרינציפ. עטליכע אַנאַרכיסטען האָבען זאָגאַר שוין געמאַכט פראָפּאַגאַנדאַ פאַר דער דאָזיגער אידעע צו ענדע פון 1869; און אין 1876 איז ערשינען די שריפט "l'Idée sur l'organisation sociale" פון דושיימס גיאָם, וואו ער האָט אָנערקענט די מעגליכקייט פון אַ צו־טהיילונג פון די אַרבייטס־פּראָדוקטען אויף דעם באזיס פון דעם אַנטי־אויטאָריטערען קאָמוניזם. אָבער צוליעב די אורזאַכען, וועלכע ויינען שוין פריהער דערמאָהנט געוואָרען, האָט זיך די אידעע ניט פערשפרייט, ווי

מען האָט ערוואַרטעט; און אונטער דעם איינפֿלוס פֿון דער יאַקאָבינים־טישער אידעע זיינעןביידע, די רעפֿאָרמער און די רעוואָלוציאָנערען פֿער־בליבען מיט דער מיינונג, וועלכע האָט דאַמאָלס בעהערשט אַלעמען, אַז עס גיט ניט קיין אַנדער סאָרט קאָמוניזם, ווי נור דער אויטאָריטעטער קאָמוניזם, אַזוי ווי קאַבע האָט איהם פֿאָרגעשטעלט אין זיין „רייזע נאָך איקאַריען" אַלס שטאַאַטס־קאָמוניזם. דער שטאַאַט, פֿערטראָטען דורך איין אָדער מעהרערע פּאַרלאַמענטען, וועט זיך אונטערנעהמען צו אָרגאַ־ניזירען די פּראָדוקציאָן. דורך זיינע אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען וועט ער פֿאָרשרייבען די אינדוסטריעלע גרופּען אָדער די איינצעלנע קאָמונעס אַלעס, וואָס עס איז זיי ערלויבט צום לעבען, צום פּראָדוצירען און צו זייער פֿערגניגען.

מען האָט גע'חלום'ט, אַז פֿאַר דער אַלגעמיינער פּראָדוקציאָן וועט געשאַפֿען ווערען עפּעס עהנליכעס, ווי דאָס, וואָס עס עקזיסטירט היינט אין דעם נעץ פֿון די שטאַאַטס־אייזענבאַהנען און פֿון דער פּאָסט. דאָס, וואָס עס עקזיסטירט שוין איצטער פֿאַר דעם טראַנספּאָרט פֿון די פּראָדוקטען און די פּאַסאַזשירען, וועט אויך אָנגעווענדט ווערען פֿאַר דער פּראָדוקציאָן פֿון אַלע רייכטהימער און פֿאַר אַלע נויטווענדיגקייטען פֿון די אַלגעמיינע אינטערעסען. מען וועט פֿריהער אָנהויבען צו סאָציאַליזירען די אייזענבאַהנען, די מינען, די גרויסע פֿאַבריקען און ביסלעכוויז וועט דערזעלבער סיסטעם איבערגעטראָגען ווערען אויף אַלע פֿערשידענע צווייגען פֿון דער פּראָדוקציאָן, אויף די מיהלען, די בעקערייען, די מאַגאַזינען מיט לעבענס־מיטלען און אַלע איבעריגע אונטערנעהמונגען. מען וועט דאָרט בעשעפֿטיגען „אַרבייטער־ראָטעס", וועלכע וועלען קולטיווירען די ערד אויף דעם רעכנונג פֿון'ם שטאַאַט, קוילען־גרעבער צו עקספּלאָטירען די גריבער, וועבער, צו מאַכען געהן די מאַשינען, בעקערס צו באַקען ברויט א.ז.וו. אַקוראַט ווי מיר האָבען היינט גרויסע מאַסען אַרבייטער, וואָס זיינען אָנגעשטעלט ביי דער פּאָסט און ביי די אייזענבאַהנען. אין דער ליטעראַטור פֿון די פֿערציגער יאָהרען האָט מען זיך גערן בענוצט מיט דעם וואָרט „ראָטעס" — די דייטשען האָבען דערפֿון געמאַכט „אַרמעען" — אום אָנצודייטען דעם צושטאַנד פֿון דיסציפּלין, אונטער וועלכען די אַרבייטער וועלען אַרבייטען אין אַזעלכע אינדוסטריען, קאָ־מאַנדירט און רעגולירט פֿון אַ גאַנצער היעראַרכיע פֿון „אַרבייטס־אויפֿזעהער."

וואָס אָנבעלאַנגט די קאָנסומציאָן, האָט מען זיך פֿאָרגעשטעלט אַן עהנליכען צושטאַנד, ווי מיר געפֿינען איהם היינט אין די קאַזאַרמעס. קיין בעזונדערעווירטשאַפֿט וועט שוין מעהר ניט עקזיסטירען. מען וועט

איינפיהרען געמיינשאפטליכע מאָהלצייטען, אום צו פערגרינגערן די אויסגאַבען פון קאָכען און פאַלאַנסטעריען אָדער גרויסע האָטעלען, כדי צו פערקלענערן די קאָסטען פון דער קאָנסטרוקציאָן. עס איז וואהר, אז דער סאָלדאַט בעקומט ווייניג און שלעכט צו עסען, אז ער ווערט ברוטאַליזירט פון זיינע אָפיצירען; אָבער אַזאַ זאַך קען קיינמאָל ניט טרעפען מיט די בירגער, וואָס לעבען אין די „פאָלקס-הייזער" אָדער אין די „קאָמוניסטישע שטעדט". און אַזוי ווי די בירגער וועלען האָבען די פרייהייט אַליין אויסצואוועהלען זייערע פאָרשטעהער, זייערע עקאָנאָמען, זייערע אָפיצירען, וועלען זיי קוקען אויף זייערע פאָרשטעהער — וועלכע זיינען היינט אָפיצירען און מאָרגען ווידער פראָסטע סאָלדאַטען — אַזוי ווי אויף דינער פון דער רעפובליק. דער „שטאַאט פון די בעדיענטע" איז טהאַטזעכליך געוועזען דער אויסדרוק, מיט וועלכען לואי בלאַן האָט זיך בענוצט, אַן אויסדרוק, וועלכער האָט פרודהאָן'ן מעהר ווי איינמאָל געגעבען די געלעגענהייט צו אַמוזירען זיינע לעזער אין דער „וואָאַ די פעפל" דורך זיינע סאַרקאַסטישע בעמערקונגען איבער אָט די נייע עטיקעטע פון דעם דעמאָקראַטישען שטאַאַט.

דער קאָמוניזם פון די פערציגער יאָהרען איז געוועזען דורכגעקנאָטען מיט אַזעלכע שטאַאַטס-אידעען, וועלכע פרודהאָן האָט בעקעמפפט אויף דעם שאַרפסטען אופן בעפאָר און נאָך 1848; זיין קריטיק אין דעם צווייטען באַנד פון זיינע „עקאָנאָמישע ווידערשפריכע" (1846) און שפעטער אין דער „וואָאַ די פעפל" און אין די מייסטע פון זיינע שפעטערדיגע שריפטען האָט, אָהן אַ צווייפעל, זעהר פיעל בייגעטראָגען אַוועקצומאַכען מיט אָט דעם סאָרט קומוניזם אין פראַנקרייך. עס איז בעקאַנט, אַז די מייסטע פראַנצויזען, וועלכע האָבען גענומען אַן אַנטהייל אין דער גרינדונג פון דער „אינטערנאַציאָנאַלע", זיינען געוועזען מוטואַליסטען און האָבען ניט געהאַט קיין שום שייכות צום קאָמוניזם. אָבער דער שטאַאַטס-קאָמוניזם איז ווידער אויפגענומען געוואָרען פון די דייטשע סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען שטאַרק בעטאָנט זיין דיסציפלינערע זייט און איהם פאָרגעשטעלט פאַר אַ „וויסענשאַפטליכע" ענטדעקונג. מיט איין וואָרט, אין יענער עפּאָכע, פון וועלכער מיר ריידען דאָ, האָט דער קאָמוניזם כמעט שטענדיג געהאַט די בעדייטונג פון שטאַאַטס-קאָמוניזם אין דעם זין, ווי ער איז געפריידיגט געוואָרען פון די דייטשע נאָכפאָלגער פון די פראַנצויזישע קאָמוניסטען אויס דער צייט פון 1848.

ווען אַלזאָ צוויי פעדעראַציאָנען פון דער „אינטערנאַציאָנאַלע" האָבען זיך ערקלערט פאַר „אַנאַרכיסטישע קאָמוניסטען", איז דער דאָזיגער

בעשלום פון פיעלע פון אונזערע פריינד בעגריסט געוואָרען אלס אַן ערנס־טער שריט פאָרווערטס. איבערהויפּט האָט די ערקלערונג פון דער יורא־פעדעראַציאָן, וועלכע איז אין פראַנקרייך בעסער בעקאַנט געווען, גע־מאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. דער „אַנאַרכיסטישער קאָמוניזם״ אָדער דער „פרייהייטליכער קאָמוניזם״, ווי מען פלעגט איהם צוערשט רופען אין פראַנקרייך, האָט געפונען אַסך אָנהייגגער און מיט דער הילפע פון די אומשטענדען גופא האָט זיך פון דאַמאָלס אָן אָנגעפאַנגען דער שטאַר־קער ערפאָלג פון דער אַנאַרכיסטישער אידעע ביי די פראַנצויזישע אַר־בייטער.

* * *

עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז די פעראייניגונג פון די ווערטער קאָמוניזם און אַנאַרכיע שטעלט פאָר מיט זיך אַ גאַנצען פראָגראַם. זי האָט געשאַפען אַ נייע אויפפאַסונג וועגען דעם קאָמוניזם, וועלכע איז זעהר פערשידען געווען פון דער אַלגעמיינער אויפפאַסונג, וואָס האָט פריהער עקזיסטירט מכח דעם קאָמוניזם. און אין דערזעלבער צייט ענט־האַלט זי אויך אַ ברייטען פראָבלעם — אָדער לאָמיר בעסער זאָגען — דעם פראָבלעם פון דער מענשהייט, וועלכען דער מענש האָט שטענדיג פערזוכט צו לייזען, אויסאַרבייטענדיג זיינע אינסטיטוציאָנען, פון דעם קאָ־מוניסטישען שטאַם ביז דער מאָדערנער געזעלשאַפט.

און ווירקליך, וואָס איז צו טהאָן, כדי מיר זאָלען קענען פעראייניגען די קרעפטען פון אַלעמען אויף אַזאַ שטייגער, דאָס אלע זאָלען האָבען אַ מעגליכקייט צו געניסען די גרעסטע סומע פון וואָהלזיין — און אויפ־צוהאַלטען און צו פערברייטערן אין דערזעלבער צייט אַלץ מעהר און מעהר די אינדיווידועלע פרייהייט, וועלכע די מענשען האָבען זיך ערוואָר־בען ביז צום היינטיגען טאָג?

ווי אַזוי איז מעגליך צו אָרגאַניזירען די אַרבייט אויף אַ געמיינ־שאַפטליכען באַזיס, איבערלאָזענדיג אין דערזעלבער צייט אַ פאָלשטענדיג פרייען פעלד פאַר יעדע איניציאַטיווע?

אָט דאָס איז שטענדיג געווען דער פראָבלעם פון דער מענשהייט פון די ערשטע פעריאָדען פון איהר ענטוויקלונג. עס איז דערזעלביגער געוואַלטיגער פראָבלעם, וועלכער אַפעלירט היינט צו אַלע אינטעליגענטע קרעפטע, צו אַלע מענשען מיט אַ גוטען ווילען, צו אַלע כאַראַקטערע, דער פראָבלעם, וואָס פאָדערט ענדליך אַן אמת׳ע לייזונג, ניט אויף דעם פאַפיר, נאָר אין׳ם לעבען פון דער געזעלשאַפט גופא. די ווערטער „אַנאַרכיסטישער קאָמוניזם״ אַליין ענטהאַלטען ניט בלויז אַ

נייעם ציעל, נאָר אויך אַ נייע מעטהאָדע, ווי צו לייזען דעם סאָציאַלען פּראָבלעם — צו לייזען איהם פון אונטען, דורך דער ספּאָנטאַנער אַקציאָן פון׳ם גאַנצען פאָלק.

עס בלייבט איבער פאַר אונז, פאַר אונזער גערדאַנקען-אַרבייט און אונזער שטודיום, אויסצוגעפינען צי אַט דער אַנאַרכיסטישער ציעל און אַט די אַנאַרכיסטישע מעטהאָדע צו לייזען די סאָציאַלע פראַגע — וועלכע זיינען ניי צו די מאָדערנע רעוואָלוציאָנערען, אָבוואָהל זעהר אַלט צו דער מענשהייט אין אַלגעמיין — עס בלייבט איבער צו אונז אויסצוגעפינען — צי דער דאָזיגער ציעל און די דאָזיגע מעטהאָדע זיינען גוט, אויספיהר-באַר און פראַקטיש. און אַט די אַרבייט איז אונטערגענומען געוואָרען אויף אַ ברייטען באַזיס פון דאַמאָלס אָן.

* * *

פון דער אַנדערער זייט האָט די ערקלערונג „קאָמוניסטיש-אַנאַרכיס-טיש" אויך געהאַט צו קעמפּפען מיט אַסך שוועריגקייטען. פון איין זייט זיינען די געגנער פון׳ם אַנאַרכיזם, די דייטשע נאַכפאָלגער פון לואי בלאַן, וועלכע האָבען איבערגענומען פון איהם זיין פאָרמעל פון דעם „שטאַאַט פון די בעדריענטע", דעם „איניציאַטאָר פון׳ם פראָגרעס", נאָך שטאַרקער אָנגעפאַלען אויף די, וואָס האָבען פערוואָרפען דעם שטאַאַט אין זיינע אַלע פאָרמען. זיי האָבען פריהער אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט דעם קאָמוניזם אַלס אַן אַלטע זאַך און האָבען אָנגעהויבען פריידיגען אונטער דעם נאָמען פון׳ם „קאָלעקטיוויזם" אָדער פון׳ם „וויסענשאַפטליכען סאָצי-אַליזם", דעם סיסטעם פון די „אַרבייטס-טשעקס" פון ראָבערט אָוען און פרודהאָן און די אינדיווידועלע בעלוינונג פון די פראָדוצירער, וועלכע זיינען אַלע פערוואַנדעלט געוואָרען אין „בעאַמטע". וואָס אָנבע-לאַנגט אונז, האָבען זיי אויסגעפונען, אַז קאָמוניזם און אַנאַרכיע זיינען צוויי בעזונדערע בעגריפע, וועלכע אונטערשיידען זיך איינע פון די אַנ-דערע „ווי וואַסער און פייער". דער קאָמוניזם איז פאַר זיי בלויז געווען דער אויטאָריטערער קאָמוניזם פון קאַבע — דער איינציגער, וואָס זיי האָבען געקענט פערשטעהן — און דעריבער איז פאַר זיי געווען גאַנץ קלאָר, אַז זייער קאָמוניזם, וועלכער איז פערבונדען מיט דער אַרכיע (די פּאָליטישע מאַכט, די רעגירונג) און די אַנ-אַרכיע (קיין פּאָליטישע מאַכט, קיין רעגירונג) זיינען דירעקט אַנטאַגאָניסטיש איינע צו די אַנדערע. די איינע איז די נעגאַציאָן פון דער אַנדערער און קיין מענש האָט ביז איצט ניט גע׳חלום׳ט זיי ביידע צו פעראייניגען. וואָס אָנבעלאַנגט די פראַגע צי דער אויטאָריטערער קאָמוניזם איז ווירקליך די איינציגע

מענגליכע פֿאָרם פֿון'ם קאָמוניזם, האָבען אָט די גענגנער פֿון דער נייער ריכטונג אפילו ניט געוואָלט קלערען וועגען דעם; ווייל דאָס איז געווען בײ זײ אַן אַבסאָלוטע וואַהרהייט.

פֿיעל ערנסטער איז געווען דער ווידערשפּרוך, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבען אין דעם לאַגער פֿון די אַנאַרכיסטען גופא. דאָרטען האָט מען צוערשט ווידערהאָלט פּרודהאָן'ס אַרגומענטען געגען דעם קאָמוניזם אין נאָמען פֿון דער אינדיווידועלער פֿרייהייט. און די דאָזיגע אַרגומענטען, אָבוואָהל זיי זיינען שוין אַלט געווען פֿופֿציג יאָהר, האָבען נאָך אַלץ ניט געהאַט פֿערלאָרען זייער ווערטה.

פּרודהאָן האָט טאָקע גערעדט אין נאָמען פֿון'ם אינדיוויד ואום, וועלכער וויל פֿערזיכערן זיין פֿרייהייט, אויפֿהאַלטען די גאַנצע אונאַבהייניגקייט פֿון זיין איך, זיין אַרבייט, זיין איניציאַטיווע, זיין בילדונג, זיין לוקסוס, וואָס ער קען זיך פֿערשאַפֿען, ניט עקספּלאָטירענדיג קיינעם ניט, — מיט איין וואָרט פֿון זיין גאַנצען לעבען. און אָט די פֿראַגע מכח די רעכטע פֿון'ם אינדיווידואום האָט נאָך היינט צו טאָג דיזעלבע בעדייטונג, ווי אין דער צייט, ווען פּרודהאָן האָט געשריבען זיין „סיסטעם פֿון עקאָנאָמישע ווידערשפּריכע".

אפשר האָט די דאָזיגע פֿראַגע היינט נאָך אַ גרעסערע בעדייטונג ווי אין יענער צייט, היינט, ווען דער שטאַאַט האָט בעשריינקט די פֿרייהייט פֿון דעם איינצעלנעם אויף אַזאַ געוואַלדיגען אופֿן דורך דעם צוואַנג פֿון דער אַלגעמיינער מיליטער־פֿליכט, דורך זיינע אַרמעען, וועלכע בעשטעהען פֿון מיליאָנען מענשען און ווענס אויפֿהאַלטונג עס קאָסט מיליאַרדען אָבגאַבען, דורך זיינע שולען, דורך זיין „פּראָטעקציאָן" פֿון די וויסענשאַפֿטען און קינסטע, בעצירט מיט אַ פּאָליציייליכער און יעזואיטישער בעוואַכונג, און ענדליך דורך דער קאָלאָסאַלער ענטוויקלונג פֿון דער ביוראָקראַטיע.

דער מאָדערנער אַנאַרכיסט בענוצט זיך שטענדיג מיט די אַלע אַרגומענטען. ער רעדט אין נאָמען פֿון דעם אינדיווידואום, וועלכער האָט זיך אויפֿגעהויבען געגען די אינסטיטוציאָנען פֿון אַ מעהר אָדער וועניגער בעשריינקטען, אָבער שטענדיג אויטאָריטערען קאָמוניזם, ביי וועלכע די מענשהייט האָט זיך עטליכע מאָל אָבגעשטעלט אין פֿערלויף פֿון איהר לאַנגער און שווערער געשיכטליכער ענטוויקלונג.

מען קען ניט אַוועקמאַכען מיט דער האַנד די דאָזיגע אַרגומענטען; זיי זיינען מעהר, ווי געוועהנליכע אַדוואָקאַטען־שטרייטיגקייטען.

דער אַנאַרכיסטישער קאָמוניסט גופא האָט זיך געמוזט מיט זיי

בעגעגענען אין דער איינער אָדער אין דער אַנדערער פֿאָרם, אַקוראַט ווי דער אינדיווידואַליסט. די דאָזיגע אַרגומענטען האָבען נאָך בעקומען אַ גרעסערע בעדייטונג דורך דעם, וואָס זיי האָבען אַרויסגערופֿען נאָך אַ פֿיעל ברייטערע פֿראַגע, נעמליך אויסצוגעפֿינען צי דאָס געזעלשאַפֿטליכע לעבען איז אַ מיטעל פֿאַר דער בעפֿרייאונג פֿון'ם אינדיווידואום, צי אַן אורזאַכע פֿון זיין פֿערשקלאַפֿונג? צי עס פֿיהרט צו אַ פֿערגרעסערונג פֿון דער אינדיווידועלער פֿרייהייט, צי עס בעשריינקט און פֿערקלענערט איהר? דאָס איז די פֿונדאַמענטאַלע פֿראַגע פֿון דער גאַנצער סאָציאָלאָגיע, און דעריבער פֿערדינט זי אַ גרינדליכע אונטערזוכונג.

און דאָס איז ניט בלויז אַ פֿראַגע פֿון דער אַבסטראַקטער וויסענ־שאַפֿט. מעגליך, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן פֿאָדערט שוין מאָרגען אונזער הילפֿע. צו זאָגען, אַז אונזער אויפֿגאַבע איז בלויז די צושטערונג און אַז עס בלייבט איבער צו די אַנדערע — צו וועמען? — צו בויען, איז ניט מעהר ווי אַ שלעכטער וויץ.

ווער דען וועלען זיין די סאָציאַלע בוי־מייסטער פֿון דער צוקונפֿט, אויב ניט מיר אַליין? מען קען אפילו צושטערען אַ הויז און ניט אַוועק־שטעלען קיין נייעס אויף דעם פּלאַץ פֿון דאָס אַלטע, אָבער מיט גע־זעלשאַפֿטליכע אינסטיטוציאָנען איז דאָס אונמעגליך. ווי באַלד מען צו־שטערט איינע פֿון זיי, לייגט מען שוין אַוועק אין דעם סאַמע מאָמענט פֿון דער צושטערונג דעם פֿונדאַמענט פֿון דאָס, וואָס עס וועט זיך שפּע־טער ענטוויקלען אויף דעם פּלאַץ פֿון דאָס אַלטע. קיין צווייפֿעל ניט, ווען דאָס פֿאָלק וועט הייסען די אייגענטהימער פֿון די הייזער, די פֿאַבריקעי/ די פֿעלדער זיך אָבטראָגען, וועט עס ניט זיין דערפֿאַר, כדי די הייזער, די פֿעלדער, די פֿאַבריקען זאָלען שטעהען ליידיג; נאָר מען וועט באַלד אָנהויבען איבערצובייטען איין פֿאָרם פֿון דער פּראָדוקציאָן אויף אַן אַנ־דערער. און דורך דעם אַליין בויט מען אויף אַ נייע געזעלשאַפֿט.

לאָמיר אַלזאָ פֿערזוכען אָנצודייטען אויף עטליכע גרונד־פֿאָרמען פֿון אָט דער ברייטער פֿראגע.

## II.

## דער אויטאריטערער קאמוניזם. — וקאמוניסטישע קאמונעס.

די וויכטיגקייט פון דער פראגע, וועלכע מיר געהען דא אויפהויבען, איז אזוי קלאר, אז מען דארף וועגען דעם ניט דיסקוטירען. פיעלע אנארכיסטען, פערשטעהט זיך, די קאמוניסטען און אסך דיינקער אין אלגעמיין, אנערקענען דעם געוואלטיגען נוצען, וועלכען דער קאמוניזם קען ברייגנען דער געזעלשאפט; אבער זיי דערקענען אויך אין דער דאזיגער פארם פון א סאציאלער ארגאניזאציאן א געפאהר צו דער פרייהייט און צו דער פרייער ענטוויקלונג פון'ם אינדיווידואום. פון דער אנדערער זייט פיהרט אונז די גאנצע פראגע צו יענעם אנדערן פראבלעם, וועלכער מאניפעסטירט זיך אין אונזער יאהרהונדערט אין זיין גאנצער ברייטקייט און טיעפקייט — צו דער פראגע מכח דער שטעלונג פון דעם אינדיווידואום אין דער געזעלשאפט.

דער פראבלעם האט צו קעמפפען מיט אסך אונקלארע פארשטעלונגען. ריידענדיג וועגען דעם קאמוניזם, שטעלען זיך די מייסטע פאר א מעהר אדער ווייניגער קריסטליכען קאמוניזם, עהנליך צו דעם קאמוניזם אין די מאנאסטירען, שטענדיג אויטאריטער, אזוי ווי ער איז געפריידיגט געווארען אין דעם ערשטען העלפט פון'ם 19טען יאהרהונדערט, הויפטזעכליך פון קאבע און פון די געהיימע קאמוניסטישע געזעלשאפטען און אין די פארמען, ווי מען האט פערזוכט איהם פראקטיש צו פערווירקליכען אין געוויסע קאמונעס אין אמעריקא. קאבע און די מייסטע איניציאטארם פון די קאמוניסטישע עקספערימענטען אין אמעריקא האבען גענומען די פאמיליע פאר א פארבילד, א מאדעל, אום צו גרינדען די „גרויסע קאמוניסטישע פאמיליע", צו „רעפארמירען דעם מענשען"; און צו אט דעם צוועק האבען זיי זיך ניט בענוגענט מיט דער געמיינשאפטליכער ארבייט, נאר זיי האבען אויך צוגעשריבען די גרעסטע וויכטיגקייט צו אן אלגעמיינעם פאמיליערען צוזאמען-לעבען, אום אוועקצומאכען מיט דער איצטיגער ציוויליזאציאן, מיט דער אבזונדערונג און צו שאפען אזא צושטאנד, וואו די „ברידער" און „שוועסטער" האבען א מעגליכקייט ארייינצומישען זיך אין דעם פסיכישען לעבען פון יעדען מיטגליעד אין דער געזעלשאפט.

אויסערדעם האָבען די געגנער פֿון'ם קאָמוניזם ניט געמאַכט קיין ריכטיגען אונטערשיעד צווישען די עטליכע אָבגעשלאָסענע קאָמונעס, וועלכע זיינען ווידערהאָלט געגרינדעט געוואָרען וועהרענד די לעצטע דריי אָדער פֿיער יאָהרהונדערטער, און די פֿאָלק־רייכע פֿעדערירטע קאָמונעס, וועלכע וועלען אַרויסשפּראָצען אין אַ געזעלשאַפֿט, וואָס איז אויף דעם וועג אויסצופֿיהרען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן. זיי האָבען אויך ניט געמאַכט קיין ריכטיגען אונטערשיעד צווישען די קאָמונעס, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרען פֿון איינצעלנע גרופּען פֿון אינטעליגענטען און שטאָדט־אַרבייטער, וועלכע זיינען פּשוט אונפֿעהיג געווען צו בעקעמפּפֿען די טויזענדער שוועריגקייטען, מיט וועלכע די פּיאָנירען פֿון דער אַגרי־קולטור האָבען זיך צו רעכענען אויף דער אונקולטיווירטער ערד פֿון אַמעריקאַ, און די קאָמונעס פֿון דעמזעלביגען סאָרט, וועלכע זיינען אויך געגרינדעט געוואָרען אין אַמעריקאַ, נאָר פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעלד־אַרבייטער — פֿון דייטשע בויערן, ווי צ.ב.ש. די אַנאַמיטען אָדער פֿון סלאַווישע בויערן, ווי די דוכאָבאָרצעס.

דעריבער איז נייטיג, אום צו דיסקוטירען דעם פּראָבלעם גרינדליך, צו בעהאַנדלען די פֿאָלגענדע פּונקטען בעזונדער:

די געמיינשאַפֿטליכע פּראָדוקציאָן און קאָנסומציאָן; — איהר נוצען און איהרע אונבעקוועמליכקייטען.

דער צוזאַמענלעבען; — צי איז טאַקע נויטווענדיג צו אָרגאַניזירען איהם אויף דעמזעלביגען באַזיס און נאָך דעמזעלבען מאָדעל ווי די הייני־טיגע פֿאַמיליע?

די אָבגעזונדערטע קאָמונעס פֿון אונזער צייט.

די פֿעדערירטע קאָמונעס פֿון דער צוקונפֿט.

און צום סוף: צי איז דער קאָמוניזם טאַקע פֿערבונדען מיט אַ פֿערקלענערונג פֿון די אינדיווידועלע קרעפֿטע, רעכטע און פֿעהיגקייטען? מיט אַנדערע ווערטער — די ראָלע פֿון דעם אינדיווידואום אין אַ קאָ־מוניסטישער געזעלשאַפֿט.

* * *

אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען פֿון'ם „סאָציאַליזם" האָט זיך ענטוויקעלט אין פֿערלויף פֿון'ם 19טען יאָהרהונדערט אַ געוואַלטיגע אי־דעען־בעוועגונג, וועלכע האָט זיך אָנגעפֿאַנגען מיט דער פֿערשווערונג פֿון באַבעף, מיט פֿוריע, סענט סימאָן, ראָבערט אָוען און פּרודאָן און וועלכע איז פֿאָרטגעזעצט געוואָרען דורך זייערע צאָהלרייכע פֿראַנצויזישע (קאָנסידעראַן, לערו, לואי בלאַן), דייטשע (מאַרקס, ענגעלס, לאַסאַל),

רוסישע (משערנישעווסקי, באַקונין) און אַנדערע נאָכפאָלגער, וועלכע האָבען פון איין זייט פּאָפּולאַריזירט די אידעען פון די בעגרינדער פון׳ם מאָדערנעם סאָציאַליזם און פון דער אַנדערער זייט פערזוכט אַוועקצו־שטעלען זיי אויף אַ וויסענשאַפטליכען באַזיס.

די דאָזיגע אידעען האָבען זיך ביסלעכווייז אויסגעאַרבייט און ענט־וויקעלט און האָבען אַרויסגערופען צוויי הויפּט־ריכטונגען — דעם אוי־טאָריטערען קאָמוניזם און דעם אַנאַרכיסטישען קאָמוניזם, ווי אויך אַ געוויסע צאָהל צווישען־שולען, וועלכע זוכען צו מאַכען קאָמפּראָמיסען, צ. ב. ש. דער שטאַאַטס־קאַפּיטאַליזם, דער קאָלעקטיוויזם, די קאָאָפּע־ראַציאָן. אויסערדעם האָבען די זעלבע אידעען אויך געשאַפען אַ וויכטיגע אַרבייטער־בעוועגונג, וועלכע זוכט צו פעראייניגען די אַרבייטער אין פערשידענע פאַכען פאַר דעם דירעקטען קאַמפּף געגען קאַפּיטאַל, און וועלכע האָט אָנגענומען אַ מעהר און מעהר אינטערנאַציאָנאַלען כאַראַקטער.

איינינע הויפּט־פאָדערונגען זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרען פון דער דאָזיגער אידעען־בעוועגונג און אַקציאָן, וועלכע זיינען טיעף אַריינגע־דרונגען אין דעם עפענטליכען בעוואוסטזיין פון אונזער צייט. די דאָזיגע פאָדערונגען זיינען די פאָלגענדע:

די אָבשאַפונג פון׳ם לוין־סיסטעם — די היינטיגע פאָרם פון דער אַלטער שקלאַפעריי.

די אָבשאַפונג פון דער אינדיווידועלער מאָנאָפּאָליזירונג פון אַלעם, וואָס עס איז נויטווענדיג פאַר דער פּראָדוקציאָן, פאַר דער געזעלשאַפט־ליכער אָרגאַניזאַציאָן און פאַר דעם אויסטויש פון די פּראָדוקטען.

און ענדליך — די בעפרייאונג פון דעם אינדיווידואום און פון דער געזעלשאַפט אין אַלגעמיין פון דעם פּאָליטישען מעכאַניזם פון׳ם שטאַאַט, וועלכער האָט די אויפגאַבע אויפצוהאַלטען די עקאָנאָמישע לייבאייגענ־שאַפט.

וואָס אָנבעלאַנגט אָט די דריי פונקטען, עקזיסטירט אַ געוויסע איינשטימיגקייט אין סאָציאַליסטישען לאַגער; ווייל אפילו די, וואָס אָנער־קענען די „אַרבייטס־טשעקס" אָדער וועלכע זאָגען, ווי ברוס האָט גע־זאָגט: „אַלע וועלען זיין בעאַמטע; ד.ה. אַלע וועלען זיין אָנגעשטעלטע פון׳ם שטאַאַט אָדער פון דער קאָמונע", גיבען צו אין דערזעלבער צייט, אַז זיי פריידיגען די אויבענדערמאָהנטע פּאַליאַטיוו־מיטלען בלויז דאַפיר, ווייל זיי קענען ניט זעהן, ווי אַזוי דער קאָמו־ניזם קען מיט איין מאָל פערווירקליכט ווערען. זיי אָנער־קענען די דאָזיגע קאָמפּראָמיסען אַלס מיטלען, וועלכע זיינען מאָמענטאַן

נויטווענדיג, אום צו דערגרייכען דעם אייגענטליכען ציעל. און וואָס אָנ־בעלאַנגט דעם שטאַאַט, ערקלערען אונז אפילו די שטאַרקסטע אָנהייגגער פון דער שטאַאַטליכער אויטאָריטעט, די פערטהיידיגער פון דער דיקטאַטור, אַז ווי באַלד עס וועלען מעהר ניט עקזיסטירען די היינטיגע קלאַסען אין דער געזעלשאַפט, וועט אויך דער שטאַאַט מוזען פער־שווינדען מיט זיי צוזאַמען. דאָס איז אַם וויינינגסטענס די מיינונג פון די פאָרשטעהער פון דער מאַרקסיסטישער שולע.

מען קען אַלזאָ רוהיג זאָגען, ניט איבערטרייבענדיג די וויכטיגקייט פון אונזער פראַקציאָן, ד.ה. פון דער אַנאַרכיסטישער פראַקציאָן אין דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג, אַז צום טראָץ די אַלע מיינונגס־פערשידענ־הייטען, וועלכע מאַניפעסטירען זיך צווישען די פערשידענע סאָציאַליס־טישע פראַקציאָנען און וועלכע צייגען זיך הויפטזעכליך שאַרף אַרויס אין די מעהר אָדער וויניגער רעוואָלוציאָנערע קאַמפף־מיטלען, וועלכע די פערשידענע ריכטונגען האָבען אָנגענומען — מען קען אַלזאָ רוהיג זאָ־גען, אַז די דיינקער און טהעאָרעטיקער פון די אַלע ריכטונגען אָנער־קענען פאַר אַן ענד־ציעל דעם פרייהייטליכען קאָמוניזם. אַלעס איבע־ריגע — אַזוי ווי זיי בעהויפטען אַליין — זיינען ניט מעהר ווי צווישען־שטופען אויף דעם וועג צו דעם דאָזיגען ציעל.

אָבער יעדע דיסקוסיאָן מכח די נויטווענדיגע צווישען־שטופען איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט, אויב זי גרינדעט זיך ניט אויף דעם שטודיום פון די שטרעבונגען, וועלכע מאַניפעסטירען זיך אין דער איצטיגער געזעלשאַפט. און פון די דאָזיגע פערשידענע שטרעבונגען פערדיענען צוויי אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט.

די איינע שטרעבונג בעשטעהט אין דעם, וואָס מען הויבט אָן צו פערשטעהן, אַז אין דער היינטיגער געזעלשאַפט קומט אָן וואָס וויטער אַלץ שווערער צו בעשטימען דעם אַנטהייל, וואָס יעדער איינציגער האָט גענומען אין דער אַלגעמיינער פראָדוקציאָן. די אינדוסטריע און אַגרי־קולטור זיינען היינט צו טאָג אַזוי קאָמפליצירט, אַזוי פערוויקעלט, און יעדע בעזונדערע אינדוסטריע איז אַזוי פיעל אָבהייניג פון אַלע אַנדערע אינדוסטריען, אַז דער סיסטעם צו בעצאָהלען דעם פראָדוצירער לויט דעם רעזולטאַט פון זיין אַרבייט, ווערט מיט דער צייט אין גאַנצען אַן אונמעגליכע זאַך.

אַמאָל, ווען עס האָט מעהר ניט עקזיסטירט ווי איין מעטהאָדע צו מאַכען אַ פאָר שיך, צו נעהען וועש, צו שמידען נעגעל, צו שניידען אַ פעלד א.ז.וו., איז געווען מעגליך צו בעשטימען, דאָס אויב אַן אַרבייטער

האט געמאכט מעהר שיך, גענעהט מעהר וועש, געשמיעדט מעהר נעגעל, געשניטען מעהר קארן ווי אן אנדערער, דארף מען איהם בעצאהלען פאר זיין פלייסיגקייט אדער פאר זיינע קענטניסע; און זיין לוין דארף זיין אין איינקלאנג מיט דעם רעזולטאט פון זיין ארבייט.

היינט אבער, ווען די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט ווענדט זיך הויפטזעכליך אין די מאשינען און אין דער ארגאניזאציאן פון דער ארבייט ביי יעדער אונטערנעהמונג, איז וואס ווייטער אלץ ווייניגער מעגליך צו בעשטימען דעם לוין פון יעדען ארבייטער לויט די רעזולטאטען פון זיין ארבייט. דאס איז אויך די אורזאכע, ווארום וואס מעהר אן אינדוסטריע איז ענטוויקעלט, אלץ מעהר פערשווינדעט די שטיק-ארבייט און איהר פלאץ ווערט פערנומען פון דער טאג-ארבייט. און די טאג-ארבייט, פון דער אנדער זייט, גלייכט זיך אויס.

די מאדערנע בורזשואזע געזעלשאפט בלייבט זיכער געשפאלטען אין פערשידענע קלאסען; פאראן א קלאס פון בורזשואז, וועמענס געווין עס פערמעהרט זיך אן אין אנטקעגען געזעצטער פראפארציאן צו דער ארבייט, וואס זיי מאכען: ד.ה. וואס בעסער זיי זיינען געצאהלט, אלץ ווייניגער ארבייטען זיי. פון דער אנדערער זייט קענען מיר אונטערשיידען ביי דער ארבייטער-קלאס פיער געוויסע אבטהיילונגען: די פרויען, די פעלד-ארבייטער, די ארבייטער, וואס זיינען פערנומען מיט איינפאכע בעשעפטיגונגען און די האנד-ווערקער, וועמענס בעשעפטיגונג עס איז מעהר אדער ווייניגער ספעציאליזירט. די דאזיגע פיער אבטהיילונגען שטעלען פאר מיט זיך פיער פערשידענע גראדען אין דער עקספלאטאציע, וועלכע זיינען ניט מעהר ווי די רעזולטאטען פון דער היינטיגער בורזשואזער ארגאניזאציאן פון דער פראדוקציאן.

אבער אין א געזעלשאפט פון גלייכע מענשען, וואו יעדער איינציגער קען זיך אויסלערנען א האנדווערק און וואו עס וועט מעהר ניט אנגעהן קיין אויסבייטונג פון דעם בויע־ דורך דעם אינדוסטריע-בעזיצער און פון דער פרוי דורך דעם מאן, וועט די דאזיגע צוטהיילונג צווישען די ארבייטער פערשווינדען. אפילו שוין היינט זעהען מיר, אז דער לוין גלייכט זיך אויס אין יעדע פון די אויבען דערמאהנטע פיער אבטהיילונגען. דאס איז אויך די אורזאכע, וועלכע האט ארויסגערופען די בערעכטיגטע בעהויפטונג, אז א טאג ארבייט פון דעם ערד-ארבייטער איז גלייך צו א טאג ארבייט פון דעם יוּוועליער און וועלכע האט ראבערט אָוען צוגעפיהרט צו דער אידעע פון די ארבייטס-טשעקס,

אום צו בעצאָהלען יעדען איינציגען לויט דער צאָהל פֿון די אַרבייטס־שטונדען, וועלכע ער האָט אָבגעגעבען פֿאַר דער פּראָדוקציאָן פֿון געזעלשאַפֿטליך נויטווענדיגע זאַכען. אין דער צייט פֿון דער פֿאַריזער קאָמונע האָבען מיר געזעהן, אַז דער געהאַלט פֿון די אַדמיניסטראַטאָרס פֿון דער קאָמונע איז בעשריינקט געוואָרען אויף די גלייכע בעצאָהלונג פֿון פֿופֿצעהן פֿראַנק אַ טאָג.

פֿון דעסטוועגען, ווען מיר נעהמען די פֿערשיעדענע פֿערזוכען פֿון סאָציאַליזירונג אין אַלגעמיין, זעהען מיר, אַז מיט דער אויסנאַהמע פֿון עטליכע טויזענד פֿאַרמערס אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען פֿון נאָרד־אַמעריקאַ, האָט די אידעע פֿון ראָבערט אָועןס אַרבייטס-טשעקס זיך ניט דורכגעבראָכען קיין וועג וועהרענד די לעצטע פֿינף און זיבעציג יאָהר. די אורזאַכע דערפֿון האָב איך ערקלערט אין מיינע שריפֿטען „ברויט און פֿרייהייט“, „דאָס לוין-סיסטעם“ און אין דעם ערשטען טהייל פֿון דיזען ווערק.

פֿון דער אַנדערער זייט אָבער בעמערקען מיר אַסך טהיילווייזע פֿערזוכען פֿון סאָציאַליזירונג אין דער ריכטונג צום קאָמוניזם. הונדערטער קאָמונעס מיט מעהר אָדער ווייניגער קאָמוניסטישע טענדענצען, זיינען פֿאַר די לעצטע הונדערט יאָהר כמעט איבעראַל געגרינדעט געוואָרען און אין דעם איצטיגען מאָמענט קענען מיר אַן ערך הונדערט, וועלכע זיינען אַלע מעהר אָדער ווייניגער ערפֿאָלגרייך.

לאָזענדיג אָן אַ זייט די רעליגיעזע פֿראַגע און די ראָלע איהרע אין די קאָמוניסטישע קאָמונעס, איז גענוג פֿאַר אונז צו דערמאָהנען די געשיכטע פֿון די דוכאָבאָרצעס אין קאַנאַדאַ, אום צו בעווייזען, אַז די קאָמוניסטישע אַרבייט שטעהט עקאָנאָמיש אויף אַ העכערער שטופֿע ווי די אינדיווידועלע אַרבייט. די דוכאָבאָרצעס זיינען אָנגעקומען אין קאַנאַדאַ אָהן אַ קאָפּעקע און זיי זיינען געווען געצוואונגען צו בעזעצען זיך אין אַ קאַלטען, נאָך ניט בעפֿעלקערטען טהייל פֿון דער פּראָווינץ אַלבערטאַ. זייערע פֿרויען, ניט האָבענדיג קיין פֿערד, האָבען זיך אַליין איינגעשפּאַנט צו צוואַנציג און דרייסיג אין אַ פּלוג און בעאַקערט די ערד, אין דער צייט, ווען די מענער האָבען געאַרבייט פֿאַר אַן אייזענבאַהן קאָמפּאַניע און האָבען יעדע וואָך אַריינגעלייגט זייער לוין אין דער געמיינשאַפֿטליכער קאַסע. אין זעקס אָדער אַכט יאָהר צייט האָבען אָט די זעקס אָדער זיבען טויזענד דוכאָבאָרצעס דערגרייכט אַן אויסגעצייכענטען צושטאַנד, אָרגאַניזירענדיג זייער אַגריקולטור און זייער לעבען

מיט דער הילפֿע פֿון מאָדערנע מאַשינען — אַמעריקאַנער שנייד־מאַשינען, קאָמונאַלע דאַמפֿ־מיהלען א.ז.וו. *)

אָט האָבען מיר אַ פֿעדעראַציאָן פֿון אַן ערך צוואַנציג קאָמוניסטישע דערפֿער: יעדע פֿאַמיליע האָט איהר אייגען הויז; די אַרבייט אויף די פֿעלדער און אַנדערשוואו ווערט געמאַכט געמיינשאַפֿטליך, און יעדע פֿאַמיליע נעהמט אַרויס פֿון די קאָמונאַלע מאַגאַזינען, וואָס זי דאַרף צום לעבען. אמת, די דאָזיגע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע האַלט זיך שוין אויף פֿאַר עטליכע יאָהר צייט אויף דעם באַזיס פֿון די רעליגיעזע אידעען פֿון דער געמיינדע, איז ניט אונזער אידעאַל; אָבער ווען מיר בעטראַכטען דעם דאָזיגען פֿערזוך פֿון אַ ריין עקאָנאָמישען שטאַנדפונקט, דערקענען מיר קלאָר און דייטליך די העכערע שטופֿע פֿון דער קאָמוניסטישער אַרבייט אין פֿערגלייך מיט דער ריין אינדיווידועלער טהעטיגקייט; און אויסערדעם האָט אונז דער פֿערזוך פֿון די דוכאָבאָרצעס בעוויזען די פֿאָלשטענדיגע מעגליכקייט אָנצואווענדען די קאָמוניסטישע אַרבייט מיט אַלע הילפֿס־מיטלען פֿון דער מאָדערנער אַגריקולטור און פֿון דער מאָדערנער טעכניק.

* * *

אויסער די דאָזיגע אַגראַריש־קאָמוניסטישע פֿערזוכען, וואָלטען מיר נאָך געקענט אָנדייטען אויף פֿערשידענע פֿערזוכען פֿון אַ טהיילווייזען קאָמוניזם, בלויז בערעכענט פֿאַר דער קאָנסומציאָן אַליין, וועלכע וואַקסען אַרויס אין פֿערשידענע פֿאָרמען פֿון דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט, סיי אַלס פּריוואַטע אונטערנעהמונגען סיי אין דער סאָציאַליזירונג פֿון מוניציפּאַלע זאַכען.

דאָס האָטעל, דאָס מאָדערנע דאַמפֿ־שיף, די פּענסיאָן זיינען אַלעס פֿערזוכען אין דער דאָזיגער ריכטונג, מיט וועלכע די בורזשואַזיע גופא בעשעפֿטיגט זיך. פֿאַר אַ בעשטימטען טעגליכען פּרייז האָט יעדער די אויסוואַהל פֿון צעהן אָדער פֿופֿצען פֿערשידענע געריכטען אין דעם האָטעל אָדער אויף דעם פּאַסאַזשירען־דאַמפּפֿער, און קיינער קאָנטראָלירט

---

*) זיי געהען איצט קויפֿען אַ נייע שטיק לאַנד ביי די ברעגעס פֿון'ם שטילען אָקעאַן אין בריטיש קאָלומביאַ, אום דאָרטען צו מאַכען זייער פֿרוכט־קאָלאָניע. דער מאַנגעל אין פֿרוכט פֿיהלט זיך זעהר שטאַרק ביי אָט דיזע וועגעטאַריער אין דער פּראָווינץ אַלבערטאַ, וואו די עפּעל, באַרען־און קאַרשען בוימער טראָגען ניט קיין פֿרוכט, ווייל די קאַלטע ווינטען אין מאָנאַט מאַי צושטערען די בלומען פֿון די בוימער.

ניט, ווי פֿיל איינער עסט. די דאָזיגע אָרגאַניזאַציאָן האָט זאָגאַר אָנגענומען אינטערנאַציאָנאַלע פֿאָרמען, און בעפֿאָר אימעצער פֿערלאָזט פּאַריז אָדער לאָנדאָן, קען ער זיך פֿערזאָרגען מיט „טיקעטס", — פֿאַר צעהן פֿראַנק אַ טאָג — וועלכע גיבען איהם די מעגליכקייט זיך אָבצושטעלען, אַזוי לאַנג ווי עס פֿערגלוסט זיך איהם, אין הונדערטער האָטעלען אין פֿראַנקרייך, דייטשלאַנד, דער שווייץ א.ז.וו., דערפֿאַר ווייל עס עקזיסטירט היינט אַ גאַנצע אינטערנאַציאָנאַלע פֿעראייניגונג פֿון האָטעלען.

די בורזשואַזי האָבען זעהר גוט פֿערשטאַנען דעם גרויסען נוצען פֿון אַ טהיילווייזען קאָמוניזם, וועלכער איז פֿערבונדען מיט אַ כמעט פֿאָלשטענדיגער אינדיווידועלער פֿרייהייט אויף דעם געביעט פֿון דער קאָנסומציאָן. אין די דאָזיגע אינסטיטוציאָנען קען אַ מענש צופֿרידענשטעלען זיינע אַלע בעדערפֿנישען פֿון וואוינונג און נאַהרונג פֿאַר אַ בעשטימטען טעגליכען פּרייז, אויסער ווען ער פֿאָדערט ספּעציעלע לוקסוס-אַרטיקלען, פֿאַר וועלכע ער דאַרף צאָהלען בעזונדער.

די פֿערזיכערונגס-געזעלשאַפֿטען געגען פֿייער (הויפּטזעכליך אין די דערפֿער, וואו אַ געוויסע גלייכהייט פֿון די בעדינגונגען ערלויבט אַ גלייכע פּרעמיע פֿאַר אַלע איינוואוינער), געגען אונגליקס-פֿעלע, געגען גנבה; די איינריכטונג, וועלכע ערלויבט די ענגלישע פֿישער צו פֿערזאָרגען איין מאָל אַ וואָך אַ קליינע פֿאַמיליע מיט אַזוי פֿיעל פֿיש, ווי זי דאַרף, פֿאַר צוויי אָדער דריי פֿראַנק; דער קלוב פֿון די ענגלישע אַרבייטער, וועלכער פֿערזאָרגט זיינע מיטגלידער פֿריי מיט דאָקטאָר און מעדיצין; די אונצעהלבאַרע קראַנקען-פֿעראיינען, פֿון אַלע מעגליכע סאָרטען א.ז.וו. — אָט די גאַנצע אונגעהייערע סעריע פֿון אינסטיטוציאָנען, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט אין פֿערלויף פֿון'ם 19-טען יאָהרהונדערט, בעלאַנגט צו דער זעלבער קאַטעגאָריע פֿון אַ טהיילווייזען קאָמוניזם פֿאַר אַ געוויסען טהייל פֿון דער קאָנסומציאָן.

אויסערדעם איז נאָך פֿאַרהאַן אַ ריעזיגע סעריע פֿון מוניציפּאַלע אינסטיטוציאָנען — וואַסער, גאַז, עלעקטריציטעט, אַרבייטער וואוינונגען, טראַמוויים א.ז.וו., וועלכע פֿערקערפּערן מיט זיך דעם שטרעבען צו סאָציאַליזירען די קאָנסומציאָן און וועלכע פֿערברייטערן מיט יעדען טאָג דעם געביעט פֿון זייער טהעטיגקייט. אָבער די וויכטיגסטע ערשיינונג בעשטעהט אין דעם, וואָס אָט די אַלע אינסטיטוציאָנען פֿאַר אַ מעהר אָדער ווייניגער קאָמוניסטישע קאָנסומציאָן פֿיהרען די שטעדט נויטווענדיגערווייזע צו אַ מוניציפּאַלער אָרגאַניזאַציאָן פֿון דער פּראָדוקציאָן (גאַז, עלעקטרישע ווערק, מעלקערייען א.ז.וו.). נאָך מעהר: אין ענגלאַנד האָט

די שטאָדט, וועהרענד די לעצטע עטליכע יאָהר זאָגאַר שוין אָנגעהויבען צו עקספּלאָטירען איהרע אייגענע קוילען־גריבער, כדי צו פֿערשאַפֿען זיך ליכט און עלעקטרישע קראַפֿט, אָהן צו צאָהלען צו די מינען־בעזיצער בעשטימטע אָבגאַבען. אין מאַנטשעסטער איז דאָס שוין אָנגענומען געװאָרען אין פּרינציפּ, ווען עס האָט זיך פֿאָרמירט—אין דער צייט ווען עס איז אָנגעגאַנגען די מלחמה אין זיד־אַפֿריקאַ—אַ טראָסט פֿון די גרעסטע מינען קאָמפּאַניס און האָט דורכגעפֿיהרט אַ געוואַלטיגע פֿערהעכערונג פֿון די קוילען־פּרייזען. איין אָדער צוויי שטעדט אין׳ם מיטלערן טהייל פֿון ענגלאַנד בעזיצען שוין זייערע אייגענע קוילען־גריבער.

* * *

פֿערשטעהט זיך, אַז דאָס אַלעס שטעלט נאָך ניט פֿאָר מיט זיך דעם קאָמוניזם. ניין, נאָך לאַנג ניט. אָבער דער פּרינציפּ, וועלכער מאַ־ניפֿעסטירט זיך אין עטליכע פֿון די אויבענדערמאָהנטע אינסטיטוציאָנען, פֿערקערפּערט שוין מיט זיך אַ געוויסען טהייל פֿון די פּרינציפּען פֿון׳ם קאָמוניזם: — פֿאַר אַ געוויסען ביטראַג פֿון אַזוי און אַזוי פֿיעל פּער טאָג אָדער פּער יאָהר (היינט צוטאָג ווערט דער ביטראַג בעשטימט דורך אַ געוויסע סומע געלד; אין דער צוקונפֿט וועט ער בעשטימט ווערען דורך דער אַרבייט גופא) האָט איהר אַ רעכט צו בעפֿרידיגען אַ געוויסען טהייל פֿון אייערע בעדערפֿנישען — מיט דער אויסנאַהמע פֿון די לוקסוס בעדערפֿנישען.

אום ווירקליך צו זיין קאָמוניסטיש, פֿעהלט די אויבענדערמאָהנטע פֿערזוכען פֿערשירענעס; הויפּטזעכליך אָבער פֿעהלען זיי צוויי פֿונדאַמענטאַלע אייגענשאַפֿטען: 1) דער בעשטימטער ביטראַג ווערט היינט בעשטימט דורך געלד אָנשטאָט דורך דער אַרבייט, און 2) די קאָנזומענטען האָבען ניט קיין וואָרט אין דער פֿערוואַלטונג פֿון די דאָזיגע אונטער־נעהמונגען. פֿון דעסטוועגען קענען מיר רוהיג זאָגען, דאָס אויב די אידעע און די שטרעבונגען פֿון די דאָזיגע אינסטיטוציאָנען וואָלטען גוט פֿער־שטאַנען געוואָרען, וואָלט ניט געוועזען קיין שום שוועריגקייט אפֿילו שוין היינט צו שאַפֿען, סיי פּריוואַט, סיי אויף אַ סאָציעטערען אופֿן, אַ קאָמונע, אין וועלכער די בעצאָהלונג דורך דער אַרבייט וואָלט געקענט איינגעפֿיהרט ווערען אַלס דער ערשטער פֿונדאַמענטאַלער פּונקט.

לאָמיר אָננעהמען אַ שטיק לאַנד פֿון פֿינף הונדערט העקטאַר די גרויס. אויף דעם דאָזיגען טערריטאָריום זיינען אויפֿגעבויט אַן ערך צוויי הונדערט הייזלאַך, יעדעס הייזעל אַרומגערינגעלט פֿון אַ גאָרטען אָדער

אַ געמיזע-פֿעלד פֿון אַ פֿערטעל העקטאַר. די אינסטיטוציאָן פֿערזאָרגט די איינוואוינער פֿון די הייזלאַך מיט פֿופֿצעהן געריכטען אַ טאָג, וועלכע יעדער קען זיך אויסקלייבען נאָך זיין בעזונדערן געשמאַק; אָדער בעסער געזאָגט, זי פֿערזאָרגט די קאָלאָניסטען מיט ברויט, געמיזע, פֿלייש, קאַפֿע א.ז.וו. לויט זייער פֿערזענליכער אויסוואהל. און אַלס געגען-לייסטונג פֿאָדערט זי אָדער אַזוי און אַזוי פֿיעל געלד אַ יאָהר, אָדער אַזוי און אַזוי פֿיעל אַרבייטס-שטונדען, וועלכע יעדער קען זיך אויסקלייבען אין איינעם פֿון די אַרבייטס-צווייגען פֿון דער קאָלאָניע: אַגריקולטור, האָדעווען די פֿיעה, קיכען-אַרבייט און רייניגונגס-אַרבייט.

אַזאַ פּלאַן וואָלט געקענט אויסגעפֿיהרט ווערען אפילו שוין מאָרגען, און עס איז טאַקע אַ וואונדער, וואָס אַזאַ קאָמבינאַציאָן פֿון אַ פֿאַרם, אַ האָטעל און אַ גאָרטען איז ביז איצט נאָך נים געשאַפֿען געוואָרען פֿון איינצעלנע אינטעליגענטע האָטעל בעזיצער.

---

III.

## די קליינע קאָמוניסטישע קאָמונעס. — די אורזאַכע פֿון זייער שלעכטען ערפֿאָלג.

מען וואָלט אונז אפשר געקענט בעמערקען, אַז דאָ איז טאַקע דער פּונקט, וואו די קאָמוניסטען פֿאַלען דורך מיט זייערע פּלענער; אויב עס איז אפֿילו מעגליך צו שאַפֿען אינסטיטוציאָנען פֿאַר דער געמיינשאַפֿט-ליכקייט פֿון דער קאָנסומציאָן, האָט זיך אָבער יעדער פֿערזוך צו אָרגאַניזירען די אַרבייט אויף אַ געמיינשאַפֿטליכען שטייגער, געענדיגט מיט אַ פֿיאַסקאָ. אָבער דער דאָזיגער אַרגומענט האָט ניט קיין באָדען; די אורזאַכען, וואָרום אַזעלכע אונטערנעהמונגען האָבען ניט געהאַט קיין ערפֿאָלג, זיינען שטענדיג געווען אַנדערע.

פֿריהער פֿון אַלעס איז נויטווענדיג צו בעמערקען, אַז די מייסטע פֿון די דאָזיגע אונטערנעהמונגען זיינען געגרינדעט געוואָרען אונטער דעם איינפֿלוס פֿון אַ כמעט רעליגיעזען ענטהוזיאַזמוס. מען האָט געפֿאָדערט פֿון די מענשען, זיי זאָלען זיין „די פּיאָנירען פֿון דער מענשהייט", זיך אונטערוואַרפֿען צו אַלע רעגלען פֿון אַ קליין-גייסטיגער און בעשריינקטע-

מאראל, אום איבערצובייטען זייער גאנצע נאטור און זיך צוצופאסען צו דעם קאמוניסטישען לעבען, אי אין דער צייט פון דער ארבייט, אי אין זייערע פרייע שטונדען; מיט איין ווארט, מען האט געפאדערט פון זיי, אז זיי זאלען אין גאנצען לעבען פאר דער קאמונע, און דאס איז איינפאך געווען אונזיניג.

דאס איז געווען די מעטהאדע פון די מאנאבען: צו פאדערען פון מענשען — אבוואהל עס איז ניטא קיין שום נויטווענדיגקייט פאר אזא פאדערונג — זיי זאלען זיין דאס, וואס זיי זיינען ניט און קענען ניט זיין. ערשט די קאמונעס, וואס זיינען לעצטענס געגרינדעט געווארען פון אנארכיסטיש־קאמוניסטישע ארבייטער, זיינען געווען פריי פון אזעלכע שטרעבונגען; זייער ציעל איז געווען א ריין עקאנאמישער — זיי האבען זיך געוואלט ארויסדרעהען פון דער אויסבייטונג דורך דעם מייסטער.

נאך א פעהלער איז געמאכט געווארען ביי די מייסטע פון אזעלכע אונטערנעהמונגען: מען האט פערזוכט צו געבען דער קאמונע די פארם פון א פאמיליע, מען האט געוואלט שאפען „די גרויסע פאמיליע". צוליעב דעם פלענט מען וואוינען אונטער דעמזעלבען דאך, און יעדער איז געווען געצוואונגען צו פערברייגגען יעדע מינוט פון זיין לעבען אין דער געזעלשאפט פון דיזעלבע „ברידער און שוועסטער". אבער מיר ווייסען, אז עס איז אפטמאל גאנץ שווער, אז צוויי ברידער, זיהן פון דיזעלביגע עלטערן, זאלען קענען וואוינען צוזאמען אונטער איין דאך; מיר ווייסען אויך, אז דער פאמילערער לעבען פאסט זיך ניט פאר אלעמען. עס איז דערפאר געווען א פונדאמענטאלער פעהלער, צו פאדערן, דאס אלע זאלען לעבען אין „דער גרויסער פאמיליע", אנשטאט צו זעהן, אז יעדער איינער זאל האבען אזוי פיעל פערזענליכע פרייהייט, ווי עס איז נור מעגליך.

איינע פון די ערשטע בעדינגונגען פאר דעם ערפאלג פון אזא קאמונע, איז איין פאר אלע מאל אוועקצומאכען מיט דער אידעע פון א פאלאנסטער*) און צו בויען בעזונדערע הייזלאך, ווי עס איז דער פאל אין ענגלאנד.

אויסערדעם איז איבערהייפט אונמעגליך, אז א קליינע קאמונע זאל קענען עקזיסטירען פאר א לענגערע צייט. די „ברידער און שוועסטער", זייענדיג געצוואונגען שטענדיג צו פערברייגגען אין דערזעלבער קאמפאניע, ניט האבענדיג קיין שום נייעם איינדרוק אין זייער אומגעבונג, מוזען זיך

*) א גרויסע געמיינשאפטליכע געביידע, ווי פוריע האט זיך פארגעשטעלט.

צולעצט פֿעראַבשייען איינע די אַנדערע. אויב אָבער עס איז גענוג, אַז צוויי מענשען זאָלען זיך געגענזייטיג צוקריעגען, אָדער אויב זיי ענטזאַגען זיך בלויז צו העלפֿען זיך איינע די אַנדערע, קען זייער שטרייט פֿיהרען צו דער אויפֿלייזונג פֿון אַ קאָמונע, וואָלט עס טאַקע געווען אַן אונבעגרייפֿליכע זאַך, ווען אַזעלכע קליינע קאָמונעס זאָלען קענען עקזיסטירען אַ לענגערע צייט, איבערהויפּט, ווען מען דערמאָהנט זיך, אַז די מייסטע פֿון די דאָזיגע אונטערנעהמונגען זיינען געגרינדעט געוואָרען אין ערגעץ א פֿערוואָרפֿענעם ווינקעל, אָבגעשלאָסען פֿון דער גאַנצער וועלט. מען קען פֿערשטעהן אין פֿאָראויס, אַז אַ קליינע פֿעראייניגונג פֿון צעהן, צוואַנציג אָדער הונדערט מענשען קען לענגער ניט עקזיסטירען, ווי דריי אָדער פֿיער יאָהר. אויב זי וועט יאָ עקזיסטירען לענגער, וואָלט עס געווען אַ זעהר בעדויערליכע ערשיינונג, ווייל עס וואָלט געווען אַ בעווייז, דאָס אַלע האָבען זיך אונטערוואָרפֿען צו איינעם, אָדער דאָס אַלע האָבען פֿערלאָרען זייער אינדיווידואַליטעט. און ווייל עס איז זיכער, אַז אין דריי, פֿיער אָדער פֿינף יאָהר צייט וועט אַ טהייל פֿון די מיטגלידער פֿון דער קאָמונע זיך וועלען אָבטהיילען פֿון די אַנדערע, וואָלטען אַם ווייניגסטענס געדאַרפֿט עקזיסטירען אַ צעהן אָדער פֿופֿצעהן פֿעדערירטע קאָמונעס, כדי די, וואָס ווילען, צוליעב דיזע אָדער יענע אורזאַכען, פֿערלאָזען איין קאָמונע, זאָלען האָבען אַ מעגליכקייט אַריינצוטרעטען אין אַן אַנדער קאָמונע און אַז אַנדערע פערזאָנען פֿון אַנדערע גרופען זאָלען קענען פֿערנעהמען זייערע פלעצער. אויב ניט, מוז דער קאָמוניסטישער ביען שטאָק נויטווענדיגערווייזע צופֿאַלען ווערען, אָדער — ווי מיר קענען עס זעהן יעדען טאָג — ער וועט אריינפֿאַלען אין די הענד פֿון איין מענשען, וועלכער איז געוועהנליך דער ערגסטער „ברודער" צווישען אַלע אנדערע.

און דאַן איז נאָך דאָ אַ פונקט: אַלע קאָמונעס, וואָס זיינען ביז יעצט געגרינדעט געוואָרען, האָבען זיך אָבגעזונדערט פֿון דער געזעלשאַפֿט. אָבער דער קאַמפּף, א לעבען פֿון קאַמפּף איז פֿאַר אַן אַקטיווען מענשען אַ שטאַרקערער בעדערפֿניש ווי אַ גוט צוגעגרייטער טיש. אָט דער בעדערפֿניש צו זעהן די וועלט, אַריינצוּוואַרפֿען זיך אין דעם שטראָם פֿון'ם לעבען, מיטצוקעמפּפֿען איהרע קעמפּפֿע און מיטצולײַדען איהרע שמערצען, אָט דער בעדערפֿניש מאַניפֿעסטירט זיך ביי דעם יונגען דור נאָך שטאַרקער ווי ביי די עלטערע מענשען. דאָס איז אויך די אורזאַכע, וואַרום די יונגע לייט פֿון אַכטצעהן אָדער צוואַנציג יאָהר זיינען פשוט געצוואונגען זיך אָבצוטראָגען פֿון אַ קאָמונע, וועלכע נעהמט ניט קיין שום אַנטהייל אין דעם לעבען פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט.

שטעלט זיך אליין פאר א יונגען מאן צווישען זעכצעהן און צוואנ־ציג יאהר, פערשפארט ערגעץ וואו אין א קאמוניסטישער קאמונע אין טעקסאס, קאנאדא אדער בראזיליען. די ביכער, די צייטונגען, די אי־לוסטראציאנען דערצעהלען איהם פון גרויסע און שעהנע שטעדט, וואו דער שטראם פון לעבען בעוועגט זיך אין די גאסען, פון טהעאטער, פון שטורמדיגע פערזאמלונגען. „אט דאס הייסט געלעבט", וועט ער זאגען צו זיך אליין. „דא ביי אונז הערשט דער טויט, ערגערס ווי דער טויט — מען פערשלאפט די צייט, פערשלאפט דאס לעבען! — אבער דארט הערשט דאס עלענד? דער הונגער? וואס מאכט עס! זאל זיין דאס עלענד! זאל זיין דער הונגער, אזוי לאנג ווי איך וועל האבען א מעגליכקייט צו קעמפפען, אזוי לאנג וועל איך ניט פערגליווערט ווערען גייסטיג און מאראליש, ווייל דאס איז ערגער ווי דער טויט אליין!" — און ער פער־לאזט די קאמונע און ער איז פאלקאם גערעכט.

מיר קענען אלזא פערשטעהן דעם גרויסען טעות, וואס די איקאריער און אנדערע קאמוניסטען האבען געמאכט, ווען זיי האבען געגרינדעט זייערע קאמונעס אין די סטעפעס פון נארד־אמעריקא. עס וואלט זיך זיי בעסער געצאהלט צו דינגען א שטיק לאנד אין איירארא, איידער צו פערקריכען אין א וויסטעניש און וויינינער צו חלום'ן פון א נייעם רעליגיעזען רייך, ווי די קאמוניסטען פון אנאמא, די שעקערס און די דוכאבארען האבען געטהאן. סאציאלע רעפארמאטארס נייטיגען זיך אין דעם קאמפף, אין דער פערבינדונג מיט גייסטיגע צענטערס און אין שטענדיגע בעציהונגען צו דער געזעלשאפט, וועלכע זיי ווילען רעפאר־מירען: זיי מוזען האבען די אינספיראציאן פון דער וויסענשאפט, פון דער קונסט, פון'ם פראגרעס, און דאס לאזט זיך ניט ערווערבען דורך ביכער אליין.

עס איז איבערפליסיג נאך צוצוזעצען, אז די רעגירונג פון דער קאמונע איז שטענדיג געווען דער ערגסטער הינדערניש פאר אלע פראקטישע קאמוניסטען. און ווירקליך, מען דארף בלויז לייענען „די רייזע נאך אי־קאריען" פון קאבע, אום צו פערשטעהן, וויפיעל אבשייליכע און אונ־מעגליכע בעדינגונגען עס האבען געמוזט עקזיסטירען אין די קאמונעס, וועלכע די איקאריער האבען געגרינדעט. עס איז געווען די פאלשטענדיגע פערניכטונג פון דער מענשליכער פערזענליכקייט, די אבסאלוטע אונטער־ווארפונג אונטער דעם כהן גדול, וואס קאבעט האט געפאדערט. מען קען פערשטעהן, ווארום פרודהאן האט אזוי פערהאסט אט די סעקטע. זי האט עס בשור פערדיענט.

פֿון דער אַנדערער זייט זעהען מיר, אַז די קאָמוניסטען, אין ווע־מענס קאָמונעס די אויטאָריטעט איז געווען שוואַכער, אָדער וועלכע האָבען איבערהויפּט ניט געהאַט קיין רעגירונגס־פֿאָרם, ווי צ.ב.ש. „די יונגע איקאַריען", האָבען געהאַט אַ פֿיעל בעסערן ערפֿאָלג. דאָס איז גאַנץ נאַ־טירליך. דער פּאָליטישער האַס מאַניפעסטירט זיך שטענדיג אויף אַן אויסערגעוועהנליך שטאַרקען אופן. מיר קענען לעבען אין דרוזעלבער שטאָדט, צוזאַמען מיט אונזערע פּאָליטישע געגנער, ווען מיר זיינען ניט שטענדיג געצוואונגען צו קומען מיט זיי אין בעריהרונג ביי יעדער געלעגענהייט. אָבער ווי אַזוי איז מעגליך צו לעבען אין אַ קליינע קאָמונע, וואו מען איז געצוואונגען צו זעהען זיך איינער דעם אַנדערן יעדען טאָג, יעדע שטונדע? דער פּאָליטישער קאַמפּף טראָגט זיך איבער אין דער ווערקשטאַט, אין דעם אַרבייטס־צימער, אין דעם אַלגעמיינעם געזעלשאַפטס־צימער — און דאָס לעבען ווערט פּשוט אונערטרעגליך.

וואָס אָנבעלאַנגט די אַרבייט, איז אָבער בעוויזען און אימער ווידער פֿון דאָס ניי בעוויזען געוואָרען, אַז די קאָמוניסטיש אָרגאַניזירטע אַרבייט, די קאָמוניסטישע פּראָדוקציאָן, איז געווען אַ וואונדערבאַרער ערפֿאָלג. ביי קיין שום קאָמערציעלער אונטערנעהמונג איז דער מעהר־ווערטה, וועלכען די ערד האָט בעקומען דורך דער אַרבייט, ניט געווען אזוי גרויס, ווי עס איז געווען דער פֿאַל אין יעדער איינציגער פֿון די קאָמונעס, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען, סיי אין אַמעריקאַ סיי אין אייראָפּאַ.

מיר האָבען שוין פֿריהער געזעהן, אַז אין גרויסע געמיינדעס ווי די פֿון די 7000 דוכאָבאָרצעס אין קאַנאַדאַ, איז דער עקאָנאָמישער ערפֿאָלג געווען אַ פֿאָלשטענדיגער און אַ שנעלער. אָבער דעמזעלבען עקאָנאָמישען ערפֿאָלג האָבען מיר אויך געזעהן אין אַ גאַנץ קליינע קאָמונע פֿון זיבען אָדער אַכט אַנאַרכיסטישע אַרבייטער ניט ווייט פֿון ניוקאַסל. אויך זיי האָבען אָנגעפֿאַנגען אָהן אַ גראָשען. זיי האָבען געדונגען דריי העקטאַר לאַנד (מיר האָבען געמאַכט פֿאַר זיי אין לאָנדאָן אַ זאַמלונג, בדי זיי זאָלען זיך קויפֿען אַ קוה, אום צו פֿערזאָרגען די קינדער פֿון דער קליינער קאָלאָניע מיט מילך); אָבער אין דריי אָדער פֿיער יאָהר צייט האָבען זייערע דריי העקטאַר לאַנד געהאַט אַ בעדייטענדען ווערטה דורך דער אינטענסיווער קולטור פֿערבונדען מיט גערטנעריי און גלאָז־הויז קולטור. קומענדיג אין ניוקאַסל, האָבען מיר געמוזט בעוואונדערן זייער אויסערגעוועהנליכען ערפֿאָלג. (די קאָאָפּעראַציאָן פֿון סאָנדערלענד פֿלעגט

קויפֿען זייערע פּראַכטפֿאָלע טאַמאַטעס, וועלכע זיי האָבען געהאָדעוועט אין גלאָז־הייזער.)

ווען די דאָזיגע קליינע קאָמונע האָט זיך אויך געמוזט אויפֿלייזען אין דריי אָדער פֿיער יאָהר אַרום, איז עס געווען דערפֿאַר, ווייל דאָס איז דער אונפֿערמיידליכער שיקזאַל פֿון אַלע אַזעלכע קליינע אונטערנעהמונגען, וועלכע ווערען אויפֿגעהאַלטען דורך דעם ענטהוזיאַזם פֿון איינצעלנע אינדיווידוען. אָבער עס איז פֿאַר קיין פֿאַל ניט געווען דער עקאָנאָמישער דורכפֿאַל, וועלכער האָט איהר געצוואונגען זיך אויפֿצולייזען; עס זיינען געווען פּערזענליכע אורזאַכען, וועלכע זיינען אונפֿערמיידליך אין אַזאַ קליינעם קרייז מענשען, וועלכע זיינען פֿעראורטהיילט צו האָבען שטענדיגע בעציהונגען איינע מיט די אַנדערע.

אויב מיר וואָלטען געהאַט דריי אָדער פֿיער אַזעלכע פֿעדערירטע אַנאַרכיסטישע קאָמונעס, וואָלט דער אויסטריט פֿון די גרינדער ניט געקענט פֿיהרען צו דער אויפֿלייזונג פֿון דער קאָמונע; עס וואָלט בלויז שטאַטגעפֿונען אַן איבערבייט פֿון די פּערזאָנען.

עס איז גאָר קיין צווייפֿעל ניט, אַז אין פֿיעלע פֿעלע איז אויך די פֿערוואַלטונג ניט געווען אַזוי, ווי זי האָט געדאַרפֿט זיין; אָבער דאָס זעלבע איז אויך דער פֿאַל מיט קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונגען. עס איז בעקאַנט, אַז פֿון פֿינף קאָמערציעלע אינטערנעהמונגען געהען דורכשניטליך פֿיער צו גרונדע, וועהרענד די ערשטע פֿינף יאָהר נאָך זייער גרינדונג, און מען מוז צוגעבען, אַז די קאָמוניסטישע קאָמונעס האָבען ניט אויפֿצואווייזען עפּעס עהנליכעס צו דער איבערגרויסער מאָהנטער צאָהל פֿון ניט ערפֿאָלגרייכע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונגען. אויך די „גייסטרייכע" בעמערקונגען פֿון דער בורזשואַזער פּרעסע, אַז מען זאָל געבען די אַנאַרכיסטען ערגעץ אַן אינזעל, כדי זיי זאָלען דאָרטען קענען גרינדען זייער קאָמונע, איז פֿאַר אונז קיין שום אַרגומענט ניט געגען דער צוועקמעסיגקייט פֿון'ם קאָמוניזם. מיר וואָלטען אָנגענומען אָט דעם פֿאָר־שלאַג מיט דעם גרעסטען פֿערגניגען, אויב מען וואָלט אונז געגעבען אַ שטיק לאַנד ווי די איל־דע־פֿראַנס און אונז אויסגעצאָהלט אונזער חלק פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכען קאַפּיטאַל, וועלכער קומט אונז. אָבער אַזוי ווי מען וועט אונז ניט געבען די איל־דע־פֿראַנס און ניט אויסצאָהלען דעם חלק, וואָס עס קומט אונז, כדי מיר זאָלען קענען מאַכען אַ ווירקליכען און פֿאָלקאָמענעם פּערזוך מיט דעם קאָמוניזם, וועלען מיר בעסער פֿאָרטזעצען אונזער אַרבייט צווישען די מאַסען, ביז וואַנען דאָס פֿאָלק וועט ענדליך מאַכען אַ פֿערזוך מיט דעם קאָמוניזם אויף אַ גרויסען

שטייגער, דורך דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן. אין פּאַריז, אין 1871, און אין באַרצעלאָנאַ איז מען ניט געוועזן אַזוי מורא׳דיג ווייט פֿון אַזאַ פֿערזוך — און די אידעען האָבען פּראָגרעסירט פֿון דאַמאָלס אָן.

פֿאַר אַלעם פֿערשטעהען מיר היינט, דאָס איין שטאָדט, ערקלערענדיג זיך פֿאַר אַ קאָמונע, האָט צו קעמפּפֿען מיט גרויסע שוועריגקייטען, אום זי זאָל קענען עקזיסטירען. דער פֿערזוך וואָלט פֿאָלגליך נעדאַרפֿט געמאַכט ווערען אויף אַ גאַנצען טעריטאָריום, צ.ב.ש. אין איינעם פֿון די וועסטליכע שטאַאַטען פֿון אַמעריקאַ, אין איידאַהאָ אָדער אָהייאָ — אַזוי האָבען אונז געזאָגט עטליכע אַמעריקאַנער סאָציאַליסטען — און זיי זיינען פֿאָלשטענדיג גערעכט געווען. אַ טעריטאָריום, וואָס איז גענוג גרויס און וועלכע בעשטעהט פֿון שטאָדט און לאַנד — ניט בלויז אַן איינצעלנע שטאָדט אָדער ערגעץ אַ דאָרף — אָט דאָס וועט זיין דער אויסגאַנגס־פּונקט פֿון דע־ קאָמוניסטישער צוקונפֿט.

* * *

מיר האָבען שוין אַזוי אָפֿט בעוויזען, אַז דער שטאַאַטס־קאָמוניזם קען ניט פֿערווירקליכט ווערען, אַז עס וואָלט געוועזן אַן אומזיסטיגע אַרבייט, ווען מיר זאָלען זיך נאָך אַמאָל בעשעפֿטיגען מיט דער דאָזיגער פֿראַגע. דער פֿאַקט איז, אַז די אָנהיינגער פֿון אַ סאָציאַליסטישען שטאַאַט גלויבען שוין אַליין מעהר ניט אין דעם. קיינער פֿון זיי חלום׳ט היינט מעהר ניט פֿון דעם פּראָגראַם פֿון׳ם יאַקאָבינישען קאָמוניזם, וועלכען קאַבע האָט אַרויסגעשטעלט אין זיין „רייזע נאָך איקאַריען“. דער „קאָמוניסטישער מאַניפֿעסט“ פֿון מאַרקס און ענגעלס איז שוין געוואָרען אַן אַנאַכראָניזם פֿאַר די מאַרקסיסטען גופא. די מייסטע שטאַאַטס־סאָציאַליסטען זיינען היינט בעשעפֿטיגט צו פֿערכאַפּען אַ שטיק פֿון דער פּאָליטישער מאַכט אין דעם היינטיגען שטאַאַט — דעם בורזשואַזען שטאַאַט — און קימערן זיך שוין ניט מעהר צו ערקלערען, וואָס זיי פֿערשטעהען אייגענטליך אונטער אַ סאָציאַליסטישען שטאַאַט, וועלכער וואָלט מעהר ניט געקענט זיין ווי דער שטאַאַט אַלס דער איינציגער קאַפּיטאַליסט און אַלע בירגער אַלס לוין־אַרבייטער פֿון׳ם שטאַאַט. ווען מען זאָגט זיי, אַז דאָס איז זייער ציעל, פֿיהלען זיי זיך שטאַרק בעליידיגט; אָבער זיי ערקלערען אונז פֿאַר קיין פֿאַל ניט, וואָס פֿאַר אַן אַנדער פֿאָרם פֿון אָרגאַניזאַציאָן זיי ווילען עטאַבלירען. דערפֿאַר וואָס זיי גלויבען שוין מעהר ניט אין אַ קומענדע סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, איז זייער ציעל ביסלעכווייז געוואָרען אַ טהייל פֿון דער

רעגירונג אין דעם איצטיגען בורזשואַזען שטאַאַט. זיי לאָזען עס איבער צו דער צוקונפֿט צו בעשטימען, וואוהין דער וועג וועט אונז פֿיהרען.

וואָס אָנבעלאַנגט די, וועלכע האָבען יאָ פֿערזוכט אויסצומאָלען דעם סאָציאַליסטישען צוקונפֿטס-שטאַאַט, ווען מען האָט זיי פֿאָרגעוואָרפֿען, אַז זיי ווילען דערשטיקען יעדע פֿרייהייט, וועלענדיג קאָנצענטרירען די פּראָדוקציאָן אין די הענד פֿון די שטאַאַטס-בעאַמטע, איז זייער ענטפֿער געווען, אַז זיי ווילען ניט מעהר ווי סטאַטיסטישע ביוראָס. אָבער דאָס איז ניט מעהר ווי אַ שפּיעל מיט ווערטער. יעדער ווייסט היינט, אַז די איינציגע ווערטהפֿולע סטאַטיסטיק ווערט געמאַכט דורך דעם אינדיווידואום גופא, וועלכער פֿערשרייבט זיין עלטער, זיין געשלעכט, זיין בעשעפֿטיגונג, זיין סאָציאַלע שטעלונג, אַ ליסט פֿון דעם, וואָס ער קויפֿט און פֿערקויפֿט און אַן אויסרעכנונג פֿון זיינע בעדערפֿנישען.

אַלע פֿראַגען, וועלכע מען שטעלט היינט דעם איינצעלנעם, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַן ערנסטער אונטערזוכונג, ווערען מייסטענטהיילס אויסגעאַרבייט פֿון איינצעלנע פֿרייוויליגע אָדער פֿון וויסענשאַפֿטליכע געזעלשאַפֿטען; און די גאַנצע ראָלע פֿון די סטאַטיסטישע ביוראָס בעשרייינקט זיך היינט אויף דער פֿערטהיילונג פֿון די פֿראַגע-בויגען, אויף דער קלאַסיפֿיצירונג פֿון די מאַרקירונגען און אויף דער צעהלונג מיט דער צעהל-מאַשין. צו בעשריינקען די פֿונקציאָנען פֿון דעם שטאַאַט, פֿון דער רעגירונג אויף אָט די ראָלע, און צו ערקלערען, אַז אונטער אַ רעגירונג פֿערשטעהט מען ניט מעהר ווי דאָס, מיינט ניט מעהר און ניט וויניגער, ווי זיך צוריקציהען אויף אַן עהרליכען אופֿן. און מען מוז ווירקליך אָנערקענען, אַז די יאַקאָבינער האָבען שטאַרק אָבגעשוואַכט זייער אַמאָליגען אידעאַל וועגען דער דיקטאַטור און דער סאָציאַליסטישער צענטראַליזאַציאָן פֿאַר די לעצטע דרייסיג יאָהר. קיינער וואַגט שוין היינט ניט מעהר צו בעהויפּטען, אַז די פּראָדוקציאָן פֿון קאַרטאָפֿעל און רייז מוז רעגולירט ווערען דורך דעם פּאַרלאַמענט פֿון'ם פֿאָלקס-שטאַאַט, ווי מען האָט געקענט לייענען אין די דייטשע סאָציאַליסטישע צייטונגען מיט דרייסיג יאָהר צוריק.

## IV.

## איז דער קאמוניזם אן אבשוואכונג פון דער פערזענליכקייט?

אַזוי ווי דער קאָמוניסטישער שטאַאט איז אַן אוטאָפיע, פון וועלכער זיינע אייגענע אָנהייננער הויבען זיך אָן ביסלעכווייז צו בעפרייען, האָט עס פאַר אונז קיין שום ווערטה ניט, מיר זאָלען זיך נאָך אַמאָל בעשעפטיגען מיט דער דאָזיגער פראַגע. עס איז שוין צייט צו געהן ווייטער. וויכטיגער איז היינט צו אונטערזוכען, אויב דער אַנאַרכיסטישער קאָמוניזם ענטהאַלט אפשר ניט אויך אין זיך אַ בעשריינקונג פון דער אינדיווידועלער פרייהייט.

עס איז אַ פאַקט, אַז אין אַלע דיסקוסיאָנען וועגען פרייהייט, זיינען אונזערע אידעען נאָך זעהר שטאַרק בעאיינפלוסט דורך די איבערבלייבאַכץ פון פערגאַנגענע יאָהרהונדערטער פון לייבאייגענשאַפט און רעליגיעזע אונטערדריקונג, וועלכע מיר האָבען איבערגעלעבט.

די עקאָנאָמיסטען האָבען פאָרגעשטעלט דעם געצוואונגענעם אָבמאַך צווישען דעם אַרבייטער און אַרבייט־געבער, וועלכען דער ערשטער מוז שליסען, אויב ער וויל ניט שטאַרבען פון הונגער, אַלס אַ צושטאַנד פון פרייהייט. די פאָליטיקער פון דער אַנדערער זייט רופען אָן פרייהייט אָט דעם צושטאַנד, אין וועלכען דער געוועזענער לייבאייגענער און איצטיגער בירגער געפינט זיך היינט אַלס אונטערטהאַן פון׳ם שטאַאַט. ווי פאַלש עס איז אָנצורופען אַזאַ צושטאַנד פרייהייט, קען יעדער איינציגער פערשטעהן, אויב ער קלערט נאָר אַביסעל איבער אָט די פראַגע.

ווי אַזוי קען מען בעהויפטען, אַז דער בירגער פון אַ מאָדערנעם שטאַאַט לעבט אין אַ צושטאַנד פון פרייהייט, ווען דערזעלבער שטאַאַט קען איהם אפשר שוין מאָרגען אוועקשיקען נאָך אַפריקאַ דער׳הרג׳ענען פריעדליכע קאַבילען מיט דעם איינציגען צוועק צו עפענען אַ נייע פעלד פון ספעקולאַציאָן פאַר די באַנקירען און אויסצופלינדערען דאָס לאַנד פון די קאַבילען פאַר די אייראָפעאישע אַוואַנטוריסטען? ווי אַזוי קען אַ מענש זיך גאָר איינריידען, אַז ער איז פריי, ווען יעדער איינציגער פון אונז איז געצוואונגען אַוועקצוגעבען אַם ווייניגסטענס אַ מאָנאַט אַרבייט יעדעס יאָהר, אום אויפצוהאַלטען אַ מחנה רעגירער, וועמענס איינציגער ציעל עס איז צו פערהינדערן, אַז די אידעען פון דעם סאָציאַלען פראָגרעס זאָלען זיך ניט קענען פערשפרייטען, אַז די עקספלאָטירטע זאָלען זיך ניט קענען בעפרייען פון זייערע עקספלאָאַטאַטאָרס, אַז די מאַסעי

זאָלען געהאַלטען ווערען אין אונוויסענהייט דורך דעם שטאַאַט און דער קירכע, כדי זיי זאָלען זיך ניט דערוויסען וועגען דעם אורשפּרונג פֿון זייער קנעכטשאַפֿט?

עס פֿערשטעהט זיך, אַז די פֿאָרשטעלונג פֿון אַזאַ סאָרט פֿרייהייט ווערט ביסלעכווייז אַלץ שווערער און שווערער. אפילו די פֿאָרטגעשרי־טענסטע מאָראַליסטען, ווי מילל און זיינע צאָהלרייכע שילער, ערקלע־רענדיג, אַז פֿרייהייט מיינט דאָס רעכט צו טהאָן אַלצדינג, וואָס עס ברייגנט ניט קיין שאָדען צו דער גלייכער פֿרייהייט פֿון אַלע איבעריגע, אפילו זיי האָבען אויך ניט געגעבען קיין קאָרעקטע דעפֿינאַציאָן פֿון דעם וואָרט פֿרייהייט. עס איז גאָר ניט נייטיג צו בעמערקען, אַז דאָס וואָרט „רעכט" איז זעהר אַ פֿערדרעהטע ירושה פֿון דער פֿערגאַנגענהייט, וועלכעס זאָגט אונז גאָרנישט אָדער עס זאָגט אונז צופֿיעל. עס איז בע־קאַנט, אַז מילל'ס דעפֿינאַציאָן האָט ספּענסער'ן און אַ גרויסע צאָהל אַנדערע שרייבער, אפילו אייניגע אינדיווידואַלוסטישע אַנאַרכיסטען גע־געבען די מעגליכקייט צוריק אויפֿצובויען דאָס געריכט, די געזעצליכע בעשטראָפֿונג, זאָגאַר די טויט-שטראָף; מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז זיי זיינען ביסלעכווייז געצוואונגען צוריקצוקעהרען זיך צום שטאַאַט, וועלכען זיי האָבען פֿריהער אַליין קריטיקירט אויף אַזאַ וואונ־דערבאַרען אופֿן.

לאָמיר אַלזאָ זעהן, וואָס דאָס איז אַזוינס פֿרייהייט.

מיר וועלען זיך דאָ ניט בעשעפֿטיגען מיט ניט אויסגערעכענטע האַנדלונגען, זאָנדערן אויסשליסליך האַנדלען מיט אַזעלכע אַקטען, וועלכע ווערען בעגאַנגען בעוואוסטערהייט און אויף וועלכע דאָס געזעץ, די רע־ליגיאָן און די פֿערשידענע סיסטעמען פֿון בעשטראָפֿונג זוכען אַליין צו האָבען אַן איינפֿלוס. יעדער איינציגער פֿון אַזעלכע אַקטען ווערט איינ־געלייטעט דורך אַ מין ויכוח אין'ם מענשליכען מוח. — „איך וועל זיך אַביסעל דורכשפּאַצירען", טראַכט זיך אַ מענש... — „ניין, איך וועל בעסער זעהן מיינעם אַ פֿריינד"; אָדער נאָך בעסער: „איך האָב פֿער־שפּראָכען צו ענדיגען מיין אַרבייט"; אָדער: „מיין ווייב און קינדער וועלען זיין טרויריג, אויב איך וועל זיי איבערלאָזען אַליין"; אָדער נאָך בעסער: „איך וועל פֿערלירען מיין פּלאַץ, אויב איך וועל ניט געהן צו דער אַרבייט".

די לעצטע בעטראַכטונג ענטהאַלט אין זיך, ווי מען קען זעהן, אַ געוויסע מורא פֿאַר בעשטראָפֿונג, וועהרענד ביי די ביידע ערשטע בע־טראַכטונגען בלייבט עס איבער צו דעם מענשען אַליין צו ענטשיידען

צווישען זיינע געוואוינהייטען, זיין געטרייקייט און זיינע סימפּאַטהיען. און אָט דאָ ליגט דער גאַנצער אונטערשיעד. מיר פֿערשטעהען, דאָס אַ מענש, וואָס איז געצוואונגען צו רעכענען זיך מיט דעם ערשטען געדאַנק: „איך וועל זיך בעסער אַנטזאָגען פֿון אָט דעם פֿערגניגען, כדי מען זאָל מיר ניט בעשטראָפֿען דערפֿאַר" — אַזאַ מענש איז ניט קיין פֿרייער מענש. און מיר בעהויפּטען, אַז די מענשהייט קען און מוז זיך בעפֿרייען פֿון דער מורא פֿאַר בעשטראָפֿונג; אַז זי איז אימשטאַנד צו שאַפֿען אַן אַנאַרכיסטישע געזעלשאַפֿט, וואו עס וועט מעהר ניט עקזיסטירען די מורא פֿאַר וואָס פֿאַר עס איז ניט שטראָף און אפילו ניט דער אונאַנגענעהמער געפֿיהל, אַז אַנדערע וועלען אונז טאַדלען. דאָס איז דער אידעאַל, צו וועלכען מיר שטרעבען.

אָבער מיר ווייסען אויך, אַז מיר קענען און וועלען זיך ניט בעפֿרייען פֿון אונזערע סימפּאַטהיען; מיר וועלען ליידען, אויב צוליעב אונז וועלען ליידען די, וואָס מיר ליעבען; מיר ווילען ניט, אַז זיי זאָלען זיך זאָרגען, אפילו ניט, אַז זיי זאָלען ענטוישט ווערען צוליעב אונז, און דעריבער האָט זיך אויסגעאַרבייט ביי אונז די געוואוינהייט צו זיין געטריי צו יענעם, צו האַלטען וואָרט א.ז.וו. אין דיזער בעציהונג איז דער מענש קיינמאָל ניט פֿריי, און דער „אַבסאָלוטער" אינדיווידואַליזם, פֿון וועלכען מען פֿלעגט אַזוי פֿיעל ריידען פֿאַר דער לעצטער צייט, איבערהויפּט זייט ניעטצשע, איז אַ לעכערליכקייט, אַן אונמעגליכקייט.

אפילו ראָבינסאָן אויף זיין אינזעל איז ניט געווען אַבסאָלוט פֿריי אין דעם זין, ווי דאָס וואָרט „פֿריי" איז אָפֿט פֿערשטאַנען געוואָרען אין די דיסקוסיאָנען. שוין באַלד ווען ער האָט אָנגעהויבען בויען זיין שיפֿעל, קולטיווירען אַ גאָרטען און צו פֿערזאָרגען זיך מיט נאהרונג פֿאַר דעם ווינטער, האָט ער זיך שוין מעהר ניט געקענט אַרויסדרעהען פֿון זיין אַרבייט. ווען ער האָט זיך געפֿיהלט אַביסעל פֿויל און וואָלט בעסער פֿאָרגעצויגען צו כאַפּען אַ דרעמעל אין זיין הייל, פֿלעגט ער קלערען פֿאַר אַ מאָמענט און דערנאָך ווייטער פֿאָרטזעצען זיין אַרבייט. און שפּעטער, ווען ער האָט שוין געהאַט אַ הונד און צוויי אָדער דריי ציעגען און הויפּטזעכליך, ווען פֿרייטאָג האָט אַריינגעטראָטען אין דעם קרייז פֿון זיין לעבען, האָט ער שוין געהאַט געוויסע פֿליכטען. ער האָט זיך געמוזט רעכענען מיט די אינטערעסען פֿון דעם אַנדערן און איז שוין מעהר ניט געווען אָט דער פֿאָלקאָמענער אינדיווידואַליסט, פֿאַר וועלכען מען האָט ליעב איהם פֿאָרצושטעלען פֿאַר אונז.

פון דעם טאָג אָן, ווען אַ מענש פערליעבט זיך אין אַ פרוי, אָדער ווען ער האָט קינדער, צי עס זיינען זיינע אייגענע, צי אַנדערע (די געזעלשאַפט) האָבען זיי איהם אָנגעטרויט, פון דעם טאָג אָן, ווען ער נעהמט אַריין ביי זיך אין הויז אַ הונד, אַ קאַץ, אַ פויגעלע אָדער זאָל זיין בלויז אַ בלומען־טאָפּ, וועמען ער דאַרף בעגיסען פון צייט צו צייט — פון דעם מאָמענט אָן איז ער שוין ניט מעהר אָט דער „עגאָאיסט", וואָס האָט „די גאַנצע וועלט אין דר'ערד", אָט דער איינגערעדטער „אינדיווידואַליסט", וועמען מען פלעגט אונז מאַנכעס מאָל פאָרשטעלען אַלס דעם אמת'ן טיפּ פון אַ פרייען מענשען. ניט אויף ראָבינסאָן'ס אינזעל און נאָך פיעל וויינינגער אין וואָס פאַר עס איז ניט געזעלשאַפט קען אַזאַ טיפּ זיין דער הערשענדער. ער קען ענטשטעהן אונטער געוויסע אויסערגעוועהנליכע אומשטענדען, און ער צייגט זיך טאַקע אַרויס אין דעם צושטאַנד פון רעוואָלט געגען צופּוילטע און היפּאָקריטישע געזעלשאַפט, ווי די אונזעריגע; אָבער ער וועט קיינמאָל ניט זיין דער אַלגעמיינער טיפּ; ער איז אפילו ניט קיין ווינשענס־ווערטער טיפּ. דער מענש נעהמט אין אָנבעטראַכט און וועט שטענדיג נעהמען אין אָנבעטראַכט די אינטערעסען פון אַנדערע מענשען, און וואָס אייגער עס וועלען זיין צווישען זיי די בעציהונגען פון זייערע געגענזייטיגע אינטערעסען, און וואָס אָפענער און פרייער די אַנדערע וועלען בעשטעטיגען זייערע געפיהלען, זייערע ווינשע, זייערע גלייכע רעכטע, אַלץ מעהר וועט יעדער איינער פון זיי זיך רעכענען מיט די אינטערעסען פון די אַנדערע.

אויף אַזאַ אופן קענען מיר ניט געפינען קיין בעסערע ערקלערונג פאַר דעם פרייהייטס־בעגריף, ווי אָט דעם: פרייהייט איז די מעגליכקייט צו האַנדלען לויט דעם פערזענליכען בעשלוס, וועלכער ווערט ניט בעאיינפלוסט פון קיין שום מורא פאַר אַ געזעלשאַפטליכער בעשטראָפונג (ווי צ.ב.ש. קערפּערליכער צוואַנג, מורא פאַר'ן הונגער און זאָגאַר אַ טאַדעל, וואָס קומט ניט אַם וויינינגסטענס פון אַ פריינד).

פערשטעהענדיג די פרייהייט אויף אַזאַ שטייגער — און מיר צווייפלען, צי עס איז מעגליך צו געפינען אַ ברייטערע און אין דערזעלבער צייט אַ ראַיעלערע דעפינאַציאָן פאַר דער פרייהייט — קענען מיר בעהויפּטען מיט זיכערהייט, אַז דער קאָמוניזם קען אָבשוואַכען און אפילו אין גאַנצען דערשטיקען די אינדיווידועלע פרייהייט. מען האָט טאַקע געפריידיגט די בעשריינקונג פון דער פערזענליכער פרייהייט אַלס די

ערשטע בעדינגונג פֿאַר דעם אַלגעמיינעם גליק פֿון דער מענשהייט, און אין מאַנכע קאָמונעס האָט מען זאָגאַר פֿערזוכט צו פֿער־ווירקליכען אַזאַ צושטאַנד. אָבער דער קאָמוניזם קען אויך פֿערגרעסערן די אינדיווידועלע פֿרייהייט ביז צו איהרע לעצטע גרענעצען; — אַזאַ ציעל קען ניט דערגרייכט ווערען דורך דער אינדיווידואַליסטישער אַרביים און נאָך פֿיעל ווייניגער דורך דער אויס־ביימונג פֿון אַנדערע, בעטראַכטענדיג אָט די אַנ־דערע פֿאַר אַ נידעריגערען סאָרט מענשען.

אַלעס ווענדט זיך אין די פֿונדאַמענטאַלע אידעען, מיט וועלכע מען וועט פֿעראייניגען דעם קאָמוניזם. עס איז ניט די קאָמוניסטישע פֿאָרם פֿון דער פֿעראייניגונג, וועלכע פֿעראורזאַכט די קנעכטשאַפֿט: עס זיינען די אידעען פֿון דער אינ־דיווידועלער פֿרייהייט אין דער פֿעראייניגונג, וועלכע בעשטימען דעם מעהר אָדער ווייניגער פֿרייהייטליכען כאַראַקטער פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער גרופּירונג.

די פֿאָרם פֿון אַ פֿעראייניגונג שפּיעלט אין דער דאָזיגער בעציהונג אַ וויכטיגע ראָלע; אָבער וויכטיגער פֿון אַלעס איז דער גייסט, וועלכער בעהערשט די מיטגלידער פֿון דער פֿעראייניגונג. דער צוזאַמען־לעבען פֿון צוויי פּערזאָנען אין דערזעלבער וואוינונג קען פֿעראורזאַכען די אונ־טעריאָכונג פֿון איינעם אונטער דעם ווילען פֿון׳ם צווייטען; אָבער עס קען אויך מיינען די פֿרייהייט פֿאַר ביידע. דאָסזעלבע איז דער פֿאַל מיט דער פֿאַמיליע. דאָסזעלבע, ווען צוויי נעהמען זיך אונטער איבערצוגראָבען אַ גאָרטען אָדער אַרויסצוגעבען אַ צייטונג. דאָסזעלבע טרעפֿט מיט יעדער געזעלשאַפֿטליכער גרופּירונג, ווי קליין אָדער ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די צאָהל פֿון איהרע מיטגלידער. דאָסזעלבע איז דער פֿאַל מיט יעדער גע־זעלשאַפֿטליכער אינסטיטוציאָן. אין צעהנטען, עלפֿטען און צוועלפֿטען יאָהר־הונדערט האָט עקזיסטירט די קאָמונע פֿון די גלייכע, פֿון מענשען, וועלכע האָבען געגאָסען דיזעלבע פֿרייהייט און וועלכע זיינען שטענדיג אויסען געווען אויפֿצוהאַלטען אָט די פֿרייהייט און גלייכהייט. אָבער שפּעטער מיט פֿיער הונדערט יאָהר האָבען מיר געזעהן, אַז דיזעלבע קאָמונע איז געווען אונטערוואָרפֿען צו אַ מאָנאַך, צו אַ מיליטערישען אָנפֿיהרער אָדער צו אַ קעניג. די קאָמונאַלע אינסטיטוציאָנען זיינען פֿערבליבען; אָבער די אידעע פֿון׳ם רוימישען רעכט, די אידעע פֿון׳ם שטאַאַט האָבען בע־קומען די אויבערמאַכט, וועהרענד די אידעען פֿון גלייכהייט, פֿרייהייט,

דאָס שיעדס־געריכט פֿאַר אויסצוגלייכען שטרייטיגקייטען, די פֿעדעראַ־
ציאָן פֿון אַלע גראַדען זיינען פֿערשוואונדען געוואָרען — עס איז מעהר
ניט איבערגעבליבען ווי די קנעכטשאַפֿט, די דעקאַדענס.

אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט, וואו קיינער קען זיך ניט בענוצען
מיט דער ערד, די פֿאַבריקען, די אַרבייטס־אינסטרומענטען, אויב ער
וויל ניט אַליין אַנערקענען, אַז ער בעלאַנגט צו אַ נידעריגערן סאָרט
מענשען און זיך ניט אונטערוואַרפֿען צו ערגעץ אַ העררר, אין דער היינ־
טיגער געזעלשאַפֿט מאַניפֿעסטירען זיך די קנעכטשאַפֿט, די אונטערוואַר־
פֿונג, די אַבוועזענהייט פֿון דער פֿרייהייט, די געוואוינהייט צו דעם
קנוט שוין אין דער פֿאָרם פֿון דער געזעלשאַפֿט גופא. אין אַ קאָמוניס־
טישע געזעלשאַפֿט אָבער, וועלכע אָנערקענט דאָס רעכט פֿון יעדען
איינציגען אויף דעם גלייכען טיטעל, אויף אַלע אַרבייטס־אינסטרומענטען,
אויף אַלע עקזיסטענץ־מיטלען, וועלכע די געזעלשאַפֿט פֿערמאָגט, וועט
קיין מענש מעהר ניט ליגען צו די פֿיס פֿון אַנדערע מענשען, מיט דער
אויסנאַהמע, פֿילייכט, פֿון אַזעלכע, וועלכע זיינען, דורך זייער אייגענע
נאַטור, פֿרייוויליגע שקלאַפֿען. מיט דעם וואָס יעדער איינציגער וועט
האָבען דעמזעלבען אַנטהייל אין דעם אַלגעמיינעם וואָהלשטאַנד, ווי אַלע
אַנדערע, וועט מעהר ניט עקזיסטירען קיין שום נויטווענדיגקייט, דאָס איין
מענש זאָל דאַרפֿען איינבויגען דעם קאָפּ פֿאַר דעם ווילען אָדער פֿאַר
דער העזה פֿון אַ צווייטען מענשען, און ער וועט אַליין אויפֿהאַלטען די
גלייכהייט אין זיינע אַלע פערזענליכע בעציהונגען, וועלכע פֿערבינדען
איהם מיט זיינע מיטמענשען.

און ווירקליך, וואָס מעהר מען טראַכט זיך אַריין אין דער דאָזיגער
פֿראַגע, אַלץ מעהר געפֿינט מען אויס, אַז פֿון אַלע אינסטיטוציאָנען, פֿון
אַלע פֿאָרמען פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער גרופּירונג, וועלכע זיינען ביז
איצט פֿערזוכט געוואָר־ען, איז דער קאָמוניזם די יעניגע, וועלכע פֿערזי־
כערט אַם בעסטען די פֿרייהייט פֿון'ם אינדיווידואום, אַזוי לאַנג ווי די
גרונד־אידעע פֿון דער קאָמונע איז געווען די גלייכע פֿרייהייט, די אָב־
וועזענהייט פֿון יעדער אויטאָריטעט, די אַנאַרכיע.

דער קאָמוניזם, אַלס אַן עקאָנאָמישע אינסטי־
טוציאָן, בעזיצט די פֿעהיגקייט זיך צוצופּאַסען צו
אַלע פֿאָרמען — אי צו דער פֿרייהייט אי צו דער אונ־
טערדריקונג פֿון דער מענשליכער פּערזענליכקייט.
ער קען שאַפֿען אַ מאָנאַסטיר, וואו אַלע געהאָרכען בלינדערהייט צו די
בעפֿעהלען פֿון זייער פֿאָרשטעהער; און ער קען זיך אויך מאַניפֿעסטירען

אַלס אַ פֿאָלשטענדיגע פֿרייע פֿעראייניגונג, וואו דער איינצעלנער איז פֿאָלקאָמען פֿריי, אַלס אַ פֿעראייניגונג, וועלכע וועט בלויז עקזיסטירען ווי לאַנג, ווי איהרע מיטגלידער ווילען בלייבען צוזאַמען, אַ פֿעראייניגונג, וועלכע ווייסט ניט פֿון קיין שום צוואַנג און וועלכע האָט זאָגאַר דעם וואונש צו פֿערגרעסערן די פֿרייהייט פֿון דעם איינצעלנעם אויף אַלע געביעטען און אין אַלע ריכטונגען. מיט איין וואָרט — דער קאָמוניזם קען זיין אויטאָריטער — און אויב דאָס איז דער פֿאַל, וועט די קאָמונע ניט קענען עקזיסטירען פֿאַר אַ לענגערע צייט — און ער קען זיין אַנאַרכיסטיש.

דער שטאַאַט אָבער בעזיצט ניט די פֿעהיגקייט פֿרייוויליג אָנצונעהמען דיזע אָדער יענע פֿאָרם. די יעניגע, וועלכע רעדען זיך איין, אַז זיי קענען צולייגען צו דעם וואָרט „שטאַאַט" אַ ווילקירליכע בעדייטונג, זיינען ניט בעקאַנט מיט דעם אורשפּרונג און מיט דער געשיכטע פֿון דער דאָזיגער אינסטיטוציאָן. דער שטאַאַט איז דער פֿאָלקאָמענסטער טיפּ פֿון דער היעראַרכישער אינסטיטוציאָן, וועלכע האָט זיך אויסגעאַרבייט אין פֿערלויף פֿון די יאָהרהונדערטער, אום צו אונטערוואַרפֿען אַלע אינדיווידוען און אַלע זייערע גרופּירונגען צו אַ צענטראַלען ווילען. דער שטאַאַט איז געצוואונגען צו זיין היעראַרכיש, אויטאָריטער — אַז ניט וועט ער מעהר ניט זיין קיין שטאַאַט.*)

* * *

פֿאַרהאַן נאָך אַ פּונקט פֿון דער גרעסטער וויכטיגקייט, וועלכער פֿערדיענט די פֿולע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון יעדען פֿרייהייטליכען דיינקער. מען הויבט היינט אָן צו בעגרייפֿען, דאָס אָהן דעם קאָמוניזם, וועט דער מענש קיינמאָל ניט דערגרייכען אָט די פֿאָלקאָמענע ענטוויקלונג פֿון זיין אינדיווידואַליטעט, וועלכע איז פֿילייכט דער שטאַרקסטער פֿערלאַנג פֿון יעדען שכל'דיגען וועזען. עס איז זעהר וואַהרשיינליך, אַז דער דאָזיגער פֿונדאַמענטאַלער פּונקט וואָלט שוין לאַנג אָנערקענט געוואָרען, אויב מען וואָלט ניט שטענדיג צונויפֿגעמישט די אינדיווידואַליזירונג; ד.ה. די פֿאָלשטענדיגע ענטוויקלונג פֿון

---

*) לואי בלאַן האָט געוואָלט, אַז „דער שטאַאַט פֿון די דיענער" זאָל פֿערנעהמען דעם פּלאַץ פֿון דעם „שטאַאַט פֿון די הערריע". פּרודהאָן האָט איהם גע ענטפֿערט מיט די פֿאָלגענדע ווערטער, וועלכע זייגען נאָך אַזוי נייַ, פּונקט ווי זיי וואָלטען ערשט נעכטען אָנגעשריבען געוואָרען: — „דער שטאַאַט, זאָגט לואי בלאַן, איז ביז איצט געווען דער הערר און טיראַן פֿון די בירגער; פֿון היינט אָן

דער אינדיווידואַליטעט, מיט דעם אינדיווידואַליזם. מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז דער אינדיווידואַליזם — און עס איז די העכסטע צייט מיר זאָלען עס שוין ענדליך פֿערשטעהן — איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי די בורזשואַזע אידעע, וועלכע פֿערקערפערט זיך אין די ווערטער: „יעדער פֿאַר זיך, און גאָט פֿאַר אַלעמען!“ דער בורזשואַ האָט געדיינקט, אַז מיט דער דאָזיגער אידעע האָט ער געפֿונען דעם מיטעל צו בעפֿרייען זיך פֿון דער געזעלשאַפֿט, אויפֿצווינגענדיג די אַרבייטער די עקאָנאָמישע קנעכטשאַפֿט אונטער דער פּראָטעקציאָן פֿון'ם שטאַאט; נאָר איצטער קוקט ער זיך אַרום און זעהט, אַז ער אַליין איז אויך געוואָרען אַ קנעכט פֿון'ם שטאַאט.

---

און וויטער מיז ער זיין זייער דיענער. די בעציהונגען זיינען איבערגעביטען געוואָרען — אָט האָט איהר די גאַנצע רעוואָלוציאָן. — אָבער דערזעלבער אַרגומענט איז אויך בענוצט געוואָרען אין אַלע צייטען פֿון די פֿערטהיידיגער פֿון דער מאָנאַרכיע; אויך זיי האָבען פּרעטענדירט, אַז דאָס קעניגטהום איז געווען דער דיענער פֿון'ם פֿאָלק, אַז די קעניגע זיינען געמאַכט געוואָרען פֿאַר די פֿעלקער, ניט די פֿעלקער פֿאַר די קעניגע און נאָך אַזעלכע משלים, וועלכע פֿערטרעטען כלומר'שט דאָס רעכט פֿון די פֿעלקער. מיר וויסען היינט ווי זי קוקט אויס, אָט די דיענסטבאַרקייט פֿון'ם שטאַאט, אָט די איבערגעבענהייט פֿון דער רעגירונג צו דער פֿרייהייט. האָט באָנאָפּאַרט זיך טאַקע ניט פֿאָרגעשטעלט פֿאַר דעם דיענער פֿון דער רעוואָלוציאָן? און ווי גרויסאַרטיג ער האָט איהר געדיענט!... דער „שטאַאט פֿון די דיענער“ — אָט דאָס איז געווען דער ענטפֿער פֿון לואי בלאַן אויף מיין ערשטע פֿראַגע. אויף די פֿראַגע, ווי אַזוי דער שטאַאט קען זיך ווירקליך פֿערוואַנדלען אין אַ דיענער, און ווי אַזוי — זייענדיג אַ דיענער — ער קען נאָך זיין אַ שטאַאט, אָט אויף די פֿראַגע האָט אונז לואי בלאַן איבערהויפּט ניט געגעבען קיין שום ערקלערונג; ער האָט זיך איינגעהילט אין אַ קלוגען שטיל-שווייגען“. (Mélanges : Articles de Journaux, 3e vol. p. 43) אינטערעסאַנט איז אויך די שטעלע אויף זייטע 53, וואו ער ערקלערט אונז, אַז „דאָס, וואָס מען רופֿט אין דער פּאָליטיק „אויטאָריטעט“ איז גלייך אין ווערטה און האָט דיזעלבע בעדייטונג ווי דאָס, וואָס מען ריפֿט אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע „אייגענטהום“; ביידע אידעען זיינען גלייך איינע צו די אַנדערע און האָבען דעמזעלבען אינהאַלט. אַטאַקירען די איינע, מיינט אין דערזעלבער צייט אויך אַטאַקירען די אַנדערע. די איינע איז אונפֿערשטענדליך אָהן דער אַנדערער; און אויב איהר ווילט אַוועקמאַכען מיט דער ערשטער, מוזט איהר אַוועקמאַכען מיט דער צווייטער, און פֿערקעהרט.)

דער קאָמוניזם איז אַ בעסערע גאַראַנטיע פאַר דער עקאָנאָמישער פרייהייט, ווי יעדע אַנדערע פאָרם פון געזעלשאַפטליכער גרופּירונג, דערפאַר וואָס ער איז בעסער אימשטאַנד ווי יעדע אַנדערע פאָרם פון פּראָדוקציאָן צו פערזיכערן דעם וואוילשטאַנד און זאָגאַר דעם לוקסוס פון אַלעמען, מיט דעם, וואָס ער פאָדערט פון'ם מענשען ניט מעהר ווי עטליכע שטונדען אַרבייט אַ טאָג אָנשטאָט דעם גאַנצען טאָג. געבען דעם מענשען צעהן אָדער עלף שטונדען פרייע צייט פון די זעכצעהן שטונדען, וואָס עס בלייבען אונז יעדען טאָג צום לעבען (רעכענענדיג אַכט שטונדען פאַר שלאָפען), מיינט צו פערגרעסערן די פרייהייט פון'ם אינדיווידואום ביז צו אַזאַ שטופע, וועלכע איז שוין זייט טויזענדער יאָהרען געוועזען דער אידעאַל פון דער מענשהייט. אַמאָל איז דאָס טאַקע ניט מעגליך געוועזען, און דעריבער איז דער שטרעבען צו לוקסוס, רייכטהום און פּראָגרעס געוועזען אויסגעשלאָסען אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. היינט אָבער, מיט אונזערע מאָדערנע פּראָדוקציאָנס־מיטלען און מאַשינען, קען דאָס אויסגעפיהרט ווערען. אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וואָלט יעדער מענש אָם ווייניגסטענס געהאַט צעהן שטונדען פרייע צייט פאַר זיך. און דאָס מיינט שוין בעפרייען דעם מענשען פון אַ שווערען יאָך, וואָס די היינטיגע געזעלשאַפט האָט איהם אַרויפגעלייגט אויף זיינע פּלייצעס. עס מיינט אַ פערגרעסערונג פון דער מענשליכער פרייהייט.

אָנערקענענדיג דאָס גלייכע רעכט פאַר אַלעמען און אַוועקמאַכענדיג מיט דער הערשאַפט פון איין מענשען איבער דעם צווייטען, מיינט ווייטער צו פערגרעסערן דעם געביעט פון דער אינדיווידועלער פרייהייט ביז צו אַזאַ פּונקט, פון וועלכען די מענשען פון, וואָס פאַר עס איז ניט געזעלשאַפטליכער גרופּירונג, האָבען ביז איצט זאָגאַר ניט גע'חלום'ט. אָבער דאָס איז בלויז מעגליך, נאָך דעם ווי עס איז געמאַכט געוואָרען דער ערשטער שריט: ווען אַלע מענשען זיינען פערזיכערט מיט זייער עקזיסטענץ, ווען קיינער איז מעהר ניט געצוואונגען צו פערקויפען זיין אַרבייטס־קראַפט און אינטעליגענץ פאַר אַ נדבה.

און דאַן איז נאָך דאָ אַ וויכטיגער פּונקט: מיר אָנערקענען, אַז די פערשידענאַרטיגקייט פון דער מענשליכער טהעטיגקייט איז דער באַזיס פון יעדען פּראָגרעס; אַז די אַרבייט דאַרף אָרגאַניזירט ווערען אויף אַזאַ שטייגער, אַז דער מענש זאָל ניט בלויז זיין פאָלקאָמען פריי אין די שטונדען פון זיין פערגניגען, נאָר ער זאָל אויך האָבען שטענדיגע

אָבוועקסלונג ביי זיין אַרבייט גופא, ווייל זיין ערציהונג האָט איהם פֿון קינדוויי אָן בעקאַנט געמאַכט מיט פֿערשידענע סאָרטען אַרבייט, און אונטער אַ קאָמוניסטישען סיסטעם וואָלט געווען אַ לייכטע זאַך דורכצופיהרען אָט די פֿערשיעדענאַרטיגקייט פֿון דער פּראָדוקטיווער בעשעפֿטיגונג. עס פֿערשטעהט זיך, אַז די פֿערשיעדענאַרטיגקייט פֿון דער אַרבייט איז אַ וויטערע פֿערגרעסערונג פֿון דער אינדיווידועלער פֿרייהייט; זי עפֿענט אויף פֿאַר דעם מענשען אַן אונגעהייער ברייטען פֿעלד פֿאַר זיין פֿאָלשטענדיגער ענטוויקלונג אין אַלע ריכטונגען.*)

מיר זעהען אַלזאָ, אַז עס ווענדט זיך אין די אידעען, אויף וועלכע אַ קאָמונע גרינדעט זיך. מיר זיינען בעקאַנט מיט אַ רעליגיעזע קאָמונע, וואו אַ מענש, ווען ער האָט זיך געפֿיהלט אונגליקליך און האָט ניט געקענט בעהאַלטען זיין טרויעריגקייט בעפֿאָר די אַנדערע, איז דערמאָהנט געוואָרען פֿון אַ „ברודער" אויף אַזאַ אופֿן: „דו ביזט טרויעריג? נאָר איך בעט דיר, מאַך אַ פֿרעהליכע מיענע, כדי די ברידער און שוועסטער זאָלען זיך ניט דאַרפֿען זאָרגען וועגען דיר." און מיר קענען אַן אַנדער קאָמונע פֿון זיעבען פערזאָנען, וואו איינער פֿון די מיטגלידער האָט פֿאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל אויסוועהלען פֿיער קאָמיטעטען: פֿאַר דער גאָרטען-ווירטשאַפֿט, פֿאַר דער פֿערזאָרגונג פֿון די נייטיגע לעבענס-מיטלען, פֿאַר דער פֿערוואַלטונג און פֿאַר דעם עקספּאָרט, און אַז דער פּרעזידענט פֿון יעדען קאָמיטעט זאָל האָבען אַבסאָלוטע רעכטע.

עס האָבען עקזיסטירט קאָמונעס, וועלכע זיינען געגרינדעט אָדער נאָך זייער גרינדונג בעהערשט געוואָרען פֿון די „פֿערברעכער פֿון דער אויטאָריטעט" — אַ ספּעציעלער טיפּ, וועלכען מיר רעקאָמענדירען די תלמידים פֿון לאָמבראָזאָ פֿאַר זייער שטודיום — און פֿיעלע קאָמונעס זיינען געגרינדעט געוואָרען פֿון משוגעים, וועלכע האָבען געוואָלט, אַז דער אינדיווידואום זאָל זיך אויפֿלייזען אין דער געזעלשאַפֿט. אָבער ניט די קאָמוניסטישע אינסטיטוציאָן איז פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר דעם: פֿעראַנטוואָרטליך זיינען געווען דאָס קריסטענטהום, וועלכעס איז דורך און דורך אויטאָריטעטער אין זיין אינערליכסטען וועזען, און דאָס רוימישע רעכט — דער שטאַאַט. עס איז געווען די שטאַאַטליכע ערציהונג פֿון יענע מענשען, וועלכע זיינען געוואוינט געוואָרען צו דיינקען, אַז אָהן היינקער און אָהן ריכטער קען איבערהויפּט ניט עקזיסטירען קיין געזעלשאַפֿט. און די דאָזיגע אידעע איז אַ שטענדיגע געפֿאַהר צו יעדער פֿרייהייט. אָבער

---

*) זעה מיין ווערק: „פֿעלדער, פֿאַבריקען און ווערקשטאַטען."

וואָס אָנבעלאַנגט די גרונד־אידעע פֿון׳ם קאָמוניזם — די געמיינשאַפֿט־ליכע קאָנסומציאָן און פּראָדוקציאָן, ניט אויסרעכענענדיג דעם בעזונדערן אָנטהייל פֿון יעדען איינציגען — שטעלט זי פֿאָר מיט זיך אַן אידעע פֿון פֿרייהייט, אַ געדאַנק פֿון בעפֿרייאונג.

* * *

מיר קענען אַלזאָ ציהען די פֿאָלגענדע שליסע:

די קאָמוניסטישע פֿערזוכען האָבען ביז אַהער ניט געהאַט קיין ער־פֿאָלג, צוליעב די פֿאָלגענדע אורזאַכען:

זיי זיינען מייסטענטהיילס געגרינדעט געוואָרען אונטער דעם איינפֿלוס פֿון אַ מין רעליגיעזער בעגייסטערונג, אָנשטאָט צו זעהן אין דער קאָמונע ניט מעהר ווי אַ פֿאָרם פֿון דעם קאָנסום און פֿון דער עקאָנאָמישער פּראָדוקציאָן.

זיי האָבען זיך אָבגעטהיילט פֿון דער געזעלשאַפֿט.

זיי זיינען געוועזען דורכגעדרונגען פֿון אַן אויטאָריטערען גייסט.

זיי האָבען עקזיסטירט יעדע פֿאַר זיך אַליין, אָנשטאָט צו פֿעדערירען זיך איינע מיט די אַנדערע.

זיי האָבען געפֿאָדערט פֿון זייערע גרינדער אַזאַ קוואַנטיטעט אַרבייט, אַז עס איז זיי ניט איבערגעבליבען קיין פֿרייע צייט פֿאַר זייער פֿערגניגען.

זייער פֿאָרבילד איז געוועזען די פּאַטריאַרכאַלישע, אויטאָריטערע פֿאַ־מיליע, אָנשטאָט וואָס זיי וואָלטען אויך בעדאַרפֿט איינשליסען אין זייער בעפֿרייאונגס־ציעל די גרעסטע פֿרייהייט פֿון דעם אינדיווידואום, וואָס איז נור מעגליך אונטער די רעספּעקטיווע בעדינגונגען.

אַזוי ווי דער קאָמוניזם איז הויפּטזעכליך אַן עקאָנאָמישע אינסטי־טוציאָן, בעשטימט ער ניט אין פֿאָראויס דעם גראַד פֿון פֿרייהייט, וועלכען דער איינצעלנער וועט געניסען, דער איניציאַטאָר, דער רעבעל געגען בעשטימטע געוואוינהייטען, וועלכע קריסטאַליזירען זיך ביסלעכווייז. די קאָמונע קען זיין אויטאָריטער — און דאָס וועט מוזען פֿיהרען צו איהר אונפֿערמיידליכען אונטערגאַנג — און זי קען זיין פֿרייהייטליך, אַזוי ווי עס איז דער פֿאַל געוועזען אין 12טען יאָהרהונדערט, ווען אין די יונגע שטעדט האָבען זיך זאָגאַר ענטוויקעלט טהיילווייזע קאָמוניסטישע אינסטי־טוציאָנען; און ווען עס איז געשאַפֿען געוואָרען אַ נייע ציוויליזאַציאָן, פֿול מיט לעבענס־קראַפֿט, אַ בענייטע איראָפּאַ.

אָבער די איינציגע פֿאָרם פֿון׳ם קאָמוניזם, וועלכע קען האָבען אַ פֿעסטען און דויערהאַפֿטען פֿונדאַמענט, איז די, וואו די פֿרייהייט פֿון דעם איינצעלנעם וועט זיך קענען ענטוויקלען אויף אַלע געביעטען און

שטענדיג שפּיעלען די וויכטיגסטע ראָלע אין אַלע בעציהונגען צווישען די מיטגלידער.

אונטער אַזעלכע בעדינגונגען און אונטער דעם איינפלוס פון דער דאָזיגער אידעע וועט די פרייהייט פון דעם אינדיווידואום פערגרעסערט ווערען אין יעדער בעציהונג; עס איז זיכער ניטאָ וואָס מורא צו האָבען, אַז דער קאָמוניזם וועט בעשריינקען די דאָזיגע פרייהייט, אַקוראַט ווי מיר ציטערן היינט ניט, אַז פון אונזער פערזענליכע פרייהייט וועט, וואָס עס איז פערלאָרען ווערען, צוליעב אונזערע קאָמונאַלע גאַז-פאַבריקען אָדער דורך דעם, וואָס די גרויסע מאַגאַזינען שיקען די לעבענס-מיטלען דירעקט אין די הייזער פון זייערע קונים, אָדער דורך אונזערע מאָדערנע האָטעלען, אָדער דורך דעם, וואָס מיר רייבען זיך די עלענבויגענס אין טויזענדער אַרבייטער אין אונזערע אַרבייטסשטונדען.

מיט דער אַנאַרכיע אַלס ציעל און מיטעל איז דער קאָמוניזם מעגליך. אָהן דער אַנאַרכיע איז ער ניט מעהר ווי די פערקערפערונג פון קנעכטשאַפט און האָט ניט קיין שום מעגליכקייט צו עקזיסטירען.

(ענדע פון'ם צווייטען טהייל.)

# דריטער טהייל.

## I.

## דער שטאאט — זיין ראלע אין דער געשיכטע.

מיין איצטיגע שטודיע בעשעפטיגט זיך מיט דעם שטאאט און זיין ראָלע אין דער געשיכטע, דען אין דער איצטיגער צייט פיהלט זיך גאַנץ שטאַרק די נויטווענדיגקייט פון אַ גרינדליכער אונטערזוכונג פון דער סאַמע אידעע פון'ם שטאַאט, צו זעהן, וואָס איז דער עיקר פון דער דאָ־זיגער אידעע, וואָס פאַר אַ ראָלע דער שטאַאט האָט געשפּיעלט אין דער פערגאַנגענהייט און די ראָלע, וואָס ער וועט אפשר נאָך שפּיעלען אין דער צוקונפט.

עס איז דאָך איבערהויפּט די פראַגע וועגען דעם שטאַאט, וועלכע טהיילט פונאַנדער די סאָציאַליסטען אין פערשידענע ריכטונגען. צווישען די פערשידענע פראַקציאָנען, וואָס זיינען פאַרהאַן צווישען אונז, און וועלכע זיינען דער רעזולטאַט פון פערשידענע טעמפּעראַמענטען, פון פערשידענע מעטהאָדען אין דענקען און הויפּטזעכליך פון דעם גראַד צוטרויען, וואָס איינער האָט אין דער קומענדער רעוואָלוציאָן, ציינען זיך דייטליך אַרוים צוויי גרויסע שטרעמונגען.

פאַרהאַן אַ טהייל סאָציאַליסטען, וועלכער האָפּט אויסצופיהרען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן מיט דער הילף פון'ם שטאַאט; דורך דעם וואָס זיי וועלען אונטערשטיצען און אויפהאַלטען די מייסטע פון זיינע פונקציאָנען. זיי ווילען זאָגאַר נאָך פערמעהרען די צאָהל פון די דאָזיגע פונקציאָנען און זיך נאָכהער בענוצען מיט זיי פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן. פאַרהאַן אויך אַן אַנדער טהייל, אַזעלכע ווי מיר, וועלכע זעהען אין דעם שטאַאט — ניט נור אין זיין איצטיגער פאָרמע אָדער אין אַלע אַנדערע פאָרמען, וועלכע ער קען אָננעהמען, נאָר אין דעם סאַמע עיקר זיינעם — אַן אָבהאַלט צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן, די שטאַרקסטע שטערונג צו דער ענטוויקלונג פון אַ געזעלשאַפט, וועלכע גרינדעט זיך

אויף די פרינציפען פון פרייהייט און גלייכהייט. און זיי אַרבייטען אָבצוּ־שאַפען דעם שטאַאַט אין גאַנצען, אָנשטאַט צו רעפאָרמירען איהם.

דער אונטערשיעד צווישען אַט דיביידע ריכטונגען איז אַ טיעפער, ווי יעדער קען זיך איבערצייגען. ער איז ניט מעהר ווי אַן אויסדרוק פון דעם קאַמפף, וועלכער געהט היינט אָן צווישען צוויי פערשידענע שטרע־מונגען אין דער גאַנצער פילאָזאָפיע, אין דער ליטעראַטור און אין דער געזעלשאַפטליכער טהעטיגקייט פון אונזער צייט. און אויב די הערשענדע אידעען וועגען דעם שטאַאַט וועלען בלייבען אַזוי דונקעל, ווי זיי זיינען עס היינט, וועט דער קאַמפף איבער דער דאָזיגער פראַגע, אָהן אַ צוויי־פעל, בעקומען נאָך אַ ביטערערען, איינגעשפאַרטערען כאַראַקטער, ווען עס וועט זיך האַנדלען אָנצואווענדען די קאָמוניסטישע אידעען אין דער פראַקטישער ווירקליכקייט פון'ם געזעלשאַפטליכען לעבען.

עס איז דעריבער זעהר וויכטיג, נאָכדעם ווי מען האָט אַזוי אָפט קריטיקירט דעם איצטיגען שטאַאַט, אויסצוגעפינען די אורזאַכען, וואָס האָבען איהם געשאַפען; צו אונטערזוכען די ראָלע, וואָס ער האָט גע־שפּיעלט אין דער פערגאַנגענהייט און צו פערגלייכען איהם מיט די גע־זעלשאַפטליכע אינסטיטוציאָנען, וועמעס אַרבייט ער האָט גע'ירש'עט.

* * *

פריהער פון אַלעם, לאָמיר איינפערשטאַנען ווערען, וואָס מיר פער־שטעהען מיט דעם וואָרט שטאַאַט. ווי עס איז בעקאַנט, איז פאַרהאַן די דייטשע שולע, וואָס האָט ליעב צו פערבייטען דעם „שטאַאַט" מיט דער „געזעלשאַפט". די דאָזיגע פאַרמישונג קען מען געפינען ביי די בעסטע דייטשע דיינקער און ביי פיעלע פראַנצויזען, וועלכע קענען זיך ניט פאָר־שטעלען אַ געזעלשאַפט אָהן שטאַאַטליכע קאָנצענטראַציאָן; און דערפון נעהמט זיך דער געוועהנליכער פאָרוואורף צו די אַנאַרכיסטען, אַז זיי ווילען „חרוב מאַכען די געזעלשאַפט" און אונז צוריקפיהרען צו אַ צו־שטאַנד פון אַ „שטענדיגער מלחמה פון יעדען געגען אַלע".

אָבער אַזוי צו דיינקען, מיינט גאַנץ איינפאַך צו איגנאָרירען דעם גאַנצען פאָרטשריט, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אויף דעם געביעט פון דער געשיכטס־פאָרשונג וועהרענד די לעצטע פערציג יאָהר; עס מיינט צו איגנאָרירען, אַז מענשען האָבען געלעבט אין געזעלשאַפטען פאַר טויזענדער יאָהרען, איידער זיי האָבען זיך בעקענט מיט דעם שטאַאַט; עס מיינט פשוט צו פערגעסען, אַז פאַר די אייראָפּעאישע נאַציאָנען איז דער שטאַאַט איבערהויפט פערהעלטניסמעסיג אַ גאַנץ נייע ערשיינונג, וועלכע פאַנגט זיך ערשט קוים אָן פון דעם 16טען יאָהרהונדערט; עס

מיינט ניט צו בעגרייפֿען, אַז די גלענצענדסטע און גרעסטע פּעריאָדען פֿון דער מענשהייט זיינען געווען גראָד דאַן, ווען די פֿרייהייטען און דער לאָקאַלער לעבען זיינען נאָך ניט פֿערניכטעט געוואָרען פֿון'ם שטאַאַט און ווען גרויסע מאַסען פֿון מענשען האָבען געלעבט אין קאָמונעס און פֿרייע פֿעראייניגונגען.

דער שטאַאַט איז ניט מעהר ווי אַ געוויסע פֿאָרמע, וועלכע די געזעלשאַפֿט האָט אָנגענומען אין פֿערלויף פֿון דער געשיכטע. טאָ ווי אַזוי קען די פֿאָרמע בלויז פֿערביטען ווערען מיט דעם עצם, מיט דער געזעלשאַפֿט גופא?

פֿון דער אַנדערער זייט האָט מען צוזאַמענגעפּלאָנטערט דעם „שטאַאַט" מיט דער „רעגירונג". ווייל עס קען דאָך ניט זיין אַ שטאַאַט אָהן אַ רעגירונג, האָט מען גערעכענט, אַז די אַבוועזענהייט פֿון דער רעגירונג דאַרף זיין דער ציעל, און ניט די אָבשאַפֿונג פֿון'ם שטאַאַט.

עס שיינט מיר אָבער, אַז שטאַאַט און רעגירונג שטעלען מיט זיך פֿאָר צוויי גאַנץ פֿערשידענע בעגריפֿען. די שטאַאַטס-אידעע מיינט איינגענטליך אַ גאַנץ אַנדערע זאַך, ווי די אידעע פֿון אַ רעגירונג. זי שטעלט ניט בלויז פֿאָר מיט זיך אַ מאַכט, וואָס שטעהט איבער דער געזעלשאַפֿט, נאָר זי מיינט אויך אַ טעריטאָריאַלע קאָנצענטראַציאָן און אַ קאָנצענטראַציאָן פֿון אַסך פֿונקציאָנען אין דעם לעבען פֿון דער געזעלשאַפֿט אין די הענד פֿון ווייניגע מענשען. עס מיינט געוויסע נייע בעציהונגען צווישען די מיטגלידער פֿון אַ געזעלשאַפֿט, פֿון וועלכע מען האָט פֿריהער, ד.ה. בעפֿאָר דער ענטשטעהונג פֿון'ם שטאַאַט, ניט געוואוסט.

דער דאָזיגער אונטערשיעד. וועלכען מען קען פֿיליייכט ניט בעמערקען אויף'ן ערשטען בליק, ווערט פֿאַר אונז גאַנץ קלאָר, ווען מיר שטודירען, ווי אַזוי דער שטאַאַט איז ענטשטאַנען.

אום ווירקליך צו פֿערשטעהן דעם שטאַאַט, איז דאָ נור איין מיטעל: און דאָס איז צו שטודירען איהם אין זיין היסטאָרישער ענטוויקלונג. אָט דאָס וועל איך פֿערזוכען איצט צו טהאָן.

*
* *

דאָס רוימישע רייך איז געווען אַ שטאַאַט אין דעם ריכטיגען זין פֿון'ם וואָרט, און נאָך ביז אויף'ן היינטיגען טאָג איז רוים פֿערבליבען דער אידעאַל פֿון אַלע יוריסטען. זיינע אָרגאַנען האָבען אַריינגענומען אַן אונגעהייער גרויסען געביעט, ווי מיט אַן איינגע נעץ. אַלצדינג האָט זיך קאָנצענטרירט אין רוים: דער עקאָנאָמישער לעבען, דער מיליטערישער

לעבען, די געריכטליכע בעציהונגען, אַלע רייכטהימער, די ערציהונג, זאָגאַר די רעליגיאָן. פֿון רוים זיינען געקומען די געזעצע, די ריכטער, די אַרמעען צו פערטהיידיגען דאָס לאַנד, די גובערנאַטאָרס פֿאַר די פֿערשידענע פּראָווינצען, די געטער. דאָס גאַנצע לעבען פֿון דעם רייך האָט געפֿונען זיין העכסטען אויסדרוק אין'ם סענאַט און שפּעטער אין דער פערזאָן פֿון'ם קיסר, דעם אַלמעכטיגען, דעם אַלוויסענדען, דעם גאָט פֿון'ם רייך. יעדער דיסטריקט, יעדע פּראָווינץ האָט געהאַט אַ קאַפּיטאָל אין אַ קליינעם מאַסשטאַב, אַ קליינעם טהייל פֿון דעם רוימישען הערשער, אום צו פֿיהרען דעם גאַנצען לעבען. איין געזעץ, דאָס געזעץ פֿון רוים האָט בעהערשט דאָס גאַנצע רייך; דען רוים האָט ניט פֿאָרגעשטעלט מיט זיך אַ געמיינשאַפֿטליכען פֿערבאַנד פֿון בירגער, נאָר אַ סטאַדע פֿון אונטערטהעניגע.

בּיז דעם היינטיגען טאָג בעוואונדערן די יוריסטען און פֿערעהרער פֿון דער אויטאָריטעט די איינהייט פֿון דעם רוימישען רייך, דעם איינהייטליכען גייסט פֿון זיינע געזעצע, די שעהנהייט — ווי זיי רופֿען עס — די האַרמאָניע פֿון יענער אָרגאַניזאַציאָן.

אָבער די אינערליכע אויפֿלייזונג און דערנאָך דער אָנפֿאַל פֿון די באַרבאַרען, דער טויט פֿון דעם לאָקאַלען לעבען, וואָס האָט מעהר קיין קראַפֿט ניט געהאַט אַנטקעגענצושטעהן די אַטאַקען פֿון דרויסען, די צופֿוילטקייט, וואָס האָט זיך פֿערשפּרייט פֿון דעם צענטער, די הערשאַפֿט פֿון די רייכע, וואָס האָבען מאָנאָפּאָליזירט די ערד און דאָס עלענד פֿון די ברייטע מאַסען, וועלכע האָבען קולטיווירט דאָס לאַנד — דאָס אַלעס האָט צוריסען דאָס רייך אויף שטיקער; אויף די רואינען האָט זיך ענטוויקעלט אַ נייע ציוויליזאַציאָן, וואָס איז אונזער היינטיגע.

נאָר ווען מיר לייגען אַוועק אָן אַ זייט די אַלטע ציוויליזאַציאָנען, שטודירענדיג די ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פֿון אָט דער יונגער ציוויליזאַציאָן פֿון די באַרבאַרען, ביז צו דער צייט, ווען עס זיינען געבוירען געוואָרען אונזערע מאָדערנע שטאַאַטען, דאַמאָלס וועלען מיר ערשט ריכטיג פֿערשטעהן דעם אייגענטליכען וועזען פֿון'ם שטאַאַט. פֿאַר אונזער צוועק וועט דאָס זיין פֿיעל בעסער, ווי ווען מיר וואָלטען זיך גענומען צו דעם שטודיום פֿון רוים אָדער צו דעם רייך פֿון אַלעקסאַנדער פֿון מאַקעדאָניען אָדער גאָר צו די דעספּאָטישע מאָנאַרכיען פֿון'ם אָריענט.

נעהמענדיג יענע קרעפֿטיגע באַרבאַרישע צושטערער פֿון דעם רוימישען רייך אַלס דעם אָנפֿאַנגס־פּונקט פֿון אונזערע היסטאָרישע

בעטראַכטונגען, קענען מיר נאָכפאָלגען דער ענטוויקלונג פון אונזער גאַנצער ציוויליזאַציאָן פון איהר אָנפאַנג, ביז דער צייט, ווען דער שטאַאַט איז געבוירען געוואָרען.

---

## II.

די מייסטע פילאָזאָפען פון דעם 18טען יאָהרהונדערט האָבען נע־האַט אַ זעהר פרימיטיווע פאָרשטעלונג וועגען דעם אורשפרונג פון דער געזעלשאַפט.

אין אָנפאַנג, האָבען זיי געזאָגט, האָבען די מענשען געלעבט אין קליינע אָבגעזונדערטע פאַמיליעס, און אַן אייביגע מלחמה צווישען די דאָזיגע פאַמיליעס איז געווען דער נאָרמאַלער צושטאַנד פון יענער צייט. אָבער אין אַ שעהנעם טאָג, פערשטעהענדיג, דאָס אַזעלכע שטענדיגע קעמפפע זיינען גאָר קיין תכלית ניט, האָבען זיי בעשלאָסען צו גרינדען אַ געזעלשאַפט. די צושפרייטע און אָבגעזונדערטע פאַמיליעס האָבען גע־מאַכט צווישען זיך אַ קאָנטראַקט, צו אונטערוואַרפען זיך צו אַן אויטאָ־ריטערער מאַכט, וועלכע — דאַרף איך עס ערשט זאָגען? — איז געווען דער אָנפאַנג, דער קוואַל פון דעם גאַנצען פראָגרעס. מוז איך נאָך צו־לייגען, וואָס מען האָט אונז שוין דערצעהלט אין די שולען, אַלס קינדער, דאָס אונזערע היינטיגע רעגירונגען האָבען אימער פאָרגעשטעלט מיט זיך דעם נאָבעלסטען טהייל פון דער געזעלשאַפט, אַז זיי זיינען דאָס געווען דאָס זאַלץ פון דער ערד, די פריערענס־שטיפטער און ערציהער פון דער מענשליכער ראַסע?

די דאָזיגע אידעע, וועלכע איז ענטשטאַנען אין אַ צייט, ווען מען האָט נאָך וויניג וואָס געוואוסט איבער דעם אורשפרונג פון׳ם מענשען, האָט בעהערשט דעם גאַנצען 18טען יאָהרהונדערט. און מיר מוזען אין דערזעלבער צייט צוגעבען, אַז די ענציקלאָפּעדיסטען און רוסאָ האָבען זיך בענוצט מיט דער טהעאָריע פון דעם „געזעלשאַפטליכען קאָנטראַקט“ אַלס אַ וואָפע צו בעקעמפפען דאָס געטליכע רעכט פון דעם קעניגטהום. אָבער טראָץ די גוטע דיענסטען, וואָס די דאָזיגע אידעע האָט געלייסטעט אין דער פערגאַנגענהייט, מוזען מיר אָבער היינט אָנערקענען, אַז זי איז געווען ניט ריכטיג.

עס איז אַ טהאַטזאַכע, דאָס אַלע חיות, אַחוץ איינינע ווילדע טהיערע און רויב־פֿויגעל, און מיט דער אויסנאַהמע פֿון איינינע מינים, וואָס האַלטען ביים אויסשטאַרבען, פֿיהרען אַ געזעלשאַפֿטליכען לעבען. אין דעם קאַמפף אום דאַזיין זיינען עס נור די געזעלשאַפֿטליכע מינים, וועלכע זיינען גובר די, וואָס זיינען ניט געזעלשאַפֿטליך. די געזעלשאַפֿטליכע חיות, פֿון וואָס פֿאַר עס איז ניט מין, זיינען עס די, וואָס פֿערנעהמען די העכסטע שטופֿע, און עס איז גאָר קיין צווייפֿעל ניט, אַז די ערשטע בעשעפֿענישען פֿון אַ מעהר אָדער וויניגער מענשליכען אויסזעהן, האָבען געפֿיהרט אַ געזעלשאַפֿטליכען לעבען.

ניט דער מענש האָט בעשאַפֿען די געזעלשאַפֿט: די געזעלשאַפֿט איז עלטער פֿון׳ם מענשען.

* * *

מיר ווייסען אויך איצט, — די אַנטראָפּאָלאָגיע האָט דאָס בעוויזען קלאָר ווי דער טאָג — אַז די ערשטע געזעלשאַפֿטליכע פֿאָרם פֿון דער מענשהייט איז ניט געווען די פֿאַמיליע, נאָר דער „קלאַן", דער שטאַם. די פֿאָטערליכע פֿאַמיליע, מיט וועלכער מיר זיינען היינט בעקאַנט, אָדער ווי זי ווערט פֿאָרגעשטעלט אין די העברעאישע טראַדיציאָנען, איז ענטשטאַנען ערשט פֿיעל שפּעטער. דער מענש האָט געפֿיהרט צעהנדליגע טויזענדער יאָהרען אַ שטאַם־לעבען; און שוין וועהרענד אָט דער ערשטער פֿאַזע פֿון ענטוויקלונג — לאָמיר עס אָנרופֿען דעם פּרימיטיווען אָדער ווילדען צושטאַנד, אויב אייך געפֿעלט אַזוי — האָט דער מענש ענטוויקעלט אַ גאַנצע רייהע פֿון אינסטיטוציאָנען, מנהגים און געוואוינהייטען, וועלכע זיינען פֿיעל עלטער ווי די אינסטיטוציאָנען פֿון דער פֿאַמיליע.

אין יענע שטאַמען האָט די אָבגעזונדערטע פֿאַמיליע פּונקט אַזוי וויניג עקזיסטירט, ווי זי עקזיסטירט איצט צווישען פֿיעלע אַנדערע געזעלשאַפֿטליכע זויג־טהיערע. די איינציגע אָבגעזונדערטהייט, וואָס האָט יאָ עקזיסטירט אין אַזאַ שטאַם, איז געווען אַ גאַנץ נאַטירליכע: דער אונטערשיעד פֿון יאָהרען; נאָר מיטגלידער פֿון איין דור, פֿון איין צייט־אַלטער האָבען געקענט צווישען זיך געשלעכטס־בעציהונגען, און צייט די פֿריהסטע צייטען האָבען זיך די דאָזיגע ווילדע אַזוי געפֿיהרט, אַז מענשען פֿון פֿערשידענע דורות האָבען זיך ניט געקענט מתחתן זיין צווישען זיך. שליאַדען פֿון יענע פּעריאָדען קען מען נאָך היינט געפֿינען ביי געוויסע, נאָך איצט עקזיסטירענדע שטאַמען, און מיר געפֿינען זיי ווידער אין דער שפּראַך, אין די מנהגים און אין די פֿאָראורטהיילען פֿון

נאַציאָנען, וועלכע זיינען שוין פֿיעל ווייטער פֿאָרטגעשריטען אין זייער ציוויליזאַציאָן, ווי יענע פרימיטיווע מענשען.

דער גאַנצער שטאַם האָט געמאַכט יאַגד און אַלע אַנדערע נייטיגע אַרבייטען צוזאַמען, און ווען זיי האָבען צופֿרידענגעשטעלט זייער הונגער, האָבען זיי זיך איבערגעגעבען מיט ליידענשאַפֿט צו זייערע דראַמאַטישע טענץ. איצט נאָך געפֿינען מיר שטאַמען, וואָס זיינען גאַנץ נאָהנט צו דעם דאָזיגען פרימיטיווען צושטאַנד, אין פֿערשידענע אָבגעזונדערטע געגענדען פֿון דער ערד.

קיין אָנזאַמלונג פֿון פריוואַט-אייגענטהום האָט ניט געקענט שטאַט-פֿינדען דאַן, ווייל יעדע זאַך, וואָס איז געווען דער פערזענליכער אייגענ-טהום פֿון אַ שטאַם-מיטגליעד, איז פֿערניכטעט אָדער פֿערברענט געוואָרען אויף דעם פלאַץ, וואו דער מת איז בעגראָבען געוואָרען. דאָס טהוען זאָגאַר איצט נאָך די ציגיינער אין ענגלאַנד; און אין די לויה-צערעמאָניעס פֿון די „ציוויליזירטע" בעמערקט מען נאָך שליאַדען פֿון דעם דאָזיגען אַלטען מנהג: די כינעזער פֿערברענען פּאַפּירענע מאָ-דעלען פֿון אַלע זאַכען, וואָס האָבען בעלאַנגט צו דעם טויטען! און מיר אַליין פֿיהרען דעם פֿערד פֿון דעם פֿערשטאָרבענעם קאָמאַנדיר, מיר טראָגען זיין שווערד און זיינע מעדאַלען צו צום קבר. דער אורשפרינג-ליכער זין פֿון דעם דאָזיגען מנהג איז פֿערלאָרען געגאַנגען, נאָר די פֿאָרמע לעבט.

* * *

ניט נור האָבען יענע ווילדע ניט געשעצט גרינג דאָס מענשליכע לעבען, נאָר פֿערקעהרט זיי האָבען זיך זאָגאַר געשראָקען פֿאַר מאָרד און בלוט-פֿערגיסונג. צו פֿערגיסען בלוט איז געווען בעטראַכט פֿון זיי אַלס אַזאַ געפֿעהרליכע טהאַט, דאָס פֿאַר יעדען פֿערגאָסענעם טראָפּען בלוט — און ניט נור בלוט פֿון מענשען, נאָר זאָגאַר פֿון געוויסע חיות — האָט דער זינדיגער געמוזט בעצאָהלען מיט דרייעלבער צאָהל טראָפּען פֿון זיין אייגענעם בלוט.

אַ מאָרד אין דעם שטאַם גופא איז געווען אַזאַ טהאַט, וואָס האָט אַבסאָלוט קיינמאָל ניט פּאַסירט. דאָס איז נאָך איצט דער פֿאַל ביי די עסקימאָסען, יענע לעצטע פֿערטרעטער, וואָס זיינען נאָך איבערגעבליבען פֿון דער שטיין-צייט אין די אַרקטישע לענדער, ביי די אַלעאוטען א.ז.וו. מען ווייסט גאַנץ בעשטימט, אַז אַ מאָרד אין דעם שטאַם איז ניט פֿאָרגעקומען פֿאַר די לעצטע פֿופֿציג אָדער זעכציג יאָהר אָדער נאָך לענגער.

ווען אָבער שטאַמען פֿון פֿערשיעדענע שפּראַכען, קאָליר אָדער אָב־שטאַמונג האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפֿען אויף זייערע וואַנדערונגען, פֿלעגט זעהר אָפֿט אויסקומען אַ קריעג צווישען זיי. עס איז אמת, דאָס אפילו שוין אין יענע צייטען האָבען די מענשען געטהאָן אַלעס מעגליכע צו מילדערן דעם כאַראַקטער פֿון בלוטיגע צוזאַמענשטויסונגען. פֿערשיעדענע געלעהרטע ווי מיין, פּאָסט ע. נים, האָבען אונז קלאָהר בעוויזען, אַז שוין דאַן האָבען פֿיעלע שטאַמען איינגעווילינגט צו רעספּעקטירען געוויסע כללים און בעגרענעצונגען, ווי צו פֿיהרען די מלחמות; און דאָס איז טאַקע געווען דער אָנפֿאַנג פֿון דעם „אינטערנאַציאָנאַלען רעכט", וואָס האָט זיך ע:טוויקעלט פֿיעל שפּעטער. עס איז צ.ב.ש. נים געווען ער־לויבט צו אַטאַקירען אַ דאָרף, איידער מען האָט נים פֿריהער געוואָרנט די איינוואוינער. קיינער וואָלט קיינמאָל נים געסמייעט צו טויטען אי־מיצען אויף אַ סטיעזשקע, וואָס איז געווען אויסגעטראָטען פֿון די פֿרויען, געהענדיג צום ברונען נאָך וואַסער. און אום צו מאַכען שלום, האָט מען זעהר אָפֿט געמוזט בעצאָהלען דעם באַלאַנס פֿון די מענשען, וואָס זיינען דער׳הרג׳ט געוואָרען אויף ביידע זייטען.

נאָר די אַלע מאַסרעגלען און נאָך פֿיעלע אַנדערע׳ זיינען נאָך נים געווען גענוג: די סאָלידאַריטעט האָט זיך נים אָבגעשטעלט ביים קלאַן אָדער שטאַם; עס זיינען פֿאָרגעקומען קריעגערייען צווישען מיטגלידער פֿון פֿערשידענע קלאַנס אָדער שטאַמען, און עס האָט זיך געמאַכט, אַז דער איינער אָדער דער אַנדערער איז פֿערוואונדעט אָדער דער׳הרג׳עט געוואָרען.

פֿון יענער צייט אָן האָט זיך ענטוויקעלט אַן אַלגעמיין אָנגענומענער כלל צווישען די פֿערשידענע קלאַנס און שטאַמען. — „אייער שטאַם האָט פֿערוואונדעט אָדער דער׳הרג׳ט איינעם פֿון אונזערע, דערפֿאַר האָבען מיר אַ רעכט צו דער׳הרג׳ענען איינעם פֿון אייך אָדער צו פֿערוואונדען איינעם פֿון אייערע, פּונקט אַזוי ווי אונזערער איז פֿערוואונדעט גע־וואָרען." עס מאַכט נים אוים וועמען, ווייל עס איז אימער דער שטאַם, וועלכער איז פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר יעדע טהאַט פֿון זיינע מיטגלידער. דער גוט בעקאַנטער זאַץ פֿון דער ביבעל: „שן תחת שן, עין תחת עין" און נים מעהר, שטאַמט טאַקע, ווי קעניגסוואַרטער האָט אַזוי גוט בעמערקט, פֿון יענע אלטע פּרימיטיווע צייטען. דאָס איז געווען זייער בעגריף פֿון גערעכטיגקייט; און מיר אַליין האָבען גאָר נים פֿיעל אורזאַכען צו האַלטען זיך פֿיעל גרעסער פֿון יענע ווילדע; דען

דעם פרינציפּ „אַ לעבען פֿאַר אַ לעבען", וואָס הערשט נאָך היינט אין אונזערע געזעץ־ביכער, האָבען מיר גע'ירש'ענט פֿון יענע צייטען.

מיר זעהען אַלזאָ, דאָס אַ גאַנצע רייהע פֿון אינסטיטוציאָנען און נאָך פֿיעלע אַנדערע, איבער וועלכע איך קען דאָ איצט ניט ריידען, אַ גאַנצע לעהרע פֿון דער שטאַם־מאָ־אַל האָבען זיך שוין אויסגעאַרבייט אין יענער פרימיטיווער פעריאָדע. און אום אויפֿצוהאַלטען אָט דעם קערן פֿון געזעלשאַפֿטליכע רעגלען און בעשטימונגען איז געווען גענוג די גע־וואוינהייט, דער מנהג, די טראַדיציאָן; עס האָט ניט עקזיסטירט קיין שום אויטאָריטעט, וועלכע זאָל האָבען אויפֿגעצוואונגען אויף אימיצען אָט דעם אַרט לעבען.

עס איז גאָר קיין צווייפֿעל, אַז די פרימיטיווע מענשען האָבען צייט־ענווייז געהאַט זייערע פֿיהרער. דער כשוף־מאַכער, דער רעגען־מאַכער— דער וויסענשאַפֿטס־מאַן פֿון יענער צייט — האָבען געזוכט צו ציהען נוצען פֿון דעם, וואָס זיי האָבען געוואוסט, אָדער וואָס זיי האָבען זיך איינגערעדט צו וויסען פֿון דער נאַטור, אום צו הערשען איבער זייערע מיטמענשען. דאָס גלייכען איז געוואָרען אַ גאַנצער יאַ־טעבע־דאַס דער, וואָס האָט בעסער פֿון די אַנדערע געקענט געדיינקען די שפּריך־ווערטער און ליעדער, אין וועלכע עס האָט זיך פֿערקערפּערט די טראַדיציאָן פֿון יענער צייט. זיי פֿלעגען פֿאָרטראָגען די דאָזיגע גלייכניסען און געזאַנגען בעפֿאָר די פֿאָלקס־פֿערזאַמלונגען, אין דער צייט פֿון די אַלגעמיינע ימים טובים און האָבען איבערגעגעבען די בעשליסע און ענטשיידונגען, וועלכע פֿריהערדיגע פֿערזאַמלונגען האָבען אָנגענומען ביי אַזעלכע אָדער אַזעלכע געלעגענהייטען. מיר געפֿינען דיזעלבע ערשיינונג נאָך היינט צו טאָג ביי געוויסע פרימיטיווע פֿעלקער. פֿון דאַמאָלס אָן האָבען יענע „געבילדעטע" געזוכט צו פֿערזיכערן זייער הערשאַפֿט דערמיט, וואָס זיי האָבען איבער־געגעבען זייערע קענטניסע נור צו איינצעלנע אויסערוועהלטע. אַלע רע־ליגיאָנען און זאָגאַר קונסט און מלאכה האָבען זיך אָנגעפֿאַנגען מיט „מיסטעריען"; און די מאָדערנע וויסענשאַפֿטליכע אונטערזוכונגען צייגען אונז קלאָהר און דייטליך, וואָס פֿאַר אַ וויכטיגע ראָלען עס שפּיעלען די געהיימע געזעלשאַפֿטען פֿון די אויסערוועהלטע אין די פרימיטיווע שטאַמען, אום אויפֿצוהאַלטען געוויסע טראַדיציאָנעלע געוואוינהייטען. אָט דאָ גע־פֿינען מיר שוין די ערשטע סמנים פֿון דער אויטאָריטעט.

אויך דער בראַווער, דער מוטהיגער, דער כיטרער איז צייטענווייז געוואָרען פֿיהרער, ווען עס זיינען פֿאָרגעקומען שטרייטיגקייטען מיט אַנ־דערע שטאַמען אָדער אין דער צייט פֿון די וואַנדערונגען. אָבער אַ

פֿעראייניגונג צווישען דעם טרעגער פֿון׳ם „געזעץ״, דעם מיליטערישען פֿיה־רער און דעם כשוף־מאַכער האָט נאָך ניט עקזיסטירט, און אין די דאָזיגע שטאַמען קען מען פונקט אַזוי ווייניג ריידען פֿון אַ שטאַאַט, ווי אין אַ געזעלשאַפֿט פֿון ביענען אָדער מוראַשקעס, אָדער ווי ביי די פּאַטאַ־גאָניער און עסקימאָסען פֿון אונזער צייט.

די דאָזיגע פֿאַזע פֿון דער מענשליכער־ענטוויקלונג האָט געדויערט טויזענדער און טויזענדער יאָהרען, און די באַרבאַרען, וועלכע האָבען איבערפֿלייצט דעם רוימישען קייזער־רייך, האָבען איהר אויך איבערגע־לעבט; זיי זיינען קוים וואָס געווען אַרויס פֿון איהר.

אין די ערשטע יאָהרהונדערטער פֿון אונזער צייט־רעכנונג האָבען גרויסע וואַנדערונגען שטאַטגעפֿונען צווישען די שטאַמען און שטאַם־פֿערבינדונגען אין מיטעל און נאָרד אַזיען. אַ שטראָם שטאַמען און פֿעל־קערשאַפֿטען, געטריבען פֿון מעהר אָדער ווייניגער ציוויליזירטע פֿעלקער, וואָס האָבען בעוואוינט די הויך־לענדער פֿון אַזיען — און וועלכע זיינען וואהרשיינליך פֿערטריבען געוואָרען דורך די שנעלע אויסטריקענונגען פֿון יענע געגענדען*) — האָט פֿערפֿלייצט גאַנץ אייראָפּאַ, שטופענדיג איינע די אַנדערע אַלץ ווייטער און פֿערמישענדיג זיך איינע מיט די אַנדערע אויף זייער מאַרש נאָך מערב־זייט צו.

וועהרענד יענע וואַנדערונגען, ווען אַזוי פֿיעל שטאַמען פֿון פֿער־שידענער אָבשטאַמונג האָבען זיך צונויפֿגעמישט איינע מיט די אַנדערע, האָט דער פּרימיטיווער שטאַם, וועלכער האָט אין יענער צייט נאָך עק־זיסטירט ביי די ווילדע איינוואוינער פֿון אייראָפּאַ, געמוזט פֿערלירען זיין נאַטירליכען צוזאַמענבונד. דער פֿונדאַמענט פֿון דעם שטאַם איז געווען די געמיינשאַפֿליכע אָבשטאַמונג, דער קולטוס פֿון די געמיינשאַפֿטליכע עלטערן; אָבער וואָס פֿאַר אַ געמיינשאַפֿטליכע אָבשטאַמונג האָט געקענט זיין ביי דעם ערב רב פֿון די פֿערשידענע שטאַמען, וועלכע דער ווילדער כאַאָס פֿון די שטענדיגע וואַנדערונגען, דער געגענזייטיגער קריעג האָבען צוזאַמענגעבראַכט? דאָ און דאָרט האָבען זיך אויך שוין אַרויסגעצייגט די ערשטע סמנים פֿון דער פֿעטערליכער פֿאַמיליע, דורך דעם וואָס איינ־

*) די אורזאַכען, וועלכע האָבען מיר געמאַכט אָנצונעהמען אָט די היפּאָטעזע, האָב איך ענטוויקעלט אין אַ שטודיע, „די אויסטריקענונג פֿון נאָרד אַסט אַזיען״, פֿאַר דער אויספֿאָרשונגס־אָבטהיילונג פֿון דער געאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט אין לאָנדאָן, וועלכע איז פֿערעפֿענטליכט געוואָרען אין דעם Geographical Journal פֿון דער דאָזיגער געזעלשאַפֿט, אין יוני 1904.

צעלנע האָבען אַוועקגערויבט און פֿערהאַלטען פֿאַר זיך פֿרויען פֿון אַנ־דערע שטאַמען אין דער צייט פֿון מלחמה.

די אַלטע פֿערבינדונגען זיינען צוריסען געוואָרען, און אום אין גאַנ־צען זיך ניט צו פֿערלירען — אין יענער צייט זיינען אַסך שטאַמען אין גאַנצען פֿערשוואונדען געוואָרען פֿון דער געשיכטע — איז נייטיג געוועזן, דאָס נייע פֿערבינדונגען זאָלען געשאַפֿען ווערען. און אַזעלכע זיינען טאַקע אויך באַלד ענטשטאַנען. דער נייער צוזאַמענבונד איז געוועזען דער גע־מיינשאַפֿטליכער בעזיץ פֿון דער ערד; דער פּלאַץ, אויף וועלכען אַזאַ און אַזאַ צוזאַמענגעמישטע מענשען-גרופּע האָט זיך ענדליך בעזעצט.*)

* * *

דער געמיינשאַפֿטליכער בעזיץ פֿון אַ געוויסען שטיק לאַנד, אַ גע־וויסען טהאָל אָדער עטליכע בערגלאַך איז געוואָרען דער באַזיס פֿון דער נייער פֿעראייניגונג. די אַלטע שטאַם-געטער האָבען מעהר ניט געהאַט קיין שום בעדייטונג; זייער פּלאַץ איז פֿערנומען געוואָרען פֿון די לאָ־קאַלע געטער, די געטער פֿון דעם טהאָל, דעם טייך, דעם וואַלד, וועלכע האָבען איצט געגעבען די רעליגיעזע הסכמה. שפּעטער האָט דאָס קרים-טענטהום פֿון די אַלע געטער געמאַכט לאָקאַלע הייליגע, צופּאַסענדיג זיך צו די בעגריפֿען פֿון׳ם היידענטהום, וואָס האָט נאָך געלעבט גאַנץ שטאַרק צווישען די מאַסען.

פֿון דאַמאָלס אָן איז די דאָרף-געמיינדע, וועלכע איז געוועזען טהייל־ווייז אָדער גענצליך צוזאַמענגעשטעלט פֿון בעזונדערע פֿאַמיליעס — אַלע פֿעראייניגט דורך דעם בעזיץ פֿון דער געמיינשאַפֿטליכער ערד — געוואָרען פֿאַר יאָהרהונדערטער דער נייער צוזאַמענבונד פֿון׳ם געזעל־שאַפֿליכען לעבען.

אויף די גרויסע שטרעקען לאַנד פֿון מזרח-אייראָפּאַ, אַזיען און אַפֿריקאַ עקזיסטירט נאָך ביז היינטיגען טאָג די דאָרף-געמיינדע. די באַרבאַרען, וועלכע האָבען צושטערט דאָס רוימישע רייך, די סקאַנדי־נאַווער, דייטשען, קעלטען, סלאַווען א.ז.וו., האָבען געלעבט אונטער יענער פֿאָרם פֿון אָרגאַניזאַציאָן. און שטודירענדיג די אַלטע באַרבאַרישע געזעץ-ביכער, ווי אויך די געזעצע און מנהגים פֿון די פֿעראייניגטע דאָרף-קאָמונעס ביי די קאַבילען, מאָנגאָלען, הינדוס, אַפֿריקאַנער א.ז.וו. וועלכע עקזיסטירען נאָך איצט, ווערט עס מעגליך פֿאַר אונז צוריק

*) זעה מיין בוך: „די גענענזייטיגע הילפֿע".

אויפצובויען די גאַנצע פאָרמע פון יענער געזעלשאַפט, וועלכע איז געווען די מוטער פון אונזער ציוויליזאַציאָן.

לאָמיר דאַרום וואַרפען אַ בליק אויף יענע אינסטיטוציאָן!

---

## III.

די דאָרף־קאָמונע איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון בעזונדערע פאַמיליעס, אַזוי ווי עס איז נאָך היינט דער פאַל. די ערד אָבער האָט בעלאַנגט צו אַלע פאַמיליעס פון דערזעלבער געמיינדע. זיי האָבען איהר בעטראַכט פאַר זייער געמיינשאַפטליכעם אייגענטהום, און יעדער האָט געקראָגען צוגעטהיילט אויף זיין חלק לויט די גרוים פון זיין פאַמיליע — לויט זייערע בעדערפנישען און זייערע קרעפטע. הונדערטער מיליאָנען מענשען לעבען נאָך היינט צו טאָג אויף אַזאַ אופן אין מזרח־זייט פון איירָאָפּאַ, אין אינדיען, יאַוואַ א.ז.וו. עס איז דערזעלבער סיסטעם, וועלכען די רוסישע בויערן האָבען איינגעפיהרט ביי זיך, ווען דער שטאַאט האָט זיי ערלויבט צו פערנעהמען גרויסע שטיקער לאַנד אין סיביר און זיך איינצוּאָרדנען, ווי זיי געפעלט אַם בעסטען.

היינט בעאַרבייט יעדע פאַמיליע פון אַ דאָרף־געמיינדע איהר שטיק ערד בעזונדער. די גאַנצע ערד, וועלכע לאָזט זיך פערווענדען אויף דעם אַקער-בוי, ווערט צוטהיילט צווישען די פערשידענע פאַמיליעס — אויב עס איז נויטווענדיג, טהיילט מען איהר איבער פון צייט צו צייט — און יעדער קען בעאַרבייטען זיין פעלד אויף זיין אייגענעם שטייגער. אָבער אין אָנפאַנג איז אויך די בעאַרבייטונג פון דער ערד געווען געמיינשאַפטליך, און אַזוי פיהרט זיך נאָך איצט אין פיעלע פלעצער, אַם וויינינגסטענס וואָס אָנבעלאַנגט די בעאַרבייטונג פון געוויסע שטיקער לאַנד. וואָס אָנבעלאַנגט אויסהאַקען בוימער אין וואַלד, בויען בריקען, פערצאַמונגען, פעסטונגס־ווערק, וואו די איינוואוינער זאָלען קענען געפינען אַ שוץ אין דער צייט פון פיינדליכע אָנפאַלען — דאָס אַלעס איז געווען די אַרבייט פון דער געמיינדע, ווי עס איז נאָך היינט דער פאַל מיט הונדערטער מיליאָנען בויערן, דאָרט, וואו די דאָרף־געמיינדע האָט געמאַכט אַ פעסטען ווידערשטאַנד געגען דער געוואַלט פון׳ם שטאַאַט. אָבער דער „קאָנסום“, אום זיך צו בענוצען מיט אַ מאָדערנעם אויסדרוק, איז שוין געווען פאַר יעדע פאַמיליע בעזונדער, פון וועלכע יעדע

האָט געהאַט איהר אייגענע פּיעה, איהר געמיזע-גאָרטען, איהר זאַפּאַס. די מיטלען אָנצוקלייבען געוויסע רייכטהימער און זיי איבערצוגעבען בירושה צו אַנדערע, האָבען אַלזאָ דאָן שוין עקזיסטירט.

אין אַלע אָנגעלעגענהייטען איז די דאָרף-געמיינדע געווען די העכסטע קערפּערשאַפט. דער לאָקאַלער מנהג האָט פערנומען דעם פּלאַץ פון'ם געזעץ, און די פערזאַמלונג פון די פאַמיליען-פאָרשטעהער — מענער און פרויען — איז געווען דער ריכטער, דער איינציגער ריכטער אין געשעפטליכע און קרימינעלע אָנגעלעגענהייטען. ווען איינער האָט זיך געהאַט צו בעקלאָגען אויף אַ צווייטען איינוואוינער פון דערזעלבער געמיינדע, פלעגט ער אַריינשטעקען זיין מעסער אויף דעם פּלאַץ, וואו די געמיינדע פלעגט זיך געוועהנליך צוזאַמענקומען; און זי האָט געדאַרפט „אויסגעפינען דעם אורטהיילס-שפּרוך", לויט דעם לאָקאַלען מנהג, נאָכדעם ווי דער פאַל איז ערקלערט געוואָרען פוןביידע פּאַרטייען בעפאָר די געשוואָרענע.

איך קען דאָ איצט ניט איבערגעבען אַלע וויכטיגע און אינטערעסאַנטע ערשיינונגען פון יענער ענטוויקלונגס-פּאַזע. אין מיין בוך „די גענענזייטיגע הילפע" וועט דער לעזער געפינען מעהר איינצעלהייטען. גענוג וועט זיין פאַר מיר צו בעמערקען דאָ, אַז די אַלע אינסטיטוציאָנען, מיט וועלכע דער שטאַאט האָט זיך שפּעטער בענוצט צו גונסטען פון קליינע מינדערהייטען, אַלע רעכטס-בעגריפען, וועלכע מיר געפינען אין אונזערע געזעץ-ביכער (פערקריפּעלט איצטער צו גונסטען די פּריוועליגירטע מינדערהייטען), אַלע פאָרמען פון געריכטליכע פערהאַנדלונגען, וועלכע געבען דעם איינצעלנעם אַלע מעגליכע גאַראַנטיען — דאָס אַלעס איז געשאַפען געוואָרען אין דער דאָרף-געמיינדע. ווען מיר שטעלען זיך אַלזאָ אַמאָל פאָר, אַז מיר האָבען געמאַכט אַ גרויסען פאָרטשריט, איינפיהרענדיג, למשל, די געשוואָרענע-געריכטען, איז דאָס אין דער אמת'ן בלויז אַ צוריקקעהרונג צו די אינסטיטוציאָנען פון די זאָגענאַנטע „באַרבאַרען", וועלכע מיר האָבען, פערשטעהט זיך, פערשלעכטערט, ווילענדיג זיי צופּאַסען צו די אינטערעסען פון די הערשענדע קלאַסען. דאָס רוימישע רעכט האָט בלויז פערדעקט דאָס אַלטע געוואוינהייטס-רעכט.

אין דערזעלבער צייט האָט זיך אויך שטאַרק ענטוויקעלט דער געפיהל פון נאַציאָנאַלער איינהייט דורך די גרויסע פרייע פעדעראַציאָנען פון די דאָרף-געמיינדעס.

* * *

גרינדענדיג זיך אויף דעם געמיינשאַפטליכען בעזיץ און זעהר אָפט אויך אויף דער געמיינשאַפטליכער בעאַרבייטונג פון דער ערד; זייענדיג דער העכסטער ריכטער און פערטייטשער פון דעם געוואוינהייטס-רעכט, האָט די דאָרף-געמיינדע בעפריעדיגט כמעט אַלע סאָציאַלע בעדערפּני-שען פון'ם מענשען.

אָבער דאָך ניט אַלע זיינע בעדערפּנישען: דער מענש האָט נאָך געהאַט מאַנכע אַנדערע, וועלכע ער האָט געוואָלט צופריעדענשטעלען. דער גייסט פון יענער עפּאָכע איז אָבער געווען אַזעלכער, אַז ער איז ניט באַלד געלאָפען צו אַ רעגירונג, אום זי זאָל בעפרידיגען זיינע נייע בעדערפּנישע. פערקעהרט, די מענשען פון יענער צייט האָבען געהאַט פּערזענליכע איניציאַטיווע זיך אַליין צו העלפען; זיי האָבען זיך פער-איניגט, פערבונדען, פעדערירט איינע מיט די אַנדערע און געשאַפען גרעסערע אָדער קלענערע גרופּירונגען, וועלכע זיינען געווען אין איינ-קלאַנג מיט זייערע בעדערפּנישען. די גאַנצע געזעלשאַפט פון יענער צייט איז בוכשטעבליך בעדעקט געווען מיט אַ נעץ פון ברודערשאַפטען, גילדעס און אַלע סאָרטען פעראיינען פאַר דער געגענזייטיגער הילפע. די דאָזיגע אָרגאַניזאַציאָנען האָבען עקזיסטירט אין די דערפער און אוי-סער די דערפער אין פעדעראַטיווע פערבינדונגען.

מען קען נאָך היינט בעאָבאַכטען אָט די פאַזע פון ענטוויקלונג און דעם גייסט, וואָס האָט איהר בעהערשט, ביי פיעלע באַרבאַרישע פעַ-דעראַציאָנען, וועלכע די מאָדערנע שטאַאַטען — נאָך דעם רוימישען און שפּעטער נאָך דעם ביצאַנטינישען מאָדעל — האָבען נאָך ניט איינ-געשלונגען.

די קאַבילען, למשל — אום נור אָנצוצייגען אויף איין פאַקט צווי-שען פיעלע אַנדערע — האָבען אויפגעהאַלטען זייער דאָרף-געמיינדע מיט איהרע אַלע איינצעלהייטען: די געמיינשאַפטליכע ערד, דעם קאָמו-נאַלען טריבונאַל א.ז.וו. אָבער דער מענש פיהלט די נויטווענדיגקייט אַרויסצוגעהן אַביסעל פון די שמאָלע גרענעצען פון זיין קליינער גע-מיינדע. איניגע האָבען אַ נייגונג זיך אָנצוזעהן אַביסעל די וועלט און זוכען אַבענטייער אַלס קויפליים; אַנדערע נעהמען זיך צו אַ מלאכה, צו וואָס פאַר עס איז ניט „קונסט“. און אָט די אַלע קויפליים און בעלי-מלאכות פעראייניגען זיך אין „ברידערשאַפטען“, זאָגאַר ווען זיי בעלאַנ-גען צו פערשידענע דערפער, שטאַמען און קאָנפעדעראַציאָנען. זיי נויי-טיגען זיך אין דער פעראייניגונג, אום זיך צו העלפען איינע די אַנדערע אויף ווייטע רייזען, אום זיך איבערצוגעבען געגענזייטיג די געהיימניסע

פון דער מלאכה, און דעריבער פֿעראייניגען זיי זיך. זיי שווערען ברוד־דערשאַפֿט און פּראַקטיצירען איהר אויף אַזאַ אופן, וועלכער מאַכט דעם איירעפּעער איינפֿאַך צו שטוינען; ווייל זייער ברודערשאַפֿט בע־שטעהט טאַקע אין טהאַטען און ניט בלויז אין ווערטער.

און אַן אונגליק קען דאָך טרעפֿען מיט יעדען. ווער קען וויסען, אויב מאָרגען — אפשר אין אַ געשלעג — ווערט אַ מאַן, וואָס איז געוועהנליך פֿרידליך און רוהיג, ניט עובר זיין די פֿעסטגעשטעלטע גרע־נעצען פֿון גוטער אויפֿפֿיהרונג און סאָציאַביליטעט? אַ שווערע שטראָף וועט ער דאַן דאַרפֿען צאָהלען דעם בעליידיגטען אָדער פֿערוואונדעטען; ער וועט דאַרפֿען זיך פֿערענטפֿערן פֿאַר דער פֿערזאַמלונג פֿון דער דאָרף־געמיינדע און וועט דאַרפֿען בעווייזען די פֿאַקטען דורך די שבועות פֿון זעקס, צעהן אָדער צוועלף עדות. און דאָס איז נאָך אַ גרונד צו בעלאַנגען צו אַ ברודערשאַפֿט.

נאָך מעהר, אַ מענש האָט אויך דעם בעדערפֿניש זיך מתעסק צו זיין מיט קהל'שע אָנגעלעגענהייטען, צו פֿערשפּרייטען, צו פּראָפּאַגאַנדירען אַ געוויסע מאָראַלישע אידעע אָדער געוואוינהייט. מען דאַרף זיך אויך בעוואָרענען געגען אַנדערע, אום אויפֿצוהאַלטען דעם פֿריעדען, מאַכען פֿערבינדונגען מיט נאָהענטע און ווייטע שטאַמען, ענטוויקלען בעשטימטע פֿעלקער־רעכטליכע פּרינציפּען א.ז.וו. אָט אום צו בעפֿרידיגען דיזע אַלע בעדערפֿנישען, ווענדען זיך ניט די קאַבילען, מאָנגאָלען אָדער מאַלייען צו אַ רעגירונג; אַזאַ זאַך עקזיסטירט ניט ביי זיי. זיי, פֿיהרענדיג זיך נאָך זייערע מנהגים און זייער געראַדען שכל, זיינען נאָך ניט פֿערדאָרבען גע־וואָרען דורך אַ רעגירונג אָדער אַ קירכע, וועלכע מישען זיך אַריין אין אַלע אָנגעלעגענהייטען. זיי פֿערבינדען זיך דירעקט איינע מיט די אַנ־דערע. זיי בילדען געשוואָרענע ברידערשאַפֿטען, פּאָליטישע און רעלי־גיעזע געזעלשאַפֿטען, פֿאַך־אָרגאַניזאַציאָנען — גילדעס, ווי מען פֿלעגט זיי רופֿען אין מיטעלאַלטער, „סאָפֿס", ווי די קאַבילען רופֿען עס היינט. און די דאָזיגע סאָפֿס געהען וויט, ווייט אַרויס פֿון די גרענעצען פֿון'ם דאָרף; זיי פֿערשפּרייטען זיך איבער דעם גאַנצען מדבר און פֿרעמדע שטעדט, און ברידערליכקייט ווערט פּראַקטיצירט אין די אַלע פֿעראיי־ניגונגען. צו אַנטזאָגען הילפֿע אַ מיטגליעד פֿון'ם סאָף, און ווען עס זאָל זאָגאר זיין סכנות נפשות, ווערט בעטראַכט אַלס אַ פֿערראַטה געגען דער „ברודערשאַפֿט", און דער פֿעררעטער ווערט בעהאַנדעלט אַלס אַ ברודער־מערדער.

וואָס מיר געפֿינען היינט ביי די קאַבילען, מאָנגאָלען, מאַלייען א.ז.וו., דאָס איז געווען דער סאַמע עצם פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכען לעבען פֿון די באַרבאַרען אין אייראָפּאַ פֿון דעם 5טען ביז דעם 12טען און זאָגאַר ביז דעם 15טען יאָהרהונדערט. אונטער די נעמען פֿון „גילדעס", „פֿריינדשאַפֿטען", „ברודערשאַפֿטען", „אוניווערסיטעטען" א.ז.וו. האָבען זיך געיאַוועט די פֿערשידענסטע פֿערבינדונגען: אָרגאַניזאַציאָנען פֿאַר דער געגענזייטיגער פֿערטהיידיגונג; פֿאַר צו נעהמען נקמה, ווען אַ מיטגליעד איז בעליידיגט געוואָרען און צו ענטפֿערן סאָלידאַריש אויף דער בעליידיגונג; פֿאַר אַוועקצומאַכען מיט דעם אַלטען מנהג פֿון דער בלוט־ראַכע און איינצופֿיהרען שטראָף־געלדער, אַריינגעהמענדיג דעם אָנגרייפֿער אין דער ברודערשאַפֿט; פֿאַר דער פּראַקטיצירונג פֿון געוויסע מלאכות, פֿאַר קראַנקען־אונטערשטיצונגען; פֿאַר דער פֿערטהיידיגונג פֿון'ם לאַנד; פֿאַר צוריקצואווייזען דעספּאָטישע האַנדלונגען פֿון דער אויטאָריטערער מאַכט, וועלכע איז גראָד וואָס געבוירען געוואָרען; פֿאַר צו שאַפֿען גוטע בעציהונגען צו די אַרומיגע שכנים; פֿאַר פּראָפּאַגאַנדיסטישע צוועקען — מיט איין וואָרט פֿאַר אַלעס, פֿאַר וואָס דער היינטיגער אייראָפּעער, דער שילער פֿון דעם רוימישען צעזאַריזם און די רוימישע פּאַפּסטען, ווענדעט זיך איצט צום שטאַאַט. עס איז נאָך אַ גרויסע פֿראַגע, צי עס האָט אין יענער צייט איבערהויפּט עקזיסטירט אַ מענש, אַ פֿרייער אָדער לייבאייגענער (אויסער די, וואָס זיינען אַרויסגעשטויסען געוואָרען פֿון זייערע אייגענע ברודערשאַפֿטען), וואָס האָט ניט בעלאַנגט צו וואָס פֿאַר עס איז ניט גילדע אָדער ברודערשאַפֿט, אַחוץ זיין געמיינדע.

די סקאַנדינאַווישע „זאַגאַס" פֿערהערליכען די טהאַטען פֿון די ברודערשאַפֿטען, די אָפּפֿערווילינגקייט פֿון די ברידער, און זייערע שעהנסטע און פּאָעטישסטע דיכטונגען; אין דער צייט, ווען די קירכע און די נייגעבאַקענע קעניגע, אַלס די פֿערטרעטער פֿון דעם ביצאַנטינישען און רוימישען רעכט, האָבען זיי פֿערפֿלוכט און אַריינגעלייגט אין חרם. אַ גליק, וואָס זייערע בעפֿעהלען האָבען אַ קנאַפּען ווערטה געהאַט אין יענער צייט, אַז זיי זיינען מעהר ניט געווען ווי אַ טויטער בוכשטאַב.

די גאַנצע געשיכטע פֿון יענער עפּאָכע פֿערלירט איהר אייגענטליכען זין און קען איבערהויפּט ניט פֿערשטאַנען ווערען, אייב מיר זאָלען פֿערגעסען אין די ברידערשאַפֿטען, אין יענע פֿעראייניגונגען פֿון ברידער און שוועסטער, וועלכע האָבען איבעראַל אַרויסגעשפּראָצט, אום צו בעפֿריידיגען די הונדערטער און הונדערטער בעדערפֿנישען אין דעם עקאָנאָמישען און גייסטיגען לעבען פֿון די מענשען.

אום גוט צו פֿערשטעהן דעם אונגעהייערען פֿאָרטשריט, וועלכער איז אויסגעפֿיהרט געוואָרען אונטער יענער צווייפֿאַכער אינסטיטוציאָן פֿון די דאָרף־קאָמונעס און די פֿרייע געשוואָרענע ברודערשאַפֿטען — אויסער־האַלב פֿון יעדען רוימישען, קירכליכען אָדער שטאַאַטליכען איינפֿלוס — דאַרף מען בלויז וואַרפֿען אַ בליק אויף אייראָפּאַ, ווי זי האָט אויסגעזעהען אין דער צייט, ווען די באַרבאַרען זיינען אָנגעפֿאַלען אויף איהר און איהם פֿערגלייכען מיט דעם צושטאַנד אין 10־טען און 11טען יאָהרהונדערט. די ווילדע אור־וועלדער, וועלכע האָבען בעדעקט דאָס גאַנצע לאַנד, זיינען אויסגעהאַקט געוואָרען, דאָס לאַנד איז געוואָרען קאָלאָניזירט, טוי־זענדער דערפֿער האָבען בעדעקט דעם פּלאַץ פֿון דער אַמאָליגער ווילדער־ניש, אַרומגערינגעלט פֿון פֿערצאַמטע פֿעלדער, געשיצט דורך פֿעסטע מויערן און טהורמען און פֿערבונדען איינע מיט די אַנדערע דורך בעשטימטע וועגען, וועלכע האָבען דורכגעשניטען וועלדער און זומפּען.

אין די דאָזיגע דערפֿער געפֿינען מיר דעם ערשטען אָנהויב פֿון די אינדוסטריעלע קינסטע און אַ גאַנצען נעץ פֿון אינסטיטוציאָנען, אום אויפֿצוהאַלטען דעם אינערליכען און אויסערליכען פֿריעדען. ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ מאָרד אָדער ווען אימעצער איז פֿערוואונדעט גע־וואָרען, האָבען די איינוואוינער פֿון'ם דאָרף שוין מעהר ניט געזוכט צו טויטען אָדער צו פֿערוואונדען דעם אָנגרייפֿער, אָדער איינעם פֿון זיין פֿאַמיליע, אָדער איינעם, וואָס האָט בעלאַנגט צו דעמזעלבען דאָרף, ווי עס איז געווען דער פֿאַל אין דער צייט פֿון דער שטאַם־אָרגאַניזאַציאָן. דער דאָזיגער פּרינציפּ האָט זיך בלויז נאָך אויפֿגעהאַלטען ביי די אַריס־טאָקראַטישע באַנדיטען, צוליעב זייערע שטענדיגע מלחמות; נאָר די איינוואוינער פֿון די דערפֿער האָבען אַזעלכע אָנגעלעגענהייטען מייסטענ־טהיילס גערעגעלט דורך אַ געוויסע סומע, וועלכע דער שולדיגער האָט געמוזט בעצאָהלען צו דעם בעליידיגטען אָדער צו זיין פֿאַמיליע. דערנאָך איז ווידער געווען שלום און זעהר אָפֿט, אויב ניט אימער, איז דער בע־לייידיגער אויפֿגענומען געוואָרען אַלס אַ מיטגליד אין דער פֿאַמיליע פֿון דעם בעלייידיגטען.

דאָס שיעדס־געריכט איז ביסלעכוויז געוואָרען אַן אינסטיטוציאָן, וואָס האָט זיך טיעף איינגעוואָרצעלט אין'ם טעגליכען לעבען, טראָץ דעם וואָס די בישאָפֿען און די ניי געבאַקענע קליינע קעניגלאַך האָבען גע־וואָלט, אַז יעדער שטרייט זאָל ווערען פֿאָרגעבראַכט פֿאַר זיי אָדער פֿאַר זייערע אַגענטען, כדי דער „פֿרעד", די שטראָף־געלדער זאָלען געהן אין זייערע קעשענעס.

און ענדליך זעהען מיר, אַז הונדערטער דערפֿער האָבען זיך פֿער־אייניגט אין מעכטיגע פֿעדעראַציאָנען, אום אויפֿצוהאַלטען דעם אינער־ליכען פֿריעדען; זיי האָבען בעטראַכט זייער לאַנד אַלס אַ געמיינשאַפֿט־ליכע ירושה און האָבען זיך פֿערבונדען איינע מיט די אַנדערע פֿאַר דער געגענזייטיגער פֿערטהיידיגונג. דאָרטען געפֿינען מיר דעם ערשטען קערענדעל, פֿון וואַנען עס זיינען שפּעטער אַרויסגעוואַקסען די אייראָ־פּעאישע „נאַציאָנען". מיר האָבען נאָך היינט צו טאָג לעבעדיגע ביי־שפּיעלען פֿון די דאָזיגע פֿעדעראַציאָנען ביי די מאָנגאָלישע, טורקאָ־פֿינישע און מאַלאַאישע שטאַמען.

* * *

אָבער שוין בעוויזען זיך שוואַרצע פּונקטען אויף דעם געזעלשאַפֿט־ליכען האָריזאָנט פֿון יענער צייט. עס הויבען זיך אָן פֿאָרמירען פֿער־אייניגונגען פֿון אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער ווי די אויבען דערמאָהנטע, פֿעראייניגונגען פֿון הערשענדע מינאָריטעטען, וועמענס אויפֿגאַבע עס איז צו מאַכען פֿון יענע פֿרייע מענשען לייבאייגענע און אונטערטאַנען. רוים איז טויט; אָבער דער רוימישער גייסט, די רוימישע טראַדיציאָנען לעבען ווידער אויף און די קריסטליכע קירכע, אינספּירירט דורך די פֿאָרשטע־לונגען פֿון די אָריענטאַלישע טהעאָקראַטישע שטאַאַטען, אונטערשטיצט מיט אַלע איהרע קרעפֿטען די נייע מעכטע, וואָס זוכען זיך צו ענט־וויקלען.

דער מענש, וועלכער איז ווייט ניט די ווילדע חיה, ווי אַנדערע האָבען איהם ליעב פֿאָרצושטעלען, אום צו בעווייזען, די נויטווענדיגקייט איהם צו רעגירען, דער מענש האָט שטענדיג ליעב געהאַט רוה און פֿריעדען. ער איז קאַמפּף־לוסטיג פֿאַר געוויסע מאָמענטען, אָבער די נאַטור זיינע איז ניט ווילד, און דעריבער ציהט ער בעסער פֿאָר זיין פֿיעה, זיין ערד, זיין הייזעל, איידער צו זיין אַ סאָלדאַט. דאָס איז אויך די אורזאַכע, וואַרום, אַזוי שנעל ווי די גרויסע וואַנדערונגען פֿון די פֿעל־קער האָבען זיך נור עטוואָס אָבגעשטעלט; ווי באַלד נור די שטאַמען האָבען זיך מעהר אָדער וועניגער איינגעאָרדענט אויף זייערע פֿערשידענע טעריטאָריעס, האָבען זיי באַלד אָנגעטרויט די פֿערטהיידיגונג פֿון זייער לאַנד געגען נייע כוואַליעס פֿון דער פֿעלקער־וואַנדערונג צו אַ קליינע באַנדע גליק־זוכער — צו מענשען, וואָס זיינען געוואוינט געווען צו האַלטען מלחמה אָדער צו באַנדיטען — וועהרענד די גרויסע מאַסע האָט אויפֿגעהאָדעוועט איהר פֿיעה און בעאַרבייט די ערד. דער דאָ־זיגער פֿערטהיידיגער הויבט באַלד אָן אָנצוזאַמלען רייכטהום. ער גיט אַ

פערד און אייזען צו דעם אָרעמען אַקער־בויער — אין יענער צייט האָט אייזען געהאַט אַ גרויסען ווערטה — און מאַכט פון איהם אַן אונטער־טהאַן. ער הויבט אויך אָן צו ענטוויקלען דעם ערשטען קערן פון אַ מיליטערישער מאַכט.

פון דער אַנדערער זייט האָט די ברייטע מאַסע בּיסלעכווייז פערגע־סען אין דער טראַדיציאָן, וועלכע האָט בעשטימט דעם געזעץ. קוים וואָס עס איז נאָך איבערגעבליבען אין דאָרף אַן אַלטער מאַן, וועלכער גע־דיינקט נאָך די ליעדער און משלים, אין וועלכע מען פלעגט איבערגעבען די „ענטשיידונגען" פון דעם אַלטען געוואוינהייטס־רעכט, אום צו זינגען און דערצעהלען זיי אויף די גרויסע ימים טובים פון דער קאָמונע. בּיס־לעכווייז האָבען איינצעלנע פאַמיליעס זיך גֶעמאַכט דעם געדענקען פון די דאָזיגע טראַדיציאָנען פאַר זייער ספּעציאַליטעט, איבערגעבענדיג עס בירושה פון'ם פאָטער צום זוהן. אָט צו זיי ווענדען זיך די איינפאַכע דאָרף־לייט, אַלס די ריכטער אין שטאַרק פערפלאָנטערטע פעלע, אוי־בערהויפּט, ווען צוויי דערפער אָדער פעדעראַציאָנען ווילען ניט אונטער־וואַרפען זיך דעם בעשלוס פון זייערע אייגענע שלום־מאַכער.

אין די דאָזיגע פאַמיליעס דערזעהט מען שוין דעם ערשטען אָנהויב פון דער קעניגליכער אויטאָריטעט. און וואָס מעהר איך שטודיר די אינ־סטיטוציאָנען פון יענער צייט, אַלץ מעהר איבערצייג איך זיך, אַז די קענטנים פון דעם געוואוינהייטס־רעכט האָט פיעל מעהר בייגעטראָגען צו דעם אויפקומען פון דער דאָזיגער אויטאָריטעט, איידער די מאַכט פון שווערד. ווען דער מענש האָט זיך געלאָזט פערשקלאַפען, איז דאָס פיעל מעהר צו דאַנקען דעם וואונש צו „בעשטראָפען" דעם שולדיגען „לויט דעם געזעץ", אַלס ווי דער דירעקטער מיליטערישער געוואַלט.

און בּיסלעכווייז איז ענטשטאַנען די ערשטע „קאָנצענטראַציאָן פון דער מאַכט", די ערשטע געגענזייטיגע פערזיכערונג פון דער הערשאַפט צווישען דעם ריכטער און קריעגס־פיהרער, וועלכע האָט זיך געריכטעט געגען דער דאָרפישער געמיינדע. איין מאַן האָט איבערגענומען דיביידע פונקציאָנען. ער האָט זיך אַרומגערינגעלט מיט בעוואַפענטע מענער, אום אויסצופיהרען זיינע ריכטערליכע ענטשיידונגען; האָט זיך בעפעסטיגט אין זיין שלאָס; ער האָט אָנגעקליבען אין זיין פאַמיליע די רייכטהימער פון יענער צייט — ברויט, פיעה, אייזען — און האָט בּיסלעכווייז אַרויפ־געצוואונגען זיין הערשאַפט אויף זיינע שכנים, אויף די אַרומיגע בויערן.

דער וויסענשאַפטס־מאַן פון יענער צייט, ד.ה. דער מכשף אָדער פריעסטער האָט זיך צוגעאיילט צו געבען איהם זיין שטיצע, אום

צו טהיילען זיך מיט איהם אין דער הערשאַפט; אָדער ער האָט אַליין גענומען אַ שווערד אין האַנד אין צוגאָב צו זיינע קענטניסע און האָט געאַרבייט אויף זיין אייגענעם חשבון. אויף אַזאַ אופן איז ענטשטאַנען די ציימווייליגע מאַכט פון די בישאָפען אין נייענטען, צעהנטען און עלפטען יאָהרהונדערט.

* * *

איך וואָלט געדאַרפט אָנשרייבען נאָך מעהר ווי איין קאַפּיטעל, אום צו בעהאַנדלען גרינדליך דעם דאָזיגען געגענשטאַנד וועלכער גיט אונז אַסך נייע בעלעהרונגען, און אום צו דערצעהלען, ווי פרייע מענער זיינען ביסלעכווייז געוואָרען לייבאייגענע, געצוואונגען צו אַרבייטען פאַר דעם וועלטליכען אָדער גייסטליכען האַרר; ווי אַזוי די אויטאָריטעט האָט זיך ענטוויקעלט און האָט ביסלעכווייז אַריינגענומען די דערפער און קליינע פלעצער אונטער איהר הערשאַפט; ווי אַזוי די בויערן האָבען זיך פער-אייניגט, רעוואָלטירט און געקעמפפט געגען דער נייער הערשאַפט, וועלכע איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און ווי אַזוי זיי זיינען ענד-ליך בעזיעגט געוואָרען אין דעם דאָזיגען קאַמפף געגען די פעסטע מויערן פון די שלעסער און געגען די מענער מיט אייזערנע פאַנצער און שווער-דען, וועלכע האָבען זיי פערטהיידיגט.

גענוג וועט זיין פאַר מיר צו זאָגען, דאָס אין צעהנטען און עלפטען יאָהרהונדערט האָט אויסגעזעהן, אַז אין אייראָפּאַ זאָלען זיך אויפבויען אַזעלכע באַרבאַרישע קעניגרייכע, ווי מיר געפינען זיי איצט אין מיטען אַפריקאַ, אָדער אַזעלכע טהעאָקראַטישע שטאַאַטען, פון וועלכע די גע-שיכטע פון'ם אָריענט דערצעהלט אונז. עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס אַלעס האָט ניט געקענט פאַסירען אין איין טאָג; אָבער דער ערש-טער אָנהויב פון די דאָזיגע קליינע קעניגרייכע און טהעאָקראַטישע שטאַאַטען האָט שוין עקזיסטירט און זיי האָבען זיך ענטוויקעלט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

גליקליכערווייזע האָט אָבער נאָך אימער געלעבט דער „באַרבאַרי-שער" גייסט אין די הערצער און מוחות פון די סקאַנדינאַווישע, זעקסישע, קעלטישע, גערמאַנישע און סלאַווישע דערפער, דערזעלבער גייסט, וועל-בער האָט אינספּירירט די מענשען פאַר זיעבען אָדער אַכט יאָהרהונדער-טער צו זוכען די בעפרידיגונג פון זייערע בעדערפנישען אין דער אינ-דיווידועלער איניציאַטיווע און אין דער פרייער פעראייניגונג פון זייערע גילדעס און ברודערשאַפטען. די באַרבאַרען האָבען געלאָזט זיך פער-שקלאַפען, זיי האָבען געאַרבייט פאַר דעם האַרר, אָבער זייער גייסט

פֿון פֿרייער טהעטיגקייט און פֿרייער פֿעראייניגונג איז נאָך ניט קאָרומ־פּירט געוואָרען. זייערע ברודערשאַפֿטען האָבען געבליהט מעהר ווי אַלע מאָל; די אונטערדריקונג האָט זיי נאָך פֿעסטער פֿעראייניגט, און די קרייץ־ציגע האָבען נאָך געהאָלפֿען זיי אויפֿוועקען און צו ענטוויקלען אין מערב־אייראָפּאַ.

דערנאָך האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציאָן פֿון די קאָמונעס אין עלפֿטען און צוועלפֿטען יאָהר־הונדערט און האָט זיך פֿערשפּרייט מיט אַן איבערראַשענדע גלייכמעסיגקייט איבער גאַנץ אייראָפּאַ. די דאָזיגע רעוואָלוציאָן האָט זיך שוין פֿון לאַנג פֿאָרבערייטעט אין דער פֿעראייניגונג פֿון דער דאָרף־קאָמונע מיט דער געשוואָרענער ברודערשאַפֿט פֿון די האַנדווערקער און קויפֿלייט און דורך דעם פֿעדעראַטיווען גייסט פֿון יענער עפּאָכע.

די רעוואָלוציאָן פֿון די קאָמונעס, פֿון וועלכער די מייסטע אָפֿיציעלע היסטאָריקער מאַכען זיך כמעט ווי ניט ווִיסענדיג, האָט געראַטעוועט אייראָפּאַ פֿון דער שרעקליכער געפֿאַהר, וועלכע האָט איהר געדראָהט. זי האָט אָבגעשטעלט די ענטוויקלונג פֿון דעספּאָטישע און טהעאָקראַטישע מאָנאַרכיען, דורך וועלכע אונזער ציוויליזאַציאָן, נאָך אייניגע יאָהר־הונדערטער פֿון לוקסוס און גלאַנץ, וואָלט געווים אונטערגעגאַנגען, ווי עס איז געווען דער פֿאַל מיט די ציוויליזאַציאָנען פֿון מעסאָפּאָטאַמיען, אַסיריען און באַבילאָן. די דאָזיגע רעוואָלוציאָן האָט אויפֿגעעפֿענט אַ נייע פֿאַזע פֿון'ם לעבען — די פּעריאָדע פֿון די פֿרייע קאָמונעס.

---

## IV.

עס איז לייכט צו פֿערשטעהן, וואָרום די מאָדערנע היסטאָריקער, וועלכע זיינען ערצויגען געוואָרען מיט'ן רוימישען גייסט, און וועלכע זוכען צוריקצופֿיהרען אַלע אינסטיטוציאָנען אויף רוים, קענען אַזוי שווער פֿערשטעהן די קאָמונאַליסטישע בעוועגונג פֿון'ם 11טען און 12טען יאָהרהונדערט. אָט די בראַווע פֿערטהיידיגונג פֿון דעם אינדיווידועלען רעכט, וועלכע האָט געשאַפֿען אַ געזעלשאַפֿט דורך די פֿרייע פֿעדעראַציאָנען פֿון מענשען, דערפֿער און שטעדט, איז געווען די אַבסאָלוטע אָבלייקענונג פֿון דעם רוימישען גייסט מיט זיינע אַלעם גלייך מאַכענדע און צענטראַ־ליסטישע שטרעבונגען. און אָט דיזער גייסט איז עס, וועלכער דרינגט

דורך אונזער גאַנצע היסטאָרישע ערציהונג אין די מאָדערנע שולען און אוניווערזיטעטען. און דערצו פֿיהרט מען נאָך יעדע ערשיינונג צוריק אויף דעם איינפֿלוס פֿון איינצעלנע פּערזענליכקייטען אָדער פֿון וואָס פֿאַר עס איז ניט צענטראַליסטישע קערפּערשאַפֿט.

די קאָמונע פֿון יענער פּעריאָדע איז אַ נייע נאַטירליכע גרופּירונג אין אַ געוויסער פֿאַזע פֿון דער מענשליכער ענטוויקלונג, אַקוראַט ווי דער שטאַם און די דאָרף־געמיינדע; זי בעלאַנגט ניט צו אַ בעשטימטער נאַ־ציאָן אָדער צו אַ בעשטימטען געגענד.

דאָס איז די אורזאַכע, וואָרום אונזער מאָדערנע אוניווערזיטעטס־וויסענשאַפֿט הויבט איהר ניט אָן צו פֿערשטעהן; וואָרום אָגיסטען טהיערי און סיסמאָנדי, וועלכע האָבען יאָ פֿערשטאַנען דעם גייסט פֿון יענער עפּאָכע, זיינען געבליבען אָהן נאָכפֿאָלגער אין פֿראַנקרייך, און וואָרום לישער איז פֿילייכט דער איינציגער, וואָס זעצט היינט נאָך פֿאָרט די טראַדיציאָן פֿון דעם גרויסען היסטאָריקער פֿון דער מעראָווינגישער און קאָמונאַליסטישער פּעריאָדע. און דאָס איז אויך די אורזאַכע, וואָרום אין ענגלאַנד און דייטשלאַנד האָט מען ערשט אין דער לעצטער צייט אָנ־געפֿאַנגען צו שטודירען די דאָזיגע פּעריאָדע און צו מאַכען זיך אַן אונ־בעשטימטע פֿאָרשטעלונג פֿון דעם גייסט, פֿון וועלכען זי איז געווען דורכגעדרונגען.

* * *

די קאָמונע פֿון׳ם מיטעל־אַלטער, די פֿרייע שטאָדט, איז אַרויסגע־וואַקסען פֿון דער דאָרף־געמיינדע פֿון איין זייט און פֿון דער אַנדערער זייט פֿון די טויזענדער ברודערשאַפֿטען און גילדעס, וואָס האָבען זיך פֿאָרמירט אויסערהאַלב דער טעריטאָריאַלער פֿעראייניגונג. די קאָמונע איז געווען די פֿעראייניגונג פֿון אָט די צוויי סאָרטען גרופּירונגען, וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט אונטער דעם שוץ פֿון איהרע הויכע מויערן און טהורעמס.

אין פֿיעלע פּלעצער האָט זיך דער דאָזיגער איבערבייט אָבגעשפּיעלט אויף אַ גאַנץ פֿריעדליכען אופֿן. אין אַנדערע פּלעצער — מען קען זאָגען אין גאַנץ מערב־אייראָפּאַ — האָט די בעוועגונג אָנגענומען די פֿאָרם פֿון אַ רעוואָלוציאָן. ווען די איינוואוינער פֿון אַ בעשטימטען פּלאַץ האָבען געפֿיהלט, אַז די מויערן פֿון זייער שטעדטעל גיבען זיי גענוג זיכערהייט, האָבען זיי געמאַכט אַ „פֿערשווערונג". זיי האָבען אַלע געשוואָרען ניט צו געדיינקען מעהר די אַלע קריעגערייען, בעליידיגונגען און פּרעטענזיעס, וואָס זיי האָבען ביז איצט געהאַט איינע צו די אַנדערע און האָבען זיך

פערפליכטעט, אַז פון איצט אָן און ווייטער זאָלען אַלע שטרייטיגקייטען וואָס וועלען זיך אפשר מאַכען אין דער צוקונפט, ניט פאָרגעבראַכט ווערען פאַר קיין אַנדער ריכטער ווי פאַר דעם, וואָס זייער שטאָדט אָדער זייער גילדע וועט אַליין אויסקלייבען. דער דאָזיגער כלל איז שוין פיעל פריהער געווען אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך. אין יעדער גילדע, אין יעדער ברודערשאַפט איז דיזער רעגעל שוין לאַנג פראַקטיצירט געוואָרען; און אין די דאָרף־געמיינדעס איז דאָס געווען אַ שטענדיגער מנהג, איידער דער בישאָף אָדער דער קליינער קעניג האָבען אויסגעפיהרט, אַז דאָס רעכט צו משפט׳ן זאָל בעלאַנגען צו זיי.

פון דאַמאָלס אָן האָבען די איינוואוינער פון די קוואַרטאַלען און קירכען־דיסטריקטען, וועלכע האָבען פאָרגעשטעלט דאָס שטעדטעל, און די מיטגלידער פון די גילדעס און ברודערשאַפטען זיך אָנגעהויבען צו בעטראַכטען אַלס אַן איינציגע „אַמיטאַס", אַ קרייז פון פריינדע; זיי האָבען אויסערוועהלט זייערע אייגענע ריכטער און געשוואָרען אויפצו־האַלטען אַ שטענדיגע פעראייניגונג צווישען די פערשידענע גרופען.

אַ קאָנסטיטוציאָן פאַר דער שטאָדט איז אין איילעניש אָנגעשריבען און אָנגענומען געוואָרען. מאַנכעסמאָל האָט מען אָבגעשריבען אַ קאָנ־סטיטוציאָן פון אַ נאַכבאַר־שטעדטעל (מיר ווייסען איצט פון הונדערטער אַזעלכע קאָנסטיטוציאָנען), און די נייע קאָמונע האָט זיך געגרינדעט. דער בישאָף אָדער דער פרינץ, וועלכער איז ביז דאַן אַליין געווען דער ריכטער אין דער געמיינדע, און וועלכער איז דאַרום גאָר ניט זעלטען געוואָרען דער האַרר, האָט איינפאַך געמוזט אַנערקענען דעם נייעם פאַקט; און טאָמער האָט ער עס ניט געוואָלט, האָט ער געמוזט האַל־טען מלחמה מיט דער יונגער פערשווערונג. גאַנץ אָפט האָט דער קעניג ד.ה. דער פרינץ, וואָס האָט זיך געסטאַרעט צו בעקומען די אייבער־האַנד איבער אַנדערע פרינצען און וועמענס קאַסע עס איז שטענדיג געווען ליידיג — גאַנץ אָפט האָט דער דאָזיגער קעניג „בעוויליגט" די קאָנסטיטוציאָן פאַר געלד. ער האָט זיך ענטזאָגט פון צו געבען דער קאָמונע זיין ריכטער, נאָר אין דערזעלבער צייט האָט ער פערזוכט צו געבען זיך אַ געוויסע וויכטיגקייט אין פערגלייך צו די איבעריגע פעאָדאַל־הערען. אָבער דאָס איז ניט איבעראַל אַזוי געווען: הונדערטער קאָמונעס האָבען ניט געהאַט קיין שום אַנדער סאַנקציאָן ווי זייער גוטען ווילען, זייערע פעסטע מויערן און זייערע וואַפען.

* * *

אין פֿערלויף פֿון הונדערט יאָהר האָט זיך די דאָזיגע בעוועגונג פֿערשפּרייט מיט אַ מערקווירדיגער גלייכמעסיגקייט איבער גאַנץ אייראָפּאַ; איין שטאָדט האָט נאָכגעטהאָן די אַנדערע, ביז וואַנען די בעוועגונג האָט אַרומגענומען שאָטלאַנד, פֿראַנקרייך, האָלאַנד און בעלגיען, סקאַנדינאַוויען, דייטשלאַנד, איטאַליען, פּוילען און רוסלאַנד. און ווען מיר פֿערגלייכען היינט די קאָנסטיטוציעס פֿון די פֿראַנצויזישע, ענגלישע, שאָטישע, נידערלענדישע, סקאַנדינאַווישע, דייטשע, פּוילישע, רוסישע, שווייצערישע, איטאַליענישע אָדער שפּאַנישע קאָמונעס, ווערען מיר איינפֿאַך ערשטוינט איבער די מערקווירדיגע גלייכפֿאָרמיגקייט פֿון אָט די אַלע קאָנסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציאָנען, וואָס האָבען זיך געבילדעט און ענטוויקעלט אונטער דעם שוץ פֿון די אויבען דערמאָהנטע „געזעלשאַפֿטליכע אָבמאַכען". וואָס פֿאַר אַ וואונדערבאַרע לעהרע דאָס איז פֿאַר די אָנהייגער פֿון דעם רוימישען רעכט און די העגעליאַנער, וועלכע ווילען אונז איינריידען, אַז די קנעכטשאַפֿט צו דעם געזעץ איז דער איינציגער מיטעל צו דערגרייכען אַזאַ עהנליכקייט אין די געזעלשאַפֿטליכע אינסטיטוציאָנען!

פֿון דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן ביז די מיטלערע ברעגעס פֿון דער וואָלגאַ און פֿון נאָרוועגען ביז סיציליען איז גאַנץ אייראָפּאַ געווען בעדעקט מיט אַזעלכע קאָמונעס. איינגע פֿון זיי האָבען זיך ענטוויקעלט אַלס רייך־בעפֿעלקערטע שטעדט ווי פֿלאָרענץ, וועניס, אַמיען, נירנבערג אָדער נאָווגאָראָד; אַנדערע זיינען געבליבען קליינע שטעדטלאַך מיט אַ הונדערט און זאָגאַר מיט אַ צוואַנציג פֿאַמיליעס, וועלכע אָבער זיינען טראָץ דעם בעהאַנדעלט געוואָרען ווי גלייכע פֿון זייערע רייכע און גרעסערע שוועסטער־שטעדט.

אַלס אָרגאַניזמען פֿול מיט לעבען, איז די ענטוויקלונג פֿון די קאָמונעס נאַטירליך געווען פֿערשידען. די געאָגראַפֿישע לאַגע, דער כאַראַקטער פֿון דעם אויסערליכען האַנדעל, די פֿיינדליכע שטרעבונגען אויסערהאַלב דער געמיינדע און נאָך אַנדערע אורזאַכען האָבען געגעבען יעדער קאָמונע איהר בעזונדערע געשיכטע. אָבער דער פּרינציפּ איז איבעראַל געווען דערזעלבער. פּסקאָוו אין רוסלאַנד און בריגגע אין פֿלאַנדערן, אַ שטאָדט אין שאָטלאַנד מיט איהרע דריי הונדערט איינוואוינער און די רייכע וועניס מיט איהרע אינזלען, אַ שטאָדט אין צפֿון־זייט פֿון פֿראַנקרייך אָדער פּוילען אָדער די שעהנע פֿלאָרענץ — זיי אַלע האָבען

פֿאַרגעשטעלט מיט זיך די זעלבע „אַמיטאַס", דעמזעלבען פֿריינדשאַפֿטס־בונד: די זעלבע ברידערליכע פֿעראייניגונג פֿון די דאָרף־געמיינדעס און גילדעס אונטער דעם שוץ פֿון די שטאַרקע מויערן פֿון דער שטאָדט. די גרונד־צוגען פֿון זייער קאָנסטיטוציאָן זיינען איבעראַל געווען דיזעלבע.

* * *

אין אַלגעמיין איז די שטאָדט, פֿערגרעסערענדיג אַלץ מעהר דעם טעריטאָריום איהרען און די צאָהל פֿון איהרע איינוואוינער, די שטאָדט, וואָס האָט זיך אַרומגערינגעלט מיט אַלץ העכערע מויערן און שטאַרקערע טהורעמס, פֿון וועלכער יעדער איז אויפֿגעבויט געוואָרען פֿון אַזאַ און אַזאַ דיסטריקט אָדער אַזאַ און אַזאַ גילדע און האָט זיך געהאַט זיין בעשטימטען אינדיווידועלען כאַראַקטער — אין אַלגעמיין איז די שטאָדט איינגעטהיילט געווען אין פֿיער, פֿינף אָדער זעקס דיסטריקטען. אין מיטען איז געשטאַנען דער ציטאַדעל אָדער די קאַטעדראַלע און פֿון דאָרט האָט זיך אָנגעהויבען יעדער קוואַרטאַל און האָט זיך אויסגעצויגען אַלץ ברייטער און ברייטער ביז צו די שטאָדט-מויערן. געוועהנליך איז יעדער דיסטריקט בעוואוינט געוואָרען פֿון מענשען פֿון אַ בעשטימטער מלאכה אָדער „קונסט"; און די נייע מלאכות, די „יונגע קינסטע" פֿלעגען זיך בעזעצען אין די פֿאָרשטעדט און האָבען מיט דער צייט אויפֿגעבויט אַ נייעם בעפֿעסטיגטען צירקעל.

די „גאַס" אָדער דער קירכען־דיסטריקט שטעלט פֿאָר מיט זיך די טעריטאָריאַלע איינהייט, וועלכע האָט אַ גרויסע עהנליכקייט צו דער אַמאָליגער דאָרף־געמיינדע. זי האָט זיך איהר פֿאָלקס־פֿערזאַמלונג, איהר פֿאָרום, איהר פֿאָלקס־געריכט, איהר פריעסטער, איהר מיליץ, איהר באַנער און זעהר אָפֿט איהר אייגענעם זיעגעל אַלס אַ צייכען פֿון איהר אונאָבהייגינגקייט. פֿעדערירט מיט אַנדערע גאַסען, האָט זי טראָץ דעם אויפֿגעהאַלטען איהר אייגענע זעלבסטשטענדיגקייט.

די פּראָפֿעסיאָנעלע איינהייט, וועלכע בילדעט כמעט אין גאַנצען דעם אויסדרוק פֿון אַ בעשטימטען קוואַרטאַל אָדער דיסטריקט, איז די גילדע; זי פֿערקערפּערט מיט זיך די איינהייט פֿון דער מלאכה. אויך זי האָט איהרע הייליגע, איהר פֿאָלקס־פֿערזאַמלונג, איהר פֿאָרום, איהרע ריכטער. זי האָט איהר אייגענע קאַסע, איהר גרונד־אייגענטהום, איהר מיליץ, איהר באַנער. זי האָט אויך איהר אייגענעם זיעגעל, דעם צייכען פֿון איהר ס ו א ו ו ע ר ע נ י ט ע ט. אויב עס ברעכט אויס אַ מלחמה, און אויב זי געפֿינט עס פֿאַר נייטיג, פֿעראייניגט זיך איהר מיליץ מיט דער

בעוואָפּענטער מאַכט פֿון די אַנדערע גילדעס און שטעלט אַוועק איהר באַנער זייט ביי זייט מיט דעם גרויסען הויפּט־באַנער פֿון דער שטאָדט.

די שטאָדט ענדליך איז די פֿעראייניגונג פֿון די קוואַרטאַלען און גאַסען, פֿון די קירכען־דיסטריקטען און גילדעס; זי האָט איהר פֿאָלקס־פֿערזאַמלונג אויף דעם גרויסען פּלאַץ, איהר גרויסע מאַרק־האַלע, איהרע ערוועהלטע ריכטער, איהר באַנער, וועלכער גרופּירט אַרום זיך די בע־וואָפּענטע קערפּערשאַפֿטען פֿון די גילדעס און קוואַרטאַלען. זי פֿערהאַנ־דעלט זעלבסטשטענדיג מיט אַנדערע שטעדט; זי פֿעדערירט זיך, מיט וועמען זי געפֿינט פֿאַר נייטיג און שאַפֿט פֿערבינדונגען אינערהאַלב און זאָגאַר אויסערהאַלב דער נאַציאָן. אַזוי זיינען די ענגלישע „פֿינף האַפֿענס" אַרום דאָווער פֿעדערירט מיט די פֿראַנצויזישע און נידערלענדישע האַפֿענס אויף דער אַנדערער זייט פֿון'ם קאַנאַל. די רוסישע שטאָדט נאָווגאָראָד איז פֿעראייניגט מיט דער פֿעדעראַציאָן פֿון דער סקאַנדינאַוויש־דייטשער „האַנזאַ" א.ז.וו. יעדע שטאָדט, אין איהרע שייכות צו דער אויסערליכער וועלט, האָט געהאַט דיזעלבע רעכטע ווי דער מאָדערנער שטאַאַט, און פֿון יענער צייט אָן האָט זיך ענטוויקעלט דורך פֿרייע אָבמאַכען דאָס, וואָס מיר רופֿען היינט דאָס „אינטערנאַציאָנאַלע פֿעלקער־רעכט", און וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פֿון דער עפֿענטליכער מיינונג פֿון די אַלע שטעדט, וועלכע האָבען געמאַכט צווישען זיך די דאָזיגע קאָנטראַק־טען — קאָנטראַקטען, וועלכע זיינען שפּעטער פֿון די שטאַאַטען מעהר פֿערגוואַלטיגט ווי רעספּעקטירט געוואָרען.

ווי אָפֿט האָט דאָס פּאַסירט, דאָס אַ שטאָדט, ניט זייענדיג אימ־שטאַנד צו קומען צו אַ בעשלוס אין אַ פֿערוויקעלטען פֿאַל, פֿלעגט בע־טען אַ נאַכבאַר־שטאָדט, זי זאָל זעהן אויסצוגעפֿינען דעם „ריכטיגען אורטהייל"! ווי אָפֿט האָט מען געזעהן, אַז פֿאָלגענדיג דעם גייסט פֿון יענער צייט — דעם פֿאָרצוג פֿון פֿריי ערוועהלטע שיעדס־געריכטען אָנשטאָט פֿון שטענדיגע געריכטס־אינסטיטוציאָנען — פֿלעגען צוויי קאָמונעס נעהמען אַ דריטע אַלס פּשרה־מאַכער!

און די מלאכות פֿון יענער צייט פֿיהרען זיך פּונקט ווי די קאָמונעס. זייער טהעטיגקייט איז ניט בלויז בעגרענעצט אויף אַ געוויסען צירקעל, זיי רעגולירען אַליין זייערע קאָמערציעלע און פֿאַך־אַנגעלעגענהייטען אין דער שטאָדט און אויסער דער שטאָדט און מאַכען זעלבסטשטענדיגע קאָנטראַקטען איינע מיט די אַנדערע, ניט קוקענדיג, צו וועלכער נאַציאָן זיי בעלאַנגען. און ווען, אַ דאַנק אונזער אונוויסענהייט, מיר בעריהמען זיך היינט מיט אונזערע אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער־קאָנגרעסען,

פֿערגעסען מיר, דאָס אַזעלכע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען פֿון האַנדווערקער און זאָגאַר פֿון לעהרלינגע האָבען שוין שטאַטגעפֿונען אין 15טען יאָהרהונדערט.

די שטאָדט גופא פֿערטהיידיגט זיך געגען איהרע שונאים און פֿיהרט אַליין אָן איהרע מלחמות געגען די פֿעאָדאַל־באַראָנען פֿון דער אומגעגענד. זי האָט אויסגעקליבען יעדעס יאָהר איינעם אָדער ריכטיגער צוויי, וואָס זאָלען קאָמאַנדירען איבער די מיליץ איהרע; אָדער זי דינגט אַ „מיליטערישען פֿערטהיידיגער", אַ פּרינץ אָדער אַ פֿירסט, וועלכער ווערט אויסגעקליבען פֿון דער שטאָדט אויף אַ יאָהר, און וועמען זי קען אַוועקשיקען צו יעדער צייט, ווען זי געפֿינט עס פֿאַר נייטיג. אום ער זאָל קענען אויסהאַלטען זיינע זעלנער, גיט איהם די שטאָדט געוועהנליך די גאַנצע סומע, וואָס זי קריגט אַריין דורך געריכטליכע געלד־שטראָפֿען, אָבער זי ערלויבט איהם פֿאַר קיין פֿאַל ניט אַריינצומישען זיך אין איהרע אַנגעלעגענהייטען.*)

מאַנכעס מאָל טרעפֿט עס אויך, אַז די שטאָדט איז צו שוואַך זיך אין גאַנצען צו בעפֿרייען פֿון איהרע געפֿעהרליכע שכנים, די רויבערישע פֿעאָדאַל־באַראָנען; און דעריבער איז זי געצוואונגען צו נעהמען אַ בישאָף איהרען אָדער אַ פּרינץ פֿון אַ געוויסער פֿאַמיליע — אין איטאַליען איינעם פֿון די „וועלפֿען" אָדער איינעם פֿון די „האָבענשטויפֿען"; אין דער ליטוי איינעם פֿון דער פֿאַמיליע אָלגערד אָדער אין רוסלאַנד איינעם פֿון דער פֿאַמיליע רוריק — פֿאַר איהר מעהר אָדער וויניגער שטענדיגען מיליטערישען בעשיצער; אָבער זי היט איהם מיט אייפֿערזיכטיגע אויגען און זעהט, אַז די מאַכט פֿון דעם בישאָף אָדער פּרינץ זאָל ניט גרייכען ווייטער ווי זיין שלאָס און די סאָלדאַטען, וואָס וואוינען דאָרט. ער האָט אפילו קיין רעכט ניט אַריינצוקומען אין שטאָדט אָהן אַ בעזונדערע ערלויבניש פֿון דער קאָמונע. אין ענגלאַנד עקזיסטירט נאָך ביז דעם היינטיגען טאָג דער מנהג, אַז דער קעניג קען ניט אַריינקומען אין די סיטי פֿון לאָנדאָן אָהן דער ערלויבניש פֿון דעם לאָרד מעיאָר.

* * *

עס וואָלט זעהר אינטערעסאַנט און ווינשענסווערטה געווען צו געבען דאָ אַן איבערבליק איבער דעם עקאָנאָמישען לעבען פֿון די שטעדט אין מיטעל־אַלטער אין זיינע אַלע איינצעלהייטען; אָבער דאָס איז איצט ניט

---

*) אין רוסלאַנד קען מען הונדערטער אַזעלכע יעהרליכע קאָנטראַקטען צווישען די שטעדט און די פּרינצען.

מעגליך. אין מיין ווערק „די געגענזייטיגע הילפֿע" וועט דער לעזער געפֿינען אַסך מאַטעריאַל, וועלכער גרינדעט זיך אויף מאָדערנע היסטאָרישע אונטערזוכונגען. גענוג וועט זיין פֿאַר מיר צו בעמערקען, אַז דער אינערליכער האַנדעל איז אימער אויסגעפֿיהרט געוואָרען פֿון די גילדעס און ניט פֿון איינצעלנע בעל מלאכות. די פּרייזען פֿון די סחורות זיינען בעשטימט געוואָרען נאָך אַ געגיינזייטיגער פֿערשטענדיגונג. דער אויסערליכער מסחור אין יענער צייט איז אויסגעפֿיהרט געוואָרען *אויסשליסליך פֿון דער שטאָדט*. ערשט שפּעטער איז דער אויסערליכער האַנדעל געוואָרען דער מאָנאָפּאָל פֿון דער קויפֿמאַנס־גילדע און נאָך שפּעטער פֿון איינצעלנע אינדיווידוען. קיין שום אַרבייט איז ניט געטהאָן געוואָרען זונטאָג אָדער שבת נאָכמיטאָג (דער באָד־טאָג). די שטאָדט אַליין האָט איינגעקויפֿט די וויכטיגסטע לעבענס־מיטלען פֿאַר איהרע איינוואוינער; דער דאָזיגער מנהג, אַז די שטאָדט זאָל קויפֿען קאָרן פֿאַר איהרע איינוואוינער, האָט זיך אויפֿגעהאַלטען אין איינצעלנע שווייצאַרישע שטעדט ביז אין מיטען פֿון'ם 19טען יאָהרהונדערט.

מיט איין וואָרט, עס איז בעוויזען געוואָרען דורך אַסך דאָקומענטען פֿון אַלע סאָרטען, אַז די מענשהייט האָט קיינמאָל ניט געוואוסט — ניט פֿריהער און ניט נאָכהער — פֿון אַ פּעריאָדע פֿון אַזאַ פֿערהעלטניסמעסיג גוטען לעבען פֿאַר אַלע, ווי דאָס איז געווען דער פֿאַל אין די שטעדט פֿון'ם מיטעל־אַלטער. דער איצטיגער עלענד, די שטענדיגע אונזיכערהייט און די איבער־אַרבייט פֿון אונזער צייט זיינען דאַן גענצליך אונבעקאַנט געווען.

---

## V.

פֿעראייניגענדיג אין זיך אָט די אַלע עלעמענטען — פֿרייהייט, אָרגאַניזאַציאָן פֿון'ם איינפֿאַכען צום פֿיעלפֿאַכען, פּראָדוקציאָן און האַנדעל אויסגעפֿיהרט דורך די גילדעס אַליין, דער אויסלענדישער האַנדעל אָרגאַניזירט און אויסגעפֿיהרט פֿון דער שטאָדט — זיינען די שטעדט פֿון'ם מיטעל־אַלטער, וועהרענד די ערשטע צוויי הונדערט יאָהר פֿון זייער פֿרייער עקזיסטענץ, געוואָרען אמת'ע צענטערס פֿון וואָהלשטאַנד פֿאַר אַלע זייערע איינוואוינער, צענטערס פֿון איבערפֿלוס און קולטור, ווי מיר האָבען זיי ביז איצט מעהר ניט געזעהן.

ווען מען פֿאָרשט נאָך אין די דאָקומענטען, וואָס פֿאַר אַרבייטס־פרייזען מען פֿלעגט דאַן בעצאָהלען דעם אַרבייטער, אין פֿערגלייך צו די דאַמאָלסדיגע פרייזען פֿון די לעבענס־מיטלען — ראָדזשערס האָט עס געטהאָן פֿאַר ענגלאַנד און פֿיעלע דייטשע שריפֿטשטעלער האָבען עס געטהאָן פֿאַר דייטשלאַנד — ווערט מען געפֿינען, אַז די אַרבייט פֿון דעם האַנדווערקער און אפילו פֿון דעם פראָסטען טאָג־אַרבייטער, איז בעצאָהלט געוואָרען מיט אַזאַ לוין, וועלכען אונזערע בעסטע בעל־מלאכות קריגען היינט ניט. די רעכנונגס־ביכער פֿון דער אָקספֿאָרדער אוניווערזיטעט, פֿון געוויסע ענגלישע לאַנד־גיטער און פֿון אַסך דייטשע און שווייצאַרישע שטעדט זיינען די בעסטע עדות דערפֿאַר.

פֿון דער אַנדערער זייט איז ווערטה צו בעטראַכטען די קינסטלערישע פֿאָלקאָמענהייט און די מאַסע דעקאָראַטיווע אַרבייט, וואָס אַן אַרבייטער פֿון יענער צייט פֿלעגט אַריינלייגען אין זיין אַרבייט — צי עס איז געווען אַ קונסט־ווערק, צי אַן איינפֿאַכער געגענשטאַנד פֿאַר דעם טעגליכען געברויך: אַ לייכטער, אַן אייזערנע פֿערצאַמונג, אַ טאָפּ — און מען ווערט זיך באַלד איבערצייגען, אַז דער אַרבייטער אין מיטעל־אַלטער האָט ניט געוואוסט פֿון דער יאָגעניש און איבעראַרבייט פֿון אונזער צייט. ער האָט געקענט שמידען, וועבען, שניצען, שטיקען און נעהמען זיך צייט אויף אַלעם, ווי עס איז היינט בלויז דער פֿאַל ביי אַ קליינער מינדערהייט פֿון קונסט־אַרבייטער.

און ווען מיר וואַרפֿען אַ בליק אויף די געשענקע, וועלכע זיינען געגעבען געוואָרען צו די קירכען און ראַטה־הייזער פֿון דעם קירכען־דיסטריקט, פֿון דער גילדע אָדער פֿון דער שטאָדט, צי עס זיינען געווען קונסט־ווערק — פֿערצירטע קאַסטענס און שראַנקען, סקולפטורען, געשמידעטע אָדער געגאָסענע מעטאַל־אַרבייטען — צי געלד־געשענקע, פֿערשטעהען מיר, וואָס פֿאַר אַ גראַד פֿון וואָהלשטאַנד עס האָט געהערשט צווישען די איינוואוינער פֿון יענע שטעדט; מיר וועלען אויך פֿערשטעהן דעם גייסט פֿון ערפֿינדונגען און ענטדעקונגען, וואָס האָט זיך מאַניפֿעסטירט צווישען זייערע מויערען, דעם הויך פֿון פֿרייהייט, וואָס האָט אינספירירט זייערע ווערק, דעם געפֿיהל פֿון ברידערליכער סאָלידאַריטעט, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט אין יענע אַלטע גילדעס, וואו די מענשען זיינען ניט בלויז פֿערבונדען געווען דורך די קאָמערציעלע און טעכנישע זייט פֿון זייער מלאכה, נאָר דורך דעם אינסטינקט פֿון געזעלשאַפֿטליכקייט און ברידערליכקייט. איז עס דען ניט געווען אַ געזעץ פֿון דער גילדע, אַז צוויי ברידער מוזען אויפֿפּאַסען ביים בעט פֿון יעדען קראַנקען ברודער —

אַ מנהג, וואָס האָט געפּאָדערט אַסך ענערגיע און איבערגעבענהייט אין יענער צייט פון אָנשטעקענדע קראַנקהייטען און עפּידעמיעס — אַז זיי מוזען איהם בעגלייטען ביז צום קבר, און אַז די גילדע דאַרף זאָרגען פאַר זיין אלמנה און יתומים?

דאָס שוואַרצע עלענד, די ערנידערונג, די שטענדיגע אונזיכערהייט פאַר דעם מאָרגען, וועלכע עקזיסטירט פאַר דער גרויסער מעהרהייט, די פערלאָזענהייט פון די אָרעמע און עלענדע — מיט איין וואָרט, אַלעס, וואָס כאַראַקטעריזירט היינט אונזערע מאָדערנע שטעדט, איז געווען אַבּסאָלוט אונבעקאַנט אין יענע „פרייע גרינגע פלעצער, וועלכע האָבען זיך אויפגעהויבען אין דער פעאָדאַלער ווילדערניש פון׳ם צוועלפטען יאָהרהונדערט."

* * *

אין יענע שטעדט, אונטער דעם שוץ פון זייערע ערוואָרבענע פרייהייטען, אונטער דעם איינפלוס פון דעם גייסט פון פרייער פעראייניגונג און פרייער איניציאַטיווע, האָט זיך ענטוויקעלט אַ גאַנץ נייע קולטור, אַ קולטור, וואָס האָט דערגרייכט אַזאַ וואונדערבאַרע שטופע, דאָס עפּעס עהנליכעס איז נאָך ביז איצט ניט געזעהן געוואָרען.

אונזער גאַנצע מאָדערנע אינדוסטריע האָבען מיר צו פערדאַנקען יענע שטעדט. אין פערלויף פון דרייהונדערט יאָהר האָבען די אינדוסטריען און קינסטע זיך ענטוויקעלט ביז צו אַזאַ פאָלקאָמענהייט, דאָס אונזער יאָהרהונדערט איז ביז איצט נור געווען אימשטאַנד אַריבערצושטייגען זיי אין דער שנעלקייט פון דער פראָדוקציאָן, אָבער זעהר, זעהר זעלטען אין דער שעהנקייט און גוטסקייט פון די פראָדוקטען. אַלע קינסטע, וועלכע מיר פערזוכען היינט ווידער אויפצוהעבען אָהן אַ שום ערפאָלג, די שעהנהייט פון אַ ראַפאַעל, די גיגאַנטישע קראַפט און מוטה פון אַ מישעל אַנדזשעלאָ, די וויסענשאַפט און קונסט פון אַ ליאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, די מעכטיגע פּאָעזיע און שפּראַך פון אַ דאַנטע, אָדער די אַרכיטעקטור, וועלכע האָט אונז געשענקט די קאַטהעדראַלען פון לאַאָן, רעגס, קעלן, פיזאַ, פלאָרענץ — „דאָס פאָלק האָט זיי געמויערט", ווי וויקטאָר הוגאָ האָט זעהר ריכטיג געזאָגט — די אוצרות פון דער שעהנער קונסט אין פלאָרענץ און ווענים, די ראַטה־הייזער פון ברעמען און פּראַג, די טהורמס פון נורנבערג און פיזאַ און אַזוי ווייטער אָהן אַן אויפהער — דאָס אַלעס איז דער פּראָדוקט פון יענער פעריאָדע.

פיליייכט ווילט איהר מעסטען דעם פּראָגרעס פון דער דאָזיגער קולטור מיט איין בליק? טאָ פערגלייכט די סט. מאַרקוס־קירכע אין ווענים

מיט ערגעץ אַ גאָרמאַנישע דאָרף־קירכע; פֿערגלייכט ראַפֿאַעל'ס מאַלע־רייען מיט די טעפיך־שטיקערייען פֿון באַיע; פֿערגלייכט די מאַטעמאַטישע און פֿיזיקאַלישע אינסטרומענטען און די זייגערס פֿון נירענבערג מיט די זאַמד־זייגערס פֿון די פֿריהערדיגע יאָהר־הונדערטער; פֿערגלייכט די קלאַנגרייכע און מוזיקאַלישע שפּראַך פֿון דאַנטע מיט דעם באַרבאַרישען לאַטיין פֿון'ם 10־טען יאָהר־הונדערט! אַ נייע וועלט האָט זיך אויפֿגעעפֿענט צווישען דיביידע פּעריאָדען.

נאָך קיינמאָל בעפֿאָר, מיט דער אויסנאַהמע פֿון יענער אַנדערער גלענצענדער פּעריאָדע פֿון די אַלטע גריכענלאַנד — אויך דאַמאָלס איז עס געוועזען אַ פּעריאָדע פֿון פֿרייע שטעדט — האָט די מענשהייט געמאַכט אַזאַ געוואַלטיגען שריט פֿאָרווערטס! נאָך קיינמאָל אין צוויי אָדער דריי יאָהרהונדערטער האָט דער מענש זיך אַזוי איבערגעביטען אין זיין גאַנצען וועזען און איז אויף אַזוי ווייט געוואָרען מייסטער איבער די קרעפֿטען פֿון דער נאַטור!

איהר דערמאָהנט זיך פֿילייכט אין דער ציוויליזאַציאָן פֿון אונזער צייט מיט איהר גאַנצען פּראָגרעס, מיט וואָס מען הערט ניט אויף צו בעריהמען זיך? אָבער מען פֿערגעסט, דאָס אין אַלע איהרע לעבענס־ערשיינונגען איז זי ניט מעהר ווי די טאָכטער פֿון יענער גרויסער ציוויליזאַציאָן, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין די פֿרייע קאָמונעס פֿון'ם מיטעל־אַלטער. די אַלע גרויסע ערפֿינדונגען און ענטדעקונגען, וועלכע שטעלען פֿאָר מיט זיך דעם פֿונדאַמענט פֿון דער מאָדערנער וויסענשאַפֿט — דער קאָמפּאַס, דער טהורעם־זייגער, דער טאַשען־זייגער, די בוכדרוקער־קונסט, די גרויסע ענטדעקונגען פֿון די ים־פֿאָהרערס, דאָס שיעס־פּולווער, די ענטדעקונג פֿון דעם פֿאַל־געזעץ און פֿון דעם לופֿט־דרוק, פֿון וועלכען די דאַמפֿ־מאַשין איז ניט מעהר ווי אַ ווייטערע ענטוויקלונג, די ערשטע אָנפֿאַנגען פֿון דער כעמיע, די וויסענשאַפֿטליכע מעטהאָדע, וועלכע איז שוין אָנגעצייגט געוואָרען פֿון ראָדזשער בייקאָן און מיט וועלכער מען האָט זיך שוין דאַמאָלס בענוצט אין די איטאַליענישע אוניווערזיטעטען — פֿון וואַנען קומט דאָס אַלעס, אויב ניט פֿון די פֿרייע שטעדט, פֿון אַ קולטור, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט אונטער דעם שוץ פֿון די קאָמונאַלע פֿרייהייטען?

* * *

פֿילייכט וועט מען מיר זאָגען, אַז איך פֿערגעס אין די אינערליכע קעמפּפֿע און שטרייטיגקייטען, פֿון וועלכע די געשיכטע פֿון די דאָזיגע קאָמונעס איז פֿול; די אַלע גאַסען־אונרוהען, די שרעקליכע מלחמות

געגען די פֿעאָדאַלע גרונד־בעזיצער, די אויפֿשטענדע פֿון די „יונגע גיל־דעס" געגען די „אַלטע גילדעס", דאָס בלוט, וואָס איז פֿערגאָסען געוואָרען און די אַלע אָפּפֿערס, וואָס יענע קעמפֿפֿע האָבען געפֿאָדערט.

ניין, איך פֿערגעס גאָר ניט. אָבער צוזאַמען מיט לעאָ און באָטאַ — די צוויי היסטאָריקער פֿון די מיטעלאַלטערליכע איטאַליען — צוזאַמען מיט סיסמאָנדי, מיט פֿעראַרי, מיט דזשינאָ קאַפּאָני און פֿיעלע אַנדערע, זעה איך, אַז די דאָזיגע קעמפֿפֿע זיינען דוקה געווען די גאַראַנטיע פֿאַר אַ פֿרייען לעבען אין אַ פֿרייער שטאָדט. נאָך יעדען קאַמפּף בעמערק איך אַ נייען אויפֿשוואונג צו אַ וויטערן פּראָגרעס. נאָכדעם ווי דיביידע היסטאָריקער לעאָ און באַטאָ האָבען בעשריבען אַלע איינצעלהייטען פֿון יענע קעמפֿפֿע, אָבשאַצענדיג אין דערזועלבער צייט דעם גרויסען פֿאָרט־שריט, וואָס איז אַרויסגעקומען פֿון זיי, ווערענד דאָס בלוט האָט זיך געגאָסען אין די גאַסען, אַ פֿאָרטשריט, וואָס האָט פֿערזיכערט דעם וואָהלשטאַנד פֿון די איינוואוינער און צוריק יונג געמאַכט די קולטור, האָבען זיי געענדיגט זייער בעטראַכטונג מיט אָט דעם וואַהרען געדאַנק, וואָס קומט מיר אַזוי אָפֿט אין זינען, אַז עס וואָלט זיך מיר געוואָלט איהם איינגראַווירען אין דעם מוח פֿון יעדען מאָדערנעם רעוואָלוציאָנער:

„אַ קאָמונע — האָבען זיי געזאָגט — שטעלט נור דאַן פֿאָר מיט זיך אַ בילד פֿון אַ מאָראַלישער גאַנצקייט, זי צייגט זיך ערשט דאַמאָלס אוניווערסאַל און פֿיעלזייטיג אין איהר אַרט עקזיסטענץ — אַקוראַט ווי דער מענשליכער גייסט אַליין — ווען זי האָט אויך אַ פּלאַץ פֿאַר שטרייטיגקייטען, קאַמפּף און אָפּאָזיציאָן."

יאָ, אַ שטרייט, פֿריי אויסגעקעמפֿפֿט, אָהן דער אַריינמישונג פֿון וואָס פֿאַר עס איז ניט אויסערליכער מאַכט, דעם שטאַאַט למשל, וואָס זאָל אַריינוואַרפֿען זיין געוויכט אין וואָג־שאָל צו גונסטען פֿון איינע פֿון די קעמפֿפֿענדע קרעפֿטען — אַזאַ שטרייט איז זעהר אַ נאַטירליכע זאַך.

און צוזאַמען מיט די אויבען דערמאָהנטע צוויי היסטאָריקער, בין אויך איך מיט דער מיינונג, אַז מען האָט פֿעראורזאַכט אָפֿטמאָל „פֿיעל גרע־סערע איבלען, דורך דעם וואָס מען האָט אַרויפֿגעצוואונגען אַ שלום צו צוויי קעמפֿפֿענדע פּאַרטייען, ווייל אין אַזעלכע פֿעלע האָט שטענדיג פּאַסירט, דאָס זאַכען, וואָס זיינען אַנטאַגאָניסטיש איינע צו די אַנדערע, זיינען מיט געוואַלט פֿעראייניגט געוואָרען, מיט דער אַבזיכט צו שאַפֿען אַן אַלגעמיינע עפֿענטליכע אָרדנונג; אינדיווידואַליטעטען און קליינע אָר־גאַניזמען זיינען אויפֿגעאָפּפֿערט געוואָרען, כדי זיי זאָלען איינגעשלונגען

ווערען פֿון אַ גרויסער אַלגעמיינער קערפּערשאַפֿט אָהן אַ קאָליר און אָהן לעבען."

דאָס איז די אורזאַכע, ווארום די קאָמונעס — אַזוי לאַנג ווי זיי אַליין האָבען ניט געשטרעבט צו ווערען שטאַאַטען, אַזוי לאַנג ווי זיי האָבען ניט פֿערזוכט צו פֿערשפּרייטען אַרום זיך „די אונטערוואַרפֿונג אונטער אַ גרויסע אַלגעמיינע קערפּערשאַפֿט, אָהן אַ קאָליר און אָהן לעבען" — דאָס איז די אורזאַכע, ווארום די קאָמונעס האָבען זיך שטענדיג ענטוויקעלט, ווארום זיי זיינען שטענדיג אַרויסגעקומען יונגער און שטאַרקער נאָך יעדען קאַמפּף; ווארום זיי האָבען געבליהט ביי דעם קלאַנג פֿון די וואַפֿען אין די גאַסען, ווערענד מיט צוויי הונדערט יאָהר שפּעטער איז דיזעלבע קולטור צופֿאַלען געוואָרען אין דעם ליאַרם פֿון די מלחמות פֿון די שטאַאַטען.

אין דער קאָמונע איז דער קאַמפּף אָנגעפֿיהרט געוואָרען, אום אויס־צוקעמפּפֿען אָדער אויפֿצוהאַלטען די פֿרייהייט פֿון דעם איינצעלנעם, פֿאַר דעם פֿעדעראַטיווען פּרינציפּ, פֿאַר דאָס רעכט צו פֿעראייניגען זיך און צו האַנדלען פֿריי; ווערענד די מלחמות פֿון די שטאַאַטען האָבען געציעלעוועט צו פֿערניכטען אַט די אַלע פֿרייהייטען, צו אונטערדריקען דעם אינדיווידואום, אוועקצומאַכען מיט דער פֿרייער פֿעראייניגונג און צו פֿעראייניגען אַלע מענשען אין דערזעלבער קנעכטשאַפֿט אונטער דעם יאָך פֿון דעם קעניג, דעם ריכטער, דעם פּריעסטער — דעם שטאַאַט.

אַט דאָ ליעגט דער גאַנצער אונטערשיעד. פֿאַרהאַן קעמפּפֿע און שטרייטיגקייטען, וואָס פֿיהרען צום אונטערגאַנג; פֿאַרהאַן אַנדערע, וואָס פֿיהרען די מענשהייט אַלץ ווייטער און ווייטער אויף דעם וועג פֿון'ם פּראָגרעס.

---

## VI.

אין פֿערלויף פֿון'ם 16טען יאָהרהונדערט ערשיינען מאָדערנע באַרבאַרען און פֿערניכטען די גאַנצע קולטור פֿון די שטעדט אין מיטעל־אַלטער. די דאָזיגע באַרבאַרען זיינען אפילו ניט אימשטאַנד געווען איהר אין גאַנצען צו פֿערניכטען, אָבער זיי האָבען איהר אָבגעשטעלט אין איהר פּראָגרעס פֿאַר וויניגסטענס צוויי אָדער דריי הונדערט יאָהר; און זיי האָבען איהר געגעבען אַן אַנדער ריכטונג, אין וועלכער די

מענשהייט בעוועגט זיך נאָך היינט אונטער לײדען און שמערצען, ניט ווײסענדיג, ווי אַרויסצוקומען פֿון איהר איצטיגען צושטאַנד.

זיי פֿערשקלאַפֿען דעם איינצעלנעם, זיי רויבען אַוועק פֿון איהם זיינע אַלע פֿרײהײטען, זיי צווינגען איהם צו פֿערגעסען אין זיינע אַלטע אָר־גאַניזאַציאָנען, וועלכע זיינען געגרינדעט געווען אויף דער פֿרייער איני־ציאַטיווע און דעם פֿרייען קאָנטראַקט. זייער ציעל איז די גלייכמעסיגע אונטערוואַרפֿונג פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט אונטער דעם הערשער; זיי צושטערען אַלע אַמאָליגע פֿערבינדונגען צווישען די מענשען און ער־קלערען דעם שטאַאַט און די קירכע אַלס די איינציגע פֿערמיטלער, וועלכע קענען פֿאָרמירען און אויפֿלייזען די פֿעראייניגונג פֿון זייערע אונ־טערטאַנען; אַז קירכע און שטאַאַט זיינען די אויסשליסליכע וועכטער אי־בער די אינטערעסען פֿון דער אינדוסטריע, פֿון׳ם האַנדעל, פֿון דעם געריכט, פֿון דער קונסט, פֿון די געמיטס־שטימונגען פֿון די מענשען, פֿאַר וועלכע די מענשען פֿון׳ם 12טען יאָהרהונדערט פֿלעגען זיך דירעקט פֿעראייניגען.

און ווער זיינען עס יענע באַרבאַרען? — עס איז דער שטאַאַט, די דרייפֿאַכע פֿעראייניגונג, וואָס האָט זיך ענדליך געבילדעט: די פֿעראיי־ניגונג פֿון דעם מיליטערישען פֿיהרער, דעם רוימישען ריכטער און דעם פּריעסטער. אָט די דריי האָבען פֿאָרמירט צווישען זיך אַ געגענזייטיגע פֿערזיכערונגס־געזעלשאַפֿט פֿאַר דער געמיינשאַפֿטליכער בעהערשונג פֿון די מאַסען; זיי האָבען געשאַפֿען איין איינציגע מאַכט, וועלכע פּרעטענ־דירט צו פֿערטרעטען די אינטערעסען פֿון דער געזעלשאַפֿט, נאָר וועלכע דערשטיקט אין דער ווירקליכקייט די דאָזיגע געזעלשאַפֿט.

* * *

אָט דאָ שטעלט זיך אַ גאַנץ נאַטירליכע פֿראַגע: ווי אַזוי האָבען אָט די נייע באַרבאַרען געקענט קריגען די אויבערהאַנד איבער די קאָ־מונעס, וועלכע זיינען דאָך פֿריהער געווען אַזוי מעכטיג?

די דאָזיגע קראַפֿט האָבען זיי, פֿריהער פֿון אַלעס, געפֿונען אין די דערפֿער. פּונקט ווי די קאָמונעס פֿון די אַלטע גריכענלאַנד האָבען ניט אָבגעשאַפֿט די שקלאַפֿעריי, אַזוי האָבען אויך די קאָמונעס פֿון׳ם מיטעל־אַלטער ניט בעפֿרייט דעם בויער פֿון דער לייבאייגענשאַפֿט אין דער־זעלבער צייט, ווען זיי האָבען בעפֿרייט די בירגער פֿון די שטעדט.

עס איז וואָהר, אַז כמעט איבעראַל, וואו דער בירגער האָט גע־קעמפֿפֿט פֿאַר זיין בעפֿרייאונג, האָט ער אויך אויפֿגעפֿאָדערט דעם בויער מיטצוהעלפֿען, דען ער אַליין איז דאָך אויך מעהר ניט געווען ווי אַ בויער

און האַנדווערקער. פאַר גאַנצע צוויי יאָהרהונדערטער האָבען די בירגער פון איטאַליען, שפּאַניען און דייטשלאַנד אָנגעפיהרט אַ פערביטערטען קאַמפּף געגען די פעאָדאַלע גרונד-בעזיצער. די בירגער האָבען בעוויזען אַ וואונדערבאַרע העלדישקייט און אויסדויער אין זייער מלחמה געגען די פעאָדאַלע גרונד־אייגענטהימער. זיי האָבען פערשפּריצט זייער בלוט, אום צו ווערען די בלי־בתים פון די פעסטע שלעסער פון די פעאָדאַל-באַראָנען און צו פערניכטען די פעאָדאַלע געוואַלט, וועלכע האָט זיי אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען.

אָבער זייער ערפאָלג איז בלויז געווען אַ האַלבער. זייענדיג מיעד פון די אייביגע מלחמות, האָבען זיי ענדליך געשלאָסען פריעדען אויף דעם חשבון פון די בויערן. זיי האָבען געקויפט דעם פריעדען, איבערלאָזענדיג דעם בויער אויסערהאַלב דעם טעריטאָריום, וואָס די קאָמונע האָט אויסגעקעמפפט, אין די הענד פון די פעאָדאַל-באַראָנען. אין איטאַליען, אין דייטשלאַנד האָבען די קאָמונעס געענדיגט דערמיט, וואָס זיי האָבען דעם באַראָן זאָגאַר אָנערקענט פאַר אַ מיטבירגער פון דער קאָמונע, נאָר מיט דעם תנאי, ער זאָל וואוינען אין דער שטאָדט. אין אַנדערע פלעצער האָט זיך דער קאַמפּף געענדיגט דערמיט, וואָס ביידע האָבען זיך צוטהיילט אין זייער הערשאַפט איבער דעם בויער. און דער באַראָן האָט זיך נוקם געווען אָן דעם „פּראָסטען פאָלק" אין די שטעדט, וועלכען ער האָט פערהאַסט און פעראַכטעט, אָנפיהרענדיג אין די גאַסען פון דער שטאָדט זיינע בלוטיגע קעמפפע צווישען די אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס, וועלכע איז ניט אָנגעשטאַנען אויסצוגלייכען זייערע שטרייטיגקייטען בעפאָר די קאָמונאַלע פאָרשטעהער און ריכטער. זיי האָבען בעסער פאָרגעצויגען דעם קאַמפּף מיט די וואַפען אין האַנד אין דער אָפענער גאַס און האָבען אויפגעהעצט איין טהייל פון די בירגער געגען די אַנדערע.

אָט די פיינע לאָרדען האָבען אויך אין דערזעלבער צייט דעמאָראַליזירט די קאָמונע דורך זייער אויסבריינגעריי, זייערע אינטריגעס, זייער לוקסוס און דורך זייער ערציהונג, וועלכע זיי האָבען געקראָגען אין הויף פון׳ם בישאָף אָדער קעניג. דער בירגער האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבען נאָכצומאַכען דעם לאָרד און האָט אָנגענומען זיינע מנהגים, ביז ער איז צולעצט אַליין געוואָרען אַ לאָרד און האָט אָנגעקליבען רייכטהימער דורך דעם האַנדעל אָדער דורך דער אַרבייט פון די לייבאייגענע אין די דערפער.

און שפּעטער האָט דער בויער געהאָלפֿען די נייגעבאַקענע קעניגע, קייזערס, צאַרען און די פּאַפּסטען, ווען זיי האָבען אָנגעהויבען אויפֿבויען זייערע מלוכות און צו אונטערדריקען די שטעדט. און דאָרט, וואו דער בויער האָט אפילו ניט דירעקט געהאָלפֿען דעם קעניג, האָט ער איהם אָבער אויך ניט געשטערט אין זיינע אונטערנעהמונגען.

אויף דעם לאַנד, אין אַ פֿעסטען שלאָס, אַרומגערינגעלט פֿון אַן אַגראַרישער דאָרף־בעפֿעלקערונג — אָט דאָרט האָט דאָס קעניג־טהום בישלעכווייז ענטוויקעלט און קאָנצענטרירט זיינע קרעפֿטען. אין 12טען יאָהרהונדערט האָט דאָס קעניגטהום נור עקזיסטירט דעם נאָמען נאָך; און היינט ווייסען מיר, וואָס מיר האָבען צו דיינקען פֿון די אָנ־פֿיהרער פֿון יענע קליינע רויבער־באַנדעס, וואָס האָבען זיך בענוצט מיט דעם טיטעל „קעניג", אַ טיטעל, וועלכער — ווי אָגיסטען טהיערי האָט אונז אַזוי דייטליך בעוויזען — האָט געהאַט אַ קנאַפּען ווערטה אין יענער צייט, ווען עס האָט עקזיסטירט אַ „קעניג (עלטסטער) פֿון דעם פּאַרלאַ־מענטס־שרייבער געריכט", אַ „קעניג פֿון די נעצען" (ביי די פֿישער), אָדער אַ „קעניג פֿון די בעטלערס".

גאַנץ לאַנגזאַם און פֿאָרזיכטיג האָט דאָ אָדער דאָרט אַ באַראָן, וואָס איז געווען מעכטיגער אָדער כיטרער פֿון די איבעריגע, געהאַט אַ מעגליכקייט צו פֿערשאַפֿען זיך אַ העכערע שטעלונג ווי די איבעריגע פֿון זיין קלאַס. די קירכע, פֿערשטעהט זיך, האָט זיך אונטערגעאיילט צו אונטערשטיצען איהם; און דורך געוואַלט, כיטרעקייט, געלד, שווערד און גיפֿט — ווען עס איז נייטיג געווען — איז ער געוואָרען גרויס אויף דעם חשבון פֿון די איבעריגע.

דאָס אַלעס איז דעם באַראָן נור מעגליך געווען אויף'ן לאַנד, אָבער קיינמאָל ניט אין איינע פֿון די פֿרייע שטעדט, וועלכע האָבען שטענדיג געהאַט זייער פֿאָלקס־געריכט, זייער „טאַרפּעאישען פֿעלז"*) אָדער זייער טייך פֿאַר דעם טיראַן.

נאָך דעם ווי דאָס קעניגטהום האָט אומזיסט פּרובירט צו עטאַב־לירען זיין מאַכט אין רענס אָדער לאַאָן, האָט זיך איהם איינגעגעבען צו מאַכען אַ נעסט אין פּאַריז. דען פּאַריז איז אין יענער צייט געווען אַ זאַמעל־פּלאַץ פֿון דערפֿער און קליינע שטעדט, אַרומגערינגעלט פֿון רייכע פֿעלדער, און איהרע איינוואוינער האָבען בעפֿאָר ניט געהאַט קיין שום

*) אַ פֿעלז נעבען רוים, פֿון וואו דאָס פֿאָלק פֿלעגט אַראָבוואַרפֿען טיראַנען אָדער פֿערהאַסטע פֿאָלקס-טריבונען. (דער איבערזעצער.)

געלעגענהייט צו בעקענען זיך מיט דעם לעבען פֿון די פֿרייע קאָמונעס. דאָס קעניגטהום האָט זיך עטאַבלירט אין וועסטמינסטער, ביי די טהויערן פֿון דער גרויסער שטאָדט לאָנדאָן, אָדער אין קרעמלין, אויפֿגעבויט אין מיטען די רייכע דערפֿער ביי די ברעגעס פֿון דעם טייך מאָסקוואַ, נאָך דעם ווי עס האָט איהם ניט געלונגען צו פֿערכאַפּען די מאַכט אין סוזדאַל און וולאַדימיר. אָבער אין אַזעלכע שטעדט ווי נאָווגאָראָד, פּסקאָוו, נירענבערג, לאַאָן אָדער פֿלאָרענץ האָט די קעניגליכע מאַכט ניט געהאַט קיין שום אויסזיכט צו עטאַבלירען זיך.

די אַרומיגע בויערן האָבען דעם קעניג פֿערזאָרגט מיט די נויטווענ-דיגע לעבענס-מיטלען, מיט פֿערד און מענשען, און דער האַנדעל — ניט דער קאָמונאַלער האַנדעל, נאָר דער האַנדעל מאָנאָפּאָליזירט פֿון דער קעניגליכער מאַכט—האָט איהם געהאָלפֿען פֿערמעהרען זיינע רייכטהימער. די קירכע האָט איהם אויך אונטערגעהאָלפֿען. זי האָט איהם בעשיצט און איז איהם געקומען צו הילף מיט איהרע אוצרות; זי האָט ערפֿונדען פֿאַר איהם בעזונדערע לאָקאַלע הייליגע און בעזונדערע נסים. זי האָט אַרומגערינגעלט מיט הייליגע שטראַהלען די קירכע „נאָטר דאַם“ אין פּאַריז אָדער דעם בילד פֿון דער „איבערישער מאַדאָנאַ“ אין מאָסקוואַ. און אין דער צייט, ווען אין די קולטור אין די פֿרייע שטעדט, בעפֿרייט פֿון דעם יאָך פֿון די בישאָפֿען, האָט זיך ענטוויקעלט מיט אַ יוגענדליכער קראַפֿט, האָט די קירכע געאַרבייט מיט אַלע איהרע כוחות צוריק צו קריעגען איהר אַמאָליגע מאַכט. איהרע פֿערטרעטער האָבען גוט פֿער-שטאַנען, אַז דערצו איז ניטאָ קיין בעסערע העלפֿער, ווי דאָס קעניגטהום, וואָס האָט זיך גראַד וואָס ענטוויקעלט; אָט דערפֿאַר האָט די קירכע אַרומגערינגעלט די קעניגליכע אויטאָריטעט מיט איהר גאַנצער צערט-ליכקייט, מיט איהרע ברכות און איהרע דוקאַטען. אין פּאַריז, אין מאָס-קוואַ, אין מאַדריד און פּראַג זעהען מיר די קירכע אַריבערגעבויגען איי-בער דעם וויגעלע פֿון'ם קעניגטהום מיט דער בראַנד-פֿאַקעל אין איהר האַנד און דעם היינקער נעבען זיך.

שטענדיג ביי דער אַרבייט און געניו וויסענדיג אַלע מעטהאָדען, ווי אַזוי די מענשען צו ערציהען אַלס קנעכט פֿון'ם שטאַאַט, שטיצענדיג זיך אויף דעם מאַן מיט אַ שטאַרקען ווילען, אין וואָס פֿאַר אַ קלאַס זי זאָל איהם ניט געפֿינען, געלערנט אין אַלע סאָרטען אינטריגעס און אין דעם רוימישען און ביצאַנטינישען רעכט, זעהען מיר די קירכע מאַרשירען, אָהן אַן אָבשטעל, צו דער פֿערווירקליכונג פֿון איהר אידעאַל: דער אידישער קעניג פֿון די אַלטע צייטען, אַבסאָלוט אין זיין מאַכט און אין דערזעלבער

צייט אונטער דעם קאָנטראָל פֿון דעם העכסטען פריעסטער — אַ וועלט־ליכער אָרעם פֿאַר אַ גייסטליכער מאַכט.

אין 16טען יאָהרהונדערט איז די לאַנגע אַרבייט פֿון די צוויי קאָנ־ספּיראַטאָרם שוין אין פֿולען שוואונג. איין קעניג רעגירט שוין איבער אַלע באַראָנען, זיינע פֿריהערדיגע קאָנקורענטען—און די דאָזיגע מאַכט פֿאַלט אָן אויף דער פֿרייער קאָמונע, אום איהר צו פֿערניכטען.

* * *

אויסער דעם, די שטעדט פֿון'ם 16טען יאָהרהונדערט זיינען שוין מעהר ניט דאָס, וואָס זיי זיינען געווען אין'ם 12טען, 13טען אָדער 14טען יאָהרהונדערט.

די קאָמונעס פֿון'ם מיטעל־אַלטער זיינען געווען דער פּראָדוקט פֿון אַ פֿרייהייטליכער רעוואָלוציאָן; אָבער זיי האָבען ניט געהאַט דעם מוטה אויסצושפּרייטען זייערע אידעען פֿון גלייכהייט צו די אַרומיגע דערפֿער, זאָגאר ניט אויף יענע עלעמענטען, וועלכע האָבען שפּעטער געזוכט שוץ הינטער זייערע הויכע מויערן און דאָרטען געשאַפֿען אינדוסטריעלע קערפּערשאַפֿטען.

מען האָט געמאַכט אַן אונטערשיעד צווישען די פֿאַמיליעס, וואָס האָבען געמאַכט די רעוואָלוציאָן אין דעם 12טען יאָהרהונדערט און די פֿאַמיליעס, וואָס זיינען שפּעטער אַריינגעטראָטען אין דער שטאָדטישער פֿערבינדונג. די אַלטע גילדע פֿון די קויפֿלייט האָט זיך אַנטזאָגט אַריינ־צונעהמען אין איהרע רייהען ניי אָנגעקומענע. זי האָט אויך ניט אָנער־קענט די „נייע גילדעס" אַלס שותפות אין איהרע קאָמערציעלע אונטער־נעהמונגען, און אַזוי ענטוויקעלט זיך די דאָזיגע גילדע בּיסלעכווייז פֿון אַן איינפֿאַכען קאָמערציעלער פֿערטרעטערשאַפֿט פֿון דער שטאָדט, צו אַ קערפּערשאַפֿט פֿון צווישען־הענדלערם, וועלכע איז רייך געוואָרען דורך דעם האַנדעל מיט ווייטע לענדער און וועלכע האָט אימפּאָרטירט דעם גאַנצען לוקסוס פֿון די אָריענטאַלישע לענדער. שפּעטער האָט זיך די דאָזיגע גילדע פֿון די קויפֿלייט אַליין חברותא געמאַכט מיט'ן באַראָן און מיט'ן פריעסטער געגען דאָס „נידעריגע פֿאָלק", אָדער זי איז געגאַנגען זוכען די הילף פֿון'ם קעניג, אום אויפֿצוהאַלטען איהר רעכט אָנצוקלייבען רייכטהום, איהר קאָמערציעלען מאָנאָפּאָל. דער אַמאָליגער קאָמונאַלער האַנדעל האָט זיך אויף אַזאַ אופן געמוזט פֿערוואַנדלען אין פּריוואַטע אונטערנעהמונגען און האָט אין זיין נייער פֿאָרמע בּייגעטראָגען צו דעם אונטערגאַנג פֿון דער פֿרייער שטאָדט.

דיזעלבע צרה איז אויך געווען מיט די אַלטע גילדעס פֿון די בעלי-מלאכה, פֿון וועלכע עס האָט זיך אין אָנפֿאַנג צוזאַמענגעשטעלט די פֿער-וואַלטונג פֿון דער שטאָדט. זיי האָבען פֿאַר קיין פֿאַל ניט געוואָלט אָנער-קענען, אַז די יונגע גילדעס זאָלען האָבען דיזעלבע רעכטע. די לעצטע האָבען געמוזט אויסקעמפּפֿען זייער רעכט דורך אַ רעוואָלוציאָן. און דאָס איז כמעט איבעראַל געווען דער פֿאַל. אָבער וועהרענד אין פֿיעלע פּלעצער זיינען די דאָזיגע רעוואָלוציאָנען געווען דער אויס-גאַנגס-פּונקט פֿאַר אַן אויפֿלעבונג פֿון דעם גאַנצען געזעלשאַפֿטליכען לעבען און פֿון אַלע קינסטע, האָבען זיי זיך געענדיגט אין אַנדערע פּלע-צער — ווי עס איז געווען דער פֿאַל אין פֿלאָרענץ — מיט אַ זיעג פֿון דעם popolo grasso איבער דעם popolo basso ; ד.ה. פֿון די „פֿעטע" איבער די „מאָגערע". מאַסען-פֿערשיקונגען און צאָהלרייכע הינריכטונגען זיינען געווען די ענדע ; איבערהויפּט, ווען די באַראָנען און גלחים האָבען זיך אַריינגעמישט.

איז עס נייטיג צו זאָגען, אַז דער קעניג, וועלכער האָט אַ קלאַפּ געטהאָן אין די טויערען פֿון דער שטאָדט, פּרעטענדירענדיג, אַז ער איז געקומען בעשיצען די אָרעמע בירגער געגען די רייכע, האָט שפּעטער ביידע אונטעריאָכט, נאָכדעם ווי ער איז געווען דער האַרר פֿון דער שטאָדט ?

* * *

און דאַן האָבען די פֿרייע שטעדט געמוזט שטאַרבען, ווייל די אידעען פֿון די מענשען גופא האָבען זיך אומגעביטען. זייערע מוחות זיינען פֿערדאָרבען געוואָרען דורך די לעהרען פֿון דעם קירכליכען און רוימישען געזעץ, מיט וועלכע מען האָט זיי ערצויגען.

דער אייראָפּעער פֿון'ם 12טען יאָהרהונדערט איז געווען אַן איבער-צייגטער פֿעדעראַליסט. זייענדיג אַ מאַן מיט אַ פֿרייער איניציאַטיווע, אַן אָנהייגגער פֿון אַ פֿרייען אָבמאַך און פֿון פֿרייער פֿעראייניגונג, האָט ער געזעהן אין זיך אַליין דעם אָנפֿאַנגס-פּונקט פֿון יעדער געזעל-שאַפֿט. ער האָט ניט געזוכט זיין ישועה אין געהאָרכזאַמקייט און ניט גע'חלום'ט פֿון קיין ערלייזער, וואָס זאָל ראַטעווען די געזעלשאַפֿט. די אידעע פֿון קריסטליכער אָדער רוימישער דיסציפּלין איז פֿאַר איהם אין גאַנצען געווען אַן אונבעקאַנטע ערשיינונג.

אָבער אונטער דעם איינפֿלוס פֿון דער קריסטליכער קירכע, וועלכע האָט שטענדיג ליעב געהאַט די אויטאָריטעט און פֿערזוכט אַרויפֿצולייגען איהר הערשאַפֿט אויף די נשמות און נאָך מעהר אויף די אַרבייט פֿון די

גלויביגע; און פֿון דער אַנדערער זייט אונטער דעם איינפֿלוס פֿון דעם רוימישען געזעץ, וואָס האָט זיך שוין מאַניפֿעסטירט אין 12טען יאָהר־הונדערט אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די גרויסע פֿעאָדאַל־באַראָנען, קעניגע און פּאַפּסטען און וועלכער איז באַלד געוואָרען דער ליעבלינגס־שטודיום אין די אוניווערזיטעטען; — אָט אונטער דעם איינפֿלוס פֿון די בײדע ערציהונגס־מעטהאָדען, וועלכע האָבען זיך אַזוי גוט פֿערטראָגען איינע מיט די אַנדערע, כאָטש זיי האָבען זיך פֿריהער אַזוי פֿיינד געהאַט, זיינען די מוחות פֿון די מענשען פֿערקריפּעלט געוואָרען אין דערזעלבער פּראָפּאָרציע, ווי דער פּריעסטער און דער געזעץ־געבער האָבען טריאומפֿירט.

די מענשען האָבען ליעב געקראָגען די אויטאָריטעט. ווען די יונגע גילדעס אין אַ קאָמונע האָבען געמאַכט אַ רעוואָלוציאָן, האָט די קאָמונע באַלד געבעטען הילפֿע ביי דעם „רעטער". זי האָט זיך אַליין אויסגעקליבען אַ דיקטאַטאָר, אַ מוניציפּאַלען צעזאַר; און זי האָט איהם געגעבען די פֿולע מאַכט אויסצוראָטען די פּאַרטײ פֿון די געגנער. און דער דיקטאַטאָר, פֿערשטעהט זיך, האָט זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט און האָט אָנגעווענדעט אַלע ראַפֿינירטע גרויזאַמקייטען, וועלכע ער האָט זיך אויסגעלערנט פֿון דער קירכע און פֿון די דעספּאָטישע קעניגרייכען אין די מזרח לענדער.

די קירכע, פֿערשטעהט זיך, האָט איהם געהאָלפֿען. האָט זי דען נים שטענדיג גע'חלומ'ט פֿון דעם בִיבלישען קעניג, וואָס ווערט זיך וואַרפֿען אויף די קניע פֿאַר דעם כהן גדול און זיין אַ געהאָרכזאַמער ווערקצייג אין זיינע הענד? האָט זי דען נים פֿערהאַסט פֿון גאַנצען האַרצען די ראַציאָנאַליסטישע אידעען, וואָס האָבען אינספּירירט די פֿרייע שטעדט זייט דער ערשטער רענעסאַנס פֿון'ם 12טען יאָהרהונדערט? האָט זי דען נים פֿערדאַמט אָט די „הייד'נישע" אידעען, וועלכע האָבען צוריקגעפֿיהרט דעם מענשען צו דער נאַטור אונטער דעם איינפֿלוס פֿון דער ניי ענטדעקטער גריכישער קולטור? און האָט זי שפּעטער, מיט דער הילפֿע פֿון די פּרינצען און קעניגע נים דערשטיקט יענע אידעען, וועלכע האָבען דעם מענשען געפֿיהרט צום אויפֿשטאַנד געגען דעם פּאַפּסט, די גלחים און די קירכע אין אַלגעמיין אין נאָמען פֿון דעם אַלטען קריסטענטהום? דער שייטער־הויפֿען, דאָס ראָד, די תליה — די אַלע וואַפֿען, וועלכע זיינען פֿון אייביג אָן אַזוי בעליעבט געווען ביי דער קירכע — זיינען אָנגעווענדעט געוואָרען געגען די אפּיקורסים. און ווער עס איז נים געווען

איהר ווערק־צייג, צי דער פּאַפּסט, דער קעניג אָדער דער דיקטאַ־טאָר — די פּערזאָן איז געווען פון אַ קנאַפּער וויכטיגקייט — די הויפּט־זאַך איז געווען, אַז מען האָט אַוועקגעראַמט איהרע שונאים מיט תליות, שייטער־הויפענס און אַנדערע מאַרטער־אינסטרומענטען.

אָט אונטער דעם איינפלוס פון דיזער צווייפאַכער לעהרע — פון דעם רוימישען יוריסט און דעם קאַטהאָלישען פּריעסטער — איז דער אַלטער פעדעראַליסטישער גייסט, דער גייסט פון פרייע איניציאַטיווע און פרייער פערשטענדיגונג, וועלכער האָט געשאַפען די פרייע קאָמונעס, ביסלעכווייז אָבגעשטאָרבען, אום צו מאַכען פּלאַץ פאַר דעם גייסט פון דיסציפּלין און פון אַ פּיראַמידאַלער אויטאָריטעטער אָרגאַניזאַציאָן. די רייכע און אָרעמע האָבען ביידע געפאָדערט אַן ערלייזער.

און ווען דער רעטער איז שוין געקומען, ווען דער קעניג, וועלכער איז רייך געוואָרען אין ערגעץ אַ שטאָדט, וואָס ער אַליין האָט געגרינדעט, ווייט אַוועק פון דעם טומעל און לאַרם פון די פאָלקס־פערזאַמלונגען, שטיצענדיג זיך אויף די הילפע פון דער קירכע און פון די אַדעל־מענער און בויערן, וועמעס האַרר ער איז געוואָרען — ווען דער קעניג האָט אָנגעקלאַפּט ביי די טהויערען פון דער פרייער שטאָדט, פערשפּרעכענדיג דעם „נידעריגען פאָלק" זיין שוץ געגען די רייכע און די געהאַרכזאַמע רייכע זיין פּראָטעקציאָן געגען די רעבעלישע אָרעמע, אָט דאַמאָלס האָבען די שטעדט, זייענדיג שוין אַליין דורכגעפרעסען פון דעם חלאת פון אויטאָריטעט, שוין מעהר קיין קראַפט ניט געהאַט צום ווידערשטאַנד.

אויסערדעם האָבען די נייע אָנפאַלען פון אַזיאַטישע פעלקער אויף אייראָפּאַ געהאָלפען דעם יונגען קעניגטהום צו קאָנצענטרירען אַלע קרעפטען אין זיינע הענד.

די מאָנגאָלען האָבען אין 13טען יאָהרהונדערט פערכאַפּט די מזרח־זייט פון אייראָפּאַ און געמאַכט דערפון אַ וויסטעניש. אונטער דעם שוץ פון די טאַרטאַרישע כאַנס און פון דער רוסישער קריסטליכער קירכע האָט זיך אין מאָסקוואַ ענטוויקעלט אַ קייזער־רייך. דאַן זיינען געקומען די טערקען און האָבען זיך בעזעצט אין אייראָפּאַ; אין 1453 זיינען זיי געקומען ביז נאָך וויען, צושטערענדיג אַלעס אויף זייער וועג. אין יענער צייט זיינען ענטשטאַנען מעכטיגע שטאַאַטען אין פּוילען, אין בעהמען, אין אונגאַרן און אין צענטער פון אייראָפּאַ, אום צו אָרגאַניזירען דעם ווידערשטאַנד געגען די דאָזיגע אָנפאַלען. און פון דער אַנדערער זייט האָט דער פערניכטונגס־קריעג געגען די מאָרען אין שפּאַניען געפיהרט

צו דער גרינדונג פֿון אַן אַנדער מעכטיגער מלוכה אין אַראַגאָן און קאַסטי־ליען, געשטיצט אויף די רוימישע קירכע און אינקוויזיציאָן — אויף דעם שווערד און דעם שייטער הויפֿען.

די אַלע אָנפֿאַלען און מלחמות האָבען אייראָפּאַ געצוואונגען אַריינ־צוטרעטען אין אַ נייע פֿאַזע פֿון ענטוויקלונג — אין די פֿאַזע פֿון דעם מיליטערישען שטאַאַט.

די קאָמונעס גופא זיינען געוואָרען קליינע שטאַאַטען, און עס איז געווען ניט מעהר ווי נאַטירליך, אַז די דאָזיגע קליינע שטאַאַטען זאָלען איינגעשלונגען ווערען פֿון די גרויסע.

---

## VII.

דער זיעג פֿון דעם שטאַאַט איבער די קאָמונעס פֿון׳ם מיטעלאַלטער און די פֿעדעראַליסטישע אינסטיטוציאָנען פֿון יענער צייט איז, פֿערשטעהט זיך, ניט געשעהן מיט אמאָל. פֿאַר אַ געווימען מאָמענט איז דער זיעג פֿון דעם שטאַאַט זאָגאַר געווען זעהר צווייפֿעלהאַפֿט.

אַ געוואַלטיגע פֿאָלקס־בעוועגונג — רעליגיעז אין איהרע פֿאָרמען און אין איהר אויסדרוק, אָבער שטאַרק קאָמוניסטיש אין איהרע שטרע־בונגען — האָט זיך אויפֿגעהויבען אין די שטעדט און דערפֿער פֿון צענטראַל־אייראָפּאַ.

שוין אין דעם 14טען יאָהרהונדערט — 1358 אין פֿראַנקרייך און 1381 אין ענגלאַנד — האָבען שטאַטגעפֿונען צוויי גרויסע עהנליכע בע־וועגונגען. די צוויי מעכטיגע אויפֿשטענדע פֿון דער זשאַקעריע אין פֿראַנק־רייך און פֿון וואַט טיילער אין ענגלאַנד האָבען אויפֿגעטרייסעלט די גע־זעלשאַפֿט ביז אין איהרע פֿונדאַמענטען. ביידע אויפֿשטענדע זיינען געווען גערינכטעט הויפּטזעכליך געגען די פֿעאָדאַלע לאָרדען, און אָבוואָהל זיי זיינען ביידע אונטערדריקט געוואָרען, האָבען זיי אָבער דאָך געבראָכען די מאַכט פֿון דעם פֿעאָדאַליזם. דער אויפֿשטאַנד פֿון די בויערן אין ענג־לאַנד האָט געמאַכט אַ סוף צו דער לייבאייגענשאַפֿט; און די זשאַקעריע אין פֿראַנקרייך האָט אָבגעשטעלט די ענטוויקלונג איהרע אויף אַזוי פֿיעל, אַז איהר עקזיסטענץ איז נור געווען אַ שוואַכע און זי האָט קיינמאָל ניט דערגרייכט די שפּיצע, וועלכע די לייבאייגענשאַפֿט האָט דערגרייכט אין דייטשלאַנד און אין מזרח־זייט פֿון אייראָפּאַ.

אין 16טען יאָהרהונדערט אָבער, האָט זיך אויפגעהויבען אַן ענהליכע בעוועגונג אין הארץ פון אייראָפּאַ. די בעוועגונג האָט זיך מאַניפעסטירט אונטער פערשידענע נעמען: אין בעהמען איז עס געווען דער גרויסער אויפשטאַנד פון די הוסיטען; אין דייטשלאַנד, אין דער שווייץ און האָלאַנד זיינען עס געווען די אויפשטענדע פון די אַנאַבאַפּטיסטען. די דאָזיגע בעוועגונג איז ניט בלויז געווען אַן אויפשטאַנד געגען די פעאָדאַלע לאָרדען, נאָר עס איז געווען אַן אמת'ע רעוואָלוציאָן געגען דעם שטאַאט און דער קירכע, געגען דעם רוימישען און קירכליכען געזעץ אין דעם נאָמען פון'ם אַלטען קריסטענטהום.*)

די היסטאָריקער פון'ם שטאַאט און פון דער קירכע האָבען די דאָזיגע בעוועגונג פערלוימדעט און דיסקרעדיטירט פאַר אַ לאַנגע צייט און מיר הויבען קוים וואָס אָן צו פערשטעהן די אייגענטליכע בעדייטונג איהרע.

די אַבסאָלוטע פרייהייט פון יעדען איינצעלנעם, וועלכער זאָל בלויז האַנדלען ווי זיין אייגענער געוויסען הייסט איהם צו האַנדלען און דער קאָמוניזם זיינען געווען דער פּאַס־וואָרט פון דעם דאָזיגען אויפשטאַנד. ערשט שפּעטער, ווען דעם שטאַאט און דער קירכע האָט זיך איינגעגעבען אויסצושלאַכטען די איבערגעבענסטע און ענערגישסטע אָנהייגער פון דער גרויסער פאָלקס־בעוועגונג און צו פערפעלשען איהרע פּרינציפּען פאַר זייערע אייגענע אינטערעסען, האָט די בעוועגונג פערלאָרען איהר אַמאָליגען רעוואָלוציאָנערען כאַראַקטער און האָט זיך פערוואַנדעלט אין די זאָגענאַנטע רעפאָרמאַציאָן פון מאַרטין לוטהער.

מיט לוטהער האָט די בעוועגונג געפונען אַן אָבקלאַנג ביי די פירסטען; אָבער זי האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט דעם קאָמוניסטישען אַנאַרכיזם, וועלכער איז פון איהרע אָנהייגער געפּריידיגט און אין מאַנכע פּלעצער פּראַקטיש פערווירקליכט געוואָרען. מיט דער אויסנאַהמע פון דער רעליגיעזער פאָרמולע, וועלכע איז געווען אַ צוגעשטענדניס צו דעם גייסט פון יענער צייט, געפינען מיר אין דער דאָזיגער בעוועגונג דיזעלבע גרונד־אידעען, וועלכע מיר פערטרעטען היינט: די אָבלייקנונג פון יעדען געזעץ, — צי עס איז אַ געזעץ פון'ם שטאַאט צי עס גרינדעט זיך אויף אַ זאָגענאַנטען געטליכען אורשפּרונג — דער געוויסען פון

*) אין דעם 17-טען יאָהרהונדערט האָט זיך אין רוסלאַנד מאַניפעסטירט אַן עהנליכע בעוועגונג געגען דער לייבאייגענשאַפט און דעם שטאַאט, נאָר די דאָזיגע בעוועגונג האָט ניט געהאַט קיין רעליגיעזען פונדאַמענט.

דעם מענשען אַלס זיין איינציגען געזעץ־געבער און ריכטער, די אויטאָנאָמע און אונאַבהיינגיגע קאָמונע, וועלכע מוז צוריק אַוועקנעהמען פון די פעאָדאַלע לאָרדען די קאָמונאַלע ערד און ענטזאָגען זיך פון אַלע געלד־טאַקסען, אַבגאַבען אָדער פערזענליכע אַרבייט צום שטאַאַט — מיט איין וואָרט: די פראַקטישע פערווירקליכונג פון דער גלייכהייט און קאָמוניזם. ווען מען האָט אַמאָל געפרעגט דויק, איינעם פון די פילאָזאָפען פון דער אַנאַבאַפטיסטישער בעוועגונג, אויב ער אַנערקענט ניט ווייניגסטענס די אויטאָריטעט פון דער ביבעל, האָט ער געענטפערט, דאָס אַ מענש איז נור מחויב אַזוי זיך אויפצופיהרען, ווי ער אַליין געפינט אויס פון דער ביבעל. אָבער האָט דען די דאָזיגע פאָרמולע, אָט די אונבעשטימטע, אין דעם זשאַרגאָן פון דער קירכע געפריידיגטע אויטאָריטעט פון דער ביבעל, פון וועלכער מען קען אַרויסנעהמען אַר־גומענטען פיר און געגען דעם קאָמוניזם, פיר און געגען דער אויטאָריטעט, אויף וועלכע מען קען זיך אָבער פאַר קיין פאַל ניט פערלאָזען, ווען עס האַנדעלט זיך פריי און אָפען צו פערטרעטען די פרייהייט — האָט דען די דאָזיגע פאָרמולע, אָט די רעליגיעזע שטרעבונג ניט שוין ענטהאַלטען אין זיך די אורזאַכע, דורך וועלכע די גרויסע בעוועגונג איז געבראָכען געוואָרען?

אָנגעפאַנגען האָט זיך די דאָזיגע בעוועגונג אין די שטעדט, זי האָט אָבער באַלד געפונען אַן אָבקלאַנג אין די דערפער. די בויערן האָבען זיך אַנטזאָגט צו פאָלגען אימעצען און אַרויפזעצענדיג אַן אַלטען שוך אויף אַ שפיז אַלס זייער פאָהן, האָבען זיי צוריק צוגענומען דאָס לאַנד, וואָס די פעאָדאַלע לאָרדען האָבען אַוועקגערויבט פון די דאָרף־געמיינדעס. זיי האָבען צובראָכען די קייטען פון דער לייבאייגענשאַפט, אַרויסגעטריבען די פריעסטער און ריכטער פון זייער געזעלשאַפט און פון דאָס ניי גע־גרינדעט פרייע קאָמונעס. נור מיט דער הילפע פון דעם שייטער־הויפען, דעם ראַד און די תליה, נור דורך דעם, וואָס מען האָט אין עטליכע יאָהר אויסגעשלאַכט מעהר ווי הונדערט טויזענד בויערן, האָט עס געלונגען דער קעניגליכער אָדער קייזערליכער מאַכט מיט דער הילפע פון דער קאַטאָלישער אָדער פראָטעסטאַנטישער קירכע — לוטהער האָט נאָך שטאַרקער אָנגערייצט די פירסטען און אַדעל־מענער אויסצושלאַכטען די בויערן, ווי דער פאַפסט אַליין — צו דערשטיקען די דאָזיגע רעוואָלו־ציאָנען, וועלכע זיינען פאַר אַ געוויסע צייט געווען אַ געפאַהר צו די שטאַאַטען, וואָס האָבען זיך גראָד וואָס ענטוויקעלט.

געבוירען פון דער אַנאַבאַפּטיסטישער פאָלקס־בעוועגונג, האָט די לוטהערישע רעפאָרמאַציאָן, שטיצענדיג זיך אויף דעם שטאַאַט, איהם געהאָלפען אויסשלאַכטען דאָס פאָלק און אויסראָטען די בעוועגונג, פון וועלכער זי האָט אין אָנפאַנג געשעפּט איהר גאַנצע קראַפט. דאָס, וואָס עס איז נאָך איבערגעבליבען פון יענער מעכטיגער פאָלקס־בעוועגונג, האָט זיך בעהאַלטען אין די געמיינדעס פון די „מעהרישע ברידער", וועלכע זיינען, מיט הונדערט יאָהר שפּעטער, אויך פערניכטעט געוואָרען דורך דעם שטאַאַט און דער קירכע. די יעניגע, וואָס זיינען ניט דער־הרג'עט געוואָרען, זיינען אַנטלאָפען; די איינע האָבען זיך געזוכט אַ נייע היימאַטה אין דרום־זייט פון רוסלאַנד, די אַנדערע אין גרענלאַנד, וואו זיי לעבען נאָך ביז היינטיגען טאָג אין איינקלאַנג מיט זייערע פּרינ־ציפּען אין זייערע געמיינדעס און אַנטזאָגען זיך פון יעדען דיענסט פאַר דעם שטאַאַט. (די מענאָניטען האָבען שפּעטער פערלאָזען רוסלאַנד און זיינען אַוועק נאָך קאַנאַדאַ.)

* * *

פון דאַמאָלס אָן איז די עקזיסטענץ פון דעם שטאַאַט געווען פער־זיכערט. דער רוימישער יוריסט, דער פּריעסטער און דער אַריסטאָקראַ־טישער סאָלדאַטען־פיהרער האָבען געגרינדעט אַ פעסטען בונד אַרום די טהראָנען און זיינען איצט געווען אימשטאַנד צו ענדיגען זייער פערניכ־טונגס־אַרבייט.

וואָס פאַר אַ באַרג מיט ליגענס די שטאַאַטס־געטרייע און פון'ם שטאַאַט בעצאָהלטע היסטאָריקער האָבען אונז דערצעהלט וועגען דער דאָזיגער פעריאָדע!

האָט מען אונז דען ניט געלערנט אין די שולען, אַז דער שטאַאַט האָט זיך זעהר פערדיענט געמאַכט, דערפאַר וואָס ער האָט אויפ־געבויט גרויסע נאַציאָנאַלע פערבינדונגען אויף די רואינען פון דער פע־אָדאַלער געזעלשאַפט, פאַר וועלכע עס איז פריהער ניט געווען קיין פּלאַץ, צוליעב די שטענדיגע צאַנקערייען און שטרייטיגקייטען צווישען די שטעדט? מען האָט עס אונז אריינגעקלאַפּט אין קאָפּ אין דער שולע און מיר האָבען עס געגלויבט, ווען מיר זיינען שוין געווען ערוואַקסענע מענער.

אָבער דאָך ווייסען מיר איצט, אַז צום טראָץ די אַלע שטרייטיג־קייטען האָבען די פרייע שטעדט אין מיטעל־אַלטער וועהרענד פיער הונדערט יאָהר געאַרבייט, אום צו גרינדען אַזעלכע פעראייניגונגען דורך פרייוויליגע אָבמאַכען און אַז זיי האָבען געהאַט אַן ערפאָלג מיט זייער אַרבייט.

דער לאָמבאַרדישער בונד, למשל, האָט איינגעשלאָסען אין זיך אַלע קאָמונעס אין צפון־זייט פון איטאַליען און האָט געהאַט זיין געמיינשאַפט־ליכע קאַסע אין גענואַ און וועניס. אַנדערע פערבינדונגען, ווי צ. ב. ש. דער טאָסקאַנישער בונד, דער רהיינישער בונד, בעשטעהענדיג פון זעכציג שטעדט, דער וועסטפאַלשיער בונד, דער בונד פון די בעהמישע און פוי־לישע שטעדט, די פעדעראַציאָנען פון די קאָמונעס אין סערביען און רוס־לאַנד — אָט די אַלע פעראייניגונגען האָבען זיך פערשפרייט איבער־גאַנץ אייראָפּאַ. אין דערזעלבער צייט האָט די קאָמערציעלע פעראייני־גונג פון דעם האַנזאַ־בונד איינגעשלאָסען אין זיך סקאַנדינאַווישע, דייטשע, פוילישע און רוסישע שטעדט ביי די ברעגעס פון דעם באַלטישען ים. דאָס זיינען ניט געווען קיינע איינפאַכע פערזוכען, נאָר טהאַטזעכליך עקזיסטירענדע, וויט פערשפרייטע און פיעל־גליעדערדיגע מעגשליכע פערבינדונגען אויף דעם באַזיס פון פרייער פעראייניגונג.

איהר ווילט זעהן אַ לעבעדיגען ביישפיעל פון אַזעלכע געזעלשאַפט־ליכע פערבינדונגען? אָט איז די שווייץ. דאָרט האָט זיך צוערשט ענט־וויקעלט דער בונד פון די דאָרף־קאָמונעס (די אַלטע קאַנטאָנען), אין דערזעלבער צייט, ווען עס איז ענטשטאַנען אין פראַנקרייך אַן עהנליכע פערבינדונג אין דער געגענד פון לאַאָנע. און וויל דער אונטערשיעד צווישען שטאָדט און דאָרף איז אין דער שווייץ קיינמאָל ניט געווען אַזוי טיעף, ווי דאָרטען, וואו די שטעדט האָבען זיך בעשעפטיגט מיט גרויסע קאָמערציעלע אונטערנעהמונגען, דערפאַר האָבען די שטעדט געהאָלפען די רעבעלישע בויערן אין 16טען יאָהרהונדערט, און שטעדט און דער־פער האָבען זיך פעראייניגט אין אַ פעדעראַציאָן, וועלכע עקזיסטירט נאָך ביז דעם הייגטיגען טאָג.

אָבער עס ליעגט ניט אין דער נאַטור פון׳ם שטאַאַט צו טאָלערירען די פרייע פעדעראַציאָן. זי איז דער שרעק פון יעדען יוריסט — „אַ שטאַאַט אין אַ שטאַאַט". דער שטאַאַט אַנערקענט ניט קיין פרייע פעראייניגונג אינערהאַלב זיינע גרענעצען — ער האָט נור צו טהאָן מיט אונטער־טאַנען. ער אַליין און זיין שוועסטער, די קירכע האָבען מאָנאָפּאָליזירט דאָס רעכט צו זיין די פערמיטלער צווישען אַלע מענשליכע בעציהונגען.

אָט דערפאַר האָט דער שטאַאַט נויטווענדיגערווייזע געמוזט צושטער־רען די שטעדט, וויל זיי האָבען פאָרגעשטעלט מיט זיך א דירעקטע פערבינדונג צווישען איהרע בירגער. ער האָט געמוזט צושטערען יעדע פרייע פעראייניגונג אין דער שטאָדט, די שטאָדט גופא און יעדע דירעקטע פערבינדונג צווישען די פערשידענע שטעדט. אויף דעם פּלאַץ פון דעם

פּרינציפּ פֿון פֿעדעראַציאָן האָט דער שטאַאַט אַוועקגעשטעלט דעם פּרינציפּ פֿון אונטערוואַרפֿונג און דיסציפּלין. אָט דאָס איז זיין נאַטור, דער אינהאַלט פֿון זיין כאַראַקטער. אָהן דעם דאָזיגען פּרינציפּ הערט ער אויף צו זיין אַ שטאַאַט.

דער גאַנצער 16טער יאָהרהונדערט איז אָנגעפֿילט מיט שרעקליכע הריגות און מלחמות, וועלכע דער ניי־ענטשטאַנענער שטאַאַט האָט אָנגעפֿיהרט געגען די פֿרייע שטעדט און זייערע פֿעדעראַציאָנען. די שטעדט זיינען בעלאַגערט, בעפֿאַלען און אויסגעפּלינדערט געוואָרען; די איינוואוינער איהרע האָט מען אויסגעשלאַכט אָדער פֿערשיקט.

* * *

דער שטאַאַט האָט געזיעגט אויף דער גאַנצער ליניע און אָט דאָס זיינען געווען די רעזולטאַטען:

אין 15טען יאָהרהונדערט איז אייראָפּאַ געווען בעדעקט מיט רייכע שטעדט, וועמעס בעל־מלאכות — מויערער, וועבער, גאָלד־שמידען, שניצער — האָבען בעשאַפֿען וואונדערס פֿון קונסט; זייערע אוניווערזיטעטען האָבען אַוועקגעלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿון דער וויסענשאַפֿט; זייערע קאַראַוואַנעס האָבען געוואַנדערט איבער ווייטע לענדער און זייערע שיפֿען האָבען דורכגעשניטען טייכען און ימים.

און וואָס איז פֿון זיי געוואָרען מיט צוויי יאָהרהונדערטער שפּעטער? — שטעדט, וואָס האָבען געצעהלט פֿופֿציג און הונדערט טויזענד איינוואוינער און וועלכע האָבען געהאַט מעהר שולען — דאָס איז געווען דער פֿאַל אין פֿלאָרענץ — און אין די קאָמונאַלע שפּיטאָלען מעהר בעטען פֿאַר קראַנקע איינוואוינער, ווי מיר געפֿינען עס היינט אפילו אין אַזעלכע שטעדט, וועלכע זיינען אין דיזער הינזיכט אַם בעסטען פֿערזאָרגט, — אָט אַזעלכע שטעדט האָבען זיך פֿערוואַנדעלט אין אָרעמע, פֿערלאָזענע דערפֿער. זייערע איינוואוינער זיינען אויסגעשאָכטען און פֿערשיקט געוואָרען; און שטאַאַט און קירכע האָבען פֿערכאַפּט זייערע רייכטהימער. די אינדוסטריע איז אָבגעשטאָרבען אונטער דער לעכערליכער און פּעדאַנטישער אויפֿזיכט פֿון די שטאַאַטס בעאַמטע. דער האַנדעל איז טויט געווען. די וועגען, וואָס האָבען פֿריהער פֿערבונדען איין שטאָדט מיט דער צווייטער, זיינען אין 17טען יאָהרהונדערט געווען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז מען האָט זיך שוין מעהר ניט געקענט בענוצען מיט זיי.

דער שטאַאַט איז דער קריעג. און די מלחמות האָבען געמאַכט אַ וויסטעניש פֿון אייראָפּאַ און פֿערניכטעט דאָס, וואָס דער שטאַאַט האָט נאָך איבערגעלאָזט פֿון די שטעדט.

אָבער האָבען ניט אַם ווייניגסטענס די דערפֿער וואָס עס איז געד־וואונען דורך דער דאָזיגער צענטראַליזאַציאָן פֿון'ם שטאַאַט? — פֿאַר קיין פֿאַל ניט! לייענט, וואָס די היסטאָריקער דערצעהלען אונז וועגען דעם לעבען פֿון די דערפֿער פֿון שאָטלאַנד, טאָסקאַנאַ אָדער דייטשלאַנד אין 14טען יאָהרהונדערט און פֿערגלייכט זייערע בעשרייבונגען פֿון יענער צייט מיט דעם עלענד אין ענגלאַנד קורץ בעפֿאָר 1648, אין פֿראַנקרייך אונטער דער הערשאַפֿט פֿון דעם „זונן־קעניג" לואי דעם 14טען אין דייטשלאַנד, אין איטאַליען, איבעראַל, נאָך הונדערט יאָהר שטאַאַטס־הערשאַפֿט!

עלענד איבעראַל. אַלע אָנערקענען עס איינשטימיג און דייטען אָן אויף דעם. דאָרט, וואו די לייבאייגענשאַפֿט איז אָבגעשאַפֿט געוואָרען, האָט מען איהר צוריק אויפֿגעבויט אין טויזענדער נייע פֿאָרמען. און דאָרט, וואו זי איז נאָך ניט אָבגעשאַפֿט געוואָרען, האָט זי ערשט אונטער דעם שטאַאַט אָנגענומען די גרויזאַמסטע און ברוטאַלסטע פֿאָרמען פֿון דער אַלטער שקלאַפֿעריי אָדער נאָך ערגערע. אין רוסלאַנד, למשל, האָט דער שטאַאַט, ווען ראָמאַנאָוו האָט געשאַפֿען, איינגעפֿיהרט די לייבאייגענשאַפֿט און איהר באַלד געגעבען די פֿאָרם פֿון אמת'ער שקלאַפֿעריי.

און האָט דען עפּעס אַנדערש געקענט אַרויסקומען פֿון אָט דעם עלענד פֿון דער שטאַאַטס־הערשאַפֿט? איז עס דען ניט געוועזען די ערשטע אויפֿגאַבע פֿון'ם שטאַאַט צו פֿערניכטען אויך די דאָרף־געמיינדעס, צו צושטערען אַלע פֿערבינדונגען צווישען די בויערן, איבערצוגעבען זייער לאַנד צו די רייכע, זיי זאָלען עס קענען אויספּלינדערן און מאַכען זיי אַליין אונטערטעניג צו דעם טשינאָווניק, דעם גלח און דעם אַדעלמאַן — איז דען דאָס ניט געוועזען די וויכטיגסטע אויפֿגאַבע פֿון דעם שטאַאַט, נאָכדעם ווי ער האָט צושטערט די שטעדט?

## VIII.

צו פֿערניכטען די אונאָבהייננגיקייט פֿון די שטעדט; צו בערויבען די רייכע גילדעס פֿון די קויפֿלייט און בעל־מלאכות; צו צענטראַליזירען דעם אויסלענדישען האַנדעל אין זיינע אייגענע הענד און פֿערניכטען איהם; צו פֿערכאַפּען די אינערליכע פֿערוואַלטונג פֿון די גילדעס און אונטערוואַרפֿען דעם היימישען האַנדעל און יעדע סאָרט פֿון פּראָדוקטי־ווער טהעטיגקייט ביז די קלענסטע איינצעלהייטען צו אַ גאַנצע אַרמעע פֿון בעאַמטע און דורך דעם פּאַראַליזירענדיג די אינדוסטריע און קונסט; צו פֿערכאַפּען די לאָקאַלע מיליץ און די גאַנצע שטאָדטישע פֿערוואַלטונג; צו דערדריקען די שוואַכע דורך טאַקסעס און אָבגאַבען צו גונסטען די שטאַרקע און רואינירען דאָס לאַנד דורך מלחמות — אַט דאָס איז גע־ווען די ראָלע פֿון'ם שטאַאַט אין 16־טען און 17־טען יאָהרהונדערט גע־גען די איינוואוינער פֿון די אַמאָליגע קאָמונעס.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז זיין טאַקטיק געגען די דערפֿער און בויערן איז געווען דיזעלבע. אַזוי באַלד, ווי דער שטאַאַט האָט זיך געפֿיהלט שטאַרק, האָט ער צושטערט די דאָרף־געמיינדעס, האָט רואינירט די בויערן, וואָס זיינען אַריינגעפֿאַלען ביי איהם אין די הענד און אַוועקגע־רויבט פֿון זיי זייער געמיינשאַפֿליכע ערד.

די היסטאָריקער און עקאָנאָמיסטען, בעצאָהלט פֿון'ם שטאַאַט, האָבען אונז, פֿערשטעהט זיך, געלערנט, אַז די דאָרף־קאָמונע, ווערענדיג אַ פֿערעלטערטע פֿאָרמע פֿון דעם גרונד־אייגענטהום, וואָס האָט געשטערט דעם פּראָגרעס פֿון דער לאַנד־ווירטשאַפֿט, האָט געמוזט פֿערשווינדען דורך דער „טהעטיגקייט פֿון די נאַטירליכע עקאָנאָמישע קרעפֿטען". די בורזשואַזע פּאָליטיקער און עקאָנאָמיסטען זיינען ניט מיעד געוואָרען צו פּויקען דאָס אין אונזערע קעפּ, און זיי טהוען עס נאָך איצט; און עס זיינען זאָגאַר פֿאַראַן רעוואָלוציאָנערען און סאָציאַליסטען — אַזעלכע, וואָס פּרעטענדירען צו זיין וויסענשאַפֿטליך — וועלכע האַלטען אין איין ווידערהאָלען די זעלבע אַבסורדע בעהויפּטונג, וואָס מען האָט זיי געלע־רענט אין דער שולע.

און דאָך איז אין דער וויסענשאַפֿט קיינמאָל ניט בעהויפּטעט גע־וואָרען אַ געמיינערער ליגען ווי אָט דער. אַ ליגען, וועלכער איז ספּעציעל ערפֿונדען געוואָרען, דען די געשיכטע איז פֿול מיט דאָקומענטען, וועלכע בעווייזען יעדען איינציגען, וואָס וויל נור וויסען, — פֿאַר פֿראַנקרייך איז כמעט גענוג איבערצולייענען דאַלאָז'ן — אַז די דאָרף־קאָמונעס זיינען

פֿריהער פֿון אַלעם בערויבט געוואָרען דורך דעם שטאַאט; מען האָט אַוועקגערויבט פֿון זיי זייער אונאָבהייניגקייט, זייער געריכטליכע און געזעץ־געבענדע מאַכט, און שפּעטער איז זייער לאַנד איינפֿאַך פֿערכאַפּט געוואָרען פֿון די רייכע אונטער דעם שוץ פֿון'ם שטאַאט אָדער דורך דעם שטאַאט גופא.

אין פֿראַנקרייך האָט די בערויבונג פֿון די דאָרף־קאָמונעס זיך אָנ־געפֿאַנגען אין 16טען יאָהרהונדערט און וועהרענד די פֿאָלגענדע יאָהר־הונדערטער איז די דאָזיגע אַרבייט אַלץ גיכער און גיכער פֿאָרטגעזעצט געוואָרען. פֿון 1659 אָן האָט דער שטאַאט גענומען די געמיינדעס אונ־טער זיין הויכען שוץ, און מען דאַרף נור איבערלייענען דעם געזעץ, וואָס לואי דער 14טער האָט אַרויסגעלאָזט אין 1667, אום צו פֿערשטעהן, אויף וואָס פֿאַר אַ שמייגער די פֿערכאַפּונג פֿון דער קאָמונאַלער ערד איז דורכגעפֿיהרט געוואָרען אין יענער צייט. — „יעדער מאַכט זיך די זאַך אַזוי בעקוועם ווי נור מעגליך" — אַזוי לייענען מיר אין דעם דאָזיגען אוקאַז... „מען האָט צוטהיילט דאָס לאַנד;... כדי צו בערויבען די גע־מיינדעס האָט מען אויסגעקלערט חובות, וואָס האָבען קיינמאָל ניט עקז־יסטירט." שפּעטער מיט צוויי יאָהר האָט דער „זונן־קעניג" אַליין קאָנ־פֿיסקירט אַלע איינקונפֿטען פֿון די געמיינדעס פֿאַר זיינע אייגענע קע־שענעס. — און דאָס רופֿט זיך אין דער וויסענשאַפֿטליכער שפּראַך „נאַטירליכע אָבשטאַרבונג".

לויט דער אָבשאַצונג פֿון די היסטאָריקער איז אין דעם פֿאָלגענדען יאָהרהונדערט אַם ווייניגסטענס אַ העלפֿט פֿון דעם קאָמונאַלען גרונד־בעזיץ איינפֿאַך אַוועקגערויבט געוואָרען דורך די אַדעל־מענער און גלחים אונטער דעם שוץ פֿון'ם שטאַאט. פֿון דעסטוועגען האָבען די דאָרף־גע־מיינדעס עקזיסטירט ביז 1787. די פֿערזאַמלונג פֿון דער דאָרף־קאָמונע פֿלעגט זיך צונויפֿקומען אונטער אַן אולמען־בוים, וואו מען האָט יעד'ען צוגעטהיילט זיין שטיק ערד און פֿונאַנדערגעטהיילט די אָבגאַבען. די דאָ־קומענטען, וועלכע בעשטעטיגען דאָס אַלעס, עקזיסטירען נאָך היינט.*) טירגאָ ווייטער, אין דער פּראָווינץ, וועלכע ער האָט פֿערוואַלטעט, האָט אויסגעפֿונען, אַז די פֿערזאַמלונגען פֿון די דאָרף־געמיינדעס מאַכען אַן „צופֿיעל ליאַרם"; ער האָט זיי דערפֿאַר אָבגעשאַפֿט און אַוועקגעשטעלט אויף זייער פּלאַץ געזעץ־געבענדע קערפּערשאַפֿטען, וועלכע זיינען אויסערוועהלט געוואָרען פֿון צווישען די אויפֿגעקומענע בעלי־הבתים פֿון'ם דאָרף. קורץ בעפֿאָר

*) Babeau, Le village sous l'ancien regime.

דעם אויסברוך פֿון דער גרויסער רעוואָלוציאָן, אין 1787, האָט דער שטאַאַט איינגעפֿיהרט דיזעלבע רעגולירונג אין גאַנץ פֿראַנקרייך. דער „מיר" איז אָבגעשאַפֿט געוואָרען און די געשעפֿטען פֿון די געמיינדעס זיינען בעזאָרגט געוואָרען פֿון עטליכע בעאַמטע, וועמען די רייכסטע ביר-גער און בויערן האָבען אויסערוועהלט.

דער פּאַרלאַמענט האָט זיך געאיילט צו בעשטעטיגען דעם דאָזיגען געזעץ אין דעצעמבער 1789, און די בורזשואַס האָבען דאַן פֿערנומען דעם פּלאַץ פֿון די אַדעל-מענער, אום צו פֿערכאַפּען פֿון די קאָמונעס דאָס לעצטע שטיקעל לאַנד, וואָס עס איז זיי נאָך איבערגעבליבען. אַ גאַנצע סעריע פֿון בויערן-רעוואָלטען און אויפֿשטענדע זיינען נויטווענדיג געווען צו צווינגען דעם קאָנווענט אין 1792 צו בעשטעטיגען דאָס, וואָס די בויערן האָבען געראָד וואָס אויסגעקעמפּפֿט אין מזרח-זייט פֿון פֿראַנקרייך. דאָס הייסט, אַז דער קאָנווענט, דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרלאַמענט האָט דיק-טירט, אַז מען זאָל די בויערן צוריקגעבען די קאָמונאַלע ערד; — אָבער דאָס איז בלויז אויסגעפֿיהרט געוואָרען דאָרט, וואו די בויערן האָבען שוין פֿריהער צוריק צוגענומען זייער לאַנד אויף אַ רעוואָלוציאָנערען שטייגער. אָט דאָס איז שוין דער שיקזאַל פֿון אַלע רעוואָלוציאָנערע געזעצע, און עס איז שוין צייט, מיר זאָלען עס געדענקען. זיי האָבען נור דאָרט אַ ווירקונג, וואו זיי זיינען שוין פֿריהער בעשטעטיגט געוואָרען דורך די פּראַקטישע טהאַטזאַכען.

אָבער אָנערקענענדיג דאָס רעכט פֿון די קאָמונעס אויף דער ערד, וועלכע מען האָט פֿון זיי אַוועקגערויבט זייט 1669, האָט די געזעץ-געבונג דאָך אַריינגעמישט עטליכע טראָפּפֿענס פֿון איהר בורזשואַזער גאַל. זי האָט דיקטירט, אַז די ערד, וואָס מען האָט צוריק אַוועקגענומען פֿון די אַדעל-מענער, זאָל צוטהיילט ווערען אין גלייכע טהיילען, אָבער נור צווישען די „בירגער"; ד.ה. צווישען די דאָרפֿישע בורזשואַס. אויף אַזאַ אופֿן האָט דער קאָנווענט איגנאָרירט דאָס רעכט פֿון די „איינוואוינער", ד.ה. פֿון דער ברייטער מאַסע פֿון די בויערן, וועלכע האָבען זיך אַם מייסטען גענייטיגט אין דער קאָמונאַלער ערד. דערנאָך האָט גליקליכערווייזע אויס-געבראָכען אַ נייער אויפֿשטאַנד פֿון די בויערן, און אין 1793 האָט דער קאָנווענט אָנגענומען אַ נייעם געזעץ, וועלכער האָט בעפֿאָהלען, אַז די ערד זאָל צוטהיילט ווערען אין גלייכע חלקים צווישען אַלע איינוואוינער. אָבער אויך דער דאָזיגער בעשלוס איז קיינמאָל ניט אויסגעפֿיהרט גע-וואָרען; — ער האָט נור געדיענט אַלס אַ גרונד פֿאַר נייע רויבערייען און פֿערכאַפּונגען פֿון דער קאָמונאַלער ערד.

* * *

זיינען אָט די אַלע מאַסרעגלען ניט געווען גענוג, אום אַרויסצורופען דאָס, וואָס יענע הערן רופען אָן דעם „נאַטירליכען טויט“ פון דער קאָמונע? און דאָך האָט די דאָרף־געמיינדע נאָך אַלץ געלעבט און עקזיסטירט. אָבער דעם 24טען אויגוסט 1794, ווען די רעאַקציאָן האָט ווידער פערכאַפט די עפענטליכע מאַכט, האָט זי בעשלאָסען צו מאַכען אַ סוף צו דער עקזיסטענץ פון די קאָמונעס. דער שטאַאַט האָט קאָנפיסקירט די גאַנצע קאָמונאַלע ערד און האָט דערפון געמאַכט אַ גאַראַנטיע־פאָנד פאַר די חובות פון׳ם שטאַאַט; ער האָט דאָס לאַנד פון די קאָמונעס עפענטליך פערקויפט און איבערגעגעבען צו זיינע אָנהייגער, צו די מענער, וואָס האָבען געמאַכט דעם ניינטען טהערמידאָר*).

דעם 2טען פרעריאַל**) פון דעם פינפטען יאָהר, נאָך אַ שענדליכער ווירטשאַפט פון דריי יאָהר צייט, איז דאָס דאָזיגע געזעץ גליקליכערווייזע אָבגעשאַפט געוואָרען. אָבער אין דערזעלבער צייט האָט מען אויך אָבגעשאַפט די פערוואַלטונג פון די דאָרף־געמיינדעס און פערנומען זייער פלאַץ דורך די דיסטריקט־פערוואַלטונגען, אום דער שטאַאַט זאָל לייכטער קענען אַריינ׳גנב׳ענען זיינע נידעריגע אַגענטען. דאָס איז אָנגעגאַנגען ביז 1801, ווען מען האָט צוריק איינגעפיהרט די פערוואַלטונג פון די דאָרף־געמיינדעס; אָבער דאָס מאָל האָט זיך די רעגירונג גענומען דאָס רעכט אַליין צו בעשטימען די בירגערמייסטערס און פאָרשטעהער פון די 36.000 געמיינדעס. און דער דאָזיגער לעבערליכער צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטען ביז צו דער יולי־רעוואָלוציאָן אין 1830, ווען דאָס געזעץ פון 1789 איז צוריק בעשטעטיגט געוואָרען. וועהרענד דער צייט האָט דער שטאַאַט אין 1813 פון דאָס ניי קאָנפיסקירט די ערד פון די קאָמונעס און איהר אויסגעפלינדערט פאַר דריי יאָהר צייט. וואָס עס איז איבערגעבליבען, האָט מען די געמיינדעס צוריקגעגעבען אין 1816.

אָבער דיינקט איהר אפשר, אַז דאָס איז שוין אַלעס? נאָך לאַנג ניט! יעדע נייע רעגירונג האָט זיך בענוצט מיט דער ערד פון די קאָמונעס

*) דעם ניינטען טהערמידאָר 1794 האָט שטאַטגעפונען דער בעריהמטער שטאַאַטס־שטרייך פון די רעאַקציאָנערע עלעמענטען אין דעם קאָנוועגט, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט דעם אונטערגאַנג פון ראָבעספיער און זיינע אָנהייגער.

(דער איבערזעצער.)

**) נאָמען פון אַ מאָנאַט אין דעם רעוואָלוציאָנערען קאַלענדאַר, וועלכער האָט דאַטירט דעם אָנפאַנג פון אַ נייער צייט־רעכנונג מיט דער פראָקלאַמאַציאָן פון דער ערשטער פראַנצויזישער רעפובליק. (דער איבערזעצער.)

אַלס אַ מיטעל צו דעקען איהרע אויסגאַבען. אויסערדעם האָט מען זייט 1830 ביי דריי פֿערשידענע געלעגענהייטען — דעם ערשטען מאָל אין 1837, דעם לעצטען מאָל אונטער נאַפּאָלעאָן דעם דריטען — אָנגענומען געזעצע צו צווינגען די בויערן, זיי זאָלען צוטהיילען צווישען זיך דעם רעסט פֿון די קאָמונאַלע וועלדער און לאָנקעס; און דריי מאָל איז דער שטאַאַט געווען געצוואונגען צו ציהען צוריק דעם דאָזיגען געזעץ צוליעב דעם ווידערשטאַנד פֿון די בויערן. פֿון דעסטוועגען האָט נאַפּאָלעאָן פֿער־שטאַנען צו בענוצען זיך מיט דער געלעגענהייט, אום צוצו'גנב'ענען עט־ליכע גרויסע קאָמונאַלע בעזיצונגען און צו מאַכען דערמיט געשענקען צו זיינע נידעריגע שמייכלער.

אָט דאָס זיינען די פֿאַקטען. און דאָס איז, וואָס דיזע העררען רופֿען אין זייער „וויסענשאַפֿטליכער" שפּראַך דעם „נאַטירליכען טויט פֿון דעם קאָמונאַלען גרונד־בעזיץ דורך דעם איינפֿלוס פֿון די עקאָנאָמישע געזעצע". פּונקט אַזוי גוט וואָלט מען געקענט אָנרופֿען די אויסשלאַכטונג פֿון הונדערט טויזענד סאָלדאַטען אויף אַ שלאַכט־פֿעלד אַ נאַטירליכען טויט!

און דאָסזעלבע, וואָס האָט פּאַסירט אין פֿראַנקרייך, האָט אויך גע־טראָפֿען אין בעלגיען, אין ענגלאַנד, אין דייטשלאַנד און עסטרייך — אין גאַנץ אייראָפּאַ, מיט דער אויסנאַהמע פֿון די סלאַווישע לענדער*).

נאָך מעהר! די צייטען פֿון נייע אויספּלינדערונגען פֿון די געמיינדעס זיינען דיזעלבע אין גאַנץ מערב אייראָפּאַ. נאָר די מעטהאָדען זיינען ניט איבעראַל געווען דיזעלבע. אין ענגלאַנד, למשל, האָט מען זיך ניט דער־וועגט צו בערויבען די געמיינדעס דורך אַן אַלגעמיינעם געזעץ, נאָר מען האָט בעסער פֿאָרגעצויגען אָנצונעהמען אין פּאַרלאַמענט עטליכע טויזענד „ענקלאָשור עקטס" (פֿערצאַמונגס־געזעצע), דורך וועלכע יעדער איינצעלנער פֿאַל פֿון לאַנד־פֿערכאַפּונג איז בעזונדערס געזעצליך סאַנק־ציאָנירט געוואָרען, — מען טהוט עס נאָך איצטער — און דער גרונד־בעזיצער האָט בעקומען דאָס רעכט צו בעהאַלטען פֿאַר זיך די קאָמונאַלע ערד, אַרום וועלכע ער האָט געשטעלט אַ פּאַרקאַן. די נאַטור גופא האָט ביז דעם היינטיגען טאָג רעספּעקטירט די שמאָלע גראָבענס, וועלכע האָבען אין ענגלאַנד בעצייכענט דעם גרענעץ פֿון די קאָמונאַלע

---

*) אין רוסלאַנד זעהען מיר שוין היינט דיזעלבע ערשיינונג. דאָרטען האָט די רעגירונג אויטאָריזירט די גנבה פֿון דער קאָמונאַלער ערד דורך דעם געזעץ פֿון 1906 און האָט בעגינסטיגט דעם דאָזיגען רויב דורך איהרע בעאַמטע.

אַקערס, וועלכע די געמיינדע האָט בעשטימט פאַר די איינצעלנע פאַ-מיליעס אויף אַ געוויסע צייט; פון דעסטוועגען געפינען זיך געלעהרטע, ווי צ.ב. סיבאָהם — אָט דער ווירדיגער קאָנקורענט פון פיסטעל דע קולאַנזש — וועלכע בעהויפּטען, אַז די דאָרף-געמיינדע האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט אין ענגלאַנד, אויסער אַלס אַ פאָרם פון לייבאייגענשאַפט. (אין די ביכער פון אַ געוויסען מאַרשאַל געפינען מיר אַן אויספיהרליכע בעשרייבונג פון דער אויבען דערמאָהנטער פאָרם פון דעם קאָמונאַלען גרונד-בעזיץ אין אָנהויב פון׳ם 19טען יאָהרהונדערט, און אין פערשידענע געמיינדעס עקזיסטירט די קאָמונאַלע פערוואַלטונג פון דעם גרונד-בעזיץ נאָך היינט צו טאָג.*)

דיזעלבע ערשיינונג געפינען מיר אין בעלגיען, דייטשלאַנד, איטאַ-ליען און שפּאַניען. מיט וואָס פאַר מעטהאָדען מען האָט זיך ניט בע-נוצט, אום צו פערכאַפּען די קאָמונאַלע ערד, — דער פאַקט איז, אַז ביז די 50גער יאָהרען פון דעם פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט איז די בערווי-בונג פון די דאָרף-געמיינדעס אין מערב-אייראָפּאַ כמעט פאָלשטענדיג אויסגעפיהרט געוואָרען. די בויערן איז מעהר ניט איבערגעבליבען ווי עטליכע ברעקלאַך פון זייער אַמאָליגער קאָמונאַלער ערד.

אָט אויף אַזאַ אופן האָט די געגענזייטיגע פערזיכערונגס-קאָמפּאַניע פון דעם גרונד-בעזיצער, דעם פריעסטער, דעם סאָלדאַט און דעם ריכ-טער, מיט אַנדערע ווערטער, דער „שטאַאַט" בעהאַנדעלט דעם בויער, אויף אַזאַ שטייגער האָט ער אָוועקגערויבט פון איהם דעם לעצטען מי-טעל, וואָס האָט איהם געקענט פערזיכערן געגען עלענד און עקאָנאָמישע פערשקלאַפונג.

* * *

אָבער האָט דען דערזעלבער שטאַאַט, וואָס האָט סאַנקציאָנירט און אָרגאַניזירט די אויספּלינדערונג פון די געמיינדעס, געקענט רעספּעקטירען די אינסטיטוציאָן פון דער קאָמונע אַלס אַן אָרגאַן פון דעם לאָקאַלען לעבען?

געוויס ניט!

---

*) זעה דר. גילבערט סלייטער׳ס אָבהאַנדלונג, „די פערצאַמונג פון קאָמונאַלע פעלדער" אין די *Geographical Journal* פון דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט אין לאָנדאָן, מיט פּלענער און קאַרטען (1907). די דאָזיגע שטודיע איז איצט אויך ערשינען אין אַ בוך.

צו דערלאָזען אַז שטאַאַטס־בירגער זאָלען פאָרמירען צווישען זיך אַ פעראייניגונג, אום אַוועקצונעהמען עטליכע פונקציאָנען פון׳ם שטאַאַט, וואָלט געווען אַן אינערליכער ווידערשפּרוך. דער שטאַאַט פאָדערט פון זיינע אונטערטאַנען די פּערזענליכע און דירעקטע אונטערוואַרפונג אָהן אַ שום פערמיטלונג; ער קען ניט ערלויבען די עקזיסטענץ „פון אַ שטאַאַט אין אַ שטאַאַט".

דאַרום, אַזוי שנעל ווי דער שטאַאַט האָט זיך אָנגעהויבען אויפבויען אין 16טען יאָהר־הונדערט, האָט ער זיך באַלד גענומען צו דער צור־שטערונג פון אַלע פערבינדונגען צווישען די בירגער אין די שטעדט און אין די דערפער. און ווען ער האָט טאָלערירט אונטער דעם נאָמען „מור־ניציפאַלע איינריכטונגען", אַ שאָטען פון אויטאָנאָמיע — קיינמאָל קיין אונאָבהייניגקייט — איז דאָס אויסשליסליך געווען צו דעם צוועק צו פערלייכטערן די אויסגאַבען פון דער צענטראַלער רעגירונג אָדער אום צו געבען די רייכע אין די פּראָווינצען די מעגליכקייט אָנצוקלייבען רייכ־טהימער אויף דעם חשבון פון׳ם פאָלק, ווי עס איז געווען דער פאַל אין ענגלאַנד ביז ניט לאַנג צוריק און ווי עס צייגט זיך נאָך איצט אַרוים אין די אינסטיטוציאָנען און מנהגים פון׳ם לאַנד.

דאָס אַלעס איז זעהר לייכט צו פערשטעהן. דאָס לאָקאַלע לעבען גרינדעט זיך אויף דעם געוואוינהייטס־רעכט, ווערענד די צענטראַליזאַ־ציאָן פון דער עפענטליכער מאַכט קען זיך נור ענטוויקלען אויף דעם באַזיס פון דעם רוימישען געזעץ. ביידע קענען ניט עקזיסטירען צוזאַמען; איינע מוז טויטען די אַנדערע.

דאָס איז אויך די אורזאַכע, דאָס ווען די קאַבילישע ד ז ש ע מ אַ ה (דאָרף־געמיינדע) אין אַלזשיר וויל פיהרען אַ פּראָצעס, אונטער דער הער־שאַפט פון די פראַנצויזען, פאַר איהר לאַנד, מוז יעדער איינוואוינער מאַ־כען אַ בעזונדערע קלאַגע בעפאָר דעם געריכט, וועלכער ציהט בעסער פאָר צו פערהאַנדלען פופציג אָדער צוויי הונדערט בעזונדערע פּראָצעסען, איידער אָנצונעהמען די קאָלעקטיווע אָנקלאַגע פון דער דאָרף־געמיינדע. דער יאַקאָבינישער געזעץ־בוך פון דעם קאָנווענט, וועלכער איז שפּעטער נאָך מעהר ענטוויקעלט געוואָרען אין דעם „קאָד נאַפּאָלעאָן", אָנע־קענט איבערהויפּט ניט דאָס געוואוינהייטס־רעכט, זאָנדערן נור דאָס רוימישע געזעץ, אָדער בעסער געזאָגט — דאָס ביצאַנטינישע רעכט.

אָט דערפאַר זעהען מיר אין פראַנקרייך, ווען דער ווינד וואַרפט אום אַ בוים, אַזוי אַז עס קומט איהם אוים צו ליעגען אויף איינעם פון די הויפּט־וועגען; אָדער ווען אַ בויער וויל בעסער

צאָהלען אַ מענשען צוויי אָדער דריי פראַנק, איידער אַליין צו טהאָן זיין חלק אַרבייט ביי דער אויסבעסערונג פון די וועגען און די שאָסען — דאָס אַזאַ פאַל מוז פריהער דורכגעהן די קאַ-בינעטען פון צוועלף אָדער פופצעהן בעאַמטע אין דעם מיניסטעריום פון די אינערליכע אַנגעלעגענהייטען און די פינאַנצען און אַז די בעאַמטע דאַרפען פריהער אויסטוישען מעהר ווי פופציג דאָקומענטען צווישען זיך, איידער דער בוים קען פערקויפט ווערען אָדער איידער דער בויער בע-קומט די ערלויבעניש צו צאָהלען זיינע צוויי אָדער דריי פראַנק אין דער קאַסע פון דער געמיינדע.

איהר דיינקט אפשר, אַז דאָס איז ניט מעהר ווי אַ שפאַס? איהר האָט אַ טעות. הערר טריקאָש האָט אויסגערעכענט און ריכטיג נאָטירט אַלע פופציג דאָקומענטען אין זיין צייט-שריפט „*Journal des Economistes*" (אַפּריל 1893).

און פערגעסט ניט, אַז דאָס פאַסירט אונטער דער הערשאַפט פון דער דריטער רעפובליק; דען איך רעדט דאָ ניט פון די באַרבאַרישע בעשטימונגען אונטער דעם אַלטען רעזשים בעפאָר דער גרויסער רעוואָ-לוציאָן. דאַמאָלס האָט מען זיך בעגנוגענט מיט פינף אָדער העכסטענס זעקס שטיקלאַך פאַפיר אין אַזעלכע פעלע. דערפאַר אָבער דערצעהלען אונז די געלעהרטע, אַז אין יענע באַרבאַרישע צייטען האָט די אויפזיכט פון דעם שטאַאַט בלויז עקזיסטירט דעם נאָמען נאָך.

* * *

און וואָלט עס נור דאָס געווען! נאָך אַלע גליקען וואָלט דאָס דאָך מעהר ניט געהייסען, ווי אויסהאַלטען צוואַנציג טויזענד איבערפלי-סיגע בעאַמטע און צו פערגרעסערן די יעהרליכע אויסגאַבען מיט אַ מיליאַרד מעהרער. אַ קליינינגקייט פאַר די ליעבהאָבער פון אָרדנונג און רעגיסטרירען!

פאַרהאַן אָבער אַ פיעל ערגערע זאַך — ד ע ר פ ר י נ צ י פ ג ו פ א, וואָס הרג'ט אוועק אַלצדינג!

די בויערן פון אַ דאַרף האָבען טויזענדער געמיינשאַפטליכע אינטע-רעסען: עקאָנאָמישע אינטערעסען, אינטערעסען מיט זייערע שכנים, אינטערעסען פון זייערע שטענדיגע בעציהונגען. זיי זיינען געצוואונגען צו פעראייניגען זיך צו טויזענדער פערשידענע צוועקען, וועלכע די נאַטיר-ליכע נויטווענדיגקייט פאָדערט פון זיי. אָבער דער שטאַאַט וויל ניט הערען פון אַזעלכע פערבינדונגען; ער קען ניט צולאָזען, אַז זיי זאָלען

זיך פֿעראייניגען. ער גיט זיי אַ שולע, אַ גלח, אַ זשאַנדאַרם, אַ ריכטער — דאָס איז גענוג פֿאַר זיי. און אויב עס ווילען ענטשטעהען אַנדערע אינטערעסען, דאַרפֿען זיי פֿריהער דורכגעהן די צענזור פֿון דעם שטאַאַט און דער קירכע.

אויף אַזאַ אופן האָבען די איינוואוינער פֿון די דערפֿער אין פֿראַנק־רייך ביז 1883 ניט געהאַט קיין רעכט צו גרינדען גענאָסענשאַפֿטען, אום צו קויפֿען בשותפות די כעמישע מיטלען פֿאַר צו בעמיסטיגען זייערע פֿעלדער אָדער פֿאַר צו קאַנאַליזירען זייערע לאָנקעס. ערשט אין דער צייט פֿון 1883 ביז 1886 האָט די רעפּובליק געגעבען דעם דאָזיגען רעכט, ווען דער פּאַרלאַמענט האָט ענדליך אָנגענומען דעם געזעץ וועגען די סינדיקאַטען, וועלכער איז פֿערבונדען מיט אַסך ביטערע דריידלאַך און בעשריינקונגען.

און מיר, וועמענס גייסטיגע פֿעהיגקייטען עס זיינען אָבגעשטומפּט געוואָרען דורך דער שטאַאַטליכער ערציהונג, מיר פֿרעהען זיך גאָר איבער דעם פֿאָרמשריט פֿון די דאָרפֿישע געגאָסענשאַפֿטען; מיר ווערען אפילו ניט רויט ביי דעם געדאַנק, אַז דאָס דאָזיגע רעכט צו פֿעראייניגען זיך, פֿון וועלכען די בויערן זיינען בערויבט געוואָרען ביז אויף אונזער צייט, אָט דאָסזעלבע רעכט האָט אין מיטעלאַלטער עקזיסטירט פֿאַר אַלעמען, צו זיי זיינען געווען פֿריי, צי לייבאייגענע. שקלאַפֿען, וואָס מיר זיינען, זעהען מיר היינט אין דעמזעלבען רעכט שוין אַ „זיעג פֿון דער דעמאָקראַטיע!"

אָט דאָס איז דער רעזולטאַט פֿון אונזער פֿאַלשער שטאַאַטליכער ער־ציהונג און פֿון אונזערע שטאַאַטס־גלויביגע פֿאָראורטיילען.

---

## IX.

„אויב איהר האָט געמיינשאַפֿטליכע אינטערעסען אין שטאָדט אָדער אין דאָרף, בעט דעם שטאַאַט אָדער די קירכע, זיי זאָלען זיך דערמיט בעשעפֿטיגען. אָבער איהר האָט ניט קיין שום רעכט צו פֿעראייניגען זיך דירעקט, אום אַליין צו בעזאָרגען אייערע אייגענע אָנגעלעגענהייטען!" אָט דאָס איז דער פּאַס־וואָרט, וועלכער קלינגט אָב אין גאַנץ אייראָפּאַ זייט דעם 16טען יאָהרהונדערט.

„אַלע פֿערבינדונגען, ברידערשאַפֿטען, גילדעס, פֿעראיינען און פֿער-שווערונגען, וואָס זיינען שוין געמאַכט געוואָרען אָדער וואָס וועלען נאָך געמאַכט ווערען צווישען די משעשלערס און מוירער, זיינען פֿון היינט אָן און ווייטער בטל און מבוטל;" — אַזוי לייענען מיר שוין אין אַ דעקרעט פֿון עדוואַרד דעם דריטען פֿון ענגלאַנד, וועלכער איז אַרויסגעלאָזט גע-וואָרען ביי די ענדע פֿון'ם 14טען יאָהרהונדערט. אָבער פֿריהער האָט דער שטאַאַט געמוזט בעזיעגען די קאָמונעס און דעדשטיקען די אַלע פֿאָלקס־אויפֿשטענדע, פֿון וועלכע מיר האָבען גערעדט בעפֿאָר, איידער ער האָט זיך געקענט דערוועגען אַרויפֿצולייגען זיין לאַפּע אויף די אַלע איינריכטונגען — די גילדעס, ברודערשאַפֿטען א.ז.וו. — וואָס האָבען פֿערבונדען די האַנד־ווערקער איינע מיט די אַנדערע.

דאָס לאָזט זיך זעהר דייטליך בעאָבאַכטען אין ענגלאַנד, ווייל דאָרט איז פֿאַרהאַן אַסך דאָקומענטען, וועלכע צייגען אונז יעדען טריט פֿון דער דאָזיגער ענטוויקלונג. ביסלעכווייז האָט דער שטאַאַט אַרויפֿגעלייגט זיין האַנד אויף אַלע גילדעס און ברידערשאַפֿטען. ער האָט זיי געדריקט, בעשריינקט זייערע רעכטע, אָבגעשאַפֿט זייערע טריבונאַלען, זייערע גע-שוואָרענע און האָט פֿערנומען זייער פּלאַץ דורך זיינע אייגענע בעאַמטע און געריכטען. אין אָנהויב פֿון'ם 16־טען יאָהר־הונדערט, אונטער דעם רעזשים פֿון הענרי דעם אַכטען, האָט דער שטאַאַט גאָר פּראָסט צוגע-נומען אַלעס, וואָס די גילדעס האָבען פֿערמאָגט, אָהן שום צערעמאָניעס. און דער נאָכפֿאָלגער פֿון דעם גרויסען פּראָטעסטאַנטישען קעניג האָט פֿאָרטגעזעצט זיין אַרבייט.

ס'איז געווען אַ רויבעריי אויסגעפֿיהרט אין מיטען טאָג, גאָר אָהן אַ פּרעטענזיע, ווי טהאָראָלד ראָדזשערס האָט אַזוי ריכטיג געזאָגט. און אויך די דאָזיגע רויבעריי ווערט פֿאַרגעשטעלט פֿון אונזערע זאָגענאַנטע וויסענשאַפֿטליכע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמען אַלס דער „נאַטירליכער" טויט פֿון די גילדעס דורך דעם איינפֿלוס פֿון די „עקאָנאָמישע ענטוויקלונגס-געזעצע".

* * *

און ווירקליך, איז עס דען מעגליך געווען, אַז דער שטאַאַט זאָל דולדען די גילדע, די האַנד־ווערקער פֿעראייניגונג מיט איהר טריבונאַל, איהר מיליץ, איהר אייגענער קאַסע און איהרע סודות? דאָס איז דאָך געווען אַ „שטאַאַט אין אַ שטאַאַט!" דער איינציגער, דער אמת'ער שטאַאַט האָט זיי געמוזט צושטערען, און ער האָט זיי צושטערט איבעראַל: אין ענגלאַנד, אין פֿראַנקרייך, אין דייטשלאַנד, אין בעהמען, אין רוסלאַנד,

איבערלאָזענדיג בלויז פוסטע פאָרמען אַלס וויליגע אינסטרומענטען פאַר אריינצובריינגען די אָבגאַבען און אַלס אַ טהייל פון דער גרויסער פער־וואַלטונגס־מאַשין.

איז עס דען אַ וואונדער, אַז די גילדעס, די מייסטער־אָרגאַניזאַציאָנען, די שוואור־געריכטען, נאָכדעם ווי מען האָט אַוועקגערויבט פון זיי אַלעס, וואָס איז פריהער געווען זייער אמת׳ער לעבען, נאָכדעם ווי מען האָט זיי אונטערוואָרפען צו דעם בעפעהל פון קעניגליכע בעאַמטע און זיי פערוואַנדעלט אין ווילענלאָזע רעדער פון דער פערוואַלטונגס מאַשינעריע — איז עס דען אַ וואונדער, אַז דיזעלבע אָרגאַניזאַציאָנען זיינען אין 18טען יאָהרהונדערט געווען אַ שטערונג צו דער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג, וועהרענד מיט פיער הונדערט יאָהר בעפאָר האָבען זיי פאָרגעשטעלט מיט זיך די איינענטליכע נשמה פון דער דאָזיגער ענטוויקלונג? דער שטאַאַט האָט זיי געטויטעט.

דער שטאַאַט האָט זיך ניט צופריעדען געשטעלט דערמיט, וואָס ער האָט צושטערט דעם גאַנצען אינערליכען מעכאַניזם פון יענע אינדוסטריעלע ברודערשאַפטען, דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך אַוועקגעשטעלט צווישען איהם און זיינע אונטערטאַנען; ער האָט זיך ניט צופריעדענגעשטעלט דערמיט, וואָס ער האָט קאָנפיסקירט זייערע קאַסען און פערכאַפט זייער אייגענ־טהום — ער האָט אויך אַוועקגערויבט פון זיי זייערע אַלע פונקציאָנען, פונקט ווי ער האָט פערכאַפט זייער געלד.

אין אַ שטאָדט פון׳ם מיטעל־אַלטער, ווען עס האָבען זיך ענטוויקעלט פערשידענע אינטערעסען אין דערזעלבער גילדע, אָדער ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ שטרייט צווישען צוויי פערשידענע גילדעס, איז קיין אַנדער שלום־מאַכער ניט געווען, ווי די שטאָדט גופא. זיי האָבען געמוזט קומען צו אַן איינפערשטענדניס צווישען זיך, געפינען וואָס פאַר עס איז ניט פשרה, ווייל אין דער שטאָדט זיינען אַלע פערבונדען געווען איינע מיט די אַנדערע. און אַ פשרה איז אימער געפונען געוואָרען, און ווען עס איז געווען נויטוועגדיג, האָט מען אַפעלירט צו אַ צווייטע שטאָדט, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו מאַכען שלום.

איצט אָבער איז דער שטאַאַט געווען דער איינציגער בשרה־מאַכער. אַלע אונבעדייטענדע לאָקאַלע שטרייטיגקייטען, וואָס זיינען אָנגעגאַנגען אין קליינע שטעדטלאַך מיט עטליכע הונדערט איינוואוינער, האָבען גע־מוזט פערהאַנדעלט ווערען אין בעזונדערע דאָקומענטען אין די קאַבינע־טען פון׳ם קעניג אָדער פון די פאַרלאַמענטען. דער ענגלישער פאַרלאַ־מענט איז בוכשטעבליך איבערפלייצט געווען מיט טויזענדער אַזעלכע

לאָקאַלע צאַנקערייען. דערצו זיינען אָבער נייטיג געווען פיעלע טויזענדער בעאַמטע אין דער הויפט־שטאָדט — די מייסטע פון זיי האָט מען גע־קענט אונטערקויפען — אום צו רעגיסטרירען, קלאַסיפיצירען, איבער־לייענען און בעאורטהיילען יעדע קלייניגקייט און אויסצואַרבייטען בע־שטימטע רעגלען, ווי אַזוי צו שמידען א פערד, ווי צו בלייכען לייוועגד, איינצוזאַלצען הערינג, מאַכען א פעסעל א.ז.וו. ביז אין דער אונענדליכ־קייט; און די כוואַליע איז געשטיגען אַלץ העכער און העכער.

אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען אַלעס. באַלד האָט דער שטאַאט אויך פערכאַפט דעם עקספּאָרט־האַנדעל. ער האָט אין דעם געזעהן אַ נייע קוועלע צו קלייבען רייכטהימער. פריהער, ווען עס האָט זיך גע־מאַכט א מיינונגס־פערשידענהייט איבער דעם ווערטה פון עקספּאָרטירען טוך, וועגען דער ריינקייט פון וואָל אָדער וועגען דער גרויס פון די הערינג־פעסער, האָבען די צוויי שטעדט געהאַט אַ טענה צווישען זיך. ווען זיי האָבען אַליין ניט געקענט דורכקומען, האָבען זיי זיך געווענדעט צו אַ דריטע שטאָדט, אַז זי זאָל אָבגעבען איהר אורטהייל. דאָס איז געווען אַ שטענדיגער מנהג. אָדער מען האָט פעררופען א קאָנגרעס פון די בעטרעפענדע גילדעס, אום צו בעשטימען דעם פרייז און די קוואַ־ליטעט פון דאָס טוך אָדער די גרויס פון די פעסער אויף אַן אינטער־נאַציאָנאַלען אופן.

איצט אָבער האָט דער שטאַאט זיך אונטערגענומען אויסצוגלייכען אַלע מיינונגס־פערשידענהייטען פון לאָנדאָן אָדער פון פּאַריז אויס. דורך זיינע בעאַמטע האָט ער בעשטימט די גרויס פון די פעסער, די קוואַ־ליטעט פון'ם טוך, די צאָהל און דיקקייט פון די פאָדים אין אַלע גע־וועבען — מיט איין וואָרט, ער האָט זיך אַריינגעמישט אין די קלענסטע קלייניגקייטען פון יעדער אינדוסטריע.

* * *

איהר ווייסט, וואָס עס איז געווען דער רעזולטאַט. די דאָזיגע קאָנ־טראָלירונג איז געווען די אורזאַכע פון דעם אָבשטאַרבען פון דער אינ־דוסטריע אין 18טען יאָהרהונדערט.

און ווירקליך, וואָס איז געוואָרען פון דער קונסט פון אַ בענווענוטאָ טשעליני אונטער דער קאָנטראָל פון'ם שטאַאט? — פערשוואונדען! — און וואָס איז געוואָרען פון דער אַרכיטעקטור פון יענע גילדעס, וועמענס קונסט־ווערק עס רופען נאָך היינט אַרויס אונזער בעוואונדערונג? — וואַרפט נור אַ קוק אויף די מורא'דיג העסליכע מאָנומענטען פון דער שטאַאטס־פּעריאָדע, און מיט איין בליק וועט איהר דערקענען, אַז די

ארכיטעקטור איז געשטאָרבען, אַזוי געשטאָרבען, אַז ביז היינט צו טאָג האָט זי זיך ניט געקענט ווידער אויפהויבען און געזונד ווערען פון דעם שרעקליכען קלאַפּ, וואָס דער שטאַאַט האָט איהר געגעבען.

וואָס איז געוואָרען פון די פּראַכטפולע געוועבען פון בריג, פון די טוך פון האָלאַנד? וואו זיינען אַהינגעקומען יענע שמיעדען, וועלכע זיינען געווען אַזעלכע קינסטלער אין זייער אַרבייט און וועלכע האָבען אין יענע שטעדטעל פון אייראָפּאַ אויסגעאַרבייט די וואונדערבאַרסטע ווערק פון דעם אונדאַנקבאַרען מעטאַל? וואָס איז געוואָרען פון די אַלע אַנדערע בעלי מלאכה — די זייגער־מאַכערס, די דרעקסלער, די אָפּטיקער און מעכאַניקער, וואָס האָבען בעקאַנט געמאַכט דעם נאָמען פון דער שטאָדט נירענבערג אין דער גאַנצער וועלט פאַר איהרע וואונדערבאַרע מאַטעמאַטישע אינסטרומענטען, וועלכע זיינען געווען דער רוהם פון׳ם מיטעל-אַלטער? פרעגט דאָך דזשיימס וואַט, וועלכער האָט געזוכט דרייסיג יאָהר-לאַנג אומזיסט אַן אַרבייטער, וואָס זאָל קענען פאַר איהם מאַכען אַ מעהר אָדער ווייניגער קיילעכדיגען צילינדער פאַר זיין דאַמפּף־מאַשין. זיין מאַשין האָט עקזיסטירט דרייסיג יאָהר אַלס אַ מאָדעל, דערפאַר וואָס ער האָט ניט געקענט געפינען קיינע אַרבייטער, וואָס זאָלען איהם אויספיהרען.

אָט דאָס איז געווען די אַרבייט פון דעם שטאַאַט אויף דעם געביעט פון דער אינדוסטריע. אַלעס, וואָס ער האָט יאָ אויפגעטהאָן, איז געווען דאָס, וואָס ער האָט עקספּלאָאַטירט דעם אַרבייטער אויף דעם שענדליכסטען אופן, פערטריבען די בויערן פון זייערע דערפער, פערשפּרייט נויט און עלענד אין די שטעדט, געבראַכט מיליאָנען מענשליכע וועזענס אין אַ צושטאַנד פון הונגער און עטאַבלירט אויף אַזאַ אופן די לוין־שקלאַפעריי.

און אָט די עלענדע, אָרעמע חורבות פון די אַלטע גילדעס, אָט די אָרגאַניזמען, וועלכע זיינען פון׳ם שטאַאַט צוקוועטשט און דער׳הרג׳ט געוואָרען, דיזע אוננישליכע רעדער אין דער פערוואַלטונגס־מאַשין האָבען אונזערע „וויסענשאַפטליכע" נאַציאָנאַל־עקאָנאָמען פערביטען אין זייער גרויסער אונוויסענהייט מיט די גילדעס פון׳ם מיטעל־אַלטער! וואָס די גרויסע רעוואָלוציאָן האָט פערניכטעט אַלס שעדליך צו דער אינדוסטריע, איז ניט געווען די גילדע אָדער די פּראָפעסיאָנעלע פעראייניגונג, עס איז געווען ניט מעהר ווי אַ נוצלאָזע און שעדליכע ראָד פון דעם שטאַאַטס־מעכאַניזם.

אָבער וואָס די רעוואָלוציאָן האָט גוט גענומען אין אַכט ניט אָבצו-שאַפֿען, דאָס איז געווען די מאַכט פֿון'ם שטאַאַט איבער די אינדוסטריע און איבער די שקלאַפֿען פֿון די פֿאַבריקען.

דערמאָהנט זיך נור אין דער דעבאַטע, וואָס האָט שטאַטגעפֿונען אין דעם קאָנוועגט, דעם שרעקליכען קאָנויענט, וועגען אַ סטרייק! אויף די קלאָגען פֿון די סטרייקער האָט דער קאָנווענט אַזוי געענטפֿערט: „דער שטאַאַט אַליין האָט דאָס רעכט אַכטונג צו געבען אויף די אינ-טערעסען פֿון אַלע בירגער. מיט דעם וואָס איהר סטרייקט, מאַכט איהר אַ בונד, איהר בעשאַפֿט אַ שטאַאַט אין דעם שטאַאַט. פֿאָלגליך — טויט!"

פֿאַר מאַנכע איז דער דאָזיגער ענטפֿער מעהר ניט געווען ווי אַ בעוויז פֿאַר דעם בורזשואַזען כאַראַקטער פֿון יענער רעוואָלוציאָן. אָבער האָבען דען אָט די ווערטער ניט נאָך אַ טיעפֿערע בעדייטונג? ענטהאַלטען זיי דען ניט אַ קורצע און שאַרפֿע ערקלערונג וועגען דער שטעלונג פֿון'ם שטאַאַט צו דער גאַנצער געזעלשאַפֿט, וועלכע האָט געפֿונען איהר פֿאָל-שטענדיגסטען און לאָגישסטען אויסדרוק אין דעם יאַקאָביניזם פֿון 1793? — „איהר האָט אַן אורזאַכע זיך צו בעקלאָגען? בעקלאָגט זיך ביים שטאַאַט! ער אַליין האָט דאָס רעכט צו אונטערזוכען און אויסצו-גלייכען די פֿאָדערונגען פֿון זיינע אונטערטאַנען. אָבער אַז איהר זאָלט זיך פֿעראייניגען, כדי אַליין צו פֿערטרעטען אייערע אינטערעסען — אַזאַ זאַך קען און טאָר קיינמאָל ניט געשעהן!" — אָט אין דעם זין האָט זיך די רעפּובליק גערופֿען די „איינע און אונטהיילבאַרע רעפּובליק."

און פֿערטרעטען דען די סאָציאַליסטישע יאַקאָבינער פֿון אונזער צייט ניט דעמזעלבען געדאַנק? האָט דען דער קאָנווענט ניט אויסגע-דריקט דעם גאַנצען גרונד געדאַנק פֿון דעם יאַקאָביניזם מיט דער שטרייגגער לאָגיק, וועלכע איז געווען איינע פֿון זיינע כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפֿטען?

אין דעם ענטפֿער פֿון דעם קאָנווענט געפֿינען מיר דעם קלאָרסטען און פֿאָלשטענדיגסטען אויסדרוק, וועלכער בעשטימט איין פֿאַר אַלע מאָל די שטעלונג פֿון יעדען שטאַאַט צו אַלע פּריוואַטע פֿעראייניגונגען און אָרגאַניזאַציאָנען, וואָס פֿאַר אַ צוועק אָדער אויפֿגאַבע זיי זאָלען ניט האָבען.

וואָס אָנבעלאַנגט אַ סטרייק, איז דאָס נאָך היינט דער פֿאַל אין רוסלאַנד, וואו מען זעהט אין יעדען סטרייק אַ מין מאַיעסטעטס-בעליי-דיגונג געגען דעם שטאַאַט. עהנליך איז דער צושטאַנד אין דייטשלאַנד,

וואו ווילהעלם האָט געזאָגט צו די דעלעגאַטען פֿון די קוילען-גרעבער! „אַפּעלירט צו מיר! אָבער אויב איהר וועט זיך ווען ערלויבען אַליין צו האַנדלען, וועט איהר זיך מוזען רעכענען מיט די ביקסען פֿון מיינע סאָלדאַטען!"

דאָסזעלבע איז נאָך אַלץ און כמעט אימער דער פֿאַל אין פֿראַנקרייך. זאָגאַר אין ענגלאַנד, נאָך אַ הונדערט יעהריגען קאַמפּף פֿון די געהיימע געזעלשאַפֿטען, וואו די אַרבייטער האָבען זיך בענוצט מיט דעם קינזשאַל געגען פֿעררעטהער און פֿאַבריקאַנטען, מיט שיס-פּולווער, אום אויפֿצורייסען די מאַשינען (דאָס האָט נאָך פּאַסירט אין 1860) אָדער אַריינמישענדיג צוריבענע שטיינער אין דעם פֿעט און עהל פֿאַר די מאַשינען, אום אויסצוקעמפּפֿען דאָס רעכט צו סטרייקען — זאָגאַר אין ענגלאַנד האָבען די אַרבייטער ערשט וואָס געקראָגען דעם דאָזיגען רעכט, און זיי וועלען איהם באַלד אין גאַנצען קענען געניסען, אויב זיי וועלען ניט אַריינפֿאַלען אין די פּאַסטקעס, וואָס דער שטאַאַט האָט פֿאַר זיי אַוועקגעלייגט, פֿערשפּרעכענדיג זיי דעם געזעצליכען אַכט שטונדען אַרביימס-טאָג, אויב זיי וועלען אָנערקענען זיינע אָבליגאַטאָרישע שיעדס-געריכטען.

מעהר ווי אַ יאָהרהונדערט פֿון שרעקליכע קעמפּפֿע! און וואָס פֿאַר ליידען די אַרבייטער האָבען דורכגעמאַכט! ווי פֿיעלע פֿון זיי זיינען געשטאָרבען אין געפֿענגניס, פֿערשיקט געוואָרען נאָך אויסטראַליען, דערשאָסען, געהאַנגען געוואָרען, אום צוריק אויסצוקעמפּפֿען זייער אָרגאַניזאַציאָנס-רעכט, וועלכעס — איך וויעל ניט מיעד ווערען עס צו ווידערהאָלען — יעדער איינציגער, צי ער איז געווען פֿריי צי אַ לייבאייגענער, האָט געהאַט אין יענער צייט, ווען דער שטאַאַט האָט נאָך ניט געהאַט די מאַכט אַרויפֿצולייגען זיין שווערע האַנד אויף די געזעלשאַפֿטען.

* * *

אָבער איז דען נור דער אַרבייטער בעהאַנדעלט געוואָרען אויף אַזאַ שטייגער?

דערמאָהנט זיך נור אין די אַלע קעמפּפֿע, וועלכע די בורזשואַזיע גופא האָט געמוזט אָנפֿיהרען געגען דעם שטאַאַט, אום צו בעקומען דאָס רעכט צו פֿעראייניגען זיך אין קאָמערציעלע געזעלשאַפֿטען — אַ רעכט, וואָס דער שטאַאַט האָט ערשט דאַן אָנערקענט, ווען ער האָט אויסגעפֿונען, אַז עס איז אַ בעקוועמער מיטעל צו שאַפֿען מאָנאָפּאָלען פֿאַר זיינע ליעבלינגס און אָנצופֿילען זיך זיין קאַסע. און דערמאָהנט זיך בלויז אין די קעמפּפֿע, וואָס זיינען נייטיג געווען, כדי מענשען זאָלען האָבען

אַ רעכט צו שרייבען, רעדען אָדער אפילו צו דיינקען אויף אַן אַנדער שטייגער, ווי דער שטאַאַט האָט בעשטימט דורך די אַקאַדעמיעס, אוניווערזיטעטען און קירכע! און ווי שווער עס איז אָנגעקומען אויסצוקעמפּפען דעם רעכט צו לערנען די קינדער לייענען און שרייבען, אַ רעכט, וואָס דער שטאַאַט האָט מאָנאָפּאָליזירט, ניט בעגנוצענדיג זיך אפילו דערמיט! און די קעמפּפע פאַר דאָס רעכט צו אַמוזירען זיך געמיינשאַפטליך; שוין גאָר ניט ריידענדיג פון די קעמפּפע, וועלכע וואָלטען נאָך געדאַרפט ווערען אָנגעפיהרט, כדי מיר זאָלען בעקומען דאָס רעכט אויסצוקלייבען אונזערע אייגענע ריכטער און צו מאַכען אונזערע אייגענע געזעצע, אַזוי ווי עס האָט פריהער פאַסירט יעדען טאָג; אָדער פון יענע קעמפּפע, וואָס ליגען צווישען אונז און דער צייט, ווען מען האָט ערפונדען יענעם בוך, פול מיט שענדליכע בעשטראָפונגען, ערפונדען דורך דעם גייסט פון דער אינקוויזיציאָן און פון יענע דעספּאָטישע מלכות אין אָריענט, וואָס איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען — „שטראָף־געזעץ“.

און דאַן בעטראַכט די שטייערן און אָבגאַבען — אַן אינסטיטוציאָן, וועלכע פערדאַנקט איהר עקזיסטענץ דירעקט צום שטאַאַט, אַ שרעקליכע וואַפע, מיט וועלכע דער שטאַאַט בענוצט זיך אין אייראָפּאַ און אין די יונגע געזעלשאַפטען פון די פעראייניגטע שטאַאַטען, אום צו האַלטען די מאַסען ביים גאַרגעל און צו בעגינסטיגען זיינע אָנהייגער, צו רואינירען די גרויסע מעהרהייט פאַר דעם נוצען פון די רעגירער און אויפצוהאַלטען דעם אַלטען האַס און דעם אַלטען קלאַסען־אַנטאַגאָניזם.

און צום שלום וואַרפט נאָך אַ בליק אויף די אַלע מלחמות, אָהן וועלכע קיין שטאַאַט קען זיך ניט ענטוויקלען און אויפהאַלטען, מלחמות, וועלכע זיינען אַן אונפערמיידליכע נויטווענדיגקייט, אַזוי לאַנג ווי איין לאַנד, זייענדיג אַ שטאַאַט, האָט אינטערעסען, וועלכע זיינען דירעקט אַנטאַגאָניסטיש צו די אינטערעסען פון די אַרומיגע שטאַאַטען. דערמאָהנט זיך אין אַלע פערגאַנגענע מלחמות און יענע, מיט וועלכע מען סטראַשעט אונז היינט, און די אַלע קעמפּפע, וועלכע וועלען מוזען נאָך שטאַטפינדען, אום צו פערכאַפּען נייע מערק און צו שאַפען גרויסע קאָלאָניאַל־שטאַאַטען!... און יעדער קריעג, צי ער ענדיגט זיך מיט אַ זיעג צי מיט אַ מפלה, ברייננגט נייע קנעכטשאַפט, ווי מיר זעהען עס היינט אַזוי דייטליך אין פראַנקרייך.

און וואָס עס איז נאָך ערגער פון אַלעס, וואָס איך האָב דאָ אויסגערעכענט, איז, דאָס די ערציהונג, וואָס מיר קריגען פון׳ם שטאַאַט אין דער שולע און שפּעטער, האָט אונזערע מוחות אַזוי שרעקליך פערדאָרבען,

אַז דער איינפאַכער בעגריף פון פרייהייט בעקומט ביי אונז אַ גאַנץ אַנ-דער בעדייטונג און מאַניפעסטירט זיך פאַר אונזערע אויגען אין דער פאָרם פון אַ נייער שקלאַפעריי.

עס איז טרויעריג צו זעהן, ווי די, וואָס האַלטען זיך פאַר רעוואָ-לוציאָנערען, שווערען זייער טיעפסטען האַס צו די אַנאַרכיסטען, דערפאַר וואָס דער אַנאַרכיסטישער בעגריף פון פרייהייט שטייגט אַריבער זייערע איינגע און שמאָלינקע פאָרשטעלונגען פון פרייהייט, וועלכע זיי האָבען געלערנט אין דער שולע פון׳ם שטאַאַט. און דאָך איז אָט דער שווישפיעל אַ לעבעדיגער פאַקט פון אונזער צייט.

דאָס איז דערפאַר, ווייל דער גייסט פון פרייוויליגער קנעכטשאַפט איז שטענדיג קינסטליך אַריינגעזאַפט געוואָרען אין די יונגע מוחות, אום צו פעראייביגען די שטאַאַטס-קנעכטשאַפט פון די אונטערטאַנען.

די פרייהייטליכע פילאָזאָפיע ווערט דערשטיקט דורך די פאַלשע רוימיש-קאַטאָלישע פילאָזאָפיע פון׳ם שטאַאַט. די געשיכטע איז געפעלשט פון דער ערשטער זייט ביז דער לעצטער: עס איז אַ ליגען, ווען זי דערצעהלט אונז פון דעם קעניגטהום פון די מעראָווינגער און קאַראָלינגער, און עס איז אַ ליגען, ווען זי פערהערליכט דעם יאַקאָביניזם און איגנאָרירט מיט אַבזיכט דאָס פאָלק, אַלס דעם אייגענטליכען שעפפער פון זיינע אייגענע אינסטיטוציאָנען. די נאַטור-וויסענשאַפטען זיינען פערקריפעלט געוואָרען, אום צו דיענען דעם צווילינגס-געץ קירכע און שטאַאַט. די פסיכאָלאָגיע פון דעם איינצעלנעם און נאָך מעהר פון דער געזעלשאַפט איז פערפעלשט אין איהרע אַלע בעהויפטונגען, אום צו רעכטפאַרטיגען דעם דריי-בונד פון דעם סאָלדאַט, דעם פריעסטער און דעם הענקער. די מאָראַל, וועלכע האָט פאַר גאַנצע יאָהרהונדערטער געפריידיגט געהאָרכזאַמקייט צו דער קירכע אָדער צו דער זאָגענאַנטער הייליגער שריפט, בעפרייט זיך איצטער פון די אַלע בעגריפע, אָבער נור צו דעם צוועק צו פריידיגען די אונטער-טעניגקייט צום שטאַאַט. — „דו האָסט ניט קיינע דירעקטע מאָראַלישע פערפליכטונגען צו דיין שכן, אפילו קיין געפיהל פון סאָלידאַריטעט; דו האָסט נור פערפליכטונגען צום שטאַאַט!" אַזוי לערנט אונז דער נייער קולטוס פון דער אַלטער רוימיש-צעזאַרישער גאָטהייט. שכנים, חברים, פריינדע — פערגעס אין זיי. פון איצט אָן און ווייטער ווערסט דו זיי נור קענען דורך דער פערמיטלונג פון׳ם שטאַאַט! אייער גאַנצער שטאָלץ דאַרף בעשטעהן אין דעם, וואָס יעדער איינציגער פון אייך איז אַ שקלאַף פון׳ם שטאַאַט!"

און די דאָזיגע פֿערהערליכונג פֿון שטאַאַט און דיסציפּלין, פֿאַר וועלכע די אוניווערזיטעט, די קירכע, די פּרעסע און די פּאָליטישע פּאַר־טייען אַרבייטען מיט אַלע כחות, האָט אַזאַ ווירקונג, דאָס אפילו רעד־וואָלוציאָנערען האָבען ניט דעם מוטה אַריינצוקוקען אָט דעם אָבגאָט גלייך אין פּנים אַריין.

דער היינטיגער ראַדיקאַל איז אַ צענטראַליסט, אַ שטאַאַטס־קנעכט, אַ יאַקאָבינער דורך און דורך. און דער סאָציאַליסט פֿאָלגט איהם נאָך. אַזוי ווי די פֿלאָרענטינער ביי די ענדע פֿון׳ם 15טען יאָהרהונדערט האָבען בלויז נאָך געוואוסט צו אַפּעלירען צו דער דיקטאַטור פֿון׳ם שטאַאַט, ער זאָל זיי בעפֿרייען פֿון דעם יאָך פֿון די פּאַטריציער, אַזוי בעט אויך דער סאָציאַליסט היינט צו דיזעלבע געטער, צו דער דיקטאַטור פֿון׳ם שטאַאַט, ער זאָל אונז ערלייזען פֿון די שרעקליכע עקאָנאָמישע איבלען, וועלכע דערזעלבער שטאַאַט האָט דאָך אַליין בעשאַפֿען.

---

## X.

ווען מיר פֿערטיעפֿען זיך בלויז אַביסעל אין די אַלע פֿאַקטען, אויף וועלכע איך האָב בלויז גאַנץ קורץ געקענט אָנדייטען, וועלען מיר פֿער־שטעהן, וואָרום די אַנאַרכיסטען פֿאָדערן די אָבשאַפֿונג פֿון׳ם שטאַאַט. בעאָבאַכטענדיג דעם שטאַאַט אין אַלע פּעריאָדען פֿון זיין היסטאָרישער ענטוויקלונג, און זעהענדיג ווי ער איז אין זיין סאַמע עיקר נאָך היינט, פֿערשטעהען מיר, דאָס אַ סאָציאַלע אינסטיטוציאָן קען פֿאַר קיין פֿאַל ניט דיענען צו יעדען בעליעביגען צוועק, דערפֿאַר ווייל זי ווערט ספּע־ציעל געשאַפֿען פֿאַר אַ געוויסען צוועק און פֿאַר בעשטימטע פֿונקציאָנען.

מיר זעהען אין דעם שטאַאַט אַן אינסטיטוציאָן, וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט אין דער געשיכטע פֿון די מענשליכע געזעלשאַפֿטען, אום צו פֿערהינדערן אַלע דירעקטע פֿערבינדונגען צווישען די מענשען, אָבצו־שטעלען די לאָקאַלע און אינדיווידועלע איניציאַטיווע, אום אויסצומאַכען מיט פֿרייהייטען, וואָס האָבען שוין עקזיסטירט און אום צו פֿערהינדערן נייע.

און מיר ווייסען, אַז אַן אינסטיטוציאָן, וועלכע איז שוין אַלט עטליכע טויזענד יאָהר, קען זיך ניט לאָזען געברויכען פֿאַר אַ צוועק, וועלכער

איז דירעקט אַנטאַגאָניסטיש צו דעם צוועק, פֿאַר וועלכען זי האָט זיך ענטוויקעלט אין דעם משך פֿון דער געשיכטע.

און וואָס ענטפֿערט מען אונז אויף אָט דעם אַרגומענט, וועלכער איז אונבעשטרייטבאַר פֿאַר יעדען איינציגען, וואָס האָט זיך נור געגעבען די מיה נאָכצודיינקען וועגען דעם פּראָצעס פֿון היסטאָרישער ענטוויקלונג?

מען ענטפֿערט אונז מיט אַ בעהויפּטונג, וואָס קלינגט פּשוט קינדעריש: — „דער שטאַאַט עקזיסטירט,“ זאָגט מען אונז. „ער פֿערקערפּערט מיט זיך אַ פּאַרטיגע און מעכטיגע אָרגאַניזאַציאָן. וואָרום פֿערניכטען איהם, אַנשטאָט זיך צו בענוצען מיט זיין מאַכט? היינט איז די ווירקונג פֿון דער דאָזיגער מאַכט טאַקע אַ שלעכטע, דערפֿאַר וואָס דער שטאַאַט געפֿינט זיך אין די הענד פֿון די עקספּלאָטאַטאָרס. ווען ער וועט אָבער זיין אין די הענד פֿון׳ם פֿאָלק, פֿאַר וואָס זאָל ער דאַן ניט קענען דיענען צו אַ בעסערן צוועק צום נוצען פֿון׳ם פֿאָלק?

שטענדיג דערזעלבער חלום פֿון דעם מאַרקיז דע פּאָזא אין שילער׳ס דראַמאַ, צו מאַכען פֿון דער אויטאָקראַטיע אַן אינסטרומענט פֿאַר דער בעפֿרייאונג, אָדער, נאָך בעסער, דער חלום פֿון דעם זאַנפֿטען פּריעסטער פּיער אין זאָלאַ׳ס „רוים“, וועלכער האָט געוואָלט מאַכען פֿון דער קירכע אַ ווערקצייג פֿאַר׳ן סאָציאַליזם!

ווי טרויעריג, אַז מען דאַרף נאָך ענטפֿערן אויף אַזעלכע אַרגומענטען! ווייל די, וואָס בענוצען זיך מיט זיי, האָבען אָדער קיין שום פֿאָרשטעלונג וועגען דער היסטאָרישער ראָלע פֿון׳ם שטאַאַט, אָדער זיי זעהען אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן אַזאַ אונבעדייטענדע און אונוויכטיגע זאַך, אַז זייערע אידעען האָבען איבערהויפּט מעהר קיין שייכות ניט צו די סאָציאַליסטישע שטרעבונגען.

לאָמיר נעהמען אַ קאָנקרעטען ביישפּיעל — פֿראַנקרייך.

יעדער פֿון אונז האָט בעמערקט דעם כאַראַקטעריסטישען פֿאַקט, אַז די דריטע רעפּובליק איז דורך און דורך מאָנאַרכיסטיש, צום טראָץ איהר רעפּובליקאַנישער פֿאָרם פֿון רעגירונג. יעדער פֿון אונז האָט איהר געמאַכט פֿאָרווירפֿע, דערפֿאַר וואָס זי האָט ניט רעפּובליקאַניזירט פֿראַנקרייך; איך רעד שוין ניט, וואָס זי האָט קיין זאַך ניט געטהאָן פֿאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן, נאָר זי האָט אפילו ניט איינגעפֿיהרט די איינפֿאַכסטע רעפּובליקאַנישע מנהגים און אידעען. דען דאָס ביסעלע, וואָס איז געטהאָן געוואָרען וועהרענד די לעצטע פֿינף־און־צוואַנציג יאָהר צו דעמאָקראַטיזירען די מנהגים און צו פֿערשפּרייטען אַביסעל

מעהר אויפקלערונג, איז דאָך געטהאָן געוואָרען אפילו אין די אייראָפּע־אישע מאָנארכיעס, צוליעב דעם דרוק פון די מאָדערנע שטרעבונגען.

און פון וואַנען נעהמט זיך אָט די זאָנדערבאַרע ערשיינונג פון אַ מאָנאַרכיסטישער רעפובליק?

דאָס נעהמט זיך דערפון, וואָס פראַנקרייך איז פערבליבען אַ שטאַאַט, אַקוראַט ווי מיט פערציג יאָהר צוריק. די מאַכט־האָבער האָבען בלויז איבערגעביטען דעם נאָמען; אָבער די גאַנצע ריעזיגע מיניסטעריעלע געביידע, די גאַנצע שקלאַפישע נאָכמאַכונג פון דעם רוימישען צעזאַריזם, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט אין פראַנקרייך, די גאַנצע געוואַלטיגע אָרגאַניזאַ־ציאָן, וועלכע איז נויטווענדיג, כדי אויפצוהאַלטען די אויסבייטונג פון די מאַסען צו גונסטען אַ קליין הייפעל פון פריווילעגירטע, וועלכער איז דער אמת'ער פונדאַמענט פון יעדען שטאַאַט, איז אין גאַנצען פערבליבען. די רעדער פון דער שטאַאַטס־מאַשין זעצען פאָרט זייער טהעטיגקייט, אַקו־ראַט ווי אין די אַלטע צייטען; זיי לאָזען אַרוים זייערע פופציג דאָקומענ־טען, ווען דער ווינד וואַרפט אום אַ בוים אויף די עפענטליכע וועגען און זיי צאַפּען אָב דאָס בלוט פון דער נאַציאָן אין מיליאָנען ערטער, אום אָנצו־פילען די קאַסען פון די פריווילעגירטע. דער שטעמפעל אויף די דאָקו־מענטען איז איצט אַן אַנדערער, אָבער דער שטאַאַט, זיין גייסט, זיינע אָרגאַנען, זיין טעריטאָריאַלע צענטראַליזאַציאָן, זיין צענטראַליזאַציאָן פון דער פערוואַלטונג, זיין ראָלע אַלס בעשעפער פון די מאָנאָפּאָלען — דאָס אַלעס איז געבליבען אונפערענדערט. אַזוי ווי אַ ריעזיגע פּיאַווקע שטרעקט ער אויס זיינע אָרעמס יעדען טאָג איבער דאָס גאַנצע לאַנד.

די רעפובליקאַנער — איך רעד פון די, וואָס האָבען געמיינט ערענסט — זיינען בעהערשט געוואָרען פון דער אילוזיע, אַז מען קען זיך בענוצען מיט דער „שטאַאַטליכער אָרגאַניזאַציאָן”, אום צו שאַפען אַן ענדערונג אין דער רעפובליקאַנישער ריכטונג — און אָט האָט איהר דעם רעזולטאַט. אָנשטאָט צו פערניכטען די אַלטע אָרגאַניזאַציאָן, פ ע ר נ י כ־ט ע ן ד ע ם ש ט א ַ א ַ ט און אויפצובויען אַ נייע אָרגאַניזאַציאָן אויף דעם אמת'ן פונדאַמענט פון דער געזעלשאַפט, אָנפאַנגענדיג מיט דער פרייער דאָרף־געמיינדע און די פרייע פעראייניגונגען פון די אַרבייטער, מיט דעם פעדעראַליזם, מיט דער איינפאַכער אָדער נאַטירליך צונויפגעשטעלטער גרו־פירונג, האָבען זיי געטראַכט צו בענוצען זיך מיט „דער אָרגאַניזאַציאָן, וואָס האָט שוין עקזיסטירט.” און דערפאַר וואָס זיי האָבען ניט פער־שטאַנען, אַז מען קען ניט מאַכען אַ היסטאָרישע אינסטיטוציאָן געהן אין יעדער ריכטונג, וואָס מען דיקטירט איהר צו געהן, אַז זי מוז זיך געהן

איהר אייגענעם גאַנג, דערפֿאַר וואָס זי טראָגט אין זיך גופא דעם געזעץ פֿון איהר אייגענעם גאַנג, — אָט דעריבער זיינען זיי איינגעשלונגען געוואָרען פֿון דער דאָזיגער אינסטיטוציאָן.

און פֿערגעסט ניט, אַז אין דעם דאָזיגען פֿאַל איז גאָר קיין פֿראַגע ניט געווען וועגען אומענדערן די גאַנצע עקאָנאָמישע בעציהונגען אין דער געזעלשאַפֿט! עס האָט זיך דאַמאָלס בלויז געהאַנדעלט צו רעפֿאָרמירען געוויסע זייטען פֿון די פּאָליטישע בעציהונגען צווישען די מענשען.

און נאָך אַזאַ פֿאָלשטענדיגען דורכפֿאַל, נאָך אַזעלכע טרויעריגע ערפֿאַהרונגען וויל מען אונז נאָך אַלץ דערצעהלען, אַז עס איז גענוג, אַז דאָס פֿאָלק וועט פֿערכאַפּען די מאַכט פֿון׳ם שטאַאַט, אום אויסצופֿיהרען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן! — אַז אָט די אַלטע מאַשין, דער אַלטער אָרגאַניזם, וואָס האָט זיך ביסלעכווייז ענטוויקעלט אין פֿערלויף פֿון אַ גאַנצען היסטאָרישען פּראָצעס, אום צו דערשטיקען די פֿרייהייט, צו פֿערשקלאַפֿען דעם איינצעלנעם, כּדי אַוועקצושטעלען די אונטערדריקונג אויף אַ לעגאַלען פֿונדאַמענט, צו שאַפֿען מאָנאָפּאָליסטען, צו פֿערקריפּלען דעם מענשליכען מוח, אַז ער זאָל זיך צוגעוואוינען צו דער שקלאַפֿעריי — דאָס אָט אַזאַ מאַשין זאָל זיך פּאַסען וואונדערבאַר גוט פֿאַר די נייע פֿונקציאָנען, אַז זי וועט זיין דער אינסטרומענט, דער ראַהמען, פֿון אַ נייעם לעבען, דער מיטעל צו בעגרינדען פֿרייהייט און גלייכהייט אויף פֿעסטע עקאָנאָמישע פֿונדאַמענטען און אויפֿצוועקען די בעהאַלטענע קרעפֿטען פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַר דער עראָבערונג פֿון אַ בעסערע צוקונפֿט!

וואָס פֿאַר אַ טרויעריגער, וואָס פֿאַר אַ טראַגישער אירטהום דאָס איז!

כּדי דער סאָציאַליזם זאָל זיך קענען פֿריי ענטוויקלען, איז נייטיג איבערצובייטען די גאַנצע היינטיגע געזעלשאַפֿט, וועלכע גרינדעט זיך אויף דעם קליין־גייסטיגען קרעמער־אינדיווידואַליזם, פֿון אונטען ביז אויבען. עס האַנדעלט זיך ניט בלויז צו פֿערזיכערן דעם אַרבייטער מיט דעם „פֿולען ווערטה פֿון זיין אַרבייט", ווי מאַנכע דריקען זיך אויס אויף אַן אונקלאָרען און מעטאַפֿיזישען אופֿן; נאָר עס האַנדעלט זיך איבערצובייטען אַלע סאָציאַלע בעציהונגען צווישען די מענשען, אָנפֿאַנגענדיג מיט די, וואָס עקזיסטירען היינט צווישען דעם איינצעלנעם און זיין בירגערמייסטער אָדער דעם דירעקטאָר פֿון דער אייזענבאַהן סטאַנציע, ביז צו די בעציהונגען צווישען די פּראָדוקציאָנס־גרופּען, דערפֿער, שטעדט און גאַנצע דיסטריקטען. אין יעדער גאַס, אין יעדען דערפֿעל, אין יעדער גרופּע מענשען, וואָס קלייבט זיך צונויף אַרום אַ פֿאַבריק אָדער אַן אייזענבאַהן

ליניע, דאַרף מען ערוועקען דעם שעפּפערישען, קאָנסטרוקטיווען און אָר־גאַניזאַטאָרישען גייסט, אום אויפצובויען דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע לעבען אויף נייע פונדאַמענטען: — אין די פאַבריקען, אויף די אייזענבאַה־נען, אין די דערפער, אין די מאַגאַזינען, אין דער פּראָדוקציאָן און אין דער צוטהיילונג פון די פּראָדוקטען. אַלע בעציהונגען צווישען די איינ־צעלנע און צווישען גרופּען מוזען איבערגעענדערט ווערען, פון דעם ערש־טען טאָג, פון דעם ערשטען מאָמענט אָן, ווען מען וועט זיך צוריהרען צו דער איצטיגער קאָמערציעלער אָדער אַדמיניסטראַטיווער אָרגאַניזאַציאָן.

און אָט די געוואַלטיגע אַרבייט, וועלכע פאָדערט די פרייסטע טהעַ־טיגקייט פון דעם שעפּפערישען גייסט פון די מאַסען, זאָל קענען אויס־געפיהרט ווערען אין די שמאָלע ראַהמקעם פון דעם שטאַאַט, אינערהאַלב דער פּיראַמידען־אַרטיגער אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרם, וועלכע בעשטימט דעם איינענטליכען כאַראַקטער פון יעדען שטאַאַט? מען וויל, אַז דער שטאַאַט, וועמענס איינציגע אויפגאַבע עס איז צו אונטערדריקען דעם איינצעלנעם, צו דערשטיקען יעדע פרייע איניציאַטיווע און צו פערזיכערן דעם טרי־אומפף פון איין בעשטימטער אידעע; וועלכע מוז נויטווענדיגערווייזע זיין די אידעע פון מיטעלמעסיגקייט, — מען וויל, אַז דערזעלבער שטאַאַט זאָל דיענען אַלס אַ ווערקצייג פאַר אויסצופיהרען אָט די געוואַלטיגע סאָציאַלע אומוועלצונג! ...מען וויל אויספיהרען די בענייאונג פון אַ גאַנ־צער געזעלשאַפט דורך רעגירונגס־דעקרעטען און וועהלער־מאַיאָריטעטען...

וואָס פאַר אַ קינדערשע פאָרשטעלונג דאָס איז!

* * *

דורך דער גאַנצער געשיכטע פון אונזער ציוויליזאַציאָן מאַניפעסטירען זיך צוויי טראַדיציאָנען, צוויי שטרעמונגען, וואָס זיינען פיינדליך איינע צו דער אַנדערער — די רוימישע טראַדיציאָן און די פאָלקסטימליכע טראַדיציאָן, די צענטראַליסטישע אָדער קייזערליכע טראַדיציאָן, און די פעדעראַליסטישע טראַדיציאָן, די אויטאָריטערע און די פרייהייטליכע טראַדיציאָן.

און היינט, ביי דעם שוועל פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן, שטע־הען אָט די צוויי שטרעבונגען ווידער איינע געגען די אַנדערע.

צווישען די דאָזיגע צוויי שטרעמונגען, וועלכע לעבען שטענדיג אין דער מענשהייט און האַלטען מלחמה איינע מיט די אַנדערע, צווישען דער פאָלקסטהימליכער ריכטונג און דער ריכטונג פון קליינע מינדערהייטען, וואָס זיינען דורשטיג נאָך פּאָליטישער און רעליגיעזער הערשאַפט, — האָבען מיר איין פאַר אַלע מאָל אויסגעקליבען אונזער ריכטונג.

מיר שליסען זיך אָן צו יענער ריכטונג, וואָס האָט געמאַכט די מענ־שען פֿון׳ם 12טען יאָהרהונדערט צו אָרגאַניזירען זיך אויף דעם פֿונדאַ־מענט פֿון פֿרייער פֿערשטענדיגונג, פֿון פֿרייער אינדיווידועלער איניציאַ־טיווע און פֿון פֿרייער פֿעדעראַציאָן פֿון די פֿעראינטערעסירטע. מיר לאָזען עס איבער צו אַנדערע זיך אָנצוכאַפּען צו דער קייזערליכער, רוימישער און קירכליכער טראַדיציאָן.

* * *

די געשיכטע שטעלט ניט פֿאָר מיט זיך קיין שטענדיגע אונאונטער־בראָכענע ענטוויקלונג. אין פֿערשידענע צייטען האָט זיך די ענטוויקלונג אָבגעשטעלט אין געוויסע לענדער און האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אין אַנדערע. עגיפּטען, פֿאָרדער־אַזיען, די ברעגעס פֿון׳ם מיטעללענדישען ים, צענטראַל־אייראָפּאַ זיינען נאָכאַנאַנד געווען די הויפּט־פּלעצער פֿון דער היסטאָרי־שער ענטוויקלונג. אָבער יעדעס מאָל האָט זיך די דאָזיגע ענטוויקלונג אָנגעהויבען מיט דער פֿאַזע פֿון דעם פּרימיטיווען שטאַם; נאָכהער האָ־בען געפֿאָלגט די פֿאַזען פֿון דער דאָרף־געמיינדע און פֿון דער פֿרייער קאָמונע און צולעצט איז זי יעדעס מאָל אָבגעשטאָרבען אין דער פֿאַזע פֿון׳ם שטאַאַט.

אין עגיפּטען האָט די קולטור זיך אָנגעפֿאַנגען מיט דעם פּרימיטיווען שטאַם. זי האָט שפּעטער דורכגעמאַכט די פּעריאָדע פֿון דער דאָרף־געמיינדע און פֿון די פֿרייע שטעדט; דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען די פּעריאָדע פֿון׳ם שטאַאַט — אַ קורצע בליהונגס־פּעריאָדע און צולעצט דער טויט.

די ענטוויקלונג האָט זיך דאַן אָנגעפֿאַנגען פֿון דאָס ניי אין אשור, פּערסיען און פּאַלעסטינאַ; זי האָט דאָרט ווידער דורכגעמאַכט אַלע איינ־צעלנע שטופֿען: — דעם שטאַם, די דאָרף־געמיינדע, די פֿרייע שטאָדט, דעם אַל־מעכטיגען שטאַאַט — און דערנאָך איז געקומען דער טויט.

דערנאָך האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ נייע קולטור אין גריכענלאַנד. זי פֿאַנגט זיך ווידער אָן מיט דעם שטאַם, דערגרייכט שריט פֿאַר שריט די דאָרף־געמיינדע און די פּעריאָדע פֿון די רעפּובליקאַנישע שטעדט. אין די פֿרייע שטעדט האָט די קולטור דערגרייכט איהר העכסטע שטופֿע. אָבער דער אָריענט האָט איהר אָנגעשטעקט מיט דעם גיפֿטיגען הויך פֿון זיינע דעספּאָטישע טראַדיציאָנען. די מלחמות און עראָבערונגען שאַפֿען די מלוכה פֿון אַלעקסאַנדער פֿון מאַקעדאָניען; דער שטאַאַט בעקומט אַ פֿעסטען פֿונדאַמענט, די פּיאַווקע האַלט אין איין וואַקסען, זי צו־שטערט די גאַנצע קולטור און דער סוף איז — דער טויט.

איצטער הויבט זיך אָן דערזעלבער ענטוויקלונגס-פּראָצעס אין רוים. אויך דאָרט געפינען מיר אין אָנפאַנג דעם שטאַם, דערנאָך די דאָרף-געמיינדע, דאַן די פרייע שטאָדט. מיט דער דאָזיגער פאַזע דערגרייכט אויך רוים די העכסטע שטופע פון קולטור. דערנאָך אָבער איז געקומען דער שטאַט, דאָס קייזעררייך — דער טויט.

אויף די חורבות פון׳ם רוימישען קייזעררייך האָבען קעלטישע, גערמאַנישע, סלאַווישע, סקאַנדינאַווישע שטאַמען אויפגעבויט אַ נייע קולטור. ביסלעכוויז האָט דער שטאַם ענטוויקעלט זיינע אינסטיטוציאָנען, ביז ער איז אָנגעקומען ביי דער דאָרף-געמיינד. די דאָזיגע פאַזע האָט אָנגעהאַלטען ביז דעם 12טען יאָהרהונדערט. דאַן האָט זיך ענטוויקלט די רעפּובליקאַנישע שטאָדט פערבונדען מיט יענער מעכטיגער ענטוויק-לונג פון דעם מענשליכען גייסט, וועלכע האָט געפונען אַזאַ געוואַלטיגען אויסדרוק אין דער אַכיטעקטור, אין דער גראַנדיאָזער ענטוויקלונג פון די קינסטע און אין די פונדאַמענטאַלע ענטדעקונגען פון די נאַטור-וויסענ-שאַפטען... און דאַן איז געקומען דער שטאַאַט...

— דער טויט?

יאָ, דער טויט — אָדער בעסער די בענייאונג פון׳ם לעבען! די צושטערונג פון דעם שטאַאַט און די ענטוויקלונג פון נייע לעבענס-קוועלען אין טויזענדער און טויזענדער פערשידענע צענטערס, אַרויסוואַק-סענדיג פון דער לעבעדיגער איניציאַטיווע פון די איינצעלנע און פון די גרופּען אויף דעם באַזיס פון פרייער פערשטענדיגונג. אָדער דער שטאַאַט וועט דערשטיקען דאָס אינדיווידועלע און לאָקאַלע לעבען און מאָנאָפּאָ-ליזירען אַלע געביטען פון מענשליכער טהעטיגקייט. און צוזאַמען מיט איהם וועלען פאָרטגעזעצט ווערען די מלחמות, די אינערליכע קעמפפע, אום צו פערכאַפּען די עפענטליכע מאַכט און יענע איבערפלעכליכע רע-וואָלוציאָנען, וועלכע בייטען נור איבער די נעמען פון די טיראַנען און די פאָרמען פון שקלאַפעריי. און דער סוף פון דער דאָזיגער ענטוויקלונג וועט זיין — דער טויט.

איצט וועהלט אַליין!

(ענדע פון׳ם דריטען טהייל.)

# פיערטער טהייל.

# דער מאָדערנער שטאַאט.

## I.

## דער גרונד־פּרינציפּ פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט.

אויב מיר ווילען גרינדליך פערשטעהן די ריכטונג פון דער איצטיגער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג, זעהן וואָס דער סאָציאַלער פּראָגרעס האָט אונז געבראַכט ביז אַהער און וואָס מיר מעגען נאָך ערוואַרטען פון דער צוקונפט, מוזען מיר פריהער פון אַלעם אַנאַליזירען די פערשידענע פאָרמען פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט און פון דעם מאָדערנעם שטאַאַט.

עס פערשטעהט זיך, אַז די היינטיגע געזעלשאַפט איז נ י ט דער לאָגישער רעזולטאַט פון ערגעץ אַן איינהייטליכען פונדאַמענטאַלען פּרינציפּ, וועלכער איז צוגעפּאַסט געוואָרען צו די טויזענדער און טויזענ־דער פערשידענע בעדערפנישען פון׳ם מענשליכען לעבען. אַזוי ווי יעדער לעבעדיגער אָרגאַניזם, איז אויך די געזעלשאַפט אַ זעהר קאָמפּליצירטער פּראָדוקט פון טויזענדער קעמפפע און טויזענדער קאָמפּראָמיסען צווישען איבערגעבליבענע עלעמענטען פון דער פערגאַנגענהייט און שטרעבונגען צו אַ בעסערער צוקונפט.

דער טהעאָקראַטישער גייסט פון אַן אוראַלטער פערגאַנגענהייט, די שקלאַפעריי, דער עמפּיריאַליזם, די לייבאייגענשאַפט, די מיטעל־אַלטערליכע קאָמונע, אַלטע פאָראורטהיילען און דער מאָדערנער גייסט — אַט די אַלע עלעמענטען זיינען מעהר אָדער וויינגער שטאַרק פערטראָטען אין דער היינטיגער געזעלשאַפט אין אַלע מעגליכע גראַדען און אָבשטו־פונגען. שאָטענס פון דער פערגאַנגענהייט און אונבעשטימטע פאָרמען פון דער צוקונפט, מנהגים און געוואוינהייטען, וואָס זיינען אונז נאָך איבערגעבליבען בירושה פון דער שטיין־צייט און שטרעבונגען צו אַ צו־קונפט, וואָס מען קען קוים יואָס דערקענען אויף׳ן האָריזאָנט — דאָס

אַלעס קען מען געפֿינען אין די היינטיגע מענשליכע גרופּירונגען; און אַ שטענדיגער קאַמפּף צווישען אַט די פֿערשידענע עלעמענטען געהט אָן אין יעדען אינדיווידואום, אין אַלע שיכטען פֿון דער געזעלשאַפֿט, אין יעדען דור.

נאָר אויב מיר קוקען זיך עפּעס נעהנטער צו צו די גרויסע קעמפּפֿע, צו די גרויסע פֿאָלקס-רעוואָלוציאָנען, וועלכע האָבען שטאַטגעפֿונען אין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ זייט דעם צוועלפֿטען יאָהרהונדערט, וועלען מיר דייטליך דערקענען אַ בעשטימטען פּרינציפּ. אַט די אַלע קעמפּפֿע, וואָס זיינען אָנגעגאַנגען פֿאַר די לעצטע אַכט הונדערט יאָהר, האָבען געהאַט פֿאַר אַ ציעל די אָבשאַפֿונג פֿון אַלעס דאָס, וואָס איז נאָך איבערגע-בליבען פֿון דער אַלטער שקלאַפֿעריי אין דער מילדערער פֿאָרם פֿון לייב-אייגענשאַפֿט. די אַלע קעמפּפֿע זיינען אָנגעפֿיהרט געוואָרען, אום צו בע-פֿרייען אָדער די בויערן, אָדער די איינוואוינער פֿון די שטעדט, אָדער ביידע צוזאַמען פֿון דער געצוואונגענער אַרבייט, וועלכע מען האָט אויף זיי אַרויפֿגעצוואונגען געזעצליך, פֿאַר דעם נוצען פֿון עטליכע פּריווילעגירטע. די אָנערקענונג, אַז יעדער מענש האָט אַ רעכט צו האַנדלען נאָך זיין אייגענעם ווילען נאָך, לויט זיינע פּערזענליכע פֿעהיגקייטען און קרעפֿטען; זיין רעכט זיך אַליין אויסצוקלייבען זיין אַרבייט און אויף אַזוי לאַנג, ווי ער אַליין געפֿינט פֿאַר נייטיג, אויף אַזאַ אופן, אַז קיין אַנדערער האָט ניט קיין שום רעכט צו צווינגען איהם צו טהאָן די דאָזיגע אַרבייט; מיט אַנדערע ווערטער, די בעפֿרייאונג פֿון דער פּערזענליכקייט פֿון די בויערן און האַנדווערקער — אַט דאָס איז געווען דער אייגענטליכער ציעל פֿון די אַלע פֿאָלקס-אויפֿשטענדע. די אויפֿשטענדע פֿון די קאָמונעס אין דעם 11טען און 12טען יאָהרהונדערט, די בויערן-רעוואָלטען אין דעם 15טען און 16טען יאָהרהונדערט אין בעהמען, דייטשלאַנד, בעלגיען און האָלאַנד, די רעוואָלוציאָנען פֿון 1381 און 1648 אין ענגלאַנד און ענדליך די גרויסע פֿראַנצויזישע רעוואָלוציאָן פֿון 1789 ביז 1793 — זיי אַלע האָבען געהאַט דעמזעלבען ציעל.

עס איז אמת, אַז דער ציעל פֿון די דאָזיגע רעוואָלטען איז בלויז טהיילווייז דערגרייכט געוואָרען. פּראָפּאָרציאָנעל מיט דער פּערזענ-ליכער בעפֿרייאונג פֿון'ם מענשען, האָט מען אַרויפֿגעצוואונגען אויף איהם נייע עקאָנאָמישע בעדינגונגען, וועלכע האָבען פּאַראַליזירט זיין פּערזענליכע פֿרייהייט, איינגעשמידט איהם אין נייע קייטען און אַרויפֿגעלייגט אויף זיינע פּלייצעס דעם אַלטען יאָך דורך דער שטענדי-גער דראָהונג פֿון'ם הונגער. אַ כאַראַקטעריסטישען ביישפּיעל האָבען מיר

געזעהן ניט זעהר לאַנג צוריק, ווען די לייבאייגענשאַפט איז אָבגעשאַפט געוואָרען אין רוסלאַנד. אין 1861 האָט מען בעפּרייט די לייבאייגענע, אָבער מען האָט זיי אין דערזעלבער צייט געצוואונגען צו צאָהלען פאַר זייער בעפּרייאונג דורך דעם, וואָס זיי האָבען געמוזט אויסקויפען די ערד, וועלכע זיי אַליין האָבען קולטיווירט פאַר יאָהרהונדערטער; — די פאָלגע איז געווען נויט און עלענד און די איינפיהרונג פון אַ נייער עקאָנאָמישער לייבאייגענשאַפט. און דאָס, וואָס איז געשעהן אין רוסלאַנד, האָט שטאַטגעפונען אין דער איינער אָדער אין דער אַנדערער פאָרמע אין גאַנץ וועסט-אייראָפּאַ וועהרענד דעם 17טען און 18טען יאָהרהונדערט. דער פיזישער צוואַנג איז פערשוואונדען, אָבער נייע פאָרמען פון אונטערדריקונג זיינען עטאַבלירט געוואָרען. די געזעץ-ביכער פון די פערשידענע לענדער האָבען אָבגעשאַפט די פערזענליכע לייבאייגענשאַפט, אָבער זי איז באַלד ווידער ערשינען אין אַ נייער פאָרמע — אין אַן עקאָנאָמישער פאָרמע.

אין דער דאָזיגער צושטאַנד ווערט אָנערקענט אַלס דער פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ פון אונזער היינטיגער געזעלשאַפט, צום טראָץ פון די טהעאָרעטישע ערקלערונגען פון דער געזעצגעבונג מכח דער אינדיווידועלער פרייהייט פון יעדען איינציגען. אין דער טהעאָריע איז די פרייהייט פון דער אַרבייט פּראָקלאַמירט געוואָרען אַלס דער פונדאַמענטאַלער רעכט פון יעדען מענשען; לויט דעם געזעץ איז קיינער מעהר ניט געצוואונגען צו אַרבייטען פאַר אַנדערע. אַ קלאַס פון שקלאַפען, וועלכע זיינען געצוואונגען צו אַרבייטען פאַר זייערע האַררען, עקזיסטירט מעהר ניט; און, וואָס אָנבעלאַנגט אייראָפּאַ, קען מען דאָ מעהר ניט געפינען קיין קלאַס מענשען, וועלכע זיינען געצוואונגען אָוועקצוגעבען דריי טעג אַרבייט אַ וואָך צו זייערע האַררען, דערפאַר וואָס מען ערלויבט זיי צו בעאַרבייטען אַ שטיקעל ערד, צו וועלכע דער לייבאייגענער איז געווען צוגעשמידעט, אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט. יעדער מענש האָט היינט אַ רעכט צו אַרבייטען, וואו עס פערגלוסט זיך איהם און אַזוי פיעל ווי עס פע-גלוסט זיך איהם. — אָט דאָס איז דער הערשענדער פּרינציפּ אין דער היינטיגער געזעלשאַפט, אַם וויינגסטענס אין דער טהעאָריע.

מיר ווייסען אָבער — און די סאָציאַליסטען פון אַלע ריכטונגען ווערען קיינמאָל ניט מיעד צו ווידערהאָלען דיזעלבע וואָהרהייט טאָג-טעגליך — אַז אָט די זאָגענאַנטע פרייהייט עקזיסטירט איבערהויפּט ניט, זי איז ניט מעהר ווי אַן אילוזיע. מיליאָנען און מיליאָנען מענער, פרויען און קינדער זיינען געצוואונגען יעדען טאָג, אונטער דעם בייטש פון

הונגער, צו פֿערקויפֿען זייער אַרבייט צו אַ מייסטער און צו אָנערקענען די בעדינגונגען, וועלכע ער צווינגט זיי אָנצונעהמען. מיר ווייסען אויך — און מיר גיבען זיך די גרעסטע מיה צו ערקלעהרען עס צו די מאַסען — אַז אין דער פֿאָרם פֿון גרונד־שטייער, דירה־געלד און אַלגעמיינע אָב־גאַבען, וועלכע מען צאָהלט אַוועק דעם קאַפּיטאַליסטישען איינענטהימער, זיינען די אַרבייטער פֿון די פֿעלדער און פֿאַבריקען נאָך אַלץ געצוואונגען צו אָפּפֿער'ן דריי טעג פֿון זייער אַרבייט יעדע וואָך. דער גאַנצער אונ־טערשיעד צווישען אַמאָל און היינט בעשטעהט אין דעם, וואָס פֿריהער האָבען זיי אַוועקגעגעבען זייערע דריי טעג אַרבייט צו איין האַרר, וועל־כער האָט זיי ערלויבט צו בעאַרבייטען אַ שטיקעל לאַנד אָדער איינפֿאַך צו וואוינען אונטער אַ דאַך — היינט אָבער גיבען זיי אַוועק זייערע דריי טעג צו פֿערשידענע האַררען.

מיר ווייסען אויך, אַז ווען איינער פֿון אונזערע עקאָנאָמיסטען וואָלט זיך, אין אַ שעהנעם טאָג, גענומען די מיה צו מאַכען ווירקליכע „פּאָ־ליטישע עקאָנאָמיע" און אויסרעכענען אַלעס, וואָס פֿערשידענע האַררען — דער מייסטער, דער הויז־בעזיצער, דער לענד־לאָרד, די אונצעהליגע צווישען־הענדלער, דער קאַפּיטאַל־בעזיצער און דער שטאַאַט — נעהמען אַרונטער דירעקט און אינדירעקט פֿון דעם אַרבייטער'ס לוין, וואָלטען מיר איינפֿאַך איבערראַשט געוואָרען, זעהענדיג, ווי ווייניג עס בלייבט איבער פֿאַר צו בעצאָהלען אַלע איבעריגע אַרבייטער, מיט וועמענס פּראָדוקטען יעדער איינציגער אַרבייטער בענוצט זיך. דער אַרבייטער קען זיך קוים פֿאָרשטעלען ווי ווינציג קליין עס איז דער טהייל, וואָס קומט אויף דעם פֿעלד־אַרבייטער, וועלכער האָט פֿערזעעט קאָרן און ווייץ פֿאַר איהם, אויף דעם מויערער, וואָס האָט געבויט דאָס הויז, אין וועלכען ער וואוינט און אויף אַלע אַנדערע, וועלכע פֿערפֿאַרטיגען די קליידער, וואָס ער טראָגט, די מעבעל אין זיין שטיבעל א.ז.וו. עס איז כמעט אונ־מעגליך צו מאַכען זיך אַ ריכטיגע פֿאָרשטעלונג, ווי ווייניג עס קומט צוריק צו די אַלע אַרבייטער, וועלכע פּראָדוצירען אַלצדינג, אין וואָס אַנדערע אַרבייטער נייטיגען זיך, אין פֿערגלייך צו דעם אונגעהייער גרוי־סען טהייל, וואָס ווערט פֿערכאַפּט פֿון די פֿעאָדאַל־באַראָנען פֿון אונזער צייט.

* * *

אָבער די דאָזיגע בערויבונג פֿון דעם אַרבייטער איז ניט דאָס ווערק פֿון איין האַרר, וועמען דאָס געזעץ האָט בעשטימט פֿאַר יעדען איינציגען אַרבייטער. ניין, פֿאַר דעם דאָזיגען צוועק איז געשאַפֿען געוואָרען אַ גאַנץ

בעזונדערער מעכאַניזם, וועלכער איז אויסערגעוועהנליך קאָמפּליצירט — אַ מעכאַניזם, וועלכער האָט ניט אין זיך קיין שום פּערזענליכעס און קיין שום פֿעראַנטוואָרטליכקייט. אַקוראַט ווי אין די אַלטע צייטען, אַזוי איז דער אַרבייטער אויך היינט געצוואונגען אַוועקצוגעבען אַ גרויסען טהייל פֿון זיין אַרבייט צו די פּריווילעגירטע; אָבער ער טהוט עס ניט מעהר אונטער דעם בייטש פֿון דעם האַרר. דער צוואַנג איז ניט מעהר דער קערפּערליכער צוואַנג, ווי אין דער צייט פֿון לייבאייגענשאַפֿט. מען וועט איהם אַרויסוואַרפֿען אין גאַס, צווינגען איהם צו וואַנען אין פֿערפֿוילטע לעכער; ער האָט קיינמאָל ניט גענוג איינצושטילען זיין הונגער; ער זעהט, ווי זיינע קינדער געהען אום צוליעב מאַנגעל אין נאַהרונג און געזונדע לעבענס־בעדינגונגען; און ווען ער ווערט אַלט, בלייבט איהם מעהר ניט איבער, ווי צו בעטלען אין די גאַסען אָדער צו געהן אין אַן אַרבייטס־הויז. אָבער מען וועט איהם מעהר ניט אַוועקפֿיהרען אין אַ פּאָליציי־סטאַנציע, אַוועקלייגען איהם אויף אַ הילצערנע באַנק און איהם געבען אַזוי און אַזוי פֿיעל שמיץ, דערפֿאַר וואָס ער האָט אַ ראָק שלעכט גענעהט אָדער ניט גוט בעאַרבייט אַ פֿעלד, אַזוי ווי עס איז נאָך אין אונזערע קינדער יאָהרען געוועזען דער פֿאַל אין מזרח־זייט פֿון אייראָפּאַ און פֿריהער אין אַלע איבעריגע לענדער פֿון אייראָפּאַ.

אונטער דעם איצטיגען סיסטעם, וועלכער איז אין פֿיעלע הינזיכטען נאָך גרויזאַמער און אונבאַרמהאַרציגער ווי דער אַלטער רעזשים איז געוועזען, האָט דער מענש פֿאָרט אַ געוויסען געפֿיהל פֿון פּערזענליכער פֿרייהייט. מיר ווייסען, אַז פֿאַר דעם פּראָלעטאַריער, איז דער דאָזיגער געפֿיהל ניט מעהר ווי אַן אילוזיע, און דאָך מוזען מיר אָנערקענען, דאָס אונזער גאַנצער מאָדערנער פּראָגרעס און אַלע האָפֿנונגען פֿאַר דער צוקונפֿט גרינדען זיך אויף אָט דעם געפֿיהל פֿון פֿרייהייט, ווי קליין און בעשריינקט ער זאָל ניט זיין.

דער אָרעמסטער און עלענדסטער מענש וועט אפילו אין די מאָמענטען פֿון דעם גרויזאַמסטען עלענד ניט פֿערבייטען זיין געלעגער אויף די האַרטע שטיינער אונטער אַ בריק אויף דער פֿערזיכערונג צו האָבען זיין שטיקעל ברויט יעדען טאָג, אויב די דאָזיגע זיכערהייט איז פֿערבונדען מיט דער נויטווענדיגקייט צו זיין אַ שקלאַף און צו טראָגען אויף זיך די קייטען פֿון אַ שקלאַף. נאָך מעהר! דער דאָזיגער געפֿיהל, אָט דער פּרינציפּ פֿון פּערזענליכער פֿרייהייט איז אַזוי טהייער צו דעם מאָדערנעם מענשען, אַז מיר זעהען כמעט טאָג טעגליך, ווי די אַרבייטער פֿון גאַנצע שטעדט ליידען איבער פֿאַר מאָנאַטען דאָס גרויזאַמסטע עלענד

און מאַרשירען גענען די ביקסען און באַיאָנעטען פֿון זייערע רעגירער,
בלויז אום אויפֿצוהאַלטען די רעכטע, וואָס זיי האָבען אויסגעקעמפֿט
פֿאַר זיך. ביי די האַרטנעקיגסטע סטרייקס און די ביטערסטע רעוואָלטען
פֿון די מאַסען שפּיעלט די פֿראַגע וועגען פּערזענליכע רעכטע היינט אַ
פֿיעל גרעסערע ראָלע ווי געוועהנליכע לוין־פֿראַגען.

* * *

דאָס רעכט פֿון דעם מענשען צו אַרבייטען דאָס, וואָס ער קלייבט
זיך אַליין אויס צו אַרבייטען און צו אַרבייטען אַזוי לאַנג, ווי עס פֿער־
גלוסט זיך איהם צו אַרבייטען — אָט דאָס איז דער פּרינציפּ פֿון דער
היינטיגער געזעלשאַפֿט. און די שטאַרקסטע אָנקלאַגע, וואָס מיר הויבען
אויף געגען דער געזעלשאַפֿט, בעשטעהט אין דעם, וואָס די דאָזיגע
פֿרייהייט, וועלכע איז אַזוי טהייער צו דעם מענשען, בלייבט פֿאַר דעם
אַרבייטער ניט מעהר ווי אַ פֿיקסע אידעע, אַן אילוזיע, דערפֿאַר וואָס
ער איז געצוואונגען צו פֿערקויפֿען זיין אַרבייט צו דעם קאַפּיטאַליסט.
און דער מאָדערנער שטאַאט איז דער וויכטיגסטער אינסטרומענט צו
האַלטען דעם אַרבייטער אונטער דעם יאָך פֿון דער דאָזיגער נויטווענ־
דיגקייט דורך די מאָנאָפּאָלען און פּריווילעגיעס, וועלכע ער שאַפֿט יעדען
טאָג פֿאַר דעם נוצען פֿון איין קלאַס בירגער און צום שאָדען פֿון אַלע
אַנדערע. מען הויבט ווירקליך אָן צו פֿערשטעהן, אַז דער גרונד־פּרינציפּ,
מיט וועלכען אַלע זיינען איינשטימיג, ווערט שטענדיג אונטערדריקט דורך
דעם ווייט און ברייט ענטוויקעלטען סיסטעם פֿון מאָנאָפּאָלען. דער יע־
ניגער, וואָס פֿערמאָגט קיין זאַך ניט, איז אויך היינט דער לייבאייגענער
פֿון יענעם, וואָס פֿערמאָגט עפּעס, דערפֿאַר וואָס ער איז געצוואונגען צו
אָנערקענען די בעדינגונגען פֿון דעם גרונד־בעזיצער, דעם פֿאַבריקאַנט,
דעם הויז־בעזיצער, דעם הענדלער א.ז.וו.; ער איז דערפֿאַר געצוואונגען
צו צאָהלען צו די רייכע — צו אַלע רייכע — אַ געוואַלדיגע טאַקסע,
וועלכע איז דער רעזולטאַט פֿון די געשאַפֿענע מאָנאָפּאָלען. די דאָזיגע
מאָנאָפּאָלען ווערען פֿערהאַסט פֿון די מאַסען ניט בלויז דערפֿאַר, ווייל
זיי גיבען דעם רייכען די מעגליכקייט צו פֿיהרען אַ לעבען פֿון אַ ליידיג־
געהער, נאָר הויפּטזעכליך דערפֿאַר, וואָס זיי גיבען די מאָנאָפּאָליסטען
אַזעלכע רעכטע איבער דער אַרבייטער־קלאַס.

אונזער הויפּט בעשולדיגונג געגען דער היינטיגער געזעלשאַפֿט בע־
שטעהט ניט אין דעם, וואָס דער פּרינציפּ איהרער איז אַ פֿאַלשער,
פּראָקלאַמירענדיג דאָס רעכט פֿון יעדען איינעם צו אַרבייטען דאָס, וואָס
עס פֿערגלוסט זיך איהם צו אַרבייטען און אַזוי לאַנג ווי עס פֿערגלוסט

זיך איהם; ניין, מיר בעשולדיגען איהר דערפֿאַר, וואָס זי האָט געשאַפֿען אַזעלכע אייגענטהומס־בעדינגונגען, וועלכע ערלויבען ניט דעם אַרבייטער צו אַרבייטען וואָס און ווי לאַנג עס פֿער־גלוסט זיך איהם, צו זיין דער האַרר פֿון זיין אַרבייט. מיר בעקעמפֿען אָט די שטיעף־מוטערליכע געזעלשאַפֿט דערפֿאַר, ווייל זי האָט פֿריהער פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ פֿון אינדיווידועלער פֿרייהייט און דערנאָך האָט זיך אַוועקגעשטעלט די אַרבייטער פֿון די פֿעלדער און פֿאַבריקען אין אַזאַ פּאָזיציאָן, וועלכע איז פּונקט דער געגענטהייל פֿון דעם אויבען דערמאָהנטען פּרינציפּ; זי האָט געשאַפֿען אַ צושטאַנד פֿון אַ פֿערמאַסקירטער לייבאייגענשאַפֿט פֿאַר דעם אַרבייטער, וועלכער צווינגט איהם צו אַרבייטען פֿאַר זיינע הערען און אַליין צו לעבען אין עלענד און ערנידעריגונג. מיט איין וואָרט, זי צווינגט איהם צו שמיעדען זיינע אייגענע קייטען.

אויב עס איז אמת, אַז דער פּרינציפּ פֿון אינדיווידועלער פֿרייהייט און פֿרייהייט פֿון דער אַרבייט איז ווירקליך אַזוי טהייער, אויב ער פֿער־האַסט אַזוי שטאַרק יעדע געצוואונגענע אַרבייט און האָט ליעב זיין פּער־זענליכע פֿרייהייט — דאַן איז דער וועג פֿאַר דעם רעוואָלוציאָנער גאַנץ קלאָר.

ער וויזט צוריק אַלע פֿאָרמען פֿון אַ פֿערמאַסקירטער שקלאַפֿעריי. ער וועט אַרבייטען, כדי צו מאַכען אַ סוף צו אַ צושטאַנד, וואו פֿרייהייט איז ניט מעהר ווי אַ פּוסטער וואָרט. ער וועט פֿערזוכען אויסצוגעפֿינען די אורזאַכע, וואָס פֿערהינדערט דעם אַרבייטער צו זיין דער אמת'ער האַרר פֿון זיינע גייסטיגע און קערפּערליכע פֿעהיגקייטען; און זיין ציעל וועט זיין אַוועקצומאַכען מיט אַלע הינדערניסען — אויב עס איז נויט־ווענדיג, דורך געוואַלט — וועלכע שטעלען זיך דער פֿרייהייט אין וועג. און אין דערזעלבער צייט וועט ער זיין זעהר פֿאָרזיכטיג, כדי ער זאָל ניט שאַפֿען נייע הינדערניסען, וועלכע וואָלטען אפשר פֿערגרעסערט דעם וואָהלשטאַנד פֿון אַ געוויסען טהייל פֿון דער אַרבייטער־קלאַס פֿאַר אַ געוויסע צייט, נאָר אויף דעם רעכנונג פֿון זייער פֿרייהייט.

לאָמיר אַלזאָ אַנאַליזירען די דאָזיגע הינדערניסען, וועלכע בעשריינקען די פֿרייהייט פֿון דעם אַרבייטער און זוכען איהם צו פֿערשקלאַפֿען, אין געגענזאַץ צו דעם פּרינציפּ, וואָס איז אַלגעמיין אָנערקענט געוואָרען אַלס דער גרונד פּרינציפּ פֿון דער היינטיגער געזעלשאַפֿט.

II.

## שקלאפּעז פוּנ׳ם שטאַאט.

„קיין מענש איז ניט געזעצליך געצוואונגען צו אַרבייטען פאַר אַ צווייטען.״ אַט דאָס איז, ווי מיר האָבען געזעהן, דער גרונד־פּרינציפּ פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט — אַ רעכט, וועלכעס איז אויסגע־קעמפפט געוואָרען דורך אַ גאַנצע סעריע פון רעוואָלוציאָנען. און די יעניגע פון אונז, וואָס האָבען נאָך געזעהן מיט זייערע אייגענע אויגען די לייבאייגענשאַפט אין דעם ערשטען העלפט פון׳ם 19טען יאָהרהונ־דערט, אין רוסלאַנד, אָדער די, וואָס האָבען נאָך געזעהן איהרע סמנים דאָ אין ענגלאַנד ביז 1848, וועלען וויסען ריכטיג אָבצושאַצען דעם ווערטה פון דער דאָזיגער ערָאבערונג. די, וואָס האָבען נאָך געזעהן, ווי מען האָט אַוועקגעריסען קינדער מיט געוואַלט פון זייערע עלטערן, ווען די לעצטע זיינען געווען געצוואונגען אַריינצוגעהן אין אַ „וואָרק הויז״, ווי מען האָט אַוועקגעשיקט גאַנצע טראַנספּאָרטען פון זיי אין די באַוועל־שפּינערייען פון לאַנקאַשיר, וואו מען האָט זיי געצוואונגען צו אַרבייטען פערצעהן שטונדען אַ טאָג אונטער די שוידערליכסטע בעדינגונגען און פאַר אַ מיזעראַבלען לוין — די יעניגע פון אונז, וועלכע האָבען דאָס געזעהן און פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ שטעמפּעל די דאָזיגע בעדינגונגען האָבען אַרויפגעדריקט אויף דער גאַנצער געזעלשאַפט, וועלען בעגרייפען די פולע בעדייטונג פון דעם איבערבייט, וואָס האָט שטאַטגעפונען דורך דער אָבשאַפונג פון דער געזעצליכער לייבאייגענשאַפט.

אָבער אויב די געזעצליכע פערפליכטונג צו אַרבייטען פאַר אַנדערע עקזיסטירט היינט ניט מעהר, האָט זיך אָבער דער שטאַאט גופא גענימען דאָס רעכט צו צווינגען זיינע אונטערטהאַנען צו מאַכען געצוואונ־גענע אַרבייט. נאָך מעהר — פּראָפּאָרציאָנעל ווי די בעציהונגען צווישען הערען און לייבאייגענע זיינען פערשוואונדען אין דער געזעלשאַפט, האָט דער שטאַאט פערגרעסערט זיין אייגענע מאַכט, אום צו צווינגען זיינע בירגער צו דער אַרבייט. און ער איז געווען אַזוי ערפאָלגרייך אין דער דאָזיגער אַרבייט, אַז די געזעץ־געבער פון׳ם 15טען און 16טען יאָהרהונדערט, וועלכע האָבען פערזוכט צו שאַפען אַזאַ מאַכט, וואָלטען דעם מאָדערנעם שטאַאט פשוט מקנא געווען פאַר דער מאַכט, וועלכע ער האָט איבער זיינע אונטערטהאַנען.

היינט צו טאָג, למשל, צווינגט דער שטאַאט זיינע בירגער צו געבען זייערע קינדער אַן עלעמענטאַרע ערציהונג. דער פּרינציפּ דערפון איז

אויסגעצייכענט אַזוי לאַנג, ווי מיר זעהען דערינען ניט מעהר ווי דאָס רעכט פון יעדען קינד צו בעזוכען אַ שולע, אפילו ווען די עלטערן זיינען דאַגעגען און וואָלטען בעסער פאָרגעצויגען צו שיקען זייערע קינדער אין דער פאַבריק אָדער צו אַן אונוויסענדער „שוועסטער" אין אירגענד א מאָנאַסטיר. אָבער זעהט נור, וואָס עס איז געוואָרען פון דעם אונטעררריכט אין אונזערע עלעמענטאר־שולען. אונזער גאַנצע היינטיגע ערציהונג איז אַ געוועב פון פאַלשע לעהרען, אום צו איבערצייגען די קינדער פון דעם רעכט פון'ם שטאַאַט איבער זיינע אונטערטהאַנען; צו רעכטפאַרטיגען דאָס היילינע רעכט פון דעם רייכען צו עקספּלאָטירען דעם אָרעמען און אָנצוקלייבען רייכטהימער אויף דעם רעכנונג פון יעדעם'ס עלענד; צו לערנען זיי, אַז ראַכע איז די העכסטע גערעכטיגקייט, ווי באַלד זי ווערט בעגאַנגען אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט און אַז די גרעסטע מיליטערישע עראָבערער און אונטערדריקער פון פעלקער זיינען די גרעסטע מענער, וואָס די מענשהייט פערמאָגט. נאָך ערגער—די שטאַאַטליכע ערציהונג — אַ ווירדיגער נאָכפאָלגער פון דעם ערציהונגס־סיסטעם פון די יעזואיטען — איז דער בעסטער מיטעל צו דערשטיקען אין דעם קינד'ס מוח יעדען אינסטינקט פון אונאַבהייננינקייט און צו מאַכען פון איהם אַ געטרייען שקלאַף אין זיינע געדאַנקען און האַנדלונגען.

ווען דאָס קינד איז אויפגעוואַקסען, קומט צו געהן דער שטאַאַט און צווינגט איהם צו ווערען אַ סאָלדאַט און צו פערריכטען אַלע סאָרטען אַרבייט פאַר דעם שטאַאַט און פאַר דער שטאָדט־פערוואַלטונג, אויב עס איז נויטווענדיג. אויסערדעם צווינגט דער שטאַאַט יעדען איינציגען, דורך טאַקסען און אָבגאַבען, אַוועקצוגעבען אַ געוואַלטיגען חלק פון זיין אַרבייט וועהרענד זיין לעבען צו איהם און צו זיינע פריווילעגירטע; נאָר ער טהוט עס אויף אַזאַ אופן, אַז דער אונשולדיגער בירגער זאָל גלויבען, דאָס ער אַליין בעשטימט די אָבגאַבען דורך זיינע פערטרעטער, און אַזוי גיסען זיך אַריין אונגעהייערע סומען געלד אין די קאַסען פון'ם שטאַאַט.

אויף אַזאַ שטייגער איז איינגעפיהרט געוואָרען אַ נייער פרינציפ אין דער היינטיגער געזעלשאַפט. די פערזענליכע לייבאייגענשאַפט עקזיסטירט מעהר ניט. דער שטאַאַט האַלט ניט קיינע שקלאַפען, ווי עס איז געווען דער פאַל אין די פערגאַנגענע יאָהרהונדערטער, אפילו אין ענגלאַנד און פראַנקרייך. אַ קעניג קען היינט ניט מעהר אַרויסלאָזען אַ בעפעהל, אַז צוואַנציג אָדער דרייסיג טויזענד פון זיינע אונטערטהאַנען זאָלען אויפבויען זיינע פעסטונגען, פערפלאַנצען גערטנער און פאַרקס, ווי אויך די פּאַלאַצען פון ווערסאַי, טראָץ דעם וואָס די אַרבייט האָט געפאָדערט די לעבענס

פון פיעלע הונדערטער מענשען, טראָצדעם וואָס „מען האָט יעדע נאַכט אוועקגעפיהרט גאַנצע וואָגענס פול מיט טויטע", ווי מאַראַט סעווינע האָט געשריבען. די שלעסער פון ווינדזאָר, ווערסאַי און פעטערהאָף ווערען היינט ניט מעהר געבויט דורך דער אַרבייט פון לייבאייגענע. אָבער מיט דער הילפע פון אָבגאַבען און טאַקסען, פרעטענדירענדיג, אַז ער דאַרף אויספיהרען „פראָדוקטיווע אַרבייטען, בעשיצען זיינע בירגער פון פערגרעסערן זייער וואָהלזיין", פרעסט דער שטאַאַט היינט אַרויס דיזעלבע דיענסטען פון זיינע אונטערטהאַנען.

* * *

מיר זיינען די ערשטע צו בעגריסען די אָבשאַפונג פון דעם פרינציפ פון לייבאייגענשאַפט און צו בעטאָנען די וויכטיגקייט פון דער דאָזיגער אָבשאַפונג פאַר דעם אַלגעמיינעם פראָגרעס פון דער בעפרייאונגס-אידעע. עס איז, אָהן אַ צווייפעל, בעסער אַוועקצוגעבען אַזוי און אַזוי פיעל אַרבייטס-טעג אין דער פאָרם פון טאַקסען און אָבגאַבען, איידער מען זאָל אונז איינפאַך אַוועקשלעפען נאָך נאַנסי, ליאָן, ווערסאַי אָדער וועסטמינסטער, אום דאָרטען העלפען אויפבויען די שלעסער, וועלכע זיינען בעשטימט געוואָרען פאַר דעם פערגניגען פון דעם קעניג און זיינע הויף-לייט; עס איז בעסער, זאָגאַר דאַן, ווען מיר מוזען צוגעבען, אַז די מייסטע אָבגאַבען ווערען פערווענדעט אויף אַזעלכע צוועקען, וואָס זיינען אוננוצליך און זאָגאַר דירעקט שעדליך פאַר די פעלקער. און מיר פיהלען ווי פיעל מיר האָבען צו פערדאַנקען די מענער פון 1648, 1793 און 1848, וועלכע האָבען בעפרייט אייראָפּאַ פון דער לייבאייגענשאַפט.

אָבער דער פאַקט בלייבט, אַז וואָס מעהר די פעלקער האָבען זיך בעפרייט פון דעם יאָך פון פערזענליכער לייבאייגענשאַפט אין פערלויף פון׳ם 19-טען יאָהרהונדערט, אַלץ מעהר איז געוואַקסען זייער פערזענליכער אָבהייניגיגקייט און שקלאַפערייַ צום שטאַאַט.

די צאָהל און פערשידענהייט, אַקוראַט ווי די קוואַנטיטעט פון די פערזענליכע „דיענסטען" — געצוואונגענע אַרבייט, וועלכע דער שטאַאַט פאָדערט פון זיינע בירגער—האַלט אין איין וואַקסען. ביי די ענדע פון׳ם 19-טען יאָהרהונדערט האָבען מיר זיך זאָגאַר דערלעבט, אַז דער שטאַאַט האָט עפענטליך פראָקלאַמירט דאָס רעכט צו צווינגען מענשען צו דער אַרבייט. אַזוי צ.ב.ש. צווינגט ער די אייזענבאַהן-אַרבייטער דורך בעזונדערע געזעצע (זעה דעם געזעץ אין איטאַליען, וועלכער איז געמאַכט געוואָרען ניט לאַנג צוריק) צו אַרבייטען אין דער צייט פון אַ סטרייק; און דאָס מיינט ניט אַנדערש ווי פערזענליכע לייבאייגענשאַפט צו גונסטען

די אייזענבאַהן־קאָמפּאַניעס. פון די אײזענבאַהנער צו די קוילען־גרעבער און פון די קוילען־גרעבער צו די פאַבריקען איז ניט מעהר ווי אַ קורצער שריט. און אין דעם מאָמענט, וואו מען וועט ערשט אָנערקענען די אויס־רייד, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען דער עפענטליכער זיכערהייט אָדער אפילו בלויז וועגען דער עפענטליכער בעקוועמליכ־קייט אָדער נויטווענדיגקייט, וועט מעהר ניט עקזיסטירען קיין שום גרענעץ פאַר דער מאַכט פון׳ם שטאַאַט.

אויב מען האָט ביז איצט די אייזענבאַהנער און קוילען־גרעבער נאָך ניט בעהאַנדעלט אַלס פעררעטהער פון׳ם שטאַאַט, ווען זיי זיינען ארויס אין סטרייק — אין רוסלאַנד איז עס יאָ געווען דער פאַל אין 1906, און אַ נייער געזעץ ערקלערט אַלע סטרייקס אין „פלעצער פאַר דעם נוצען פון דער עפענטליכקייט" אַלס אַ פערברעכען — איז עס געווען דערפאַר, ווייל מען האָט זיך פאָרלויפיג נאָך ניט גענייטיגט אין אַזעלכע מאָס־רעגלען. אונזערע רעגירער ציהען נאָך אימער פאָר צו בענוצען זיך מיט דער דראָהענדער האַלטונג פון איינצעלנע אַרבייטער, אום צו שיסען אויף די סטרייקערס און צו פעראורטהיילען זייערע פיהרערס צו געפענגנים. אין שפּאַניען האָט מען זאָגאַר געמאַרטערט אַ־בייטער אויף דעם שענד־ליכסטען אופן, אום צו בעשיצען די מאָנאָפּאָליסטען. זייט די שוידערליכע פערברעכען פון מאָנטכואיטש אין 1896, איז די מאַרטער־קאַמער פון דער אינקוויזיציאָן געוואָרען אַ שטענדיגע איינריכטונג אין שפּאַניען צום שוץ פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטען.

ביז איצט האָט מען זיך בענוגענט מיט דער „פּריוויליגער שקלאַ־פעריי" פון אַ געוויסען טהייל פון די אַרבייטער, און דעריבער האָט מען נאָך ניט געפונען פאַר נייטיג צו פּראָקלאַמירען די געצוואונגענע שקלאַ־פעריי. אָבער אין דעם מאָמענט, ווען מען וועט זיך נייטיגען אין דעם, וועט מען זיך אויך בענוצען מיט אָט דעם מיטעל. און אויב מיר וועלען זיך ניט פאַרבערייטען בעצייטענס, וועלען מיר נאָך דערלעבען אַ טאָג, ווען מען וועט אונצופריעדענע סטרייקערס הינריכטען אָדער זיי פערשיקען אין העלישע פיעבער־קאָלאָניען, בלויז דערפאַר וואָס זיי האָבען ניט ערפילט די „עפענטליכע דיענסטען", וועלכע די רייכע עקספּלאָטאַ־טאָרם האָבען אויף זיי אַרויפגעצוואונגען.

* * *

לאָמיר ניט האָבען קיין טעות אין דיזער הינזיכט. צוויי גרויסע שטרעמונגען פון געדאַנקען און האַנדלונגען זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם 19־טען יאָהרהונדערט. פון איין זייט האָבען מיר געזעהן אַ

קאמפף געגען אַלעס, וואָס עס איז נאָך איבערגעבליבען פֿון דער אַלטער לייבאייגענשאַפֿט. די אַרמעען פֿון דער ערשטער פֿראַנצויזישע רעפּובליק, מאַרשירענדיג זיעג־רייך איבער גאַנץ אייראָפּאַ, האָבען איבעראַל אוועק־געמאַכט מיט דער לייבאייגענשאַפֿט, און ווען מען האָט אפילו שפּעטער פֿערזוכט איהר צוריק איינצופֿיהרען, איז געווען אונמעגליך איהר אויפֿצו־האַלטען. די רעוואָלוציאָן פֿון 1848 האָט אייראָפּאַ אין גאַנצען פֿון איהר בעפֿרייט. אין רוסלאַנד איז זי פֿערשוואונדען אין 1861 און אויף דעם באַלקאַן מיט אַכטצעהן יאָהר שפּעטער. די פֿאָלגע איז געווען, אַז די פּע־זענליכע לייבאייגענשאַפֿט איז פֿע־שוואונדען אין אַלע געזעץ־ביכער פֿון איי־אָפּאַ.

נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלעס: צווישען אַלע נאַציאָנען האָט דער מענש געאַרבייט, אום אויפֿצוהאַלטען דאָס רעכט פֿון זיין פּערזענליכער פֿרייהייט. ער האָט זיך בעפֿרייט ב־יז צו אַ הויכען גראַד פֿון דעם אַבער־גלויביגען רעספּעקט צו דער אריסטאָקראַטיע, צו דעם קעניגטהום און צו די זאָגענאַנטע העכערע קלאַסען, און דורך טויזענדער און טויזענדער קליינע רעוואָלוציאָנערע אַקטען אין אַלע ווינקלען פֿון אייראָפּאַ האָט ער אויסגעפֿיהרט, אַז מען זאָל אָנערקענען זיין רעכט אַלס אַ פֿרייען מענש דורך דעם, וואָס ער האָט זיך אַליין בענוצט מיט דעם דאָזיגען רעכט.

אין דערזעלבער צייט האָבען אַלע גייסטיגע בעוועגונגען פֿון'ם 19טען יאָהרהונדערט — די פּאָעזיע, דער ראָמאַן, די דראַמאַ און אפילו די מוזיק, ווען זיי האָבען אויפֿגעהערט צו זיין א־יס־שליסליכע לוקסוס אַרטיקלען פֿאַר די לײדיגגעהער — געטראָג־ען דעמזעלבען כאַראַקטער. נעהמט, פֿאַר אַ ביישפּיעל פֿראַנקרייך! דערמאָהנט זיך אין וויקטאָר הוגאָ, אין אייזשען סי און זיינע „געהיימניסע פֿון פּאַריז", אין אַלעקסאַנדער דומאַ, —דעם עלטערען, פֿערשטעהט זיך—אין זשאָרזש סאַנד א.ז.וו. דע־מאָהנט זיך אין די גרויסע קאָנספּיראַטאָרס באַרבעס און בלאַנקי און אין אַזעלכע היסטאָריקער ווי סיסמאָנדי און טה־ע־י, און איהר וועט אַליין אויסגע־פֿינען, אַז די העכסטע רעוולטאַטען פֿ־ן דע־ ליטעראַטור אין יענער צייט זיינען מעהר ניט געווען, ווי דער א־יסדרוק פֿון יענע־ בעוועגונג, וועלכע האָט זיך מאַניפֿעסטירט אין יעדען ווינקעל פֿון פֿראַנקרייך, אין יעדער פֿאַמיליע, אין יעדען דיינקענדען מענשען, אום צו בעפֿרייען דעם איינ־צעלנעם פֿון די מנהגים און געוואוינה־יטען פֿון פּערזענליכער לייבאיי־גענשאַפֿט.

אָבער אויסער דער דאָזיגער גרויסער פֿרייהייטליכער בעוועגונג האָט זיך מאַניפֿעסטירט נאָך אַ בעוועגונג, וועלכע איז אויך אַרויסגעוואַקסען

פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאָן. דער ציעל פון דער לעצטער איז געווען צו ענטוויקלען די אַלמעכטיגקייט פון'ם שטאאט אין נאָמען פון יענעם אונבעשטימטען און בעטריגערישען בעגריף, וועל־כער האט געפּענט א וועג פאַר יעדע פערזענליכע אמביציאָן: — דער בעגריף פון דעם אַלגעמיינעם וואהלזיין, ארגאני־זירט ניט דורך דער נאציאָן גופא אין יעדער שטאָדט, אין יעדען דאָרף, נאָר דורך די אויסערוועהלטע זאָגע־נאנטע פערטרעטער פון'ם פאָלק.

די דאָזיגע אידעע, וועלכע איז געבוירען געוואָרען אין דער צייט, ווען די קירכע האט זיך אונטערגענומען צו בעהערשען די נשמה פון'ם מענשען, כדי זי זאָל איהם ברייגגען די ערלייזונג, און וועלכע מיר האבען איבערגענומען בירושה פון דעם רוימישען קייזער־רייך און דעם רוימישען געזעץ, אט די דאָזיגע אידעע פון אַן אַלמעכטיגען שטאאט האט שטי־לערהייט געמאַכט א געוואלטיגען פראָגרעס וועהרענד דעם ערשטען העלפט פון דעם פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט.

נעהמט פאַר א ביישפּיעל די אַלגעמיינע מיליטער־פליכט אין דער פאָרמע, ווי זי עקזיסטירט היינט צו טאָג, און פערגלייכט איהר מיט דעם, וואָס זי איז געווען מיט עטליכע יאָהרהונדערטער צוריק; און איהר וועט דערקענען מיט שרעק, וואָס פאַר א געוואלטיגען פאָרטשריט אָט די נייע לייבאייגענשאַפט, אונטער דעם יאָך פון'ם שטאאט, האט געמאַכט, אין נאָמען פון אַלגעמיינער גלייכהייט.

דער לייבאייגענער אין מיטעלאַלטער האט קיינמאָל ניט דערלאָזען, אַז מען זאָל אַוועקרויבען פון איהם אַלע מענשליכע רעכטע ביז אויף אַזא גראַד, ווי עס איז דער פאַל מיט דעם מאָדערנעם מענשען אונטער דער גייסטיגער הערשאַפט פון פרייוויליגער לייבאייגענשאַפט. מיט צוואַנציג יאָהר, ווען א יונגער מאַן נייטיגט זיך אַם מייסטען אין זיין פרייהייט, לאָזט ער זיך רוהיג פערשפּאַרען אויף דריי יאָהר צייט אין א קאַזארמע, וואו זיין גייסטיגע און מאָראַלישע געזונדהייט ווערט איינפאַך רואינירט — און פאַר וואָס? אום ער זאָל זיך אויסלערנען א פאַך, וואָס די שווייצער לערנען אין זעקס וואָכען צייט און וואָס די באָע־ס אין זיד־אַפריקא האבען זיך אַזוי גוט אויסגעלערענט, בעארבייטענדיג זייערע פעלדער און רייטענדיג אויף זייערע פערד איבער די וויטע סטעפּעס.

ער ריזיקירט ניט נור זיין לעבען, נאָר זיין פרייוויליגע לייבאייגענ־שאַפט געהט פיעל ווייטער, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט דעם לייב־אייגענעם פון די אַלטע צייטען. ער ערלויבט דעם שטאאט צו קאָנטראָלירען

זיין ליעבע; ער ווארפט אוועק א פרוי, וועלכע ער ליעבט און אנערקענט דעם צעליבאט*) פאר דער צייט, וואס ער איז סאלדאט; ער ווארפט זיך אונטער ווי אן אויטאמאט צו די בעפעהלען פון מענשען, וועמענס מיליטערישע קענטניסען און פעהיגקייטען ער האט ניט קיין שום מעגליכקייט צו קאנטראלירען. נאך מעהר! ער טראגט רוהיג איבער די מורא'דיגע גרויזאמקייטען אין די מיליטערישע שטראף־אבטהיילונגען פון „בירִיבִי", וועלכע ליסיען דעקאוו האט אונז פארגעשטעלט אין אזעלכע שוידערליכע קאלירען, און ער רעוואלטירט אפילו ניט געגען אזעלכע אונמענשליכע בעדינגונגען.

ווען האט עס געטראפען אין מיטעלאלטער, אז מענשען, וואס רופען זיך אליין פריי, זאלען זיך אונטערווארפען צו אזעלכע בעדינגונגען? ווען האט עס געטראפען, אז די בויערן און האנדווערקער פון יענער צייט זאלען זיך אנטזאגען פון זייער רעכט צו גרינדען זייערע אייגענע קאנ־ספיראטיווע געזעלשאפטען, אום צו בעקעמפפען די פעראייניגונגען פון די לארדען מיט די וואפען אין די הענד? קענט איהר געפינען אין מי־טעלאלטער א פעריאדע, וואס זאל זיין אזוי פינסטער, אז די בירגער פון די פרייע קאמונעס זאלען זיך אנטזאגען פון זייער רעכט אריינצואווארפען זייערע ריכטער אין טייך אריין אין דעם מאמענט, ווען זיי האבען זיך איבערצייגט, אז זייער אורטהייל איז ניט קיין גערעכטער? און ווען האט עס געטראפען, זאגאר אין די פינסטערסטע צייטען פון דער אלטער גע־שיכטע, אז דער שטאאט זאל קענען קארומפירען דעם גאנצען עפענטליכען אונטערריכט, פון די עלעמענטארע שולען ביז די אקאדעמיעס, דורך זיין סיסטעם פון ערציהונג? מאקיאוועלי האט גע'חלום'ט פון אזא צו־שטאנד; אבער זיין טרוים איז ערשט פערווירקליכט געווארען אין דעם 19־טען יאהרהונדערט.

מיר האבען אלזא פאר די לעצטע הונדערט מיט צוואנציג יאהר א גרויסע פ ר א ג ר ע ס י ו ע בעוועגונג, וועלכע האט געארבייט אין דעם ערשטען העלפט פון דעם פערגאנגענעם יאהרהונדערט פאר דער פאל־שטענדיגער בעפרייאונג פון דעם אינדיווידואום און פין דעם מענשליכען געדאנק; און מיר האבען אין דערזעלבער צייט א גרויסע ר ע ג ר ע ס י ו ע בעוועגונג, וועלכע האט אריבערגעשטיגען די ערשטע וועהרענד דעם צווייטען העלפט פון'ם 19טען יאהרהונדערט, און וועלכע ארבייט, אום

*) צעליבאט רופט מען דעם צושטאנד פון די קאטהאלישע גלחים, וועלכע דארפען ניט הייראטען. (דער איבערזעצער)

צוריק איינצופיהרען די לייבאייגענשאַפט, נאָר צו גונסטען דעם שטאַאט און וועלכע פערזוכט איהר נאָך צו פערשטאַרקערן דורך דעם, וואָס זי מאַכט פון איהר אַ פּריוויליגע אינסטיטוציאָן. אָט דאָס איז דער אייגענטליכער כאַראַקטער פון אונזער צייט.

אָבער דאָס אַלעס, וואָס מיר האָבען דאָ דערמאָהנט, האָט בלויז אַ שייכות צו דירעקטער לייבאייגענשאַפט. וואָס אָנבעלאַנגט די אונ־דירעקטע לייבאייגענשאַפט, וועלכע איז עטאַבלירט געוואָרען דורך טאַקסען, אָבגאַבען און פערשידענע קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָלען, האַלט זי אין איין וואַקסען. זי ווערט מיט דער צייט אַזוי מעכטיג און דראָהענד, אַז עס איז די העכסטע צייט צו שטודירען איהר אויף אַן ערנסטען אופן. און דאָס וועלען מיר טהאָן אין אונזער נעכסטען קאַ־פּיטעל.

---

III.

## די בעשטייערונג: א מיטעל צו פערשטארקערן די מאכט פון׳ם שטאאט.

אויב דער שטאַאט בעזיצט שוין אַ געוואַלטיגע מאַכט איבער זיינע אונטערטהאַנען דורך דער אַלגעמיינער מיליטער־פּליכט, דורך דער עפענט־ליכער ערציהונג, וועלכע ער דירעקטירט פאַר דעם נוצען פון די רייכע קלאַסען, דורך דער קירכע און דורך זיינע טויזענדער בעאַמטע, ווערט די דאָזיגע מאַכט נאָך בעדייטענד פערשטאַרקערט דורך דער בעשטייע־רונג פון די מאַסען.

די בעשטייערונג איז צוערשט געווען אַזאַ אונשעדליכער מיטעל, אַז די מאַסען האָבען איהר אליין בעגריסט און געפאָדערט, דערפאַר וואָס זי האָט פערנומען דעם פּלאַץ פון דער געצוואונגענער אַרבייט פאַר דעם שטאַאט אָדער פאַר דער געמיינדע. היינט אָבער איז די בעשטייערונג געוואָרען אַ שווערע לאַסט, אַ מעכטיגע וואַפע, וועמענס קראַפט עס ווערט נאָך פערשטאַרקערט דורך דעם, וואָס מען קען איהר בעהאַלטען אונטער טויזענדער פערשידענע פאָרמען, אום צו רעגירען דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לעבען פון דער געזעלשאַפט פאַר די אינ־טערעסען פון די רעגירענדע און רייכע קלאַסען. די יעניגע, וועלכע

האַלטען די מאַכט אין זייערע הענד, בענוגען זיך ניט צו פֿערטהיילען פּריווילעגירטע און גוט בעצאָהלטע פּאָסטען צווישען זיך, נאָר זייער וויכטיגסטע אויפֿגאַבע איז צו מאַכען און צו פֿערניכטען אונגעהייערע פֿערמעגענס, אָנצוקלייבען אונגעהייערע רייכטהימער אין די הענד פֿון עטליכע פּריווילעגירטע, צו שאַפֿען מאָנאָפּאָלען און צו אונטערוואַרפֿען די מאַסען אונטער דעם יאָך פֿון די רייכע. און דאָס אַלעס ווערט געטהאָן אויף אַזאַ קלוגען אופן, אַז די ברייטע מאַסען פֿון די בעשטייערטע בעמערקען אפילו ניט די אונגעהייערע מאַכט, וועלכע זיי האָבען אַליין געגעבען אין די הענד פֿון זייערע רעגירער.

„אָבער ווי אַזוי קענט איהר נור אַטאַקירען אַזאַ איינריכטונג ווי די אַלגעמיינע בעשטייערונג?" פֿרעגען אונז די פֿערטהיידיגער פֿון'ם שטאַאַט. „איז דען פֿאַרהאַן נאָך אַ גערעכטערע זאַך ווי די בעשטייערונג פֿון אַלע שטאַאַטס־בירגער?" נעהמט אַלס אַ ביישפּיעל אַ בריק, וואָס איז אויפֿגעבויט געוואָרען פֿון די איינוואוינער פֿון אַ געוויסער געמיינדע. דער טייך האָט אָנגעשוואָלען פֿון פֿיעל רעגענען, און די בריק ווערט איינפֿאַלען, אויב מען וועט איהר ניט ווי אַם שנעלסטען אויסבעסערן. איז עס ניט פֿערנינפֿטיג און גערעכט צו אַפּעלירען צו אַלע איינוואוינער פֿון דער געמיינדע, אַז זיי זאָלען טהאָן די ארבייט? און אַזוי ווי די גרויסע מעהרהייט פֿון די בירגער זיינען פֿערנומען יעדער מיט זיין אייגענע אַרבייט, איז עס דען ניט מעהר ווי רעכט, דאָס אַנשטאָט וואָס יעדער איינער וועט מוזען אָבגעבען אַ טהייל פֿון זיין צייט, אום צו פֿערריכטען דעם שאָדען מעהר אָדער וויינינער שלעכט, זאָל מען בעסער פֿאָדערן פֿון יעדען בירגער אַ געוויסע סומע געלד, כדי די אַרבייט זאָל געטהאָן ווערען פֿון געלערנטע אַרביימער.

„אָדער נאָך אַ ביישפּיעל: — אָט איז אַ וועג, אויף וועלכען מען קען אַריבערגעהן אַ טייך צופֿוס. אָבער עס מאַכט זיך, אַז אין געוויסע צייטען פֿון'ם יאָהר, קען מען זיך ניט בענוצען דערמיט. פֿאַרוואָס זאָלען די איינוואוינער פֿון די אַרומיגע דערפֿער ניט אַרויפֿלייגען אויף זיך אַ געוויסע טאַקסע, אום צו בויען אַ בריק? און פֿאַרוואָס זאָלען די איינוואוינער פֿון אַ שטאָדט ביים ברעג פֿון'ם ים נ ט זיין איינשטימיג, אַז יעדער פֿון זיי זאָל בעצאָהלען אַ געוויסע סומע, פֿאַר אויסצובעסערן די געמויערטע ברעגעס? און ווארום זאָל מען אויפֿבויען אין יעדער געמיינדע אַ קאָרן־שפּייכלער און יעדער זאָל בריינגען אַזוי אין אַזוי פֿיעל קאָרן אָדער ווייץ, אָנשטאָט וואָס דער שטאַאַט וועט פֿערזאָרגען אַלע בירגער

מיט קאָרן און ווייץ, ווען עס מאַכט זיך אַ שלעכט יאָהר און ווער דערפאַר נעהמען פון יעדען איינוואוינער אַ קליינע יעהרליכע טאַקסע?"

דאָס אַלעס שיינט אונז צו זיין אַזוי נאַטירליך, אַזוי פערנינפטיג, אַזוי גערעכט, דאָס אפילו דער ערגסטער אינדיווידואַליסט קען ניט זיין געגען אַזאַ בעשטייערונג, איבערהויפט, ווען עס עקזיסטירט נאָך אַ געוויסע גלייכהייט פון די פערמעגענס אין אַ דאָרף.

און נאָכדעם ווי מען האָט אונז פאַרגעשטעלט נאָך עהנליכע ביי־שפּיעלע, קומען די עקאָנאָמיסטען און די פערטהיידיגער פון דעם שטאַאַט צו דעם שלוס, אַז די בעשטייערונג איז גערעכט און ווינשענסווערטה, פון וואָס פאַר אַ זייט מען זאָל איהר ניט בעטראַכטען און ענדיגען מיט דעם אויסגעשריי: „עס לעבע די בעשטייערונג!"

* * *

אָבער אָט די אַלע ארגומענטען זיינען פאַלש פון'ם אָנהויב ביז'ן סוף. אויב עס איז אמת, דאָס געוויסע טאַקסען האָבען זיך טאַקע גענומען פון דער קאָמונאַלער ארבייט, צו וועלכער אַלע איינ־וואוינער האָבען בייגעטראָגען זייער טהייל, האָבען אָבער די שווערע און פערשיעדענע טאַקסען און אָבגאַבען, וועלכע מיר צאָהלען היינט אַוועק דעם שטאַאַט, אַ גאַנץ אַנדערן אורשפּרונג, נעמליך — די ראָבערונג.

עס זיינען געוועזן די פעלקער פון די ראָבערטע לענדער, פון וועלכע די אָריענטאַלישע מאָנאַרכען און שפּעטער די רוימישע קייזערס האָבען גענומען די אָבגאַבען פאַר געצוואונגענע ארבייט. די רוימישע בירגער זיינען געוועזן פריי פון אָבגאַבען; זיי האָבען אַרויפגע־וואָרפען די לאַסט אויף די פּלייצעס פון די בעזיעגטע פעלקער. ביז צו דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן — און ביז צו אַ געוויסען גראַד נאָך היינט צו טאָג — זיינען די יעניגע, וואָס האָבען פּרעטענדירט צו זיין די נאָכפאָלגערס פון דער ראַסע פון די ראָבערער (רוימער, גער־מאַנען און נאָרמאַנען), די זאָגענאַנטע „אדעל-מענער", געוועזן פריי פון אַלע טאַקסעס און אָבגאַבען. אין פראַנקרייך איז די ערד פון די אדעל־מענער און פון די, וואָס האָבען שפּעטער בעקומען אַן אדעליגען טיטעל, געוועזן פריי פון אָבגאַבען ביז 1789. און די אונגעהייער רייכע לאָרדען דאָ אין ענגלאַנד, שאָטלאַנד און אירלאַנד צאָהלען נאָך ביז היינט צו טאָג כמעט גאָרנישט ניט פאַר זייער לאַנד.

די אָבגאַבען און טאַקסעס, וועלכע מיר צאָהלען היינט צום שטאַאַט, זיינען אַלוּאָ בשום אופן ניט דער רעזולטאַט פון אַ פריייוויליגע

געמיינשאַפטליכע אַרבייט, מיט וועלכע אַלע זיינען איינשטימיג געווען; גיין, זיי זיינען אַ פּראָדוקט פון דער לייבאייגענשאַפט. אין 16־טען, 17־טען און 18־טען יאָהרהונדערט, ווען דער שטאַאַט האָט רואינירט זיינע בויערן דורך אונגעהייערע אָבגאַבען אין דער פאָרם פון אונבעצאָהלטער אַרבייט, זיינען די איינוואוינער קיינמאָל ניט בעשעפטיגט געוואָרען מיט די אַלע סאָרטען פון ניצליכער קאָמונאַלער אַרבייט, פון וועלכע מיר האָבען גערעדט בעפאָר. די קאָמונאַלע אַרבייטען האָבען די בויערן געמאַכט אויף זייער אַלטען שטייגער מיט דעם פּריווילעגיען איינפערשטענדניס פון אַלע מיט־גלידער פון דער געמיינדע. אָבער די הונדערטער און טויזענדער בויערן, וועלכע מען האָט אונטער מיליטערישער בעוואַכונג טראַנספּאָרטירט פון זייערע פערוואָרפענע דערפלאַך נאָך בעשטימטע פלעצער פון דער מדינה, זיינען געווען געצוואונגען צו טהאָן גאַנץ אַנדערע אַרבייטען. זיי האָבען געמוזט בויען פעסטונגען און ברייטע „נאַציאָנאַלע", ד.ה. מי־ליטערישע וועגען און שאָסעען, כדי די זעלנער זאָלען זיי קענען בעסער אונטערדריקען; זיי האָבען געמוזט פיהרען גרויסע טראַנספּאָרטען מיט לעבענס־מיטלען פאַר די אַרמעען פון דעם קעניג אָדער פון די קלענערע פירסטען, אָדער מען האָט זיי געצוואונגען צו מאַרשירען צוזאַמען מיט די אַדעל־מענער, ווען די לעצטע האָבען געהאַלטען מלחמה, אום צו פער־כאַפּען מעהר שלעסער און מעהר לייבאייגענע. אַנדערע האָבען געמוזט אַרבייטען אין די מינען און פאַבּריקען פון'ם שטאַאַט; נאָך אַנדערע האָבען געאַרבייט אונטער דער אויפזיכט און בייטש פון שטאַאַטליכע בעאַמטע, אום צו בעפרידיגען די פערברעכערישע קאַפּריזען פון זייערע האַרען: זיי האָבען אויסגעגראָבען וואַסער־גראָבענס אַרום די שלעסער, פער־פלאַנצט גערטנער, געבויט פּאַלאַצען פאַר די קעניגע, די באַראָנען און זייערע מעטרעסען און קורטיסאַנעס, אין דער צייט, ווען זייערע פרויען און קינדער האָבען אויפגעגעסען דאָס גראָז פון די לאָנקעס, אום איינ־צושטילען זייער הונגער, אָדער זיי זיינען געפאַלען פון די קוילען פון די זעלנער, ווען דער הונגער האָט זיי געטריבען צו מאַכען אַן אָנפאַל אויף אַ קאָרן־טראַנספּאָרט, וועלכען מען האָט אַוועקגעשיקט אין אויסלאַנד צו מאַכען געלד פאַר די לאָרדען.

עס איז געווען געצוואונגענע אַרבייט, וועלכע די ערזאָבערער האָבען אַרויפגעלייגט אויף די אונטערדריקטע, אַקוראַט ווי די ענגלענדער, פראַנ־צויזען, דייטשען און רוסען טהוען נאָך היינט מיט די שוואַרצע ראַסען אין אַפריקאַ און מיט די מאָנגאָלען אין אַזיען. שפּעטער האָט מען אַרויפ־געלייגט געצוואונגענע אַרבייט אויף די פלייצעס פון אַלע אָרעמע לייט.

מיט איין וואָרט — ניט אַ פֿרייוויליגער איינפֿערשטענדעניס, נאָר ברוטאַלע געוואַלט איז געווען דער אייגענטליכער אורשפּרונג פֿון די אָבגאַבען, וואָס מיר צאָהלען היינט אַוועק דעם שטאַאַט. וואָס פֿאַר אַ וואונדער איז עס, וואָס דער סיסטעם פֿון בעשטייערונג טראָגט נאָך היינט צו טאָג אויף זיך דעם שטעמפּעל פֿון זיין ענטשטעהונג.

* * *

עס איז זיכער געווען אַ גרויסע פֿערלייכטערונג פֿאַר די איינוואוינער פֿון די דערפֿער, ווען קורץ בעפֿאָר דעם אויסבּרוך פֿון דער גרויסער רעוואָלוציאָן, האָט מען אַוועקגעמאַכט אין פֿראַנקרייך מיט דער געצוואונגענער אַרבייט און איינגעפֿיהרט אויף איהר פּלאַץ אַ בעשטימטע יעהרליכע טאַקסע אין געלד.*) אָבער ביז דעם היינטיגען טאָג האָט די בעשטייערונג בעהאַלטען איהר אורשפּרינגליכען כאַראַקטער. ליגענדיג ביי די געזעץ־געבער אין די הענד, האָט זי געהאַלטען אין איין וואַקסען און הויפּטזעכליך צו גונסטען זייערע אייגענע אינטערעסען. מיט דער הילפֿע פֿון אָבגאַבען און טאַקסעס האָט דער שטאַאַט — די אַליאַנץ פֿון דעם קעניג, דער קירכע, דעם ריכטער און דעם אַדעל מאַן — שטענדיג פֿערגרעסערט דעם פֿעלד פֿון זיין טהעטיגקייט און בעהאַנדעלט דאָס פֿאָלק ווי די איינוואוינער פֿון אַ פֿערכאַפּטען לאַנד. צו דאַנקען אָט דעם קלוגען אינסטרומענט, דער בעשטייערונג, מיט וועלכען מען קען בערויבען די מאַסען און זיי זאָלען זיך אפילו ניט שטאַרק בעקלאָגען אויף דער רויבעריי, זיינען די פֿעלקער היינט געוואָרען לייבאייגענע פֿון׳ם שטאַאַט, אַקוראַט ווי זייערע עלטערן זיינען פֿריהער געווען לייבאייגענע פֿון די גרויסע לאָרדען.

האָט איהר, ווען עס איז, אויסגערעכענט, וואָס פֿאַר אַ סומע פֿון אונזער אַרבייט מיר גיבען יעהרליך אַוועק צום שטאַאַט? קיין עקאָנאָמיסט האָט עס ביז איצט ניט געטהאָן. קיינער פֿון זיי האָט ביז איצט ניט פֿערזוכט אויסצורעכענען, וויפֿיעל טעג פֿון זייער אַרבייט דער פֿעלדאַרבייטער און דער אינדוסטריע־אַרבייטער זיינען געצוואונגען אַוועקצוגעבען יעדעס יאָהר צו יענעם באַבילאָנישען געצען־בילד — דעם שטאַאַט. און אויב מיר נעהמען זיך אונטער עס אַליין אויסצוגעפֿינען, צוזאַמענצעהלענדיג אַלע יעהרליכע איינאַהמען פֿון דעם שטאַאַט, די פּראָווינציאַל-

*) אין ענגלאַנד איז די געצוואונגענע אַרבייט איינגעפֿיהרט געוואָרען נאָך דער שוואַרצער פּעסט (1349—1351). אונטער דער הערשאַפֿט פֿון דער קעניגין עליזאַבעטה איז איהר פּלאַץ פֿערנומען געוואָרען פֿון בעשטימטע אַרבייטס-פּרייזען, און אין 1814 זיינען אויך די לעצטע אָבגעשאַפֿט געוואָרען.

פֿערוואַלטונגען און די געמיינדעס, וועלען מיר אויך ניט קומען צו קיין ריכטיגען רעזולטאַט, ווייל דאָס, וואָס מיר ווילען וויסען, איז ניט וויפֿיעל געלד עס איז אַריינגעקומען, נאָר וויפֿיעל אַרבייטס-שטונדען פֿון די פּראָדוצירער עס זיינען ענטהאַלטען אין די מיליאָנען פֿונטען, וועלכע גיסען זיך אַריין אין די פֿערשידענע קאַסען פֿון'ם שטאַאַט. אַלעס, וואָס מיר קענען זאָגען, איז, אַז די קוואַנטיטעט אַרבייט, וועלכע יעדער פֿון אונז גיט אַוועק דעם שטאַאַט, איז זעהר אַ גרויסע און פֿאַר אַסך קלאַסען מאַכט עס אויס מעהרער ווי די דריי טעג אַ וואָך, וועלכע דער לייבאייגענער האָט געדאַרפֿט אַוועקגעבען דעם לאָרד אָדער בישאָף. דען מיר דאַרפֿען ניט פֿערגעסען, אַז וואָס עס זאָל ניט געטהאָן ווערען צו רעפֿאָרמירען דעם בעשטייערונגס-סיסטעם, וועט דער אַרבייטער שטענדיג זיין דער יעניגער, וועלכער וועט מוזען טראָגען די גאַנצע לאַסט. יעדער גראָשען, וואָס קומט אַריין אין דער שטאַאַטס-קאַסע, ווערט נאָך אַלע גליקען בעצאָהלט פֿון דעם אַרבייטער, פֿון דעם פּראָדוצירער.

דער שטאַאַט מעג זיך צונעהמען אַ מעהר אָדער ווייניגער גרויסען חלק פֿון די איינקינפֿטע פֿון דעם רייכען; אָבער אימיצער דאַרף שאַפֿען די איינקינפֿטע און קיינער קען עס ניט ווי נור דער, וואָס פּראָדוצירט עפּעס דורך זיין אַרבייט. דער שטאַאַט פֿאָדערט זיין חלק פֿון דער גנבה ביי דעם רייכען. אָבער פֿון וואַנען נעהמט זיך די גנבה, וועלכע שטעלט פֿאָר מיט זיך אַזוי און אַזוי פֿיעל פֿערקויפֿטע אייזען, קאָרן, פּאָרצעלאַן אָדער באַוועל? זי נעהמט זיך פֿון דער פּראָדוקטיווער טהעטיגקייט פֿון די אַרבייטער און פֿאַר קיין פֿאַל ניט פֿון ערגעץ אַנדערש. און שוין ניט רעדענדיג פֿון די רייכטהימער, וועלכע קומען פֿון אויסלאַנד און וועלכע שטעלען פֿאָר מיט זיך די פֿרוכט פֿון דער אויסבייטונג פֿון אַזוי און אַזוי פֿיעל רוסען, הינדוס, שפּאַניער, אַפֿריקאַנער אָדער פּוטומאַיאָ-אינדיאַנער, איז עס דער אַרבייטער פֿון דעם לאַנד גופא, וועלכער דאַרף אַוועקלייגען אַזוי און אַזוי פֿיעל אַרבייטס-שטונדען, אום צו פֿערגרעסערן דעם פֿערמעגען פֿון זיינע האַררען און צו צאָהלען די טאַקסעס און אָבגאַבען, וועלכע דער שטאַאַט צווינגט איהם צו צאָהלען.

אויב די אָבגאַבען דאָ אין ענגלאַנד שיינען צו זיין אַביסעל לייכטער, ווי אין די איבעריגע לענדער פֿון אייראָפּאַ, איז עס צוליעב צוויי אורזאַכען: איין אורזאַכע איז, וואָס איין העלפֿט פֿון דעם ענגלישען פּאַרלאַמענט בעשטעהט פֿון גרונד-בעזיצער, וועלכע בעגינסטיגען זייערע קלאַסען-גענאָסען ווי וויים מעגליך און לייגען ניט אַרויף אויף זיי קיין גרויסע

טאַקסעס; אָבער די וויכטיגסטע אורזאַכע איז, וואָס ענגלאַנד איז צווישען אַלע לענדער די יעניגע, וועלכע לייגט אַרויף די העכסטע טאַקסעס אויף דער אַרבייט פֿון די פּראָדוצירער פֿון אַנדערע לענדער.*)

* * *

מען דערצעהלט אונז זעהר אָפֿט, דאָס אַ פּ ר אָ ג ר ע ס י וו ע ב ע־ ש ט ײ ע ר ו נ ג פֿון די פֿערמעגענס, ד.ה. אַ טאַקסע, וואָס פֿער־העכערט זיך פּראָפּאָרציאָנעל צו די יעהרליכע איינקינפֿטע, וואָלט געווען אַ מיטעל צו צווינגען דעם רייכען צו צאָהלען מעהרער ווי דער אָרעמער. דאָס איז אויך געווען די אידעע פֿון דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט געוואָלט איינפֿיהרען אַזאַ הויכע טאַקסע, דאָס יעדע איינ־קונפֿט, וואָס וועט אַריבערשטייגען £1000 אַ יאָהר, זאָל קאָנפֿיסקירט ווערען. אָבער אַלעס, וואָס אַ בעשיידענע פּראָגרעסיווע בעשטייערונג קען היינט אויפֿטהון, איז ניט מעהר, ווי צונעהמען פֿון דעם רייכען נאָך אַ שטיקעלע פֿון דאָס, וואָס ער האָט פֿערכאַפּט פֿון דעם פּראָלעטאַריער. דאָס איז אַלעס. אָבער עס ווערט שטענדיג זיין דער אַרבייטער, וועלכער ווערט דאַרפֿען צאָהלען, און ער ווערט דאַרפֿען צאָהלען פֿיעל מ ע ה ר, ווי די איינקונפֿט־טאַקסע, וואָס דער שטאַאט ווערט אַרויפֿלייגען אויף דעם רייכען.

---

*) פֿון די גרינדליכע און אויספֿיהרליכע אונטערזוכונגען, וועלכע זיינען פֿער־עפֿענטליכט געוואָרען אין דעם „Journal of the Statistical Society“, קען מען דערזעהן, אַז די בעשטייערטע איינקינפֿטע פֿון ענגלישע קאַפּיטאַליסטען פֿאַר הלואות צו פֿרעמדע שטאַאטען און שטעדט און פֿאַר די סומען, וואָס זיי האָבען אינוועסטירט אין אויסלענדישע אייזענבאַהנען, שיף־פֿאַהרט, טעלעגראַפֿען, בענק און אינדוסטריען, בעטרעפֿט מעהר (פֿיעל מעהר) ווי £300.000.000 אַ יאָהר. דער ריינער פּראָפֿיט פֿון דעם גאַנצען ענגלישען עקספּאָרט פֿון היימישע פּראָדוקטען איז ווייניגער ווי £75 000.000 אַ יאָהר — אַ קליינע סומע אין פֿערגלייך מיט די אונגעהייערע פּראָפֿיטען, וואָס ווערען געמאַכט דורך שניידען קופּאָנען פֿון די שערס, וועלכע בע־לאַנגען צו ענגלישע קאַפּיטאַליסטען. מען קען רוהיג זאָגען, אַז די וויכטיגסטע אינ־דוסטריע דאָ אין ענגלאַנד איז ג ע ל ד א ו י ס ל י י ה ע ן. ענגלאַנד געהט פֿערנעהמען דעם פּלאַץ, וואָס האָלאַנד האָט פֿערנומען אין דעם 17טען יאָהרהונדערט — דער גרויסער מלוה פֿון דער וועלט. דערנאָך קומט פֿראַנקרייך און זאָגאַר די קליינע בעל־גיען, פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָהל פֿון איהר בעפֿעלקערונג. לויט דער בערעכנונג פֿון אַלפֿרעד נעימאַרק, בעטרעפֿט די יעהרליכע איינקונפֿט פֿון פֿראַנקרייך £75.000.000 אָבער דער יעהרליכער פּראָפֿיט פֿון פֿראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטען פֿאַר אויסלענדישע הלואות בעטרעקט £100.000.000

די מייסטע מענשען בעגרייפֿען דאָס ניט; אָבער עס איז שטענדיג אַזוי. ניט לאַנג צוריק האָבען מיר אַליין געהאַט די געלעגענהייט צו בעאָבאַכטען די דאָזיגע ערשיינונג אין בראָמלי. דאָרט איז די טאַקסע אויף בעוואוינטע הייזער פֿערהעכערט געוואָרען מיט פֿיער שילינג אַ יאָהר פֿאַר אַלע קליינע הייזלאַך, וועלכע ווערען בעוואוינט פֿון אַרבייטער. אָבער באַלד נאָך דער פֿערהעכערונג פֿון דער הויז־טאַקסע האָבען די הויז־בעזיצער געפֿאָדערט מיט זעקס פּענס מעהר דירה־געלד אַ וואָך. דער רעזולטאַט איז געוועזען, אַז יעדער איינוואוינער האָט ניט נור געמוזט בעצאָהלען די פֿערהעכערטע טאַקסע, נאָר נאָך צוויי־און־צוואַנציג שילינג מעהרער, ווי דער שטאַאַט האָט אַרויפֿגעלייגט אויף דעם הויז בעזיצער.

וואָס אָנבעלאַנגט די אונדירעקטע אָבגאַבען, ווייסען מיר אַלע, אַז עס זיינען פּונקט די זאַכען, מיט וועלכע דער אַרבייטער בענוצט זיך, וואָס ווערען אַם העכסטען בעשטייערט; און אונזערע „טאַריף רעפֿאָרמערס״ טרוימען איצט זאָגאַר צו בעשטייערן די וויכטיגסטע נאַהרונג פֿון דער בעפֿעלקערונג — ברויט. און מיר ווייסען אויך, אַז ווען די אָבגאַבען פֿערהעכערן זיך מיט עטליכע פּענים, דאַרף דער קויפֿער בעצאָהלען צוויי מאָל און דריי מאָל אַזוי פֿיעל פֿאַר זיינע פּראָדוקטען.

* * *

עס איז אַזוי קלאָר, אַז נור דער, וואָס פּראָדוצירט עפּעס, דער, וואָס שאַפֿט נייע רייכטהימער דורך זיין אַרבייט, איז דער יעניגער, וואָס קען בעצאָהלען די אָבגאַבען, אַז מיר דאַרפֿען עס גאָר ניט לענגער בעטאָנען. מיר קענען אַלזאָ רוהיג בעהויפּטען, אַז שוין ניט ריידענדיג פֿון די טאַקסעס אויף אַזעלכע איינקינפֿטע, וואָס נעהמען זיך פֿון דער עקספּלאָטאַציע פֿון פֿרעמדע אַרבייטער אין דער פֿאָרם פֿון יעהרליכע פּראָצענטען פֿאַר אויסלענדישע הלואות, ווערען אַלע אַנדערע טאַקסעס, וואָס דער שטאַאַט לייגט אַרויף אויף זיינע בירגער, אויסשליסליך בעצאָהלט פֿון די כמעט צוועלף מיליאָן אַרבייטער אין דיזען לאַנד. און דאָסזעלבע איז דער פֿאַל אין אַלע אַנדערע לענדער.

דאָ אין ענגלאַנד צאָהלט דער אַרבייטער זיינע אָבגאַבען, קאָנסומירענדיג ביער, בראַנפֿען, טהעע, קאַפֿע; צאָהלענדיג דירה־געלד צאָהלט ער אין דערזעלבער צייט די הויז־טאַקסע פֿאַר דעם הויז־בעזיצער און זאָגאַר מעהר ווי דאָס. ווען ער קויפֿט ברויט, צאָהלט ער אין דערזעלבער צייט די גרונד־טאַקסע, די הויז־טאַקסע, די טאַקסעס, וואָס דער בעקער צאָהלט אַוועק דעם שטאַאַט, דעם געהאַלט פֿון די בעקעריי־אינספּעקטאָרס, די אויסגאַבען פֿון די פֿינאַנץ־מיניסטעריום פֿאַר איינצוקאָלעקטירען

די פֿערשידענע אָבגאַבען א.ז.וו. ווען ער קויפֿט קוילען, ווען ער מאַכט אַ רייזע מיט דער אייזענבאַהן, בעצאָהלט ער ניט נור די אייגענטהימער פֿון די מאָנאָפּאָלען, וועלכע דער שטאַאַט האָט געשאַפֿען צו גונסטען די קאַפּיטאַליסטען, נאָר ער דאַרף אויך נאָך צאָהלען דעם טהייל פֿון דער גנבה, וועלכע די מאָנאָפּאָליסטען צאָהלען דעם שטאַאַט אין דער פֿאָרם פֿון טאַקסעס. מיט איין וואָרט — עס איז דער אַרבייטער, וועלכער צאָהלט אַלע טאַקסעס און אָבגאַבען, וועלכע דער שטאַאַט, די פּראָווינץ, די שטאָדט לייגען אַרויף אויף זייערע בירגער, וואָס עס זאָל ניט זיין דער כאַראַקטער פֿון די דאָזיגע אָבגאַבען.

וויפֿיעל אַרבייטס-טעג רעפּרעזענטירען אָט די אַלע טאַקסעס און אָבגאַבען? איז ניט מעגליך, אַז אויב מיר זאָלען אַלעס צוזאַמענרעכענען, וועלען מיר געפֿינען, אַז דער אַרבייטער גיט היינט אַוועק מעהר טעג פֿון זיין אַרבייט צום שטאַאַט, ווי זיינע עלטערן האָבען געדאַרפֿט אַוועקגעבען פֿאַר דעם פֿעאָדאַל-באַראָן?

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס!

דער פֿאַקט איז, אַז די בעשטייערונג גיט אונזערע רעגירער די מעגליכקייט צו ענטוויקלען די אויסבייטונג פֿון דעם אַרבייטער ביז צו אַזאַ שטופֿע, ווי עס וואָלט, אונטער אַנדערע אומשטענדען, קיינמאָל ניט מעגליך געווען; זי האַלט די מאַסען אין אַן אָבגרונד פֿון עלענד, און ניט ברעכענדיג דעם געזעץ אפילו, שאַפֿט זי אַזעלכע פֿערמעגענס, וועלכע דער קאַפּיטאַל אַליין וואָלט קיינמאָל ניט געווען אימשטאַנד אָנצוקלייבען. מיט איין וואָרט, די בעשטייערונג — ווי מיר וועלען זעהן אין דעם נעכסטען קאַפּיטעל — איז אַ מיטעל צו פֿערגרעסערן דעם עלענד פֿון דעם פּראָלעטאַריער און דעם רייכטהום פֿון דעם מאָנאָפּאָליסט.

---

IV.

## די בעשטייערונג — א מיטעל צו מאכען דעם רייכעו רייכער.

דער סיסטעם פֿון בעשטייערונג איז אַזוי בעקוועם! די נאַאיווע מענשלאַך — די „טהייערע בירגער", ווי מען אַדרעסירט זיי אין די וואַהל-פּעריאָדען — האָבען זיך צוגעוואוינט צו זעהן אין דעם דאָזיגען סיסטעם דעם מיטעל פֿאַר אויסצופֿיהרען די גרויסע ווערק פֿון דער ציוויליזאַציאָן,

וועלכע זיינען ניצליך פֿאַר דער נאַציאָן. אָבער די רעגירער ווייסען גאַנץ גוט, אַז די בעשטייערונג איז פֿאַר זיי דער בעקוועמסטער מיטעל צו מאַכען גרויסע פֿערמעגענס אויף דעם חשבון פֿון קליינע; צו פֿעראָרעמען די מאַסען און צו בערייכערן איינינע; אַ מיטעל, אום דעם בויער און אַרבייטער בעסער אַריינצוגעבען אין די הענד פֿון דעם פּראָצענטניק און דעם פֿאַבריקאַנט; צו ערמוטהיגען איין אינדוסטריע אויף דעם רעכנונג פֿון אַן אַנדערער און אַלע אינדוסטריען אויף דעם חשבון פֿון דער אַגריקולטור און דעם בויער אָדער אויף דעם חשבון פֿון דער גאַנצער נאַציאָן.

ווען אימיצער וואָלט היינט פֿאָרגעשלאָגען דעם פֿראַנצויזישען פּאַר-לאַמענט צו בעוויליגען פֿופֿציג מיליאָן פֿראַנק צו גונסטען די גרויסע גרונד-בעזיצער — אַזוי ווי סאָליסבורי האָט אין 1900 געטהאָן אין ענגלאַנד, אום צו בעלוינען זיינע קאָנסערוואַטיווע וועהלער — וואָלט זיך גאַנץ פֿראַנקרייך אויפֿגעהויבען ווי איין מאַן, און די רעגירונג וואָלט באַלד געמוזט אָבדאַנקען. אָבער מיט דער הילפֿע פֿון טאַקסעס און אָב-גאַבען נעהמט מען אַרויס אָט דיזעלבע פֿופֿציהן מיליאָן פֿון די קעשע-נעס פֿון די אָרעמע, אום דערמיט אָנצופֿילען די טאַשען פֿון די פּריווי-ליגירטע, און דאָס אַלעס ווערט געטהאָן אויף אַזאַ כיטרען אופֿן, אַז די קבצנים בעמערקען אפילו נים דעם בעטרוג. קיינער שרייט נים, קיינער פּראָטעסטירט נים, און אַלעס געהט אַזוי ווי געשמירט, אַזוי גלאַט, דאָס אפילו די, וואָס בעשעפֿטיגען זיך ספּעציעל מיט דעם שטודיום פֿון דער בעשטייערונג, בעמערקען נים די אויבען דער־מאָהנטע פֿונקציאָן פֿון דעם בעשטייערונגס־סיסטעם.

* * *

אַלעס געהט אַזוי איינפֿאַך! עס איז צ.ב. גענוג צו בעשטייערן דעם בויער מיט עטליכע סאַנטים מעהרער, זיין פֿערד, זיין וואָגען אָדער בעסער, זיינע פֿענסטער*), אום דורך דעם צו רואינירען מיט איין קלאַפּ די עקזיסטענץ פֿון צעהנדליגע טויזענדער אַקער־בויער. די, וואָס האָבען שוין סיי ווי סיי איבערגעטראָגען די ערגסטע ליידען, אום אויפֿצוהאַלטען די נאַקעטע עקזיסטענץ, די, וועלכע די קלענסטע קלייניגקייט האָט געקענט רואינירען און אַראָבשליידערן אין די רייהען פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט, ווערען דאָס

*) די זאָגענאַנטע „פֿענסטער טאַקסע" איז אפילו אָפֿיציעל אָבגעשאַפֿט געוואָרען אין פֿראַנקרייך, אָבער זי עקזיסטירט נאָך אומער אונטער אַנדערע פֿאָרמען. (דער איבערזעצער.)

מאָל פערניכטעט דורך אַ קליינע פערהעכערונג פון די אָבגאַבען. זיי פערקויפען זייער שטיקעל ערד און געהען אַריין אין שטאָדט, אום צו פערקויפען דאָרט זייערע צעהן פינגער צו ערגעץ אַ פאַבריקאַנט. אַנדערע פערקויפען זייער פערד און אַרבייטען איינגע׳עקשן׳טערהייט מיט דער לאָפּעטע, האָפענדיג, אַז עס וועט זיך זיי איינגעבען זיך צוריק אַרויפ־אַרבייטען. אָבער אַ נייע פערהעכערונג פון די אָבגאַבען מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער גיט זיי דעם לעצטען קלאַפּ: איצטער ווערען זיי אויך פראָלעטאַריער ווי זייערע פאָרגענגער.

אָט די דאָזיגע פּראָלעטאַריזירונג פון די שוואַכע דורך דעם שטאַאַט, דורך די רעגירער געהט אָן יאָהר איין יאָהר אויס, אָהן אַ שום אָבשטעל; זיי רופט ניט אַרויס קיין שום פּראָטעסטען, אויסער ביי די, וואָס זיינען רואינירט געוואָרען און וועמעס שטימען מען קען ניט דערהערען אין דער ברייטער עפענטליכקייט. וועהרענד די לעצטע פערציג יאָהר האָט זיך די דאָזיגע ערשיינונג מאַניפעסטירט אויף אַ גרויסען שטייגער אין רוסלאַנד, הויפּטזעכליך אין צענטראַל־רוסלאַנד, וואו דער חלום פון די גרויסע אינדוסטריע־באַראָנען — צו שאַפען אַ פּראָלעטאַריאַט — איז פער־ווירקליכט געוואָרען שטילערהייט מיט דער הילפע פון טאַקסעס און אָבגאַבען. ווען אַ געזעץ וואָלט פּלוצלינג רואינירט עטליכע מיליאָנען בויערן דורך אַן איינפאַכען שטריך מיט דער פעדער, וואָלט זיך אויפגע־הויבען אַ געשריי אין דער גאַנצער וועלט, זאָגאַר אין רוסלאַנד אונטער אַן אַבסאָלוטיסטישער רעגירונג. די בעשטייערונג האָט אויסגעפיהרט אויף אַ גלאַטען, שטילען אופן דאָס, וואָס דער געזעצגעבער וואָלט קיין מאָל ניט געהאַט דעם מוטה אויסצופיהרען עפענטליך.

און אונזערע עקאָנאָמיסטען, וועלכע שטאָלצירען מיט זייער טיטעל אַלס „מענער פון דער וויסענשאַפט", דערצעהלען אונז נאָך פון די גע־זעצע, וועלכע זיינען „דיקטירט" געוואָרען פון דער „עקאָנאָמישער ענט־וויקלונג", פון דעם „קאַפּיטאַליסטישען פאַטאַליזם", דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס „מאַכט זיך אַליין דעם טויט", אין דער צייט, ווען אַן איינפאַכער שטודיום פון דעם בעשטייערונגס־סיסטעם וואָלט זיי ערקלערט אַ גוטע העלפט פון אַלעס דאָס, וואָס זיי שרייבען צו צו דעם פאַטאַליזם פון די עקאָנאָמישע געזעצע. אויף אַזאַ שטייגער רואינירט מען דעם בויער און רויבט פון איהם אַוועק זיין לאַנד — אין ענגלאַנד איז דאָס געטהאָן געוואָרען אין׳ם 17טען יאָהרהונדערט; מאַרקס פלעגט עס אָנרופען די „פּרימיטיווע אָנזאַמלונג פון׳ם קאַפּיטאַל" — און דערזעלבער פּראָצעס

געהט אַן ביז היינט צו טאָג, יאָהר איין יאָהר אויס מיט דער הילפֿע פֿון יענעם בעקוועמען אינסטרומענט — דער בעשטייערונג.

די גאַנצע בעהויפּטונג, אַז דער קאַפּיטאַל איז געצוואונגען אַנצוּאַוואַקסען אַלץ מעהר און מעהר, לויט די אינערליכער געזעצע פֿון זיין אייגענער ענטוויקלונג, האָט קיין שום וויסענשאַפֿטליכען ווערטה ניט; די מאַכט פֿון'ם קאַפּיטאַל וואָלט שוין לאַנג פּאַראַליזירט געוואָרען, אָהן דער הילפֿע פֿון זיין געטרייען דיענער, דעם שטאַאַט. פֿון איין זייט שאַפֿט דער שטאַאַט שטענדיג נייע מאָנאָפּאָלען — מינען, אייזענבאַהנען, וואַסער-פֿערזאָרגונג, טעלעפֿאָנען, דערצו נאָך מאַסרעגלען געגען די אַרבייטער-אָרגאַניזאַציאָנען, פֿערפֿאָלגונגען פֿון סטרייקערס, פּריווילעגירטע ערציהונג א.ז.וו. א.ז.וו. — און פֿון דער אַנדערער זייט שאַפֿט ער ריעזיגע פֿערמעגענס און רואינירט די ברייטע מאַסען פֿון די אַרבייטער מיט דער הילפֿע פֿון טאַקסעס און אָבגאַבען.

אויב דער קאַפּיטאַליזם האָט מיטגעהאָלפֿען שאַפֿען דעם היינטיגען שטאַאַט, האָט אָבער אויך דער מאָדערנער שטאַאַט מיטגעהאָלפֿען שאַפֿען און ענטוויקלען דעם קאַפּיטאַליזם. — לאָמיר דאָס קיינמאָל ניט פֿערגעסען.

* * *

אַדאַם סמיטה האָט שוין אין דעם פֿערגאַנגענעם יאָהרהונדערט בעטאָנט די גרויסע מאַכט פֿון דעם בעשטייערונגס-סיסטעם, אָבער ער האָט ניט פֿאָרטגעזעצט זיינע אונטערזוכונגען, וועלכע ער האָט אויפֿגעבויט אויף אַ זעהר ברייטען באַזיס; און ווען מיר ווילען היינט בעווייזען די דאָזיגע מאַכט פֿון דער בעשטייערונג, מוזען מיר נעהמען אונזער ביישפּיעל פֿון איבעראַל.

לאָמיר אָננעהמען פֿאַר אונזער ערשטען ביישפּיעל די גרונד-טאַקסע, די בעשטייערונג פֿון דער ערד, וועלכע איז איינע פֿון די מעכטיגסטע וואָפֿען אין די הענד פֿון'ם שטאַאַט. דער אַכטער בעריכט פֿון דעם אַרבייטס-ביוראָ פֿון דעם שטאַאַט אילינאָיס אין אַמעריקאַ ענטהאַלט אַן איבערפֿלוס פֿון בעווייזען, וועלכע צייגען אונז, ווי אפילו אין אַ דעמאָקראַטישען שטאַאַט ווערען געמאַכט פֿערמעגענס פֿון מיליאָנען איינפֿאַך דורך די מעטהאָדען, מיט וועלכע דער שטאַאַט האָט געטראָפֿען דאָס גרונד-אייגענטהום אין שיקאַגאָ.

אָט די ריעזיגע שטאָדט האָט זיך פֿערגרעסערט מיט אַן אויסערגעוועהנליכער שנעלקייט און דערגרייכט אַ בעפֿעלקערונג פֿון 1.500.000 אין פֿופֿציג יאָהר צייט. דער שטאַאַט, אַרויפֿלייגענדיג אַ הויכע טאַקסע אויף גרונד-אייגענטהום מיט הייזער דערויף, האָט אָבער בלויז געפֿאָדערט גאַנץ

קליינע אָבגאבען פאַר דער ערד, וואָס איז נאָך נים פערבוים געווען אפילו אין די הויפּט-גאַסען, אין צענטער פון דער שטאָדט; אויף אַזא אופן האָט דער שטאַאט געשאַפען פערמעגענס פון מיליאָנען. שטיקער לאַנד אין דער אָדער יענער גרויסער גאַס, פאַר וועלכע מען האָט בע-צאָהלט מיט פופציג יאָהר צוריק £200 פאַר אַ צעהנט-חלק פון אַ העק-טאַר, זיינען היינט ווערטה £200.000.

עס איז אַלזאָ גאַנץ קלאָר, אַז ווען די בעשטייערונג פון דער ערד וואָלט געווען אַ „מעטרישע", מיט אַנדערע ווערטער, אייב די טאַקסע פאַר יעדען קוואַדראַט-מעטער לאַנד — צי די ערד איז פערבוים צי נים — וואָלט געווען דיזעלבע; אָדער, נאָך בעסער, ווען די ערד וואָלט איבער-הויפּט בעלאַנגט צו דער געמיינדע, וואָלט געווען אונמעגליך, דאָס אַזעלכע ריעזיגע פערמעגענס זאָלען זיך קענען אָנקלייבען. די שטאָדט גופא וואָלט פראָפיטירט דורך דער פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג, אראָבנעה-מענדיג די טאַקסע פון אַזוי און אַזוי פיעל הייזער, וועלכע ווערען בע-וואוינט פון אַרבייטער. היינט אָבער איז פונקט פערקעהרט — און די הייזער פון זעקס ביז צעהן שטאָק הויך, וואו די אַרבייטער וואוינען, צאָהלען דעם גרעסטען חלק פון די טאַקסעס. עס איז דער אַרבייטער, וועלכער איז געצוואונגען צו אַרבייטען, אום צו מאַכען דעם רייכען נאָך רייכער, ווי ער איז; און צום דאַנק דערפאַר צווינגט מען איהם צו לעבען אין שמוציגע, אונגעזונדטע לעכער, וועלכע — אַלע ווייסען עס — זיינען דער ערגסטער אָבהאַלט פאַר דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון איהרע בעוואוינער און גיבען אַרוים בעסערע פראָדוקטען פאַר דער אויסבייטונג דורך דעם פאַבריקאַנט. דער גאַנצער בעריכט*) איז פול מיט אינטערע-סאַנטע איינצעלהייטען און איבעראַשענדע פאַקטען וועגען דער דאָזיגער פראַגע.

* * *

אָדער נעהמט, למשל, דעם ענגלישען אַרסענאַל פון וואָוליטש. אַמאָל איז די גאַנצע געגענד, וואו וואָוליטש געפינט זיך היינט, געווען אַ וועל-דעל, וואו נור קראָליקעס האָבען געוואוינט. אָבער זייט דער שטאַאט האָט דאָרט אויפגעבוים זיין גרויסען אַרסענאַל, איז וואָוליטש און די אַרומיגע געמיינדעס געוואָרען אַ גרויסע שטאָדט, וואו 20.000 אַרבייטער זיינען

---

*) Eighth Biennial Report of the Bureau of Labour Statistics of Illinois; Taxation, 1904.

בעשעפטיגט אין די פֿאַבריקען פֿון'ם שטאַאט מיט דער פּראָדוקציאָן פֿון צושטערונגס־מאַשינען.

אין יוני 1899 האָט אַ דעפּוטאַט געפֿאָדערט פֿון דער רעגירונג, זי זאָל פֿערהעכערן דעם לוין פֿון די אַרבייטער. — „וואָס פֿאַר אַ נוצען וועט עס ברענגען?" האָט געענטפֿערט דער מיניסטער און עקאָנאָמיסט גאָשען. „די גרונד־בעזיצער וועלען סיי ווי סיי אַלעס איינשלינגען!... וועהרענד די לעצטע צעהן יאָהר צייט איז דער לוין פֿון די אַרבייטער פֿערהעכערט געוואָרען מיט צוואַנציג פּראָצענט; אָבער די רענט, וואָס דער אַרבייטער דאַרף צאָהלען, האָט זיך אין דערזעלבער צייט פֿערהע־בערט מיט פֿופֿציג פּראָצענט. די פֿערהעכערונג פֿון די אַרבייטס־פּרייזען (איך גיב דאָ איבער דעם מיניסטער'ס אייגענע ווערטער) האָט אַלזאָ בלויז געהאַט איין רעזולטאַט: זי האָט אַריינגעבראַכט די גרונד־בעזיצער און לענדלאָרדס אַ גרעסערע סומע אין זייערע טאַשען." (פֿיעלע פֿון זיי זיינען שוין געוואָרען מיליאָנערען.) עס פֿערשטעהט זיך, אַז דער אַרגו־מענט פֿון דעם מיניסטער איז ניט פֿאָלשטענדיג ריכטיג געווען; אָבער דער פֿאַקט, אַז די מיליאָנערען האָבען איינגעשלונגען דעם גרעסטען חלק פֿון די פֿערהעכערטע אַרבייטס־פּרייזען איז ווערטה אונזער בעזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט. ער איז פֿאָלקאָם ריכטיג.

פֿון דער אַנדערער זייט זיינען די איינוואוינער פֿון וואוליטש די גאַנצע צייט געצוואונגען — אַזוי ווי עס איז דער פֿאַל אין יעדער גרוי־סער שטאָדט — צו פֿערדאָפּלען און צו פֿערדרייפֿאַכען זייערע טאַקסעס, פֿאַר אויסטריקענען די ערד, צו קאַנאַליזירען און אויסצופלאַסטערן די גאַסען פֿון דער שטאָדט, וועלכע איז שוין היינט ניט מעהר אַזוי פֿער־פעסטעט ווי אַמאָל. אָבער צו דאַנקען דעם סיסטעם פֿון דער גרונד־טאַקסע און דער היינט עקזיסטירענדער איינגענטהום־שטייער אין אַלגע־מיין, איז אָט די אונגעהייערע סומע געלד בלויז געווען אַ מיטעל צו פֿערגרעסערן דעם רייכטהום פֿון די גרונד־בעזיצער. „די גרונד־אייגענ־טהימער לאָזען זיך אַלזאָ פֿון די שטייער־צאָהלערס נאָך אַמאָל בעצאָהלען אין קליינעם פֿאַר די סאַניטאַרע פֿערבעסערונגען פֿון דער שטאָדט, פֿון וועלכע זיי אַליין האָבען געהאַט דעם גרעסטען נוצען און וועלכע זיינען אויסגעפֿיהרט געוואָרען מיט דעם געלד פֿון דיזעלבע שטייער־צאָהלערס", אַזוי זאָגט זעהר ריכטיג די „קאָמריידשיפּ", דער אָרגאַן פֿון די קאָאָפּע־ראַטאָרס אין וואוליטש.

נאָך אַ ביישפּיעל: אין וואוליטש האָט מען געמאַכט אַ דאַמפּף־פּראָהם פֿאַר אַריבערצופֿאָהרען די טהעמס און צו פֿערבינדען וואוליטש

מיט לאָנדאָן. צוערשט איז דאָס געווען אַ מאָנאָפּאָל, וואָס דער פּאַרלאַמענט האָט געשאַפֿען צו גונסטען אַ געוויסען קאַפּיטאַליסט, געבענדיג איהם די ערלויבניש צו עטאַבלירען אַ פֿערבינדונגס־מיטעל אין דער פֿאָרמע פֿון אַ דאַמפּף־פּראָהם. אָבער נאָך דעם ווי עס איז אַריבער אַ געוויסע צייט און דער מאָנאָפּאָליסט האָט גענומען צו טהייער בע־צאָהלט פֿאַר דער איבערפֿאָהרט, האָט די מוניציפּאַל־פֿערוואַלטונג אָב־געקויפֿט ביי איהם דאָס רעכט אַליין אָנצוהאַלטען דעם דאָזיגען דאַמפּף־פּראָהם. פֿאַר דאָס אַלעס האָבען די שטייער־צאָהלערס געמוזט צאָהלען £220.000 אין אַכט יאָהר צייט. אָבער דערנאָך האָט זיך דער ווערטה פֿון אַ שטיקעל לאַנד נעבען דעם פּראָהם פֿערהעכערט מיט £3000, אַ מציאה, וועלכע דער גרונד־אייגענטהימער, פֿערשטעהט זיך, האָט אַריינ־געכאַפּט. און אַזוי ווי דער ווערטה פֿון דעם דאָזיגען שטיק לאַנד האַלט אין איין וואַקסען, איז דורך דעם ענטשטאַנען אַ נייער מאָנאָפּאָל, אַ נייער קאַפּיטאַליסט צו דער גרויסער צאָהל, וועלכע דער ענגלישער שטאַאַט האָט שוין בעשאַפֿען.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. די אַרבייטער פֿון די רעגירונגס־פֿאַבריקען אין וואולידש האָבען געגרינדעט אַ טרייד־יוניאָן, און עס האָט זיך זיי איינגעגעבען צו בעקומען אַ העכערן לוין ווי מען צאָהלט אין אַנדערע פֿאַבריקען פֿון דערזעלבער אינדוסטריע. זיי האָבען אויך געגרינ־דעט אַ קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציאָן און האָבען פֿערקלענערט זייערע אויסגאַבען צום לעבען מיט אַ פֿערט־חלק. איצט איז געקומען „די שניט-צייט" פֿאַר די עקספּלאָאַטאָרס. ווען איינעם פֿון די דאָזיגע הערן האָט זיך פֿערוועלט פֿערקויפֿען אַ שטיק פֿון זיין ערד, האָט זיין אַגענט אין די לאָקאַלע צייטונגען פֿערעפֿענטליכט די פֿאָלגענדע אַנאָנסע: — „נעה־מענדיג אין אָנבעטראַכט די הויכע אַרבייטס־פּרייזען, וואָס מען צאָהלט די אַרסענאַל־אַרבייטער צו דאַנקען זייער טרייד־יוניאָן און די עקזיסטענץ פֿון אַ בליהענדער קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציאָן אין וואולידש, איז די געגענד אויסערגעווערנליך גינסטיג פֿאַר צו בויען אַרבייטער־וואוינונגען." (די אַנאָנסע איז ווערטליך איבערגעגעבען.) מיט אַנדערע ווערטער מיינט דאָס: „עס מאַכט ניט אויס, מיינע הערן, אַז איהר וועט צאָהלען טהייער פֿאַר דעם שטיקעל ערד; די אַרבייטער, וואָס וועלען וואוינען אין אייערע הייזער, וועלען אייך שוין צוריקקעהרען אייער געלד מיט פּראָ־צענט!" און מען צאָהלט, מען קויפֿט לאַנד צום בויען, און מען בויט, וויסענדיג, אַז דער אַרבייטער וועט שפּעטער מוזען בעצאָהלען פֿאַר אַלעס.

אָבער דאָס איז נאָך אויך ניט אַלעס. — איניגע ענטהוזיאַסטען

האָבען אַוועקגעלייגט אַסך מיה און אַ געוואַלטיגע אַרבייט, ביז עס האָט זיך זיי איינגעגעבען צו גרינדען אין דיזעלבע וואוליטש אַ מין קאָאָפּעראַטיווע שטעדטעל פֿון קליינע הייזלאַך פֿאַר אַרבייטער. אַ קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציאָן האָט געקויפֿט די ערד, מען האָט איהר אויסגעטריקענט, קאַנאַליזירט, געמאַכט די גאַסען — אַלעס אויף אַ קאָאָפּעראַטיווען אופֿן. דערנאָך האָט מען פֿערקויפֿט די שטיקלאַך ערד איינציגווייז צו די אַרבייטער און דיזעלבע קאָאָפּעראַציאָן האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט צו בויען זייערע הייזלאַך אונטער זעהר בעקוועמע פֿינאַנציעלע בעדינגונגען. די גרינדער פֿון דער אונטערנעהמונג זיינען געווען גליקליך. זיי האָבען געהאַט אַ פֿאָלשטענדיגען ערפֿאָלג, און זיי האָבען זיך ערקונדיגט אונטער וועלכע בעדינגונגען זיי קענען קויפֿען נאָך אַ העקטאַר פֿון די אַרומיגע לאַנד. זייער ערשטע שטיקעל לאַנד האָבען זיי בעצאָהלט מיט £1480 פֿאַר אַ העקטאַר. — איצטער האָט מען פֿון זיי געפֿאָדערט £3000 פֿאַר אַ העקטאַר. — פֿאַר וואָס? זעהר איינפֿאַך: — „מיינע הערען, אייער קאָאָפּעראַטיווע שטאָדט האָט זיך אויסגעצייכענט ענטוויקעלט, און דעריבער האָט זיך דער ווערטה פֿון דעם לאַנד פֿערדאָפּעלט.“

גאַנץ נאַטירליך! אויב דער שטאַאַט האָט געשאַפֿען און האַלט אויף דעם מאָנאָפּאָל פֿון גרונד־אייגענטהום צו גונסטען דיזען אָדער יענעם הערר, איז עס דערפֿאַר, אַז דער דאָזיגער הערר זאָל זיך קענען בערייכערן און אום צו פֿערהינדערן, אַז די אַרבייטער-שטאָדט זאָל זיך ווייטער ענטוויקלען, ווי עס איז געווען די אַבזיכט פֿון די אַרבייטער.

„עס לעבע דער שטאַאַט!“

„אַ־בייט פֿאַר אונז, אָרעמע בהמה, וואָס דו גלויבסט, אַז דו קענסט פֿערבעסערן דיין שיקזאַל דורך קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציאָנען, ניט האַבענדיג דעם מוטה זיך צוצו־יהרען אין דערזעלבער צייט צום פּריוואַט־אייגענטהום און צו דעם בעשטייערונגס-סיסטעם פֿון'ם שטאַאַט.“

* * *

אָבער עס איז גאָר ניט נייטיג צו געהן נאָך שיקאַגאָ אָדער וואוליטש; זעהען מיר דען ניט אין יעדער גרויסער שטאָדט, אַז דורך דעם וואָס דער שטאַאַט בעשטייערט די פֿינף און זעקס-שטאָקיגע הייזער, וואו די אַרבייטער וואוינען, פֿיעל העכער ווי דעם פּריוואַט-האָטעל פֿון דעם רייכען, שאַפֿט ער אַ געוואַלטיגען פּריווילעגיום פֿאַר דעם לעצטען? ער ערלויבט איהם צו געניסען דעם מעהר־ווערטה, וואָס זיין אייגענטהום בעקומט דורך דער פֿערגרעסערונג און פֿערשעהנערונג פֿון דער שטאָדט;

אָבער עס זיינען די טאַקסעס פֿון די זעקס־שטאָקיגע הייזער, וואו דאָס עלענד יאַוועט זיך, די טאַקסעס, וועלכע ווערען בעצאָהלט מיט די אָרעמע לוינען פֿון די אַרבייטער, פֿון וועלכע מען נעהמט הויפּטזעכליך די מיט־לען צו פֿערשעהנערן די שטאָדט!

מען וואונדערט זיך, וואָס די שטעדט פֿערגרעסערן זיך אַזוי שנעל אויף דעם חשבון פֿון די דערפֿער. מען וויל איינפֿאַך ניט זעהן, אַז די גאַנצע פֿינאַנץ־פּאָליטיק פֿון דעם 19טען יאָהרהונדערט איז געווען צו בעשטייערן דעם אַקער־בויער — דעם אמת׳ן פּראָדוצירער, דערפֿאַר וואָס ער קען היינט דריי, פֿיער און צעהן מאָל מעהר פּראָדוקטען אַרויסבעקומען פֿון דער ערד ווי אַמאָל — פֿאַר דעם נוצען פֿון די שטעדט, ד.ה. פֿאַר דעם נוצען פֿון די באַנקירען, אַדוואָקאַטען, קאָמער־ציאַנטען און פֿאַר דער גאַנצער באַנדע פֿון ליידיג־געהער און רעגירער.

זאָל מען אונז ניט דערצעהלען, אַז די דאָזיגע גרינדונג פֿון מאָנאָ־פּאָלען צו גונסטען די רייכע איז ניט דער אייגענטליכער וועזען פֿון דעם מאָדערנעם שטאַאַט און די אורזאַכע פֿון דער סימפּאַטיע, וועלכע ער געפֿינט ביי די רייכע און געבילדעטע, וואָס האָבען דורכגעמאַכט די העכערע שטאַאַטס־שולען. אָט האָט איהר אַן אויסגעצייכענטען ביישפּיעל, וועלכער איז נאָך גאַנץ ניי, מכח דער אָנווענדונג פֿון דער בעשטייערונגס־סיסטעם אין אַפֿריקאַ.

עס איז בעקאַנט, אַז דער הויפּט־מאָטיוו פֿון דער מלחמה צווישען ענגלאַנד און די באָערס, איז געווען אָבצושאַפֿען דעם געזעץ פֿון די באָ־ערס, וועלכער האָט ניט ערלויבט, אַז מען זאָל קענען צווינגען די שוואַרצע צו אַרבייטען אין די גאָלד־מינען. די ענגלישע קאָמפּאַניס, ייאָס האָבען זיך געגרינדעט צו עקספּלאָאַטירען די מינען, האָבען ניט געמאַכט דעם פּראָפֿיט, וועלכען זיי האָבען ערוואַרטעט. אָט זיינען איניגע ווערטער, וואָס דער גראַף גרעי האָט געזאָגט אין פּאַרלאַמענט: „איהר דאַרפֿט זיך איין פֿאַר אַלע מאָל אַרויסשלאָגען דעם געדאַנק פֿון קאָפּ, אַז איהר וועט קענען ענטוויקלען אייערע מינען דורך די אַרבייט פֿון די וויסע... מען וואָלט עס געקענט אויספֿיהרען, ווען מען זאָל בעשטייערן יעדען הייזעל פֿון די שוואַרצע מיט אַ פֿונט, אַזוי ווי מיר האָבען שוין געטהאָן אין באַזוטאָ־לאַנד; אויך וואָלט מען געקענט איינפֿיהרען אַ קליינע אַרבייטס־טאַקסע (15 שילינג) פֿאַר די שוואַרצע, וועלכע קענען ניט בעווייזען שוואַרץ אויף וויים, אַז זיי האָבען געאַרבייט פֿיער מאָנאַט (אַ יאָהר) ביי וויסע.״*

*) Hobson, The War in South Africa, p. 234.

אויף אַזאַ שטייגער איז די לייבאייגענשאַפֿט, וועלכע מען האָט ניט געהאַט קיין מוטה ווידער עפֿענטליך איינצופֿיהרען, צוריק עטאַבלירט געוואָרען מיט דער הילפֿע פֿון דעם בעשטייערונגס־סיסטעם. לייגט אַרויף אויף יעדעם אָרעמע הייזעל אַ טאַקסע פֿון אַ פֿונט, און די לייב־אייגענשאַפֿט שטייגט ווידער אויף תחית־המתים! און ראַד, דער אַגענט פֿון סעסיל ראָודהס, האָט אַליין אַרויסגעלאָזט די קאַץ פֿון זאַק, שרייבענדיג: „אויב מיר האָבען אויסגעשלאַכט מיט אונזערע מאַקסים קאַנאָנען צעהן ביז צוואַנציג טויזענד דערווישעס, ווייל די אינטערעסען פֿון דער ציוויליזאַציאָן האָבען עס כלומר'שט געפֿאָדערט, דאַן איז עס זיכער ניט קיין געוואַלט־אַקט צו צווינגען די איינגעבוירענע פֿון זיד־אַפֿריקאַ, זיי זאָלען אָבגעבען דריי מאָנאַט אין אַ יאָהר פֿאַר עהרליכע אַרבייט.״ שטענדיג דיזעלבע צוויי אָדער דריי טעג אַרבייט אַ וואָך פֿאַר דעם האַרר — מען קען פֿון זיי קיינמאָל ניט פטור ווערען! וואָס אָנבעלאַנגט די בעצאָהלונג פֿאַר דער „עהרליכער אַרבייט״, ערקלערט אונז ראַד אויסדריקליך, אַז צוויי פֿונט צעהן אָדער צוויי פֿונט פֿופֿצעהן אַ מאָנאַט איז אַ „קראַנקהאַפֿטע סענטימענטאַליטעט״. אַ פֿערט חלק פֿון דער דאָזיגער סומע איז פֿאָלשטענדיג גענוג. אויף אַזאַ אופֿן וועט דער שוואַרצער קיינמאָל ניט קענען אָנקלייבען רייכטהימער און וועט שטענדיג מוזען בלייבען אַ לייבאייגענער. מען דאַרף אָוועקרייבען פֿון איהם אין דער פֿאָרם פֿון טאַקסעס און אָבגאַבען דאָס, וואָס ער בעקומט אַלס לוין פֿאַר זיין אַרבייט; מען דאַרף זעהן, אַז ער זאָל זיך ניט קענען אָבּ־רוהען!

און ווירקליך, זייט די ענגלענדער זיינען געוואָרען די הערשער פֿון טראַנסוואַל און פֿון די „שוואַרצע״, איז די אויסגראָבונג פֿון גאָלד געוואַקסען פֿון £12.480.000 אויף £35.000.000. אַן ערך צוויי הונדערט טויזענד „שוואַרצע״ זיינען איצטער געצוואונגען צו אַרבייטען אין די גאָלד־גריבער, אום צו פֿערמעהרען דעם רייכטהום פֿון די קאָמפּאַניס, וועלכע זיינען געווען די הויפּט פֿעראורזאַכער פֿון דער מלחמה.

אָבער דאָס, וואָס די ענגלענדער האָבען געטהאָן אין אַפֿריקאַ, אַריינפֿיהרענדיג די שוואַרצע אין אַ צושטאַנד פֿון שטענדיגען עלענד, כדי זיי זאָלען זיין געצוואונגען צו אַרבייטען פֿאַר די קאָמפּאַניס; דאָסזעלבע האָט געטהאָן דער שטאַאַט געגען די בויערן וועהרענד דריי הונדערט יאָהר צייט אין גאַנץ אייראָפּאַ; און ער טהוט עס נאָך היינט, אום צו צווינגען די אַרבייטער אין די שטעדט צו אַרבייטען פֿאַר זייערע האַררען.

און טראָץ דעם דערצעהלען אונז אונזערע אוניווערזיטעטס־געלעהרטע נאָך אַלץ מכח די „אונפערמיידליכע און אונפערענדערליכע געזעצע״ פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע!

אָט האָט איהר נאָך אַ ביישפּיעל אויס דער מאָדערנער געשיכטע, וועלכער צייגט אונז, וואָס די בעשטייערונג קען אויפטהאָן פאַר דעם קאַפּיטאַליסט. מען וואָלט דעם דאָזיגען ביישפּיעל געקענט אָנרופען: „ווי אַזוי די ברימישע רעגירונג נעהמט צו £184.000 פון דער נאַציאָן און גיט עם אַוועק צו די גרויסע טהעע־הענדלערס, — אַ דראַמאַטישע סקיצע אין איין אַקט.״ שבת דעם 3טען מערץ 1900 האָט מען זיך דערוואוסט אין לאָנדאָן, אַז די רעגירונג געהט פערהעכערן די טאַקסע אויף טהעע, וואָס קומט אַריין אין ענגלאַנד, מיט צוויי פענס מעהר אויף׳ן פונט. באַלד דערויף, שבת און מאָנטאָג, האָט מען אַרויסגענומען צוויי־און־צוואַנציג מיליאָן פונט טהעע פון דעם לאָנדאָנער צאָל־הויז, פאַר וועלכע די אייגענטהימער האָבען נאָך בעצאָהלט די אַלטע טאַקסע. אָבער דיענסטאָג איז דער טהעע שוין פערקויפט געוואָרען אין גאַנץ לאָנדאָן מיט צוויי פענס טהייערער פער פונט. ווען מיר רעכענען אַלזאָ נור די דאָזיגע 22.000.000 פונט טהעע, מאַכט דאָס אַליין אַ פּראָפיט פון 44.000.000 פענים פאַר די גרויסע טהעע־הענדלער. אָבער דיזעלבע געשיכטע האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין אַלע איבעריגע צאָל־הייזער, אין ליווערפּול, אין שאָטלאַנד א.ז.וו., שוין ניט רעדענדיג פון דעם טהעע, וואָס מען האָט שוין פריהער אַרויסגענומען פון די צאָל־הייזער, נאָך איידער מען האָט זיך דערוואוסט וועגען דער פערהעכערונג פון דער טאַקסע. אַלעס צוזאַמען וועט עס זיכער אויסמאַכען אַן ערך £400.000, וועלבע דער שטאַאַט האָט איינפאַך אַ וועקגעשיינקט צו די רייכע טהעע־הענדלער.

דאָסזעלבע איז געוועזען דער פאַל מיט טאַבאַק, ביער, בראַנפען, וויין, — און אויף אַזאַ שטייגער זיינען די רייכע געוואָרען רייכער מיט אַן ערך אַ מיליאָן פונט אויף דעם חשבון פון די אָרעמע. „עס לעבע די בעשטייערונג! לעבען זאָל דער שטאַאַט!״

און אייך, די קינדער פון די אָרעמע, לערנט מען אין די פאָלקסשולען — די קינדער פון די רייכע לערנען עפּעס אַנדערש אין די אוניווערזיטעטען — אַז דער בעשטייערונגס־סיסטעם איז ספּעציעל געמאַכט געוואָרען, כדי די אָרעמע, גוטע בויערן זאָלען מעהר ניט זיין געצוואונגען צו אַרבייטען אומזיסט עטליכע טעג אין דער וואָך און בעסער צאָהלען אַ קלייניגקייט יעדעס יאָהר אין די קאַסען פון׳ם שטאַאַט. און איצט דערצעהלט אייערע עלטערן, וועלכע זיינען איינגעבויגען פון דער אַרבייט און פון

דער היימישער ווירטשאַפֿט, אַז מען לערנט אייך אַ גרויסע און שעהנע וויסענשאַפֿט — די פּאָליטישע עקאָנאָמיע!...

* * *

און לאָמיר ווירקליך נעהמען פֿאַר אַ ביישפּיעל דעם עפֿענטליכען אונטערריכט! מיר האָבען דורכגעמאַכט אַ גוט שטיקעל פּראָגרעס פֿון יענע צייט אָן, ווען אין דער קאָמונע גופא האָט זיך געפֿונען אַ הויז פֿאַר דער שולע, און ווען דער לעהרער, דער וויסענשאַפֿטס־מאַן, דער פֿיזיקער, דער פֿילאָזאָף האָבען גרופּירט אַרום זיך פֿרייוויליגע שילער, אום זיי בעקאַנט צו מאַכען מיט די געהיימניסע פֿון זייער וויסענשאַפֿט אָדער פֿון זייער פֿילאָזאָפֿיע. היינט אָבער בעקומען מיר די ערציהונג פֿריי דורך דעם שטאַאַט אין אויף אונזער השבון, פֿערשטעהט זיך; מיר האָבען גימנאַזיומס, אוניווערזיטעטען, די אַקאַדעמיע, וויסענשאַפֿטליכע געזעל־שאַפֿטען, וועלכע ווערען אונטערשטיצט פֿון׳ם שטאַאַט, וויסענשאַפֿטליכע מיסיאָנען און ווייס איך, וואָס נאָך.

אַזוי ווי דער שטאַאַט פֿאָדערט גאָר ניט קיין בעסערע זאַך, ווי שטענדיג צו פֿערברייטערן דעם געביעט פֿון זיין טהעטיגקייט, און אַזוי ווי די בירגער זיינען העכסט צופֿרידען, וואָס זיי דאַרפֿען זיך ניט זאָרגען און צוברעכען די קעפּ וועגען אַנגעלעגענהייטען פֿון אַלגעמיינער וויכטיג־קייט — זיי זיינען שטענדיג צופֿרידען, ווען זיי קענען זיך „בעפֿרייען" פֿון זייערע מיטבירגער און איבערלאָזען די געמיינשאַפֿטליכע אַנגעלעגענ־הייטען צו אַ דריטען — געהט אַלצדינג אַזוי ווי געשמירט. — „דעם אונטערריכט, וואָס אייערע קינדער וועלען ערהאַלטען, מיינע הויך־גע־שעצטע הערען און דאַמען?" זאָגט דער שטאַאַט. „כדי אייך צו פֿער־לייכטערן אייערע זאָרגען, וועלען מיר אייך אפילו ניט ערלויבען, איהר זאָלט זיך אַריינמישען אין דער ערציהונג. מיר וועלען אויסאַרבייטען די פּראָגראַמען, — און קיין קריטיק, זייט אַזוי גוט! פֿריהער פֿון אַלעם וועלען מיר פּאַראַליזירען די מוחות פֿון אייערע קינדער מיט דעם שטו־דיום פֿון אַלטע שפּראַכען און פֿון דער גרויסקייט פֿון׳ם רוימישען רעכט. דערמיט מאַכט מען זיי אונטערטהעניג און געהאָרכזאַם. דערנאָך וועלען מיר איינפֿלאַנצען אין זיי דעם רעספּעקט צום שטאַאַט און צו דער רע־גירונג און אין דערזעלבער צייט די פֿעראַכטונג צו דער גרויסער בעהערשטער מאַסע, כדי דער רעוואָלוציאָנערער גייסט זאָל ניט האָבען קיין ווירקונג אויף זיי. מיר וועלען זיי מאַכען גלויבען, אַז די, וואָס האָ־בען געלערנט לאַטייניש, זיינען דאָס זאַלץ פֿון דער ערד, די אָנטריי־בענדע קראַפֿט פֿון׳ם פּראָגרעס, אָהן וועלכע די מענשהייט וואָלט ניט

געקענט עקזיסטירען. איהר וועט קלייבען נחת דערפון; און זיי וועלען גלויבען אין דעם דאַזיגען נס און ווערען שטאָלץ און אַמביציעז ווי דער טייוועל אַליין. אָט דאָס ווילען מיר גראַדע. מיר וועלען זיי לערנען, אַז דאָס עלענד פון די מאסען איז אַ „געזעץ פון דער נאַטור". און זיי וועלען זיין ענטציקט עס צו לערנען און וועלען שטענדיג ווידערהאָלען די דאָזיגע „וואהרהייט". פערשטעהט זיך, אַז מיר וועלען מאָדיפיצירען דעם אונטעררכבט לויט דער פערענדערליכקייט פון דעם געשמאַק אין די פערשידענע צייטען; מיר וועלען זיי איינמאָל ערקלערען, דאָס עס איז גאָט'ס ווילען און אַן אַנדערש מאָל, דאָס עס איז אַן „אייזערנער געזעץ", אַז דער אַרבייטער בלייבט שטענדיג אָרעם, אָנשטאָט צו ווערען רייכער, דערפאַר וואָס ער פערגעסט זיך אין זיין וואָהלזיין, ביז וואַנען ער האָט צו פערזאָרגען קינדער. די גאַנצע ערציהונג האָט דעם צוועק איינצורייזען אייערע קינדער, דאָס אויסערהאַלב דער השגחה פון דעם שטאַאַט איז ניטאָ קיין גליק. און איהר, פערשטעהט זיך, וועט דאָך אַפּלאָדירען!

„און נאָך דעם ווי דאָס פאָלק האָט אונז פריהער בעצאָהלט די קאָסטען פאַר דעם גאַנצען אונטעררכבט — עלעמענטאַרע, העכערע, אַקאַדעמישע און אוניווערזיטעטס־ערציהונג, וועלען מיר אַלעס איינריכטען אויף אַזאַ שטייגער, אַז די זיהן פון דער בורזשואַזיע זאָלען בעקומען דעם בעסטען טהייל. און דאָס פאָלק, אָט דער גרויסער גוטער מאַן מיט די אָפענע הענד וועט שטאָלצירען מיט זיינע אוניווערזיטעטען און זיינע ווי־סענשאַפטס־מענער און וועט אפילו ניט בעמערקען, ווי מיר פערשאַפען דער רעגירונג אַ מאָנאָפאָל פאַר די, וואָס האָבען גענוג געלד, אום צו שיקען זייערע קינדער אין די גימנאַזיאומס און אוניווערזיטעטען. ווען מיר וואָל־טען זיי געזאָגט דעם ריינעם אמת: מען וועט אייך לאָזען רעגירען, ריכ־טען, אָנקלאָגען און פערטהיידיגען, ערציהען און פערדומען דורך רייכע פאַר די אינטערעסען פון די רייכע — וואָלטען זיי געווים רעוואָלטירט געגען אַזאַ פערזוך. אָבער מיט דער הילפע פון דעם בעשטייערונגס־סיסטעם און אייניגע גוטע, זעהר „ליבעראַלע" געזעצע דערצעהלט מען דעם פאָלק, אַז מען דאַרף פריהער אָבגעבען צוואַנציג עקזאַמענס, איי־דער מען קען בעקומען די שטעלונג פון אַ ריכטער אָדער אַ מיניס־טער. — און דאָס פאָלק איז צופרידען און געפינט עס גאַנץ אין דער אָרדנונג."

אָט אַזוי דרעהט זיך דאָס רעדעל: די רעגירונג פון די גרונד־בעזיצער און די רייכע בורזשואַזי, געגען וועלכע דאָס פאָלק האָט פרי־הער רעוואָלטירט, ווען עס האָט איהר געזעהן אין איהר אמת'ער

געשטאַלט, איז היינט צוריק אויפגעבויט געוואָרען אונטער אַן אַנדער פאָרמע מיט דער צושטימונג און במעט מיט דער בעגייסטערונג פון׳ם פאָלק — אונטער דער מאַסקע פון דער בעשטייערונג.

* * *

מיר ווילען שוין איצט ניט רעדען וועגען דער מיליטער־בעשטייערונג, ווייל יעדער ווייסט היינט שוין, וואָס דאָס איז אַזוינס. איז דען די אַרמעע ניט שטענדיג געווען אַ מיטעל אויפצוהאַלטען די שקלאַפעריי פון׳ם פאָלק? און איז דען אַ רעגולערע אַרמעע, ווען עס איז, געווען אימשטאַנד צו פערטאַפען אַ לאַנד, ווען זי האָט זיך בעגעגענט מיט אַ בעוואַפענטען פאָלק?

אָבער פערשטעהט נור די וויכטיגקייט פון דער דאָזיגער בעשטייערונג — צי זי איז אַ דירעקטע אָדער אַן אונדירעקטע: אויף דער ערד, אויף דעם יעהרליכען איינקונפט אָדער אויף דער קאָנסומציאָן, פאַר צו קאָנצענטרירען די חובות פון׳ם שטאַאַט אָדער אום זיי כלומר׳סט צו בעצאָהלען (דען מען טהוט עס קיינמאָל ניט); נעהמט למשל די בעשטייערונג פאַר דעם קריעג, אָדער פאַר דעם עפענטליכען אונטעררריכט — אַנאַליזירט איהר, זעהט פון וואַנען מען נעהמט איהר אין לעצטער ליניע, און איהר וועט זיין איבעררראַשט פון דער געוואַלטיגער און אַלמעכטיגער קראַפט, וועלכע מיר האָבען אַריינגעלייגט אין די הענד פון אונזערע רעגירער.

די בעשטייערונג איז די בעקוועמסטע פאָרם פאַר די רייכע צו האַלטען דאָס פאָלק אין אַ צושטאַנד פון שטענדיגען עלענד. זי איז דער מיטעל, מיט וועלכען מען רואינירט גאַנצע קלאַסען בויערן און אינדוסטריע־אַרבייטער, נאָך דעם ווי עס האָט זיך זיי איינגעגעבען דורך געוואַלטיגע אָנשטריינגונגען צו פערבעסערן אַביסעל זייער צושטאַנד. זי איז אויך אין דערזעלבער צייט דער בעקוועמסטער אינסטרומענט צו מאַכען די רעגירונג צום אייביגען מאָנאָפאָל פון די רייכע. און זי שאַפט אויך אונטער פערשיעדענע פאָרמען די מעגליכקייט צו שמיעדען וואַפען, וועלכע וועלען דיענען אַלס די שרעקליכע פערניכטונגס־מיטלען געגען דאָס פאָלק, אין דעם מאָמענט, ווען עס וועט זיך אויפהויבען געגען זיינע אונטערדריקער.

אַזוי ווי אַ פיאַווקע מיט טויזענד קעפ און טויזענד מיילער, עהנליך צו יענע ים־מאָנסטערס, פון וועלכע די אַלטע ערצעהלונגען בעריכטען אונז, אַזוי הילט דער שטאַאַט היינט איין די גאַנצע געזעלשאַפט און קאַנאַליזירט אַלע אינדיווידועלע קרעפטע אויף אַזאַ שטייגער, אַז זיי פיהרען

שטענדיג צו דער בערייכערונג און צום שטאַאטס-מאָנאָפּאָל פֿון די פּריווילעגירטע קלאַסען.

און אַזוי לאַנג ווי דער שטאַאט וועט עקזיסטירען, בעוואַפֿענט מיט דעם בעשטייערונגס-סיסטעם, אַזוי לאַנג וועט דער אַרבייטער קיינמאָל ניט בעפֿרייט ווערען, ניט אויף דעם וועג פֿון רעפֿאָרמען און אפילו ניט דורך אַ רעוואָלוציאָן. דען אויב די רעוואָלוציאָן וועט ניט פֿערניכטען אָט די פּיאַווקע, אָבשניידען איהר איהרע טויזענד קעפּ מיט די טויזענד מייַלער — וועט דער מאָנסטער דערשטיקען די רעוואָלוציאָן. די רעוואָלוציאָן גופא וועט מוזען דיענען אַלס אַ מיטעל פֿאַר דעם מאָנאָפּאָל, אַזוי ווי עס איז געוועזען דער פֿאַל אין 1793.

---

V.

## די מאָנאָפּאָלען.

לאָמיר פֿאָרטזעצען אונזער אונטערזוכונג, ווי אַזוי דער מאָדערנער שטאַאט, אין דער פֿאָרמע ווי ער האָט זיך ענטוויקעלט אין אייראָפּאַ נאָך דעם 16טען יאָהרהונדערט און שפּעטער אין די יונגע רעפּובליקען פֿון נאָרד־און זיד־אַמעריקאַ, לאָמיר פֿאָרטזעצען אונזער אונטערזוכונג, ווי אַזוי דער שטאַאט האָט אונטעריאָכט דעם אינדיווידואום. נאָך דעם ווי ער האָט פֿריהער אָנערקענט די פּערזענליכע בעפֿרייאונג פֿון געוויסע שיכטען אין דער געזעלשאַפֿט, וועלכע האָבען אין די פֿרייע שטעדט צובראָכען דעם יאָך פֿון דער לייבאייגענשאַפֿט, האָט ער זיך בענוצט מיט אַלע מיטלען, אום אויפֿצוהאַלטען וואָס לענגער די לייב-אייגענשאַפֿט פֿון די בויערן און האָט שפּעטער צוריק איינגעפֿיהרט די עקאָנאָמישע לייבאייגענשאַפֿט פֿון אַלע אונטער אַ נייער פֿאָרמע, אַרויפֿלייגענדיג אויף זיינע אונטערטהאַנען דעם יאָך פֿון זיינע בעאַמטע און פֿון אַ גאַנץ נייער קלאַס פֿון פּריווילעגירטע: די ביראָקראַטיע, די קירכע, די גרונד־אייגענטהימער, די קויפֿלייט און די קאַפּיטאַליסטען. און מיר האָבען געזעהן, ווי קלוג דער שטאַאט בענוצט זיך מיט דעם בעשטייערונגס-סיסטעם, אום צו דערגרייכען דעם דאָזיגען צוועק.

איצטער וועלען מיר זיך אַביסעל נעהנטער צוקוקען צו אַן אַנדער וואַפֿע, מיט וועלכע דער שטאַאט פֿערשטעהט זיך אַזוי גוט צו בענוצען,—

די גרינדונג פֿון פּריווילעגיעס און מאָנאָפּאָלען צו גונסטען איינינע פֿון זיינע אונטערטהאַנען און צום שאָדען פֿון אַלע איבעריגע. אָט דאָ זעהען מיר דעם שטאַאט אין זיין אייגענטליכער פֿונקציאָן, ערפֿילענדיג זיין אמת'ע מיסיאָן. ער האָט ערפֿילט די דאָזיגע אויפֿגאַבע פֿון דעם סאַמע אָנפֿאַנג פֿון זיין עקזיסטענץ; זי אַליין האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו ענטוויקלען זיך און צו פֿעראייניגען אונטער זיין פּראָטעקציאָן דעם גרונד־בעזיצער, דעם סאָלדאַט, דעם פּריעסטער און דעם ריכטער. נור פֿאַר דיזען פּרייז האָט מען אָנערקענט דעם הערשער. און צו דער דאָזיגער מיסיאָן איז ער געבליבען געטריי ביז דעם היינטיגען טאָג; ווען ער וואָלט פֿערנאַכלעסיגט אָט די אויפֿגאַבע, ווען ער וואָלט אויפֿגעהערט צו זיין אַ געגענזייטיגע פֿערזיכערונגס־קאָמפּאַניע פֿון די פּריווילעגירטע, וואָלט עס געווען זיין אונטערגאַנג, — דער טויט פֿון דער אינסטיטוציאָן, וועלכע האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזט פֿון אויג דעם אויבען דערמאָהנטען ציעל אין פֿערלויף פֿון איהר היסטאָרישער ענטוויקלונג און וועלכע מיר רופֿען אָן מיט דעם נאָמען שטאַאט.

עס איז העכסט אינטערעסאַנט צו זעהן, ביז צו וועלכען גראַד די עטאַבלירונג פֿון די מאָנאָפּאָלען צום נוצען פֿון די יעניגע, וועלכע זיינען שוין פֿריהער געווען די בעזיצער פֿון מאָנאָפּאָלען דורך זייער אָבשטאַמונג אָדער דורך זייער טהעאָקראַטישע אָדער מיליטערישע מאַכט, איז געווען דער אייגענטליכער קווינטעסענץ פֿון יענער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע האָט זיך וועהרענד דעם 16טען יאָהרהונדערט ענטוויקעלט אין אייראָפּאַ, אום צו פֿערנעהמען דעם פּלאַץ פֿון די פֿרייע שטעדט פֿון'ם מיטעלאַלטער.

עס מאַכט ניט אויס, וועלכע נאַציאָן מיר וועלען נעהמען פֿאַר אַ ביישפּיעל — צי פֿראַנקרייך, ענגלאַנד, צי די דייטשע, איטאַליענישע אָדער סלאַווישע שטאַאטען — דער שטאַאט האָט איבעראַל אַרויסגעצייגט דעמזעלבען כאַראַקטער. אָט דעריבער איז פֿאָלשטענדיג גענוג צו וואַרפֿען אַ בליק אויף דער ענטוויקלונג פֿון די מאָנאָפּאָלען פֿון איין נאַציאָן — לאָמיר זאָגען פֿון ענגלאַנד, למשל, וואו מען האָט אַם גרינדליכסטען שטודירט די דאָזיגע ענטוויקלונג — אום מיר זאָלען פֿערשטעהן און בעגרייפֿען די אייגענטליכע ראָלע פֿון דעם שטאַאט אין דעם לעבען פֿון אַלע מאָדערנע נאַציאָנען.*) ניטאָ קיין שום אויסנאַהמע!

* * *

*) פֿאַר ענגלאַנד האָבען מיר דאָס ווערק פֿון פּראָפֿעסאָר הערמאַן ליוויי, „מאָנאָפּאָלען, קאַרטעלען און טראָסטס“, וועלכעס איז ערשיענען אין 1909 און איבערזעצט

מען קען גאַנץ דייטליך בעמערקען, ווי די עטאַבלירונג פֿון דעם מאָדערנעם שטאַאַט אין ענגלאַנד, זייט די ענדע פֿון׳ם 16טען יאָהר־הונדערט, און די ענטשטעהונג פֿון די מאָנאָפּאָלען געהען האַנד אין האַנד.*)

שוין בעפֿאָר דער רעגירונג פֿון קעניגין עליזאַבעטה, ווען דער ענג־לישער שטאַאַט האָט נאָך דורכגעמאַכט די ערשטע פּאַזען פֿון זיין ענט־וויקלונג, האָבען די קעניגע פֿון דער טיודאָר דינאַסטיע געהאַלטען אין איין שאַפֿען מאָנאָפּאָלען פֿאַר זייערע אָנהייננגער. אונטער דער רעגירונג פֿון עליזאַבעטה, ווען דער זעע־האַנדעל האָט זיך אָנגעהויבען ענטוויק־לען, און ווען מען האָט איינגעפֿיהרט אין ענגלאַנד אַ גאַנצע רייהע פֿון נייע אינדוסטריען, האָט זיך דער דאָזיגער שטרעבען נאָך דייטליכער אַרויסגעצייגט. יעדע נייע אינדוסטריע האָט זיך פֿערוואַנדעלט אין אַ נייען מאָנאָפּאָל, סיי צו גונסטען די פֿרעמדע, וואָס האָבען בעצאָהלט דער קעניגין דערפֿאַר, סיי צו גונסטען די הויף־לייט, וועלכע האָבען געוואַרט אויף בעלוינונגען. די אויסבייטונג פֿון די אַלוין פלעצער אין יאָרקשיר, פֿון די זאַלץ־ווערק, די צין־ און קוילען־גריבער פֿון ניוקאַסל, פֿון דער גלאָז־אינדוסטריע, פֿון דער פֿערבעסערטער פֿאַבריקאַציאָן פֿון זייף, פֿון שפּילקעס א.ז.וו. — דאָס אַלעס איז מאָנאָפּאָליזירט געוואָרען, האָט פֿער־הינדערט די ענטוויקלונג פֿון דער אינדוסטריע און געציעלעוועט צו פֿער־ניכטען די קליינע אינדוסטריע־בעזיצער. אום צו בעשיצען די הויף־לייט, וועלכע מען האָט בעשאָנקען מיט דעם זייף־מאָנאָפּאָל, איז מען צ.ב.ש. געגאַנגען אַזוי וויים צו פֿערביטען פּריוואַט־פּערזאָנען צו מאַכען זייף אין דערהיים פֿאַר זייער אייגענעם געברויך.

אונטער דזשיימס דעם צווייטען האָט די בעשאַפֿונג פֿון נייע אינ־דוסטריעלע פּריווילעגיעס און די אויסטהיילונג פֿון פּאַטענטען געהאַלטען

---

*) געוואָרען אין ענגליש אין 1911 אונטער דעם טיטעל: *"Monopoly and Competition"*. דאָס דאָזיגע ווערק האָט די מעלה, וואָס דער אויטאָר בעשעפֿטיגט זיך איבערהויפּט ניט מיט דער ראָלע פֿון׳ם שטאַאַט; ער האַנדעלט אויסשליסליך מיט די עקאָנאָמישע אורזאַכען פֿון די מאָנאָפּאָלען און שרייבט אַלזאָ ניט אַלס אַ געגנער פֿון׳ם שטאַאַט.

*) זעה: *G. Unwin, Industrial Organisation, Oxford, 1904; H. Price, English Patents and Monopolies, Boston, 1906; W. Cunningham, The Growth of English Industry* און איבערהויפּט די ווערק פֿון הערמאַן ליווי און פֿון מאַקראָסטי.

אין איין וואַקסען ביז 1624, ווען מען האָט שוין דערפֿיהלט די נאָהנטקייט פֿון דער רעוואָלוציאָן; דאַמאָלס איז געמאַכט געוואָרען אַ געזעץ געגען די מאָנאָפּאָלען. אָבער דאָס דאָזיגע געזעץ האָט געהאַט צווי פֿערשידענע פּנים'ער: פֿון איין זייט האָט עס פֿערדאַמט די מאָנאָפּאָלען, און פֿון דער אַנדערער זייט האָט עס ניט בלויז אויפֿגעהאַלטען די מאָנאָפּאָלען, וואָס האָבען שוין עקזיסטירט, נאָר עס האָט אויך געשאַפֿען און סאַנקציאָנירט נייע און זעהר וויכטיגע מאָנאָפּאָלען. איבערהויפּט איז דאָס געזעץ באַלד פֿערגוואַלטיגט געוואָרען, גלייך ווי עס איז נור אַרויס. מען האָט זיך בענוצט מיט געוויסע פּאַראַגראַפֿען, וועלכע האָבען בעגינסטיגט די אַלטע צעכען אין די שטעדט, און האָט עטאַבלירט מאָנאָפּאָלען, צוערשט אין געוויסע שטעדט און שפּעטער איבער גאַנצע געגענדען. פֿון 1630 ביז 1650 האָט זיך די רעגירונג בענוצט מיט די „פּאַטענטען", אום צו שאַפֿען נייע מאָנאָפּאָלען.

ערשט די רעוואָלוציאָן פֿון 1648 ביז 1688 האָט געמאַכט אַ סוף צו אָט דער יום־טוב'דיגער צייט פֿון די מאָנאָפּאָלען. אין 1689, ווען דער נייער פּאַרלאַמענט — אַן אַליאַנץ צווישען דער קאָמערציעלער און אינדוסטריעלער בורזשואַזיע און די אַריסטאָקראַטישע גרונד־בעזיצער געגען דעם קעניגליכען אַבסאָלוטיזם און דער קאַמאַרילאַ — האָט אָנגעהויבען פֿונקציאָנירען, האָט מען געשאַפֿען מאַסרעגלען געגען דער גרינדונג פֿון נייע מאָנאָפּאָלען דורך דער קעניגליכער מאַכט. די עקאָנאָמיסטישע היסטאָריקער בעהויפּטען זאָגאַר, אַז פֿאַר במעט הונדערט יאָהר צייט נאָך 1689, איז דער ענגלישער פּאַרלאַמענט געווען זעהר פֿאָרזיכטיג ניט צוצולאָזען די גרינדונג פֿון אינדוסטריעלע מאָנאָפּאָלען צו גונסטען פֿון געוויסע אינדוסטריע־בעזיצער און צום שאָדען פֿון אַנדערע.

און מיר מוזען ווירקליך אָנערקענען, אַז די רעוואָלוציאָן אין דער ערשטער רעזשים פֿון דער בורזשואַזיע זיינען געווען אַזוי קאָנסעקוועַנט; — אָט דעריבער האָבען גרויסע אינדוסטריען, ווי למשל, די באַוועל־אינדוסטריע, די וואָל־אינדוסטריע, די אייזען־אינדוסטריע, די קוילען־אינדוסטריע א.ז.וו. זיך געקענט ענטוויקלען אויף אַזאַ אופֿן, ווייל די מאָנאָפּאָליסטען האָבען ניט געהאַט די מעגליכקייט צו פֿערהינדערן זייער ענטוויקלונג. זיי האָבען זיך זאָגאַר געקענט ענטוויקלען אויף אַזאַ שטייגער, אַז זיי זיינען געוואָרען נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע אינדוסטריען, אין וועלכע אַ מאַסע קליינע אונטערנעהמער האָבען געקענט נעהמען אַן אַנטהייל. אויף אַזאַ אופֿן האָבען טויזענדער אַרבייטער געהאַט די געלעגענהייט אויסצואַרבייטען טויזענדער

פֿערבעסערונגען אין די קליינע ווערקשטאַטען, אָהן וועלכע די דאָזיגע אינדוסטריען וואָלטען זיך קיינמאָל ניט געקענט פֿערפֿאָלקאָמען.

* * *

אָבער די ביוראָקראַטיע פֿון'ם שטאַאַט האָט זיך עטאַבלירט וועהרענד דער צייט און בעפֿעסטיגט איהר פּאָזיציאָן. די צענטראַליזאַציאָן פֿון דער רעגירונג, וועלכע איז דער קווינטעסענץ פֿון יעדען שטאַאַט, האָט זיך ענטוויקעלט אַלץ ווייטער און ווייטער, און באַלד דערנאָך זיינען געשאַפֿען געוואָרען נייע מאָנאָפּאָלען אויף גאַנץ נייע געביעטען, אָבער דאָסמאָל אויף אַ גאַנץ אַנדערן מאַסשטאַב, ווי אין דער צייט פֿון די טיודאָרס. דאַמאָלס איז די קונסט צו מאָנאָפּאָליזירען ערשט געווען אין איהרע קינדער־יאָהרען. איצטער האָט דער שטאַאַט ערשט דערגרייכט זיין פּעריאָדע פֿון רייפֿקייט.

ווען דער פּאַרלאַמענט איז פֿון די פֿערטרעטער פֿון דער לאָקאַלער בורזשואַזיע ביז צו אַ געוויסען גראַד פֿערהינדערט געוואָרען זיך אַריינצומישען, אין ענגלאַנד גופא, אין דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פֿון די יונגע אינדוסטריען און צו בעגינסטיגען די איינע צום שאָדען פֿון די אַנדערע, האָט ער איבערגעטראָגען זיין מאָנאָפּאָליסטישע טהעטיגקייט אויף די קאָלאָניען. דאָרטען האָט ער געאַרבייט אויף אַ גרויסען שטייגער. די אינדישע האַנדעלס־קאָמפּאַניע, די האָדסאָן־בעי קאָמפּאַניע אין קאַנאַדאַ האָבען זיך ענטוויקעלט אַלס אונגעהייער רייכע מלוכות, וועלכע מען האָט איבערגעגעבען צו אַ הייפֿעל פּריוואַט־מענשען. שפּעטער פֿערוואַנדלען זיך די לאַנד־פּריווילעגיעס אין אַמעריקאַ, די גאָלד־פֿעלדער אין אויסטראַליען, די פּריווילעגיעס פֿאַר דער שיף־פֿאַהרט און די מאָנאָפּאָליזירונג פֿון אַנדערע צווייגען פֿאַר דער אויסבייטונג אין די הענד פֿון'ם שטאַאַט אין מיטלען צו פֿערשאַפֿען זיינע פּריווילעגירטע אונגעהייערע רייכטהימער. קאָלאָסאַלע פֿערמעגענס זיינען געמאַכט געוואָרען אויף אַזאַ שטייגער.

געטריי צו דעם דאָפּעלטען כאַראַקטער פֿון זיין צוזאַמענשטעלונג — די בורזשואַזיע אין די „הויז אָוו קאָמאָנס" און די אַריסטאָקראַטישע גרונד־בעזיצער אין די „הויז אָוו לאָרדס" — האָט דער ענגלישער פּאַרלאַמענט וועהרענד דעם גאַנצען 18טען יאָהרהונדערט זיך אָבגעגעבען מיט דער פּראָלעטאַריזירונג פֿון די בויערן און האָט זיי איבערגעגעבען געבונדענערהייט אין די הענד פֿון די גרויסע גרונד־בעזיצער. מיט דער הילפֿע פֿון די זאָגענאַנטע „פֿערצאַמונגס־געזעצע" (Inclosure Acts), דורך וועלכע דער פּאַרלאַמענט האָט בעשטימט, אַז די קאָמונאַלע ערד, ווי באַלד דער

גרונד-בעזיצער האָט איהר אַרומגערינגעלט מיט אַ צאַם, וועט פֿון איצט אָן און ווייטער בעטראַכט ווערען אַלס זיין פּערזענליכעס אייגענטהום — האָט מען פֿון 1709 ביז 1869 אַוועקגערויבט ניט ווייניגער ווי דריי מיליאָן העקטאַר קאָמונאַלע ערד און איהר איבערגעגעבען צו די גרונד-בעזיצער*). דער אַלגעמיינער רעזולטאַט פֿון אָט דער מאָנאָפּאָליסטישער געזעץ-געבענדער טהעטיגקייט פֿון'ם ענגלישען פּאַרלאַמענט איז דער פֿאַקט, דאָס אַ דריט-חלק פֿון דער קולטיווירבאַרער ערד אין ענגלאַנד בעלאַנגט היינט צו 523 פֿאַמיליעס.

די פֿערצאַמונגס-געזעצע שטעלען פֿאָר מיט זיך אַן אַקט פֿון אָפֿען רויבעריי; אָבער אין 18טען יאָהרהונדערט האָט דער שטאַאַט, וועלכער איז בענייט געוואָרען דורך דער רעוואָלוציאָן, זיך שוין געפֿיהלט גענוג שטאַרק, אום איינצושטילען די אונצופֿרידענע און צו אונטערדריקען רעוואָלטען פֿון די בויערן, אויב עס וועט זיין נייטיג. האָט ער דען ניט געקענט רעכענען אויף דער הילפֿע פֿון דער בורזשואַזיע?

און ווען דער פּאַרלאַמענט האָט פֿערזאָרגט די לאָרדען מיט גרונד-אייגענטהום, האָט ער דערמיט אויך בעגינסטיגט די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע. אַרויסטרייבענדיג די בויערן פֿון זייערע דערפֿער אין די שטערט, האָט ער פֿערזאָרגט די אינדוסטריע-באַראָנען מיט די „הענד" פֿון די אויסגעהונגערטע בויערן. נאָך מעהר! צו דאַנקען דער אויס-טייטשונג פֿון דעם זאָגענאַנטען „אָרעמען-געזעץ" דורך דעם פּאַרלאַמענט, האָבען די אַגענטען פֿון די באַוועל-פֿאַבריקאַנטען בעזוכט די „אַרבייטס-הייזער (workhouses), ד.ה. די געפֿענגניסע, אין וועלכע מען האָט גע-האַלטען פֿערשפּאַרט די אַרבייטסלאָזע פּראָלעטאַריער מיט זייערע פֿאַמי-ליעס, און האָבען פֿון דאָרט אַרויסגענומען די קינדער, די „לעהר-איינג-לאַך" פֿון די אַרבייטס-הייזער, וועלכע מען האָט געצוואונגען צו אַרבייטען פֿערצעהן און זעכצעהן שטונדען אַ טאָג אין די פֿאַבריקען פֿון די רייכע באַוועל-באַראָנען. מאַנכע שטאָדט אין לאַנקאַשיר טראָגט נאָך היינט צו

---

*) וועגען די איבלען, וועלכע די פֿערצאַמונגס געזעצע האָבען פֿעראורזאַכט, גיט אונז דר. גילבערט סלייטער אויסגעצייכענטע אויסקונפֿט אין זיין ווערק *The English Peasantry and the Inclosure of Common Fields, London 1907.* וואָס אָנבעלאַנגט די אַגראַרישע פֿראַגע אין אַלגעמיין און די אויספֿלינדערונג פֿון דער נאַציאָן דורך די געזעץ-געבער, זעה דאָס ווערק פֿון אַלפֿרעד ראָסעל וואַליס, דעם מיט-ענטדעקער פֿון דאַרווין'ס לעהרע *Land Nationalisation: its Necessity and its Aims.*

טאָג אויף זיך דעם שטעמפעל פֿון איהר אורשפּרונג אין דעם פֿיזישען אויסזעהן פֿון איהרע איינוואוינער. דאָס שלעכטע בלוט פֿון אָט די אויס-געהונגערטע קינדער, וועלכע מען האָט אַרויסגענומען פֿון די וואָרק־הייזער אין דרום ענגלאַנד, אום זיי זאָלען פֿערגרעסערן דעם פֿערמעגען פֿון דעם בורזשואַ אין מיטעל־ענגלאַנד, און וועלכע האָבען זעהר אָפֿט שוין געמוזט אַרבייטען, ווען זיי זיינען אַלט געווען זיבען יאָהר, אָנגע־טריבען דורך דעם בייטש פֿון די אויפֿזעהער, ציינט זיך נאָך איצט דייטליך אַרויס ביי דער פֿערקריפּעלטער און בלוט־אָרעמער בעפֿעלקערונג פֿון יענער געגענד. — און דער דאָזיגער גרויזאַמער צושטאַנד האָט עק-זיסטירט ביז דעם ערוואַכען פֿון דער אַרבייטער־קלאַס אין 1830 ביז 1848.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס: כדי צו העלפֿען די ניי־געבוירענע אינדוסטריען דאָ אין ענגלאַנד, האָט דער פּאַרלאַמענט צושטערט די נאַציאָנאַלע אינדוסטריען אין די קאָלאָניען דורך דער געזעצגעבונג. אויף אַזאַ שטייגער האָט מען צושטערט די וועבעריי אין אינדיען, וועלכע האָט דערגרייכט אַזאַ הויכע שטופֿע פֿון קינסטלערישער פֿאָלקאָמענהייט. מען האָט איינפֿאַך איבערגעגעבען אָט דעם געוואַלטיג רייכען האַנדעל אין די הענד פֿון די ענגלישע פֿושער. די טוך־וועבעריי אין אירלאַנד איז פֿער־ניכטעט געוואָרען אויף דעמזעלבען שטייגער, צו גונסטען די באַוועל־קעניגע פֿון מאַנטשעסטער.

דער בורזשואַזער פּאַרלאַמענט, ווי מיר זעהען, וועלכער איז שטענ־דיג אויסען צו בערייכערן זיינע קונדען דורך דער ענטוויקלונג פֿון גרויסע נאַציאָנאַלע אינדוסטריען, ווען ער האָט אפילו וועהרענד דעם 18טען יאָהרהונדערט פֿערזוכט צו פֿערהינדערן, דאָס איינצעלנע פֿאַבריקאַנטען אָדער איינצעלנע צווייגען פֿון דער ענגלישער אינדוסטריע זאָלען ווערען בעגינסטיגט אויף דעם חשבון פֿון אַנדערע; האָט ער אָבער פֿון דער אַנדערער זייט ווידער פֿעררוכט, וואָס ער האָט פֿערזאַמט, דורך דער פּראָלעטאַריזירונג פֿון דער אַגראַרישער בעפֿעלקערונג און פֿון די קאָלאָניען, וועלכע ער האָט דירעקט איבערגעגעבען אַלס קרבנות פֿון דער שענד־ליכסטער אויסבייטונג צו די מעכטיגע מאָנאָפּאָליסטען אין די הענד אַריין. און אין דערזעלבער צייט האָט ער אויפֿגעהאַלטען און בעגינסטיגט אין ענגלאַנד גופא — וואו ער האָט נור געהאַט אַ מעגליכקייט — די מאָנאָפּאָלען איבער די מינען, וועלכע זיינען עטאַבלירט געוואָרען אין דעם פֿריהערדיגען יאָהרהונדערט, ווי, למשל, דער מאָנאָפּאָל פֿון די קוילען-גריבער אין ניוקאַסל, וועלכער האָט עקזיסטירט ביז 1844, אָדער דער מאָנאָפּאָל פֿון די קופּער־מינען, וועלכער האָט עקזיסטירט ביז 1820.

VI.

## די מאנאפאלען אין דעם 19טען יאהרהונדערט.

אין דעם ערשטען העלפט פון'ם 19טען יאהרהונדערט זיינען ענט־שטאַנען נייע מאָנאָפּאָלען אונטער דער פּראָטעקציאָן פון'ם געזעץ, אין פערגלייך מיט וועלכע די אַלטע זיינען מעהר ניט געוועןן ווי קינדער־שפּיעלערייען.

צוערשט האָבען די געשעפטס־ספּעקולאַנטען קאָנצענטרירט זייער אויפמערקזאַמקייט אויף די אייזענבאַהנען און די גרויסע שיפס־פערבינ־דונגען מיט ווייטע לענדער, וועלכע זיינען פון'ם שטאַאַט אונטערשטיצט געוואָרען. אונגעהייערע פערמעגענס זיינען געמאַכט געוואָרען אין עט־ליכע צעהנדליגער יאָהר אין ענגלאַנד און פראַנקרייך מיט דער הילפע פון דער „געזעצליכער ערלויבניש", וועלכע מען האָט געגעבען צו פּרי־וואַט־מענשען אָדער קאָמפּאַניס פאַר דער קאָנסטרוקציאָן פון אייזענבאַהן-ליניעס, געוועהנליך מיט דער גאַראַנטיע פון געוויסע איינקינפטע.

דערצו זיינען נאָך צוגעקומען די גרויסע געזעלשאַפטען אין דער מעטאַל־ און מינען־אינדוסטריע, אום צו פערזאָרגען די אייזענבאַהנען מיט רעלצען, מיט אייזען־ און שטאָהל־בריקען, וואַגאַנען און ברען־מאַטעריאַל — אַלעס צו דעם צוועק, אום צו מאַכען קאָלאָסאַלע פּראָ־פיטען און געוואַלטיגע גרונד־ספּעקולאַציעס. די גרויסע קאָמפּאַניעס פאַר דער קאָנסטרוקציאָן פון אייזערנע שיפען און הויפּטזעכליך פאַר דער פאַבריקאַציאָן פון אייזען, שטאָהל, קופּער אַלס קריעגס־מאַטעריאַל, און פאַר דעם מאַטעריאַל גופא — פאַנצער־שיפען, קאַנאָנען, ביקסען, שווערדען א.ז.וו.; — די גרויסע קאַנאַל־אונטערנעהמונגען (סועץ־קאַנאַל, פּאַנאַמאַ־קאַנאַל א.ז.וו.) און ענדליך דאָס, וואָס מען רופט אָן, „די ענט־וויקלונג" פון די לענדער, וועלכע זיינען ריקשטענדיג מיט זייער אינדוס־טריע — דאָס אַלעס איז שפּעטער ביסלעכווייז צוגעקומען. די מיליאָנערען זיינען געוואַקסען ווי אויף הייוועז דורך דער אונערמידליכער טהעטיגקייט פון האַלב פערהונגערטע אַרביימער, וועלכע מען האָט דערשאָסען אָהן רחמנות אָדער פעראורטהיילט צו קאַטאָרגע, ווען זיי האָבען געמאַכט דעם קלענסטען פערזוך צו רעוואָלטירען.

די קאָנסטרוקציאָן פון אונגעהייערע אייזענבאַהן-נעצען אין רוסלאַנד (אָנפאַנגענדיג אין די 60גער יאָהרען פון דעם פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט) אין איטאַליען, שפּאַניען, פּאָרטוגאַל, אין דער טערקיי, די פעראייניגטע שטאַאַטען, אין מעקסיקאָ, אין די רעפּובליקען פון זיד־אַמעריקאַ — דאָס

אַלעס זיינען געוואָרען קוועלען פֿאַר אונבעשרייבליכע רייכטהימער, וועלכע האָבען זיך אַנגעקליבען דורך אמת'ע רויבערייען אונטער דער פּראָטעקציאָן פֿון'ם שטאַאַט. וואָס פֿאַר אַן עלענד דאָס איז געווען אין יענע אַלטע צייטען, ווען אַ פֿעאָדאַל-באַראָן האָט אויסגעפּלינדערט עטליכע קאַראַוואַנעס קויפֿלייט, וועלכע האָבען אַדורכמאַרשירט זיין געביעט! היינט אָבער זיינען עס הונדערטער מיליאָנען פֿון דער מענשליכער סטאַדע, וועלכע ווערען בערויבט פֿון די געשעפֿטס-ספּעקולאַנטען מיט דער אָפֿענער איינשטימונג פֿון די שטאַאַטען, פֿון די אויטאָקראַטישע, פּאַרלאַמענטאַרישע אָדער רעפּובליקאַנישע רעגירונגען.

* * *

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. עס האָט גאָר ניט גענומען קיין לאַנגע צייט און צו די פֿריהער דערמאָהנטע מאָנאָפּאָלען זיינען צוגעקומען נייע: פֿערשידענע שטאַאַטען האָבען פֿינאַנציעל אונטערשטיצט דעם בוי פֿון האַנדעלס-שיפֿען; מען האָט סובווענסיאָנירט שיפֿס-ליניעס, קייבעלס, טעלעגראַפֿען, קאַנאַל-פֿערבינדונגען צווישען פֿערשידענע ימים, טונעלען, די פֿערשעהנערונג פֿון שטעדט, וועלכע נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט איינגעפֿיהרט,—און ענדליך די הלוואות פֿון די שטאַאַטען און די בענק, וועלכע ווערען אונטערשטיצט פֿון די רעגירונגען,—אָט דאָס שטייגט אַריבער אַלעס אַנדערע, אַזוי ווי דער אייפֿעל-טורעם אין פּאַריז שטייגט אַריבער אַלע אַרומיגע הייזער.

אָט דער טאַנץ פֿון די מיליאַרדען ווערט אויפֿגעפֿיהרט מיט דער הילפֿע פֿון די זאָגענאַנטע „קאָנצעסיאָנען", ד.ה. מיט בעזונדערע געזעצליכע רעכטע, וועלכע דער שטאַאַט גיט איבער צו פּריוואַט-מענשען און קאָמפּאַניס. די פֿינאַנץ, דער האַנדעל, דער קריעג, די נאַציאָנאַלע בעוואַפֿנונג, די ערציהונג — אָט דאָס אַלעס האָט געמוזט דיענען צו שאַפֿען מאָנאָפּאָלען און צו פֿאַבריצירען מיליאַרדערען.

זאָל מען ניט פֿערזוכען צו רעכטפֿאַרטיגען אָט די אַלע מאָנאָפּאָלען און קאָנצעסיאָנען מיט דער בעהויפּטונג, אַז דאָס איז דער איינציגער וועג אויסצופֿיהרען אַסך גרויסע און ניצליכע אונטערנעהמונגען. דען פֿאַר יעדען מיליאָן קאַפּיטאַל, וועלכער ווערט פֿערווענדעט אויף אַ ניצליכען אופֿן אין די דאָזיגע אונטערנעהמונגען, נעהמען די גרינדער פֿון די קאָמפּאַניס דריי, פֿיער, פֿינף און מאַנכעס מאָל ביז צעהן מיליאָן אַרוים פֿאַר זיך און פֿערמעהרען דערמיט די עפֿענטליכע חובות. מען דאַרף זיך בלויז דערמאָהנען אין דער פּאַנאַמאַ-אַפֿע'ע, וואו מיליאָנען זיינען איינגעשלונגען געוואָרען, אום צו געבען די קאָמפּאַניס אַ מעגליכקייט „אָנצוגעהן",

און נור אַ צעהנט-חלק פֿון דעם געלד, וואָס די אַקציאָנערען האָבען איינגעלייגט, איז פֿערווענדעט געוואָרען פֿאַר דער ווירקליכער אויסגראָבונג פֿון דעם קאַנאַל. אָבער די פּאַנאַמאַ-אַפֿערע איז פֿאַר קיין פֿאַל ניט געווען קיין אויסנאַהמע — דאָסזעלבע איז דער פֿאַל מיט אַלע אונטערנעהמונגען אָהן אַ שום אויסנאַהמע—אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען פֿון אַמעריקאַ און אין די מאָנאַרכיען פֿון אייראָפּאַ. „כמעט אַלע אונזערע אייזענבאַהן-קאָמפּאַניס און אַנדערע אונטערנעהמונגען," זאָגט הענרי דזשאָרדזש אין זיין ווערק „פֿאָרטשריט און אָרעמקייט", „זיינען איבערלאַדען אויף דעמזעלבען אופֿן. דאָרט, וואו מען האָט ווירקליך איינגעשטעלט איין דאָלאַר, האָט מען אַרויסגעגעבען אָבליגאַציעס פֿאַר צוויי, דריי, פֿיער, פֿינף און זאָגאַר פֿאַר צעהן דאָלאַרס; און פֿאַר אָט די סומען, וועלכע עקזיסטירען בלויז אין דער פֿאַנטאַזיע, בעצאָהלט מען פּראָצענטען און דיווידענטען."

און ווען דאָס וואָלט שוין געווען דאָס ערגסטע! ווי באַלד אָט די גרויסע קאָמפּאַניס זיינען געגרינדעט געוואָרען, איז זייער מאַכט אויף דער געזעלשאַפֿט אַזעלכע, אַז מען קען איהר נור צוגלייכען צו דער מאַכט פֿון יענע באַנדיטען, וועלכע פֿלעגען זיך אַמאָל אַרומטרייבען אויף די וועגען פֿון'ם לאַנד און פֿאָדער'ן אַ טאַקסע פֿון יעדען פֿוס-געהער אָדער פֿון דעם אָנפֿיהרער פֿון יעדער האַנדעלס-קאַראַוואַנע*). און פֿאַר יעדען מיליאָנער, וואָס ווערט געשאַפֿען מיט דער הילפֿע פֿון'ם שטאַאַט, רעגנענען אַריין מיליאָנען אין די מיניסטעריומס.

* * *

*) הענרי דזשאָרדזש אין זיין בוך *Protection and Free Trade* דערצעהלט אונז די פֿאָלגענדע טהאַטזאַכע וועגען אַן אייזען-גרוב אין דעם שטאַאַט מישיגען. די אייגענטהימער פֿון דער דאָזיגער גרוב האָבען געקויפֿט דאָס לאַנד פֿאַר דריי דאָלאַר דעם העקטאַר. זיי האָבען אָבגעטראָטען דאָס רעכט אויסצובייטען די גרוב צו אַ געוויסען קאָלבי, מיט דער בעדינגונג, אַז ער וועט זיי צאָהלען 38 סענט פֿון יעדען טאָן, וואָס ער וועט אַרויסנעהמען פֿון דער מינע. קאָלבי ווייטער האָט אָבגעטראָטען זיין רעכט צו מאָרס און קאָ. פֿאַר 50 סענט פּער טאָן; און מאָרס און קאָ. האָבען פֿערהאַנדעלט זייער רעכט צו אַ געוויסען סעלוואוד פֿאַר 82 סענט פּער טאָן. סעלוואוד האָט זיך אַליין אויך ניט בעשעפֿטיגט מיט דער בעאַרבייטונג פֿון דער אייזען-גרוב, נאָר ער האָט געדונגען אַן אונטערנעהמער פֿאַר דעם דאָזיגען צוועק, וועמען ער האָט בעצאָהלט $12\frac{1}{2}$ סענט פּער טאָן. דער אונטערנעהמער האָט אָבגעצאָהלט פֿאַר אַלעס — אַרבייטס-לוין, מאַשינען, פֿערוואַלטונג א.ז.וו. —

די פֿערכאַפּונג פֿון די נאַציאָנאַלע רייכטהימער, וועלכע האָט שטאַט־געפֿונען און וועלכע פֿינדעט נאָך שטאַט מיט דער צושטימונג און הילפֿע פֿון׳ם שטאַאַט — איבערהויפּט דאָרט, וואו עס גיט נאָך צו פֿערכאַפּען נאַטירליכע רייכטהימער — איז איינפֿאַך שענדליך. אַ גוטע אילוסטראַציאָן, ווי אַזוי דער שטאַאַט אויטאָריזירט די נאַציאָנאַלע אויספּלינדערונג אויף אַ גרויסען שטייגער, איז די „קענעדיען פּאַסיפֿיק ראַלוויי קאָמפּאַני". דאָס בעסטע לאַנד ביי די ברעגעס פֿון די גרויסע זעען אין נאָרד־אַמעריקאַ און אין די גרויסע שטעדט ביי די ברעגעס פֿון די טייכען אין קאַנאַדאַ בעלאַנגט צו דער דאָזיגער קאָמפּאַניע, צו וועלכער מען האָט איבערגעגעבען דעם פּריווילעגיום צו בויען אַן אייזענבאַהן־ליניע פֿון דעם אַטלאַנטישען ביז דעם שטילען אָקעאַן. אַן אונגעהייערער שטרייפֿען לאַנד פֿון זיבען מיט אַ האַלב קילאָמעטער די ברייט, וועלכער ציהט זיך אויס פֿון איין ברעג ים ביז דעם אַנדערן, האָט מען אַוועקגעגעבען צו די קאַפּיטאַליסטען, וואָס האָבען זיך אונטערגענומען צו בויען די טראַנס־קאַנאַדישע אייזענבאַהן. אָבער אַזוי ווי די באַהן, אויסציהענדיג זיך אַלס ווייטער און ווייטער קיין מערב־זייט, האָט אויך דורכגעשניטען אַזעלכע טהיילען, וועלכע זיינען ווייניג פּראָדוקטיוו, האָט מען אויסגעגליכען דעם פֿערלוסט דורך דעם, וואָס מען האָט דער קאָמפּאַניע כמעט איבעראַל נאָך צוגעגעבען נייע שטיקער לאַנד אין פֿרוכטבאַרע געגענדען, וועלכע האָבען באַלד בעקומען אַ הויכען ווערטה. דאָרט, וואו דער שטאַאַט האָט נאָך אויסגעטהיילט שטיקער ערד אָהן בעצאָהלט צו די נייע אָנגעקומענע

---

10 סענט פער טאָן, אַזוי אַז עס האָט זיך איהם אָבגעשטעלט אַ ריינער פּראָפֿיט פֿון $2\frac{1}{2}$סענט פֿון טאָן. אויסגעגראָבען האָט מען יעדען טאָג 1200 טאָנס; דער אונטערנעהמער האָט אַלזאָ געהאַט אַן איינקונפֿט יעדען טאָג פֿון 30 דאָלאַר. אויסערדעם האָט סעלוואוד געהאַט אַ טעגליכען געווין פֿון 90 דאָלאַר; מאָרס און קאָ פֿון 1680 דאָלאַר; קאָלבי פֿון 150 דאָלאַר; און די אייגענטהימער פֿון דער גרוב פֿון 480 דאָלאַר. צוזאַמען מאַכט דאָס אַ געווין פֿון 2430 דאָלאַר אַ טאָג. אָט דאָס איז דער פּרייז פֿון דעם מאָנאָפּאָל, וועלכער ענטוויקעלט זיך אונטער דעם שוץ פֿון׳ם שטאַאַט. און דיזע אונגעהייערע איבערלאַסט מוז בעצאָהלט ווערען פֿון די קאָנסומענטען, — דערפֿאַר וואָס זיי האָבען געגעבען דעם שטאַאַט דאָס רעכט צו גרינדען מאָנאָפּאָלען. דער דאָזיגער ביישפּיעל איז נור אַ קליינער בילד פֿון דעם, וואָס עס ווערט אויס געפֿיהרט אויף אַ גרויסען שטייגער מיט דער הילפֿע פֿון די „קאָנצעסיאָנען", פֿון די געזעצליכע רעכטע, וואָס דער שטאַאַט גיט איבער צו די קאָמפּאַניעס פֿאַר אייזענבאַהנען, קאַנאַלען, שיף־פֿערבינדונגען, בעוואַסּנונג א.ז.וו. א.ז.וו.

קאָלאָניסטען, איז דאָס לאַנד, וואָס מען האָט אַוועקגעשאָנקען צו די „קענעדיען פּאַסיפֿיק ראַלוויי קאָמפּאַני", צוטהיילט געוואָרען אין „לאָטס" פֿון טויזענד קוואַדראַטען און אויף אַזאַ אופן ווי די שוואַרצע קעסטלאַך אויף אַ שאַך־ברעטעל, אין מיטען דער ערד, וועלכע דער שטאַאַט האָט אַוועקגעגעבען צו די קאָלאָניסטען. די פֿאָלגע איז געווען, אַז היינט, ווען אַלע שטיקער לאַנד, וועלכע דער שטאַאַט האָט אַוועקגעגעבען צו די עמיגראַנטען, זיינען שוין בעזעצט, האָט זיך דער ווע־טה פֿון די לאַנד, וואָס די קאַפּיטאַליסטען פֿון דער אויבען דערמאָהנטער קאָמפּאַניע האָבען בעקומען, פֿערהעכערט מיט מיליאָנען דאָלאַרס. און וואָס אַנבעלאַנגט דעם קאַפּיטאַל, וועלכען די קאָמפּאַניע ערקלערט צו האָבען אויסגעגעבען פֿאַר דעם בוי פֿון דער אייזענבאַהן ליניע, איבערטרעפֿט ער דריי אָדער פֿיער מאָל די סומע, וועלכע איז ווירקליך אויסגעגעבען געוואָ־ען.

וואו מיר זאָלען ניט וואַרפֿען אונזער בליק, וועלען מיר איבעראַל געפֿינען אַבסאָלוט דיזעלביגע ערשיינונג, אַזוי, אַז עס וואָלט געווען אַ שווערע אויפֿגאַבע אָנצודייטען כאָטש אויף איין גרויסען פֿערמעגען, וועלכער איז אויסשליסליך ערוואָרבען געוואָרען דורך דער אינדוסטריע, אָהן דער הילפֿע, פֿון ערגעץ אַ מאָנאָפּאָל, וואָס די רעגירונג האָט בעשטימט און בעשטעטיגט. אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען — ווי הענרי דזשאָרדזש האָט שוין בעמערקט — איז דאָס איבערהויפּט אונמעגליך.

אויף אַזאַ אופן איז ענטשטאַנען דער גאַנצער אונגעהייערער פֿערמעגען פֿון דער פֿאַמיליע ראָטהשילד. דער באַנקיר ראָטהשילד, דער אייגענטליכער גרינדער פֿון דעם רייכטהום פֿון דער פֿאַמיליע, האָט ערוואָרבען דעם אונגעהייערען פֿערמעגען זיינעם דורך דעם, וואָס די קעניגע האָבען ביי איהם גענומען הלוואות פֿאַר צו האַלטען מלחמה מיט אַנדערע קעניגע אָדער מיט זייערע אייגענע אונטערטאַנען.

דער ריעזיגער פֿערמעגען פֿון די דוקעסען פֿון וועסטמינסטער, וועלכער איז זיכער ניט קלענער ווי ראָטהשילד'ס, איז אויסשליסליך ענטשטאַנען דאַדורך, וואָס מען האָט זייערע עלטערן אַוועקגעשיינקט — צום פֿערגניגען פֿון די קעניגע — די ערד, אויף וועלכער עס איז היינט אויפֿגעבויט אַ גרויסער טהייל פֿון דער שטאָדט לאָנדאָן. און דער דאָזיגער פֿערמעגען האַלט זיך אויף נור דערפֿאַר, ווייל דער ענגלישער פּאַרלאַמענט, האַנדלענדיג געגען יעדען פּרינציפּ פֿון גערעכטיגקייט, וויל ניט אויפֿהויבען די פֿראַגע מכח דער שענדליכער בערויבונג פֿון דער נאַציאָן דורך די לאָרדען.

וואָס אָנבעלאַנגט די פֿערמעגענס פֿון די אַמעריקאַנער מיליאַרדע-רען — די אַסטאָרס, די וואַנדערבילס, די גולדס, די טראַסטס פֿון די נאַפֿט-קוועלען, פֿון די שטאָהל- און קוילען-גריבער, פֿון די אייזענבאַהנען, אפילו פֿון די שוועבעלאַך א.ז.וו. — זיינען זיי אַלע ענטשטאַנען פֿון מאָנאָפּאָלען, וועלכע דער שטאַאַט האָט געשאַפֿען.

מיט איין וואָרט, ווען אימעצער זאָל זיך נעהמען אין אַ שעהנעם טאָג צו דער אַ־בייט און פֿערצייכענען די אַלע רייכטהימער, וועלכע די פֿינאַנץ־מעגער און געשעפֿטס־ספּעקולאַנטען האָבען פֿערכאַפּט מיט דער הילפֿע פֿון די פּריווילעגיעס און מאָנאָפּאָלען, וועלכע די פֿערשידענע שטאַאַטען האָבען געשאַפֿען; ווען אימיצער וואָלט ענדליך געהאַט די מעגליכקייט אָבצושאַצען דעם ווע־טה פֿון די אונגעהייערע רייכטהימער, וועלכע ווערען אויף אַזאַ שטייגער אַוועקגערויבט פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכען פֿערמעגען דורך אונזערע פּאַרלאַמענטאַרישע, מאָנאַרכיסטישע און רעפּובליקאַנישע רעגירונגען און אַריינגעגעבען אונטער מעהר אָדער ווייניגער פֿערמאַסקירטע פֿאָרמען אין די הענד פֿון די מאָנאָפּאָליסטען — וואָלטען די אַרבייטער איינפֿאַך איבערראַשט און עמפּעהרט געוואָרען. אָט די אונגעהייערע צאָהלען וואָלטען זעהר שווער פֿערשטענדליך געווען פֿאַר די, וועלכע זיינען געצוואונגען צו לעבען פֿון זייער מאָגערן לוין.

אין פֿערגלייך מיט די דאָזיגע צאָהלען, וועלכע זיינען דער פּראָדוקט פֿון דער געזעצליכער אויספּלינדערונג, זיינען די, פֿון וועלכע מען רעדט אין די לעהר־ביכער פֿון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע מיט אַזוי פֿיעל רעספּעקט און פֿייערליכקייט, ניט מעהר ווי אונבעדייטענדע קלייניגקייטען, ברעקלאַך, וואָס פֿאַלען אַראָב פֿון טיש. ווען די עקאָנאָמיסטען ווילען אונז איינריידען, אַז דער קאַפּיטאַל איז ענטשטאַנען דורך די אָרעמע צונויפֿגעקליבענע פּענים, וועלכע די אייגענטהימער האָבען זיך אָבגעשפּאָרט פֿון מויל צו גונסטען זייערע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען, זיינען אָט די הערדען אָדער איגנאָראַנטען, אָדער אָבער זיי פֿערשווייגען בעוואוסטערהייט דעם אמת. די בערויבונג, די פֿערכאַפּונג, די אויספּלינדערונג פֿון די נאַציאָנאַלע רייכטהימער מיט דער הילפֿע פֿון׳ם שטאַאַט, אין וועלכע די רעגירער זיינען „פֿעראינטערעסירט", — אָט דאָס זיינען די אמת׳ע קוועלען פֿון די ריעזיגע פֿערמעגענס, וועלכע קלייבען זיך אָן יעדעס יאָהר אין די הענד פֿון די גרונד־בעזיצער און בורזשואַס.

* * *

אָבער אפשר וועט מען אונז זאָגען, אַז מיר רעדען בלויז פֿון דער פֿערכאַפּונג פֿון די רייכטהימער אין יונגע לענדער, וועלכע זיינען גראַד

וואָס עראָבערט געוואָרען דורך די אינדוסטריעלע ציוויליזאַציאָן פֿון'ם 19-טען יאָהרהונדערט. — „אין די עלטערע לענדער קען אַזאַ זאַך ניט טרעפֿען, אין דעם פּאָליטישען לעבען פֿון ענגלאַנד אָדער פֿראַנקרייך איז ניטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר אַזעלכע ערשיינונגען".

ליידער איז אָט דער אַרגומענט קיין אַרגומענט ניט, ווייל אפילו אין די לענדער, וועלכע זיינען אַמ מעהרסטען פֿאָרטגעשריטען אין זייער פּאָליטישען לעבען, בעגעגענען מיר זיך מיט גענוי דיזעלבע ערשיינונגען. די רעגירער פֿון דיזע שטאַאַטען געפֿינען שטענדיג אויס נייע געלעגענהייטען צו שינדען זייערע בירגער די הויט, צו גונסטען זייערע פּריווילעגירטע. איז דען די „פּאַנאַמאַ אַפֿערע", וועלכע האָט געדיענט די גע-שעפֿטס-ספּעקולאַנטען אַלס אַזאַ פֿאָרטרעפֿליכער מיטעל צו פֿערמעהרען זייער רייכטהום, ניט געוועזען אַ ריין פֿראַנצויזישע אַנגעלעגענהייט? איז דען דאָס ניט געוועזען די פּראַקטישע אַנוועגדונג פֿון דעם פּאַס-וואָרט: „בעריייכערט זיך!" וועלכען מען האָט צוגעשריבען צו גיזאָ? און שוין ניט ריידענדיג פֿון דער פּאַנאַמאַ-אַפֿערע, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט אַזאַ שרעקליכען סקאַנדאַל; האָבען מיר דען ניט געהאַט הונדערטער אַנדערע עהנליכע סקאַנדאַלען ביז דעם היינטיגען טאָג? מיר דאַרפֿען זיך בלויז דערמאָהנען אין דער מאַראָקאָ אַפֿערע, אין די רויבערייען אין טריפּאָלי און קאָרעא, אין דער אויספּלינדערונג פֿון פּערסיען א.ז.וו. אָט אַזעלכע אַקטען פֿון דער העכערער רויבעריי מאַכען זיך יעדען טאָג און זיי וועלען ניט פֿערשווינדען, ביז וואַנען עס וועט קומען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן.

קאַפּיטאַל און שטאַאַט וואַקסען און ענטוויקלען זיך שטענדיג פּאַ-ראַלעל; איינער קען ניט עקזיסטירען אָהן דעם צווייטען, און דערפֿאַר איז נייטיג אַנצופֿיהרען דעם קאַמפּף געגען ביידע און אין דערזעלבער צייט. קיינמאָל אין לעבען וואָלט דער שטאַאַט אַליין ניט געוועזען אים-שטאַנד צו פֿעראייניגען אַזאַ געוואַלטיגע מאַכט אין זיינע הענד ווי היינט-צו-טאָג, אַ מאַכט, וואָס שטייגט אַריבער די מאַכט פֿון די רוימישע קייזערס און פֿון די קעניגע אין די אַלטע עגיפּטען, אַסיריען א.ז.וו. — אויב ער וואָלט ניט האָבען בעגינסטיגט, אַזוי ווי ער האָט עס געטהאָן, די ענטוויק-לונג פֿון דעם קאַפּיטאַל פֿון די גרונד-בעזיצער אין פֿאַבריקאַנטען און דעם סיסטעם פֿון מאַסען-אויסבייטונג: — צוערשט פֿון די אַרומוואַנדע-רענדע שטאַמען פֿון פּאַסטוכער, דערנאָך פֿון די בויערן און צולעצט פֿון די אינדוסטריע-אַרבייטער. אונטער דעם שוץ פֿון זיין קנוט און זיין שווערד האָבען די יעניגע, וועמען ער האָט געגעבען די מעגליכקייט צו

פערכאַפּען די ערד און (צוערשט דורך אָפענע בערויבונג און שפּעטער דורך די געצוואונגענע אַרבייט פון די בעזיגטע) צו פערזיכערן זיך מיט געוויסע געצייג צו קולטיווירען די ערד אָדער צו פאַבריצירען אינדוס־טריעלע פּראָדוקטען, מיטגעהאָלפען צו פערשטאַרקערן זיין מאַכט; און צווינגענדיג די יעניגע, וועלכע האָבען ניט פערמאָגט קיין זאך, צו אַר־בייטען פאַר די, וועלכע זיינען געווען די בעזיצער פון דער ערד, די געצייג, די שקלאַפען, האָט זיך ביסלעכוויין ענטוויקעלט יענע געוואַל־טיגע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע מיר רופען שטאַאַט. און אויב דער קאַפּיטאַ־ליזם וואָלט קיינמאָל ניט דערגרייכט זיין איצטיגע פאָרם אָהן דער שטענ־דיגער און אויסגערעכענטער הילפע פון׳ם שטאַאַט, וואָלט אָבער דער שטאַאַט אויך קיינמאָל ניט דערגרייכט זיין איצטיגע געוואַלטיגע מאַכט, די מעגליכקייט צו האַלטען אין זיינע הענד דעם לעבען פון יעדען בירגער, ווי עס איז היינט צו טאָג דער פאַל, ווען ער וואָלט ניט גע־אַרבייט אָהן אַן אָבשטעל, מיט געדולד און אויף אַ סיסטעמאַטישען אופן, צו ענטוויקלען דעם קאַפּיטאַל. אָהן דער הילפע פון׳ם קאַפּיטאַל וואָלט די קעניגליכע מאַכט זיך קיינמאָל ניט געקענט בעפרייען פון דער קירכע, און אָהן דער הילפע פון דעם קאַפּיטאַליסט וואָלט דער שטאַאַט קיינמאָל ניט געווען אימשטאַנד אַרויפצוליינען זיין האַנד אויף די גאַנצע עקזיסטענץ פון דעם מאָדערנעם מענשען פון די ערשטע טעג, וואָס ער געהט אין שוהל ביז צום קבר.

אָט דערפאַר האָט די בעהויפּטונג, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען מיט דעם 15טען אָדער 16טען יאָהרהונדערט, נור אַ געוויסע פּראַקטישע בעדייטונג, אויף וויפיעל זי קען דיענען, אום פעסטצושטעלען דעם פּאַראַלעלען כאַראַקטער אין דער ענטוויקלונג פון שטאַאַט און קאַפּיטאַל. נאָר דער פאַקט איז, אַז די אייסבייטונג דורך דעם קאַפּיטאַליסט האָט שוין עקזיסטירט דאָרט, וואו עס האָבען זיך אַרויסגעצייגט די ערשטע סמנים פון דעם אינדיווי־דועלען גרונד־אייגענטהום, דאָרט, וואו איינצעלנע פּריוואַט־מענשען האָבען געהאַט דאָס רעכט אַרויסצושיקען די פּיעה אויף אַ געוויסע שטיק לאַנד, אָדער דאָרט, וואו עס האָט זיך שפּעטער ענטוויקעלט די מעגליכ־קייט צו קולטיווירען אַ געוויסע שטיק ערד דורך געצוואונגענע אַרבייט, אָדער דורך דעם וואָס איינצעלנע האָבען פערדונגען אַ געוויסע שטיק לאַנד צו אַנדערע. מיר קענען זאָגאַר זעהן היינט צו טאָג ביי די מאָנ־גאָלישע פאַסטוכער, וועלכע זיינען קום וואָס אַרויס פון דעם שטאַם־סיסטעם, ווי דער קאַפּיטאַליזם פאַנגט שוין אָן דאָרטען זיין צושטערענדע

טהעטיגקייט. עס איז געגוג, אַז דער אויסטויש זאָל אַרויסגעהן פון דער פּאָזע פון׳ם שטאַם־סיסטעם (אונטער דעם שטאַם־סיסטעם האָט קיין מיטגליד ניט געקענט עפּעס פערקויפען צו אַן אַנדער מיטגלי־) און אָנ־ נעהמען אַן אינדיווידועלע פאָרמע, אום צו שאַפען דעם קאַפּיטאַליזם. און ווי באַלד נור דער שטאַאט (צי ער איז געקומען פון דרויסען צי ער האָט זיך ענטוויקעלט אין דעם שטאַם גופא) האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנד אויף דעם שטאַם דורך דער בעשטייערונג און זיינע בעאַמטע, ווי עס איז געווען דער פאַל ביי די מאָנגאָלישע שטאַמען, דאַמאַלס האָט שוין שטאַטגעפונען די געבורט פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם קאַפּיטאַליזם און ביידע ענטוויקלען זיך אויף אַ גיכען אופן. עס איז אויסשליסליך דערפאַר, אום צו ברייננען די קאַבילען, די מאַראָקאַנער, די אַראַבער, די טריפּאָליטאַנער, די עגיפּטישע פעלאַהס, די פערסער א.ז.וו. אונטער דעם יאָך פון די אימפּאָרטירטע אייראָפּעאישע קאַפּיטאַליסטען, וואָס די אייראָפּעאישע שטאַאַטען מאַכען איצטער זייערע עראָבערונגען אין אַזיען און אַפריקאַ. און אין יענע לענדער, וועלכע זיינען גראַד וואָס פערכאַפּט געוואָרען, קען מען זעהן קלאָר און דייטליך, ווי איינג פערבונדען עס זיינען קאַפּיטאַל און שטאַאַט, ווי דער איינער שאַפט דעם אַנדערן און ווי אַזוי זיי מאַכען דורך געמיינשאַפטליך דעם פּאַראַלעלען גאַנג פון זייער ענטוויקלונג.

---

VII.

## די מאַנאַפּאָלען אין די קאָנסטיטוציאָנעלע ענגלאַנד. — אין דייטשלאַנד. — די קעניגע פון דער עפּאָכע.

די עקאָנאָמיסטען, וועלכע האָבען לעצטענס שטודירט די ענטוויק־ לונג פון די מאָנאָפּאָלען אין די פערשידענע שטאַאַטען, האָבען בעמערקט, אַז ניט נור אין דעם 18טען יאָה־הונדערט, נאָר אויך וועהרענד דעם 19טען יאָהרהונדערט האָט די גרינדונג פון מאָנאָפּאָלען אין די נאַ־ ציאָנאַלע אינדוסטריען דאָ אין ענגלאַנד און פון די זאָגענאַנטע „קאַרטעלען" און „טראָסטס" פון די פאַבריקאַנטען, אום צו פערהעכערן די פּרייזען פון זייערע פּראָדוקטען, קיינמאָל ניט דערגרייכט אַזאַ פער־ שפּרייטונג, ווי מיר האָבען לעצטענס געזעהן אין דייטשלאַנד.

אָבער די דאָזיגע טהאַטזאַכע איז פאַר קיין פאַל ניט קיין בעווייז פאַר דער פאַרטרעפליכקייט פון דער פאָליטישער אָרגאַניזאַציאָן פון׳ם ענגלישען שטאַאט — דער ענגלישער שטאַאט איז מאָנאָפּאָליסטיש ווי אַלע אַנדערע שטאַאַטען — און דיזעלבע עקאָנאָמיסטען ערקלערען אַליין, אַז זי איז ניט מעהר ווי אַ רעזולטאַט פון ענגלאַנד׳ס פּאָזיציאָן אַלס אַן אינזעל־שטאַאט, וועלכער ערלויבט דעם בילינגען אימפּאָרט פון די סחורות; און פון דעם פריי־האַנדעל סיסטעם, וועלכער איז די פאָלגע פון דעם דאָזיגען צושטאַנד.

פון דער אַנדערער זייט האָט ענגלאַנד פערכאַפּט אַזעלכע רייכע קאָלאָניען ווי אינדיען — אויך צו דאַנקען איהר געאָגראַפישע לאַגע אַלס אַן אינזעל־שטאַאט — און אַזעלכע ריעזיגע טעריטאָריעס ווי נאָרד־אַמעריקאַ און אויסטראַליען; און אין יענע לענדער געפינט דער ענגלישער שטאַאט אַזוי פיעלע און אונבעגרענעצטע געלעגענהייטען צו שאַפען מאָנאָפּאָלען פון אַ קאָלאָסאַלען כאַראַקטער, אַז עס לוינט זיך איהם בעסער צו ענטוויקלען דאָרטען זיין הויפּט טהעטיגקייט אין דער דאָזיגער ריכטונג.

ווען ניט פאַר אָט די צוויי אורזאַכען, וואָלט דער צושטאַנד אין ענגלאַנד געווען דערזעלבער ווי איבעראַל.

אפילו אַדאַם סמיטה האָט שוין בעמערקט, אַז עס טרעפט קיינמאָל ניט, אַז דריי פאַבריקאַנטען זאָלען זיך צונויפקומען, ניט מאַכענדיג קיין קאָנספּיראַציע געגען זייערע אַרבייטער — און פאָלגליך אויך געגען די קאָנסומענטען. דער שטרעבען צו שאַפען פעראייניגונגען פון די פאַבריקאַנטען — קאַ־טעלען אָדער טראָסטס — האָט פון שטענדיג אָן עקזיס־טירט, און אין די ווערק פון מאַקראָסטי געפינען מיר אַ גאַנצע רייהע פאַקטען, וועלכע צייגען אונז, אויף וואָס פאַר אַן אופן די פאַבריקאַנטען האָבען געמאַכט קאָנספּיראַציעס געגען די קאָנסומענטען.

דער ענגלישער פּאַרלאַמענט, אַקוראַט ווי אַלע אַנדערע רעגירונגען, האָט בעגינסטיגט די דאָזיגע קאָנספּיראַציעס פון די פאַבריקאַנטען; דאָס געזעץ האָט זיך בלויז געריכטעט געגען די אַרבייטער, וועלכע זיינען בעשטראָפט געוואָרען אַלס קאָנספּיראַטאָרס געגען דער זיכערהייט פון׳ם שטאַאַט.

פון דער אַנדערער זייט אָבער האָט עקזיסטירט דער פריי־האַנדעל סיסטעם, וועלכער איז איינגעפיהרט געוואָרען אין די פערציגער יאָהרען פון דעם פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט, און די בילינגע פּרייזען פון דעם זעע־אימפּאָרט, וועלכע האָבען זעהר אָפט צושטערט די קאָנספּיראַציעס

פֿון די פֿאַבריקאַנטען. ענגלאַנד איז געווען דאָס ערשטע לאַנד, וואָס האָט איינגעפֿיהרט ביי זיך די גרויסע אינדוסטריע; די לעצטע האָט ווייניג וואָס מורא געהאַט פֿאַר דער קאָנקורענץ פֿון אויסלאַנד און האָט געפֿאָדערט דעם פֿרייען אימפּאָרט פֿון די רוי־שטאָפֿען; פֿון דער אַנדערער זייט האָט מען איבערגעגעבען צוויי דריט־חלק פֿון דער ערד צו אַ הייפֿעל לאָרדען, וועלכע האָבען פֿערטריבען די בויערן פֿון זייערע אימעניעס; ענגלאַנד איז דערפֿאַר געווען געצוואונגען צו בעציהען קאָרן, ווייץ, גערשט, האָבער, פֿלייש א.ז.וו. פֿון אויסלאַנד אָדער פֿון איהרע קאָלאָניען — מיט איין וואָרט, ענגלאַנד איז געווען געצוואונגען אויפֿצוהאַלטען דעם פֿריי־האַנדעל סיסטעם.*)

אָבער דער דאָזיגער סיסטעם האָט אויך ערלויבט צו אימפּאָרטירען אינדוסטריעלע פּראָדוקטען. און הערמאַן ליוויי צייגט אונז זעהר גוט, ווי יעדעס מאָל, ווען פֿאַבריקאַנטען האָבען געמאַכט אַ פֿערזוך צו פֿעראייניגען זיך, אום צו פֿערהעכערן די פּרייזען — סיי פֿון פֿאָדים צום נעהען, סיי פֿון סעמענט, סיי פֿון גלאָז־אַרטיקלען — האָט מען איינפֿאַך אימפּאָרטירט די דאָזיגע סחורות פֿון אויסלאַנד. אָבוואָהל די קוואַליטעט פֿון די אימפּאָרטירטע פּראָדוקטען איז מייסטענטהיילס געווען ערגער, האָבען זיי אָבער פֿאָרט ערפֿילט זייער צוועק פֿאַר דער קאָנקורענץ. שוין דערפֿאַר, וואָס מען האָט אין פֿאָראויס אָנערקענט, אַז זיי זיינען ניט אַזוי גוט ווי די ענגלישע. אויף אַזאַ שטייגער, האָבען די פּלענער פֿון די פֿאַבריקאַנטען צו פֿאָרמירען אַ קאַרטעל אָדער אַ סאָרט טראָסט, קיינמאָל ניט געקענט האָבען דעם געווינשטען ערפֿאָלג. אָבער וויפֿיעל קעמפֿפֿע זיינען נויטווענדיג געווען, אום אויפֿצוהאַלטען דעם סיסטעם פֿון פֿריי־האַנדעל, וועלכער איז ניט געווען נאָך דעם געשמאַק פֿון די גרויסע גרונד־בעזיצער און זייערע פּעכטערס!

פֿון דעסטוועגען האָבען מיר געזעהן, אַז אין דער פּעריאָדע פֿון

*) מען אימפּאָרטירט אַלצדינג, אפילו דאָס פֿוטער פֿאַר די ווייניגע בהמות, וועלכע מען האָדעוועט אין ענגלאַנד. עהל קיכען פֿאַר די פֿערד, היי, פֿערשידענע סאָרטען מעהל א.ז.וו. וואָס אַנבעלאַנגט פֿלייש, האָבען די ענגלישע בויערן ערשט אָנגעהויבען עסען רינד־פֿלייש און שעפּסען־פֿלייש, ווען מען האָט אין די 60גער יאָהרען פֿון דעם פֿערגאַנגענעם יאָהרהונדערט אימפּאָרטירט פֿערשידענע סאָרטען פֿלייש פֿון אַמעריקאַ און שפּעטער פֿון אויסטראַליען און ניו זילענד. ביז דאַמאָלס איז פֿלייש געווען אַ לוקסוס־אַרטיקעל פֿאַר די בויערן, צו וועלכען זיי האָבען זיך ניט געקענט דערשלאָגען.

1895—1896 זיינען אויך דאָ אין ענגלאַנד ענטשטאַנען גרויסע קאַרטעלען אָדער טראָסטס פֿון פֿאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען מאָנאָפּאָליזירט געוויסע אינדוסטריען, אַזוי ווי איבעראַל. די אורזאַכע פֿון דער דאָזיגער ערשיינונג — איצטער האָבען מיר איהר אויסגעפֿונען — בעשטעהט אין דעם, וואָס די פֿעראייניגונגען פֿון די פֿאַבריקאַנטען נעהמען איצט אָן אַן אינטערנאַציאָנאַלען כאַראַקטער; זיי נעהמען אַרום די אונטערנעהמער פֿון דיזעלבע אינדוסטריען אין די לענדער, וועלכע לעבען אונטער דעם סיסטעם פֿון פּראָטעקציאָן, אַקוראַט ווי די פֿאַבריקאַנטען פֿון ענגלאַנד.*) אויף אַזאַ אופן פֿערשפּרייטען זיך די פּריווילעגיעס, וועלכע מען האָט עטאַבלירט אין דייטשלאַנד און רוסלאַנד צו גונסטען די דייטשע און רוסישע פֿאַבריקאַנטען, איצט אויך אין דעם לאַנד פֿון דעם פֿריי־האַנדעל סיסטעם. דער איינפֿלוס פֿון אָט די אינטערנאַציאָנאַלע פֿעראייניגונגען פֿון די פֿאַבריקאַנטען, פֿיהלט זיך היינט איבעראַל, זיי זיינען איינע פֿון די הויפּט אורזאַכען פֿון דער פֿערהעכערונג פֿון די פּרייזען. און זיי פֿערהעכערן ניט בלויז דעם פּרייז פֿון די ספּעציעלע פּראָדוקטען, מיט וועלכע די פֿעראייניגונג פֿון די פֿאַבריקאַנטען בעשעפֿטיגט זיך, נאָר — מען דאַרף דאָס גוט נעהמען אין אָנבעטראַכט — זיי פֿערהעכערן די פּרייזען פֿון אַלע פּראָדוקטען.

**) די דאָזיגע פֿעראייניגונגען, אַריינגעהמענדיג אַלץ מעהר און מעהר די ענגלישע פֿאַבריקאַנטען אין זייערע רייהען, — די גרעסטע פֿאַבריקאַנטען פֿון דער פֿאָדים-אינדוסטריע, דער גלאָז-אינדוסטריע, דער סעמענט-אינדוסטריע א.ז.וו. — פֿערהינדערן אויף אַזאַ אופן, אַז צוליעב דער אויסלענדישער קאָנקורענץ זאָלען פֿאַלען די פּרייזען אין ענגלאַנד. אַמאָל האָבען די דייטשע און רוסישע פֿאַבריקאַנטען פֿון דיזעלבע פּראָדוקטען — נאָך דעם ווי זיי האָבען פֿריהער פֿערקויפֿט אַ געוויסע קוואַנטיטעט ביי זיך אין דערהיים פֿאַר אַ הויכען פּרייז (צו דאַנקען דעם פּראָטעקציאָנס-סיסטעם, וועלכער לייגט אַרויף אַ טאַקסע אויף פּראָדוקטען, וואָס ווערען אימפּאָרטירט פֿון אויסלאַנד — געקענט שיקען אַ געוויסע קוואַנטיטעט קיין ענגלאַנד, ווען די וויכטיגסטע פֿאַבריקאַנטען דאָרט האָבען זיך פֿערשטענדיגט און פֿאָרמירט אַ קאַרטעל אָדער טראָסט, אום צו פֿערהעכערן דעם פּרייז פֿון זייערע פּראָדוקטען. היינט אָבער, ווען די ענגלישע פֿאַבריקאַנטען זיינען געוואָרען מיטגלידער פֿון אַן אינטערנאַציאָנאַלער פֿעראייניגונג פֿון פֿאַבריקאַנטען, דאַרפֿען זיי שוין ניט מורא האָבען פֿאַר דער קאָנקורענץ, דערפֿאַר וואָס די דייטשע און רוסישע פֿאַבריקאַנטען האָבען זיך פֿערפֿליכטעט ניט צו שיקען זייערע פּראָדוקטען נאָך ענגלאַנד אין אַזאַ פֿאַל.

איז עס נויטווענדיג נאך צוצוזעצען אז די דאזיגע סינדיקאטען אדער טראסטס פון די קאפיטאליסטען געניסען אונטער טויזענדער פערשידענע בעציהונגען (בענק א.ז.וו.) די הויכע פראטעקציאן פון די שטאאטען, אין דער צייט ווען דיזעלבע רעגירונגען פערפאלגען און אונטערדריקען די אינטערנאציאנאלע סינדיקאטען און טרייד־יוניאנס פון די ארבייטער? אזוי האט די פראנצויזישע רעגירונג אונטערדריקט די „אינטערנאציאנאלע" אין פראנקרייך, און די רעגירונגען פון בעלגיען און דייטשלאנד האבען באלד ארויסגעשיקט דעם ענגלישען אגיטאטאר, ווען ער איז געקומען, אום מיטצוהעלפען שאפען א געווערקשאפטליכע ארגאניזאציאן פון די ארבייטער. אבער מען האט נאך קיינמאל ניט געזעהן, דאס וואס פאר עס איז ניט רעגירונג זאל ארויסשיקען אן אגענט פון א טראסט*).

נאר לאמיר זיך שוין קעהרען צוריק צום ענגלישען פארלאמענט, אום אויפצוצייגען, אז ער האט קיינמאל ניט פערנאכלעסיגט זיין אייגענטליכע מיסיאן, די מיסיאן פון אלע רעגירונגען אין אלטע און מאדערנע שטאאטען:— צו בעגינסטיגען די אויסבייטונג פון די ארעמע דורך די רייכע. וועהרענד דעם גאנצען 19טען יאהרהונדערט, אקוראט ווי בעפאר, האט ער קיינמאל ניט פערזוימט צו שאפען מאנאפאלען, ווי באלד עס האט זיך נאר געמאכט א געלעגענהייט. אזוי איז פראפעסאר ליווי, וועלכער וויל אויפווייזען אויף וויפיעל ענגלאנד שטעהט העכער אין דיזער הינזיכט פון דייטשלאנד, געצוואונגען צו אנערקענען, אז דארט, וואו די לייכטיגקייט

*) וואס אנבעלאנגט די מאדערנע ענטוויקלונג פון די אינטערנאציאנאלע קארטעלען, ערלויב איך זיך דא איבערצוגעבען א קורצען אויסצוג פון דעם, וואס אנדרע מאריזע האט געשריבען אין די "*Guerre Sociale*" פון'ם 6טען פעברואר 1912 וועגען דער אינטערנאציאנאלער אליאנץ, וועלכע עקזיסטירט אין דער ליפערונג פון פאנצער־פלאטען פאר קריעגס־שיפען א.ז.וו. אין אנהויב האבען עקזיסטירט צעהן טהייל־נעהמער, מיט קרופ, שניידער, מאקסים, קארנעגי א.ז.וו., וועלכע האבען זיך צוטהיילט אויף פיער גרופען. אן ענגלישע, א דייטשע, א פראנצויזישע און אן אמעריקאנישע. די דאזיגע צעהן טהייל־נעהמער האבען זיך ארראנזשירט צווישען זיך, אז זיי וועלען צוטהיילען די בעשטעלונגען פון די רעגירונגען צווישען זיך אויף אזא שטייגער, אז איינער זאל ניט קאנקורירען מיט די אנדערע. דער יעניגער פון די טהייל־נעהמער, וועלכער האט ערהאלטען א בעשטעלונג, האט אנגעגעבען א געוויסען פאסיגען פרייז, און די איבעריגע מיטגלידער פון דעם קארטעל האבען אנגעגעבען אביסעל העכערע פרייזען, ווען די בעטרעפענדע רעגירונג האט זיך נאכגעפרעגט ביי זיי. עס האט זאגאר עקזיסטירט א „פול", ד.ה. א בעזונדערער פאנד,

פֿון דעם אויסלענדישען אימפּאָרט איז ניט געווען קיין הינדערניס, האָט דער ענגלישער פּאַרלאַמענט קיינמאָל ניט פֿערפֿעהלט די געלעגענהייט צו בעגינסטיגען די מאָנאָפּאָלען.

אויף אַזאַ שטייגער איז דער מאָנאָפּאָל פֿון די קוילען-הענדלער אין ניוקאַסל אויף דעם לאָנדאָנער קוילען-מאַרק דירעקט בעגינסטיגט געוואָרען דורך דאָס געזעץ פֿון 1830, און דער קאַרטעל פֿון די דאָזיגע הענדלער איז ערשט צובראָכען געוואָרען אין 1844, ווען עס איז אָנגעגאַנגען די מעכטיגע אַגיטאַציאָן פֿון די טשאַרטיסטען פֿון יענער עפּאָכע. און ניט שפּעטער ווי פֿון 1870 ביז 1880 האָבען זיך פֿאָרמירט יענע פֿעראייניגונגען פֿון די שיף-קאָמפּאַניס, די זאָגענאַנטע "*Shipping Rings*", פֿון וועלכע מען האָט אַזוי פֿיעל גערעדט, — ס'איז גאָר ניט נייטיג צו בעמערקען, אַז זיי זיינען בעגינסטיגט געוואָרען פֿון'ם שטאַאַט.

אָבער וואָלט דאָס כאָטש אַלעס געווען. אַלעס, וואָס מען האָט נור געקענט מאָנאָפּאָליזירען, איז מאָנאָפּאָליזירט געוואָרען דורך דעם ענגלישען פּאַרלאַמענט.

ווי באַלד מען האָט אָנגעהויבען צו בעלייכטען די שטעדט מיט גאַז, צו בויען גרויסע וואַסער-לייטונגען, אום צו פֿערזאָרגען די איינוואוינער מיט ריינע וואַסער, צו קאַנאַליזירען די גאַסען, צו בויען טראַמוויים און — ווי עס איז געווען דער פֿאַל גאָר ניט לאַנג צוריק — איינצופֿיהרען טעלעפֿאָנען, האָט דער ענגלישער פּאַרלאַמענט קיינמאָל ניט פֿערפֿעהלט צו פֿאָרמירען מאָנאָפּאָלען פֿון די אַלע צווייגען פֿאַר דעם עפֿענטליכען לעבען,

---

אין וועלכען יעדער מיטגליד האָט געמוזט איינצאָהלען אַ געוויסען פּראָצענט פֿון יעדער בעשטעלונג, און דער דאָזיגער פֿאָנד האָט געהאַט דעם ספּעציעלען צוועק אויסצוגלייכען די פּראָפֿיטען פֿון די פֿערשידענע בעשטעלונגען. זייט 1899 האָט מען אריינגענומען נאָך דריי גרויסע קאָמפּאַניס אין דעם קאַפּיטעל, אום צו פֿערהינדערן זייער קאָנקורענץ. — עס איז בעקאַנט, וואָס פֿאַר אַ קאָלאָסאַלע מאַכט דער דאָזיגער קאַרטעל בעזיצט. ניט נור וואָס ער איז אַ מיטעל אויסצופּלינדערן די קאַסען פֿון די שטאַאַטען און צו מאַכען געוואַלטיגע פּראָפֿיטען, נאָר ער האָט אויך דעם גרעסטען אינטערעס צו אינספּירירען אַלע שטאַאַטען, צי קליינע צי גרויסע, זיי זאָלען בויען פּאַנצער-שיפֿען. דאָס איז די אורזאַכע, וואָרום עס עקזיסטירט אַ צטער אַזאַ פֿיבער-האַפֿטע טהעטיגקייט צו בויען „דרעדנאָטס" און „סופּער-דרעדנאָטס". די באַנקירען, וואָס זיינען פֿעראינטערעסירט אין דעם דאָזיגען סינדיקאַט, פֿאָדערן קיין בעסערע זאַך ניט, ווי אויסצובאָרגען די רעגירונגען די נויטווענדיגע געלדער פֿאַר דעם דאָזיגען צוועק און צו פֿערמעהרען די עפֿענטליכע חובות. — „עס לעבע דער שטאַאַט!"

צו גונסטען פּריווילעגירטע קאָמפּאַניס. די אַרבייט איז אַזוי גרינדליך געמאַכט געוואָרען, אַז די איינוואוינער פון די שטעדט אין דער פּראָווינץ קענט און פון עטליכע אַנדערע פּראָווינצען צאָהלען נאָך היינט אַ לעבערליך הויכען פּרייז פאַר זייער וואַסער, און זיי האָבען ניט קיין שום מעגליכקייט צו פערשאַפען זיך אַליין וואַסער אין צו פערטהיילען די נויטווענדיגע קוואַנטיטעטען אין די הייזער; דע־פאַר וואָס דער פּאַרלאַמענט האָט איבערגעגעבען דעם דאָזיגען פּריווילעגיום צו עטליכע קאָמפּאַניס. אין אַנדערע פּלעצער איז דאָסועלבע דער פאַל געווען מיט גאַז אָדער מיט די טראַמוויים, און ביז דעם ערשטען יאַנואַר 1912 האָט איבעראַל עקזיסטירט דער מאָנאָפּאָל פון די טעלעפאָנען.

די ערשטע טעלעפאָנען זיינען דאָ אין ענגלאַנד איינגעפיהרט געוואָרען דורך עטליכע פּריוואַט־קאָמפּאַניס. און דער שטאַאַט, דער פּאַרלאַמענט, פערשטעהט זיך, האָט זיך אונטערגעאיילט זיי איבערצוגעבען דעם מאָנאָפּאָל איינצופיהרען טעלעפאָנען אין דער און דער שטאָדט אָדער אין דער און דער געגענד פאַר איין און דרייסיג יאָהר צייט. עס האָט ניט גענומען קיין לאַנגע צייט און די אַלע קאָמפּאַניעס האָבען זיך פעראייניגט אין איין מעכטיגע נאַציאָנאַלע קאָמפּאַניע, און אַזוי איז ענטשטאַנען אַ סקאַנדאַלעזער מאָנאָפּאָל. מיט איהרע ליניעס און געזעצליכע „קאָנצעסיאָנען" איז די נאַציאָנאַלע טעלעפאָן־קאָמפּאַניע געווען אימשטאַנד צו נעהמען פון דעם ענגלענדער זעקס אָדער זיעבען מאָל אַזוי פיעל געצאָהלט פאַר איהרע דיענסטען, ווי מען האָט בעצאָהלט אין אַלע איבעריגע לענדער פון איירּאָפּאַ פאַר דער בענוצונג פון די טעלעפאָנען. און אַזוי ווי די קאָמפּאַניע, מיט דער וואַפע פון איהר מאָנאָפּאָל, האָט מיט אַ יעהרליכער אויסגאַבע פון £3.000.000 געהאַט אַ ריינעם פּראָפיט פון £1.080.000 אַ יאָהר, האָט זי זיך, פערשטעהט זיך, ניט געאיילט צו פערמעהרען די צאָהל פון איהרע סטאַנציעס; זי האָט בעסער פאָרגעצויגען צו בעצאָהלען איהרע אַקציאָנערען פעטע דיווידענדען און צו פערמעהרען איהרע רעזערוו־פאָנדס, וועלכע האָבען דערגרייכט אין פופצעהן יאָהר צייט די סומע פון £4.000.000. דאָס אַלעס האָט פערהעכערט דעם „ווערטה" פון דער קאָמפּאַניע און פאָלגליך די סומע, וועלכע דער שטאַאַט וועט איהר מוזען צאָהלען, אויב ער וועט וועלען צוריק צונעהמען פון איהר דעם פּריווילעגיום, איידער די איין און דרייסיג יאָהר וועלען זיין צו ענדע. דער רעזולטאַט פון דעם דאָזיגען צושטאַנד איז געווען, אַז דער פּריוואַט־טעלעפאָן, וועלכער איז אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך אויף דעם קאָנטינענט, האָט אין ענגלאַנד בלויז עקזיסטירט פאַר די רייכע אין די

קאָמערציאַנטען. ערשטדעם 1טען יאַנואַר 1912 האָט די פּאָסט און טע־לעגראַפאָן־פערוואַלטונג איבערגענומען דעם טעלעפאָן סיסטעם פון דער מאָנאָפּאָליסטישער קאָמפּאַניע, נאָכדעם ווי די מאָנאָפּאָליסטען האָבען זיך פריהער בערייכערט מיט אַ שעהנע פּאָר מיליאָן פונט.

אָט מיט אַזעלכע מיטלען האָט מען געשאַפען אַ בורזשואַזיע, וועלכע האַלט זיך איין אין פערמעהרען, און וועלכע בעזיצט אונגלויבליכע רייכטהימער אין מיטען אַ נאַציאָן, וואו אַ העלפט פון די ערוואַקסענע, ד.ה. מעהר ווי פיער מיליאָן מענשען, פערדינען ווייניגער ווי 27 שילינג אַ וואָך און העכער דריי מיליאָן מענשען ווייניגער פון אַ פונט אַ וואָך. אָבער 27 שילינג אַ וואָך אין ענגלאַנד, מיט די איצטיגע פרייזען פון די לעבענס־מיטלען, איז קוים גענוג צו בעפרידיגען די נויטווענ־דיגסטע און פרימיטיווסטע בעדערפנישען פון אַ פאַמיליע, בעשטעהענדיג פון צוויי ערוואַקסענע און צוויי קינדער; עס איז גראָד גענוג אויף לעבענס־מיטלען און אויף פיער שילינג דירה־געלד אַ וואָך. די גרינדליכע און זעהר פאָרזיכטיגע אונטערזוכונגען פון פראָפעסאָר באָואי און ראַונטרי אין יאָרק, וועלכע זיינען נאָך ערגענצט געוואָרען פון קיאָזאַ מאָני, האָבען דאָס פאָלשטענדיג בעוויזען.

* * *

דאָס איז, וואָס אָנבעלאַנגט די מאָנאָפּאָלען אין ענגלאַנד. אָבער ווען דאָס איז דער צושטאַנד פון אַ לאַנד, וואָס לעבט אונטער דעם פריי־האַנדעל סיסטעם, וואָס קען מען שוין ערוואַרטען פון די פּראָטעקציאָנאַ־ליסטישע לענדער, וואו עס איז ניט נור אויסגעשלאָסען די קאָנקורענץ פון אויסלענדישע פּראָדוקטען, נאָר וואו די גרויסע אינדוסטריען — די אייזען־אינדוסטריע, די פאַבריקאַציאָן פון אייזענבאַהן־רעלצען, די צוקער־אינדוסט־ריע א.ז.וו. ווערען נאָך שטענדיג סובווענציאָנירט דורך דעם שטאַאַט? דייטשלאַנד, פראַנקרייך, רוסלאַנד, די פעראייניגטע שטאַאַטען זיינען אמת'ע אויסבריהונגס־פאַבריקען פאַר מאָנאָפּאָלען און קאַפּיטאַליס־טישע סינדיקאַטען אונטער דער פּראָטעקציאָן פון'ם שטאַאַט. די דאָזיגע אָרגאַניזאַציאָנען, וועלכע זיינען זעהר גרויס אין צאָהל און מאַנ־בעסמאָל זעהר מעכטיג, האָבען די מעגליכקייט צו פערהעכערן דעם פרייז פון זייערע פּראָדוקטען אויף אַ געוואַלטיגען שטייגער.

דאָס ערץ — כמעט אַלע סאָרטען ערץ — די מעטאַלען, דער רויה־צוקער, די צוקער־זידערייען, דער אַלקאָהאָל אָדער וויין־גייסט, וואָס ווערט געברויכט אין דער אינדוסטריע און גאַנצע רייהען ספּעציאַליזירטע אינ־דוסטריען (נעגעל, טעפּעריי־אַרטיקלען), טאַבאַק, די רייניגונג פון נאַפט

א.ז.וו. א.ז.וו. — אָט פֿאַר דער אויסבייטונג פֿון די אַלע זאַכען האָט מען געשאַפֿען מאָנאָפּאָלען, קאַרטעלען אָדער טראָסטס — פֿערשטעהט זיך, שטענדיג דורך דער אַריינמישונג פֿון'ם שטאַאַט און זעהר אָפֿט אונטער זיין פּראָטעקציאָן.

איינער פֿון די בעסטע ביישפּיעלען אין דיזער הינזיכט זיינען די דייטשע צוקער סינדיקאַטען. די צוקער-פּראָדוקציאָן, זייענדיג אַן אינדוסטריע, וועלכע שטעהט אונטער דער אויפֿזיכט פֿון'ם שטאַאַט און ביז צו אַ געוויסען גראַד אונטער זיין פֿערוואַלטונג, בעשטעהט פֿון 450 צוקער זיעדערייען, וועלכע האָבען זיך פֿעראייניגט אונטער דער פּראָטעקציאָן פֿון'ם שטאַאַט, אום צו עקספּלאָטירען דעם פּובליקום. די דאָזיגע אויסבייטונג איז אָנגעגאַנגען, ביז עס האָט שטאַטגעפֿונען דער קאָנפֿערענץ אין ברי‌סעל, וועלכער האָט אַביסעל בעשריינקט די פּראָטעקציאָן פֿון דער צוקער-אינדוסטריע דורך די דייטשע און רוסישע רעגירונג, אום צו בעגינסטיגען די ענגלישע צוקער-פֿאַבריקאַנטען.

דיזעלבע ערשיינונג מאַניפֿעסטירט זיך אין דייטשלאַנד אין פֿיעלע אַנדערע אינדוסטריען, ווי צ.ב.ש. דער סינדיקאַט פֿון די בראַנפֿען-פֿאַבריקאַנטען, דער וועסטפֿעהלישער קוילען סינדיקאַט. דער סינדיקאַט פֿון די שטיינגוט פֿאַבריקען (טעפּערייען), די פֿעראייניגונג פֿון די פֿאַבריקאַנטען, וועלכע פּראָדוצירען נעגעל פֿון דייטשע דראָהט-אייזען א.ז.וו., שוין ניט רעדענדיג פֿון געוויסע שיף-קאָמפּאַניס, פֿון די אייזענבאַהן-סינדיקאַטען, פֿון די קאָמפּאַניס פֿאַר דער פֿאַבריקאַציאָן פֿון קריעגס-מאַטעריאַל א.ז.וו. ביז צו די סינדיקאַטען פֿאַר דער אויסבייטונג פֿון די ערץ גריבער אין בראַזיליען און פֿיעלע אַנדערע.

וואָס אָנבעלאַנגט אַמעריקאַ, איז דער צושטאַנד דאָרט דערזעלבער. ניט נור אין דער צייט פֿון דער קאָלאָניזירונג און וועהרענד דער ערשטער פּעריאָדע פֿון דער מאָדערנער אינדוסטריע, נאָר אויך היינט געהט ניט אַר בער אַ טאָג, וואו עס זאָלען ניט ענטשטעהן די שענדליכסטע מאָנאָפּאָלען אין יעדער אַמעריקאַנער שטאָדט. און איבעראַל מאַניפֿעסטירט זיך דערזעלבער שטרעבען, דיזעלבע טענדענץ — צו בעגינסטיגען און צו פֿערשטאַרקערן די אויסבייטונג פֿון די אָרעמע דורך די בעזויענדע און שעדליכע עלעמענטען אין דער געזעלשאַפֿט, אונטער דער פּראָטעקציאָן פֿון'ם שטאַאַט. יעדער פֿאָרטשריט פֿון דער ציוויליזאַציאָן שאַפֿט נייע מאָנאָפּאָלען, נייע מעטהאָדען פֿון דער אויסבייטונג, בעגינסטיגט דורך דעם שטאַאַט, אין אַמעריקאַ פּונקט ווי אין די אַלטע שטאַאַטען פֿון אייראָפּאַ.

ניטאָ קיין שום אונטערשיעד צווישען אַריסטאָקראַטיע און דעמאָ-קראַטיע — ווי באַלד נור זיי געפינען זייער פּלאַץ אין דעם מעכאַניזם פון'ם שטאַאַט, האַנדלען ביידע אויף דעמזעלבען שטייגער. ווי באַלד נור די איינע אָדער די אַנדערע בעקומט אַריין די מאַכט אין איהרע הענד, זיינען זיי ביידע דיזעלבע שונאים פון דער איינפאַכסטער גערעכטיגקייט, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דעם פּראָדוצירער פון אַלע רייכטהימער — דעם אַרבייטער*).

אָבער ליידער איז אָט די שענדליכע אויסבייטונג פון אַ גאַנצער בעפעלקערונג דורך דעם שטאַאַט, אום צו בערייכערן אַ געוויסע צאָהל פאַבריקאַנטען, קאָמפּאַניס אָדער באַנקירען, נאָך ניט דאָס ערגסטע. דער איבעל איז פיעל, פיעל טיעפער! אָט די אַלע גרויסע קאָמפּאַניס פון אייזענבאַהנען, שטאָהל-פאַבריקען, קוילען-גריבער, נאַפט-קוועלען, קופּער-מינען א.ז.וו. די גרויסע באַנק-קאָמפּאַניס און די גראָבע פינאַנץ מענער שטעלען פאָר מיט זיך אַ געוואַלטיגע פּאָליטישע מאַכט אין אַלע מאָדערנע שטאַאַטען. מען דאַרף זיך נור דערמאָהנען, אויף וואָס פאַר אַ שענדליכען אופן די באַנקירען און די גרויסע פינאַנץ-מענער בעהערשען די רעגירונגען אין דער פראַגע פון קריעג אָדער פריעדען. עס איז

*) דעלעסי האָט אונז געגעבען אַן אויסגעצייכענטען ביישפּיעל פון אַ סינדיקאַט — דעם סינדיקאַט פון סענט אָבאַן — וועלכער איז געבוירען געוואָרען אונטער דער רעגירונג פון לואי דעם 15טען און וועלכער האָט פון דאַמאָלס אָן שטענדיג געהאַט גוטע ערפאָלגען, דערפאַר וואָס ער האָט אימער געזוכט זיינע אַקציאָנערען אין די העכערע קרייזען פון די רעגירענדע. אין אָנפאַנג האָט ער זיך אויסגעקליבען זיינע אַקציאָנערען און בעשיצער ביים הויף פון די קעניגע; שפּעטער צווישען דער אימפּעריאַליסטישער אַריסטאָקראַטיע פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען; דערנאָך צווישען דער הויכער אַריסטאָקראַטיע פון דער רעסטאָראַציאָנס-פּעריאָדע; צולעצט ביי דער רעפּובליקאַנישער בורזשואַזיע. ער האָט איבערגעביטען דעם קרייז פון דער אויסבייטונג, לויט די פערשידענע פּעריאָדען, און ער עקזיסטירט און בליהט נאָך היינט צו טאָג אונטער דער הויכער פּראָטעקציאָן פון לעזשיטימיסטען, באָנאַפּאַרטיסטען און רעפּובליקאַנער, וועלכע האָבען זיך פעראייניגט צו דעם געמיינשאַפטליכען צוועק פון דער אויסבייטונג. די פאָרם פון דעם שטאַאַט האָט זיך וועהרענד דער עקזיסטענץ פון דעם דאָזיגען סינדיקאַט אַ שעהנע פּאָר מאָל איבערגעביטען, אָבער אַזוי ווי זיין אינער-ליכסטער וועזען בלייבט שטענדיג דערזעלבער, קען דער מאָנאָפּאָל, דער טראַסט שטענדיג עקזיסטירען, און די אויסבייטונג פון די אָרעמע צו גונסטען די רייכע געהט רוהיג אָן ווי בעפאָר.

בעקאַנט, אַז די פּערזענליכע סימפּאַטהיע פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען און פֿון דער קעניגין וויקטאָריאַ צו דייטשלאַנד האָט אין 1870 געהאַט אַ שטאַרקען איינפֿלוס אויף דער רוסישער און ענגלישער פּאָליטיק און האָט בייגעטראָגען צו פֿראַנקרייך'ס מפּלה. און מיר האָבען שפּעטער געזעהן וויפֿיעל די פּערזענליכע סימפּאַטהיע פֿון עדוואַרד דעם 7טען האָט בייגעטראָגען צו דער פֿראַנצוויזיש-ענגלישער אַליאַנץ. אָבער עס איז פֿאַר קיין פֿאַל ניט קיין איבערטרייבונג צו זאָגען, אַז די סימפּאַטהיע אָדער אַנטיפּאַטהיע פֿון דער פֿאַמיליע ראָטהשילד און די אינטערעסען פֿון דער הויכער באַנק אין פּאַריז און פֿון דער קאַטהאָלישער באַנק אין רוים זיינען פֿיעל מעכטיגער ווי די סימפּאַטהיען און אינטערעסען פֿון די קעניגע און קעניגינען. עס איז צ.ב.ש. בעקאַנט, אַז די האַלטונג פֿון די פֿעראייניגטע שטאַאַטען צו קובאַ און שפּאַניען איז פֿיעל מעהר בעשטימט געוואָרען דורך די מאָנאָפּאָליסטישע סענאַטאָרען אין דער צוקער-אינדוסטריע, ווי דורך די סימפּאַטהיע פֿון די אַמעריקאַנישע שטאַאַטס-מענער צו די אינסורגענטען פֿון קובאַ.

---

## VIII.

# די מלחמה.

## די אינדוסטריעלע קאָנקורענץ.

שוין אין 1883, ווען ענגלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך און רומעניען, פּראָפֿיטירענדיג פֿון פֿראַנקרייך'ס איזאָלירונג, האָבען זיך פֿעראייניגט געגען רוסלאַנד, און ווען אַ שרעקליכער אייראָפּעאישער קריעג האָט געהאַלטען ביים אויסברעכען, האָבען מיר אויפֿגעצייגט אין דער צייטונג „לע רעוואָלטע" די אמת'ע מאָטיווען פֿין דער געגענזייטיגער קאָנקורענץ צווישען די שטאַאַטען און פֿון די מלחמות, וועלכע זיינען די פֿאָלגען פֿון דער דאָזיגער קאָנקורענץ.

די אורזאַכע פֿון די היינטיגע מלחמות איז שטענדיג דיזעלבע, — עס איז דער קאַמפּף פֿאַר די מערק, דער קאַמפּף פֿאַר דעם רעכט צו עקספּלאָאַטירען אַזעלכע נאַציאָנען, וועלכע זיינען הינטערשטעליג אין זייער אינדוסטריע. מען שלאָגט זיך היינט מעהר ניט אין אייראָפּאַ פֿאַר די עהרע פֿון די קעניגע. מען שיקט אַרמעען איינע געגען די אַנדערע, אום

צו פֿערזיכערן די איינקינפֿטע פֿון די אַלמעכטיגע העררען ראָטהשילד אָדער שניידער, פֿון דער העכסט עהרען־ווערטהער קאָמפּאַניע פֿון אַנזען אָדער פֿון דער הייליגער קאַטהאָלישער באַנק אין רוים. די קעניגע שפּיעלען היינט אַ קנאַפּע ראָלע.

דער פֿאַקט איז, דאָס אַלע מלחמות, וואָס האָבען שטאַטגעפֿונען אין איירָאפּאַ זייט די לעצטע הונדערט מיט פֿופֿציג יאָהר, זיינען געווען מלחמות פֿאַר די אינטערעסען פֿון דעם קאָמערץ און פֿאַר די רעכטע פֿון דער אויסבייטונג.

* * *

ביי די ענדע פֿון'ם 18טען יאָהרהונדערט האָט די גרויסע אינ־דוסטריע און דער וועלט־האַנדעל, מיט דער הילפֿע פֿון אַ שטאַרקער קריעגס־פֿלאָטע און קאָלאָניען אין אַמעריקאַ (קאַנאַדאַ) און אַזיען (אינ־דיען), אָנגעהויבען זיך ענטוויקלען אין פֿראַנקרייך. דערנאָך איז געקומען ענגלאַנד, וועלכע האָט שוין פֿריהער פֿערניכטעט איהרע קאָנקורענטען שפּאַניען און האָלאַנד, און האָט פֿערזוכט צו בעהאַלטען פֿאַר זיך אַליין דעם מאָנאָפּאָל פֿון'ם זעע־האַנדעל, די הערשאַפֿט איבער אַלע ימים און די מאַכט פֿון אַ גרויסען קאָלאָניאַל־רייך. אויסנוצענדיג די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, האָט זי אָרגאַניזירט אַ גאַנצע סעריע פֿון מלחמות געגען פֿראַנקרייך. זי האָט באַלד פֿערשטאַנען, וואָס עס איז נויטווענדיג פֿאַר דעם מאָנאָפּאָליזירטען פֿערקויף פֿון די פּראָדוקטען, וועלכע איהר יונגע אינדוסטריע האָט אַרויסגעגעבען.

זייענדיג געגוג רייך, אום צו בעצאָהלען די אַרמעען פֿון פּרייסען, עסטרייך און רוסלאַנד, האָט ענגלאַנד אָרגאַניזירט אַ גאַנצע רייהע פֿון שרעקליכע און צושטערענדע מלחמות געגען פֿראַנקרייך פֿאַר אַ פֿערטעל יאָהרהונדערט. פֿראַנקרייך האָט געמוזט אַרויספּרעסען פֿון זיך דעם לעצ־טען גראָשען, אום אָנצופֿיהרען די דאָזיגע מלחמות; און נור פֿאַר דיזען פּרייז איז זי געווען אימשטאַנד אויפֿצוהאַלטען איהר רעכט צו פֿערבלייבען אַ „גרויס מאַכט" אין איירָאפּאַ. דאָס הייסט, אַז זי האָט געמוזט איינ־שטעלען איהרע לעצטע בחות, אום אויפֿצוהאַלטען פֿאַר זיך דאָס רעכט זיך ניט צו אונטערוואַרפֿען צו אַלע בעדינגונגען, וועלכע די ענגלישע מאָנאָפּאָליסטען האָבען געוואָלט אויף איהר אַרויפֿצווינגען, צוליעב די אינטערעסען פֿון זייער קאָמערץ. פֿראַנקרייך האָט בעהאַלטען דאָס רעכט צו האָבען אַ קריעגס־פֿלאָטע און קריעגס־האַפֿענס. איהרע פֿלענער מכח איהרע קאָלאָניען אין נאָרד־אַמעריקאַ (זי האָט פֿערלוירען קאַנאַדאַ) און אינדיען (זי האָט געמוזט אָבטרעטען פֿון דאָרטען) זיינען צושטערט

געוואָרען; דערפֿאַר אָבער האָט זי בעקומען די ערלויבעניש צו שאַפֿען זיך אַ קאָלאָניאַל־רייך אין אַפֿריקאַ — מיט דער בעדינגונג, אַז זי וועט זיך ניט צוריהרען צו עגיפּטען — און צו בערייכערן איהרע מאָנאָפּאָליסטען דורך דער אויסבייטונג פֿון די אַראַבער אין אַלזשיר.

* * *

שפּעטער, אין דעם צווייטען העלפֿט פֿון'ם 19טען יאָהרהונדערט, איז געקומען דייטשלאַנד אָן די רייהע. נאָך דעם ווי די לייב־אייגענשאַפֿט איז דאָרט אָבגעשאַפֿט געוואָרען דורך די אויפֿשטענדע פֿון 1848 און דורך דעם וואָס די פֿערניכטונג פֿון דעם קאָמונאַלען גרונד־אייגענטהום האָט די יונגע בויערן געצוואונגען צו אַנטלויפֿען אין גרויסע מאַסען פֿון זייערע דערפֿער אַריין אין די שטעדט, וואו זיי האָבען אָנגעבאָטען זייערע „ליידיגע הענד" צו די אינדוסטריע־אונטערנעהמער פֿאַר אמת'ע הונגער־פּרייזען, האָט זיך די גרויסע אינדוסטריע שטאַרק ענטוויקעלט אין פֿער־שידענע דייטשע שטאַאַטען. די דייטשע פֿאַבריקאַנטען האָבען באַלד פֿערשטאַנען, אַז ווען דאָס פֿאָלק וועט בעקומען אַ גוטע רעאַליסטישע און טעכנישע ערציהונג, וועלען זיי זעהר שנעל קענען איינהאָלען די לענדער פֿון דער גרויסער אינדוסטריע ווי ענגלאַנד און פֿראַנקרייך — מיט דער בעדינגונג, פֿערשטעהט זיך, אַז דייטשלאַנד וועט זיי פֿערזיכערן מיט גוטע מערק פֿאַר זייערע פּראָדוקטען אויסערהאַלב די דייטשע גרענעצען. זיי האָבען געוואוסט — וואָס פּרודהאָן האָט אַזוי גוט בעוויזען — אַז דער פֿאַבריקאַנט וועט קיינמאָל ניט זיין אימשטאַנד אָנצוקלייבען גרויסע רייכ־טהימער, ווען ער וועט ניט האָבען די מעגליכקייט צו שיקען אַ גרויסען טהייל פֿון זיינע פּראָדוקטען אין אַזעלכע לענדער, וואו מען צאָהלט פֿאַר זיי אַזעלכע פּרייזען, וועלכע עס וואָלט קיינמאָל ניט מעגליך געווען אַרויסצובעקומען פֿון די איינוואוינער אין דעם אייגענעם לאַנד.

אויף אַזאַ אופֿן איז ענטשטאַנען אין אַלע קלאַסען פֿון דער געזעל־שאַפֿט — ביי די עקספּלאָטירטע און ביי די עקספּלאָטאַטאָרס — דער ליידענשאַפֿטליכער וואונש צו פֿעראייניגען דייטשלאַנד, וואָס עס זאָל ניט קאָסטען; צו שאַפֿען אַ גרויס מעכטיג קייזער־רייך, וועלכעס וועט זיין אימשטאַנד אויפֿצוהאַלטען אַ געוואַלטיגע אַרמעע, אַ שטאַרקע קריעגס־פֿלאָטע, אום צו קענען פֿערכאַפּען עטליכע האַפֿענס ביי די ברעגעס פֿון דער נאָרד־זעע אָדער פֿון'ם אַדריאַטישען מעער, און שפּעטער פֿילייכט, אין אַפֿריקאַ אָדער אין די אָריענטאַלישע לענדער — מיט איין וואָרט,

אַ קייזער־רייך, וועלכעס זאָל האָבען די מאַכט צו דיקטירען אייראָפּאַ דעם עקאָנאָמישען געזעץ.

צו דעם איז אָבער נויטווענדיג געווען צו ברעכען די קראַפט פון פראַנקרייך, וועלכע איז געווען אַן אָבהאַלט צו דעם דאָזיגען פּלאַן און גענוג מעכטיג איהם צו פערהינדערן.

די פאָלגע איז געווען די שרעקליכע מלחמה פון 1870 מיט איהרע אַלע טרויעריגע קאָנזעקווענצען פאַר דעם אַלגעמיינעם פּראָגרעס, פון וועלכע מיר האָבען נאָך איצט צו ליידען.

דורך דער דאָזיגער מלחמה און דעם דאָזיגען זיעג איבער פראַנקרייך איז פערווירקליכט געוואָרען אַ דייטשעס קייזער־רייך, דער טרוים פון די ראַדיקאַלען און סאָציאַליסטען און טהיילוויז פין די קאָנסערוואַטיווען זייט 1848; און עס האָט נים גענומען קיין לאַנגע צייט, ביז מען האָט דער־פיהלט און אָנערקענט זיין פּאָליטישע מאַכט און זיין רעכט צו דיקטירען דעם געזעץ פון אייראָפּאַ.

באַלד דערויף האָט זיך אָנגעפאַנגען אין דייטשלאַנד אַ פעריאָדע פון אַן אויסערגעוועהנליכער יוגענדליכער טהעטיגקייט, אַזוי אַז די אינדוס־טריעלע פּראָדוקטיוויטעט האָט זיך פערדאָפּעלט, פערדרייפאַכט, פער־צעהנפאַכט. און איצט פערגלוסט זיך דעם דייטשען בורזשואַ נאָך נייע קוועלען צו פערגרעסערן זיין רייכטהום; עס פערגלוסט זיך איהם נאָך די פלאַכע פעלדער פון פּוילען, נאָך די סטעפּעס פון אונגאַרן, נאָך די בערג־לענדער פון אַפריקאַ און הויפּטזעכליך נאָך די געביעטען אַרום דער באַגדאַד־אייזענבאַהן — נאָך די רייכע טהאָלען פון קליין־אַזיען, וועלכע פערזאָרגען דעם דייטשען קאַפּיטאַליסט מיט אַ ביליגער און פלייסיגער בעפעלקערונג צום עקספּלאָאַטירען, אונטער דעם שעהנסטען הימעל פון דער וועלט; און ווער קען וויסען, פיליי‍כט וועט ער אויך נאָך וואַרפען זיינע אויגען, אין אַ שעהנעם טאָג, אויף עגיפּטען.

דער אַפּעטיט פון דעם דייטשען געשעפטס־ספּעקולאַנט איז אונ־בעגרענעצט: ער איז הונגעריג נאָך די האַפענס פאַר דעם עקספּאָרט און איבערהויפּט נאָך די קריעגס־האַפענס פון דער אַדריאַטישער זעע און פון׳ם מיטעלענדישען מעער, נאָך די ברעגעס פון׳ם אינדישען אָקעאַן, פון דעם פּערזישען גאָלף און פון דעם מזרח־זייט פון אַפריקאַ. און שפּעטער וועט מען זיך נעהמען צו די ברעגעס פון׳ם שטילען אָקעאַן — אָט דאָס איז דער חלום פון די דייטשע קאָלאָניאַל־פּאַטריאָטען — און זייער דיענער, דאָס דייטשע קייזער־רייך מיט זיינע אַרמעען און קריעגס־שיפען איז פאַרטיג פאַר זייער בעפעהל.

* * *

אָבער איבעראַל, וואו אָט די נייע עראָבערער זאָלען זיך ניט דרע־הען און קעהרען, בעגעגענען זיי זיך מיט אַ מעכטיגען קאָנקורענט, דעם ענגלענדער, וועלכער פערשטעלט זיי דעם וועג.

ענגלאַנד, פערשטעהט זיך, זוכט אויפצוהאַלטען מיט אַלע מיטלען איהר אויבער־מאַכט איבער די ימים און איהרע קאָלאָניען פאַר דער אויסבייטונג פון איהרע מאָנאָפּאָליסטען; אָט דערפאַר קוקט זי מיט איי־פערזיכטיגע אויגען אויף יעדען ערפאָלג פון דער דייטשער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק און אויף דער שטאַרקער ענטוויקלונג פון דער דייטשער קריעגס־פלאָטע, און זי פערדאָפעלט איהרע אָנשטריינגונגען, אום צו האָבען אַזאַ פלאָטע, וועלכע זאָל זיין אימשטאַנד צו צושמעטערן די דייטשע קריעגס־פלאָטע. זי זוכט אויך איבעראַל פריינדשאַפטליכע פּאָ־ליטישע פערבינדונגען מיט אַנדערע שטאַאַטען, אום אָבצושוואַכען די מיליטערישע מאַכט פון דייטשלאַנד אויף דער יבשה. און ווען די ענג־לישע פרעסע פערשפרייט דעם קלאַנג און ענטוויקעלט ביי דער ענגלישער נאַציאָן אַ מין מורא פאַר אַן אָנפאַל פון די דייטשען אויף ענגלאַנד, ווייס זי אָבער זעהר גוט, דאָס אַזאַ געפאַהר עקזיסטירט איבערהויפּט ניט. די געפאַהר איז דאָרטען, וואו דייטשלאַנד קען אַטאַקירען אַ קאָלאָניע פון דער בריטישער מלוכה; — אין איינפערשטענדניס מיט דער טערקיי, פערשטעהט זיך — לאָמיר זאָגען עגיפּטען. אָט דאָרט בעשטעהט ווירק־ליך די נויטווענדיגקייט אָנצוהאַלטען אַ שטענדיגע ענגלישע אַרמעע. דער גאַנצער געשריי אין דער ענגלישער פרעסע האָט נור געהאַט דעם צוועק צו שאַפען אין ענגלאַנד גופא אַ שטאַרקע „טעריטאָריאַלע" אַרמעע, וועלכע זאָל זיין אימשטאַנד — אויב עס וועט זיך מאַכען אַ נויטווענ־דיגקייט — צו דערטרינקען אין בלוט יעדען אויפשטאַנד פון די אַרבייטער. אָט פאַר דעם צוועק אונטעררייכטעט מען היינט הויפּטזעכליך די בור־זשואַזע יוגענד אין דער קריעגס־קונסט און אָרגאַניזירט איהר אין די זאָגענאַנטע „סקאַוטס בריגיידס".

די ענגלישע בורזשואַזיע וויל היינט דאָסזעלבע טהאָן צו דייטשלאַנד, וואָס זי האָט געטהאָן ביי צוויי געלעגענהייטען צו רוסלאַנד, אום אָבצו־שטעלען די ענטוויקלונג פון דער רוסישער זעע־מאַכט אויף פופציג יאָהר צייט: איינמאָל אין 1855 מיט דער הילפע פון דער טירקיי, פראַנקרייך און פיעמאָנט; דעם צווייטען מאָל אין 1904, בענוצענדיג זיך מיט יאַ־פּאַן, אום צו פערניכטען די רוסישע פלאָטע און איהר קריעגס־האַפען ביים שטילען אָקעאַן.

אַז דאָס איז די אורזאַכע, פאַר וואָס מיר ערוואַרטען זייט די לעצטע צוויי יאָהר צייט דעם אויסברוך פון אַ געוואַלטיגער אייראָפּעאישער מלחמה, וועלכע קען אויסברעכען יעדען טאָג, היינט אָדער מאָרגען.

* * *

מיר דאַרפען אויך ניט פערגעסען, אַז די אינדוסטריעלע כוואַליע, בעוועגענדיג זיך פון מערב קיין מזרח, האָט שוין דערגרייכט איטאַליען, עסטרייך און רוסלאַנד. און די דאָזיגע שטאַאַטען, פערשטעהט זיך, פאָדערן אויך זייער „רעכט" — דאָס „רעכט" פון זייערע מאָנאָפּאָליסטען אויף גנבות אין אַפריקאַ און אַזיען.

די רויבערייען פון די רוסען אין פערסיען, די רויבערייען פון די איטאַליענער געגען די אַראַבער אין דער וויסטעניש פון טריפּאָלי, די רויבערייען פון די פראַנצויזען אין מאַראָקאָ זיינען די פאָלגען פון דעם דאָזיגען צושטאַנד.

דער ק אָ מ י ט ע ט פון די באַנדיטען, וואָס שטעהט אין דיענסט פון די מאָנאָפּאָליסטען, וועלכע בעהערשען אייראָפּאַ, האָט „ערלויבט" פראַנקרייך צו פערכאַפּען מאַראָקאָ, אַקוראַט ווי ער האָט „ערלויבט" די ענגלענדער צו פערכאַפּען עגיפּטען. ער האָט „ערלויבט" די איטאַליענער צו פערכאַפּען אַ טהייל פון דער אָטאָמאַנישער מלוכה, אום צו פערהינדערן, אַז דייטשלאַנד זאָל עס ניט טהאָן; ער האָט „ערלויבט" רוסלאַנד צו פערכאַפּען דעם צפון-זייט פון פערסיען, כדי די ענגלענדער זאָלען קענען אַוועקרויבען אַ גוטען שטיק פון דעם ברעג פון'ם פערסישען גאָלף, איידער די דייטשע באַגדאַד-אייזענבאַהן וועט דאָרט דערגרייכען.

און צוליעב דעם דאָזיגען צוועק האָבען די איטאַליענער אויסגעהרג'ט אויף אַזאַ שענדליכען אופן וועהרלאָזע אַראַבער; צוליעב דעם האָבען די פראַנצויזען אויסגעשלאַכט די מאַראָקאַנער; און צוליעב דעם האָבען די געדונגענע מערדער פון דעם צאַר געהאַנגען די פערסישע פּאַטריאָטען, וועלכע האָבען געוואָלט בעניייען זייער פאָטערלאַנד מיט אַביסעל פּאָליטישע פרייהייט.

זאָלאַ איז טאַקע גערעכט געווען, ווען ער האָט געזאָגט: „וואָס פאַר שופטען דאָס זיינען, אָט די אָנשטענדיגע לייט!"

* * *

### די הויכע פינאַנץ.

מיר האָבען פריהער ערקלערט, דאָס אַלע שטאַאַטען, ווי באַלד די גרויסע אינדוסטריע ענטוויקעלט זיך ביי אַ נאַציאָן, זיינען געצוואונגען

אַרויסצורופֿען מלחמות. זיי זיינען געצוואונגען דורך זייערע אינדוסטריעלע אונטערנעהמער און אפילו דורך די אַרבייטער, אום צו פֿערכאַפּען נייע מערק — נייע קוועלען צו ערווערבען גרויסע פֿערמעגענס אויף אַ לייכ-טען אופֿן.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. אין יעדען שטאַאט עקזיסטירט היינט צו טאָג אַ קלאַס — אָדער לאָמיר בעסער זאָגען אַ קליק — וועלכע איז נאָך פֿיעל מעכטיגער ווי די קעניגע פֿון דער גרויסער אינדוסטריע, און די דאָזיגע קליק איז נאָך אַ פֿאַקטאָר, וועלכער טרייבט דעם שטאַאט צו דער מלחמה. דאָס איז די הויכע פֿינאַנץ, די גרויסע באַנקירען, וועלכע מישען זיך אַריין אין די אינטערנאַציאָנאַלע בעציהונגען צווישען די פֿערשי-דענע שטאַאטען און רופֿען אַרויס מלחמות.

דאָס ווערט היינט געמאַכט אויף אַ זעהר איינפֿאַכען שטייגער.

צו ענדע פֿון׳ם מיטעלאַלטער האָבען די מייסטע גרויסע שטאָדט-רעפּובליקען אין איטאַליען אויפֿגעהערט צו עקזיסטירען, דורך דעם וואָס זיי זיינען פּשוט דערטרונקען געוואָרען אין אַ ים פֿון חובות. ווען זיי זיינען אַריינגעטראָטען אין דער פּעריאָדע פֿון דער דעקאַדענס, האָבען זיי פֿערזוכט צו פֿערכאַפּען די רייכע מערק פֿון׳ם אָריענט; אָבער די פֿאָלגע פֿון דעם דאָזיגען שטרעבען איז געווען אַ גאַנצע סעריע פֿון שטענדיגע מלחמות צווישען די שטאָדט-רעפּובליקען, און די שטעדט זיי-נען ענדליך געקומען אַזוי וויט צו קאָנטראַקטירען זייערע אונגעהייערע חובות ביי זייערע אייגענע גילדעס פֿון די גרויסע קויפֿלייט.

דיזעלבע ערשיינונג מאַניפֿעסטירט זיך היינט אין דעם לעבען פֿון די שטאַאַטען, צו ווענען די סינדיקאַטען פֿון די באַנקירען זיינען זעהר צופֿרידען אויסצובאָרגען זייערע געלדער, מיט דער אויסרעכנונג, אַז זיי וועלען אין אַ שעהנעם טאָג קענען פֿער׳משכונ׳ען זייערע איינקינפֿטע.

פֿערשטעהט זיך, אַז דאָס איז הויפּטזעכליך דער פֿאַל מיט די קליינע שטאַאַטען. די באַנקירען באָרגען זיי אויס געלדער אויף 7, 8, 10 פּראָ-צענט, ווויסענדיג, אַז זיי וועלען נור „רעאַליזירען" די הלואה אויף 70 אָדער 80 פּראָצענט. דאָס ווערט געמאַכט דורך דעם אָבצוג פֿון די זאָגע-נאַנטע באַנק־„קאָמיסיעס" אָדער פֿון פֿערמיטלערס, וועלכע דינגען זיך אויס פֿון צעהן ביז צוואַנציג און אפילו דרייסיג פּראָצענט פֿאַר זייער „אַרבייט", אַזוי אַז דער שטאַאַט בעקומט זאָגאַר ניט דריי פֿערטעל פֿון די סומען, וועלכע זיינען פֿערשריבען אין זיין הויפּט־בוך.

פֿאַר אָט די סומען געלד, וועלכע זיינען אויף דעם פֿריהער דער-מאָהנטען אופֿן פֿערגרעסערט געוואָרען, דאַרף דער פֿערשולדיגטער

שטאַאַט פֿון איצט אָן צאָהלען די בעשטימטע פראָצענטען און אָבצאָה־לונגס־געלדער. אויב ער טהוט עס ניט אין דער בעשטימטער צייט, ויינען די באַנקירען העכסט צופֿרידען, דען זיי ווינשען זיך גאָר קיין בעסערע זאַך, ווי צוזושטעלען די הינטערשטעליגע פראָצענטען און אָבצאָהלונגס־געלדער צו דער אַלגעמיינער הלואה.

וואָס ערגער עס איז דער פֿינאַנציעלער צושטאַנד פֿון דעם פֿער־שולדיגטען שטאַאַט, אַלץ גרעסער זיינען די אויסגאַבען פֿון זיינע פֿאָר־שטעהער — און מיט דעם גרעסטען פֿערגניגען פֿערזוכט מען איהם אָנ־צובּיטען נייע הלואות. ביז אין אַ שעהנעם טאָג קומט זיך צונויף דער „קאָנסאָרטיום" פֿון די באַנקירען און בעשליסט אָרויפֿצולייגען זיין האַנד אויף געוויסע טאַקסען, אָדער אויף געוויסע אָבצאָהלונגען אויף אימפּאָר־טירטע פּראָדוקטען, אָדער אויף געוויסע אייזענבאַהן ליניעס.

אויף אַזאַ שטייגער האָבען די גרויסע פֿינאַנץ־מענער רואינירט עגיפּ־טען און איהר שפּעטער געלאָזט אַנעקטירען דורך די ענגלענדער. וואָס וואַהנזיניגער עס זיינען געווען די אויסגאַבען פֿון דעם קהעדיוו, אַלץ מעהר האָט מען איהם ענקוראַזשירט. דאָס איז געווען די אַנעקסיאָן אין קליינע שטיקלאַך.

און אויף דעמזעלביגען אופן האָט מען רואינירט די טערקיי, אום בּיסלעכווייז אַרויסצורייסען פֿון איהר איהרע פּראָווינצען. און דאָסזעלבע איז געווען דער פֿאַל מיט גריכענלאַנד, ווי מען זאָגט אונז; אַ קליינע גרופּע פֿון פֿינאַנץ־מענער האָט איהר געצוואונגען צו האַלטען מלחמה מיט דער טערקיי, אום באַלד צו פֿערכאַפּען אַ טהייל פֿון די איינקינפֿטע פֿון די בעזיעגטע גריעכענלאַנד.

אויף דעמזעלבען שטייגער האָט די הויכע פֿינאַנץ פֿון ענגלאַנד און די פֿעראייניגטע שטאַאַטען עקספּלאָטירט יאַפּאַן, ווען זי האָט אָנגעפֿיהרט איהרע ביידע מלחמות געגען כינאַ און רוסלאַנד.

וואָס אָנבעלאַנגט כינאַ, איז זי שוין זייט מעהרערע יאָהרען שטי־לערהייט צוטהיילט געוואָרען פֿון אַ סינדיקאַט, וועלכער רעפּרעזענטירט די גרויסע בענק פֿון ענגלאַנד, פֿראַנקרייך, דייטשלאַנד און די פֿעראיי־ניגטע שטאַאַטען. און זייט דער כינעזישער רעוואָלוציאָן אַרבייטען רוס־לאַנד און יאַפּאַן מיט אַלע כחות, אום מען זאָל זיי לאָזען נעהמען אַן אַנטהייל אין דעם דאָזיגען סינדיקאַט. זיי ווילען פּראָפֿיטירען, פֿערגרע־סערן דעם קרייז פֿון זייערע אינטערעסען, ניט בלויז דעם געביעט פֿאַר דער אויסבייטונג, נאָר אויך זייער טעריטאָריום. די צוטהיילונג פֿון כינאַ,

װעלכע װערט פֿאַרבערײטעט דורך די באַנקירען, שטעהט הײנט אויף דער טאַגעס־אָרדנונג.

מיט אײן װאָרט, אין די שטאַאַטען, װעלכע באָרגען אויס געלדער צו אַנדערע, עקזיסטירט אַ גאַנצע אָרגאַניזאַציאָן פֿון שטאַאַטס־מענער, באַנקירען, איניציאַטאָרס פֿון קאָמפּאַניס, געשעפֿטס־ספּעקולאַנטען און אַנדערע מענשען פֿון אַ צװײפֿעלהאַפֿטען כאַראַקטער, װעלכע זאָלאַ האָט אַזױ גלענצענד פֿאַרגעשטעלט אין זײן װערק „געלד", װעלכע העלפֿען זיך אײנע די אַנדערע, אום אויסצובײטען גאַנצע שטאַאַטען.

דאָרט, װאו נאַאיװע מענשען רײדען זיך אײן צו דערקענען טיעפֿע פּאָליטישע אורזאַכען אָדער מאַניפֿעסטאַציאָנען פֿון דעם נאַציאָנאַלען האַס, עקזיסטירען ניט מעהר װי אויסגערעכענטע קאָמפּלאָטען פֿון די באַנדיטען פֿון דער פֿינאַנץ. זײ בענוצען זיך מיט אַלעס און פּראָפֿיטירען פֿון יעדער זאַך: פֿון דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער קאָנקורענץ, פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿײנדשאַפֿט, פֿון דיפּלאָמאַטישע טראַדיציאָנען און רע־ליגיעזע שטרײטיגקײטען.

אין אַלע מלחמות, װעלכע האָבען שטאַטגעפֿונען װעהרענד די לעצטע פֿינף און צװאַנציג ביז דרײסיג יאָהר, קען מען איבעראַל דערקענען די האַנד פֿון דער גרױסער פֿינאַנץ. די עראָבערונג פֿון טראַנסװאַל און עגיפּ־טען, די אַנעקסיאָן פֿון טריפּאָלי און מאַראָקאָ, די צוטהײלונג פֿון פּער־סיען, די מערדערײען אין מאַנטשורי, די אינטערנאַציאָנאַלע בלוט־באָדען און רױבערײען אין כינאַ נאָך דעם אויפֿשטאַנד פֿון די באָקסערס, די מלחמות פֿון יאַפּאַן — אַט די אַלע פּאַסירונגען זײנען די אַרבײט פֿון די גרױסע בענק. איבעראַל האָט די גרױסע פֿינאַנץ געהאַט די ענטשײדענדע שטימע. און װען די גרױסע אײראָפּעאישע מלחמה האָט ביז איצט נאָך ניט אויסגעבראָכען, איז עס דערפֿאַר װײל די גרױסע פֿינאַנץ איז נאָך ניט געקומען צו קײן בעשטימטען בעשלוס. עס איז נאָך צו אונבעשטימט, אויף װאָס פֿאַר אַ זײט עס װעט זײן דער שװער־געװיכט פֿון די מיליאַר־דען, װאָס מען װעט דאַרפֿען אײנשטעל'ען. זײ װײסען נאָך ניט, אויף װאָס פֿאַר אַ פֿערד זײ זאָלען װעטען און אײנשטעלען זײערע מיליאַרדען.

װאָס אַנבעלאַנגט די הונדערט טױזענדער מענשליכע לעבענס, װעלכע די מלחמה װעט אײנשלינגען — האָט זיך די פֿינאַנץ ניט װאָס צו זאָרגען װעגען דעם. דאָס איז ניט איהר פֿאַך. דער גײסט פֿון דעם פֿינאַנץ־מאַן רעכענט זיך בלױז מיט ציפֿערן און זעהט, אַז די אײנע זאָלען זיך אויס־גלײכען מיט די אַנדערע. אַלעס איבעריגע בעלאַנגט ניט צו איהם. ער

בעזיצט אפילו ניט די נויטווענדיגע איינבילדונגס־קראַפֿט צו רעכענען זיך מיט מענשליכע לעבענס אין זיינע ספעקולאַציאָנען.

* * *

וואָס פֿאַר אַ העסליכע און נידעריגע וועלט עס עפֿענט זיך אויף פֿאַר אונזערע אויגען, אויב מיר גיבען זיך בלויז די מיה צו וואַרפֿען אַ בליק הינטער די קוליסען פֿון דער הויכער פֿינאַנץ! מען קען זיך פֿאָרשטעלען, וואָס דאָרט געהט אָן, דערזעהענדיג דעם קליינעם ווינקעל, פֿון וועלכען „ליסיס" האָט אויפֿגעהויבען דעם שלייער אין זיינע אַרטיקלען אין „לאַ רעווי"*).

אין די דאָזיגע אָבהאַנדלונגען ווערט אויפֿגעוויזען ווי אַזוי פֿיער אָדער פֿינף גרויסע בענק — דער „קרעדיט ליאָנע", די „סאָסיעטע זשענעראַל", דער „קאָנטואַר ד'עסקאָנט" און דער „קרעדיט ענדיסטריעל ע קאָמערסיאַל" — בעזיצען אין פֿראַנקרייך אַ פֿאָלשטענדיגען מאָנאָפּאָל פֿאַר אַלע גרויסע פֿינאַנציעלע אָפּעראַציאָנען.

דער גרעסטער טהייל — כמעט אַכט צעהנטעל — פֿון אַלע אָבגעשפּאָרטע געלדער אין פֿראַנקרייך, וועלכע בעטרעפֿען אַן ערך צוויי מיליאַרדען פֿראַנק אַ יאָהר, פֿליסט אַדורך די קאַנאַלען פֿון די דאָזיגע גרויסע בענק; און ווען גרויסע אָדער קליינע אויסלענדישע רעגירונגען, אייזענבאַהן־קאָמפּאַניעס, שטעדט אָדער אינדוסטריעלע געזעלשאַפֿטען פֿון אַלע פֿינף טהיילען פֿון דער וועלט קומען צו געהן נאָך פּאַריז פֿאַר אַ הלואה, ווענדען זיי זיך צו אָט די פֿיער אָדער פֿינף גרויסע בענק. די דאָזיגע בענק האָבען דעם מאָנאָפּאָל פֿאַר אויסלענדישע הלואות און בעזיצען דעם נויטווענדיגען מעכאַניזם, וואָס מאַכט פֿליסען די מיליאָנען.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז עס איז ניט דער טאַלאַנט פֿון די דירעקטאָרען פֿון די דאָזיגע בענק, וועלכער האָט געשאַפֿען פֿאַר זיי אַזאַ גלענצענדע סיטואַציאָן. עס איז דער שטאַאַט — די פֿראַנצויזישע רעגירונג, וועלכע האָט פֿריהער בעשיצט און בעגינסטיגט אָט די בענק, פֿערשאַפֿט זיי אַ פּריווילעגירטע שטעלונג, וועלכע איז כמעט געוואָרען אַ מאָנאָפּאָל. און די איבעריגע שטאַאַטען, די וואָס נעהמען הלואות, פֿערשטאַרקען נאָך אָט דעם מאָנאָפּאָל. דער „קרעדיט ליאָנע", למשל, וועלכער האָט מאָנאָפּאָליזירט די רוסישע הלואות, האָט צו פֿערדאַנקען זיין

*) די דאָזיגע אַרטיקלען זיינען ערשינען אין 1908 אין אַ בוך־פֿאָרם אונטער דעם טיטעל: *Contre l'oligarchie financière en France.*

פּריווילעגירטע שטעלונג צו די פינאַנץ־אגענטען פון דער רוסישער רע־גירונג און צו די פינאַנץ־מיניסטאָרען פון׳ם צאַר.

די געשעפטס־ספּעקולאַציאָנען פון די דאָזיגע פיער אָדער פינף גע־זעלשאַפטען האַנדלען מיט מיליאַרדען. אין פערלויף פון צוויי יאָהר, אין 1906 און 1907 האָבען זיי אויסגעבאָרגט אין דער פאָרם פון פערשידענע הלואות זיבען מיט אַ האַלבע מיליאַרד; — פון 7500 מיליאָן זיינען אוועק 5500 מיליאָן אויף אויסלענדישע הלואות (זעה ליסים, זייטע 101). און ווען מען דערוויסט זיך נאָך, אַז די „קאָמיסיאָן" פון די דאָזיגע קאָמ־פּאַניעס פאַר צו אָרגאַניזירען פרעמדע הלואות איז פינף פּראָצענט פאַר דעם "Syndicat d'apporteurs" (ד.ה. פאַר דער קאָמפּאַניע, וואָס „ברייננט צונויף" די נייע הלואות), פינף פּראָצענט פאַר דער קאָמפּאַניע פאַר די נייטיגע זיכערהייט און זיבען ביז צעהן פּראָצענט פאַר דער קאָמפּאַניע, אָדער בעסער געזאָגט, פאַר דעם טראָסט פון די אויבען דערמאָהנטע פיער אָדער פינף בענק — דאַמאָלס קען מען ערשט פערשטעהן, וואָס פאַר אונגעהייערע סומען געלד די דאָזיגע מאָנאָפּאָליסטען שלינגען איין.

אַזוי האָט איין איינציגער פערמיטלער, וואָס האָט „צונויפגעבראַכט" אין 1906 די הלואה פון 1250 מיליאָן פראַנק פאַר דער רוסישער רעגי־רונג, אום זי זאָל קענען אונטערדריקען די רעוואָלוציאָן, גענומען אַ קאָ־מיסיאָן פון צוועלף מיליאָן פראַנק.

מען קען אַלזאָ פערשטעהן דעם דונקעלען אייפלוס פון די דירעק־טאָרען פון די דאָזיגע פינאַנץ־געזעלשאַפטען אויף דער אינטערנאַציאָנאַ־לער פּאָליטיק מיט זייער געהיימניספולען רעכנונגס־סיסטעם און מיט דער געוואַלטיגער מאַכט, וועלכע זיי ערווערבען זיך שטילערהייט; דען מען דאַרף זיין גוט פערשוויגען, ווען מען צאָהלט אַ געוויסען הערר צוועלף מיליאָן פראַנק אָדער 250.000 פראַנק צו אַ מיניסטער אָדער אַזוי און אַזוי פיעל מיליאָנען צו דער פּרעסע.

ניטאָ קיין איינציגע גרויסע ציימונג, זאָגט „ליסים", אין גאַנץ פראַנק־רייך, וועלכע ווערט ניט בעצאָהלט פון די בענק. און דאָס איז זעלבסט־פערשטענדליך. מען קען זיך גאַנץ לייכט פאָרשטעלען, אַז מען האָט געמוזט אונטערקויפען די פּרעסע, ווען מען האָט פאַרבערייטעט אין 1906 און 1907 די גאַנצע סעריע פון רוסישע הלואות (פאַר דעם שטאַאַט, אייזענבאַהנען א.ז.וו.). אַז מאַנכער ציימונגס־שמירער האָט געשלונגען פעטע בראָקען פון די דאָזיגע הלואות, דאָס קען מען זעהן פון דעם בוך פון „ליסים". און ווירקליך, וואָס פאַר אַ טהייערע געלעגענהייט דאָס איז

געווען! די רעגירונג פון א גרויסען שטאאט בעפאר אן אבגרונד! צו דער-שטיקען א רעוואלוציאן! אזא זאך טרעפט ניט יעדען טאג.

די גאנצע וועלט איז מעהר אדער ווייניגער בעקאנט מיט די אלע זאכען. ניטא קיין איינציגער פאליטיקער, וואס קען ניט די אייגענטליכע אור-זאכען פון די אלע שווינדלערייען, קיינער, וואס וויס ניט די נעמען פון מענער און פרויען אין פאריז, וועלכע האבען „פערדיענט" גרויסע סומען געלד נאך יעדער הלואה, צי זי איז געווען קליין אדער גרויס, צי א רו-סישער אדער א בראזיליאנישע.

און יעדער איינציגער, וואס האט נור די קלענסטע פארשטעלונג פון אזעלכע אפערען, וויס אויך גאנץ גוט, אז די גאנצע ארגאניזאציאן פון דער הויכער פינאנץ איז א פראדוקט פון'ם שטאאט — א נאטירלי-כער און עלעמענטארער צייכען פון'ם שטאאט.

און דאס וועט אימער זיין דער פאל, אט דאס וועט שטענדיג זיין דער שטאאט — דער שטאאט, וועמענס מאכט מען איז צו פארזיכטיג צו פערקלענערן, וועמענס פונקציאנען מען וויל פאר קיין פאל ניט בעשריינ-קען, דער שטאאט, וועלכער — לויט דער מיינונג פון אונזערע שטאאטס-רעפארמערס — מוז פערוואנדעלט ווערען אין א ווערקצייג פאר דער בעפרייאונג פון די מאסען!

וואס עס זאל ניט זיין די אורזאכע פון אזא מין בעהויפטונג, צי דומהייט, אונוויסענהייט אדער בעטרוג — איז זי פאר קיין פאל ניט צו ענטשולדיגען ביי מענשען, וואס גלויבען, אז זיי האבען די מיסיאן צו בעשטימען דעם שיקזאל פון די פעלקער.

---

## IX.

## די מלחמה און די אינדוסטריע.

לאמיר זיך איצט אביסעל טיעפער אראבלאזען און זעהן, ווי אזוי דער שטאאט האט בעשאפען אין דער מאדערנער אינדוסטריע א גאנצע קלאס מענשען, וועלכע זיינען דירעקט פעראינטערעסירט צו מאכען פון די נאציאנען מיליטערישע לאגערס, אונגעהייערע ארמעען, וועלכע זיינען פארטיג צוווארפען זיך איינע אויף די אנדערע.

פֿאַרהאַן געוואַלטיגע אינדוסטריען היינט צו טאָג, וועלכע בעשעפֿ־טיגען מיליאָנען מענשען און וועלכע עקזיסטירען אויסשליסליך, אום צו פֿערפֿאָרטיגען מאַטעריאַל פֿאַר דער מלחמה. די פֿאָלגע איז, אַז די אייגענטהימער פֿון די דאָזיגע פֿאַבריקען און די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע פֿערזאָרגען זיי מיט די נייטיגע געלדער, האָבען אַ דירעקטען אינטערעס אַרויסצורופֿען מלחמות און אויפֿצוהאַלטען די שטענדיגע מורא ביי די נאַציאָנען פֿאַר דעם אויסברוך פֿון מלחמות.

מיר רעדען דאָ ניט פֿון יענע פֿאַבריקאַנטען, וועלכע פּראָדוצירען שלעכטע פֿייער־וואַפֿען, שווערדען, רעוואָלווערען א.ז.וו. וועלכע מען קען איבערהויפּט ניט געברויכען, ווי מיר האָבען געזעהן אין בירמינגהעם, ליעזש. א.ז.וו. אַזעלכע זאַכען צעהלען שוין כמעט ניט מעהר, אָבוואָהל דער האַנדעל מיט אַזעלכע וואַפֿען דורך די יעניגע, וועלכע קוקען אויס פֿאַר „קאָלאָניאַלע" מלחמות, האָט יאָ אַ געוויסע בעדייטונג. אַזוי איז בעקאַנט, אַז ענגלישע קויפֿלייט האָבען פֿערזאָרגט די מאַטאַבעלעס מיט וואַפֿען אין דער צייט, ווען די לעצטע האָבען זיך צוגעגרייט צום אויפֿשטאַנד געגען די ענגלענדער, וועלכע האָבען אַרויפֿגעצוואונגען אויף זיי די לייבאייגענשאַפֿט. שפּעטער זיינען עס געווען פֿראַנצויזישע און זאַגאַר גוט בעקאַנטע ענגלישע פֿאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען זיך ערוואָרבען גרויסע פֿערמעגענס, פֿערזאָרגענדיג די באָערס מיט ביקסען, קאַנאָנען און מוניציע. און פּונקט איצט רעדט מען דערפֿון, דאָס ענגלישע קויפֿלייט האָבען אימפּאָרטירט גרויסע קוואַנטיטעטען וואַפֿען אין אַראַביען; — דאָס ווערט, אָהן אַ צווייפֿעל, אַרויסרופֿען אויפֿשטענדע פֿון די דאָרטיגע שטאַמען, אויספּלינדערונגען פֿון עטליכע קויפֿלייט און אַן ענגלישע „אינ־טערווענציאָן", פֿאַר צוריק „איינצופֿיהרען די אָרדנונג" און צו פֿערכאַפּען עטליכע נייע שטיקער לאַנד.

נאָר אין אַלגעמיין האָבען אָט די קליינע פֿאַקטען אַ קנאַפּע וויכ־טיגקייט. מען ווייס, וואָס צו האַלטען פֿון דעם בורזשואַזען „פּאַטריאָטיזם", און מיר האָבען לעצטענס געזעהן ערגערע זאַכען. אָט, למשל, זיינען די יאַפּאַנער אונטערשטיצט געוואָרען מיט ענגלישע גאָלד וועהרענד דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, כדי זיי זאָלען פֿערניכטען די יונגע רוסישע זעע־מאַכט אין דעם שטילען אָקעאַן, אויף וועלכע ענגלאַנד האָט געקוקט מיט מיסטרויאישע אויגען. אָבער פֿון דער אַנדערער זייט האָבען ענגלישע קוילען־קאָמפּאַניעס פֿערקויפֿט פֿאַר זעהר הויכע פּרייזען 300.000 טאָנען קוילען צו רוסלאַנד, כדי זי זאָל קענען אַרויסשיקען ראָזשעסטווענסקי'ס פֿלאָטע נאָך דעם וויטען מזרח. מען האָט אויף אַזאַ אופֿן געכאַפּט צוויי

פליענען מיט איין קלאפ. די קוילען־קאמפאניס און ווילס האבען גע־מאכט א גוטען געשעפט, און די פינאנץ־מענער פון לאמבארד סטריט האבען אויסגעבארגט זייערע געלדער פאר דער יאפאנער הלואה אויף ניין אדער צעהן פראצענט און האבען זיך פערזיכערט מיט א גוטען טהייל פון די איינקינפטע פון זייערע „טהייערע בונדס־גענאסען.“

און דאס אלעס זיינען ניט מעהר ווי קליינע פאקטען צווישען טויזענדער עהנליכע טהאט־זאכען. מען וואלט אסך געקענט לערנען פון זיי, מכח דער שעהנער וועלט פון אונזערע רעגירער, ווען די בורזשואזיע וואלט ניט פערשטאנען אזוי גוט אבצוהיטען איהרע סעקרעטען. — לאז־מיר זיך איצט ווענדען צו אן אנדער סארט פאקטען.

* * *

עס איז בעקאנט, דאס אלע גרויסע שטאאטען האבען בעגינסטיגט, אויסער זייערע אייגענע ארסענאלען, די גרינדונג פון געוואלטיגע פריוואט אונטערנעהמונגען פאר דער פאבריקאציאן פון קאנאנען, פאנצער־פלאטען, קריעגס־שיפען פון די קלענסטע פארמען, גראנאטען, פולווער, פאטראנעס א.ז.וו. אונגעהייערע סומען זיינען אויסגעגעבען געווארען פון אלע שטאאטען פאר דער גרינדונג פון אזעלכע פריוואט־אונטערנעהמונ־גען, וואו מען קען היינט געפינען די פעהיגסטע ארבייטער און אינזשע־נירען.

עס איז גאנץ קלאר, אז די קאפיטאליסטען, וועלכע האבען אריינ־געלייגט זייער קאפיטאל אין אזעלכע אונטערנעהמונגען, זיינען דירעקט פעראינטערעסירט, אז עס זאלען שטענדיג ארומגעהן קלאנגען וועגען א נאהנטער מלחמה, אז מען זאל אויסגעבען וואס מעהר געלדער פאר דער בעוואפנונג און אז די פעלקער זאלען זיך שטענדיג געפינען אין א צו־שטאנד פון פאניק. און דאס איז ווירקליך דער פאל.

און ווען די מעגליכקייטען פון אן אייראפעאישער מלחמה פער־גרינגערן זיך אויף א מאמענט, ווען די העררען רעגירער — טראץ דעם וואס זיי זיינען פערזענליך פעראינטערעסירט אלס אקציאנערען פון די אויבען דערמאהנטע גרויסע פאבריקען (אנזען, קרופ, ארמסטראנג א.ז.וו.), אקוראט ווי די גרויסע אייזענבאהן קאמפאניעס, די אקציאנערען פון די קוילען־גריבער א.ז.וו. — ווען די רעגירער שענקען מאנכעס מאל ניט די נייטיגע אויפמערקזאמקייט צו די אלע קריעגס־געשרייען, צווינגט מען זיי איינפאך צו הערען, פאבריצירענדיג דעם שאוויניסטישען גייסט אין דער פרעסע אדער זאגאר דורך דער פארבערייטונג פון אויפשטענדע.

האָבען מיר דען ניט געזעהן, אז עס איז געווען אָט די פּראָסטי־טוטקע, די גרויסע פּרעסע, וועלכע האָט פּרעפּאַרירט דעם גייסט פון די נאַציאָנען פאַר נייע מלחמות, אַרויסגערופען וואָס גיכער אַזעלכע מלחמות, פון וועלכע מען האָט גערעכענט, אז זיי וועלען פריהער אָדער שפּעטער מוזען אויסברעכען, און וועלכע האָט אַם וויינינגסטענס געצוואונגען די רעגירונגען צו פערדאָפּלען אָדער צו פערדרייפאַכען די נאַציאָנאַלע בע־וואפונג? האָבען מיר דען ניט געזעהן אין ענגלאַנד גופא, וועהרענד די צעהן יאָהר בעפאָר דער מלחמה מיט די באָערס, ווי די גרויסע פּרעסע און הויפּטזעכליך איהרע מיטהעלפער פון די אילוסטרירטע בלעטער האָ־בען אויף אַ קלוגען אופן פאָרבערייטעט די שטימונג פאַר דער נויט־ווענדיגקייט פון אַ מלחמה, אום צוריק „אויפצולעבען דעם פּאַטריאָטיזם?" פאַר דעם דאָזיגען צוועק האָט מען זיך בענוצט מיט אַלע מיטלען. מען האָט פערעפענטליכט אונטער געוואַלטיגע סענזאַציאָנעלע רעקלאַמעס ראָמאַנען מכח דער צוקונפטיגער מלחמה, וואו עס ווערט דערצעהלט, ווי די ענגלענדער, וועלכע ווערען צוערשט געשלאָגען איבעראַל, מאַכען אַ לעצטען געוואַלטיגען פערזוך, צושטערען די דייטשע פלאָטע און בע־זעצען זיך אין ראָטערדאַם. אַ געוויסער לאָרד האָט אויסגעבראַכט אונ־געהייערע סומען געלד, אום אויפצופיהרען אַ פּאַטריאָטישע פּיעסע אין אַלע טהעאַטערע פון גאַנץ ענגלאַנד. דאָס שטיק איז געווען צו לעכערליך, אום עס זאָל זיך בעצאָהלען, אָבער עס איז נויטווענדיג געווען פאַר יענע העררען, וועלכע האָבען אָנגעפיהרט זייערע שווינדלערייען אין אַפריקאַ צוזאַמען מיט סעסיל ראָודס, אום ענדליך צו פערכאַפּען די גאָלד־גריבער פון טראַנסוואַל און צו צווינגען די שוואַרצע צו דער אַרבייט.

פערגעסענדיג אין אַלעס, האָט מען זאָגאַר ווידער אויפגעלעבט דעם קולטוס—יאָ, דעם קולטוס פאַר נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען, דעם בלוט־שונא פון ענגלאַנד. און פון דאַמאָלס אָן האָט זיך די אַרבייט אין דער דאָזיגער ריכטונג קיינמאָל ניט אָבגעשטעלט. אין 1905 האָט מען שוין אויף אַזוי פיעל פּראָגרעסירט, אז עס האָט שוין געהאַלטען דערביי, אז פראַנקרייך, אונטער דער רעגירונג פון קלעמאַנסאָ און דעלקאַסע, זאָל האַלטען מלחמה מיט דייטשלאַנד. לאָרד לענסדאַון, דער קאָנסערוואַטיווער מיניסטער פון די אויסערליכע אָנגעלעגענהייטען אין ענגלאַנד, האָט פערשפּראָכען צו אונטערשטיצען די פראַנצויזישע אַרמעע מיט אַן ענגלישער אַרמעע אויף דעם קאָנטינענט. און עס האָט ניט פיעל געפעהלט אין יענעם מאָמענט, אַז דעלקאַסע, וועלכער האָט זיכער צוגעשריבען צו אָט דעם צווייפעלהאַפטען

פֿערשפּרעכען אַ צו גרויסע וויכטיגקייט, זאָל פֿראַנקרייך אַריינשלעפֿען אין אַ שרעקליכע מלחמה.

אין אַלגעמיין זעהען מיר, אַז וואָס מעהר אונזער שטאַאטליך־בורזשואַזע ציוויליזאַציאָן ענטוויקעלט זיך, אַלץ ווייניגער איז די פּרעסע דער אויסדרוק פֿון דעם, וואָס מיר רופֿען אָן די „עפֿענטליכע מיינונג", נאָר זי פֿאַבריצירט אַליין די מיינונג פֿון דער עפֿענטליכקייט און בענוצט זיך דערביי מיט די נידעריגסטע און שענדליכסטע מיטלען. אין אַלע גרויסע שטאַאטען בעלאַנגט די פּרעסע שוין איצט צו צוויי אָדער דריי קאָמפּאַניעס פֿון גרויסע געשעפֿטס־ספּעקולאַנטען אין דער פֿינאַנציעלער וועלט, וועלכע מאַכען די עפֿענטליכע מיינונג אויף אַזאַ אופֿן, אַז זי זאָל זיין גינסטיג צו זייערע אונטערנעהמונגען. די גרויסע צייטונגען בעלאַנגען צו זיי, און די איבעריגע צעהלען ניט מיט: מען קען זיי כמעט האָבען פֿאַר גאָרנישט.

* * *

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס: די אינערליכע צופֿוילטקייט איז נאָך פֿיעל טיפֿער. די מאָדערנע מלחמות זיינען ניט מעהר ווי אונגעהייערע הריגות, וואו הונדערטער טויזענדער מענשען ווערען אויסגעשאָכטען אין יעדער שלאַכט; — די יעניגע, וואָס האָבען ניט נאָכגעפֿאָלגט די איינצעלהייטען פֿון די גרויסע שלאַכטען אין דער מאַנדזשוריע און ביי דער בעלאַגערונג און פֿערטהיידיגונג פֿון פּאָרט אַרטהור, האָבען ניט די קלענסטע פֿאָרשטעלונג פֿון אָט די שוידערליכע גרויזאַמקייטען, וואָס זיינען פֿערבונדען מיט אונזערע היינטיגע מלחמות. די דריי גרויסע היסטאָרישע שלאַכטען פֿון גראַוולאָט, פּאָטאָמאַק און באָראָדינאָ, פֿון וועלכע יעדע איז אָנגעגאַנגען דריי טעג און אין יעדער זיינען געפֿאַלען אַכטציג ביז הונדערט טויזענד טויטע און פֿערוואונדעטע אויף ביידע זייטען, זיינען ניט מעהר ווי אַ קינדער־שפּיעל אין פֿערגלייך צו אונזערע היינטיגע מלחמות!

די גרויסע שלאַכטען שפּיעלען זיך היינט אָב אויף אַ ליניע פֿון פֿופֿציג אָדער זעכציג קילאָמעטער; זיי געהען אָן ניט דריי טעג, נאָר זיבען טעג, ווי ביי לאָאָ יאַנג און צעהן טעג, ווי ביי מוקדען און דער פֿערלוסט איז הונדערט טויזענד—הונדערט, ניט פֿופֿציג טויזענד מענשען, אויף יעדער זייט.

די שרעקליכע ווירקונג פֿון די גראַנאַטען, וועלכע מען שליידערט אויף פֿינף, זעקס און זיבען קילאָמעטער מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט, — צוליעב דעם פּולווער אָהן רויך קען מען זאָגאַר ניט אויסגעפֿינען, פֿון וואַנען זיי קומען — זיינען איינפֿאַך אונבעשרייבליך. מען

שיסט היינט ניט מעהר אויף גוט גליק. מען מאכט א צייכנונג פון די וויכ־טיגסטע פאזיציאנען, וואו דער שונא האט זיך בעזעצט, טהיילט איהר איין אין רעגעלמעסיגע קוואדראטען און קאנצענטרירט דעם פייער פון אלע באטעריעס כסדר פון איין קוואדראט צום אנדערן, אום צו צושטערען אלצדינג, וואס עס געפינט זיך דארט.

ווען דער פייער פון עטליכע הונדערט אייזערנע מיילער ווערט קאנ־צענטרירט אויף א קוואדראט פון איין קילאמעטער די לענג, אזוי ווי מען טהוט עס היינט, בלייבט ניט איבער א שטיקעל פלאץ פון צעהן קוואד־דראט־מעטער, וועלכער זאל ניט בעקומען א גראנאט; קיין בוים, קיין קוסט ווערט ניט געשאנעוועט פון די שרעקליכע מאנסטערס, וועלכע קומען צופליהען, מען ווייסט ניט פון וואו. די סאלדאטען ווערען איינפאך וואהנ־זיניג, ווען זיי שטעהען זעקס אדער זיבען טעג אין אזא שרעקליכען פייער. און ווען די רייהען פון די אנגרייפער, נאך דעם ווי מען האט זיי אכט אדער צעהן מאל געטריבען צוריק, געווינען דאך יעדען מאל עטליכע מעטער און דערגרייכען ענדליך די שאנצען פון דעם שונא — דאמאלס הויבט זיך אן דער מערדערישער קאמפף פון מאן געגען מאן. נאך דעם ווי זיי האבען פריהער געשליידערט האנד־גראנאטען און שטיקער פי־ראקסילין איינער אויף די אנדערע (די יאפאנער האבען זיך בענוצט מיט צוויי שטיקער פיראקסילין, וועלכע זיינען פערבונדען געווען דורך א שטריקעל) האבען די רוסישע און יאפאנישע סאלדאטען זיך געוואלגערט אין די פעסטונג־גראבענס פון פארט ארטהור ווי ווילדע חיות, זיך צו־שמעטערט די קעפ, געשטאכען מיט מעסערס און זיך ארויסגעריסען שטיקער פלייש מיט די צייהנער איינער דעם אנדערן...

די ארבייטער אין מערב־איירופא קענען זיך אפילו ניט פארשטעלען אזא שרעקליכע צוריקקעהרונג צו דער שוידערליכסטער ווילדקייט, וועלכע די מאדערנע מלחמה שטעלט פאר מיט זיך, און די בורזשואס, וועלכע ווייסען עס יא, זיינען צו פארזיכטיג, אום אויסצוזאגען פון חדר.

* * *

אבער די מאדערנע מלחמות זיינען ניט נור שרעקליכע הריגות, א וואהנזין פון מארד, א צוריקקעהרען זיך צו דער ווילדקייט; זיי זיינען אויך אין דערזעלבער צייט א קאלאסאלע צושטערונג פון מענשליכער ארבייט, און די ווירקונגען פון דער דאזיגער צושטערונג מאניפעסטירען זיך שטענדיג אויף דעם שארפסטען אופן צווישען אונז גופא אין דער צייט פון פריעדען דורך די פערמעהרונג פון דעם עלענד פון די

אַרמעע, וועלכער ענטוויקעלט זיך פּאַראַלעל מיט דער בערייכערונג פֿון די רייכע.

יעדע מלחמה מיינט די צושטערונג פֿון געוואַלטיגע מאַסען מאַטע־ריאַל, און ניט בלויז קריעגס־מאַטעריאַל אין דעם געוועהנליכען זין, נאָר אויך די צושטערונג פֿון די נויטוועדיגסטע זאַכען פֿאַר דעם אַל־טעגליכען לעבען פֿון דער געזעלשאַפֿט: ברויט, פֿלייש, גרינצייג, אַלע סאָרטען עסען־וואַרג, לעדער, קוילען, מעטאַלען, קליידער א.ז.וו. דאָס אַלעס שטעלט פֿאַר מיט זיך די ניצליכע ארבייט פֿון מיליאָנען מענשען פֿאַר צעהנדליגער יאָהרען, און דאָס אַלעס ווערט אויסגעבראַכט, פֿערברענט, אַריינגעוואָרפֿען אין וואַסער אין וויניגע מאָנאַטען. און דאָס אַלעס ברייננט מען שוין אויס היינט, ווען די מלחמה האָט זיך נאָך גאָר ניט אָנגעפֿאַנגען.

און אַזוי ווי דער קריעגס־מאַטעריאַל, די פֿערשידענע מעטאַלען, די פֿערזאָרגונג פֿון דער אַרמעע מיט די נייטיגע קליידער אין לעבענס־מיטלען א.ז.וו. מוז שטענדיג אָנגעגרייט ווערען אין פֿאָראויס, אָט דע־ריבער קען די איינפֿאַכע מעגליכקייט פֿון אַ נייע מלחמה אַרויסרו־פֿען אַ שטיל־שטאַנד אָדער אַ קריזיס אין אונזערע אַלע אינדוסטריען, וועלכע בעריהרען יעדען איינציגען פֿון אונז. איהר, איך, מיר אַלע צו־זאַמען דערפֿיהלען די ווירקונג אין די קלענסטע איינצעלהייטען פֿון אונ־זער לעבען. דאָס ברויט, וואָס מיר עסען, די קוילען, וועלכע מיר פֿער־ברענען, דער אייזענבאַהן בילעט, וואָס מיר קויפֿען, דער פּרייז פֿון יע־דער זאַך, מיט וועלכער מיר בענוצען זיך, דאָס אַלעס איז אָבהייננגיג פֿון די קלאַנגען און די וואַהרשיינליכקייטען פֿון אַ מלחמה, וועלכע ווערען פּעריאָדיש פֿערשפּרייט און פּראָפּאַגאַנדירט פֿון די ספּעקולאַנטען.

* * *

## אינדוסטריעלע קריזיסען, פֿעראורזאַכט דורך דער פֿאָרויס־זעהונג פֿון אַ מלחמה.

די נויטווענדיגקייט צוצוגרייטען אין פֿאָרויס אַ געוואַלטיגע מאַסע קריעגס־מאַטעריאַל און גאַנצע בערג מיט אַלע סאָרטען פּראָדוקטען מוז אונבעדינגט אַרויסרופֿען קאַטאַסטראָפֿען און קריזיסען אין אַלע אינדוס־טריען, פֿון וועלכע אַלע, נאָר אַם מייסטען די אַרבייטער, האָבען שרעק ליך צו ליידען. ניט לאַנג צוריק האָבען מיר געזעהן אַזאַ ערשיינונג אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען.

אַלע דערמאָהנען זיך נאָך אין דעם מורא׳דיגען אינדוסטריעלען קרי־זיס, וועלכער האָט דורכגענומען די גאַנצע פֿעראייניגטע שטאַאַטען וועה־רענד די לעצטע דריי אָדער פֿיער יאָהר; טהיילווייז בעהערשט ער נאָך

איצט דאָס לאַנד. דער אורשפּרונג פֿון דעם דאָזיגען קריזיס — עס איז נויטווענדיג, אַז די „חכמים" פֿון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וועלכע זיינען בעקאַנט מיט די שריפֿטען פֿון זייערע פֿאָרגענגער, נאָר זיי איגנאָרירען דעם ווירקליכען לעבען, זאָלען זיך דערוויסען — דער אמת'ער אורשפּרונג פֿון דעם דאָזיגען קריזיס איז געווען די איבערטריבענע פּראָדוקציאָן אין די וויכטיגסטע אינדוסטריען, וועלכע איז אָנגעגאַנגען עטליכע יאָהר צייט, דערפֿאַר וואָס מען האָט זיך געריכט אויף אַ גרויסע מלחמה אין אייראָפּאַ און אויף אַ מלחמה צווישען די פֿעראייניגטע שטאַאַטען און יאַפּאַן. די יעניגע, וואָס זיינען געווען פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר דער דאָזיגער געפֿאַהר, האָבען גוט געוואוסט, וואָס פֿאַר אַ ווירקונג זי וועט האָבען אויף דער אַמעריקאַנישער אינדוסטריע. און ווירקליך, פֿאַר צוויי אָדער דריי יאָהר צייט איז אָנגעגאַנגען אַ פֿיבערהאַפֿטע טהעטיגקייט אין דער מעטאַל-אינדוסטריע, אין דער קוילען-אינדוסטריע, אין דער פֿאַבריקאַציאָן פֿון אייזענבאַהן מאַטעריאַל, קליידער און קאָנסערווירטע לעבענס-מיטלען.

די אויסגראָבונגען אין די אייזען-גריבער און די פֿאַבריקאַציאָן פֿון שטאָהל אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען האט וועהרענד די דאָזיגע פּאָר יאָהר דערגרייכט אַזאַ פּראָפּאָרציאָן, פֿון וועלכע מען האָט פֿריהער אפילו ניט גע'חלום'ט. דער שטאָהל שפּיעלט אין די מאָדערנע מלחמות די וויכטיגסטע ראָלע, און די פֿעראייניגטע שטאַאַטען האָבען דערפֿון אָנגעקליבען אונגעהייער גרויסע מאַסען און אין דערזעלבער צייט אויך אַנדערע מעטאַלען, ווי ניקעל און ברוינשטיין, וועלכע זיינען נויטווענדיג פֿאַר דער פֿאַבריקאַציאָן פֿון בעשטימטע סאָרטען שטאָהל אַלס קריעגס-מאַטעריאַל. אָט אויף דעם זאַפּאַס פֿון גוס-אייזען, שטאָהל, קופּער, בליי און ניקעל האָט מען אַם מייסטען ספּעקולירט.

און דאָסזעלבע איז געווען דער פֿאַל, אום אָנצוקלייבען זאַפּאַסען פֿון קאָרן, ווייץ, קאָנסערווירטע פֿלייש, פֿיש און גרין-צייג. שפּעטער איז נאָך צוגעקומען באַוועל, טוך און לעדער. און אַזוי ווי יעדע גרויסע אינדוסטריע בעלעבט אַרום זיך אַ געוויסע צאָהל קליינע אינדוסטריען, האָט זיך ענטוויקעלט אַ פֿיבערהאַפֿטע פּראָדוקציאָן, וועלכע האָט ווייט אַריבערגעשטיגען דעם פֿערלאַנג. די קאַפּיטאַליסטען, וואָס האָבען אויסגעבאָרגט זייער קאַפּיטאַל אָדער בעסער געזאָגט, זייער קרעדיט פֿאַר דער דאָזיגער פּראָדוקציאָן, האָבען פֿון דער גאַנצער פֿיבערהאַפֿטער טהעטיגקייט נאָך מעהר פּראָפֿיטירט ווי די פֿאַבריקאַנטען גופא.

מיט אַמאָל אָבער האָט זיך אָט די גאַנצע אונגעהייערע טהעטיגקייט פלוצלינג אָבגעשטעלט, און מען איז אפילו ניט געווען אימשטאַנד צו ערקלערען כאָטש איין איינציגע אורזאַכע פון דעם קריזיס, וועלכער האָט פלוצלינג אַרומגענומען די וויכטיגסטע אינדוסטריען. און דאָך איז די ערקלערונג ניט געווען אַזוי שווער. ווי באַלד נור די הויכע פינאַנץ אין אייראָפּאַ האָט זיך איבערצייגט, אַז יאַפּאַן, וועלכע איז רואינירט געוואָרען דורך דער מלחמה אין דער מאַנדזשורי, וועט זיך ניט דערוועגען צו אַטאַקירען די פעראייניגטע שטאַאַטען און דאָס קיין אייראָפּעאישע נאַציאָן פיהלט זיך ניט גענוג זיכער, אַז זי וועט אַרויס דער זיעגער פון אַ גרויסער מלחמה אין אייראָפּאַ גופא, האָבען די אייראָפּעאישע קאַפּיטאַליסטען זיך אַנטזאָגט צו געבען זייערע בעלי־חובות אין אַמעריקאַ, וועלכע האָבען געשפּייזט די אויבען דערמאָהנטע איבער־פּראָדוקציאָן מיט זייערע געלדער, נייעם קרעדיט. און דאָסזעלבע האָבען זיי געטהאָן צו די יאַפּאַנער „נאַציאָנאַליסטען".

„קיין מלחמה פאַר אַ קורצע ווייל!" — און די שטאָהל־פאַבריקען, די קופּער־גריבער, די גרויסע שמעלץ־אויוועגס, די אויסלאַדונגס־פּלעצער פאַר די שיפען, די לעדער־פאַבריקען, די קאָרן־ספּעקולאַנטען — אַלע האָבען מיט אַמאָל אָבגעשטעלט זייער טהעטיגקייט, זייערע בעשטעלונגען, זייערע איינקויפען.

דאָס איז שוין געווען מעהר ווי אַ געוועהנליכער קריזיס — עס איז געווען אַן אונגליק, אַ נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע. מיליאָנען אַרבייטער, מענער און פרויען, האָט מען אַרויסגעוואָרפען אין גאַס אַריין, אין אַן אָבגרונד פון שוידערליכען עלענד. גרויסע און קליינע פאַבריקען האָבען זיך פערמאַכט, דער קריזיס האָט זיך פערשפּרייט, אַזוי ווי אַן עפּידעמיע און האָט איבעראַל אַרויסגערופען שרעק און מורא.

ווער וועט אונז, ווען עס איז, בעריכטען פון די ליידען פון מיליאָנען מענער, פרויען און קינדער, פון די מענשליכע לעבענס, וואָס זיינען צובראָכען געוואָרען וועהרענד דעם דאָזיגען קריזיס, אין דער צייט ווען אונגעהייערע פערמעגענס זיינען געמאַכט געוואָרען, ווייל מען האָט געדעכענט אויף צוריסענע גליעדער, אויף בערג מיט טויטע מענשליכע קערפּערס און גרויסע שלאַכטען!

אָט דאָס איז די מלחמה; אויף אַזאַ שטייגער מאַכט דער שטאַאַט די רייכע רייכער און האַלט די אָרעמע אין נויט און עלענד, אום צו מאַכען פון זיי אַלץ בעסערע און געהאָרכזאַמערע אונטערטאַנען.

* * *

איצטער וועט העכסט וואהרשיינליך אויסברעכען אַן עהנליכער קריזיס אין אייראָפּאַ און הויפּטזעכליך אין ענגלאַנד, צוליעב דיזעלביגע אורזאַכען, וועלכע האָבען אַרויסגערופען דעם קריזיס אין די פערייניגטע שטאַאַטען.

אין מיטען 1911 איז די גאַנצע וועלט איבערראַשט געוואָרען פון דער גיכער און אונגעריכטער פערגרעסערונג פון דעם ענגלישען עקספּאָרט. קיין זאַך אין דער עקאָנאָמישער וועלט האָט אונז אַנגעדייטעט, אַז מיר מעגען זיך ריכטען אויף דער דאָזיגער ערשיינונג. עס איז ניט געוועזען קיין שום גרונד פאַר אַזאַ ערשיינונג, און די איינציגע ערקלערונג דערפאַר איז די, אַז די בעשטעלונגען פון דעם קאָנטינענט זיינען געמאַכט געוואָרען, ווייל מען האָט זיך געריכט אויף אַ מלחמה צווישען ענגלאַנד און דייטשלאַנד. אַזוי ווי מיר ווייסען, האָט די ערוואַרטעטע מלחמה געדאַרפט אויסברעכען אין יולי 1911, אָבער אויב דאָס וואָלט יאָ געוועזען דער פאַל, וואָלטען פראַנקרייך, רוסלאַנד, איטאַליען און עסטרייך געוועזען געצוואונגען צו נעהמען אַן אַנטהייל אין דערינען.

עס איז גאַנץ קלאָר, אַז די פערטרעטער פון דער הויכער פינאַנץ, וועלכע פערזאָרגען די ספּעקולאַנטען פון מעטאַל, לעבענס-מיטלען, טוך, לעדער א.ז.וו. מיט זייער קרעדיט, זיינען געוואָרענט געוואָרען; מען האָט זיי איינפאַך איבערגעגעבען, אַז די געגענזייטיגע בעציהונגען צווישען דיביידע קאָנקורענטען אויף דעם ים האָבען אָנגענומען אַ דראָהענדען כאַראַקטער. זיי האָבען געוואוסט, אַז די רעגירונגען פון ביידע לענדער האָבען געמאַכט פיבערהאַפטע מיליטערישע פאָרבערייטונגען פאַר אַ מלחמה, און דערפאַר האָבען זיי זיך אונטערגעאיילט צו מאַכען זייערע בעשטעלונגען, וועלכע האָבען פערגרעסערט דעם ענגלישען עקספּאָרט אין 1911 ווי קיינמאָל בעפאָר.*)

*) אַ פּאָר צאָהלען וועלען אונז בעסער מאַכען צו פערשטעהן די אורזאַכע פון אַט די גיכע עקאָנאָמישע פערענדערונגען. אין דער צייט פון 1900 ביז 1904 איז דער עקספּאָרט פון בריטישע פּראָדוקטען פון דעם פעראייניגטען קעניגרייך געוועזען אַ נאָרמאַלער און האָט אָנבעטראָפען אַן ערך 300.000.000£. אין 1904 איז ענטשטאַנען אַ קלאַנג, אַז עס וועט אויסברעכען אַ גרויסע מלחמה; די פעראייניגטע שטאַאַטען האָבען אָנגעטריבען זייער פּראָדוקציאָן, און דער ענגלישער עקספּאָרט איז געוואַקסען אין דריי יאָהר צייט פון 300.000.000£ ביז 426 000.000£. אָבער די מלחמה, נאָך וועלכער מען האָט אַזוי געבייגקט, האָט ניט אויסגעבראָכען, און די בעשטעלונגען האָבען זיך פּלוצלינג אָבגעשטעלט. אין די פעראייניגטע שטאַאַטען

דיזעלבע אורזאַכע האָט אויך אַרויסגערופען די אויסערגעוועהנליכע פערהעכערונג פון די פרייזען פאַר אַלע לעבענס-מיטלען, אָהן אַ שום אויסנאַהמע, וועהרענד דער לעצטער צייט, ד. ה. אין אַ פעריאָדע, ווען ניט דער רעזולטאַט פון דער לעצטער שניט-צייט און ניט די אָנזאַמלונג פון אַלע סאָרטען פראָדוקטען אין די מאַגאַזינען האָט געקענט רעכט-פאַרטיגען די הויכע פרייזען. דער פאַקט איז, אַז עס זיינען ניט נור געווען די פרייזען פון די לעבענס-מיטלען, וואָס האָבען זיך פערהעכערט; אַלע סאָרטען פראָדוקטען זיינען געוואָרען טהייערער. בעשטעלונגען נאָך בעשטעלונגען זיינען געמאַכט געוואָרען אין דער צייט, ווען עס איז ניט געווען קיין שום אורזאַכע פאַר אַזא אויסערגעוועהנליכען פערלאַנג, ווי נור די ערוואַרטונג פון אַ מלחמה.

איצטער וואָלט געווען גענוג, אַז די גרויסע קאָלאָניאַל ספעקולאַנטען פון דייטשלאַנד און ענגלאַנד זאָלען קומען צו אַן איינפערשטענדניס איינע מיט די אַנדערע מכח יעדען׳ס חלק אין דער צוטהיילונג פון אָסט-אַפריקאַ און אין בעצוג צו די „ספערעס פון זייער איינפלוס" אין אַזיען און אַפריקאַ, ד. ה. מכח די נעכסטע עראָבערונגען, און אַ גיכער אָבשטעל פון דער אינדוסטריע אין גאַנץ אייראָפאַ וואָלט געווען די פאָלגע, עהנ-ליך צו דעם קריזיס, פון וועלכען די פעראייניגטע שטאַאַטען האָבען גע-ליטען ניט לאַנג צוריק.

אין דער אמת׳ן האָט זיך שוין געפיהלט אַ געוויסע בעשריינקונג אין דער פראָדוקציאָן אין 1912. און דאָס איז געווען די אייגענטליכע

---

האָט זיך אָנגעפאַנגען דער קריזיס, פון וועלכען מיר האָבען פריהער גערעדט, און דער עקספאָרט פון ענגלישע פראָדוקטען איז צוריק געפאַלען אויף £327.000.000. אין 1910 אָבער האָט עס אויסגעזעהן, אַז די לאַנג ערוואַרטעטע אייראָפעאישע מלחמה וועט ענדליך דאָך פערווירקליכט ווערען, און אין יענער צייט, ד. ה. 1910 און 1911, האָט דער עקספאָרט פון ענגלישע פראָדוקטען דערגרייכט אַזאַ שטופע, אויף וועלכע מען האָט זיך אַבסאָלוט ניט גערעכט און וועלכע איז קיינמאָל ניט דערגרייכט געוואָרען בעפאָר. פון דעסטוועגען האָט קיינער ניט געקענט ערקלערען דעם דאָזיגען פאַקט. אין 1911 האָט דער ענגלישער עקספאָרט דערגרייכט די סומע פון £454 000 000 און אין 1912 מעהר ווי £487,000,000. קוילען, שטאָהל, גיכע שיפען, פאַנצער שיפען, פאַטראָנעס, טוך, באַוועל, שיך, לעדער, קאָנסערווירטע עסען וואַרג, — אַלצדינג האָט זיך געפאָדערט און איז אַרויסגעשיקט געוואָרען אין גרויסע קוואַנטיטעטען. גאַנצע פער-מעגענס האָבען זיך אָנגעקליבען בעפאָר אונזערע אויגען. מענשען זיינען פאַרטיג געווען צו דער׳הרג׳ענען זיך איינער דעם אַנדערן; וואָס פאַר אַ גליק, וואָס פאַר אַ גוטער גע-שעפט דאָס איז געווען!

אורזאַכע, וואָרום די קוילען-קאָמפּאַניעס און די באַוועל-לאָרדען פון ענג-לאַנד האָבען ניט געוואָלט הערען פון קיין שום קאָמפּראָמיס מיט זייערע אַרבייטער און האָבען זיי דירעקט געצוואונגען צו סטרייקען. זיי האָבען איינפאַך פּאַראויסגעזעהן אַ פערמינדערונג פון די בעשטעלונגען, ווען זיי האָבען שוין געהאַט אָנגעקליבען אַ צו גרויסען זאַפּאַס פּראָדוקטען אין זייערע מאַגאַזינען און צופיעל קוילען אַרום זייערע קוילען-גריבער.

* * *

ווען מיר שטודירען און אַנאַליזירען גרינדליך די פאַקטען, וועלכע וואַקסען אַרויס פון דער טהעטיגקייט פון די מאָדערנע שטאַאַטען, וועלען מיר פערשטעהן, אויף וויפיעל דער גאַנצער לעבען פון אונזער ציוויליזירטער געזעלשאַפט איז איבערהויפּט ניט אָבהייניגיג פון די „פאַקטען" פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פון די נאַציאָנען, נאָר פון דער אַרט און ווייזע ווי אַזוי פערשידענע גרופען מאָנאָפּאָ-ליסטען און פריווילעגירטע מענשען, מעהר אָדער וויניגער בעגינסטיגט פון׳ם שטאַאַט, ווירקען צוריק אויף די דאָזיגע פאַקטען.

אויף אַזאַ אופן איז גאַנץ קלאָר, אַז דער איינטריט פון אַזאַ מעכ-טיגען פּראָדוצירער אין דער עקאָנאָמישער אַרענאַ, ווי די מאָדערנע דייטשלאַנד מיט איהרע שולען, מיט איהר טעכנישער ערציהונג, וועלכע ווערט פערשפּרייט מיט פולע הענד צווישען איהרע פאָלקס-מאַסען, מיט איהר יונגער גייסטיגער קראַפט און איהרע אָרגאַניזאַטאָרישע פעהיגקייטען האָט נויטווענדיגערווייזע געמוזט ברייננגען אַן איבערבייט אין די בע-ציהונגען צווישען די נאַציאָנען. אַ נייע איינאָרדנונג פון די קרעפטען איז געווען אונפערמיידליך. אָבער צו דאַנקען דער ספּעציפישער אָרגאַניזאַ-ציאָן פון די מאָדערנע שטאַאַטען ווערט אָט די איינאָרדנונג פון די עקאָנאָמישע קרעפטען פערהינדערט דורך אַן אַנדער פאַקטאָר פון אַ פּאָליטישען אורשפּרונג: דורך די פּריווילעגיעס און מאָנאָפּאָלען, וואָס דער שטאַאַט האָט געשאַפען און וועלכע ער האַלט אויף.

אין דער ווירקליכקייט ווערען מאָדערנע שטאַאַטען ספּעציעל גע-גרינדעט מיט דעם צוועק צו שאַפען פּריווילעגיעס פאַר די רייכע אויף דעם חשבון פון די אָרעמע. די מענער פון דער הויכער פינאַנץ זיינען אין יעדען לאַנד די יעניגע, וועלכע בעשטימען דעם געזעץ פאַר אַלע וויכטיגע פּאָליטישע אָנגעלעגענהייטען. „וואָס וועט באַראָן ראָטשילד זאָ-גען דערצו?" „וואָס פאַר אַ שטעלונג וועט נעהמען דער סינדיקאַט פון די גרויסע באַנקירען אין פּאַריז, וויען און לאָנדאָן?" אָט די פראַגען

האָבען בעקומען אַ דאָמינירענדע וויכטיגקייט אין פּאָליטישע אַפּערען און אין די בעציהונגען צווישען די נאַציאָנען. עס איז די אָנערקענונג אָדער ניט אָנערקענונג פון די פינאַנץ־מענער, וועלבע מאַכט און שטירצט מיניסטעריומס אין גאַנץ אייראָפּאַ. אמת, אין ענגלאַנד דאַרף מען זיך אויך נאָך רעכענען מיט דער שטאַאַטס־קירכע און די רייכע ביער־ברוי־ערס; אָבער די קירכע און די ברויערס געהען שטענדיג האַנד אין האַנד מיט די גרויסע פינאַנץ־מענער, וועלבע זיינען זעהר פּאָרזיכטיג זיך צוצוריהרען צו די איינקינפטע פון זייערע אָנהייגגער. נאָך אַלע גליקען איז אַ מיניסטער ניט מעהר ווי אַ מאַן, וואָס זוכט צו בעהאַלטען זיין פּאָסטען, זיין מאַכט און די מעגליכקייט צו קלייבען רייכטהימער פאַר זיך און זיינע מיטהעלפער, וועלבע זיין שטעלונג פערשאַפט איהם. די נויטווענדיגע פאָלגע דערפון איז די, אַז די פראַגע וועגען אינטערנאַציאָנאַלע בעציהונגען איז היינט צו טאָג בלויז בעשריינקט דערויף צו וויסען, צי דער בעגינסטיגטער מאָנאָפּאָליסט אין אַ געוויסען שטאַאַט וועט אָננעהמען אַזאַ און אַזאַ שטעלונג צו די פריווילעגירטע פון דעמזעלבען סאָרט אין אַן אַנדער שטאַאַט.

מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז דער צושטאַנד פון די עקאָנאָמישע קרעפטען, וועלבע זיינען טהעטיג, ווערט בעשטימט דורך דער טעכנישער ענטוויקלונג פון פערשידענע נאַציאָנען אין אַ געוויסע פעריאָדע פון זייער געשיכטע; אָבער דער געברויך, וואָס וועט געמאַכט ווערען מיט די דאָזיגע קרעפטען, ווענדט זיך אין גאַנצען אין דעם גראַד פון שקלאַפעריי, וועלבע די פעלקער האָבען ערלויבט זייערע רעגירונגען ארויפצולייגען אויף זיי. די עקאָנאָמישע קרעפטען, וועלבע וואָלטען געקענט שאַפען האַרמאָניע און וואָהלשטאַנד און אַ נייעם שטרעבען צו אַ פרייהייטליכער קולטור, אויב זיי וואָלטען נור געהאַט די מעגליכקייט צו קענען זיך פריי ענטוויקלען אין דער געזעלשאַפט — אַט די קרעפטען ווערען דירעקטירט דורך דעם שטאַאַט, ד.ה. דורך אַן אָרגאַניזאַציאָן, וועלבע איז ספּעציעל ענטוויקעלט געוואָרען צו מאַכען די רייכע רייכער, ווי זיי זיינען שוין, און צו מאַכען פון דעם גאַנצען מאָדערנעם פּאָרטשריט אַ מיטעל פאַר די אינטערעסען פון די פריווילעגירטע קלאַסען; און אויף אַזאַ אופן ענטוויקלען זיך דיזעלבע קרעפטען אַלס אַן אינסטרומענט פון אונטערדריקונג, פון מאָנאָפּאָליסטען און שטענדיגע מלחמות. זיי טרייבען אונטער די בערייכערונג פון די בעגינסטיגטע און פערגרעסערן דעם עלענד און די פערשקלאַפונג פון די אָרעמע

און דאָס איז אויך די אורזאַכע, וואָרום יענע עקאָנאָמיסטען, וועלכע האַנדלען נאָך אַלץ אויסשליסליך מיט די עקאָנאָמישע קרעפֿטען אַליין, ניט אַנאַליזירענדיג די גרענעצען, וועלכע רינגלען אַרום היינט צו טאָג דעם קרייז פֿון זייער טהעטיגקייט, און ניט רעכענדיג זיך מיט דער אידעאָלאָגיע פֿון'ם שטאַאט, אָדער מיט די קרעפֿטען, מיט וועלכע יעדער שטאַאט אונטערשטיצט היינט נויטווענדיגערווייזע דעם רייכען, כדי ער זאָל קענען ווערען רייכער אויף דעם חשבון פֿון דעם אָרעמען— דאָס איז די אורזאַכע, וואָרום אַזעלכע עקאָנאָמיסטען האָבען איבערהויפּט קיין שום שייכות ניט צו דער אמת'ער ווירקליכקייט פֿון דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער וועלט.

---

X.

## די הויפּט־צוגען פֿון'ם שטאַאט.

מיר האָבען געגעבען אַ קורצען איבערבליק איבער אייניגע פֿון די וויכטיגסטע פֿונקציאָנען פֿון'ם שטאַאט: זיין געזעץ־געבונג מכח דעם אייגענטהום, די בעשטייערונג, די גרינדונג פֿון מאָנאָפּאָלען און ענדליך די פֿערטהיידיגונג פֿון'ם לאַנד — אָדער, מיט אַנדערע ווערטער — דאָס רעכט פֿון מלחמה.

און מיר האָבען אויפֿגעוויזען און פֿעסטגעשטעלט דעם פֿאַקט, וועלכער צייגט זיך אַרויס מיט דער גרעסטער דייטליכקייט, אַז אין יעדער איינציגער פֿון די אויבען דערמאָהנטע פֿונקציאָנען האָט דער שטאַאט געשטרעבט און שטרעבט נאָך צו דעמזעלבען ציעל: — איבערצוגעבען די ברייטע מאַסע פֿון דער בעפֿעלקערונג, וועלכע ער רעגירט, צו די פֿערשידענע קאַטעגאָריעס פֿון אויסבייטער, צו פֿערזיכערן און צו פֿערלענגערן דאָס רעכט פֿון די לעצטע צו עקספּלאָאַטירען דאָס פֿאָלק. אָט צו דעם צוועק איז דער שטאַאט געגרינדעט געוואָרען — און דאָס איז ביז היינט צו טאָג זיין וויכטיגסטע, זיין אייגענטליכע מיסיאָן.

די געזעץ־געבונג פֿון די שטאַאטען וועגען דעם אייגענטהומס־רעכט האָט קיינמאָל ניט געהאַט דעם צוועק צו פֿערזיכערן יעדען בירגער, ער זאָל קענען געניסען די פֿרוכט פֿון זיין אַרבייט, ווי די אָפֿיציעלע רעכטס־וויסענשאַפֿט בעהויפּטעט. פֿונקט פֿערקעהרט, דאָס געזעץ פֿון'ם שטאַאט

האָט שטענדיג געהאַט און האָט נאָך די אויפגאַבע אַוועקצורויבען פון די ברייטע מאַסען פון דער נאַציאָן אַ גרויסען טהייל פון זייער אַרבייט צום נוצען פון עטליכע פריווילעגירטע. צו האַלטען די מאַסען שטענדיג אין אַ צושטאַנד פון עלענד און עקאָנאָמישער אונזיכערהייט און זיי אַריינצוגעבען אין די הענד — אין די גאַנץ אַלטע צייטען אין די הענד פון די שקלאַפען בעזיצער און פריעסטער, אין מיטעל־אַלטער אין די הענד פון די פעאָדאַל באַראָנען, די גלחים און די קויפלייט, און היינט צו טאָג אין די הענד פון די אינדוסטריעלע אונטערנעהמער און די בערזען־ספעקולאַנטען, וועלכע זיינען נאָך צוגעקומען צו די פריהער דערמאָהנטע דריי — אָט דאָס איז געווען די אייגענטליכע פונקציאָן פון אַלע שטאַאַטען, צי זיי האָבען געהאַט אַ טהעאָקראַטישע, אַן אָליגאַרכישע אָדער אַ דעמאָקראַטישע פאָרם.

די בעשטייערונג, ווי מיר האָבען געזעהן, איז אַן אונגעהייער מעכטיגער אינסטרומענט, מיט וועלכען דער שטאַאַט בענוצט זיך צו דעם דאָזיגען צוועק. מיט דער הילפע פון אָט דעם אינסטרומענט האָבען די רעגירער די מעגליכקייט צו עקספּראָפּריאירען די אָרעמע צו גונסטען די רייכע; די היינטיגע פערפאָלקאָמענטע עקספּראָפּריאַציאָן וואַרפט זיך ניט באַלד אין די אויגען, אָבער די ווירקונג איהרע איז פון דעסטוועגען ניט גרינגער. די בעשטייערונג ערלויבט די פריווילעגירטע אויפצוהאַלטען די אָרעמקייט אויף אַ קינסטליכען אופן, ניט קוקענדיג, וואָס די פּראָדוקטיוויטעט פון דער מענשליכער אַרבייט האָט זיך אונגעהייער ענטוויקעלט און פערגרעסערט; — און אין דערזעלבער צייט קענען זיי אויסמיידען אַלע ברוטאַלע פאָרמען פון אַ דירעקטער בערויבונג, מיט וועלכער מען פלעגט זיך בענוצען אין די פערגאַנגענע צייטען. דאָס, וואָס דער פעאָדאַל־באַראָן האָט פריהער געטהאָן, אום אויסצופרעסען זיינע לייבאייגענע אונטער דעם שוץ פון׳ם שטאַאַט — דאָסזעלבע טהוט דער שטאַאַט היינט אין אַ „קאָרעקטער" פאָרם מיט דער הילפע פון דער בעשטייערונג. אָבער שטענדיג טהוט ער עס צו גונסטען ערגעץ אַ רייכען, און ער פערגעסט קיינמאָל ניט צו צוטהיילען אַ געוויסען חלק פון דער גנבה צווישען דעם רייכען און זיינע צאָהלרייכע בעאַמטע.

מיר האָבען שפעטער געזעהן, ווי אַזוי דער שטאַאַט האָט זיך בענוצט און בענוצט זיך נאָך מיט דעם אינדוסטריעלען, קאָמערציעלען און פינאַנציעלען מאָנאָפּאָל; ווי אַזוי ער ערלויבט צו איינצעלנע גרופען פון פאַבריקאַנטען און געשעפטס־ספעקולאַנטען אָנצוקלייבען אונגעהייערע פערמעגענס אויף דעם שנעלסטען אופן, דורך דעם וואָס זיי רויבען אַוועק

פון זיינע אונטערטאַנען די פרוכט פון זייער אַרבייט. און מיר האָבען געזעהן, ווי אַזוי עס קומט, אַז די אַלע נייע קוועלען פון רייכטהום, וועלכע עקזיסטירען היינט פאַר די ציוויליזירטע נאַציאָנען, סיי צוליעב דעם פראָגרעס פון דער וויסענשאַפט און טעכניק, סיי דורך דער פערבאַפונג פון אַזעלכע לענדער, וועלכע זיינען ריקשטענדיג אין זייער אינדוסטריע, געפינען זיך שטענדיג אין די הענד פון אַ קליינער מינדערהייט פון פריווילעגירטע. און די לעצטע, פון זייער זייט, ערלויבען דעם שטאַאַט אָנצופילען זיינע קאַסעס און שטענדיג צו פערגרעסערן דעם קרייז פון זיין מאַכט.

און צום סוף האָבען מיר געזעהן, וואָס פאַר אַ שרעקליכע וואַפע דער שטאַאַט בעזיצט, אום צו פעראייביגען די סאָציאַלע אונגלייכהייט, די מאָנאָפאָלען און אַלע סאָרטען פריווילעגיעס, אין דער פאָרם פון זיינע שטענדיגע אַרמעען און דאָס רעכט פון מלחמה. אונטער דעם מאַנטעל פון׳ם פאַטריאָטיזם און פון דער נויטווענדיגקייט צו פערטהיידיגען דאָס פאָטערלאַנד, בענוצט זיך דער שטאַאַט מיט דער אַרמעע און די מלחמות פאַר דעמזעלבען צוועק. אין אַלע צייטען, פון דעם גרויען אַלטערטהום ביז היינט, האָבען די עראָבערונגען שטענדיג געהאַט דעמזעלבען צוועק: איבערצוגעבען נייע פעלקער צו דער אויסבייטונג פון די קלאַסען, וועלכע דער שטאַאַט האָט בעגינסטיגט. און דאָסזעלבע איז אויך היינט דער פאַל: אַלע מלחמות ווערען געמאַכט פאַר דעם פראָפיט פון די באַנקירען, די ספעקולאַנטען, די פריווילעגירטע. און די אונגעהייערע סומען, וואָס מען גיט אויס פאַר דער מיליטערישער בעוואַפנונג אין דער צייט פון פריעדען און די הלוואות פון די שטאַאַטען ערלויבען די רעגירער ווידער אַמאָל צו שאַפען אונגעהייערע פערמעגענס און נייע אויסבייטער, וועלכע זיי קלייבען אויס פון די רייהען פון זייערע ליעבלינגס.

אָט דער דאָזיגער איינגעוואָרצעלטער שטרעבען צו בערייכערן געוויסע קאַטעגאָריעס פון בירגער אויף דעם חשבון פון דער אַרבייט פון דער גאַנצער נאַציאָן און איהרע אָפּפערס, פערקערפּערט מיט זיך דעם קווינטעסענץ פון יענער פאָרם פון אַ פּאָליטיש-צענטראַליזירטער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע מיר רופען שטאַאַט און וועלכע האָט זיך ערשט געקענט ענטוויקלען אין אייראָפּאַ ביי יענע פעלקער, וועלכע האָבען צושטערט דעם רוימישען קייזער־רייך, נאָך דער פעריאָדע פון די פרייע שטעדט, ד.ה. וועהרענד דעם 16טען און 17טען יאָהרהונדערט.

* * *

און פֿערגעסט ניט, אַז מיר רעדען דאָ ניט וועגען דעם, וואָס מען רופֿט געוועהנליך „מיסברויכען די מאַכט", פֿון די אַלע גרויזאַמקייטען, וועלכע אַלע רעגירונגען פֿלעגען שטענדיג בעגעהן געגען זייערע אונטערטאַנען אָדער געגען אונטערדריקטע נאַציאָנען, אַזוי לאַנג ווי עס האָבען עקזיסטירט מענשען פֿון די פּריווילעגירטע קלאַסען, וועלכע האָבען זיך געגייטיגט אין דעם שוץ פֿון אַ רעגירונג. מיר רעדען דאָ אַבסאָלוט ניט וועגען די גנבות פֿון די בעאַמטע, וועגען אונגעזעצליכע האַנדלונגען, וועלכע ווערען בעגאַנגען פֿון אַלע רעגירער, וועגען די בעליידיגונגען און ליידען, וואָס זיי פֿעראורזאַכען צו אַלע אונטערדריקטע; מיר רעדען דאָ זאָגאַר ניט מכח דעם האַס געגען אַנדערע נאַציאָנען, וועלכע זיי פּראָפּאַגאַנדירען און האַלטען אויף. אין דיזער בעציהונג איז גענוג צו דערמאָהנען, אַז „מאַכט" און „מיסברויכען די מאַכט" געהען שטענדיג האַנד אין האַנד, און דאָס צווישען בעאַמטע ענטוויקעלט זיך אונפֿערמיידליך אַ סאָלידאַריטעט, וועלכע איגנאָרירט און פֿערשווייגט אַלצדינג, וואָס מען האָט ליעב אַנצורופֿען „די טרויעריגע נויטווענדיגקייטען צו געברויכען די מאַכט".

מיר שטעלען זיך ניט אָב ביי די „טרויעריגע נויטווענדיגקייטען". עס איז פֿאַר אונז גענוג צו האַנדלען מיט דעם אייגענטליכען וועזען פֿון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע האָט זיך אין פֿערשידענע צייטען עטליכע מאָל ענטוויקעלט אין דער מענשליכער געזעלשאַפֿט, און וועלכע האָט יעדעס מאָל געהאַט דעמזעלבען כאַראַקטער — די געגענזייטיגע פֿערזיכערונגס-געזעלשאַפֿט פֿון דער קירכע, דעם מיליטערישען פֿיהרער און דעם גרונד-בעזיצער, מיט דעם צוועק צו לעבען אויף דעם חשבון פֿון דער אַרבייט פֿון די מאַסען. דער גאַנצער אונטערשיעד צווישען אַמאָל און היינט בעשטעהט נור אין דעם, וואָס צו דער דאָזיגער דריי-אייניגקייט זיינען נאָך צוגעקומען דער מאָדערנער בורזשואזער קאָמערציאַנט, דער פֿאַבריקאַנט, דער בערזען ספּעקולאַנט און אַ גאַנצע מחנה פֿון בעאַמטע.

עס איז צוליעב די אינטערעסען פֿון די פּריווילעגירטע, ניט צוליעב די אינטערעסען פֿון דער נאַציאָן, ווען דער שטאַאט פֿערכאַפּט די ערד פֿון די בויערן און גיט איהר איבער צו קליינע מינדערהייטען פֿון וואוכערער און ספּעקולאַנטען און ווען ער טרייבט אַרויס אַ היבשע צאָהל איינוואוינער פֿון די דערפֿער. און ווי באַלד עס קלייבען זיך אָן מאַסען פֿון אַרבייטסלאָזע פּראָלעטאַריער אין די שטעדט, קומט די געזעץ-געבונג פֿון דעם שטאַאט און גיט איבער אָט די אויסגעהונגערטע מאַסען צו די

פריווילעגירטע פֿון דער מאָנאַרכיע, צו די רייכע פֿאַבריקאַנטען, און שפּעטער צו די פּראָצענטניקעס, די געשעפֿטס־ספּעקולאַנטען און צו די מענער פֿון דער גרויסער פֿינאַנץ. אָט דיזע אונגעהייערע מאַסע, וואָס יאָוועט זיך אין די גאַסען פֿון די שטעדט, איז אין גאַנצען אריינגעגעבען געוואָרען אין די הענד פֿון די ליעבלינגס פֿון דער רעגירונג.

שפּעטער, ווען די פּריווילעגירטע קלאַסען, וועלכע האָבען אויסגע־אַרבייט מיט אַזוי פֿיעל געשיקליכקייט און קלוגשאַפֿט אָט די פּאָליטישע פֿאָרם, וואָס מיר רופֿען שטאַאַט, האָבען אָנגעהויבען צו בעמערקען, אַז די עקספּלאָאַטירטע מאַסען ווילען אַראָבוואַרפֿען פֿון זיך דעם שווערען יאָך, האָבען זיי באַלד געזעהן אויסצוגעפֿינען אַ נייעם מיטעל, ווי צו פֿער־גרעסערן דעם פֿונדאַמענט פֿון זייער עקספּלאָאַטאַציאָן. די עראָבערונג איז אין אַלע צייטען געווען אַ מיטעל פֿאַר אָנצוקלייבען נייע רייכטהימער, ניט חס־ושלום פֿאַר די עראָבערנדע נ אַ צ י אָ נ ע ן — צו זיי האָט מען איבערגעלאָזט דעם „כבוד" — אָבער פֿאַר די הערשענדע קלאַסען פֿון די דאָזיגע נאַציאָנען. מען דאַרף זיך בלויז דערמאָהנען אין די רייכטהימער, וועלכע נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט איבערגעגעבען צו זיינע גענעראַלען און צו זיין נייער „מיליטערישער אַריסטאָקראַטיע". און שפּעטער, ווען די טעכנישע ערפֿינדונגען און דער פּראָגרעס פֿון דער שיף־פֿאַהרט האָט די שטאַאַטען ערלויבט אָנצוהאַלטען גרויסע אַרמעען און קריעגס־פֿלאָטען, האָבען די הערשענדע קלאַסען באַלד געזעהן צו בענוצען זיך מיט די דאָזיגע אַרמעען און קריעגס־פֿלאָטען, אום צו פֿערכאַפּען „קאָלאָניען". אויף אַזאַ אופֿן האָט די האָלענדישע, די ענגלישע, די פֿראַנצויזישע, די בעלגישע, די דייטשע און אפילו די רוסישע בורזשואַזיע נאָכאַנאַנד אי־בערגענומען די ראָלע צו פֿערכאַפּען די נאַציאָנען, וואָס זיינען ריקשטענ־דיג אין זייער אינדוסטריע, און צוליעב דיזעלבע אורזאַכען ווילען זיי איצט צוטהיילען צווישען זיך אַזיען און אַפֿריקאַ.

די דאָזיגע שטאַאַטען, ד.ה. די בורזשואַזיע פֿון יענע לענדער — ווייל די אַרבייטער געווינען קיין זאַך ניט, סיידען עטליכע ברעקלאַך, וואָס פֿאַלען אַראָב פֿון די טישען פֿון די רייכע — די בורזשואַזיע פֿון יענע לענדער איז אויף אַזאַ שטייגער געוואָרען בעהערשער און אויסבײ־טער אין איין פּערזאָן פֿון ברייטע פֿעלקערשאַפֿטען, שוין ניט ריידענדיג פֿון איהרע „טהייערע" מיטבירגער. וואָס אָנבעלאַנגט די אַרבייטער, האָבען זיי זיך געלאָזט אַרייננאַרען פֿון זייערע הערדען, וועלכע האָבען זיי פֿער־שפּראָכען אַ פֿעטען ביסען פֿון דער גנבה. זיי פֿאָדערן פֿון צייט צו צייט „פּראָטעקציאָן", געוויסע אָבגאַבען אויף אויסלענדישע פּראָדוקטען געגען

דער פֿרעמדער קאָנקורענץ, און שטעהענדיג אונטער דעם איינפֿלוס פֿון אַ פֿערברעכערישער פרעסע, וועלכע ווערט בעצאָהלט פֿון די קאַפּיטאַ־ליסטען, זיינען זיי פֿאַרטיג, אַרויפֿצוואַרפֿען זיך אויף זייערע שכנים, אום צו האַלטען מלחמה מיט זיי פֿאַר דער גנבה, אָנשטאָט צו רעוואָל־טירען געגען זייערע אייגענע עקספּלאָטאַטאָרס און געגען זייער אַל־מעכטיגע וואַפֿע — דעם שטאַאַט.

---

## XI.

## צי קען דער שטאאט דיענען אלס א מיטעל פאר דער בעפרייאונג פון די ארבייטער?

אָט דאָס איז, וואָס די אַלטע און מאָדערנע געשיכטע צייגט אונז. און דאָך זעהען מיר, אַז די ראַדיקאַלע דעמאָקראַטען און סאָציאַליסטען, שטעהענדיג אונטער דעם איינפֿלוס פֿון אַ פֿאַלשער אויפֿפֿאַסונג, וועלכע האָט שוין היינט בעקומען אַ ווירקליך טראַגישע בעדייטונג, פֿאָדערן, אַז דער שטאַאַט, וואָס פּראָדוצירט די מערדערישסטע וואַפֿען, אום צו פֿער־אָרעמען דעם בויער און אַרבייטער און צו בערייבערן מיט זייער אַרבייט דעם גרונד־בעזיצער, דעם פריעסטער, דעם בורזשואַ, דעם ספּעקולאַנט און די אַלע פּריווילעגירטע און פֿון דער רעגירונג בעשיצטע גנבים — אַז דערזעלבער שטאַאַט, דער בורזשואַזער שטאַאַט, דער שטאַאַט, וואָס עקספּלאָטירט אַליין, דער פּראָטעקטאָר פֿון די עקספּלאָטאַטאָרס — זאָל זיי בעשיצען געגען דער אויסבייטונג פֿון די מאָנאָפּאָליסטען; און ווען מיר ערקלערען, אַז די אָבשאַפֿונג פֿון דעם שטאַאַט איז דער ציעל, צו וועלכען מיר מוזען שטרעבען, ענטפֿערט מען אונז אויף אַזאַ שטייגער: „לאָמיר פֿריהער אַוועקמאַכען מיט די פֿערשידענע קלאַסען אין דער גע־זעלשאַפֿט; דערנאָך וועט מען דעם שטאַאַט קענען אַריינשטעלען אין אַ מוזעאום פֿון אַלטערטהימער צוזאַמען מיט דער שטיינערנער האַק און דעם שפּין־ראָד פֿון פֿערגאַנגענע צייטען!"

אָט מיט דעם זאָנדערבאַרען אַרגומענט האָט מען זיך אַרויסגעדרעהט, אין די פֿופֿציגער יאָהרען פֿון דעם פֿערגאַנגענעם יאָהרהונדערט, פֿון דער דיסקוסיאָן, וועלכע פרודהאָן האָט דאַמאָלס אָנגעפֿיהרט מכח דער

אָבשאַפֿונג פֿון דער אינסטיטוציאָן שטאַאַט און די מיטלען, ווי צו דערגרייכען דעם דאָזיגען ציעל. און מיט דעמזעלבען אויסרייד בענוצט מען זיך נאָך היינט. — „לאָמיר פֿריהער פֿערכאַפּען די מאַכט אין דעם שטאַאַט״— דעם היינטיגען בורזשואַזען שטאַאַט, פֿערגעסט עס ניט — „און דערנאָך וועלען מיר מאַכען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן!״ — אָט דאָס איז דער פּאַס־וואָרט אין דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער בעוועגונג.

פּרודהאָן האָט די אַרבייטער איינגעלאַדען צו דיסקוטירען די פֿראַגע אויף אַזאַ אופֿן: — „ווי אַזוי וואָלט די געזעלשאַפֿט זיך געקענט אָרגאַניזירען, ניט אָנקומענדיג ביי דעם שטאַאַט, וועלכער האָט זיך ענטוויקעלט אין די פֿינסטערסטע פּעריאָדען פֿון דער געשיכטע מיט דעם צוועק צו האַלטען די מאַסען אין אַ צושטאַנד פֿון עקאָנאָמישען און גייסטיגען עלענד און צו עקספּלאָטירען זייער אַרבייט?״ און מען האָט איהם געענטפֿערט מיט אַ סאָפֿיזם.

און ווירקליך, ווי אַזוי איז גאָר מעגליך צו רעדען וועגען דער אָבשאַפֿונג פֿון די קלאַסען, ניט צוריהרענדיג זיך צו דער אינסטיטוציאָן, וועלכע איז געווען דער אינסט־ומענט צו גרינדען די קלאַסען און וועלכע איז נאָך היינט דער אינסטרומענט זיי אויפֿצוהאַלטען פֿאַר אַלע צייטען? אָבער אָנשטאָט די דאָזיגע פֿראַגע גרינדליך צו אונטערזוכען, די *וויכטיגסטע* פֿראַגע, וועלכע די גאַנצע מאָדערנע ענטוויקלונג האָט אונז געשטעלט — וואָס טהוט מען?

„דער שטאַאַט, וועלכער האָט זיך אויסגעאַרבייט אין דער געשיכטע פֿון דער ציוויליזאַציאָן, אום צו געבען דער אויסבייטונג פֿון די מאַסען דורך די פּריווילעגירטע קלאַסען אַ לעגאַלען כאַראַקטער, *קען ער זיין* אַ ווערקצייג פֿאַר דער בעפֿרייאונג פֿון די אונטערדריקטע?״ — וואָלט דען אָט די פֿראַגע ניט געדאַרפֿט זיין די ערשטע, מיט וועלכע דער סאָציאַלער רעפֿאָ־מאַטאָר וואָלט זיך געדאַרפֿט בעשעפֿטיגען?

און פֿון דער אַנדערער זייט וואָלט מען געדאַרפֿט זעהן, צי עס מאַניפֿעסטירען זיך ניט שוין אין דער ענטוויקלונג פֿון דער מאָדערנער געזעלשאַפֿט אַנדערע גרופּירונגען, אויסער דעם שטאַאַט — אַזעלכע גרופּירונגען, וועלכע קענען שאַפֿען אין דער געזעלשאַפֿט די צוזאַמענשטעלונג און האַרמאָניע פֿון די אינדיווידועלע קרעפֿטען און ווערען אַן אינסטרומענט פֿאַר דער בעפֿרייאונג פֿון די מאַסען, אַזוי אַז מען דאַרף איבערהויפּט ניט אָנקומען ביי דער פּיראַמידאַלער היעראַרכיע פֿון׳ם שטאַאַט? למשל די קאָמונע, די פֿאַך־אָרגאַניזאַציאָנען פֿין די אַרבייטער, די גרופּירונגען פֿון די קוואַרטאַלען און סעקציאָנען, וועלכע האָבען עקזיסטירט אין די־

פרייע שטעדט בעפאר דער ענטשטעהונג פון'ם שטאאט; די טויזענדער געזעלשאפטען, וועלכע וואקסען היינט ארויס איבעראל פאר דער בעפרי-דיגונג פון טויזענדער סאציאלע בעדערפנישען; דער פעדעראטיווער פרינ-ציפ, מיט וועלכע די מאדערנע גרופירונגען בענוצען זיך; — גיבען אונז דען ניט די דאזיגע פארמען פון ארגאניזאציאן א פעלד פאר אונזער טהע-טיגקייט, וועלכער פערשפרעכט אונז א בעסערן ערפאלג פאר אונזער בעפרייאונג, איידער די ארויסגעווארפענע ארבייט צו פערכאפען דעם שטאאט און זיין צענטראליזאציאן און צו מאכען איהם נאך מעכטיגער ווי ער איז שוין היינט?

וואלט דאס ניט געדארפט זיין די ערשטע און וויכטיגסטע פראגע, וועלכע דער סאציאלער רעפארמאטאר וואלט זיך בעדארפט שטעלען, איידער ער געהט אננעהמען א בעשטימטע שטעלונג.

אבער אנשטאט די דאזיגע פראגע גרינדליך צו אונטערזוכען, ווילען די בירגערליכע און סאציאליסטישע דעמאקראטען פון קיין אנדער זאך ניט וויסען און הערען, ווי נור פון'ם שטאאט. און עס איז ניט דער צו-קינפטיגער שטאאט, דער „פאלקס-שטאאט" פון זייערע אמאליגע חלומות, נאר איינפאך דער בורזשואזער שטאאט, דער שטאאט, ווי ער שטעהט און געהט. דער שטאאט מוז פערנעהמען דאס גאנצע לעבען פון דער געזעלשאפט, זאגען זיי — אלע עקאנאמישע, אינטעלעקטועלע, ארגאניזאטארישע און ערציהונגס-טהעטיגקייטען; די אינדוסטריע, דעם אויסטויש פון די פראדוקטען, דעם עפענטליכען אונטערריכט, דאס גע-ריכט, די פערוואלטונג פון א ל ע ס, וואס שטעלט פאר מיט זיך אונזער געזעלשאפטליכעס לעבען!

און צו די ארבייטער, וועלכע ווילען זיך בעפרייען, זאגט מען אזוי: „לאמיר נור פריהער פערנעהמען אונזער פלאץ אין דער מאדערנער פא-ליטישער ארגאניזאציאן פון'ם שטאאט, וועלכע איז אויסגעארבייט געווארען פון די גרונר-בעזיצער, די בורזשואס און קאפיטאליסטען, כדי זיי זאלען אייך קענען אויסבייטען!" מען בענוצט זיך מיט דעם דאזיגען אויסרייד, וויסענדיג גאנץ גוט דורך אלע לעהרען פון דער געשיכטע, אז קיין שום נייע ע ק א נ א מ י ש ע פארם האט זיך ביז איצט ניט געקענט ענטוויקלען אין דער געזעלשאפט, אויב עס איז אין דערזעלבער צייט ניט אויסגע-ארבייט געווארען א נייע פ א ל י ט י ש ע פארם, פון די, וואס האבען פערזוכט זיך צו בעפרייען.

די לייב-אייגענשאפט — און די אבסאלוטע מאנארכיע; די קאר-פאראטיווע ארגאניזאציאן — און די פרייע שטעדט, אין די רעפובליקען פון'ם

12טען ביז דעם 15טען יאָהרהונדערט; די הערשאַפֿט פֿון די קויפֿלייט — און דיזעלבע רעפובליקען אונטער דער רעגירונג פֿון די פּ אָ ד ע ס ט אַ ס און קאָנדאָטיערי: דער אימפּעריאַליזם — און די מיליטער־שטאַאַטען פֿון׳ם 17טען און 18טען יאָהרהונדערט; די הערשאַפֿט פֿון דער בור־זשואַזיע — און די רעפּרעזענטאַטיווע רעגירונג; — אַט די אַלע פֿאָרמען זיינען געגאַנגען האַנד אין האַנד. איז דאָס ניט דער בעסטער און פֿאָל־שטענדיגסטער בעוויז?

כדי זי זאָל זיך קענען ענטוויקלען, ווי זי האָט זיך ענטוויקעלט, און אום צו קענען אויפֿהאַלטען איהר מאַכט צום טראָץ דעם פּראָגרעס פֿון דער וויסענשאַפֿט און פֿון דעם דעמאָקראַטישען גייסט, האָט די בורזשו־אַזיע אויסגעאַרבייט אויף אַ זעהר קלוגען אופן די רעפּרעזענטאַטיווע רע־גירונג וועהרענד דעם 19טען יאָהרהונדערט.

און די פּאַס־ווערטער פֿון דעם מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט זיינען אַזוי מורא׳דיג, אַז זיי ריהרען זיך אפילו ניט צו צו דעם פּראָבלעם, וועלכען די רעוואָלוציאָן פֿון 1848 האָט אַרויסגעשטעלט: דער פּראָבלעם צו וויסען, וואָס פֿאַר אַ פּאָליטישע פֿאָרמע דער מאָדערנער פּראָלעטאַ־ריאַט מוז און קען ענטוויקלען, אום אויסצופֿיהרען זיין בעפֿרייאונג? ווי אַזוי צו אָרגאַניזירען דיביידע וויכטיגסטע פֿונקציאָנען פֿון יעדער געזעל-שאַפֿט: די געזעלשאַפֿטליכע פּראָדוקציאָן פֿון אַלעם, וואָס עס איז נויט־ווענדיג צום לעבען און דער געזעלשאַפֿטליכער אויסטויש פֿון די פּראָ־דוקטען? ווי אַזוי צו פֿערזיכערן יעדען איינציגען — ניט מיט ווערטער, נאָר אין דער ווירקליכקייט — מיט דעם פֿולען פּראָדוקט פֿון זיין אַר־בייט, אויף אַזאַ אופֿן, אַז ער זאָל האָבען די גאַראַנטיע צו פֿערזיכערן דעם אייגענעם וואָהלזיין דורך דעם אויסטויש פֿון זיין אַרבייט? „די אָר־גאַניזאַציאָן פֿון דער אַרבייט" קען ניט געמאַכט ווערען דורך דעם שטאַאַט, און אויב זי וועט דורכגעפֿיהרט ווערען פֿון די אַרבייטער גופא, וואָס פֿאַר אַ פֿאָרמע וועט זי אָננעהמען?

אָט דאָס איז, וואָס די פֿראַנצויזישע אַרבייטער, האָבענדיג די ער־פֿאַהרונג פֿון 1793 און 1848, פֿאָדערן היינט פֿון זייערע גייסטיגע פֿיהרער.

און וואָס ענטפֿערט מען זיי? מען ווייסט נור צו ווידערהאָלען די אַלטע פֿראַזע, וועלכע זאָגט זיי קיין זאַך ניט, און וועלכע איז ניט מעהר ווי אַ מיטעל אויסצומיידען אַ בעשטימטען ענטפֿער: „לאָמיר פֿערכאַפּען די מאַכט פֿון דעם בורזשואַזען שטאַאַט! בענוצט זיך מיט דער דאָזיגער

מאכט, אום צו פֿערמעהרען די פֿונקציאָנען פֿון דעם מאָדערנעם שטאַאַט — און דער פּראָבלעם פֿון אייער בעפֿרייאונג וועט .געלייזט ווערען!

און נאָך אַמאָל בעקומט דער פּראָלעטאַריער בליי אָנשטאָט ברויט, און דאָסמאָל פֿון די, צו וועלכע ער האָט צוטרוי געהאַט און פֿאַר וועלכע ער האָט פֿערשפּריצט זיין בלוט.

צו ערוואַרטען פֿון אַן אינסטיטוציאָן, וועלכע שטעלט פֿאַר מיט זיך אַ היסטאָרישען ענטוויקלונגס-פּראָצעס, אַז זי זאָל דיענען אַלס אַ מיטעל צו צושטערען דיזעלבע פּריווילעגיעס, וועלכע זי האָט זיך אַליין גענומען צו ענטוויקלען, מיינט ניט מעהר ווי אָנערקענען זיין אייגענע אונפֿעהיגקייט צו פֿערשטעהן דאָס, וואָס עס איז אין דעם לעבען פֿון דער געזעלשאַפֿט אַ היסטאָרישער ענטוויקלונגס-פּראָצעס. עס מיינט ניט מעהר, ווי מיס־צופֿערשטעהן אָט די אַלגעמיינע רעגעל אין דער גאַנצער אָרגאַנישער נאַטור — אַז נייע פֿונקציאָנען פֿאָדערן נייע אָרגאַנען, וועלכע מוזען זיך אויסאַרבייטען פֿון זיך אַליין. עס מיינט איינפֿאַך, אַז מען איז צו פֿויל און גייסטיג צו מורא'דיג, אום צו דיינקען אין אַ נייער ריכטונג, צו וועלכער די מאָדערנע ענטוויקלונג פֿיהרט אונז.

* * *

די גאַנצע געשיכטע איז דאָ אַלס אַ לעבעדיגער בעווייז, דאָס יעדע נייע סאָציאַלע געבורט האָט זיך מאַניפֿעסטירט דורך אזאַ טהעטיגקייט און אינטעליגענץ, וועלכע איז געווען אין איינקלאַנג מיט איהרע אייגענע בעדערפֿנישען; און יעדעס מאָל, ווען די מאַסען האָבען פֿערזוכט צו ענטוויקלען אַ נייע שעפּֿעריש קראַפֿט אויף דעם געביעט פֿון דער עקאָנאָמישער פּראָדוקציאָן, האָבענדיג אין זינען זייערע אייגענע אינטערעסען און פֿון דער געזעלשאַפֿט אין אַלגעמיין, — האָבען זיי אין דערזעלבער צייט אויך געזוכט נייע פֿאָרמען פֿון אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציאָן. און די דאָזיגע נייע פּאָליטישע פֿאָרמען ערלויבען די נייע געזעלשאַפֿטליכע פֿערזוכען אַרויפֿצודריקען זייער כאַראַקטער אויף דער עפּאָכע, וועלכע זיי האָבען אויפֿגעעפֿענט. קען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן מאַכען אַן אויסנאַהמע פֿון דער דאָזיגער רעגעל? קען זי אויסקומען אָהן די דאָזיגע שעפּֿערישע טהעטיגקייט?

אַזוי האָט דער אויפֿשטאַנד פֿון די קאָמונעס אין דעם 12טען יאָהר־הונדערט (אין איטאַליען אין דעם 11טען יאָהרהונדערט) און די אָבשאַפֿונג פֿון דער לייבאייגענשאַפֿט אין די דאָזיגע קאָמונעס, וועלכע האָבען זיך בעפֿרייט פֿון דעם בישאָף, דעם פֿעאָדאַל-באַראָן און פֿון דעם קעניג, פֿאָרגעשטעלט מיט זיך דעם איינטריט פֿון אַ נייע קלאַס אין דער

געשיכטע. און די דאָזיגע קלאַס — אַזוי ווי מיר האָבען געזעהן אין אונזער פֿריהערדיגער שטודיע — אַרבייטענדיג פֿאַר איהר בעפֿרייאונג, האָט באַלד געשאַפֿען אַ נייע קולטור און אין דערזעלבער צייט אַזעלכע אינ־סטיטוציאָנען, וועלכע האָבען איהר געגעבען די מעגליכקייט איהר צו ענטוויקלען.

דער האַנד־ווערקער האָט פֿערנומען דעם פּלאַץ פֿון דעם בויער. ער איז געוואָרען אַ פֿרייער מענש, און אונטער דעם שוץ פֿון די מויערן פֿון זיין קאָמונע האָט ער אינספּירירט די ענטוויקלונג פֿון די טעכנישע „קינסטע" און די וויסענשאַפֿט, וועלכע האָט באַלד דערנאָך, מיט גאַלילע, אויפֿגעעפֿענט אַ נייע ערא פֿאַר דעם בעפֿרייטען מענשליכען גייסט. מיט דער הילפֿע פֿון די דיינקער און קינסטלער, וועלכע האָבען ניט געוואוג־שען קיין בעסערע זאַך, ווי צו בענוצען זיך מיט זייער גייסטיגער קראַפֿט אין דער ריכטונג פֿון אינטעלעקטועלער פֿרייהייט, האָט דער מענש פֿון יענער צייט צוריק אויסגעפֿונען דעם וועג צו די עקזאַקטע וויסענשאַפֿטען און צו דער גריעכישער פֿילאָזאָפֿיע, וועלכע זיינען ביידע אין גאַנצען פֿערגעסען געוואָרען וועהרענד דער פֿינסטערער פּעריאָדע פֿון דעם רוי־מישען רייך און אין דער באַרבאַרישער עפּאָכע, אין וועלכער דאָס רוי־מישע רייך האָט זיך לאַנגזאַם אויפֿגעלייזט. ער האָט געשאַפֿען אַ גראַנ־דיאָזע אַרכיטעקטור, וועמענס גלייכען מיר האָבען ביז איצט מעהר ניט געזעהן; ער האָט אויסגעפֿונען די מיטלען און געהאַט דעם נייטיגען מוטה, אום אויסצופֿיהרען ווייטע רייזען איבער אונבעקאַנטע ימים. ער האָט ערעפֿענט די עפּאָכע פֿון דער רענעסאַנס מיט איהר הומאַניסטישען פּראָגראַם.

אָבער וואָלטען דען אונזערע עלטער־פֿאָטערס געקענט ענטוויקלען אַזאַ פֿרוכטבאַרע טהעטיגקייט, ווען זיי וואָלטען זיך צוגעכאַפּט מיט מורא'דיגע הערצער צו די אינסטיטוציאָנען, וועלכע האָבען עקזיסטירט אין אייראָפּא פֿון דעם 5טען ביז דעם 12טען יאָהרהונדערט? די איבער־בלייבאַכץ פֿון צענטראַליסטישע פֿאָרמען אויס דער צייט פֿון דעם רוימישען קייזער־רייך, אויסגעמישט מיט טהעאָקראַטישע, פֿון'ם אָריענט אימפּאָר־טירטע פֿאָרמען, אָט דיזע אָבשטאַרבענדע אינסטיטוציאָנען פֿון אַ פֿער־שקלאַפֿטער פֿערגאַנגענהייט וואָלטען דאָך דערשטיקט דעם לעבעדיגען פֿעדעראַטיווען גייסט און דעם רעספּעקט צו דער פּערזענליכקייט, וועלכען די זאָגענאַנטע סקאַנדינאַווישע, גאַלישע, זעקסישע און סלאַווישע „באַר־באַרען" האָבען געבראַכט מיט זיך. און צו אָט די צופֿוילטע פּאָליטישע

פֿאָרמען האָט זיך דער מענש, וואָס האָט געזוכט זיך צו בעפֿרייען, גע־זאָלט צוכאַפּען, אַזוי ווי די וואָרט־פֿיהרער פֿון די אַרבייטער מאַסען טהוען עס היינט?

גאַנץ געוויס ניט! — אויך די בירגער פֿון די בעפֿרייטע שטעדט האָבען באַלד דעם ערשטען טאָג פֿערזוכט דורך זייערע „פֿערשווערונגען", ד.ה. דורך זייער געגענזייטיגע שבועה, צו שאַפֿען נייע אינסטיטוציאָנען אין דעם קרייז פֿון זייערע פֿעסטע שטעדט. אין דעם קירכען־דיסטריקט, וועלכער איז אָנערקענט געוואָרען אַלס אַן אונאָבהייינגיגע און ס ו א ו ו ע ־ ר ע נ ע איינהייט; אין דער גאַס און אין דעם „קוואַרטאַל" אָדער אין דער „סעקציאָן" (די פֿעדעראַציאָן פֿון די גאַסען) און פֿון דער אַנדערער זייט אין דער גילדע, וועלכע איז אויך געווען פֿאָלשטענדיג אונאָבהייינגיג; אין די אָרגאַניזירטע און ס ו א ו ו ע ר ע נ ע „קינסטע" (יעדע האָט געהאַט איהר אייגענע „יוסטיץ", איהר באַנער, איהר מיליץ), און ענדליך אין דעם פֿ אָ ר ו ם, דער אַלגעמיינער פֿאָלקס־פֿערזאַמלונג, וועלכע האָט רעפּרעזענטירט די פֿעדעראַציאָן פֿון די קירכען־דיסטריקטען און די גילדעס, האָט מען געזוכט די אָרגאַניזאַציאָן פֿון די פֿערשידענע עלעמענ־טען פֿון דער שטאָדט. אַ גאַנצע רייהע פֿון אינסטיטוציאָנען, וועלכע זיינען געווען אין אַ דירעקטען געגענזאַץ צו דעם גייסט פֿון דעם רוימי־שען שטאַאַט און צו דעם טהעאָקראַטישען שטאַאַט פֿון'ם אָריענט, האָט זיך ענטוויקעלט אין פֿערלויף פֿון די פֿאָלגענדע דריי אָדער פֿיער הונ־דערט יאָהר.

אויב מיר ציהען ניט בעסער פֿאָר איינפֿאַך צו איגנאָרירען דאָס לעבען פֿון די פֿרייע קאָמונעס פֿון יענער צייט, אַזוי ווי די אָנהייינגער פֿון'ם שטאַאַט טהוען — די ווירדיגע שילער פֿון אונזערע שטאַאַטליכע שולען, וועלכע ערנידעריגען דעם גייסט פֿון'ם מענשען — ווי אַזוי קענען מיר נאָך צווייפֿלען פֿאַר אַ מאָמענט, אַז עס זיינען געווען אָט די נ י י ע א י נ ס ט י ט ו צ י אָ נ ע ן, וואָס האָבען זיך געגרינדעט אויף דעם פֿעדע־ראַטיווען פּרינציפּ און אויף דעם רעספּעקט פֿאַר דער אינדיווידואַליטעט — ווי אַזוי קענען מיר נאָך צווייפֿלען, אַז זיי זיינען עס געווען, וועלכע האָבען ערלויבט די קאָמונעס אין מיטעל־אַלטער צו ענטוויקלען אין אַ פּעריאָדע פֿון פֿינסטערניש אַזאַ רייכע קולטור, אָט די קונסט, די וויסענשאַפֿט, וועלכע מיר געפֿינען אין דעם 15טען יאָהרהונדערט?

XII.

## דער מאדערנער קאנסטיטוציאנעלער שטאאט.

דאָסזעלבע איז געווען מיט דער אינדוסטריעלער און קאָמערציעלער בורזשואזיע. צוליעב אורזאכען, וועלכע מיר האָבען ערקלערט אין אונזער אָבהאַנדלונג וועגען דער היסטאָרישער ראָלע פֿון'ם שטאַאט (די אָנפֿאַלען פֿון די מאָנגאָלען, טערקען און מאָרען און די אינערליכע דעקאַדענץ פֿון די אַלע קאָמונעס), האָט דער קעניגליכער מיליטער-שטאַאט געהאַט די מעגליכקייט צו בעפֿעסטיגען זיך אין אייראָפּאַ וועהרענד דעם 16טען, 17טען און 18טען יאָהרהונדערט אויף די חורבות פֿון די פֿרייע קאָמונעס. אָבער נאָך דעם ווי דער דאָזיגער רעזשים האָט עקזיסטירט העכער צוויי הונדערט יאָהר, האָט די אינדוסטריעלע און אינטעלעקטועלע בורזשואזיע — פֿריהער אין ענגלאַנד אין 1648 און מיט הונדערט און פֿערציג יאָהר שפּעטער אין פֿראַנקרייך — געמאַכט אַ נייעם שריט פֿאָרווערטס. זעהענדיג שוין האַלב און האַלב אין פֿאָרויס איהר צוקינפֿטיגע אַל-וועלטליכע ראָלע, האָט זי פֿערשטאַנען, אַז עס וועט זיין אַבסאָלוט אונמעגליך פֿאַר איהר צו דערגרייכען איהר פֿולע אינדוסטריעלע, קאָמערציעלע און אינטעלעקטועלע ענטוויקלונג, אַזוי לאַנג ווי די מענשליכע סטאַדעס וועלען פֿערבלייבען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון אַ ריעזיגער ביוראָקראַטיע, וועלכע גרופּירט זיך אַרום אַ הויף, וואו אַ לואי דער 14טער האָט געמעגט זאָגען: „דער שטאַאט בין איך!" זייט מאָנטעסקיע האָבען די דיינקער פֿון דער בורזשואזיע — און זי האָט געהאַט בעדייטענדע דיינקער — בעגריפֿען, אַז די אינדוסטריע, דער האַנדעל, די ערציהונג, די וויסענשאַפֿט, די טעכניק, די קינסטע, די געזעלשאַפֿטליכע מאָראַל וועלען זיך קיינמאָל אין לעבען ניט קענען ענטוויקלען לויט זייערע אינערליכע פֿעהיגקייטען, און אַז די ברייטע מאַסען וועלען זיך קיינמאָל ניט קענען אַרויסאַרבייטען פֿון דעם שוידערליכען עלענד, אין וועלכען זיי זיינען פֿערזונקען געוואָרען, אַזוי לאַנג ווי דער שיקזאַל פֿון דער בעפֿעלקערונג וועט ליגען אין די הענד פֿון אַ קאַמאַרילאַ און פֿון די גלחים — מיט אַנדערע ווערטער, אַזוי לאַנג ווי דער שטאַאט, דער שעפֿפֿער פֿון אַלע פֿערגאַנגענע און צוקינפֿטיגע פּריווילעגיעס, וועט בלייבען אין די הענד פֿון דער קירכע און פֿון'ם הויף מיט זייערע בעגינסטיגטע און מעטרעסען.

און ווען זיי זיינען געווען גענוג שטאַרק — וואָס האָבען זיי דאַמאָלס געטהאָן, די בורזשואזיע קלאַסען אין ענגלאַנד און פֿראַנקרייך?

האָבען זיי זיך אפשר בענוגט מיט אַן איינפאַכען איבערבייט פון דער דינאַסטיע? זיינען זיי צופרידען געווען צו פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דעם קעניג אין דעם ריין ראַיאַליסטישען שטאַאַט? — פאַר קיין פאַל ניט! זייערע אַקטיווע עלעמענטען האָבען בעסער פאָרגעצויגען אַריינצושלעפּען די מאַסען אין געוואַלטיגע עקאָנאָמישע רעוואָלוציאָנען, איידער שטענדיג צו בלייבען אין דעם פערפוילטען זומפּ פון אַן אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע. און דורך די דאָזיגע רעוואָלוציאָנען זיינען די פּאָליטישע אינסטיטוציאָנען, וואָס האָבען זיך ענטוויקעלט אונטער דער קעניגליכער זעלבסטהערשונג, אין גאַנצען איבערגעביטעז געוואָרען.

צוערשט האָבען זיי געגלויבט, אַז עס איז גענוג צו בעשריינקען די מאַכט פון דעם קעניגטהום און זיין אומגעבונג אויף אַ גאַר נישט, אַרויסצונעהמען די מאַכט פון די הענד פון די הויף־לייט און פון דער קירכע און איהר איבערצוגעבען צו די פערטרעטער פון דעם זאָגענאַנטען „דריטען שטאַנד". אָבער זיי האָבען באַלד בעמערקט, אַז דאָס איז ניט גענוג: אַז מען דאַרף צושטערען דעם גאַנצען אַלטען רעזשים און איבערבייטען אַלע פונדאַמענטען פון דער אַלטער געזעלשאַפט. און ווען זיי האָבען געזעהן, ווי די גאַנצע אונגעהייערע מאַכט פון דעם קעניגטהום הויבט זיך אויף געגען זיי און וויל ניט אָנערקענען זיין מפּלה, האָבען זיי זיך ניט אָבגעשרעקט פאַר אַ מאָמענט צו ענטוויקלען אַלע ליידענשאַפטען און דעם גאַנצען האַס פון די עלענדע געגען די פעאָדאַל־באַראָנען און גלחים, אום אַוועקצונעהמען פון זיי זייער אייגענטהום, די הויפּט-קוועלע פון זייער מאַכט.

— „פון דעסטוועגען האָבען זיי ניט פערזוכט צו צושטערען דעם שטאַאַט", וועט מען אונז זיכער ענטפערן. „זיי זיינען אַרויסגעטראָטען מיט זייער גאַנצער קראַפט און ענערגיע, ווען זיי האָבען בעמערקט, אַז דאָס פאָלק האָט געוואָלט געהן פיעל ווייטער און צושטערען דעם שטאַאַט, אום אַוועקצושטעלען אויף זיין פּלאַץ די פעדערירטע קאָמונעס און סעקציאָנען און אַ גאַנץ נייע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן."

— אמת. אָבער די ענגלישע און פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט קיינמאָל ניט פערזוכט צו פערניכטען יענע אינסטיטוציאָנען, וועלכע האָבען איהר ערלויבט צו שאַפען פּריווילעגיעס צו ז י י ע ר גונסטען. זי האָט בלויז געוואָלט פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דער אַריסטאָקראַטיע און פון די גלחים און פּראָפיטירען פון די פּריווילעגיעס. פאָלגליך האָט דער בורזשואַ ניט געקענט שטרעבען צו דער פערניכטונג פון'ם שטאַאַט. די אינסטיטוציאָן, וועלכע האָט געדיענט, אום צו שאַפען רייכטהימער

פֿאַר דער אַריסטאָקראַטיע און קירכע, האָט געמוזט בלייבען. איצטער האָט זי געמוזט דיענען, אום צו שאַפֿען רייכטהימער פֿאַר דער בורזשו־אַזיע. אמת, די בורזשואַזיע האָט אויפֿגעעפֿענט נייע וועגען צו בערייכערן זיך, דורך דער ענטוויקלונג פֿון דער אינדוסטריע און וויסענשאַפֿט, דורך דער פֿערשפּרייטונג פֿון דעם וויסען און דורך דער איינפֿיהרונג פֿון דער פֿרייער אַרבייט — אָבער דער שטאַאַט איז שטענדיג געווען דער מיטעל פֿאַר איהר, צו קענען זיך בענוצען מיט דער נאַציאָנאַלער אַרבייט, אום אָנצוקלייבען רייכטהימער, אַקוראַט ווי די אַריסטאָקראַטען און די קירכע האָבען זיך פֿריהער בערייכערט מיט דער הילפֿע פֿון׳ם שטאַאַט.

נאָך דעם ווי זי איז אַליין געוואָרען דער יורש פֿון די פּריווילעגיעס, וואָס האָבען עקזיסטירט, האָט די בורזשואַזיע גאַנץ געוויס ניט פֿערזוכט אַוועקצומאַכען מיט דעם שטאַאַט. פֿערקעהרט, זי האָט געאַרבייט צו פֿערשטאַרקערן זיין מאַכט און צו פֿערמעהרען זיינע פֿונקציאָנען, וויסענ־דיג, אַז זי און איהרע קינדער, וועלכע פֿערנעהמען מייסטענטהיילס די פּלעצער פֿון די הויכע בעאַמטע, וועלען דורך דעם פּראָפֿיטירען.

עס איז נור געווען דאָס פֿאָלק, אָדער בעסער געזאָגט, אַ געוויסער טהייל פֿון די פֿאָלקס־מאַסען — דיזעלבע מאַסען, צו וועלכע קאַמיל דעמולען פֿלעגט „מעהר און עפּטער אַפּעלירען ווי מאַראַט“ — וועלכער האָט געוואָלט די בעפֿרייאונג, ניט זוכענדיג אין דערזעלבער צייט אַנדערע עלעמענטען פֿון דער געזעלשאַפֿט צו עקספּלאָאַטירען און צו בעהערשען. און דער דאָזיגער עלעמענט האָט טאַקע אָנגעפֿאַנגען אויסאַרבייטען די פֿונדאַמענטען פֿון אַ נייער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע האָט געזאָלט פֿערנעהמען דעם פּלאַץ פֿון׳ם שטאַאַט. דאָס איז געווען די ק אָ מ ו נ ע. און ווען אָט די דעצענטראַליזאַציאָן איז נאָך ניט געווען גענוג פֿאַר די גרויסע שטעדט, איז מען געגאַנגען נאָך ווייטער — ביז צו דער ס ע ק צ י אָ ן.

און עס איז ווירקליך פֿאַרהאַן אַ כאַראַקטעריסטישע ערשיינונג, וועלכע האָט זיך מאַניפֿעסטירט וועהרענד דער רעוואָלוציאָן פֿון 1789. אַזוי ווי די נאַציאָנאַל־פֿערזאַמלונג איז נויטווענדיגערווייזע צוזאַמענגע־שטעלט געוואָרען פֿון פֿערטרעטער פֿון דער פֿערגאַנגענהייט, שונאים פֿון אַלעס, וואָס די רעוואָלוציאָן האָט אויסגעפֿיהרט, וועלכע האָבען איינפֿאַך מורא געהאַט, אַז די פֿאָלקס־מאַסען זאָלען זיך ניט ווירקליך אין גאַנצען בעפֿרייען, זיינען עס געווען די קאָמונעס, וואָס האָבען אָנגעטריבען די בעוועגונג ווייטער און ווייטער. עס איז געווען אַ מוניציפּאַלע רעוואָלוציאָן, ווי מישלע און אָלאַר האָבען אַזוי ריכטיג בעמערקט, וואָס האָט זיך

מאַניפֿעסטירט אין 1789. און אַזוי ווי אַ רעוואָלוציאָן קען ניט געמאַכט ווערען דורך דעקרעטען, אַזוי ווי אויף יעדען אָרט גופא מוז די בעוועגונג איבערקעהרען דעם גלייכגעוויכט פֿון דער מאַכט אין דער געזעלשאַפֿט, זיינען עס געווען די „קאָמונאַל־פֿערוואַלטונגען" אין די דערפֿער און אַגראַרישע דיסטריקטען, וועלכע האָבען זיך גענומען צו דער אַרבייט און אָבגעשאַפֿט, יעדע אויף איהר אָרט, די פֿעאָדאַלע רעכטע. נאָך אייַדער די נאַציאָנאַל־פֿערזאַמלונג האָט בעשלאָסען אָבצושאַפֿען, אין פּרינציפּ, דעם פֿעאָדאַליזם, דעם 4טען אויגוסט 1789, און לאַנג בעפֿאָר דער קאָנווענט האָט מיט פֿיער יאָהר שפּעטער, נאָך דער אויסשליסונג פֿון די זשיראָנדיסטען, פּראָקלאַמירט די אָבשאַפֿונג פֿון די פֿעאָדאַלע רעכטע, האָבען די מוניציפּאַל פֿערוואַלטונגען אין געוויסע טהיילען פֿון פֿראַנקרייך שוין געהאַנדעלט אין דעם דאָזיגען זין.

אָבער די מוניציפּאַל פֿערוואַלטונגען און איבערהויפּט די פֿאָרטגעשריטענע סעקציאָנען פֿון די גרויסע שטעדט האָבען זיך ניט בעגנוגט מיט דעם. ווען די נאַציאָנאַל פֿערזאַמלונג האָט ענדליך בעשלאָסען צו קאָנפֿיסקירען די אימעניעס פֿון די גלחים און זיי צו פֿערקויפֿען, האָט דער שטאַאַט ניט געהאַט די נייטיגע אָרגאַנען, אום צו קענען פֿערווירקליכען דעם דאָזיגען בעשלוס. דאַמאָלס זיינען עס געווען די קאָמונעס און אין די גרויסע שטעדט די סעקציאָנען, וועלכע האָבען זיך אָנגעבאָטען אויסצופֿיהרען אָט דעם געוואַלטיגען רעוואָלוציאָנערען איבערבייט פֿון די פֿערמעגענס. זיי אַליין זיינען געווען אימשטאַנד צו טהון די דאָזיגע אַרבייט און זיי האָבען איהר טאַקע אויסגעפֿיהרט.

אָבער אין 1792, ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעפֿאַנגען, האָט זיך נאָך בעסער אַרויסגעצייגט דער קאָנסטרוקטיווער גייסט פֿון'ם פֿאָלק אויסערהאַלב דעם שטאַאַט. ווען דער בעוואָפֿענטער קאַמפּף איז געוואָרען אַ פֿראַגע פֿון לעבען און טויט פֿאַר דער רעוואָלוציאָן, ווען די פֿרעמדע אַרמעען האָבען איבערפֿלייצט פֿראַנקרייך, פֿאָלגענדיג דעם רוף פֿון דעם פֿראַנצויזישען קעניגטהום, און ווען עס האָט אויסגעזעהן אונמעגליך אַרויסצוטרייבען די פֿרעמדע פֿון'ם לאַנד, דערפֿאַר וואָס עס זיינען ניט געווען קיין רעפּובליקאַנישע אָפֿיצירען און קיין אַרמעע צו דעם דאָזיגען צוועק — דאַמאָלס האָבען די סעקציאָנען און קאָמונעס זיך אונטערגענומען אויסצופֿיהרען אָט די געוואַלטיגע אויפֿגאַבע, פֿאַר וועלכע דער שטאַאַט האָט אפילו ניט געהאַט דעם נויטווענדיגען מעכאַניזם: צו פֿערשרייבען די פֿרייוויליגע זעלנער, ד.ה. אויסקלייבען די מענשען, אויסצוגעפֿינען צו וועמען פֿון זיי מען קען געבען שיך, ברויט,

אַ ביקס, בליי און פולווער — דען אין יענעם ערהאַבענעם מאָמענט האָבען די רעפּובליקאַנער קיין זאַך נ י ט פ ע ר מ אָ ג ט; עס איז ניט געווען קיין ברויט, קיין בליי, קיין ביקסען, קיין שיך און קיין קליידער.

און ווירקליך, ווי אַזוי האָט מען געזאָלט אויסקלייבען די מענשען, וועלכע האָבען זיך אָנגעבאָטען צו מאַרשירען אַלס פריייוויליגע? ווי אַזוי איז מען געווען זיכער, אַז דער זעלבער פריייוויליגער — נאָך דעם ווי ער האָט ערהאַלטען „אייזען, בליי און ברויט", וועט ניט אַוועקוואַרפען דעם ביקס אויף דער ערשטער עטאַפּע אָדער זיך גאָר פעראייניגען מיט די ראָיאַליסטישע באַנדעס? און פון וואַנען האָט מען געזאָלט נעהמען טוך און לעדער? ווער האָט געזאָלט נעהען די קליידער און אויסקראַצען די קעלערס, אום צו געפינען סאַלפעטער? ווי אַזוי האָט דער פריייוויליגער, שטעהענדיג ביים גרענעץ געזאָלט דערגעהן דעם אמת, מכח דעם פּראָגרעס פון דער רעוואָלוציאָן אין זיין היימאַט און די אינטריגעס פון די קאָנטרע־רעוואָלוציאָנערען? ווי אַזוי האָט מען געזאָלט אָנצינדען אין זיין האַרץ דעם הייליגען פייער, אָהן וועלכען עס איז אונמעגליך צו בעזיעגען דעם שונא? — עס זיינען געווען די סעקציאָנען און קאָמונעס, וועלכע האָבען אויסגעפיהרט אָט די גיגאַנטישע אַרבייט. די היסטאָריקער פון דעם שטאַאַט מעגען דאָס אַלעס איגנאָרירען, אָבער דאָס פראַנצויזישע פאָלק וועט עס קיינמאָל ניט פערגעסען; און ביי איהם האָבען מיר געלערנט די אמת'ע געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָן.

וואָלטען דען די באַסטילע און די טולעריען, ווען עס איז, געשטורמט געוואָרען, אָהן די קראַפט פון דעם פאָלק, פין די אונבעקאַנטע מאַסען? און וואָלט איבערהויפּט מעגליך געווען, אַז די רעפּובליקאַנער זאָלען אַרויסטרייבען דעם שונא פון לאַנד, פערניכטען דאָס קעניגטהום און דעם פעאָדאַליזם, אויב זיי וואָלטען ניט פערשטאַנען — אפשר האָבען זיי עס ניט אויסגעדריקט אין דיזעלבע ווערטער ווי מיר — אַ ז כ ד י צ ו ש אַ פ ע ן אַ נ י י ע פ אָ ז ע אין דעם ס אָ צ י אַ ל ע ן ל ע ב ע ן, ד אַ ר ף מ ע ן ה אָ ב ע ן אַ ן אָ ר ג אַ נ י ז ם, ו ו ע ל כ ע ר ק ע ן ד י ע נ ע ן א י ה ר צ ו ע נ ט ו ו י ק ל ע ן? און אויב זיי וואָלטען ניט געפונען דעם דאָזיגען אָרגאַניזם אין דער קאָמונע מיט איהר אָפּפערוויליגקייט און מיט דער טהעטיגקייט פון איהרע רעוואָלוציאָנערע סעקציאָנען, וועלכע זיינען כמעט געווען אין גאַנצען אונאָבהייניג פון דער קאָמונע און פערבונדען איינע מיט די אַנדערע דורך פּראָוויזאָרישע קאָמיטעס, וועלכע האָבען זיך פאָרמירט יעדעס מאָל, ווען די נויטווענדיגקייט האָט עס געפאָדערט —

וואָלטען זיי דאַן איבערהויפּט אימשטאַנד געווען אויסצופיהרען אָט די ריע־זיגע אַרבייט?

---

## XIII.

# איז עס פערנינפטיג צו פערשטארקערן דעם היינטיגען שטאאט.

עס איז אַלזאָ אַבסאָלוט נויטווענדיג פאַר דער בעפרייאונג פון די מאַסען, אַז זיי, וואָס פּראָדוצירען אַלצדינג און האָבען ניט קיין שום רעכט צו רעגולירען דעם קאָנסום פון זייערע פּראָדוקטען, זאָלען אַליין אויסגעפינען די מיטלען, וועלכע גיבען זיי די מעגליכקייט צו ענטוויקלען זייערע שעפערישע קרעפטע און אויסצואַרבייטען נייע פאָרמען פאַר דער פּראָדוקציאָן און קאָנסומציאָן אויף דעם באַזיס פון עקאָנאָמישער און סאָציאַלער גלייכהייט.

דער שטאַאט און די נאַציאָנאַלע פערטרעטונגס־קערפּערשאַפטען קענען ניט אויסגעפינען די דאָזיגע פאָרמען. דאָס לעבען גופא פון דעם קאָנסומענט און פּראָדוצירער, זיין אינטעליגענץ, זיין אָרגאַניזאַטאָרישער גייסט מוזען עס אויסגעפינען און שטענדיג פערפאָלקאָמענען די נייע פאָרמען, לויט די בעדערפנישען פון דעם אַל־טעגליכען לעבען.

דאָסזעלבע איז אויך דער פאַל מיט די פאָרמען פון דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציאָן. אויב די מאַסען ווילען זיך בעפרייען פון דער אויסבייטונג, וועלכע געהט אָן אונטער דער פּראָטעקציאָן פון דעם שטאַאט, קענען זיי ניט לענגער דולדען די הערשאַפט פון אַזעלכע פאָרמען, וועלכע זיינען אַ הינדערניס צו דער ענטוויקלונג פון דער איניציאַטיווע פון׳ם פאָלק. די דאָזיגע פאָרמען זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען פון די רעגירונגען מיט דעם צוועק צו פעראייביגען די שקלאַפעריי פון די מאַסען צו פער־הינדערן די ענטוויקלונג פון זייער שעפערישער טהעטיגקייט און די גרינדונג פון נייע אינסטיטוציאָנען פאַר דער געגענזייטיגער הילפע, לויט די פּרינציפּען פון דער סאָציאַלער גלייכהייט. מען דאַרף אויסגעפינען נייע פאָרמען, וועלכע זאָלען דיענען צו פער־ווירקליכען אַ ציעל, וואָס פערקערפּערט מיט זיך דעם דירעקטען געגענזאַץ צו דעם היינטיגען צושטאַנד פון אויסבייטונג און אונטערדריקונג.

* * *

אויב מיר אָנערקענען אָבער, אַז די קלאַס פֿון די פּראָדוצירער וועט מוזען איבערבייטען די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָנס-פֿאָרמען פֿון דער געזעלשאַפֿט, כדי זי זאָל קענען שאַפֿען נייע פֿאָרמען אין דער אָרגאַניזאַציאָן פֿון פּראָדוקציאָן און קאָנסומציאָן, דאַן וועלען מיר אויך לאָגישערווייזע פֿערשטעהן, ווי פֿאַלש עס איז צו פֿערשטאַרקען די מאַכט פֿון דעם היינטיגען בורזשואַזען שטאַאַט דורך דעם, וואָס מען וועט אַריינגעבען אין זיינע הענד — אויסער די פּאָליטישע מאָנאָפּאָלען, וועלכע ער בעזיצט שוין — די פֿערוואַלטונג פֿון אונגעהייערע עקאָנאָמישע מאָנאָפּאָלען אויף דעם געביעט פֿון דער אינדוסטריע און דעם אויסטויש פֿון די פּראָדוקטען.

לאָמיר איצט ניט רעדען פֿון יענעם שטאַאַט, וואָס עקזיסטירט נור אין דער פֿאַנטאַזיע, וואו די רעגירונג יועט בעשטעהן פֿון ריינע מלאכים, וועלכע זיינען דירעקט אַראָבגעקומען פֿון יענער וועלט זיך דורכרעדען איינע מיט די אַנדערע, אום צו פֿערהיטען אַלע שלעכטע פֿאָלגען, וועלכע וואָלטען געקענט אַרויסוואַקסען פֿון אַזאַ מאַכט. צו שאַפֿען אַזעלכע אוּטאָפּיעס, מיינט ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי אַרויספֿיהרען דאָס שיף פֿון דער רעוואָלוציאָן אויף בעהאַלטענע שפּיציגע פֿעלזען, וואו זי מוז אונטערגעהן. מיר מוזען נעהמען דעם היינטיגען בורזשואַזען שטאַאַט, אַזוי ווי ער געהט און שטעהט, און זיך שטעלען די פֿראַגע, צי עס איז פֿערנינפֿטיג צו פֿערשטאַרקען וואָס ווייטער אַלץ מעהר די אונגעהייערע מאַכט פֿון אָט דער אינסטיטוציאָן?

איז עס פֿערנינפֿטיג די דאָזיגע אינסטיטוציאָן, וועלכע עקזיסטירט היינט נור צו דעם צוועק, אום אויפֿצוהאַלטען די שקלאַפֿעריי פֿון דעם אַרבייטער — און ווער צווייפֿעלט נאָך, אַז דאָס איז היינט די וויכטיגסטע פֿונקציאָן פֿון דעם שטאַאַט? — איז עס פֿערנינפֿטיג צו פֿערשטאַרקען דעם שטאַאַט דורך דעם, וואָס מען גיט איהם איבער אַ ריעזיגען נעץ פֿון אייזענבאַהנען אָדער די מאָנאָפּאָלען פֿון אַלקאָהאָלישע געטריינק, פֿון טאַבאַק, צוקער א.ז.וו. ווי אויך דעם מאָנאָפּאָל פֿון דעם באַנק-קרעדיט — נאָך צו די אַלע מאָנאָפּאָלען, וועלכע ער בעזיצט שוין איצט: — די יום-טיץ, די עפֿענטליכע ערציהונג, די פֿערטהיידיגונג פֿון'ם לאַנד און די קאָלאָניאַל'ע רויבערייען?

צו האָפֿען, אַז דער אויף אַזאַ אופן פֿערשטאַרקערטער אונטערדרייקונגס-מעכאַניזם קען ווערען פֿערוואַנדעלט אין אַ ווערקצייג פֿון דער רעוואָלוציאָן — מיינט דען דאָס ניט צו איגנאָרירען אַלע לעהרען, וועלכע די געשיכטע האָט אונז געגעבען מכח דעם כאַראַקטעריסטישען גייסט

פֿון יעדער ביוראָקראַטיע און וועגען דער ווידערשטאַנדס־קראַפֿט פֿון אינסטיטוציאָנען? הייסט דען דאָס ניט מאַכען דעמזעלבען טעות, אין וועלכען מען בעשולדיגט די רעוואָלוציאָנערען אַזוי אָפֿט: זיך איינרעדען, אַז עס איז מעגליך צו שאַפֿען אַ רעפּובליק, דורך דעם וואָס מען וואַרפֿט אַראָב אַ קעניג אָדער צו פֿערווירקליכען דעם קאָלעקטיוויזם דורך אַ סאָציאַליסטישען דיקטאַטאָר?

האָבען מיר דען ניט קירצליך געזעהן אין רוסלאַנד (1905—06), ווי געפֿעהרליך עס איז צו פֿערשטאַרקערן די מאַכט פֿון אַ רעאַקציאָנערען שטאַאַט, דורך דעם וואָס מען גיט איהם איבער די אייזענבאַהנען און אַלע סאָרטען מאָנאָפּאָלען?

ווען די רעגירונג פֿון לואי דעם 16טען איז געשטאַנען בעפֿאָר דעם פֿינאַנציעלען באַנקראָט, איז זי געווען געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען צו דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט געפֿאָדערט די קאָנסטיטוציאָן; דאָסזעלבע איז געווען דער פֿאַל מיט דער מאַנטשו־דינאַסטיע אין כינאַ, נאָך דעם ווי עס האָט זיך איהר ניט איינגעגעבען אויסצובאָרגען די נייטיגע מיליאָנען פֿאַר צו בעקעמפֿען די רעפּובליקאַנער. די דינאַסטיע פֿון די ראָמאַנאָווס אָבער, וועלכע האָט שוין געהאַלטען ביים שטאַרבען צו דאַנקען דעם טריאומפֿף פֿון דער רעוואָלוציאָן אין 1905, האָט מיט לייבטיגקייט געקראָגען אין פֿראַנקרייך (1906) אַן הלואה פֿון 1200 מיליאָנען. און ווען די מיטגלידער פֿון דער רוסישער דומאַ האָבען אַרויסגעלאָזט אַ מאַניפֿעסט, אום צו וואָרענען די אויסלענדישע באַנקירען, זיי זאָלען ניט באָרגען קיין געלד, „דערפֿאַר וואָס דער רוסישער שטאַאַט האַלט ביים באַנקראָטירען", האָבען די באַנקירען, וועלכע זיינען בעסער אינפֿאָרמירט געווען, זיי געענטפֿערט: — „אַזוי ווי איהר האָט איבערגעגעבען צו אייער שטאַאַט 60.000 קילאָמעטער אייזענבאַהנען, וועלכע ער האָט אָבגעקויפֿט ביי די קאָמפּאַניעס, וואָס האָבען זיי געבויט; און אַזוי ווי איהר האָט אַריינגעגעבען אין זיינע הענד דעם געוואַלטיגען מאָנאָפּאָל פֿון אַלקאָהאָלישע געטריינק, האָבען מיר קיין מורא ניט פֿאַר אַ באַנקראָט. דאָס איז ניט די מאָנאַרכיע פֿון לואי דעם 16טען, וועלכע האָט קיין זאַך מעהר ניט פֿערמאָגט!"

און זיי האָבען טאַקע געבאָרגט די 1200 מיליאָן.

און אויף אַזאַ אופֿן פֿערמעהרען היינט אונזערע ראַדיקאַלען און סאָציאַליסטען דעם קאַפּיטאַל פֿון די מאָדערנע בירגערליכע שטאַאַטען. זיי געבען זיך אפילו ניט די מיה צו דיסקוטירען די פֿראַגע — ווי די ענגלישע קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציאָנען האָבען אַמאָל געפֿאָדערט פֿון

מיר — צי עס איז נישטאָ קיין מיטעל, ווי אַזוי איבערצוגעבען די אייזענ־באַהנען דירעקט צו דער יוניאָן פֿון די אייזענבאַהנער, אום צו בעפֿרייען דעם דאָזיגען צווייג פֿון דער אינדוסטריע פֿון דעם קאַפּיטאַליסטישען יאָך, אָנשטאַט צו שאַפֿען אַ נייעם קאַפּיטאַליסט, וועלכער איז נאָך געפֿעהרליכער ווי די בורזשואַזע קאָמפּאַניעס — דעם שטאַאַט.

אַך ניין! אונזערע זאָגענאַנטע שטאַאַטס־גלויביגע אינטעליגענטען האָבען אין דער שולע מעהר ניט געלערנט ווי דעם גלויבען אין דעם משיח שטאַאַט, דעם אַלמעכטיגען שטאַאַט, און זיי האָבען זיך זאָגאַר קיינמאָל ניט געוואָלט צוהערען צו די, וועלכע האָבען זיי צוגערופֿען: „זייט פֿאָרזיכטיג, עס איז דאָ אַ געפֿאַהר!" היפּנאָטיזירט פֿון דעם קאַפּיטאַליסטישען שטאַאַט און פֿון ווידאַל'ס שטאַאַט־קאָלעקטיוויזם, וועלכער איז היינט ווידער אויפֿגעשטאַנען תחית־המתים אונטער דעם נאָמען „ווי־סענשאַפֿטליכער סאָציאַליזם", האָבען זיי זיך אפילו ניט אַרומגעקוקט.

דעם רעזולטאַט זעהען מיר היינט, ניט נור אין אַ קריטישען מאָמענט ווי אין רוסלאַנד, נאָר איבעראַל און יעדען טאָג אין גאַנץ אייראָפּאַ. דאָרט, וואו די אייזענבאַהנען בעלאַנגען צום שטאַאַט, איז גענוג פֿאַר דער רעגירונג, ווען זי האָט מורא פֿאַר אַ סטרייק, אַרויסצולאָזען אַ דעקרעט פֿון צוויי שורות, אום צו „מאָביליזירען" אַלע אייזענבאַהנער; און פֿון דעם סטרייק ווערט באַלד אַן אויפֿשטאַנד. צו דערשיסען די סטרייקענדע אייזענבאַהנער מיינט דאַן שוין מעהר ניט טהאָן אַ געפֿעליגקייט דער פּלוטאָקראַטיע, נאָר אַן אַקט פֿון איבערגעבענהייט צום פֿאָטערלאַנד.

דיזעלבע זאַך איז מיט די קוילען־גריבער, די גרויסע פֿאַבריקען, וואו מען פּראָדוצירט קריעג־מאַטעריאַל, די שטאָהל־פֿאַבריקען און מיט די פֿערשידענע צווייגען פֿאַר דער פּראָדוקציאָן פֿון לעבענס־מיטלען. אויף אַזאַ אופן ענטוויקעלט זיך אַ גאַנץ נייער סאָרט פֿון דענקען אין דער געזעלשאַפֿט — ניט בלויז ביי די בורזשואַס, נאָר אויך ביי די אַרבייטער. די אויסבייטונג פֿון דער אַרבייט, ניט נור וואָס זי ווערט ניט בעשריינקט, שטעהט איצט אונטער דעם שטענדיגען שוץ פֿון'ם געזעץ. זי ווערט אַן אינסטיטוציאָן פֿון דערזעלבער בעדייטונג ווי דער שטאַאַט גופא, מיט אַנדערע ווערטער: זי ווערט אַ טהייל פֿון דער קאָנסטיטוציאָן, אַקוראַט ווי די לייבאייגענשאַפֿט אין פֿראַנקרייך, ביז צו דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, אָדער אַ בעשטימטע אָבטהיילונג פֿון די פֿערשידענע קלאַסען פֿון בויערן, האַנדווערקער, קויפֿלייט מיט זייערע אויסגעאַרבייטע פֿליכטען צו די ביידע אַנדערע קלאַסען — די אַריסטאָקראַטען און גלחים — ווי עס איז נאָך היינט דער פֿאַל אין רוסלאַנד.

„די פליכט צו לאָזען זיך עקספּלאָטירען!" — אָט דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער מאָדערנער שטאַאַטס-קאַפּיטאַליסטישער אידעע.

XIV.

## שלום-בעטראַכטונגען.

נאָך די אַלע פאַקטען, זעהט מען, ווי פאַלש עס איז, צו זעהן אין דעם שטאַאַט ניט מעהר ווי אַ היעראַרכישע אָרגאַניזאַציאָן פון בעאַמטע, וועלכע זיינען בעשטימט אָדער אויסערוועהלט געוואָרען, אום צו פער-וואַלטען די פערשידענע צווייגען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען און האַרמאָניש צוזופּאַסען זייער טהעטיגקייט איינע צו די אַנדערע. אויך האָבען מיר געזעהן, ווי פאַלש עס איז צו דיינקען, דאָס אַן איבערבייט פון די פערזאָנען איז גענוג, אום די שטאַאַטס-מאַשין זאָל זיך בע-וועגען אין דיזער אָדער יענער ריכטונג.

אויב דאָס וואָלט ווירקליך געוועזען די גאַנצע היסטאָרישע פונקציאָן פון דעם שטאַאַט, זיין פּאָליטישע און סאָציאַלע פונקציאָן, וואָלט ער געוויס ניט צושטערט די גאַנצע פרייהייט פון די לאָקאַלע אינסטיטוציאָנען, ווי ער האָט עס געטהאָן; ער וואָלט ניט צענטראַליזירט יעדע זאַך: — די יוסטיץ, די ערציהונג, די רעליגיאָן, די קונסט, די וויסענשאַפט, די אַרמעע א.ז.וו. — אין זיינע מיניסטעריעס; ער וואָלט זיך קיינמאָל ניט בענוצט מיט דער בעשטייערונג, ווי ער האָט עס געטהאָן — פאַר די אינטערעסען פון די רייכע און אַלס אַ מיטעל צו האַלטען די אָרעמע שטענדיג אונטער דער זאָגענאַנטער „עלענדס-ליניע", ווי די יונגע ענג-לישע עקאָנאָמיסטען פלעגען עס רופען; ער וואָלט ניט אָנגעגאַנגען מיט די מאָנאָפּאָלען אויף אַזאַ אופן, אַז די רייכע זאָלען קענען אַרויסציהען דעם גאַנצען מאַטעריעלען נוצען פון דעם פאָרטשריט פון דער טעכניק און וויסענשאַפט, ווי עס איז טהאַטזעכליך דער פאַל געוועזען.

ניין, דער שטאַאַט איז פיעל מעהר, ווו אַן אָרגאַניזאַציאָן פון דער פערוואַלטונג, אום צו ענטוויקלען די „האַרמאָניע" אין דער געזעלשאַפט, ווי מען האָט אונז געלערנט אין די אוניווערזיטעטען. ער איז אַן אָרגאַ-ניזאַציאָן, וועלכע האָט זיך לאַנגזאַם אַרויפגעאַרבייט און פערפאָלקאָמענט

אין פערלויף פון דריי יאָהר־הונדערטער, אום איינצוהאַלטען דאָס זאָ־גענאַנטע רעכט פון געוויסע פריווילעגירטע קלאַסען צו לעבען אויף דעם חשבון פון די פראָדוצירענדע מאַסען. זיין וויכטיגסטע אויפגאַבע איז שטענדיג געוועזן צו פערברייטערן דעם דאָזיגען רעכט און צו שאַפען נייע פריווילעגיעס, אַזוי אַז עס איז ענטשטאַנען אַ נייע לייבאייגענשאַפט פון די בירגער, וועלכע זיינען דורך דער געזעץ־געבונג פעראָרעמט געוואָרען, צו גונסטען קליינע גרופען מענשען, וועלכע די רעגירונגס־היעראַרכיע האָט בעגינסטיגט. אָט דאָס איז דער אמת׳ער כאַראַקטער פון׳ם שטאַאַט. אַלעס אַנדערע זיינען ניט מעהר ווי פוסטע ווערטער, וועלכע דער שטאַאַט האָט אַליין איינגעפלאַנצט אין די מוחות פון׳ם פאָלק, און וועלכע מען חזר׳ט שטענדיג איבער, ווייל מען איז צו פויל צו דיינקען און צו אַנאַ־ליזירען זייער בעדייטונג. אָבער די דאָזיגע ווערטער זיינען דיזעלבע לי־גענס ווי יענע, וועלכע די קירכע האָט אונז געלערענט, אום צו פערדע־קען איהר דורשט נאָך מאַכט, רייכטהום און נאָך אַמאָל מאַכט!

עס איז ווירקליך שוין צייט צו אַנאַליזירען אָט די ווערטער אויף אַ קריטישען אופן און צו שטעלען די פראַגע, ווי אַזוי עס קומט, אַז די ראַדיקאַלען פון׳ם 19טען יאָהרהונדערט און זייערע סאָציאַליסטישע נאָכ־פאָלגער זיינען אַזוי ענטציקט פון אַן אַלמעכטיגען שטאַאַט. דאַמאָלס וועט מען זעהן, אַז שולדיג אין דעם איז הויפטזעכליך די פאַלשע אויפפאַסונג, וועלכע עס האָט זיך אויסגעאַרבייט וועגען די יאַקאָבינער און וועגען דער גרויסער רעוואָלוציאָן אין אַלגעמיין — אָט די לעגענדע, וועלכע עס האָט זיך ענטוויקעלט, אָדער וועלכע איז געשאַפען געוואָרען מכח דעם קלוב פון די יאַקאָבינער. דען די בירגערליכע היסטאָריקער פון דער רעוואָלוציאָן מיט דער אויסנאַהמע פון מישלע — האָבען צוגעשריבען דעם גאַנצען כבוד פאַר די גרויסע פרינציפען, וועלכע די רעוואָלוציאָן האָט ענטוויקעלט און פאַר די אַלע שרעקליכע קעמפפע געגען דאָס קעניגטהום און זיינע אָנהייגער, צו דעם יאַקאָבינער־קלוב.

עס איז צייט צו געבען דער דאָזיגער לעגענדע איהר ריכטיגען פלאַץ, צווישען די אַלע אַנדערע לעגענדען פון דער קירכע און שטאַאַט. מען הויבט שוין אָן ביסלעכווייז צו דערקענען די וואַהרהייט מכח דער רעוואָלוציאָן? מען פאַנגט אָן צו פערשטעהן, אַז דער קלוב פון די יאַ־קאָבינער איז ניט געוועזן דער קלוב פון׳ם פאָלק, נאָר דער קלוב פון דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט זיך אַרויפגעאַרבייט צו מאַכט און רייכ־טהום; עס איז ניט געוועזן אַ קלוב פון דער רעוואָלוציאָן, נאָר דער קלוב פון די יעניגע, וואָס האָבען פראָפּיטירט דורך דער רעוואָלוציאָן. ער האָט

קיינמאָל ניט בעלאַנגט צו דעם „אַוואַן־גאַרד" אין די גרויסע מאָמענטען פון דעם רעוואָלוציאָנערען שטורם, נאָר ער האָט שטענדיג פערזוכט איינצושטילען די דראָהענדע כוואַליעס פון דער רעבעליאָן צווישען די ענגע ראַהמען פון דעם שטאַאט; און אום זיי אָבצושוואַכען, האָט ער געטויטעט די מוטהיגע עלעמענטען, וועמענס אידעען עס זיינען געגאַנגען וויטער ווי די אַנשויאונגען פון דער בורזשואַזיע, וועלכע דער קלוב האָט פערטראָטען.

אַלס אַ שולע פאַר דער ענטוויקלונג פון בעאַמטע, פון וואַנען די רעגירונג האָט אַרויסגענומען אַסך פון זיי נאָך יעדען פאָרטשריט פון דער רעוואָלוציאָן (10טער אויגוסט, 31טער מאַי), איז דער יאַקאָבינער־קלוב געוואָרען אַ פעסטונג פון דער מעכטיג געוואָרענער בורזשואַזיע געגען די גלייכהייטס־שטרעבונגען פון די מאַסען. און פונקט דערפאַר — ווייל ער האָט פערשטאַנען אָבצושטעלען דאָס פאָלק אויף זיין מאַרש צו דער גלייכהייט און צום קאָמוניזם — ווערט דער יאַקאָבינער אַזוי שטאַרק פערהערליכט פון די מייסטע היסטאָריקער.

עס איז גאָר קיין צווייפעל, אַז דער קלוב פון די יאַקאָבינער האָט געהאַט אַ גוט אויסגעאַרבייטען אידעאַל: — דער אַלמעכטיגער שטאַאט, וועלכער דולדעט ניט קיין שום לאָקאַלע מאַכט, ווי די אויטאָנאָמע קאָמונע, קיין שום פראָפעסיאָנעלע מאַכט, ווי די טרייד־יוניאָנס פון די אַרבייטער, קיין שום אַנדער ווילען, ווי נור דעם ווילען פון די יאַקאָבינער און פון דעם קאָנווענט. און די דאָזיגע שטרעבונגען האָבען אונפערמיידליך און נויטווענדיגערווייזע געמוזט פיהרען צו דער דיקטאַטור פון דעם פאָליציי־קאָמיטעט פאַר דער אַלגעמיינער זיכערהייט און שפּעטער צו דער דיקטאַטור פון דעם ערשטען קאָנסול און צום קייזער־רייך. אָט דערפאַר האָבען די יאַקאָבינער געבראָכען די קראַפט פון די קאָמונעס, איבערהויפט די קראַפט פון דער פאַריזער קאָמונע און איהרע סעקציאָנען, נאָך דעם ווי זיי האָבען זיי פריהער פערוואַנדעלט אין איינפאַכע פאָליציי־ביוראָס אונטער דעם אויפזיכט פון דער זיכער־הייטס־קאָמיטע; אָט דערפאַר האָבען זיי אויך אָנגעפיהרט דעם קאַמפף געגען דער קירכע, אָבער זיי האָבען אין דערזעלבער צייט שטענדיג גע-זעהן, אַז עס זאָל עקזיסטירען אַ רעליגיעזער קולטוס און פריעסטער אַלס זיינע פערטרעטער; דערפאַר האָבען זיי ניט איבערגעלאָזט קיין ברעקעל פראָווינציעלע אונאָבהייגיגקייט, קיין סמן פון זעלבסטשטענדיגקייט אין

דער פֿערוואַלטונג, אין די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען, אין דער עפֿנטלי־בער ערציהונג, אין די וויסענשאַפֿטליכע פֿאָרשונגען און אין דער קונסט.

די ווערטער פֿון לואי דעם 14טען: „דער שטאַאַט — דאָס בין איך!" זיינען ניט מעהר ווי אַ קינדערשפּיעל אין פֿערגלייך צו דעם פּאַס־וואָרט פֿון די יאַקאָבינער: „דער שטאַאַט — דאָס זיינען מיר!" דער יאַקאָביניזם האָט איינגעשלונגען דאָס גאַנצע נאַציאָנאַלע לעבען און האָט עס קאָנ־צענטרירט אין אַ ריעזיגע פּיראַמידע פֿון בעאַמטע. און דאָס אַלעס האָט געמוזט דיענען אַלס אַ מיטעל צו בערייכערן אַ געוויסען קלאַס און צו האַלטען דעם איבעריגען טהייל פֿון דער בעפֿעלקערונג אין אָרעמקייט און עלענד. עס איז ניט מעהר געווען יענע אַבסאָלוטע אָרעמקייט, יענע בעטעל־אָרעמקייט ווי אין דער צייט פֿון דעם אַלטען רעזשים — דער בורזשואַ קען ניט געברויכען קיין אויסגעהונגערטע בעטלער פֿאַר זיינע אונטערנעהמונגען — נאָר אַן אָרעמקייט, וועלכע צווינגט דעם מענשען צו פֿערקויפֿען זיין אַרבייטס־קראַפֿט צו יעדען אויסבייטער און פֿאַר אַזאַ פּרייז, וואָס גיט איהם קיין שום מעגליכקייט — ניט ריידענדיג פֿון וויניגע אויסנאַהמען — ער זאָל זיך קענען אַרויסכאַפּען פֿון דער קלאַס פֿון די לוין פּראָלעטאַריער.

אָט דאָס איז דער אידעאַל פֿון דעם יאַקאָבינער־שטאַאַט. לייענט איבער די גאַנצע ליטעראַטור פֿון יענער עפּאָכע — מיט דער איינציגער אויסנאַהמע פֿון די שריפֿטען פֿון די, וואָס מען פֿלעגט רופֿען די „אַנראַזשע", די אַנאַרכיסטען און וועלכע מען האָט דערפֿאַר גיליאָטינירט אָדער אונ־טערדריקט אויף אַן אַנדער שטייגער — און איהר וועט זעהן, אַז דאָס איז געווען דער אמת'ער יאַקאָבינישער אידעאַל.

* * *

איצט אָבער שטעלט זיך אַן אַנדער פֿראַגע: ווי אַזוי קומט עס, וואָס די סאָציאַליסטען אין דעם צווייטען העלפֿט פֿון דעם 19טען יאָהרהונ־דערט האָבען אָנגענומען דעם אידעאַל פֿון דעם יאַקאָבינער שטאַאַט, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס זאָגאַר פֿון אַ ריין בורזשואַזען שטאַנדפּונקט האָט מען איהם אָנערקענט אַלס דעם דירעקטען געגענזאַץ צו די שטרע־בונגען פֿון גלייכהייט און קאָמוניזם, וועלכע האָבען זיך מאַניפֿעסטירט וועהרענד דער רעוואָלוציאָן? — אָט איז דער רעזולטאַט, צו וועלכען מיין שטודיום האָט מיך געפֿיהרט, און איך דיינק, אַז ער איז ריכטיג.

דער פֿערבינדונגס־גליעד צווישען דעם יאַקאָבינער קלוב פֿון 1793 און די שטאַאַטס־סאָציאַליסטען — לואי בלאַן, קאַבע, ווידאַל, לאַסאַל, די מאַרקסיסטען — איז די פֿערשווערונג פֿון באַבעף. ניט אומזיסט

האָבען די שטאַאַטס־סאָציאַליסטען איהר אַרומגערינגעלט מיט אַ הייליגען שיין.

באַבעף, אַ דירעקטער און אונפּערפּעלשטער זוהן פֿון דעם יאַקאָ־בינער־קלוב פֿון 1793, איז געווען מיט דער מיינונג, אַז עס איז מעגליך דורך אַ רעוואָלוציאָנערען אויפשטאַנד, וועלכען מען דאַרף פֿאַרבערייטען דורך אַ פערשווערונג, קען מען פֿראַנקרייך פיהרען צו אַ קאָמוניס־טישער דיקטאַטור. נאָר זייענדיג אַן אמת'ער יאַקאָבינער, האָט ער געגלויבט, אַז די קאָמוניסטישע רעוואָלוציאָן קען געמאַכט ווערען דורך דעקרעטען, און דעריבער איז ער געקומען צו נאָך צוויי אַנדערע שליסע:— צוערשט זאָל די דעמאָקראַטיע פֿאַרבערייטען דעם קאָמוניזם; און דערנאָך וואָלט אַן איינצעלנער מענש, אַ דיקטאַטאָר — פֿאָר־אויסגעזעצט, אַז ער האָט דעם שטאַרקען ווילען צו ער־לייזען די וועלט — דעם קאָמוניזם געקענט איינפֿיהרען.*)

אין דער דאָזיגער אַנשויאונג, וועלכע איז פֿון די קאָנספּיראַטיווע געזעלשאַפֿטען וועהרענד דעם גאַנצען 19טען יאָהרהונדערט ענטוויקעלט געוואָרען אַלס אַ טראַדיציאָן, ליגט בעהאַלטען דער סוד, פֿאַר וואָס די סאָציאַליסטען אַרבייטען ביז היינט צו טאָג פֿאַר דער פֿערווירקליכונג פֿון אַן אַלמעכטיגען שטאַאַט. דער גלויבען — ווייל נאָך אַלע גליקען איז עס ניט מעהר ווי אַ געוויסע פֿאָרם פֿון דער אַלטער משיח־אידעע—דאָס אין אַ שעהנעם טאָג וועט זיך געפֿינען אַ מענש, וועלכער האָט „דעם שטאַרקען ווילען צו ערלייזען די וועלט" דורך דעם קאָמוניזם, דערזעלבער גלויבען, וועלכער האָט זיך שפּעטער קריסטאַליזירט אין דער אידעע מכח דער „דיקטאַטור פֿון'ם פּראָלעטאַריאַט", אום צו פֿערווירקליכען דעם קאָמוניזם דורך דעקרעטען, איז געלעגען ווי אַ שווערע לאַסט אויף דעם גאַנצען 19טען יאָהרהונדערט. מען קען דעם דאָזיגען גלויבען טהאַטזעכליך בע־אָבאַכטען וועהרענד אַ פּעריאָדע פֿון פֿינף און צוואַנציג יאָהר אין דעם „צעזאַריזם" פֿון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען; און לאַסאַל, דער פֿיהרער פֿון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען אין דייטשלאַנד, נאָך דעם ווי ער האָט זיך דורכגערעדט מיט ביסמאַרק'ן מכח אַ פֿעראייניגטע דייטשלאַנד, האָט ערקלערט, אַז אין דייטשלאַנד וועט דער סאָציאַליזם פֿערווירקליכט ווערען דורך אַ קעניגליכע דינאַסטיע, אָבער וואַהרשיינליך ניט דורך דער די־נאַסטיע פֿון די האָהענצאָלערן.

---

*) זעה מיין ווערק איבער די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, קאַפּיטעל 58.

שטענדיג דער אַלטער גלויבען, אַז משיח וועט קומען! עס איז דערזעלבער גלויבען, וועלכער האָט געשאַפֿען די פּאָפּולאַריטעט פֿון לואי נאַפּאָלעאָן נאָך דער יוני-שלאַכט פֿון 1848, דערזעלבער גלויבען אין דער אַלמעכטיגקייט פֿון דער דיקטאַטור, פֿערבונדען מיט דער מורא פֿאַר גרויסע מאַסען-אויפֿשטענדע, וועלכער ערקלערט אונז דעם טראַגישען ווידערשפּרוך אין דער מאָדערנער ענטוויקלונג פֿון דעם שטאַאַטס-סאָציאַליזם. ווען די פֿערטרעטער פֿון דער דאָזיגער לעהרע פֿאָדערן, פֿון איין זייט, די בעפֿרייאונג פֿון דעם אַרבייטער פֿון דער קאַפּיטאַל סטישער אויסבייטונג, און ווען זיי אַרבייטען, פֿון דער אַנדערער זייט פֿאַר דער פֿערשטאַרקערונג פֿון'ם שטאַאַט, וועלכער איז דאָך דער אייגענטליכער שעפֿפֿער און פֿערטהיידיגער פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער בורזשואַזיע, איז עס, אָהן צווייפֿעל, דערפֿאַר, ווייל זיי לעבען נאָך אימער מיט דעם אַלטען גלויבען, אַז זיי וועלען געפֿינען אין אַ שעהנעם טאָג זייער נאַפּאָלעאָן, זייער ביסמאַרק, זייער לאָרד ביקאָנספֿיעלד, וועלכער וועט זיך בענוצען מיט די קאָנצענטרירטע קרעפֿטען פֿון'ם שטאַאַט, אום אָנצופֿיהרען דעם קאַמפּף געגען זיין אייגענע מיסיאָן, געגען דעם גאַנצען מעכאַניזם זיינעם און זיינע אַלע טראַדיציאָנען.

* * *

די יעניגע, וואָס וועלען זיך געבען די מיה גוט איבערצודיינקען די אידעען, וועלכע זיינען ענטוויקעלט געוואָרען אין די ביידע אָבהאַנדלונגען איבער דעם היסטאָרישען שטאַאַט און דעם מאָדערנעם שטאַאַט, וועלען פֿערשטעהן איינעם פֿון די גרונד-עלעמענטען פֿון'ם אַנאַרכיזם. זיי וועלען בעגרייפֿען, פֿאַרוואָס די אַנאַרכיסטען ענטזאָגען זיך צו אונטערשטיצען דעם שטאַאַט, אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן עס זאָל ניט זיין און וואַרום זיי ווילען ניט מאַכען פֿון זיך אַליין אַ טהייל פֿון דער שטאַאַטס-מאַשינעריע, זיי וועלען בעגרייפֿען, וואַרום די אַנאַרכיסטען — בענוצענדיג זיך מיט די שטרעבונגען פֿון יענע צייטען, ווען טויזענדער גרופּירונגען האָבען פֿערזוכט צו פֿערנעהמען דעם פּלאַץ פֿון די אַלע פֿונקציאָנען, וועלכע דער שטאַאַט האָט מאָנאָפּאָליזירט — וואַרום די אַנאַרכיסטען גיבען אָב זייער טהעטיגקייט, כדי די אַרבייטער מאַסען פֿון די פֿעלדער און פֿאַבריקען זאָלען אַליין ענטוויקלען נייע אָרגאַניזמען אין דער דאָזיגער ריכטונג, פֿול מיט לעבענס-קראַפֿט און ענערגיע, אידער צו העלפֿען פֿערשטאַרקערן דעם שטאַאַט און אָבצוגעבען זייער קראַפֿט און אינטעליגענץ פֿאַר אַזאַ צוועק.

זיי וועלען אויך פערשטעהן, ווארום און ווי אזוי די אנארכיסטען זיינען אויסען צו צושטערען דעם שטאאט, דורך דעם וואס זיי זוכען איבעראל, וואו נור זיי האבען א מעגליכקייט, צו פערניכטען די אידעע פון דער טעריטאריאלער צענטראליזאציאן און דער צענטראליזאציאן פון די פערשידענע פונקציאנען; און דורך דעם וואס זיי שטעלען איהר אנט־קעגען די לאקאלע זעלבסטשטענדיגקייט פון יעדער גרופירונג, וועלכע גרינדעט זיך צוליעב וואס פאר עס איז ניט געזעלשאפטליכער טהעטיג־קייט. זיי וועלען פערשטעהן, פארוואס זיי זוכען די איינהייט אין דער אקציאן גופא: ניט אין א פיראמידאלער היעראַרכיע אדער אין די בע־פעהלען פון דעם צענטראל־קאמיטע פון א געהיימער ארגאניזאציאן, נאר אין דער פרייער, פעדעראטיווער גרופירונג פון דעם איינפאכען צו דעם קאמפליצירטען.

און דערנאך וועלען זיי אויך בעגרייפען, וויפיעל קוועלען פון א נייעם לעבען עס וועלען זיך געפינען אין די דאזיגע פרייע ארגאניזאציא־נען, אין וועלכע די מענשליכע אינדיווידואליטעט וועט רעספעקטירט ווערען; ווען דער געפיהל פון אונאבהייגיגקייט, פון פרייוויליגער סאלי־דאריטעט און די אנאלישע פארשונג מכח די היסטארישע און סאָציי־אלע פאקטען וועלען פערנעהמען דעם פלאץ פון דעם גייסט פון פריי־וויליגער קנעכטשאפט און פון דעם אלטען גלויבען אין משיח — מיט איין ווארט, ווען דער מענש וועט זיך ענדליך האבען בעפרייט פון די אויטאריטערע און האלב־רעליגיעזע פארשטעלונגען, וועלכע די שולע און די בורזשואזע שטאאטס־פריינדליכע ליטעראטור האבען איינגעפלאנצט אין אונזערע מוחות.

און דורך דעם נעבעל פון א ניט ווייטער צוקונפט וועלען זיי דער־זעהן, וואס פאר א שטופע דער מענש וועט אמאל קענען דערגרייכען, ווען ער וועט זיך בעפרייען פון זיין שקלאפעריי און זוכען זיין בעפריי־אונג אין דער פרייער טהעטיגקייט פון פרייע מענשען, וועלכע שטעהען סאלידאריש צוזאמען פאר א געמיינשאפטליכען ציעל: צו פערזיכערן זיך נעגענזייטיג א געוויסען מינימום פון וואהלזיין דורך זייער קאלעקטיווע ארביים, כדי דער איינצעלנער זאל דערנאך האבען די פולע מעגליכקייט צו ענטוויקלען זיינע אלע פעהיגקייטען, אויסצוארבייטען זיין אינדיווידו־אליטעט, ביז ער וועט ענדליך דערגרייכען זיין „אינדיווידואציאן", פון וועלכע מען האט אונז, ניט לאנג צוריק, אזוי פיעל דערצעהלט.

און זיי וועלען ענדליך אויך בעגרייפען, אז די „אינדיווידואציאן," ד.ה. די פאלשטענדיגסטע ענטוויקלונג פון דער אינדיווידואליטעט, וואס

איז נור מעגליך, בעשטעהט ניט אין דעם, — ווי די בורזשואַזיע און איהרע מיטעלמעסיגקייטס־אַפּאָסטאָלען לערנען אונז — אַז דער מענש זאָל אָבטהיילען פֿון זיין שעפּפֿערישער טהעטיגקייט די געזעלשאַפֿטליכע אינסטינקטען און סאָלידאַרישע שטרעבונגען, אום עס זאָל מעהר ניט איבערבלייבען ווי דער קליינגייסטיגער און אונזיניגער אינדיווידואַליזם פֿון דער בורזשואַזיע, וועלכער פריידיגט די איגנאָרירונג פֿון דער געזעלשאַפֿט און דעם קולטוס פֿון דעם אָבגעזונדערטען אינדיווידואום. זיי וועלען פֿערשטעהן, אַז עס זיינען נור די געזעלשאַפֿטליכע נייגונגען און די קאָלעקטיווע שעפּפֿונג, וועלכע ערלויבען דעם אינדיווידואום צו דערגרייכען זיין פֿולע ענטוויקלונג און זיך אויפֿצוהויבען ביז צו יענע ספֿערעס, וועלכע די גרויסע זשעניעס פֿון דער מענשהייט האָבען ביז איצט נור דערגרייכט אין איינינע שעהנע שעפּפֿונגען פֿון דער קונסט.

(ענדע).

# אנהאנג.

## הערבערט ספענסער און זיין פילאזאפיע.

הערבערט ספענסער, געבארען אין 1820 און געשטארבען דעם 8טען דעצעמבער 1903, איז געווען איינער פון דער בריליאנטענער גרופע פון געלעהרטע אין ענגלאנד, צו וועלכער דארווין, האקסלי, לייעל, דזשאהן סטוארט מיל, בעין און נאך אנדערע האבען בעלאנגט. דאס איז געווען יענער צירקעל, וועלכער האט אזוי פיעל בייגעטראגען צו דער גלענצענדער ערוואכונג פון די נאטור-וויסענשאפטען און צום טריאומפף פון דער אינדוקטיווער מעטהאדע אין די זעבציגער יאהרען פון ניינצעהנטען יאהרהונדערט. אחוץ דעם איז ספענסער געגאנגען אויף איין וועג מיט אזעלכע ראדיקאלען ווי קארלייל, ראסקין, דזשארדזש עליאט, וואס זיינען געווען בעאיינפלוסט פון ראבערט אוען, די פוריעריסטען, די סען-סימאניסטען, און פון'ם פאליטישען ראדיקאליזם פון די „טשארטיסטען", און האבען אויף אזא אופן געגעבען דער אידעען-בעוועגונג פון די יאהרען 1860—1870 אין ענגלאנד א ראדיקאלען, האלב סאציאליסטישען כאראקטער.

אריינגעטראטען אין לעבען האט ספענסער אלס אינזשעניר פון אייזענבאהנען; דערנאך זעהען מיר איהם אלס עקאנאמישען שרייבער. און אין יענער צייט (צווישען די יאהרען 1848—1852) איז ער שטארק בעפריינדעט געווארען מיט דעם פיזיאלאג דזשארדזש לואיס און זיין פרוי, די פערפאסערין פון „פעליקס האלט", „אדאם בעדע" און אנדערע ראדיקאלע ראמאנען, וועלכע זי האט געשריבען אונטער דעם פסעוודאנים „דזשארדזש עליאט". דיזע וואונדערבארע פרוי, וועמען די ענגלישע היפאקריטען קענען נאך עד היום נים מוחל זיין דערפאר וואס זי האט זיך פעראייניגט מיט לואיס'ן פריי, אהן דער הילפע פון קירכע און שטאאט, האט אויף ספענסער'ן געמאכט א טיעפען רושם.

דאַן (אין 1850) האָט ער אויפֿגעשריבען זיין בעסטען ווערק „דהי סאָשיאַל סטאַטיקס" (די סאָציאַלע גלייכגעוויכט), וואו די „אייגענטליכע בעדינגונגען ווי אַזוי צוצוקומען צום מענשליכען גליק ווערען אויסגערעכענט און אַ טהייל פֿון זיי צוגלידערט".

אין יענער צייט האָט ער נאָך ניט געהאַלטען אַזוי שטאַל און אייזען פֿאַר דאָס בורזשואַזע אייגענטהום, און ער האָט נאָך ניט פֿעראַכטעט די בעזיעגטע אין קאַמפף אום'ס דאַזיין — דאָס וואָס מען געפֿינט אין זיינע שפּעטערדיגע ווערק. דאַן האָט ער זיך גאָר פּשוט אויסגעשפּראָכען פֿאַר די נאַציאָנאַליזאַציאָן פֿון דער ערד, דאָס הייסט, אַז די ערד דאַרף בעלאַנגען צום גאַנצען פֿאָלק. אין די „סאָשיאַל סטאַטיקס" איז דאָ אַ הויך פֿון אידעאַליזמוס.

עס איז אמת, אַז ספּענסער האָט קיינמאָל ניט אָנגענומען דעם שטאַאַטס-סאָציאַליזמוס פֿון לואי בלאַן, אָדער שטאַאַטס-קאָלעקטיוויזמוס פֿון פּעקער און זיינע דייטשע נאָכפֿאָלגער. שוין אין 1842 האָט ער ענטוויקעלט זיינע אידעען געגען רעגירונג, אונטער דעם טיטול: „די אייגענטליכע ספּערע פֿון דער רעגירונג". אָבער ער האָט צוגעגעבען, אַז דער באָדען, די ערד דאַרף בעלאַנגען צו דער נאַציאָן, און אין די „סטאַטיקס" געפֿינט מען אַזעלכע פּלעצער, וואו מען פֿיהלט דעם הויך פֿון קאָמוניזם.

שפּעטער האָט ער רעווידירט דיזעס ווערק, געמאַכט ענדערונגען פּלעצערווייז, און ער האָט אָבגעשוואַכט דיזע שטעלען. דאָך איז אין איהם אימער געבליבען דער פּראָטעסט געגען די פֿערכאַפּער פֿון דער ערד, אַזוי ווי געגען יעדע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, אינטעלעקטועלע אָדער רעליגיעזע אונטערדריקונג. ער האָט שטענדיג פּראָטעסטירט געגען דער „פּרינציפּענלאָזער" פּאָליטיק פֿון די רעאַקציאָנערען. ביי דעם לעצטען קריעג אין אַפֿריקאַ האָט ער זיך אָפֿען ערקלערט געגען דעם דרוק פֿון די ענגלענדער, און ערשט ניט לאַנג צוריק האָט ער זיך אויסגעשפּראָכען געגען דעם פּראָטעקציאָניזמוס פֿון דעם אוואַנטוריסט טשיימבערליין. זיין לעבען לאַנג האָט ער ניט געוואָלט וויסען פֿון די גראַפֿסקע טיטלען און פֿון די „מעדאַלען", מיט וועלכע מען האָט איהם אַלץ געוואָלט מוכה זיין; און זאָגאַר ווען אַן אוניווערזיטעט האָט איהם צוגעשיקט אַן עהרען-טיטעל האָט ער עס אויך ניט אָנגענומען.

דערפֿאַר האָט מען עס אימער געמאַכט אַזאַ שוויג וועגען ספּענסער'ן.

* * *

אָבער דער עיקר פֿון ספּענסער'ס לייסטונג ליגט פֿונדעסטוועגען ניט אין זיין ווערק „סאָשיאַל סטאַטיקס". זיין הויפּט אַרבייט בעשטעהט אין דער אויסאַרבייטונג פֿון זיין „סינטהעטישער פֿילאָזאָפֿיע", וועלכע קען פֿילייכט בעטראַכטעט ווערען פֿאַר דאָס פֿילאָזאָפֿישע ווערק פֿון נייני־צעהנטען יאָהרהונדערט.

די פֿילאָזאָפֿען פֿון'ם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט, און איבערהויפּט די ענציקלאָפּעדיסטען, האָבען שוין געפּרואווט אויפֿשטעלען אַ סינטהע־טישע פֿילאָזאָפֿיע פֿון'ם אוניווערזום, פֿון גאַנצען וועלט־אַל. אַ צוזאַ־מענשטעלונג פֿון די עיקרים, די הויפּט־זאַכען וואָס מיר ווייסען וועגען דער נאַטור און דעם מענשען: וועגען די פּלאַנעטען און די שטערן, די פֿיזישע און כעמישע קרעפֿטע (אָדער בעסער געזאָגט, די פֿיזישע און כעמישע בעוועגונגען פֿון די מאָלעקולען); מכח די ערשיינונגען אין'ם לעבען פֿון פּלאַנצען און טהיערע; וועגען דער פּסיכאָלאָגיע, דאָס לעבען פֿון די מענשליכע געזעלשאַפֿטען, די ענטוויקלונג פֿון זייערע אי־דעען, פֿון זייער מאָראַלישען אידעאַל. אַ מין „בילד פֿון דער נאַטור", ווי האָלבאַך האָט עס פּרובירט מאַכען, פֿון'ם שטיין וואָס פֿאַלט פֿון דער לופֿטען ביז דעם טרוים פֿון'ם פּאָעט, אַלעס קלאָהר און דייטליך אַזוי ווי אַ זאַך וואָס האָט אַ ממשות, וואָס מען קען אָנטאַפּען מיט די הענד.

שפּעטער האָט אויגוסט קאָמט אויפֿגענומען דיזעלבע אַרבייט. ער האָט געפּרואווט אויפֿבויען אַ פּ אָ ז י ט י ו ו ע פֿ י ל אָ ז אָ פֿ י ע, וועלכע האָט געזאָלט אַריינגעהמען אין זיך די הויפּט־זאַכען, וואָס מיר ווייסען איבער דער נאַטור, ניט אַריינמישענדיג אין דעם, ניט די השגחה פֿון אירגענד וועלכען גאָט, פֿון וואָס פֿאַר עס איז נעהיימע קראַפֿט. און זאָ־גאַר ניט קיין מעטאַפֿיזישע ווערטער, וועלכע פֿיהרען ניט ווילענדיג צו דיינקען פֿון איבערנאַטירליכע כחות.

די פּאָזיטיווע פֿילאָזאָפֿיע פֿון קאָמט האָט געמאַכט אַ רושם אויף דעם גאַנצען געדאַנקען־גאַנג פֿון ניינצעהנטען יאָהרהונדערט, באַטש די דייטשען און די ענגלענדער בילדען זיך איין, אַז זיי זיינען פֿון איהר לחלוטין ניט בעאיינפֿלוסט געוואָרען. זי האָט דאָס אַרויסגערופֿען די גרויסע ערוואַכונג פֿון די נאַטירליכע וויסענשאַפֿטען פֿון די זעכציגער יאָהרען, וועגען וועלכע מיר האָבען גערעדט אין אונזער אָבהאַנדלונג איבער די „מאָדערנע וויסענשאַפֿט און די אַנאַרכיע" פֿון איהר האָבען עס אַזעלכע געלעהרטע ווי מילל, האָקסלי און אַנדערע גענומען די גאַנצע בעגייסטערונג, און זי האָט דאָס אַרויפֿגעפֿיהרט ספּענסער'ן אויף'ן גע־דאַנק אויפֿצושטעלען זיין סינטהעטישע פֿילאָזאָפֿיע.

אָבער קאָמט'ס פילאָזאָפיע, — שוין ניט ריידענדיג פון איהר פונ־דאַמענטאַלען רעליגיעזען תעות, — האָט געהאַט אַ וויכטיגען פעהלער. קאָמט איז ניט געווען קיין נאַטוראַליסט. די זאָאָלאָגיע (די לעהרע וועגען דעם לעבען פון די חיות) און די באָטאַניק (די לעהרע וועגען די פלאַנ-צען) זיינען איהם געווען אונבעקאַנט. ער האָט ניט געגלויבט, אַז די סאָרטען פערענדערן זיך. און צוליעב דעם, פערשטעהט זיך, האָט ער ניט געקענט בעגרייפען די עוואָלוציאָן, די ענטוויקלונג, אַזוי ווי מיר פערשטעהען עס היינט צו טאָג.

* * *

שוין אין 1801 האָט דער גרויסער נאַטוראַליסט לאַמאַרק, וועלכער האָט געמאַכט אַ שריט ווייטער איבער די אידעען פון ביפאָן, בעשטעטיגט, אַז די פערשידענע מינים פלאַנצען און חיות, וואָס געפינען זיך אויף דער ערד, האָבען זיך ענטוויקעלט שטופענווייז, פון מדרגה צו מדרגה. זיי זיינען ארויסגעקומען פון אַנדערע סאָרטען פלאַנצען און חיות, וועלכע האָבען אונטער דעם איינפלוס פון'ם קרייז, אין וועלכע זיי האָבען זיך געפונען, אָנגענומען אַלץ נייע און נייע פאָרמען. אין אַ זעהר טרוקענעם קלימאַט, וואו די פייכטקייט ווערט לייכט פערוואַנדעלט אין דאַמפף, ענדערט זיך די הויט פון די בלעטער. די בלעטער אַליין קענען אָפטמאָל פערשוואונדען ווערען און אויף זייער פלאַץ ענטשטעהען הארטע און טרוקענע שפּיצען. אַ חיה וואָס איז געצוואונגען אַרומצולויפען אין מדבריות וועט מיט דער צייט, ביסלאַכווייז, בעקומען אַ לייכטערען, פלינקערען קערפּער, ווי דאָס טהיער וואָס לעבט אין אַ זומפּ.

אַלעס ענדערט זיך אין דער נאַטור. די פאָרמען בלייבען ניט דיי־זעלבע אויף שטענדיג, און די פלאַנצען אַזוי גוט ווי די חיות, וועלכע מיר געפינען היינט צו טאָג, זיינען אַרויסגעקומען פון אַ לאַנגזאַמע אָנפּאַסונג צו בעדינגונגען און אומשטענדען, וועלכע האָבען זיך אַליין אויך אימער געהאַלטען אין איין ענדערן.

אָבער די רעאַקציאָן, וועלכע האָט אָנגעפאַנגען צו הערשען נאָך דער גרויסער רעוואָלוציאָן, איז געווען אַזוי מורא'דיג, אַז דיזע אידעען פון לאַמאַרק זיינען פערגעסען, באַיקאָטירט געוואָרען. די דייטשע מעטאַ־פיזיק האָט דאַן געהערשט און, צוזאַמען מיט דער פערגעטערונג פון קעניגטהום, האָט זי צוריק אויפגענומען דעם גאָט פון די העברעער און די „השארת הנפש", די אונשטערבליכקייט פון דער זעלע, וואָס איז אייגענטליך אַ שטיק פון דיזען גאָט.

דאָך איז די אידעע פֿון דער נאַטירליכער ענטוויקלונג, פֿון דער עוואָלוציאָן זיך געגאַנגען איהר וועג. אויב אונזער פּלאַנעטען־סיסטעם און אונזער זונן זיינען געקומען דורך אַ לאַנגזאַמע ענטוויקלונג— ווי לאַפּלאַס און קאַנט האָבען עס שוין בעוויזען — וואָס זשע זיינען די מאַסען פֿון נעבעלדיגען שטאָף וואָס מיר זעהען אויף'ן אויסגעשטערנטען הימעל, אויב ניט קיין וועלטען, וואָס האַלטען זיך אין אויסבילדען?

וואָס איז דאָס אוניווערזום, אויב ניט אַ וועלט פֿון זונען־סיסטעמען, וואָס קומען אַרויס פֿון דער אונענדליכקייט און האַלטען זיך אין איין ענטוויקלען? אויב ביפֿאָן און לאַפּלאַס האָבען ענטדעקט, אַז דער לייב, דער טיגער און דער זשיראַף זיינען אַזוי גוט צוגעפּאַסט צו די קרייזען, אין וועלכע זיי געפֿינען זיך, וויל אָט די קרייזען האָבען פֿון זיי געמאַכט דאָס וואָס זיי זיינען, — האָבען די פֿאַקטען, וואָס זיינען געזאַמעלט געוואָרען פֿון אַלע זייטען דורך די רייזענדע אין אָנפֿאַנג פֿון יאָהרהונדערט, געבראַכט יעדען טאָג נייע בעווייזע, אַז די סאָרטען פֿערענדערען זיך.

די פֿאָרמען־אומוואַנדלונג און, פֿערשטעהט זיך, די ענטוויקלונג פֿון נייע סאָרטען, איז געוואָרען אַן אונבעשטרייטבאַרער פֿאַקט. אין דערזעלבער צייט האָט די געאָלאָגיע (די וויסענשאַפֿט וואָס גיט זיך אָב מיט דער ענטוויקלונג פֿון דער ערד) פֿעסטגעשטעלט, אַז עס זיינען אַריבער מיליאָנען יאָהרען, איידער די ערשטע פֿיש, דערנאָך די ערשטע שלאַנגען, דאַן די ערשטע פֿויגעל, דערנאָך די זויג־טהיערע און ענדליך דער מענש האָבען זיך בעוויזען אויף דער ערד. דיזע אידעען זיינען שטאַרק פֿערברייטעט געוואָרען אין דער ערשטער העלפֿט פֿון נייצעהנ־יאָהרהונדערט, — נאָר מען האָט נאָך ניט געוואַגט זיי צו בעשטעטיגען אין דער עפֿענטליכקייט. זאָגאָר אין 1840, ווען טשיימבערס האָט זיי סיסטעמאַטיש צוזאַמענגענומען אין זיין בוך „די שפּורען פֿון דער שעפּ־פֿונג", וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזאַ טומעל, האָט ער אויך ניט געוואַגט אַרויסצוגעבען זיין נאָמען, און פֿערציג יאָהר נאָכאַנאַנד האָט מען ניט געוואוסט ווער עס איז דער פֿערפֿאַסער פֿון דיזען ווערק.

ווען די מעטאַפֿיזיקער זאָגען אונז אַלזאָ היינט, אַז העגעל האָט דאָס ענטדעקט אָדער אפילו פּאָפּולאַריזירט די אידעע פֿון פֿערענדערונג, פֿון עוואָלוציאָן — צייגען דיזע העררען, אַז די געשיכטע פֿון די נאַטור־וויסענשאַפֿטען איז זיי פֿרעמד, פּונקט ווי דער תמצית גופא פֿון דיזע וויסענשאַפֿטען און זייער מעטהאָדע.

מיר האָבען געזעהן, אַז די אידעע פֿון עוואָלוציאָן האָט דורכגעדרונגען אַלע וויסענשאַפֿטען. עס איז אַלזאָ געוועזען זעהר נייטיג איהר אַנצואווענדען, זיך צו בענוצען מיט איהר פֿאַר דער ערקלערונג פֿון'ם גאַנצען סיסטעם פֿון דער נאַטור, אויך די מענשליכע אינסטיטוציאָנען, די רעליגיאָנען און די אידעען פֿון מאָראַל. זי האָט געמוזט אַזוי אויסגעברייטעט און פֿערגרעסערט ווערען, אַז זי זאָל אַרומנעהמען אַלעס וואָס לעבט און ענטוויקעלט זיך אויף דער ערד. — דאָס האָט זיך ספּענסער אונטערנומען צו טהאָן.

* * *

אַזוי ווי דאַרווין איז ער אויך געוועזען אַ „שוואַכער" אין געזונד. אָבער לעבענדיג נאָך אַ שטרענגער פֿיזישער און אינטעלעקטועלער היגיענע, אָב־היטענדיג און שפּאָרענדיג זיינע כחות, איז עס איהם געלונגען צו ענדיגען דיזע אונגעהייער גרויסע אַרבייט.

ער האָט ווירקליך אויפֿגעשריבען אַ פֿאָלשטענדיגען סיסטעם פֿון סינטהעטישער פֿילאָזאָפֿיע; וועלכע בעהאַנדעלט, ערשטענס, די פֿיזישע און בעמישע קרעפֿטע; דאַן דאָס לעבען פֿון די אונצעהלבאַרע זונען, וואָס געפֿינען זיך אין'ם וועלט־אַל, סיי די וואָס האַלטען זיך אין אויסבילדען און סיי די וואָס דאַרפֿען שוין אָבשטאַרבען. דערנאָך קומט די עוואָלוציאָן, די ענטוויקלונג פֿון אונזער זונען־סיסטעם און פֿון אונזער פּלאַנעט. דאָס שטעלט צוזאַמען איין טהייל פֿון זיין ווערק: „די ערשטע פּרינציפּען".

דערנאָך קומט די ענטוויקלונג פֿון די לעבעדיגע ברואים אויף אונזער ערד־קוגעל, וועלכע ווערט בעהאַנדעלט אין די „פּרינציפּען פֿון דער ביאָלאָגיע". דאָס איז אַ גרויס טעכנישעס ווערק, אין וועלכען ספּענסער האָט אַריינגעלייגט אַ מאַסע אָריגינעלע אַרבייט און וואו ער צייגט, ווי אַזוי דאָס לעבען האָט געמוזט ערשיינען אויף אונזער ערד, דורך דער טהעטיגקייט פֿון די בעמישע קרעפֿטע; ווי אַזוי די אונגעהייערע מאַסע פֿון פֿערשידענע מינים פֿלאַנצען און טהירע, פֿון די איינפֿאַכסטע ביז די קאָמפּליצירטסטע, האָט זיך געקענט שטופֿענווייז ענטוויקלען, אָנפֿאַנגענדיג פֿון קליינע אָנהויפֿונגען פֿון מיקראָסקאָפּישע, קליינטשינקע צעלבעלאַך. אין דעם רייצענדען קליינעם ביכעל פֿון ער. פֿעריע: „די טהירישע קאָלאָניען", וועלכער איז געשריבען אין אַ פּאָפּולערען סטיל, קען מען געפֿינען אַ קיצור פֿון אַ טהייל פֿון ספּענסער'ס וואונדערבאַרען ווערק. דאָ איז ספּענסער טהיילווייז אַוועק ווייטער פֿון דאַרווינען. און אויב ער האָט נים געהאַט יענעמס קענטניסע, אויב ער האָט זיך נים געקענט אַזוי

גרינדליך פֿערטיפֿען אין יעדער פֿראַגע, ווי דאַרווין האָט עס געטהאָן, האָט ער אָבער אָפֿטמאָל געזעהן אַסך ברייטער און אַסך ריכטיגער ווי זיין גרויסער צייט-גענאָסע און מייסטער.

נאָך ספּענסער׳ס מיינונג קומען די נייע סאָרטען פֿון פֿלאַנצען און חיות אַרויס, ערשטענס, ווי לאַמאַרק האָט עס שוין געזאָגט, פֿון דעם דירעקטען איינפֿלוס וואָס דער קרייז האָט אויף די אינדיווידוען, אויף די איינצעלנע. דאָס האָט ער גערופֿען „די דירעקטע אַנפּאַסונג". דיזע נייע פֿערשידענאַרטיגע ברואים, וועלכע ענטשטעהען דורך דער טרוקענער אָדער פֿייכטער לופֿט, דורך אַ קאַלטען אָדער וואַרעמען קלימאַט, דורך דעם סאָרט פֿון שפּייז, א.ז.וו. א.ז.וו. — דיזע נייע וועזענס, אויב זיי זיינען צו געפֿעהרליך און קענען ניט זיין ניצליך אין קאַמפּף אום׳ס דאַזיין, גיבען נאָכהער די מעגליכקייט, אַז די אינדיווידוען, די איינצעלנע, וועלכע האָבען זיי אין די הענד און זיינען דאַרום בעסער אָנגעפּאַסט, זאָלען זיי איבערלעבען און זאָלען איבערלאָזען אַ געזונטערען דור. דאָס איז אייגענטליך דאַרווין׳ס „סערווייוועל אָף דהי פֿיטעסט" (דאָס לעבען-בלייבען פֿון די וואָס זיינען בעסער צוגעפּאַסט), וואָס ספּענסער האָט גערופֿען „די אינדירעקטע אַנפּאַסונג".

דער פֿאָלגענדער טהייל פֿון ספּענסער׳ס פֿילאָזאָפֿיע איז זיין ווערק איבער די „פּרינציפּען פֿון פּסיכאָלאָגיע", דאָ שטעהט ער אין גאַנצען אויף דעם מאַטעריאַליסטישען שטאַנדפּונקט. ער דערמאָהנט אפילו ניט דאָס וואָרט מאַטעריאַליזמוס. נאָר, אַזוי ווי בעין, געזעגענט ער זיך פֿאָלשטענדיג מיט דער מעטאַפֿיזיק, מיט דער נשמה און דערגלייכען. ער לייגט דעם יסוד, דעם גרונד-שטיין פֿון דער מאַטעריאַליסטישער פּסיכאָלאָגיע.

דערנאָך גיט ער אונז די „פּרינציפּען פֿון סאָציאָלאָגיע" — די גרונדלאַגען פֿון דער וויסענשאַפֿט פֿון געזעלשאַפֿטען, בעגרינדעט, אַזוי ווי קאָמט האָט עס שוין פֿאָראויסגעזעהן, אויף דער גראַדענווייזער ענטוויקלונג פֿון די מנהגים און אינסטיטוציאָנען.

און ענדליך קומען זיינע „פּרינציפּען פֿון עטהיק", ס׳הייסט פֿון דער מאָראַל. אַזוי האָבען מיר אַ פֿאָלשטענדיגע סיסטעם פֿון דער ענטוויקלונגס-פֿילאָזאָפֿיע.

* * *

ספּענסער׳ס גאַנצע פֿילאָזאָפֿיע, אַריינגערעכענט אין דעם אויך זיינע „פּרינציפּען פֿון דער עטהיק", איז אַבסאָלוט פֿריי פֿון אירגענד וועלכען קריסטליכען איינפֿלוס. דאָס איז אַ גרויסע זאַך. ווען מען בערעכענט אויף

וויפיעל אַלצדינג, וואָס ווערט אין אונזער צייט געשריבען איבער דער פילאָזאָפיע; און דער עיקר איבער די פראַגען פון מאָראַל, איז נאָך אונ־טערוואָרפען דעם איינפלוס פון קריסטענטהום, קען מען ערשט ריכטיג אַנערקענען דאָס וואָס ספּענסער, האָט אין דער הינזיכט אויפגעטהאָן.

פאַר איהם האָט אונז קיינער ניט געגעבען אַן אַגנאָסטישען, אַן אַבסאָלוט פריידיינקערישען, ניט קריסטליכען סיסטעם פון'ם וועלט־אַל, פון די אָרגאַניזמען, פון'ם מענשען, פון די מענשליכע געזעלשאַפטען און פון זייערע מאָראַלע בעגריפע. פאַר ספּענסער'ן איז דאָס קריסטענטהום אַ רעליגיאָן פונקט ווי אַלע אַנדערע רעליגיאָנען, געבאָרען פון דעמזעל־בען אַבערגלויבען, פון'ם זעלבען ציטערען און שרעקען זיך, פון דיזעלבע לעגענדען, די בבא מעשיות וואָס זיינען אַריבער פון איין מויל אין אַנ־דערען; אַ רעליגיאָן וואָס האָט קיין אַנדער אינטערעסע ניט נאָר אַלס פאַקט פון דער געשיכטע פון די געזעלשאַפטען, — פונקט ווי די בע־גריפע איבער רעכט, וואָס האָבען זיך אויסגעאַרבייט ביי די ווילדע, אָדער זייערע חתונה־צערעמאָניען וועלכע ספּענסער שטודירט און זוכט אויסצו־געפינען זייער אורשפרונג און זייער ענטוויקלונג. זאָגאַר דאַן, ווען ער רעדט פון מאָראַל, אינטערעסירט ער זיך גיכער מיט דעם אורשפרונג און מיט דער ענטוויקלונג פון אַ מנהג אָדער מאָראַלען פּרינציפּ, איידער מיט די אינדיווידוען, מיט די מענשען, וואָס די גלחים, די מולאהס און די „שאַמאַנס" (ווילדע מכשפים) שטעלען כלומר'שט פאַר אַלס די גרינ־דער פון דיזער און דיזער רעליגיאָן אָדער פון יענער און יענער מאָראַלער לעהרע.

אָבער עטוואָס פעהלט דאָך ספּענסער'ן, און דאָס איז דער גייסט פון אָנגריף, דער בעקעמפפונגס־גייסט. זיין סיסטעם פון אוניווערזום, פון'ם וועלט־אַל שטעלט ער, אמת, אויף אָהן אַ גאָט, אָהן אַ בורא, אָבער עס וואָלט זיך אויך געוואָלט זעהן, ווי אַזוי ער צושטערט און פער־ניכטעט דירעקט דעם אַבערגלויבען, די פאָראורטהיילע, וועלכע פער־פינסטערען די מוחות פון די מענשען און הינדערען זיי אָנצונעהמען דיזען סיסטעם. ספּענסער געהט אַריבער איבער זיי שווייגענדיג, אָדער ער קומט אָב מיט אַ וואָרט פון פעראַכטונג, וואָס ער וואַרפט זיי צו מן הצד.

* * *

ספּענסער'ס סטיל איז אָפטמאָל שווער. זעהר אָפט זיינען זיינע בע־ווייזע ניט גענוג אייך צו איבערצייגען, (דיזע בעמערקונג האָט שוין דאַר־ווין געמאַכט). אַחוץ דעם פיהלט מען ביי איהם, אַז עס פעהלט דער פּאָעט, דער אַרטיסט. אָבער אַז איהר האָט געלייענט זיינע ווערקע —

זאָגאַר אין אַן אָבגעקירצטער אויסגאַבע — דערפֿיהלט איהר, אַז איהר בעקומט אַ פֿאַלשטענדיגען בעגריף פֿון׳ם אוניווערזום — פֿון דער גאַנצער נאַטור, אין וועלכער עס בלייבט ניט איבער קיין שום פלאַץ פֿאַר דאָס פֿערבאָרגענע, דאָס געהיימניספֿולע, דאָס איבערנאַטירליכע. די פֿערשידענע בעגריפֿע פֿון אַ בורא עולם, פֿון אַ הימלישען הערשער, פֿון אַ „סובסטאַנץ״, וואָס ווערט פֿאָרגעשטעלט אַלס „געטליכער גייסט״. און זאָגאַר פֿון דעם „גרויסען געאָמעטער״ — דאָס אַלעס קומט אייך פֿאָר אַזוי קליין, אַזוי אונניצליך און אויסגעטראַכט, דורך דער אונוויסענהייט. איהר פֿיהלט ווי איבעריג דאָס איז, ווי באַלד איהר קענט האָבען אַ קלאָהרען און ריכטיגען בעגריף פֿון דער אַרט און ווייזע ווי אַזוי עס לעבען די וועלטען, די זונען-סיסטעמען, די פלאַנעטען און דיזע קליינטשינקע ברואים׳לאַך, וועלכע מאַכען פֿון זיך אַזאַ וועזען, — די מענשען!

ספענסער הויבט זיך ניט אויף אַזוי הויך אייך צו געבען גרויסע און שעהנע בילדער פֿון׳ם גרויסען גאַנצען, פֿון׳ם וועלט-אַל. ער בעפֿרידיגט ניט אונזערע פאָעטישע געפֿיהלען, וועלכע ווערען אַרויסגערופֿען אין אונז, ווען מיר פֿערטראַכטען און פֿערקוקען זיך אויף׳ן אוניווערזום. אָבער ער גיט אייך צו פֿערשטעהן ווי אַזוי דאָס לעבען האָט געמוזט ענטשטעהן אויף אונזער פלאַנעט, דורך דער טהעטיגקייט פֿון די כעמישע און פֿיזישע קרעפֿטע; ווי אַזוי די איינפֿאַכסטע פֿלאַנצען האָבען, טאַקע דורך דער טהעטיגקייט פֿון דיזעלבע קרעפֿטע, געמוזט ערשיינען, און ווי אַזוי די קאָמפּליצירטערע פֿלאַנצען האָבען זיך געמוזט ענטוויקלען, דורך אַ גאַנצע רייהע פֿין קאָמפליצירטע און וואָס ווייטער אַלץ קאָמפליצירטערע אויפֿפאַסונגען. ער ווייזט אייך ווי אַזוי די אַנדערע טהייל, די חיות, האָט אויך געמוזט קומען אויף דער ליכטיגער וועלט; ווי אַזוי די טהיערע, פונקט ווי די פֿלאַנצען, האָבען זיך געמוזט ענטוויקלען ביז דעם מענשען, וועלכער האָט זיך אַלץ מעהר געמוזט פֿערפֿאָלקאָמענען און וועט זיך נאָך אַמאָל אַריבערשטייגען אין דער ענטוויקלונג.

און אַז מען וואָלט איהם אַ שטייגער געפֿרעגט: וואו איז ערגעץ דער בורא, דער שעפֿפער פֿון דעם אַלעמען? וואו איז דער פלאַן פֿון׳ם אוניווערזום? וואו איז די אידעע וואָס פֿיהרט און דיריזשירט? — וואָלט ספענסער דערויף געענטפֿערט מיט דערזעלבער תשובה וואָס לאַפלאַס האָט אַמאָל געגעבען: „איהר זעהט גאַנץ גוט, אַז איך האָב אין ערגעץ ניט געפֿיהלט קיין שום נויטווענדיגקייט אָנצונעהמען דיזע היפאָטהעזע, דיזע השערה!״

* * *

אין זיינע „פּרינציפּען פון דער סאָציאָלאָגיע" וויקעלט ספּענסער פּונקט אויף אַזאַ אופן פונאַנדער די מענשליכע אינסטיטוציאָנען, די גלויבענס, די אַלגעמיינע אידעען, די ציוויליזאַציאָנען, פון די איינפאַכסטע ביז די קאָמפּליצירטעסטע פון זיי. אין די איינצעלהייטען קען ער פערשטעהט זיך, אַמאָל מאַכען פעהלערן — ער האָט זאָגאַר אָפטמאָל אַ טעות. אונזער בעגריף פון דער ענטוויקלונג פון די געזעלשאַפטען אונטערשיידעט זיך גאַנץ שטאַרק פון זיינעם.

אָבער ספּענסער האָט אונז געגעבען די מעטהאָדע ווי אַזוי צו פערטייטשען די געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען, — די מעטהאָדע, וועלכע בעשטעהט אין דעם צו זוכען די ערקלעהרונג פאַר די סאָציאַלע ערשיינונגען אין די נאַטירליכע אורזאַכען און ניט אין איבערנאַטירליכע כחות, אָדער אין היפּאָטהעזען, אין השערות וואָס ווערען געבאָרען פון מעטאַפיזישע אַנאַליזען. אַז מען ווערט נאָר צוגעוואוינט צו דיזער מעטהאָדע, זעהט מען ווירקליך אַרויס, אַז אַלע אונזערע אינסטיטוציאָנען, אונזערע עקאָנאָמישע פערהעלטניסע, אונזערע שפּראַכען, אונזערע רעליגיאָנען, אונזער מוזיק, אונזערע אידעען פון מאָראַל, אונזער פּאָעזיע א.ז.וו. — דאָס אַלעס ערקלעהרט זיך דורך דיזעלבע שייכות מיט די נאַטירליכע ערשיינונגען, ווי „עס ערקלעהרען זיך די בעוועגונגען פון די זונען און פון די שטויבען, די קאָלירען פון׳ם רעגען־בויגען און פון דער זומער־פייגעלע, די פאָרמען פון די בלומען און פון די חיות, די זיטען פון די מוראשקעס און פון די עלעפאַנטען.

עס איז אמת, אַז ספּענסער לאָזט אונז ניט אָנטאַפּען מיט דער האַנד די דאָזיגע איינינקייט פון דער נאַטור; ער גיט אונז ניט צו פיהלען די שעהנקייט, די פּאָעזי פון דיזער סינטהעטישער פערטייטשונג פון׳ם וועלט־אַל. דערצו פעהלט איהם דער זשעני פון לאַפּלאַס, דאָס פּאָעטישע געפיהל פון הומבאָלדט, די שעהנקייט פון דער פאָרמע, מיט וועלכע עליזע רעקלו צייכענט זיך אויס. אָט די און נאָך אַנדערע אייגענשאַפטען פעהלען איהם. אָבער ער גיט אונז צו פערשטעהן ווי אַזוי עס דיינקט דער נאַטוראַליסט, אַזוי גיך ווי ער האָט זיך נאָר בעפרייט פון דער רעליגיעזער, סכאָלאַסטישער ערציהונג, דורך וועלכער מען האָט געזוכט צו פּאַראַליזירען זיין גייסט.

* * *

אָבער — מוז מען זיך פרעגען — האָט זיך ספּענסער אַליין בעפרייט פון דער שווערער, טויטליכער לאַסט פון דעם רעליגיעזען, פּלפּול׳־דיגען אונטערריכט? — יאָ, כמעט, נאָר ניט אין גאַנצען.

אין יעדער וויסענשאַפט, ווען מיר שטודירען זי דורך ביז'ן גרונד, קומען מיר צו אַ געוויסען גרענעץ, וואָס ביז אַהין קענען מיר געהן און ווייטער ניט. אָט מחמת דעם טאַקי בלייבט די וויסענשאַפט אימער יונג, אימער אינטערעסאַנט און אַנציהענד. וואָס פאַר אַ בעגייסטערונג האָבען מיר דורכגעלעבט אין מיטען פון נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט, ווען עס זיינען געמאַכט געוואָרען אַזעלכע שעהנע ענטדעקונגען אין דער אַסטראָנאָמיע, אין דער פיזיק, אין דער וויסענשאַפט פון לעבען, אין דער פּסיכאָלאָגיע!... וואָס פאַר שעהנע האָריזאָנטען האָבען זיך דאָס אויפגעעפענט פאַר אונזערע אויגען אין יענער צייט, ווען די בעגרענעצונגען פון דער וויסענשאַפט זיינען מיט אַמאָל פונאַנדערגעצויגען, ברייטער געוואָרען! — ברייטער זיינען זיי דאַן געוואָרען, אָבער אָבגעמעקט אין גאַנצען האָבען זיי זיך ניט, ווייל באַלד האָבען זיך בעוויזען נייע בעגרענעצונגען, נייע פּראָבלעמען צום לייזען זיינען אויפגעשטאַנען פון אַלע זייטען.

אַזוי האַלט די וויסענשאַפט אַלץ אין איין פונאַנדערשפּרייטען, אין איין ברייטער מאַכען דעם שטח, דעם אומפאַנג, וועלכען זי פערנעהמט; איהרע גרענעצען ווערען אַלץ אוועקגעשטופּט ווייטער און ווייטער. דאָרט, וואו זי האָט זיך אָבגעשטעלט און ניט געקענט ווייטער געהן מיט אַ צוואַנציג יאָהר צוריק, איז זי היינט־צו־טאָג ווי ביי זיך אין דער היים. דער אָבהאַלט, דער גרענעץ איז אַוועקגערוקט. אָבער נאָכדעם ווי די וויסענשאַפט מאַכט עטליכע טריט פאָרווערטס, שטעלט זי זיך אָב פון דאָס ניי, אום צונויפצונעהמען איהרע קרעפטען און זאַמלען נייע פאַקטען, איידער זי מאַכט אַ נייע אָנשטרענגונג, אַ נייעם שפּרונג ווייטער.

מיט פופציג יאָהר צוריק האָבען מיר אַזוי געזאָגט: „אָט איז אַ גרופּע פון נאַטור־ערשיינונגען — צוציהונגען און אָבשטויסונגען — וועלכע האָבען אירגענד וועלכע שייכות צווישען זיך. לאָמיר זיי אָנרופען „עלעקטרישע ערשיינונגען,“ און די אורזאַכע וואָס רופט אַרויס דיזע ערשיינונגען, די אורזאַכע, וועלכע איז לעת עתה אונבעקאַנט, זאָל הייסען „עלעקטריציטעט“. און ווען די אונגעדולדיגע האָבען אונז געפרעגט: „וואָס איז אַזוינס עלעקטריציטעט?“ זיינען מיר געווען עהרליך גענוג צו ענטפערן, אַז מיר ווייסען וועגען דעם גאָר ניט — דערווייל.

היינט האָט מען שוין געמאַכט אַ קליינעם שריט ווייטער. מיר האָבען געפונען אַ שטיקעל עהנליכקייט צווישען דעם קלאַנג, די היץ, דאָס ליכט — און די עלעקטריציטעט. אַז אַ גלאָק קלינגט, גיט ער אַרויס אַזעלכע לופט־כוואַליעס, וועלכע דריקען זיך צוזאַמען און ציהען זיך אויס

און לויפֿען נאָך איינע די אַנדערע, ווי די כוואַליעס אויף דער אויבער־פֿלעכע פֿון אַ קליין וואַסערעל.

אין דער לופֿט געהען דיזע כוואַליעס מיט דער שנעלקייט פֿון אַן ערך דריי הונדערט מעטער אין אַ סעקונדע, און זיי צושפּרייטען זיך אויף אַן אופֿן וואָס איז אונז אַזוי גוט בעקאַנט, אַז מיר קענען עס בערעכענען מאַטהעמאַטיש. דאָס איז שוין זייט אַ לאַנגע צייט געווען בעקאַנט. אָבער איצט האָט מען ענטדעקט, אַז די היץ און דאָס ליכט און אויך די עלעקטריציטעט פֿערשפּרייטען זיך אָקוראַט אויף דעמזעלבען אופֿן, נאָר מיט אַ גיכקייט פֿון 300 טויזענד קילאָמעטער (טויזענד מעטער) אין אַ סעקונדע. דאָס איז פֿיליכט אַזאַ שטאָף וואָס ציהט זיך אויס מעהר און לייכטער ווי די לופֿט און ווערט צוטרייסעלט דורך די עלעקטרישע ערשיינונגען; אָבער די עלעקטריציטעט קומט פֿון דיזען ציטערן. פֿון דיזע צוטרייסלונגען, וועלכע זיינען אַבסאָלוט עהנליך צום ציטערען וואָס דער גלאָק מאַכט אָן אין דער לופֿט.

געוויס, דאָס הייסט נאָך [illegible] אַלעס וועגען די עלעקטריציטעט; דאָס אונבעקאַנטע רינגעלט אונז אַרום פֿון אַלע זייטען. אָבער על כל פּנים עפּעס איז דאָס פֿאָרט. דערמיט קענען זיך ווייטע לענדער צונויפֿריידען איינע מיט די אַנדערע, זאָגאַר אָהן אַ קייבעל אונטער'ן ים, און מען לאָזט אייך וויסען די פּאַסירונגען פֿון טאָג, בשעת איהר געפֿינט זיך אויף אַ שיף וואָס לויפֿט מיט דער פֿולסטער שנעלקייט איבער'ן אָצעאַן.

„אָבער וואָס איז דאָס אַזוינס, דיזע מאַטעריע, דיזער שטאָף וואָס טרייסעלט זיך, וואָס ציטערט?“ וועט איהר פֿיליכט פֿרעגען. — „איך ווייס גאָר ניט וועגען דעם, דערוויייל, — פּונקט ווי איך האָב גאָר ניט געוואוסט מכח דער עלעקטריציטעט און היץ מיט פֿופֿציג יאָהר צוריק.“ דאָס וועט זיין דער ענטפֿער. און אויב איהר טרעט ניט אָב, אויב איהר פֿרעגט: „וועט מען עפּעס וויסען דערפֿון פֿון היינט איבער פֿופֿציג יאָהר?“ וועט אייך קיינער ניט קענען געבען קיין ריכטיגע תשובה דערויף. ווי אַזוי האָבען מיר אין 1860 געקענט פֿאָראויסזאָגען, אַז ביים ענדע פֿון'ם יאָהרהונדערט וועט מען האָבען אַ פֿערבינדונג צווישען איירלאַנד און ניו יאָרק דורך עלעקטרישע וויבראַציאָן (טרייסלונגען), ווען מיר האָבען גאָר ניט געוואוסט, אַז די עלעקטריציטעט בעשטעהט פֿון וויבראַציאָנען, וועלכע זיינען עהנליך צו די וויבראַציאָנען פֿון ליכט? לאָמיר נאָר אונטעררייכטען אין אונזערע שולען וואָס ווייניגער נאַרישקייטען, רעליגיעזע ווי וועלטליכע. לאָמיר זעהן, אַז די נאַטור־וויסענשאַפֿטען זאָלען געלערנט

ווערען בעסער, אום צו ענטוויקלען אין די יונגע מוחות וואָס מעהר דריים־טיגקייט צום דיינקען — און אַז מען וועט לעבען וועט מען זעהן!

אָט דאָס איז אַלעס וואָס די וויסענשאַפֿט קען אייך זאָגען.

* * *

וועל, ספענסער האָט נאָך מעהר געזאָגט, און דאָס איז שוין געווען צופיעל.

ער האָט בעהויפּטעט, אַז אויף יענער זייט פֿון אַ געוויסען גרענעץ געפֿינט זיך — ניט דאָס אונבעקאַנטע, וואָס וועט אפשר בעקאַנט ווערען איבער הונדערט יאָהר, — נאָר דאָס אונערקענבאַרע, דאָס וואָס מיר קענען מיט אונזער שכל ניט דערקענען. דערויף האָט דער ענגלישער פּאָזיטיוויסט פֿרעדעריק האַריסאָן איהם געמאַכט די פֿאָלגענדע אַבסאָלוט גערעכטע בעמערקונג: — „אַזוי גאָר! אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, איהר אַליין פּרעטענדירט דאָך צו וויסען גאָר אַסך וועגען דאָס דאָזיגע אונבעקאַנטע, וואָס איהר מאַכט אונקענבאַר, בעהויפּטענדיג, אַז עס קען ניט דערקענט ווערען?"

אין דער אמת'ן אום צו זאָגען, אַז דאָס, וואָס געפֿינט זיך נאָך אויף „יענער זייט" איז ניט צו קענען, מוז מען זיין זיכער, אַז עס אונטערשיידעט זיך לחלוטין פֿון אַלצדינג, וואָס מיר האָבען קענען געלערענט ביז היינט צו טאָג. אָבער דאַן הייסט עס, אַז מען ווייס שוין גאָר אַסך וועגען דעם וואָס איז נאָך „אונבעקאַנט". דאָס הייסט בעהויפּטען, אַז דאָס אונבעקאַנטע אונטערשיידעט זיך אַזוי שטאַרק פֿון די אַלע מעכאַנישע, כעמישע, אינטעלעקטועלע און לײדענשאַפֿטליכע ערשיינונגען, וועגען וועלכע מיר וויסען דאָך עפּעס, — אַז עס וועט קיינמאָל ניט קענען פֿערנעהמען אַ פּלאַץ צווישען די זאַכען די וואָס זיינען אונז בעקאַנט. צו מאַכען אַ בעהויפּטונג מכח אַ זאַך וואָס מען זאָגט אַליין, אַז מען קען זי ניט; איז אַ מורא'דיגער ווידערשפּרוך. דאָס הייסט זאָגען אין איין און דערזעלבער צייט: „איך ווייס וועגען דעם גאָרנישט"; און „איך ווייס וועגען דעם געגוג, אום צו בעהויפּטען, אַז עס האָט ניט קיין שום עהנליכקייט מיט אַלצדינג וואָס איך ווייס!"

אויב מיר וויסען עפּעס מכח דעם אוניווערזום, וועגען זיין אַמאָליגער עקזיסטענץ און די געזעצע פֿון זיין ענטוויקלונג; אויב מיר זיינען פֿעהיג אויסצוגעפֿינען די שייכות וואָס עקזיסטירט לאָמיר זאָגען, צווישען די וויטע שטערען וואָס שיידען אונז אָב פֿון דעם „מילך וועג" און די זונען־בעוועגונג, אַזוי ווי פֿון די מאָלעקולען וואָס פֿילען

אָן דיזעז רוים; אויב, מיט איין וואָרט, די וויסענשאַפט פון'ם וועלט־אַל איז מעגליך, — איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל צווישען דיזען אוניווער־זום און אונזער מוח, אונזער נערווען־סיסטעם און אונזער אָרגאַניזאַציאָן בכלל, עקזיסטירט אַן עהנליכקייט אין דער צוזאַמענשטעלונג.

ווען אונזער מוח וואָלט געווען צוזאַמענגעשטעלט פון אַן אַנדער שטאָף ווי דער, וואָס שטעלט צוזאַמען דעם אוניווערזום פון די זונען, די שטערען, די פלאַנצען און די אַנדערע חיות; ווען די געזעצע מכח די וויבראַציאָנען פון די מאָלעקולען און די כעמישע פערוואַנדלונג אין אונ־זער מוח און אין אונזער רוקען־מאַרך, וואָלטען זיך אונטערשיידעט פון די געזעצע, וואָס עקזיסטירען אויסערהאַלב פון אונזער פלאַנעט; ווען דאָס ליכט, וואָס לויפט דורך אין רוים צווישען די שטערען און מיין אויג וואָלט אונטערוואָרפען געוואָרען אַנדערע נאַטור־געזעצע ווי די, וואָס עקזיסטירען אין מיין אויג, אין מיין זעה־נערוו און אין מיין מוח, — וואָלט איך קיינמאָל ניט געקענט וויסען דעם אמת וועגען אוניווערזום און די געזעצע, וואָס פיהרען איהם, וועהרענד איצט וויסען מיר גענוג, אום צו קענען פאָראויסזאָגען אַ גאַנצע מאַסע פון זאַכען, און די געזעצע גופא, וועלכע גיבען אונז די מעגליכקייט דאָס פאָראויסצוזאָגען, זיינען ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי די שייכות צווישען אונזער מוח און דעם אוניווערזום.

אָט טאַקי דערפאַר איז עס ניט נאָר אַ ווידערשפרוך צו ריידען פון דעם וואָס איז ניט מעגליך צו קענען דאָן, ווען עס האַנדעלט זיך פון עטוואָס וואָס איז דערווייל אונבעקאַנט, נאָר אדרבה, עס איז גיכער צו גלויבען, אַז אין דער נאַטור איז ניטאָ קיין זאַך וואָס זאָל ניט האָבען זיין גלייכען אין אונזער מוח — אַ טהייל, אַ שטיק פון דערזעלבער נאַטור, וועלכע איז צוזאַמענגעשטעלט פון דיזעלבע פיזישע און כעמישע עלעמענטען. עס איז דאַרום ניטאָ קיין זאַך אין דער נאַטור, וואָס מוז אויף אייביג בלייבען אונבעקאַנט, דאָס הייסט וואָס זאָל ניט קענען געפינען אַן אָבשפיגלונג אין אונזער מוח.

אין גרונד גענומען, אַז מען רעדט פון דעם וואָס איז ניט ער־קענבאַר, הייסט אייגענטליך זיך אונבעוואוסטערהייט אומקעהרען צו די גרויסע פראַזען פון די רעליגיאָנען; און טאַקי מחמת דעם וואָס די רעליגיעזע וועלען מן הסתם אויסניצען דיזען טעות, וואָס ספענסער האָט געמאַכט, לאָזען מיר זיך אַריין אין דיזע, אַביסעל צו שווערע איינצעל־הייטען. אָננעהמען ספענסער'ס „אונערקענבארעס", הייסט זיך פאַר־שטעלען, אַז עס איז דאָ אַ קראַפט, וועלכע איז אַסך העכער ווי די כחות, וואָס אַרבייטען אין אונזער שכל און דריקען זיך אויס אין דער

טהעטיגקייט פֿון אונזער מוח, ווערענד קיין זאַך, לחלוטין קיין זאַך ער־לויבט אונז ניט זיך פֿאַרצושטעלען אַזאַ קראַפֿט. פֿאַר דעם נאַטוראַליסט זיינען די בעגריפֿע: „אַבסטראַקט", „אַבסאָלוטער", „גאָט", „דאָס אונער־קענבאַרע" אַלץ איין און דיזעלבע השערה, פֿאַר וועלכער לאַפּלאַס האָט ניט געהאַט קיין שום נויטווענדיגקייט אין זיין וועלט סיסטעם, און וועלכע איז פֿאַר אונז פונקט אַזוי איבעריג, אום צו קענען ערקלעהרען ניט נאָר דעם אוניווערזום, נאָר אויך דאָס לעבען אויף אונזער ערד־קוגעל, מיט אַלע איהרע מאַניפֿעסטאַציאָנען. עס איז אַ לוקסוס־זאַך, אַן איבע־ריגע, אוננוצליכע שטיק געביידע, אַ זאַך וואָס האָט אָבגעלעבט איהר צייט און דאַרף פֿערגעסען ווערען.

* * *

אַחוץ דעם טעות מכח דאָס „אונערקענבאַרע", וואָס מיר האָבען שוין אָנגעצייגט אין אונזער פֿריהעריגען אַרטיקעל, גיט אונז ספּענסער'ס פֿילאָזאָפֿיע די מעגליכקייט זיך אָבצוגעבען רעכנונג פֿון אַלע נאַטור־ערשיינונגען, די פֿיזישע, ביאָלאָגישע, פּסיכישע, היסטאָרישע און מאָראַלע, זיך אימער האַלטענדיג אָן דער וויסענשאַפֿטליכער, אינדוקטיווער מע־טהאָדע, וואָס ציהט די שליסע פֿון איין פֿאַקט אויף'ן צווייטען.

אַז איהר לייענט זיינע ווערקע, זעהט איהר, ווי אַזוי דיזע אַלע פֿאַקטען, וואָס זיינען אַזוי פֿערשידען און וועלכע געהערען צו אַזוי פֿיעל בעזונדערע וויסענשאַפֿטען, בינדען און קייטלען זיך פֿונדעסטוועגען צוזאַ־מען; ווי אַזוי אַלע זיינען די אויסדריקע פֿון דיזעלבע פֿיזישע כחות, און ווי אַזוי מען פֿערשטעהט זיי און מען אורטהיילט איבער זיי, אויב מען בענוצט זיך נאָר בסדר מיט דיזעלבע מעטהאָדען ווי צו אורטהיילען, פונקט ווי זיי וואָלטען געווען פֿיזישע ערשיינונגען.

איז דערפֿון געדרונגען, אַז אַלע שליסע, וואָס ספּענסער האָט אויף אַזאַ אופֿן, דורך דער דאָזיגער מעטהאָדע, געצויגען, זיינען ריכטיג און וואָהר? אַז ער האָט תמיד פֿאָלשטענדיג אָנגעווענדעט די גוטע מע־טהאָדע? — געוויס ניט! צי דאָס איז אַ בוך פֿון ספּענסער אָדער פֿון אַן אַנדער דענקער, עס בלייבט אימער פֿאַר אונז אַליין, פֿאַר אונזער אייגענעם שכל, צו זעהן, אויב דער פֿערפֿאַסער ציהט די ריכטיגע שליסע, אויב ער בלייבט טריי זיין אייגענע מעטהאָדע. אויף אַזאַ אופֿן נאָר קען די וויסענשאַפֿטליכע מעטהאָדע אויסזעהן ווי עס דאַרף צו זיין.

זי צווינגט דעם פֿערפֿאַסער אַוועקצושטעלען זיינע פֿאַקטען און זיינע שליסע אַזוי, אַז איהר זאָלט זיי קענען אָבשאַצען און בעאורטהיילען מיט אייער אייגענעם פֿערשטאַנד. דאָס איז ניט קיין גאָט וואָס רעדט צו אייך, עס

איז אייער גלייכען, אַ מענש ווי איהר, וואָס דענקט און אורטהיילט און וויל, אַז איהר זאָלט טהאָן דאָסזעלבע.

נו, כל זמן ספענסער האָט צו טהאָן מיט פֿיזיק, כעמיע, ביאָלאָגיע און זאָגאַר פסיכאָלאָגיע (ס'הייסט אונזערע זעעלען-בעוועגונגען, די אַרט און ווייזע ווי אַזוי מיר פֿיהלען, דיינקען און האַנדלען), זיינען זיינע שליסע כמעט שטענדיג ריכטיג. — אָבער אַז ער קומט צו דער סאָציאָלאָגיע (געזעלשאַפֿטס-לעהרע) און צו דער סאָציאַלער מאָראַל, בעקומט שוין די זאַך אַן אַנדער פנים.

* * *

ביז דאַן האָט ער געזוכט — און ער האָט געפֿונען. דאָ — מען דערפֿיהלט עס באַלד פֿון אָנהויב — האָט ער שוין פיקס און פֿאַרטיגע אידעען: די אידעען פֿון'ם בורזשואַזען ראַדיקאַליזם, וואָס ער האָט ענטוויקעלט זייט 1850, אין זיין „סאָשיאַל סטאַטיקס", איידער ער האָט נאָך אָנגעפֿאַנגען אויסצואַרבייטען דעם סיסטעם פֿון זיין פֿילאָזאָפֿיע. און דערצו האָט ער נאָך זייט דעמאָלט געענדערט די דאָזיגע אידעען, נאָך אין אַ שטאַרקערען בורזשואַזען זין.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז ביי יעטווועדער וויסענשאַפֿטליכער פֿאָרשונג האָט יעדער איינער שוין, באַלד אין אָנפֿאַנג, אַ געוויסע פֿאָרשטעלונג — אַ השערה, וואָס ער וויל ערפֿאָרשען, ענטוועדער מיט דעם צוועק זי פֿעסטצושטעלען אָדער זי צו פֿערוואַרפֿען. און זאָגאַר אין נאַטור-וויסענשאַפֿטען קומט אַמאָל פֿאָר, אַז דער פֿאָרשער אַליין איז שטאַרק פֿערליעבט אין זיין היפּאָטהעזע, אין זיין השערה, אין דער צייט וואָס די אַנדערע, די זייטיגע מענשען זעהען גאַנץ גוט די פֿעהלערען.

אָבער אַסך ערגער איז נאָך אין אַלצדינג וואָס האָט צו טהאָן מיט'ן לעבען פֿון די געזעלשאַפֿטען. אין דעם דאָזיגען ענין האָט יעדער איינער, זיך נעהמענדיג צו דער פֿאָרשונגס-אַרבייט, שוין זיין אייגענעם אידעאַל פֿון אַ געזעלשאַפֿט. פֿון זיין לעבען און זיין ערפֿאַהרונג האָט ער שוין אַרויסגעשעפּט אַ געוויסען אופן, ווי אַזוי צו דענקען און צו אורטהיילען מכח די פּריווילעגיען פֿון פֿערמעגען און געבורט, וועלכע ער בעזיצט אָדער ער פֿערוואַרפֿט; ער האָט זיך שוין זיין מאָס פֿאַר די קלאַסען, פֿאַר די פֿערשידענע טהיילען פֿון דער געזעלשאַפֿט; ער איז בעאיינפֿלוסט פֿון טויזענדער זאַכען, וואָס קומען פֿון זיין צירקעל, פֿון'ם קרייז, אין וועלכען ער לעבט. און אַזוי ווי די וויסענשאַפֿטען, וואָס גיבען זיך אָב מיט די געזעלשאַפֿטליכע ערשיינונגען, זיינען נאָך אין זייער קינדהייטס-צושטאַנד, און אַזוי ווי ספענסער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט

ריכטיג אָנגעווענדעט אַ וויסענשאַפטליכע מעטהאָדע צו ערקלערען דיזע סאָציאַלע ערשיינונגען, איז עס גאַנץ נאַטירליך, אַז ער האָט זיך ניט געקענט בעפרייען פון'ם איינפלוס פון די בורזשואַזנע אידעע פון זיין קרייז.

אָט אַזוי קומט עס כסדר פאָר, אַז מען ווערט איינפאַך ערשטוינט פון די שליסע, צו וועלכע ספּענסער קומט. פונקט ווי מען בעוואונדערט זיינע אָנדייטונגען אין די „פּרינציפּען פון ביאָלאָגיע", אַקוראַט אַזוי דערפיהלט מען גלייך די ענגקייט פון זיינע אַנשויאונגען בשעת ער רעדט, למשל, מכח דעם שייכות צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט אין דער געזעלשאַפט.

* * *

עס וועט זיין גענוג אָנצוגעבען איין זעהר וויכטיגען ביישפּיעל. ספּענסער איז ערצויגען געוואָרען אין דער בורזשואַזער און רעליגיעזער אידעע פון געהעכטער בעלוינונג, פון „שכר ועונש". יעדען איינעם ווי ער פערדיענט זיך: איהר האָט שלעכט געהאַנדעלט — וועט מען אייך בעשטראָפען; איהר זייט אַ גוטער, זעהר פעהיגער אינזשעניר — וועט אייך דער בעל הבית אייערער מוסיף זיין אַ שילינג אַ וואָך אויף אייערע שכירות... ספּענסער גלויבט, על כל פנים, אין דעם, און אויף אַזאַ אופן ווערט דער דאָזיגער פּרינציפּ פון „גערעכטער בעלוינונג" ביי איהם אַ נאַטור־געזעץ.

וואָס איז שייך צו קינדער, צו יונגע מענשען, איידער זיי זיינען אימשטאַנדע זיך אַליין צו ערנעהרען, דאַרף די בעלוינונג, זאָגט ער, ניט זיין פּראָפּאָרציאָנעל צו זייערע כחות; דאָס איז אונפערמיידליך, עס מוז אַזוי זיין. אָבער „צווישען ערוואַקסענע מענשען מוז אָנגעווענדעט ווערען דאָס געזעץ, לויט וועלכען דאָס געצאָהלטס, די בענעפיטס וואָס מען קריגט, דאַרפען זיין פּראָפּאָרציאָנעל צו די פערדיענסטען, צו דעם, וואָס יעדער איינער טהוט אויף. די פערדיענסטען ווערען אָבגעמאָסטען דורך די כחות, וואָס יעדער איינער האָט זיך אַליין אויפצוהאַלטען.

און ווייטער זאָגט ער: „דאָס זיינען די געזעצע, נאָך וועלכע די סאָרטען עקזיסטירען; און אויב מיר גיבען צו, אַז עס איז ווינשענסווערטה, אַז אַזאַ און אַזאַ מין זאָל עקזיסטירען, זאָל אויפגעהאַלטען ווערען ביים לעבען, — איז עס אונזער פליכט זיך צו אונטערוואַרפען דיזע געזעצע, וועלכע מיר קענען אָנרופען האַלב־עטהישע אָדער זאָגאַר עטהישע." („דזשאַסטיס", זייטע 4).

ווי מען זעהט אַלזאָ, פּאַסט אָט די גאַנצע שפּראַכע, מיט זיין אי־דעע פון בעלויינונג, געזעץ, פליכט גאָרניט פאַר אַ נאַטוראַליסט. דאָס רעדט שוין צו אייך ניט אַ פאָרשער, אַ בעאָבאַכטער פון דער נאַטור; דאָס זיינען די רייד פון אַ שרייבער פון געזעץ, פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע, וועלכער לערנט אייך דרך ארץ.

נו, די זאַך ערקלעהרט זיך גאַנץ איינפאַך: ספּענסער קען דעם סאָציאַליזמוס. ער פערוואַרפט איהם זאָגענדיג, אַז ווען יעדער איינער וועט ניט בעלוינט ווערען שטרייננג נאָך זיין אַרבייט, נאָך זיינע פער־דיענסטען, וועט די געזעלשאַפט דורך דעם אָבשטאַרבען. און כדי פעסט צו שטעלען דיזען פרינציפּ, אָן וועלכען ער האַלט זיך אַזוי שטאָל און אייזען און וועלכער איז ביי איהם אין די אויגען גאָר אונבעשטרייטבאַר, זוכט ער דערפון צו מאַכען אַ נאַטור־געזעץ. דאָס צווינגט איהם אַוועק־צוואַרפען אויף אַ ווייל די וויסענשאַפטליכע מעטהאָדע, און דאָס גיט אונז אויך גלייך די מעגליכקייט צו דערקענען זיין טעות.

* * *

די וויסענשאַפט פון די געזעלשאַפטען — די מאָדערנע סאָציאָלאָגיע בענוגענט זיך שוין ניט מעהר, צו בעשטימען אויף אַ געוויסען אופן „די גייסטעס־געזעצע", ווי די העגעליאַנער האָבען עס געטהאָן. זייט קאָמט'ן שטודירט זי די פערשידענע שטופען, וואָס די מענשהייט האָט דורכגע־מאַכט, זייט די ווילדע צייטען פון דער שטיין־פעריאָדע ביז אויף היינ־טיגען טאָג, און זי ענטדעקט אויף אַזאַ אופן, אַז אין אונזערע מאָדערנע אינסטיטוציאָנען געפינט זיך אַ גאַנצע מאַסע פון איבערבלייבאַכצען, שיריים פון אַזעלכע אינסטיטוציאָנען, וואָס האָבען נאָך עקזיסטירט אין דער שטיין־פעריאָדע. אונזערע רעליגיאָנען, אונזערע געזעץ־ביכער, אונ־זערע מנהגים אַרום די טויטע, די גרויסע יעהרליכע ימים טובים, אונ־זערע צערעמאָניעס — אַלצדינג איז נאָך פול מיט שטיקלאַך פון די אַמאָליגע, אַלטע צייטען. און נור דאַן, ווען מען שטודירט די עוואָלו־ציאָן, די רעגעלמעסיגע ענטוויקלונג פון די אינסטיטוציאָנען און די אַבערגלויבענס, קומט מען דערצו, צו פעראַכטען אונזערע געזעצליכע, שטאַאַטליכע, רעליגיעזע און אַנדערע סאָרטען אינסטיטוציאָנען, און אין דערועלבער צייט אויך אויסצוגעפינען די צוקינפטיגע ענטוויקלונג פון אונזערע געזעלשאַפטען.

ספּענסער האָט אַזוי געטהאָן, אָבער ער האָט ניט געקענט קיין אַנדערע אינסטיטוציאָנען אויסער די, וואָס מען קען בעגעגנען אין ענג־לאַנד, ביי די גרויסע מאַיאָריטעט פון די ענגלענדער. אחוץ דעם האָט

ער ניט געקענט די מענשען. ער האט ניט גערייזט (בסך הכל איז ער געווען איינמאל אין די פעראייניגטע שטאאטען און איין מאל אין איטאליען, וואו ער האט זיך געפיהלט אונגליקליך אין א קרייז, וואס איז ניט געווען זיין איינגעוואוינטער ענגלישער קרייז), און ער האט קיינמאל ניט פערשטאנען דעם אינסטיטוציאנען־גייסט פון די ניט ציוויליזירטע פעלקער.

אט טאקי מחמת דעם בעגעגענען מיר כסדר אין זיין „סאציאלאגיע" און אין זיין „עטהיק" בעהויפטונגען, וואס זיינען אבסאלוט פאלש, סיי דארט, וואו עס האנדעלט זיך צו ערקלערען די אלטע מנהגים, סיי דארט וואו עס איז א פראגע פון דער צוקונפט.

אויב דער קאמוניסטישער אנארכיסט האט דאס רעכט צו מאכען ספענסער'ן די פארווירפע וואס מיר האבען דערמאנט אין פאריגען ארטיקעל, — מוז מען אבער דאך צוגעבען, אז זיינע סאציאלאגישע און עטהישע קאנצעסיאנען (די געזעלשאפטליכע מאראל) זיינען אסך פארטגעשריטענער ווי די נאכגעבונגעז, וואס מען געפינט אין אלע שטאאטסטהעאריען פון דער געזעלשאפט, און וועלכע זיינען ביז אויף היינטיגען טאג געמאכט געווארען פון אלע בורזשואזנע שרייבער.

פון זיין געלעהרטער אנאליזע (צוגלידערונג) קען מען ציהען פאלגענדען שלום: אז די ציוויליזירטע געזעלשאפטען שטרעבען דערצו, זיך פאלשטענדיג פריי צו מאכען פון אלע אלטע איבערגעבליבענע רעליגיעזע, הערשאפטליכע און מיליטערישע אינסטיטוציאנען, וואס עקזיסטירען נאך אין אונז עד היום.

אויף ווי וויט מען קען פאראויסזעהן די צוקונפט, שטודירענדיג די פערגאנגענהייט, שטרעבען די מענשליכע געזעלשאפטען צו א צושטאנד, אין וועלכען דער גייסט פון מלחמה און דער מיליטערישער בנין אין גאנצען וועלען אבטרעטען זייער פלאץ פאר דעם גייסט פון אינדוסטריע און פאר אן ארגאניזאציאן, וועלכע וועט זיין בעגרינדעט אויף די גענענזייטיגקייט און אויף די פרייוויליגע קאאפעראציאן. און אויף אזוי וויט ווי די אלטע קריעגערישע אינסטיטוציאנען — קעניגטהום, אריסטאקראטיע, ארמעע, שטאאט — וועלען וואס ווייטער אלץ מעהר פערשווינדען, וועט אויך וואקסען אין דער געזעלשאפט דער אלטרואיסטישער, געמיינשאפטליכער גייסט. פונקט ווי די געזעלשאפט — און אין דעם געהט זיך ספענסער צונויף מיט די אנארכיסטען וועט קומען צו א צושטאנד, אין וועלכען די טהעטיגקייט פון יעדען איינציגען וועט שוין מעהר ניט האבען אלס צוועק צו פערשקלאפען די אנדערע, נאר אדרבה זי וועט בייטראגען דערצו, צו פערגרעסערען דאס וואהלזיין פון אלעמען און צו

גאראַנטירען די אונאָבהייננינקייט פֿון יעדען איינעם; און דאָס וועט גע־שעהן אָהן אירגענד וועלכען אויסערליכען דרוק, נאָר דורך די געזעל־שאַפֿטליכע איינפֿיהרונגען גופא.

דאָרט, וואו אַלע טהעאָרעטיקער פֿון דער שטאַאַטס־אידעע האָבען געפּריידיגט דיסציפּלין, אונטערוואָרפֿענהייט, קאָנצענטראַציאָן פֿון דער שטאַאַטס־מאַכט, האָט ספּענסער פֿאָראויסגעזעהן די בעזייטיגונג פֿון שטאַאַט, די בעפֿרייאונג פֿון'ם אינדיווידואום, די פֿאָלשטענדיגע פֿרייהייט. און כאָטש ער אַליין איז געווען אַ בורזשואַ, אַן אינדיווידואַליסט, שטעלט ער זיך אָבער ניט אָב ביי דער שטופּע פֿון אינדיווידואַליזמוס, וועלכע איז דער אידעאַל פֿון דער איצטיגער בורזשואַזיע: ער זעהט ווי אַזוי די פֿרייע קאָאָפּעראַציאָן (דאָס וואָס מיר רופֿען דער „פֿרייער קאָמו־ניסטישער אָבמאַך") שפּרייט זיך אויס איבער אַלע צווייגען פֿון דער מענשליכער טהעטיגקייט און פֿיהרט די געזעלשאַפֿט צו דער פֿאָל־שטענדיגער ענטוויקלונג פֿון דער מענשליכער פּערזאָן, מיט אַלע איהרע פּערזענליכע, אינדיווידועלע שטריכען — צו דער „אינ־דיווידואַציאָן", די פֿעראיינצעלנונג, ווי ספּענסער רופֿט עס.

* * *

אַזוי ווי די ערד איז דאָס אייגענטהום פֿון'ם כלל, פֿון אַלעמען, און אַלצדינג וואָס זי גיט אַרויס בעלאַנגט דעריבער צו דער געזעלשאַפֿט — ניט צום איינצעלנעם — וועט ניט נייטיג זיין, דיינקט ספּענסער, (און אין דעם האָט ער, פֿערשטעהט זיך, אַ טעות) אָנצוריהרען דאָס אינדי־ווידועלע אייגענטהום אין דער אינדוסטריע. די פֿרייוויליגע, פֿערנינפֿטיגע קאָאָפּעראַציאָן וועט זיין געננוג. עס מוז בלויז בעמערקט ווערען, אַז אונ־טער קאָאָפּעראַציאָן מיינט ספּענסער ניט די שעהר־האָלדער קאָמפּאַניס פֿון פֿערטען שטאַנד, וועלכע רופֿען זיך היינט צו טאָג קאָאָפּעראַציאָן. מיט דעם וואָרט „קאָאָפּעראַציאָן" פֿערשטעהט ער די פֿעראייניגטע כחות פֿון די איינצעלנע, סיי צו פּראָדוצירען, סיי צו קאָנסומירען צוזאַמען. אָהן דיזע אידעען פֿון פּראָפֿיט און פֿון עקספּלאָטאַציע דורך די שעהר־האָל־דערס, וואָס איז אייגענטליך די נשמה, דער עיקר פֿון די איצטיגע קאָ־אָפּעראַציעס. ער זעהט דאָס וואָס אַנאַרכיסטען רופֿען: אַ „פֿרייער צירקעל."

דאָס וועט זיין אַ געזעלשאַפֿט, זאָגט ער, „אין וועלכער דאָס אינדי־ווידועלע לעבען וועט געטריבען ווערען זיך אויסצובריייטען וואָס מעהר, געהענדיג האַנד אין האַנד מיט'ן לעבען אין דער געזעלשאַפֿט, און דאָס געזעלשאַפֿטליכע לעבען וועט ניט האָבען קיין שום אַנדער צוועק נאָר אויפֿצוהאַלטען די פֿאָלשטענדיגסטע ענטוויקלונג פֿון'ם אינדיווידועלען

לעבען." ער האָט שוין אַזוי געקענט געהן ביז צום „פֿרייען קאָמוניסטישען איינפֿערשטעהן־זיך", וועמענס ציעל איז די ברייטסטע ענטוויקלונג פֿון'ם אינדיווידועלען לעבען, — די העכסטע „אינדיווידואַציאָן", פֿער־איינצעלונג, ווי ספּענסער רופֿט עס אָן אין געגענזאַץ צום „אינדיווידואַליזמוס". אונטער אינדיווידואַציאָן פֿערשטעהט ער די פֿאָלקאָמענסטע ענטוויקלונג פֿון יעטוועדען'ס פֿעהיגקייטען, און ניט דעם נאַרישען אינ־דיווידואַליזמוס פֿון דעם בורזשואַ, וועלכער דרש'ענט: יעדער פֿאַר זיך און „גאָט פֿאַר אַלעמען".

נאָר אַלס אמת'ער בורזשואַ בעגעגענט זיך ספּענסער אויף יעדען ווינקעלע מיט'ן שרעקענס־בילד פֿון'ם „פֿוילענצער", וועלכער וועט אויפֿ־הערען צו אַרבייטען, ווען זיין עקזיסטענץ וועט זיין פֿערזיכערט אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט. איבעראַל האָט ער געזעהן דעם „לאַופֿער", דעם היימלאָזען „טרעמפּ", וואָס וועט ליגען ביי דער טהיר פֿון אַ קלוב און וועט אָבוואַרטען ביז וואַנען דער בורזשואַ וועט אַרויסקומען, כדי איהם צו העלפֿען אַריינגעהן אין זיין קאַרעטע און אויסבעטלען ביי איהם (אָה, וואָס פֿאַר אַן עלענדע בריאה!) אַ פּעני! אַזוי רייבט מען זיך אָפּט די אויגען, בשעת מען לייענט ספּענסער'ן, און מען מוז זיך פֿרעגען, צי איז דאָס טאַקי ער, אַזאַ אינטעליגענטער מאַן ווי ער איז, וואָס שיסט מיט אַזעלכע מאָדנע קוילען אויף דעם באָרוועסען; צי איז דאָס ווירקליך ספּענסער, וועלכער איז אַזוי שטאַרק ברוגז דערפֿאַר, וואָס ער איז פֿער־פֿליכטעט צו געבען אַן עקזעמפּלאַר פֿון זיינע ווערק אומזיסט אין דער ביבליאָטהעק פֿון בריטיש מוזעאום, אָדער וואָס גראַמבעלט אַזוי געגען די אומזיסטע ערציהונג פֿאַר אַלעמען?!...

דער בעשריינקטער גייסט פֿון'ם בורזשואַ קומט אויף אַזאַ אופן אַרויס אין רעכטען מיטען פֿון די העכסטע אויפֿפֿאַסונגען — און דעריין האָט ספּענסער אַ מערקווירדיגען צוזאַמענהאַנג, אַ שייכות מיט פֿ ו ר י ע'ן, מיט יענעם טאַלאַנטפֿולען מאַן, וועלכער האָט אויך אָפֿט געמאַכט אַזעלכע קרעמערישע חשבנות אין רעכטען מיטען זיינע שעהנסטע איבערבליקען. מען דאַרף אויך ניט פֿערגעסען די קאָלעקטיוויסטען, וועלכע האָבען אויך דיזעלבע מורא פֿאַר'ן „פֿוילענצער", מעהר ניט זייער מורא איז פֿער־שלייערט מיט אַסך פּוסטע רייד און מיט פֿאָרמולען!

* * *

אָבער פּרובירט נאָר ענדערן ספּענסער'ס שליסע, דאָרט וואו ער רעדט מיט צופֿיעל זיכערהייט געגען דעם, וואָס די פֿאָרשונג פֿון די מענ־שען לערענט אונז. אונטערזוכט טיעפֿער זיין שטאַרקסטען בורזשואַזען

געדאַנק, אום צו דערגעהן די אמת'ע אורזאַכע, וואָס האָט איהם געפיהרט דערצו — און וואָס וועט אימער זיין דער האַס געגען יעדען דרוק אויף דעם מענשען'ס פולע און פאָלשטענדיגע פרייהייט, דער וואונש, אַרויס־צורופען אין'ם מענשען די גרעסטע סומע פון איניציאַטיווע, פון פרייהייט און פון צוטרויען אין זיינע אייגענע כחות. פעררירכט נאָר דעם סיסטעם, דאָרט וואו ספענסער האָט זיך ניט פערטיעפט גענוג אין די פאָלגען פון'ם מאָדערנעם קאַפיטאַליזמוס. זוכט דעם וואַהרען גרונד פון זיין רעספעקט פאַר דעם אייגענטהום, וואָס וועט שטענדיג זיין, אַזוי ווי ביי פרודהאָן'ן, די שנאה צום שטאַאַט און די מורא פאַר'ן מאָנאַסטיר און פאַר דער קאַ־זאַרמע. פרובירט נאָר מאַכען די אויסבעסערונגען — און דאָס איז די שעהנקייט און די מעלה פון יעדע אינדוקטיווע, וויסענשאַפטליכע פאָר־שונג, וואָס איהר קענט פעררירכטען די פעהלערן, ניט אָנריהרענדיג דאָס גאַנצע — און איהר וועט געפינען ביי ספענסער'ן אַ געזעלשאַפטליכען סיסטעם, וואָס איז זעהר שטאַרק עהנליך צו דעם סיסטעם פון די קאָמו־ניסטישע אַנאַרכיסטען.

אויב די אַנאַרכיסטען־אינדיווידואַליסטען, אַזוי ווי טאָקער, האָבען אָנגענומען ספענסער'ן ווי ער שטעהט און געהט, מיט זיין בורזשואַזען אינדיווידואַליזמוס פאַר דאָס אינדוסטריעלע אייגענטהום און זיין בורזשואַזע אידעע פון „בעלוינונג", האָבען זיי גיכער אָנגענומען דאָס ווערטליכע פון זיין סיסטעם, ניט דעם גייסט דערפון. ווייל עס איז נור גענוג צו מאַכען די אויסבעסערונגען, וועלכע ספענסער אַליין ערלויבט אונז צו מאַכען, דערמיט וואָס ער האָט אונז געגעבען זיין פרייע „קאָאָפּעראַציאָן" און זיין אָנגריף אויף די אינדיווידועלע בעלי בתים, די פערכאַפּער פון דער ערד,— און מיר קומען צו אונזערע שליסע. דאָס האָבען אויך מיט הארצוועהטאָג עראינערט איינינע גרויסע ענגלישע צייטונגען אין זייערע הספדים, וואָס זיי האָבען געמאַכט נאָך ספענסער'ס טויט.

אין אַלע טהעאָריען פון דער געזעלשאַפט, וואָס די פילאָזאָפען האָ־בען אונז ביז יעצט געגעבען, ווערט דער אינדיווידואום, דער איינצעלנער אויפגעאָפּפערט פאַר'ן שטאַאַט. קאָמט, נאָך קאַנט'ן און פיעלע אַנדערע, האָט געהאַט דעמזעלבען טעות, און די דייטשע מעטאַפיזיקער האָבען געלויבט און געגריסט און אויף אַ ווילדען אופן פערגעטערט דעם שטאַאַט.

ספענסער'ס סיסטעם איז דאָס ערשטע, וואָס בעפרייט זיך, פון איין זייט, פון יעדען רעליגיעזען אַבערגלויבען, פון יעדע מעטאַפיזישע הע־כערע קראַפט, און פון דער אַנדער זייט ערקלעהרט עס פראָסט־פשוט און גאַנץ פריי און אָפען, אַז קיין העכערער פון'ם איינצעלנעם איז ניטאָ.

דער שטאַאַט פֿערנעהמט שוין מעהר ניט דעם אויבען־אַן, דעם ערשטען פּלאַץ, אַלס צוועק פֿון דער מענשליכער ענטוויקלונג („נוסח אשכנז" — ווי די דייטשען ווילען האָבען), אדרבה, דער אינדיווידואום, דער איינצעלנער קומט צום אַלעם ערשטען אין בעטראַכט; ער איז דער אמת'ער יחסן, און ער אַליין קען זיך אויסקלייבען וואָס פֿאַר אַ געזעלשאַפֿט ער וויל; ער אַליין קען בעשטימען, אויף ווי וויט ער וויל זיך הינגעבען, ווערען אַ טהייל פֿון דער דאָזיגער געזעלשאַפֿט.

ספּענסער לערנט אונז, אַז מיר דאַרפֿען אין'ם מענשען בעקעמפּפֿען די צו גרויסע מאָס פֿון אונטערוואַרפֿענהייט, דאָס נאָכשלעפּען זיך צוזאַ־מען מיט דער גאַנצער סטאַדע — אָבער לחלוטין ניט זיין זעלבסשטענ־דיגקייט; וועהרענד אַלע רעליגיאָנען און אַלע געזעלשאַפֿטליכע סיסטעמען האָבען אויסדריקליך בעקעמפּפֿט דעם גייסט פֿון זעלבסטשטענדיגקייט, מורא האָבענדיג, זיי זאָלען חלילה ניט מאַכען קיין רעבעלען.

צום אונגליק בלייבט ספּענסער אויך דאָ ניט געטריי צו זיך אַליין. אָט מאַכט ער אַ רעוואָלוציאָנערע בעהויפּטונג — און טאַקע תיכף ומיד אײלט ער זיך אונטער, זי אָבצושוואַכען, זי מילדער צו מאַכען, דורך דעם וואָס ער לייגט פֿאַר אַ קאָמפּראָמיס. און קוים האָט ער זיך נאָר אַריינגעלאָזט אין אַזאַ וועג, איז ער שוין געצוואונגען צו געהן פֿון איין קאָמפּראָמיס צום צווייטען, אַזוי, אַז ער האָט סוף כל סוף קאָמפּראָמי־טירט זיין גאַנץ ווערק.

* * *

אָט דאָס זיינען, אין קורצען, די דייטליכסטע שטריכען פֿון ספּענ־סער'ס אַרבייט.

אויפֿשטעלען אַ סינטהעטישע פֿילאָזאָפֿיע, וואָס נעהמט אַרום דעם סך־הכל פֿון די מענשליכע קענטניסע און וואָס ערקלעהרט אַלע נאַטור־ערשיינונגען, אַזוי גוט ווי דאָס גאַנצע אינטעלעקטועלע לעבען פֿון'ם מענשען און פֿון די געזעלשאַפֿטען — דאָס איז אַן אונגעהייער גרויס ווערק. ספּענסער האָט עס צושטאַנדע געבראַכט.

אָבער, אין דערזעלבער צייט וואָס מיר אָנערקענען די גרויסע נוצען, וואָס ער האָט געבראַכט, וואָלט עס פֿונדעסטוועגען געווען פֿאַלש, זיך צו לאָזען הינרייסען פֿון אונזער בעגייסטערונג אויף אַזוי וויט, צו גלויבען, אַז ספּענסער'ס ווערק ענטהאַלט ווירקליך די לעצטע רעזולטאַטען פֿון די וויסענשאַפֿטען און פֿון דער אינדוקטיווער מעטהאָדע, אָנגעווענדעט אויף'ן מענשען. דער עיקר, די הויפּט אידעע פֿון דיזען ווערק איז ריכטיג. אָבער בשעת'ן אָנווענדען איז זי פֿיעלע מאָל פֿערדאָרבען געוואָרען צוליעב

פֿערשידענע אורזאַכען. עטליכעביישפּיעלע האָבען מיר אין דיזע אַרטיקלען געבראַכט. וועגען די אַנדערע, אַזוי ווי די פֿעהלערהאַפֿטע מעטהאָדע פֿון אַנאַלאָגיען, פֿערגלייכונגען און איבערהויפּט די צו גרויסע, איבערטריבענע געוויכט, וואָס ווערט געלייגט אויף׳ן קאַמפּף אום׳ס דאַזיין צווישען די אינדיווידוען פֿון זעלבען סאָרט, און די קנאַפּע אויפֿמערקזאַמקייט, וואָס ווערט געגעבען דער „געגענזייטיגער הילפֿע" — אַן אַנדער פּרינציפּ פֿון דער נאַטור — האָבען מיר גערעדט אין דער בראָשורע „די מאָדערנע וויסענשאַפֿט און די אַנאַרכיע".

מיר קענען ניט אָננעהמען אַלע שליסע, צו וועלכע ספּענסער קומט מיר מוזען זאָגאַר אויסבעסערען דעם גרעסטען טהייל פֿון זיין „סאָציאָלאָגיע", אַזוי ווי דער רוסישער שרייבער מיכאַילאָווסקי האָט עס געטהאָן אין בעצוג צו דער טהעאָריע פֿון פּראָגרעס. דאָ קומט אונז אוים צו בלייבען טריי דער וויסענשאַפֿטליכער מעטהאָדע; דאָרט מוזען מיר זיך בעפֿרייען פֿון געוויסע פֿאָראורטהיילע; אָדער מאַכען אַ טיעפֿערע אונטערזוכונג פֿון געוויסע ערשיינונגען...

אָבער טראָץ דעם אַלעמען בלייבט אַ זעהר וויכטיגער פֿאַקט, וואָס ספּענסער האָט בעוויזען.

אַז מען וויל אויפֿשטעלען אַ סינטהעטישע פֿילאָזאָפֿיע פֿון אוניווערזום, פֿון׳ם וועלט-אַל, אַריינגערעכענט אין דעם אויך דאָס לעבען פֿון די געזעלשאַפֿטען, מוז מען נויטווענדיגערווייזע קומען, — ניט נאָר צו דער פֿערניינונג, צו דער אָבלייקענונג פֿון אַ גאָט, אַ בורא, וואָס הערשט איבער דער וועלט; ניט נאָר צו דער אָבלייקענונג פֿון דער אונשטערבליכער זעעלע אָדער פֿון אַ ספּעציעלער לעבעדיג-בלייבענדער קראַפֿט — נאָר מען קומט אויך דערצו צו פֿערניכטען דעם אַנדער גאָט, דעם שטאַאַט — די הערשאַפֿט פֿון איין מענשען איבער׳ן צווייטען. מען קומט דערצו, אין דעם וואָס איז שייך צו דער צוקונפֿט פֿון די ציווילירטע געזעלשאַפֿטען, — פֿאָראויסצוזעהן די אַנאַרכיע.

אין דעם זין האָט הערבערט ספּענסער פֿיעל בייגעטראָגען, אַז די פֿילאָזאָפֿיע פֿון׳ם יאָהרהונדערט, אין וועלכען מיר האָבען נאָר וואָס אַריינגעטראָטען, זאָל זיין אַן אַנאַרכיסטישע.

# בייל אגע.

## ערקלעהרענדע נאָטיצען

### (איינינע ביאָגראַפֿיען פֿון אויטאָרען און טעכנישע טערמינען בענוצט אין׳ם בוך.)

אינדוקטיוו-דעדוקטיווע מעטהאָדע — די מעטהאָדע פֿון דער מאָדערנער וויסענשאַפֿט, וועלכע לאָזט זיך ערקלערען אויף אַזאַ אופֿן: 1) דורך בעאָבאַכטונג און עקספּערימענטען זוכען מיר זיך צו פֿערשאַפֿען וואָס מעהר קענטניסע איבער אַן ערשיינונג, וועלכע מיר נעהמען זיך אונטער צו שטודירען. 2) דערנאָך דיסקוטירען מיר די געקליבענע פֿאַקטען און זעהען, אויב זיי קענען אונז פֿיהרען צו אַ געוויסען אַלגעמיינעם שלוס אָדער צו אַ געוויסער היפּאָטעזע, וועלכע גיט אונז די מעגליכקייט צו פֿערבינדען אַלע פֿאַקטען איינע מיט די אַנדערע (ווי צ.ב.ש. די היפּאָטעזע, וועלכע לאַפּלאַס האָט געמאַכט, אום צו ערקלערען די פֿאַקטען, וועלכע ער האָט אויסגעפֿונען אין דער פֿאָרם אָדער אין דעם בוי פֿון אונזער פּלאַנעטען-סיסטעם; אָדער דאַרווין׳ס אָבשטאַמונגס-היפּאָטעזע, אום צו צייגען, דאָס אַלע פֿערשידענע מינים פּלאַנצונגען און חיות, וועלכע עקזיסטירען היינט, אָדער וועלכע האָבען עקזיסטירט אין פֿערגאַנגענע געאָלאָגישע פעריאָדען, האָבען דיזעלבע געמיינשאַפֿטליכע אָבשטאַמונג). 3) דערנאָך ציהען מיר שליסע פֿון דער דאָזיגער היפּאָטעזע, וועלכע גיבען אונז די מעגליכקייט פֿאָראויסצוזעהן נ יע פֿאַקטען; און די דאָזיגע שליסע דאַרפֿען אַרויסקומען ריכטיג, אויב אונזער „אינדוקציאָן״, ד.ה. דער אַלגעמיינער שלוס, צו וועלכע מיר זיינען געקומען, פֿערבינדענדיג אונזערע געקליבענע פֿאַקטען, איז געווען ריכטיג. 4) מיר פֿערגלייכען אונזערע שליסע — דעדוקציאָן — מיט די פֿאַקטען, וועלכע מיר האָבען שוין פֿריהער צונויפֿגעקליבען. אויב עס איז נויטיג מאַכען מיר נייע בעאָבאַכטונגען און עקספּערימענטען, כדי מיר זאָלען זיין זיכער צי די היפּאָטעזע אונזערע איז אין איינקלאַנג מיט דער ווירקליכקייט. און די היפּאָטעזע ווערט אָדער אין גאַנצען פֿערוואָרפֿען אָדער מאָדיפֿיצירט, ביז וואַנען מיר געפֿינען איינע, וועלכע איז אין איינקלאַנג

מיט דעם איצטיגען צושטאַנד פֿון אונזער וויסענשאַפֿט, אויב אַ היפּאָטעזע איז אויף אַזאַ אופֿן בעשטעטיגט געוואָרען, אָנערקענען מיר איהר פֿאַר אַ טהעאָריע; ווען די טהעאָריע האָט אויסגעהאַלטען אַלע פּראָבעס און ווען מיר האָבען ריכטיג אויסגעפֿונען די אורזאַכע אָדער דעם גרונד פֿון דער היפּאָטעזע, דאַן רופֿען מיר דאָס אַ נאַטור-געזעץ. אַזוי אָנער-קענען מיר די שליסע, וועלכע ניוטאָן האָט געצויגען מכח דער גראַוויטאַציאָן אָדער דער צוציהונגס-קראַפֿט אין וועלט-רוים, אַלס אַ בעוויזענע טהעאָריע, דערפֿאַר ווייל זי איז בעשטעטיגט געוואָרען דורך אַן אונגעהייער גרויסער צאָהל פֿאַקטען, פֿון וועלכע אַסך האָבען אויף דעם ערשטען אויגענבליק אויסגעזעהן ווי אַ ווידערלייגונג פֿון ניוטאָן'ס טהעאָריע. אָבער טראָץ דעם וואָס מיר ריידען אָפֿטמאָל פֿון דעם גראַוויטאַציאָנס-„געזעץ", איז דער דאָזיגער אויסדרוק ניט אין גאַנצען ריכטיג, ווייל די אורזאַכע פֿון דעם פֿאַקט פֿון גראַוויטאַציאָן איז ביז איצט נאָך ניט אויסגעפֿונען געוואָרען; מיר האָבען איהר בלויז פֿאָראויסגעזעהן.

דאַרווין, טשאַרלס (1808-1882), דער אַם מייסטען בעקאַנטער נאַטור-פֿאָרשער פֿון אונזער צייט, די וויסענשאַפֿט האָט איהם צו דאַנקען דעם בעוויז פֿאַר דער פֿערענדער-ליכקייט פֿון די מינים אין דער וועלט פֿון די פּלאַנצונגען און חיות, וועלכען ער האָט גע-גרינדעט אויף אַזאַ געוואַלדיגע מאַסע פֿון פֿאַקטען, אַז די גאַנצע ביאָלאָגישע וויסענשאַפֿט האָט געפֿיהלט די ווירקונג פֿון זיין ווערק. ביפֿאָן און לאַמאַרק האָבען שוין אין דער צייט פֿון 1801-1809 בעשטעטיגט די פֿערענדערליכקייט פֿון די מינים און דעם געמיינשאַפֿט-ליכען אורשפּרונג פֿון אַלע סאָרטען פּלאַנצונגען און חיות פֿון עטליכע געמיינשאַפֿטליכע אור-עלטערן. דאַרווין האָט אויסגעאַרבייט די דאָזיגע היפּאָטעזע אויף אַ וויסענשאַפֿטליכען באַזיס און האָט פֿערזוכט צו בעווייזען, אַז נעהמענדיג אין אָנבעטראַכט די אונגעהייער גרויסע צאָהל פֿון אינדיווידועלע פֿערענדערונגען, וועלכע מאַניפֿעסטירען זיך, אָהן אַן אויפֿהער, אין יעדען מין, וואָלט די נאַטירליכע אויסוואַהל אין דעם קאַמף אום דאַזיין געווען אַ גענוגענדע ערקלערונג פֿאַר דער גראַדענווייזער ענטוויקלונג פֿון אַלע עקזיסטי-רענדע מינים פֿון פּלאַנצונגען און חיות — דעם מענשען אויך אַריינגערעכענט — און בעקענט אָנגענומען ווערען אַלס די גרונד-אורזאַכע פֿון דער וואונדערבאַרער צופּאַסונג פֿון די מייסטע מינים צו די אַרומיגע אומשטענדען. די דאָזיגע ווירקונג פֿון נאַטירליכע אור-זאַכען מאַניפֿעסטירט זיך אַזוי דייטליך, אַז מיר האָבען גאָר ניט נייטיג אַריינצומישען אַ פֿיהרענדע קראַפֿט. דאַרווין'ס טהעאָריען זיינען אויף אַ וואונדערבאַרען און העכסט איינפֿאַכען אופֿן ערקלערט געוואָרען פֿון פּראָפֿעסאָר האָקסלי (פֿאָרלעזונגען צו אַרבייטער). זיינע צוויי הויפּט-ווערק זיינען „די ענטשטעהונג פֿון די מינים" (1859) און די „אָבשטאַ-מונג פֿון'ם מענשען" (1871).

מענדעלעעוו, דמיטרי (1834-1907), אַ בעריהמטער רוסישער בעמיסט, וועלכער איז הויפּטזעכליך בעקאַנט צוליעב זיין ענטדעקונג פֿון דעם „פּעריאָדישען געזעץ פֿון די עלעמענ-טען". מיר ווייסען, דאָס אַלע קערפּערס, וועלכע געפֿינען זיך אויף דער אויבערפֿלעך פֿון דער ערד, צי זיי בעשטעהען פֿון לעבעדיגע צי פֿון טויטע מאַטעריע, זיינען צוזאַמענגעשטעלט פֿון אַן ערך אַכציג אָדער נייגציג פֿערשידענע שטאָפֿען, וועלכע לאָזען זיך ניט צוטהיילען און דערפֿאַר רופֿען מיר זיי „עלעמענטען". די דאָזיגע עלעמענטען פֿעראייניגען זיך איינע מיט די אַנדערע אין אונצעהליגע פֿערבינדונגען. מענדעלעעוו'ס ענטדעקונג בעשטעהט אין דעם: ווען מיר נעהמען אַ שטיק פּאַפּיר און מאַכען דערויף אַכט גלייכמעסיגע ליניעס פֿון אויבען נאָך אונטען און דערנאָך צוועלף ליניעס אין דער ברייט, אויף אַזאַ אופֿן, דאָס

עס ענטשטעהען 96 גלייכע קעסטעלאַך; און ווען מיר צוטהיילען די איינצעלנע עלעמענטען אין די פֿערשידענע קעסטעלאַך, לויט דעם וואַקסענדען צוזאַמענבונד איבער דער פֿערוויקלונג פֿון זייערע מאָלעקולען, ד. ה. פֿון זייערע קלענסטע טהיילכעלאַך, שיינט עס אונז, דאָס אַלע עלעמענטען אין די קעסטעלאַך, וואָס שטעהען איינע אונטער די אַנדערע, האָבען געוויסע געמיינשאַפֿטליכע כעמישע אייגענשאַפֿטען; און אין דערזעלבער צייט געפֿינען מיר, אונטערזוכענדיג די עלעמענטען אין די קעסטעלאַך, וועלכע שטעהען איינע נעבען די אַנדערע, אַז די קראַפֿט פֿון די דאָזיגע כעמישע אייגענשאַפֿטען האַלט אין איין וואַקסען פֿון דעם ערשטען ביז דעם לעצטען קעסטעלע. די דאָזיגע ערשיינונג ברענגט אונז צו דער אידעע, ערשטענס, דאָס דער מאָלעקול פֿון יעדען עלעמענט איז, ווי עס וויזט אויס, אַ פֿערוויקעלטער סיסטעם פֿון נאָך קלענערע מאָלעקולען, אָדער בעסער, אַטאָמען, וועלכע האַלטען זיך אין איין בעוועגען איינע אַרום די אַנדערע, אַזוי ווי עס איז דער פֿאַל מיט די פּלאַנעטען יופּיטער און סאַטורן און זייערע פֿערשידענע לבנות; און צווייטענס, דאָס אין דעם אויפֿבוי פֿון די דאָזיגע סיסטעמען עקזיסטירט אַ געוויסע „פּעריאָדישקייט", ד. ה. אַ ווידערהאָלונג פֿון אַ געוויסער פֿאָרם אין דעם אויפֿבוי, אין דער צוזאַמענשטעלונג. די דאָזיגע ענטדעקונג האָט אונגעהויער פֿיעל בייגעטראָגען צו דער ענטוויקלונג פֿון דער כעמיע. מענדעלעעוו'ס אַנשויאונג וועגען דעם קאָסמישען עטהער אַלס מאַטעריע, וועמענס אַטאָמען עס טרייסלען זיך אַזוי שנעל, אַז זיי קענען ניט פֿיקסירט און געהאַלטען ווערען אין מעהר אָדער ווייניגער שטענדיגע כעמישע פֿערבינדונגען, איז אפֿילו ווייניגער בעקאַנט, אָבער פֿון דערזעלבער וויכטיגקייט.

לאַפּלאַס, פּיער (1749-1827), איינער פֿון די גרעסטע אַסטראָנאָמען און מאַטהעמאַטיקער פֿון אַלע צייטען. זיינע הויפּט-ווערק זיינען די „ערקלערונג פֿון'ם וועלט-סיסטעם", אין וועלכען ער האָט ערקלערט דעם וואַהרשיינליך ריין פֿיזיקאַלישען אורשפּרונג פֿון אונזער פּלאַנעטען-סיסטעם פֿון אַ מאַסע וויים-גליהענדער, גאַז-אַרטיגער מאַטעריע; און זיין „אָבהאַנדלונג" איבער דער וועלט-מעכאַניק. לאַפּלאַס האָט געלייזט אַלע פּראָבלעמען פֿון דער אַסטראָנאָמיע דורך אַ ריין פֿיזיקאַלישער אַנאַליזירונג.

קאַנט, עמאַנועל (1724-1804) אַ דייטשער פֿילאָזאָף, וועמענס לעהרע עס האָט געהאַט אַ בעדייטענדען און טיעפֿען איינפֿלוס אין'ם 19-טען יאָהרהונדערט. אין זיינע ערשטע ווערק האָט ער זיך הויפּטזעכליך בעשעפֿטיגט מיט דער נאַטור-וויסענשאַפֿט, און האָט כמעט אין דערזעלבער צייט ווי לאַפּלאַס, פֿאָרמולירט אַ היפּאָטעזע, וועלכע איז זעהר עהנליך צו דער ערקלערונג, וואָס לאַפּלאַס האָט אונז געגעבען וועגען דעם אורשפּרונג פֿון אונזער פּלאַנעטען-סיסטעם. זיין גרעסטעס ווערק אָבער איז זיין „קריטיק פֿון דער ריינער פֿערנונפֿט", וואו ער האָט פֿערזוכט צו בעווייזען די עקזיסטענץ פֿון צוויי פֿערשידענע וועלטען: 1) די וועלט פֿון די פֿיזישע ערשיינונגען, וועלכע מיר קענען וויסען אין דעם רוים און אין דער צייט; אָבער לויט דער פֿילאָזאָפֿיע פֿון זיין קריטישען, טראַנסצענדענטאַלען אידעאַליזם עקזיסטירען די דאָזיגע ערשיינונגען אין דער ווירקליכקייט איבערהויפּט ניט אין זיך אַליין, 2) די וועלט פֿון די מיט אונז געבוירענע אידעען, „די זאַכען פֿאַר זיך אַליין", וועלכע מיר קענען וויסען אין דער צייט, אָבער ניט אין'ם רוים דעם רעטהעניש פֿון אַ וועלט פֿון די „זאַכען פֿאַר זיך אַליין", וועלכע ליגט בעהאַלטען הינטער די פֿיזישע ערשיינונגען, האָט קאַנט פֿערזוכט צו לייזען דורך דער מאָראַל-פֿילאָזאָפֿיע („קריטיק פֿון דער פּראַקטישער פֿערנונפֿט"). אין זיין דאָזיגען צווייטען גרויסען ווערק האָט ער פֿערזוכט צו בעווייזען, אַז די פֿערנונפֿט האָט די אייגענשאַפֿט צו דיקטירען

זיך איהרע אייגענע געזעצע, און דאָס דער מאָראַלישער מענש האָט די פֿליכט צו פֿאָלגען די דאָזיגע פֿאָרשריפֿטען פֿון זייער פֿערנונפֿט — דעם „קאַטעגאָרישען אימפּעראַטיוו" אויף דער אידעע פֿון דעם זיטליכען בעוואוסטזיין האָט קאַנט געגרינדעט די אידעען פֿון גאָט, אונשטערבליכקייט און פֿרייהייט. אין זיין רעכטס-פֿילאָזאָפֿיע האָט ער פֿערטראָטען די אידעע, אַז דער אַבסאָלוטער רעספּעקט פֿאַר מאָראַלישער פֿרייהייט דאַרף זיין דער פֿונדאַמענט פֿון יעדער געזעלשאַפֿט און פֿון׳ם שטאַאַטליכען לעבען, און די פֿערווירקליכונג פֿון דעם דאָזיגען פֿרייהייטס-אידעאַל איז פֿאַר איהם געווען דער צוקינפֿטיגער ציעל פֿון דער גאַנצער היסטאָרישער ענטוויקלונג.

ענציקלאָפּעדיסטען: דעם דאָזיגען נאָמען האָט מען געגעבען די בעגרינדער, מיטאַרבייטער און פֿערלעגער פֿון דער גרויסער פֿראַנצויזישער „ענציקלאָפּעדיאַ" (1751). די פּראָמינענטסטע צווישען זיי זיינען געווען ד׳אַלאַמבער און דידראָ. דאָס דאָזיגע ווערק האָט געהאַט אַ געוואַלדיגע בעדייטונג פֿאַר דער פֿילאָזאָפֿישער ענטוויקלונג פֿון אייראָפּאַ, דען עס איז ניט בלויז געווען אַ פֿערזוך איבערצוגעבען אַלע מענשליכע קענטניסע פֿון יענער צייט אין די מאַטעמאַטישע וויסענשאַפֿטען, די נאַטור-וויסענשאַפֿטען, אין דער געשיכטע, קונסט און ליטעראַטור — אַלע בעהאַנדעלט אויף אַן אונפּאַרטייאישען שטייגער — נאָר עס איז אין דערזעלבער צייט אויך געווען דער אָרגאַן פֿאַר די פֿאָרטגעשריטענע, אפּיקורסישע און ראַציאָנאַליסטישע אידעען, וועלכע די גרויסע פֿראַנצויזישע דיינקער פֿון׳ם 18טען יאָהרהונדערט האָבען פֿערטראָטען. דעם נאָמען ענציקלאָפּעדיסטען האָט מען אויך צוגעלייגט צו אַלע די, וועלכע זיינען איינשטימיג געווען מיט זייערע אידעען.

האָטשעסאָן, פֿראַנסיס (1694-1747), איינער פֿון די הויפּט פֿערטרעטער פֿון דער זאָגענאַנטער שאָטישער פֿילאָזאָפֿישער שולע, וועלכע האָט געגרינדעט איהר סיסטעם פֿון עטהיק אויף די פּרינציפּען פֿון געגענזייטיגער סימפּאַטהיע. ער האָט פֿערזוכט צו בעווייזען, דאָס אָבוואָהל מיר מאַכען אַן אונטערשיעד אין די מאָטיווען, וועלכע בעאיינפֿלוסען אונזער ווילען, צווישען עגאָאיסטישע און אַלטרואיסטישע מאָטיווען, אָנערקענען מיר דאָך נור די לעצטע און פֿאָדערען זייער פּראַקטיצירונג. דאָס איז די פֿאָלגע פֿון אַ „מאָראַלישען חוש", מיט וועלכען די נאַטור האָט אונז בעשאָנקען. ער האָט ענטוויקעלט די דאָזיגע אידעען אין זיינע ווערק: „אונטערזוכונג מכח דעם אורשפּרונג פֿון אונזערע אידעען וועגען שעהנהייט און טוגענד", „עסיים וועגען דער נאַטור" און „דער כאַראַקטער פֿון ליידענשאַפֿטען און געמיטס-בעוועגונגען".

סמיטה, אַדאַם (1723-1790), ענגלישער עקאָנאָמיסט און פֿילאָזאָף; גרינדער פֿון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע אַלס אַ וויסענשאַפֿט אויף דעם באַזיס פֿון בעאָבאַכטונג און מיט דער הילף פֿון אינדוקטיווע מעטהאָדען, וועלכע ער האָט ענטוויקעלט אין זיין קלאַסישען ווערק „דער רייכטהום פֿון די נאַציאָנען". אין דעם דאָזיגען ווערק האָט ער אָנערקענט דעם רייכטהום אַלס אַ פּראָדוקט פֿון דער אַרבייט און האָט קריטיקירט די פֿיעלע הינדערניסען דורך וועלכע די רעגירונג פֿון יענער צייט האָט אָבגעשטעלט די ענטוויקלונג פֿון אינדוסטריע און האַנדעל. אויף אַזאַ אַרט איז ער געוואָרען דער גרינדער פֿון דער זאָגענאַנטער „ליבעראַלער שולע" אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. אין זיין פֿיעל וויניגער בעקאַנטען, שטאַרק באַקאָטירטען און זעהר טיעפֿען ווערק „די טהעאָריע פֿון מאָראַלישע געפֿיהלען" האָט ער ענטוויקעלט אַ פֿאָלשענדיגע טהעאָריע פֿון עטהיק אויף דעם באַזיס פֿון געגענזייטיגער סימפּאַטהיע.

**האָלבאַך, פּויל** (1723-1789), אַ פֿראַנצויזישער פֿילאָזאָף און איינער פֿון די ענציקלאָפּעדיסטען, וועלכער האָט געאַרבייט צו עטאַבלירען אַ פֿערשטענדליכען סיסטעם פֿון אונזער וויסען מכח דער נאַטור און דעם מענשען אויף אַן אויסגעשפּראָכענעם מאַטעריאַליסטישען באַזיס. ער האָט עס געטהאָן אין זיין הויפּט-ווערק „סיסטעם פֿון דער נאַטור“. אין זיינע אַנדערע ווערק, „די אַלגעמיינע מאָראַל“ און „די נאַטירליכע פּאָליטיק“, האָט ער אויפֿגעוויזען, אַז די רעליגיאָן איז ניט בלויז אונניצליך, נאָר זי איז אויך שעדליך פֿאַר דער עפֿענטליכער מאָראַל און דעם וואָהלזיין פֿון׳ם פֿאָלק.

**לאַוואָסיע, אַנטאָאַן** (1743-1794), דער גרויסער פֿראַנצויזישער בעגרינדער פֿון דער כעמיע, איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אויפֿגעלייזט וואַסער אין וויעַר-שטאָף און וואַסער שטאָף. ער האָט שטודירט די טהעאָריע פֿון פֿערברענען, וואַרעמקייט און געהרונג און איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אויפֿגעוויזען די אונצושטערבאַרקייט פֿון דער מאַטעריע דורך עקספּערימענטען. זיין הויפּט-ווערק איז „עלעמענטאַרעס לעהרבוך פֿון דער כעמיע“.

**לאָמאָנאָסאָוו מיכאַאיל** (1711-1765), רוסישער שרייבער אין פֿערשידענע צווייגען. פּראָפֿעסאָר פֿון ליעדער, פֿון אַ רוסישער גראַמאַטיק, פֿון ווערק איבער היסטאָריע און פֿון פֿערשידענע וויכטיגע ביכער איבער פֿיזיק, מינעראַלאָגיע, כעמיע און פֿיזישער געאָגראַפֿיע. אין איינע פֿון די לעצטע האָט ער זעהר בעשטימט אויסגעדריקט זיין מעכאַנישע טהעאָריע פֿון וואַרעמקייט.

מעכאַנישע טהעאָריע פֿון וואַרעמקייט, איינע פֿון די גרעסטע ענטדעקונגען פֿון דער מאָדערנער וויסענשאַפֿט. זי בעווייזט אונז, דאָס אַלע ערשיינונגען, וועלכע מיר רופֿען די „ערשיינונגען פֿון וואַרעמקייט“ — די אָנוואַרעמונג פֿון אַ קערפּער, זיין אָבקיהלונג, צושמעלצונג אָדער קאָכען; די פֿערוואַנדלונג פֿון אַ פֿליסיגקייט אין אַ גאַז א.א.וו. — זיינען די רעזולטאַטען פֿון שווינגונגען פֿון די מאָלעקולען אין פֿיזישע קערפּערס. ווען די סומע פֿון די דאָזיגע שווינגונגען, וועלכע געהען צ.ב.ש. אָן אין אַ שטיק אייזען און וועלכע מיר קענען ניט זעהען מיט אונזערע אויגען, האַלט אין וואַקסען, וואַקסט אויך די טעמפּעראַטור פֿון דעם שטיק אייזען, און פֿערקעהרט אויך. וואַרעמקייט איז אַלזאָ אַ געווּיסע פֿאָרם פֿון בעוועגונג. דאָס איז אויך די אורזאַכע, וואַרום מיר קענען פּראָדוצירען וואַרעמקייט דורך רייבונג. די בעוועגונג פֿון אַן אייזענבאַהן-צוג ווערט פּלוצלינג אָבגעשטעלט דורך דעם דרוק פֿון מעכטיגע טאָרמאַזען צוליעב דער רייבונג פֿון די רעדער אויף די רעלסען. דאָרט פֿערוואַנדעלט זיך די רייבונג אין וואַרעמקייט, און דערפֿאַר זעהען מיר אַרויסשפּריצען פֿונקען פֿון די רעלסען פֿון אונטער די רעדער. די קוואַנטיטעט פֿון מעכאַנישער קראַפֿט, וועלכע איז נויטווענדיג, אום אָנצוואַרעמען אַ פֿונט וואַסער אויף אַזאַ און אַזאַ גראַד קען אויסגעמאָסטען ווערען; און זי איז אויסגערעכענט געוואָרען מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט. די דאָזיגע קוואַנטיטעט איז בעקאַנט אַלס דער „מעכאַנישער עקוויוואַלענט אָדער די מעכאַנישע גלייכווערטיגקייט פֿון וואַרעמקייט“. די מעכאַנישע טהעאָריע פֿון וואַרעמקייט איז שוין פֿאָראויסגעזעהן געוואָרען און האָט זאָגאַר געפֿונען אַ געוויסען אויסדרוק אין׳ם 18טען יאָהרהונדערט. שפּעטער, אין די צוואַנציגער יאָהרען פֿון׳ם 19טען יאָהרהונדערט, איז די דאָזיגע היפּאָטעזע פֿערטראָטען געוואָרען פֿון סעגען, וועלכער האָט שוין געמאַכט די נויטווענדיגע בערעכנונגען. רודאָלף מייער, אַ דייטשער דאָקטאָר, איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט איהר דעם ערשטען מאָל פֿאָרמולירט (1845) אין אַ קלאָרער און פֿערשטענדליכער פֿאָרם; אָבער מען האָט איהם ניט

**געוואָלט הערען. דזשאול איז געווען דער ערשטער וואָס האָט פּינקטליך אויסגעמאָסטען די** מעכאַנישע גלייכוועוירטיגקייט פון וואַרעמקייט אין 1856. זייט 1860 האָט מען אָנגעהויבען בעטראַכטען די מעכאַנישע טהעאָריע פון וואַרעמקייט אַלס איינע פון די גרעסטע ענטדע- קונגען פון'ם 19טען יאָהרהונדערט, און זי ווערט אָנגעווענדעט אין אונצעהליגע פעלע אין דער וויסענשאַפט און אינדוסטריע.

לאַמאַרק זשאַן באַפּטיסט (1744-1829), אַ פראַנצויזישער נאַטור-פאָרשער. ער האָט פערזוכט צו געבען אונז אַ פאָלשטענדיגע קלאַסיפיקאַציאָן פון די חיות און פלאַנצונגען, האָבענדיג אויסגעאַרבייט אַ פאָלשטענדיגען סיסטעם אויף דעם באַזיס פון דער פערענדערליכקייט פון די מינים אין דער וועלט פון די חיות און פלאַנצונגען, מוז מען איהם אָנערקענען אַלס דעם וויכטיגסטען פאָרגענגער פון דאַרווין. ער האָט ער- קלערט די פערענדערליכקייט פון די אָרגאַניזמען דורך זייער פעהיגקייט צוצופאַסען זיך צו זייער אומגעבונג ווי אויך דורך דעם געברויך אָדער דורך דער פערנאַכלעסיגונג פון זייערע פערשידענע אָרגאַנען — אַן אידעע, וועלכע איז פון קאָוויע בעקעמפט געוואָרען אויף דעם ביטערסטען אופן. זיין הויפט ווערק איז די „זאָאָלאָגישע פילאָזאָפיע".

רוסאָ, זשאַן זשאַק (1712-1778), פראַנצויזישער פילאָזאָף; אַ פאָרגענגער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, וועמענס שריפטען, צוזאַמען מיט די שריפטען פון מאַבלי, האָבען געהאַט דעם גרעסטען איינפלוס אויף די הויפט-פיגורען פון דער רעוואָלוציאָן, איבערהויפט אויף דעם יאַקאָביניסטישען פליגעל. ער האָט געפּריידיגט דעם צוריקקעהרען זיך צו אַן איינפאַכען און נאַטירליכען לעבען, גלייכהייט, דעמאָקראַטישע און רעפובליקאַנישע אינסטיטוציאָנען, אַ געזונדע ערציהונג, וועלכע זאָל פעראייניגען אין זיך וויסענשאַפט און האַנד-אַרבייט און האָט פערזוכט צו בעגרינדען אַ נאַטירליכע רעליגיאָן, וועלכע זאָל פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דעם קירכען-קריסטענטהום. טאָלסטאָי איז געווען זיין איבערגעבענער נאָכפאָלגער. זיינע הויפט-ווערק זיינען, „מכח דעם אור- שפּרונג פון אונגלייכהייט צווישען די מענשען", „דער סאָציאַלער קאָנטראַקט", „עמיל", „דער סאַוואָיאַרדישער וויקאַר", „די נייע העלאָאיזע" און „מיינע ווידוים".

יאַקאָבינער: דער נאָמען פון די מיטגלידער פון אַ קלוב, וועלכער איז בעשטאַנען פון בורזשואַזע ראַדיקאַלען און וועלכער האָט געשפּיעלט אַ פּראָמינענטע ראָלע אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן פון 1794—1789. די מייסטע בעקאַנטע רעוואָלו- ציאָנערע רעפובליקאַנער האָבען בעלאַנגט צום יאַקאָבינער-קלוב, וועלכער איז זעהר שטאַרק בעאיינפלוסט געוואָרען פון ראָבעספּיער. די יאַקאָבינער האָבען אָנגעפיהרט אַ מוטהיגען קאַמף געגען דער קעניגליכער מאַכט, אָבער ווען די לעצטע איז געפאַלען, האָבען זיי אויך בעקעמפט דעם קלוב פון די „קאָרדיליעס", וואו דאַנטאָן, העבערט און די מייסטע איינפלוסרייכע מיטגלידער פון דער פּאַריזער קאָמונע פלעגען זיך צונויפקומען. אין דער פּעריאָדע פון טעראָר האָט זיך דער יאַקאָבינער-קלוב פערוואַנדעלט אין אַ סאָרט בעשולדיגונגס-טריבונאַל. נאָך דער נידערלאַגע פון ראָבעספּיער און זיין פּאַרטיי אין יולי 1794, איז דער קלוב פערמאַכט געוואָרען. דאָס וואָרט „יאַקאָבינער" דיענט היינט אַלס אַ נאָמען פאַר די פערטהיידיגער פון אַ מעכטיגער, צענטראַליזירטער רעוואָלוציאָ- נערער רעגירונג.

באַבעף, פראַנסאָאַ נאָעל (1764-1797), אַ פראַנצויזישער קאָמוניסט, וועל- כער האָט גענומען אַן אַנטהייל אין דער רעוואָלוציאָן און אַרויסגעגעבען אַ צייטונג, דעם „פאָלקס טריבון", וואו ער האָט געפּריידיגט די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן. נאָך דעם אונטערגאַנג

פֿון ראָבעספיער און זיין פּאַרטיי האָט ער אָרגאַניזירט, צוזאַמען מיט סילווען מאַרעשאַל, דאַרטהע און פֿערשידענע אַנדערע, אַ קאָנספּיראַטיווע קאָמוניסטישע געזעלשאַפֿט, מיט דעם צוועק אַראָבצוואַרפֿען די רעגירונג און צו גרינדען אַ קאָמוניסטישען דירעקטאָריום. די פֿערשווערונג איז פֿערראַטהען געוואָרען און איהרע הויפּט פֿיהרער זיינען געשטאָרבען אויף דער גיליאָטינע (1797).

בואָנאַראָטי, פֿיליפּאָ (1761-1837) אַן איטאַליענישער אַדוואָקאַט, וועלכער איז בעאיינפֿלוסט געוואָרען פֿון די אידעען פֿון רוסאָ. צוליעב זיין רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדאַ האָט מען איהם אַרויסגעשיקט פֿון איטאַליען, קאָרסיקאַ און סאַרדיניען. וועהרענד דער גרויסער רעוואָלוציאָן איז ער געקומען נאָך פּאַריז און האָט זיך פֿעראייניגט מיט באַבעף פֿאַר דער פּראָפּאַגאַנדאַ פֿון'ם רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם. ער האָט גענומען אַן אַנטהייל אין באַבעף'ס פֿערשווערונג אין 1795 און איז פֿעראורטהיילט געוואָרען צו געפֿענגניס. אין דער געפֿאַנגענשאַפֿט האָט ער אָנגעשריבען אַ געשיכטע פֿון „באַבעף'ס פֿערשווערונג“. שפּעטער איז ער געוואָרען דער הויפּט אינספּיראַטאָר פֿון די געהיימע קאָמוניסטישע געזעלשאַפֿטען אין פֿראַנקרייך און איטאַליען, וועלכע האָבען עקזיסטירט אין די צוואַנציגער און דרייסיגער יאָהרען פֿון'ם 19טען יאָהרהונדערט.

סעגען, מאַרק (1786-1875), אַ פֿראַנצויזישער אינזשעניר, וועלכער האָט צוערשט אויסגערעכענט די מעכאַנישע גלייכווערטיגקייט פֿון וואַרעמקייט.

דזשאַול, דזשיימס פּרעסקאָט (1818-1889), אַן ענגלישער פֿיזיקער, וועלכער האָט בעשטעטיגט די מעכאַנישע גלייכווערטיגקייט פֿון וואַרעמקייט.

גראָוו, וויליאַם ראָבערט (1811-1896), אַן ענגלישער פֿיזיקער, וועלכער האָט אָנגעשריבען אין 1842 אַן אויסגעצייכענטע קלענערע שריפֿט און אין 1856 אַ בוך איבער דער איינהייט פֿון די פֿיזישע קרעפֿטען. אין די דאָזיגע שריפֿטען האָט ער אויפֿגעצייגט, אַז קלאַנג, וואַרעמקייט, ליכט, עלעקטריציטעט, מאַגנעטיזם און כעמישע פּראָצעסען זיינען ניט קיין בעזונדערע „סובסטאַנצען“, אַזוי ווי מען פֿלעגט זיי פֿריהער פֿאָרשטעלען, נאָר זיי זיינען בלויז פֿערשידענע פֿאָרמען פֿון די ציטערדיגע בעוועגונגען פֿון די מאָלעקולען, וועלכע שטעלען צונויף אַלע פֿיזישע קערפּערס. דיזע אַלע פֿערשידענע פֿאָרמען פֿון דער בעוועגונג פֿון די מאָלעקולען (פֿריהער פֿלעגט מען זיי רופֿען „קרעפֿטען“) קענען פֿערוואַנדעלט ווערען איינע אין די אַנדערע; און זיי אַלע זיינען ניט מעהר ווי פֿערשידענע פֿאָרמען פֿון מעכאַנישער בעוועגונג. אַ מעכאַנישע מאַסען-בעוועגונג, ווי צ.ב.ש. דער קלאַפּ פֿון אַ האַמער אויף דער קאָוואַדלע אָדער די אומדרעהונג פֿון די רעדער פֿון אַן אייזענבאַהן, ווען מען שטעלט איהר פּלוצלינג אָב, קענען אַרויסרופֿען אָט די אַלע פֿאָרמען פֿון דער בעוועגונג: קלאַנג, וואַרעמקייט, ליכט, עלעקטריציטעט, מאַגנעטיזם. און פֿערקעהרט — די אַלע בעוועגונגען פֿון די מאָלעקולען: קלאַנג, וואַרעמקייט, ליכט, עלעקטריציטעט, מאַגנעטיזם און כעמישע טהעטיגקייטען, קענען פֿערוואַנדעלט ווערען איינע אין די אַנדערע — וואַרעמקייט אין ליכט אָדער עלעקטריציטעט א.א.וו. — אָדער אין אַ מאַסען בעוועגונג פֿון פֿיזישע קערפּערס, ווי ביי דער דאַמפּף-מאַשין אָדער ביי אונזערע עלעקטרישע אייזענבאַהנען. גראָוו האָט זאָגאַר געהאַט דעם מוטה אויפֿצוהויבען די פֿראַגע, צי די צוציהונגס-קראַפֿט אין וועלט-רוים איז ניט בלויז אַ רעזולטאַט פֿון אָט די בעוועגונגען פֿון מאָלעקולען, וועלכע קומען פֿאָר אין דעם גאַנצען אוניווערזום.

שעלינג, פֿרידריך (1775-1854), אַ דייטשער פֿילאָזאָף פֿון דער רעאַקציאָנערער פּעריאָדע, וועלכער האָט פֿערזוכט אויפֿצובויען אַ סיסטעם, וואָס האָט געזאָלט איינשליסען

די גאַנצע נאַטור, אָבער צוליעב דעם מאַנגעל אין נאַטור-וויסענשאַפטליכע קענטניסע און זיינע אין פֿאָראויס בעשטימטע אידעען, איז ער צולעצט אין גאַנצען אונטערגאַנגען אין דער מעטאַפֿיזיק.

ריקאַרדאָ, דאַוויד (1772-1823), אַן ענגלישער עקאָנאָמיסט, פֿון דער שולע, וועלכע מען רופֿט אין די אוניווערזיטעטען די „קלאַסישע". נאָך אַדאַם סמיטה האָט ער פֿאָלשטענדיג ענטוויקעלט די טהעאָריע אַז דער נויטווענדיגער קוואַנטום אַרבייט, וועלכער איז פֿערקערפּערט אין אַ פּראָדוקט, איז דער מאַסשטאַב פֿאַר דעם אויסטויש-ווערטה פֿון אַלע פּראָדוקטען, וועלכע ווערען געמאַכט פֿאַר דעם פֿערקויף. אויסערדעם איז ער געווען דער ערפֿינדער פֿון אַ טהעאָריע וועגען דעם גרונד-שטייער, צו וועלכער די אוניווערזיטעטען האָבען צוגעשריבען אַ וויסענשאַפֿטליכע בעדייטונג. זיין הויפּט-ווערק איז געווען: „איבער די פּרינציפּען פֿון פּאָליטישער עקאָנאָמיע און בעשטייערונג" (1817).

בענטהעם, דזשערימי (1748-1832), אַן ענגלישער פּאָליטישער שרייבער, וועמען דער רעפּובליקאַנישער קאָנווענט האָט געגעבען דאָס פֿראַנצויזישע בירגער-רעכט פֿאַר זיין ווערק איבער דער רעפֿאָרם פֿון דער געזעצגעבונג. בענטהעם איז געווען דער בעגרינדער פֿון דער ענגלישער עטהישער שולע פֿון „אוטיליטאַריזם", וועלכע בעטראַכט די פֿערזיכערונג פֿון וואָס מעהר וואוילזיין פֿאַר אַ וואָס גרעסערע צאָהל מענשען אַלס דעם ציעל פֿון יעדער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציאָן. דזש. ס. מילל האָט ענטוויקעלט די דאָזיגע אידעען אין זיין גוט בעקאַנטען עסיי „אוטיליטאַריזם".

פֿאָגט, קאַרל (1817-1895), אַ שווייצער נאַטור-פֿאָרשער און פּאָליטיקער, פּראָ-פֿעסאָר פֿון געאָלאָגיע און זאָאָלאָגיע. אין 1848 האָט ער גענומען אַן אַנטהייל אין דער רעוואָלוציאָן אין דייטשלאַנד. פֿאָגט איז געווען דער אויטאָר פֿון פֿערשידענע ריין וויסענ-שאַפֿטליכע ווערק, אַן אויסגעצייכענטער פּאָפּולאַריזאַטאָר, אויסגעשפּראָכענער מאַטעריאַ-ליסט און נאָכפֿאָלגער פֿון דאַרווין, נאָכדעם ווי „דער אורשפּרונג פֿון די מינים" איז ער-שיענען. זיין ביכעל: „בלינדער גלויבען און וויסענשאַפֿט" האָט געהאַט אַ גרויסען איינפֿלוס וועהרענד דער אויפֿלעבונגס-פּעריאָדע פֿון דער וויסענשאַפֿט אין 1856 ביז 1862. אַנדערע פֿון זיינע ווערק זיינען: „זאָאָלאָגישע בריעף", „אַלטעס און נייעס וועגען דעם לעבען פֿון חיות און מענשען", „פֿאָרטרעגע איבער דעם מענשען".

לואיס, דזשאָרדזש העענרי (1817-1878), אַן ענגלישער פֿיזיאָלאָג און פֿילאָזאָף, וועלכער האָט בעהאַנדעלט די פּראָבלעמען פֿון'ם געדאַנק אויף אַ פֿיזיאָלאָגישען באַזיס. לואיס האָט געהאַט אַן אויסערגעוועהנליכע פֿעהיגקייט צו ערקלערען וויסענשאַפֿטליכע פֿראַגען אויף אַ פֿערשטענדליכען אופֿן. זיינע הויפּט ווערק זיינען: „פּראָבלעמען פֿון'ם לעבען און געדאַנק" (ענטהאַלט אַ ספּעציעלען באַנד „דער פֿיזישער באַזיס פֿון געדאַנק"), „די געשיכטע פֿון פֿילאָזאָפֿיע" און „די פֿיזיאָלאָגיע פֿון'ם אַלטעגליכען לעבען".

מילל, דזשאָן סטיוּאַרט (1806-1873), אַ פֿאָרטרעפֿליכער ענגלישער עקאָנאָ-מיסט און פֿילאָזאָף; איינער פֿון די בעדייטענסטע פֿערטרעטער פֿון'ם „עמפּיריציזם", ד. ה. פֿון אַן אונטערזוכונגס-מעטהאָדע, וועלכע גרינדעט זיך אויף דער בעאָבאַכטונג. אין זיין „סיסטעם פֿון לאָגיק" האָט ער אויף אַ וואונדערבאַרען אופֿן ענטוויקעלט די טהעאָריע פֿון דער אינדוקטיווער מעטהאָדע. מילל איז געווען דער אויטאָר פֿון די „פּרינציפּען פֿון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע", „עסייס וועגען פֿרייהייט" און „די רעפּרעזענטאַטיווע רעגירונג".

בערטהעלאָט, מאַרסעלען (1827-1907), אַ פֿראַנצויזישער בעמיקער, וועל-כער האָט געשאַפֿען אַ גאַנץ נייע פֿעלד פֿון וויסענשאַפֿטליכע אונטערזוכונגען דורך זיינע

וואונדערבאַרע צוזאַמענזעצונגען פֿון אָרגאַנישע קערפּערס, פֿערבינדענדיג אין זיין לאַבאָראַטאָריום פֿערשידענע כעמישע עלעמענטען ווי וויער-שטאָף, וואַסער-שטאָף, שטיקשטאָף, קוילען-שטאָף א.ז.וו. האָט ער פּראָדוצירט פֿערשידענע שטאָפֿען, וועלכע פֿערבינדען זיך איינע מיט די אַנדערע אין לעבעדיגע קערפּערס אָדער וועלכע ענטוויקלען זיך אין אַזעלכע קערפּערס: וואַסער-קוילען-שטאָפֿען, אוילען, פֿעטס א.ז.וו. זיין גאַנצעס ווערק איז געווען אַ פּראַכטפֿולע אילוסטראַציאָן פֿאַר דער איינהייט פֿון די פֿיזישע קרעפֿטען, וועלכע — צוזאַמען מיט יענער אַנדערער געוואַלדיגער ענטדעקונג: די פֿערוואַנדלונג פֿון מעכאַנישער בעוועגונג און וואַרעמקייט — שטעלט פֿאַר מיט זיך דעם גרעסטען ערפֿאָלג פֿון דער וויסענשאַפֿט פֿון 19טען יאָהרהונדערט. בערטהעלאָט איז ביז צו זיין טויט געווען פֿעסט איבערצייגט, אַז די מאַכט פֿון דער וויסענשאַפֿט פֿאַר דעם וואוילזיין פֿון דער מענשהייט איז אונבעגרענעצט; און אין זיין פֿילאָזאָפֿיע און זיינע פּראַקטישע מעטהאָדען איז ער געבליבען געטריי צו די בעסטע טראַדיציאָנען פֿון די ענציקלאָפּעדיסטען. ער האָט פֿערעפֿענטליכט ניט ווייניגער ווי 1,200 וויסענשאַפֿטליכע געדיינק-שריפֿטען. זיינע הויפּט-ווערק זיינען: „אָרגאַנישע כעמיע אויף דעם באַזיס פֿון סינטהעזיס“, 1860; „פֿאָרטרעגע איבער די אַלגעמיינע מעטהאָדען פֿון סינטהעזיס“, 1864; „פֿאָרטרעגע איבער דער גלייכהייט פֿון די כעמישע צוזאַמענזעצונגען“ (איזאָמעריע), 1865; „כעמישער סינטהעזיס“, 1875.

בערנאַרד, קלאָד (1813-1878), אַ גרויסער פֿראַנצויזישער פֿיזיאָלאָג, וועלכער איז איבעראַל בעקאַנט צוליעב זיינע ענטדעקונגען אין דער פֿיזיאָלאָגיע און הויפּטזעכליך צוליעב זיין עקספּערימענטאַלען ווערק, וואו ער האָט פֿערזוכט צו שאַפֿען דעם באַזיס פֿון אַ פֿיזיאָלאָגישער פּסיכאָלאָגיע. זיינע הויפּט-ווערק זיינען: „לעקציעס איבער עקספּעריםענטאַלע פֿיזיאָלאָגיע“ 1855; „איבער גיפֿטיגע שטאָפֿען“, 1857 און „איבער די פֿיזיאָלאָגיע פֿון׳ם נערווען-סיסטעם“, 1858.

מאָלעשאָט, יאַקאָב (1822-1893), אַ מאַטעריאַליסטישער פֿיזיאָלאָג פֿון האָלענדישער אָבשטאַמונג. ער האָט געשריבען אַסך ווערק אין דייטש, אום צו פּאָפּולאַריזירען די מאַטעריאַליסטישע פֿילאָזאָפֿיע. איין ווערק זיינס, „דער קרייז-גאַנג פֿון׳ם לעבען“ איז זעהר פֿיעל פֿערשפּרייט געוואָרען.

ליעל טשאַרלס (1797-1755), אַ בעקאַנטער ענגלישער געאָלאָג. זיין גרויסעס ווערק, „פּרינציפּען פֿון געאָלאָגיע“ פֿון וועלכע עס זיינען ערשינען אַסך אויפֿלאַגען, האָט געשאַפֿען אַ נייע עפּאָכע אין דער געאָלאָגיע, דען עס האָט בעוויזען, אָהן אַ שום צווייפֿעל, די לאַנגזאַמע און גראַדענווייזע פֿערענדערונגען פֿון דער ערד׳ס אויבערפֿלעכע דורך דער אָנזאַמלונג פֿון קרעפֿטען, וועלכע זיינען נאָך איצט ביי דער אַרבייט. די דאָזיגע אויפֿפֿאַסונג איז געווען אין געגענזאַץ צו אַלע פֿריהערדיגע טהעאָריען. ליעל האָט אויף אַזאַ אופֿן פֿאָרבערייט די מוחות אָנצונעהמען די ענטוויקלונגס-טהעאָריע, וועלכע איז שפּעטער פֿערטראָטען געוואָרען פֿון דאַרווין. זיין ווערק, „איבער דעם עלטער פֿון׳ם מענשען“, וועלכעס איז ערשיענען אין 1863 האָט בעוויזען דעם גרויסען עלטער פֿון די ערשטע מענשען ענהליכע בעשעפֿענישען אויף דער וועלט און דעם פֿאַקט פֿון אַ פֿערטער אייז-פּעריאָדע.

בעין, אַלעקסאַנדער (געבוירען 1818), איינער פֿון די וויכטיגסטע פֿערטרעטער פֿון פֿיזיאָלאָגישער פּסיכאָלאָגיע אין ענגלאַנד. זיינע הויפּט-ווערק זיינען: „גייסט און קערפּער“; „די חושים און דער פֿערשטאַנד“.

**העגעל, געאָרג ווילהעלם** (1770-1831), אַ דייטשער פֿילאָזאָף, וועמענס אידעען עס האָבען געהאַט אַ גרויסען איינפֿלוס אויף דעם גייסטיגען לעבען פֿון׳ם 19טען יאָהרהונדערט אין דייטשלאַנד, וועהרענד דער פעריאָדע פֿון רעאַקציאָן, וועלכע האָט זיך אָנגעפֿאַנגען נאָך דער נידערלאַגע פֿון דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. העגעל׳ס פֿילאָזאָפֿישעס סיסטעם בעשטעהט פֿון דריי גרויסע געדאַנקען-קרייזען; 1) די לאָגיק, די וויסענשאַפֿט פֿון דער אידעע „אין זיך"; 2) די פֿילאָזאָפֿיע פֿון דער נאַטור, וועלכע בעשעפֿטיגט זיך מיט דעם „זיין" פֿון דער אידעע ווי מיט עפּעס, וואָס מאַניפֿעסטירט זיך אין ריין נעגאַטיווע פֿאָרמען — מיט אַנדערע ווערטער די נאַטור איהרע בעשעפֿענישען און ערשיינונגען; 3) די פֿילאָזאָפֿיע פֿון׳ם גייסט, וועלכע צייגט אונז דעם ענטוויקלונגס-פּראָצעס, וועלכען די אידעע האָט דורכגעמאַכט. צוערשט האָבען מיר די לאָגיק — די „אידעע אין זיך"; — דערנאָך פֿערוואַנדעלט זיך די אידעע אין די ערשיינונגען פֿון דער נאַטור; — די „אידעע אויסער זיך" — און צולעצט פֿעראייניגט זיך אַלעס אין דעם „גייסט" — אין דער „אידעע אָן און פֿאַר זיך". די דאָזיגע דריי פֿאָרמען פֿון דער אידעע זיינען בעקאַנט אַלס די טהעזע, די אַנטי-טהעזע און די סינטהעזע. דער שאָדען, וועלכע אָט די פֿילאָזאָפֿיע האָט אָנגעמאַכט איז געווען מורא׳דיג. זי האָט די וויסענשאַפֿטליכע אונטערזוכונג אַראָבגעפֿיהרט פֿון דעם געזונדען וועג, וועלכען זי האָט געשאַפֿען פֿאַר זיך אין דער לעצטער פעריאָדע פֿון׳ם 18טען יאָהרהונדערט און האָט צוגעגעבען אַ נייע אויטאָריטעט צו דער ביבלישער אויסטייטשונג פֿון דער נאַטור און צו דער הערשאַפֿט פֿון אַלגעמיינע גענעראַליזירונגען, וועלכע האָבען זיך געגרינדעט אויף דעם געברויך פֿון מעטאַפֿיזישע ווערטער מיט אַן אונבעשטימטער און פֿערענדערליכער בעדייטונג. ווי גרויס דער דאָזיגער שאָדען איז געווען, קענען מיר אַם בעסטען פֿערשטעהן, ווען מיר דערמאָהנען זיך, אַז די אַלע ענטדעקונגען, וועלכע מען האָט שוין אַזוי גלענצענד פֿאָרבערייט צו ענדע פֿון׳ם 18טען יאָהרהונדערט, זיינען פֿערשפעטיגט געוואָרען מיט פֿולע פופֿציג יאָהר, און ווען מיר שטודירען דעם איינפֿלוס פֿון דער דאָזיגער פֿילאָזאָפֿיע אויף דעם פּאָליטישען לעבען; דען העגעל׳ס אָנהייגער, ערקלערענדיג, דאָס „אַלעס, וואָס עקזיסטירט, איז פֿערנינפֿטיג", האָבען דערמיט ענטשולדיגט און גערעכטפֿערטיגט די ערגסטע פֿאָרמען פֿון פּאָליטישער און רעליגיעזער רעאַקציאָן.

**קאָמט, אָגיסט** (1798-1857), דער בעגרינדער פֿון פּאָזיטיוויזם. זיין „קורס פֿון פּאָזיטיווער פֿילאָזאָפֿיע" איז געווען אַ פֿערזוך אויסצואַרבייטען אַ סינטהעטישע פֿילאָזאָפֿיע פֿון׳ם גאַנצען מענשליכען וויסען אויף אַ ריין וויסענשאַפֿטליכען באַזיס. קאָמט׳ס אויפֿפֿאַסונג איבער דער „פּאָזיטיווער פֿילאָזאָפֿיע" איז געווען די פֿאָלגענדע: אַלע מענשליכע קענטניסע האָבען זיך צוערשט מאַניפֿעסטירט אין דער פֿאָרם פֿון **טהעאָלאָגישע** פֿאָרשטעלונגען, אַזוי צ.ב.ש. האָט דער מענש בעטראַכט דעם דונער אַלס אַ צייכען פֿון דער געטליכער אונצופֿרידענהייט, און אַלע פֿאַקטען פֿון דער נאַטור זיינען פֿאַר איהם געווען ניט אַנדערש ווי מאַניפֿעסטאַציאָנען פֿון דעם ווילען פֿון די פֿערשידענע געטער. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען די **מעטאַפֿיזישע** פֿאַזע אין דער מענשליכער ענטוויקלונג, ווען דער מענש ערקלערט זיך אַלע אַקטען פֿון דער נאַטור אַלס די ווירקונג פֿון אַבסטראַקטע **קרעפֿטען** („לעבענס-קרעפֿטען", „זעעלע פֿון דער נאַטור", א.א.וו.). צולעצט פֿאַנגט זיך אָן די **פּאָזיטיווע** פֿאַזע, ווען דער מענש זוכט ניט מעהר אויסצוגעפֿינען די „לעצטע אורזאַכען" און „סובסטאַנסען" און פֿערזוכט נור צו דערגעהן די געזעצע פֿון די ערשיינונגען, וועלכע זאָלען בלויז אויסדריקען די **בעציהונגען** צווישען

די פֿערשידענע ערשיינונגען און זייערע פֿאָלגען. אין זיין צווייטען ווערק, „די פּאָזיטיווע פּאָליטיק“ האָט קאָמט — אין געגענזאַץ צו דעם אייגענטליכען גרונד־געדאַנק פֿון זיין פֿילאָזאָפֿיע — פֿערזוכט צו גרינדען אַ רעליגיאָן, אין וועלכע די „מענשהייט“ זאָל פֿערנעהמען דעם פּלאַץ פֿון דער גאָטהייט. די פּאָזיטיווע פֿילאָזאָפֿיע האָט געהאַט אַ גרויסען איינפֿלוס אויף דער וויסענשאַפֿט און פֿילאָזאָפֿיע אין דעם צווייטען העלפֿט פֿון׳ם 19טען יאָהרהונדערט.

ליטרע, מאַקסימיליאַן עמיל (1801-1881), אַ פֿראַנצויזישער פֿילאָזאָף און שפּראַך־פֿאָרשער, וועלכער איז געווען אַן איבערגעבענער נאָכפֿאָלגער פֿון אָגיסט קאָמט׳ס „פּאָזיטיווער פֿילאָזאָפֿיע“ און האָט זעהר פֿיעל געטהאָן איהר צו פּאָפּולאַריזירען. ליטרע האָט צוזאַמענגעשטעלט דעם גרויסען מאָנומענטאַלען דיקציאָנער פֿון דער פֿראַנצויזישער שפּראַך.

ביפֿאָן, זשאָרזש (1707-1788), אַ גרויסער פֿראַנצויזישער נאַטור־פֿאָרשער, וועלכער האָט געמאַכט דעם ערשטען פֿערזוך אויסצואַרבייטען אַ פֿאָלשטענדיגען סיסטעם פֿון דער נאַטור און צו געבען אַ פֿאָלשטענדיגע בעשרייבונג פֿון דער וועלט פֿון די חיות אויף דעם באַזיס פֿון פֿערגלייכענדער אַנאַטאָמיע. איינער פֿון זיינע גרעסטע פֿערדיענסטען בעשטעהט אין דעם, וואָס ער האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם אַריינמישען זיך פֿון דער טהעאָלאָגיע אין נאַטור־וויסענשאַפֿטליכע פֿראַגען, ניט שרעקענדיג זיך פֿאַר אַ געפֿעהר־ליכער אָפּאָזיציאָן און פֿאַר די דראָהונגען פֿון דער קירכע. זיין הויפּט־ווערק איז די „נאַטור־געשיכטע“.

סענט סימאָן (1760-1825), צוזאַמען מיט פֿוריע און ראָבערט אָוען איינער פֿון די דריי גרויסע בעגרינדער פֿון׳ם סאָציאַליזם אין׳ם 19טען יאָהרהונדערט. סענט סימאָן האָט פֿערזוכט צו גרינדען זיינע אידעען אויף אַ גרינדליכען שטודיום פֿון די עקאָנאָמישע בעציהונגען, וועלכע עקזיסטירען אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט, און אויף די געזעצע פֿון זייער ענטוויקלונג. אָט דערפֿאַר האָט זיין לעהרע, דער „סענט סימאָניזם“ געפֿונען אַסך אָנהייננגער און האָט אינספּירירט פֿיעלע פֿון די בעסטע דיינקער פֿון׳ם נייצעהנטען יאָהר־הונדערט — ווי אָגיסט קאָמט, היסטאָריקער ווי אָגיסטען טהיעררי, עקאָנאָמיסטען ווי סימאָנדי און פֿערשידענע אינדוסטריעלע פֿילאַנטראָפּען. די פּראַקטישע שליסע, וועלכע ער האָט געצויגען, האָבען איהם געפֿיהרט צו אַ פֿעראייניגונג פֿון קאַפּיטאַל און אַרבייט. אַלע טהעאָרעטישע גרונד־אידעען פֿון דעם זאָגענאַנטען „וויסענשאַפֿטליכען סאָציאַליזם“ אָדער „מאַרקסיזם“ זיינען ניט מעהר ווי אַ וויטערע ענטוויקלונג פֿון די טהעאָריען, וועלכע סענט סימאָן האָט געפּרעדיגט.

פֿוריע, פֿראַנסאָאַ מאַריע שאַרל (1772-1837), אַ פֿראַנצויזישער סאָציאַליס־טישער שרייבער און איינער פֿון די דריי הויפּט־בעגרינדער פֿון דעם מאָדערנעם סאָציאַ־ליזם. די גרונד־אידעע פֿון זיין טהעאָריע לאָזט זיך אויסדריקען אויף אַזאַ אופֿן: אום צו פֿערזיכערן דעם וואוילזיין און די טוגענד פֿון דער געזעלשאַפֿט איז פֿריהער פֿון אַלעם נויטווענדיג אַ פֿאָלשטענדיגע ענטוויקלונג פֿון דער מענשליכער נאַטור, פֿריי פֿון אַלע קינסטליכע בעשריינקונגען. עלענד און פֿערברעכען זיינען די אונפֿערמיידליכע פֿאָלגען פֿון די אונאַטירליכע בעדינגונגען, וועלכע די היינטיגע געזעלשאַפֿט האָט אַרויפֿגעלעגט אויף׳ן מענשען, אפֿילו ווען זי ערלויבט איהם צו אַרבייטען, אום צו בעפֿרידיגען זיינע בעדערפֿ־נישען. פֿון דעם נעהמט זיך די נויטווענדיגקייט צו רעאָרגאַניזירען די געזעלשאַפֿט אויף דעם באַזיס פֿון אַ פֿלאַנמעסיגער פֿעראייניגונג. זיינע הויפּט־ווערק זיינען: „די טהעאָריע

פֿון די פֿיער בעוועגונגען", 1808; „די נייע אינדוסטריעלע וועלט", 1829. זיינע אָנהייגער צו וועלכע עס האָבען בעלאַנגט אַזעלכע מענער ווי קאָנסידעראַן, לערו און פֿיעלע אַנדערע, האָבען געשאַפֿען אַ וויכטיגע שולע פֿון'ם סאָציאַליזם.

ספענסער, הערבערט (1820—1903), אַן ענגלישער פֿילאָזאָף, וואָס האָט ענטוויקעלט אַ פֿאָלשטענדיגען סיסטעם פֿון אַ סינטהעטישער פֿילאָזאָפֿיע אויף אַ מאַטעריאַליסטישען באַזיס, וועלכער שליסט איין די פֿאָלגענדע ווערק: „די ערשטע פּרינציפּען", „די פּרינציפּען פֿון ביאָלאָגיע", „די פּרינציפּען פֿון פּסיכאָלאָגיע", „די פּרינציפּען פֿון סאָציאָלאָגיע" און אַ ווערק איבער „עטהיק". ספענסער איז אויך דער אויטאָר פֿון דעם בעקאַנטען ווערק „דער מענש געגען דעם שטאַאַט" און פֿון דעם אויסגעצייכענטען ביכעל איבער „ערציהונג". אויסערדעם האָט ער אָנגעשריבען אַ פּאָלעמיק געגען וויסמאַן מכח דער דירעקטער אַקציאָן פֿון די אַרומיגע בעדינגונגען און איבער דער נאַטירליכער אויסוואַהל א.א.וו. אין „זיינע פּרינציפּען פֿון ביאָלאָגיע" האָט ספענסער ענטוויקעלט אַ פֿאָלשטענדיגע טהעאָריע פֿון עוואָלוציאָן, וועלכע גרינדעט זיך הויפּטזעכליך אויף די אידעען פֿון לאַמאַרק'ס „טראַנספֿאָרמיזם", דאָס הייסט אויף דער דירעקטער אַקציאָן פֿון די אַרומיגע בעדינגונגען, וועלכע מאָדיפֿיצירען די אָרגאַניזמען דורך דעם וואָס זיי צווינגען זיי זיך צוצופּאַסען צו דער סביבה, אין וועלכער זיי ענטוויקלען זיך („דירעקטע צופּאַסונג"); די נאַטירליכע אויסוואַהל („אונדירעקטע צופּאַסונג") העלפֿט בלויז אויפֿהאַלטען די, וואָס זיינען געוועזען אַם פֿעהיגסטען זיך צוצופּאַסען („דער איבערלעבען פֿון די פֿעהיגסטע") און גיט דער צופּאַסונג די נייטיגע סטאַבּיליטעט.

קלויסיוס, רודאָלף (1822—1888), אַ דייטשער פֿיזיקער, וועלכער איז בעקאַנט געוואָרען, צוליעב זיינע שטודיעס איבער אָפּטישע און עלעקטרישע ערשיינונגען און הויפּטזעכליך צוליעב דער מעכאַנישער טהעאָריע פֿון וואַרעמקייט, דערפֿאַר וואָס ער האָט פֿעסטגעשטעלט איינעם פֿון די פֿונדאַמענטאַלע געזעצען פֿון דער דאָזיגער טהעאָריע.

העלמהאָלץ, הערמאַן לודוויג (1821—1894), אַ גרויסער דייטשער פֿיזיאָלאָג און פֿיזיקער, וועלכער האָט זעהר פֿיעל בייגעטראָגען צו פֿערשפּרייטען די מעכאַנישע אויפֿפֿאַסונגען פֿון יעדער פֿיזיאָלאָגישער טהעטיגקייט און די אידעע פֿון דער איינהייט פֿון אַלע פֿיזישע קרעפֿטען.

וואָליים אַלפֿרעד ראָסעל (געבוירען 1822), אַן ענגלישער נאַטור פֿאָרשער, וועלכער האָט אין דערזעלבער צייט ווי דאַרווין, אין 1857, ענטוויקעלט די טהעאָריע מכח דער ענטוויקלונג פֿון די מינים דורך נאַטירליכע אויסוואַהל אין'ם קאַמף אום דאַזיין. זיין ווערק „דאַרוויניזם" איז אַ וואונדערבאַרע ערקלערונג פֿון דער פֿראַגע, אָנגעשריבען אין אַ זעהר פּאָפּולערער שפּראַך און דורך וויסענשאַפֿטליך. אין זיין יוגענד איז ער שטאַרק בעאיינפֿלוסט געוואָרען פֿון ראָבערט אָוען'ס לעהרען, און ער איז נאָך הוינט אַן אָנהייגער פֿון דער נאַציאָנאַליזירונג פֿון דער ערד.

האָקסלי, טהאָמאַס (1825—1895), אַן ענגלישער ביאָלאָג, וועלכע איז הויפּטזעכליך בעקאַנט געוואָרען דורך זיין גלענצענדע פֿערטהיידיגונג פֿון דאַרווין'ס ענטוויקלונגס טהעאָריע, אין אַ צייט, ווען דאַרווין איז פֿון אַלע זייטען אַטאַקירט געוואָרען אויף דעםווילדעסטען אופֿן. זיינע הויפּט-ווערק זיינען: „דעם מענשען'ס פּלאַץ אין דער נאַטור" (1863) און „פֿערגלייכענדע אַנאַטאָמיע".

העקעל, ערנסט, (געבוירען אין 1834), אַ דייטשער ביאָלאָג און פֿילאָזאָף; וועלכער איז געוועזען איינער פֿון די ערשטע און ענטוזיאַסטישע אָנהייגער פֿון דאַרווין, באַלד

נאָך דעם ווי עס איז ערשיענען „דער אורשפּרונג פֿון די מינים", האָט ער אַרויסגעגעבען (1866) אַ העכסט בעדייטענדעס ווערק „אַלגעמיינע מאָרפֿאָלאָגיע"; דערנאָך האָט ער פֿערעפֿענטליכט די „נאַטירליכע שעפּפֿונגס-געשיכטע", וואו ער האָט געמאַכט דעם ערשטען פֿערזוך אויסצוגעפֿינען די פֿערשידענע שטופֿען פֿון ענטוויקלונג פֿון דעם איינפֿאַכסטען אָרגאַניזם ביז דעם מענשען, און זיינע שפּעטערע יאָהרען האָט ער אָנגעשריבען צוויי ביכער, וועלכע זיינען היינט וויט פֿערשפּרייט, „דער מאָניזם אַלס אַ באַנד צווישען רעליגיאָן און וויסענשאַפֿט" און „די וועלט-רעטענישען", וואו ער מאַכט אַוועק מיט דעם רעליגיעזען דואַליזם, וועלכער מאַכט אַן אונטערשיעד צווישען הימעל און ערד, צווישען גוף און נשמה א.א.וו. אָבער אָנשטאָט צו קומען צו אַ ריין דינאַמישער אויפֿפֿאַסונג פֿון דער וועלט, אַזוי ווי מען האָט אייגענטליך געדאַרפֿט ערוואַרטען, נעהמענדיג אין אָנבעטראַכט זיינע פֿריהערדיגע ווערק, איז ער געקומען צו דער מעטאַפֿיזישער (אַזוי ווי העגעל) אויפֿפֿאַסונג, אַז דער „גייסט" איז אַן אויסגוס פֿון דער „מאַטעריע".

מעין, הענרי (1822—1888), אַן ענגלישער פֿאָרשער פֿון דעם אַלטען און מאָדערנעם געוואוינהייטס רעכט און דער אויטאָר פֿון אייניגע בעדייטענדע ווערק איבער די ערשטע דאָרף-קאָמונעס, זיינע הויפּט ווערק זיינען: „די דאָרף-קאָמונעס אין מזרח און מערב" און „פֿאָרטרעגע איבער דער פֿריה-צייטיגער געשיכטע פֿון די געזעלשאַפֿטליכע אינסטיטוציאָנען".

טהיערי, אָגיסטען (1795—1856) אַ בעקאַנטער פֿראַנצויזישער היסטאָריקער, וועלכער האָט פֿעראייניגט אין זיך אַ וואונדערבאַרען בעשרייבונגס-טאַלאַנט מיט גרינדליכע קענטניסען איבער די פּרימיטיווע אינסטיטוציאָנען פֿון דער זאָגענאַנטער „באַרבאַרישער" פּעריאָדע. זיינע „בריעף איבער דער געשיכטע פֿון פֿראַנקרייך" זיינען דער בעסטער שליסעל, אום צו פֿערשטעהען די דאָזיגע עפּאָכע און די נאָכפֿאָלגענדע פּעריאָדע פֿון די אונאָבהעניגיגע שטאָדט-רעפּובליקען אין פֿראַנקרייך. טהיערי האָט אויך אָנגעשריבען אַ געשיכטע פֿון דער נאָרמאַנישער ערָאבערונג פֿון ענגלאַנד.

מוירער, געאָרג לודוויג (1796—1872) אַ דייטשער היסטאָריקער, וועלכער האָט אַוועקגעשטעלט דעם שטודיום פֿון די אַלטע דאָרף-קאָמונעס אויף אַ וויסענשאַפֿטליכען באַזיס. זיין הויפּט-ווערק איז: „איינליימונג צו דער געשיכטע פֿון דער מאַרק-,הויף, און שטאָדט-פֿערפֿאַסונג".

קאָסטאָמאַראָוו, ניקאָלי, (1817—1885) אַ גלענצענדער רוסישער היסטאָריקער, דער גרינדער פֿון דער פֿעדעראַליסטישער שולע אין דעם שטודיום פֿון דער רוסישער געשיכטע.

ביעלאַיעוו (1810—1873) אַ רוסישער היסטאָריקער און פֿאָרשער פֿון דעם רוסישען געזעץ, וועלכער האָט בעסער פֿון אַלע אַנדערע היסטאָריקער בעשריבען דאָס אינערליכע לעבען פֿון די מיטעל-אַלטערליכע רעפּובליקען פֿון נאָווגאָראָד און פּסקאָוו אין פֿיער קליינע בענדער — „ערצעהלונגען פֿון דער רוסישער געשיכטע". ביעלאַיעוו האָט אויך אָנגעשריבען אַ פֿאָרטרעפֿליכע געשיכטע פֿון דעם רוסישען בויערנטהום און אַ ווערק איבער רוסישע געשיכטס-ביכער.

באַקונין, מיכאַאיל (1814—1876), אַ פּאָליטישער שריפֿטשטעלער און אַן אונערמידליכער רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט גענומען אַן אַקטיווען אַנטהייל אין אַלע רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע בעוועגונגען פֿון זיין צייט אין דייטשלאַנד, דער שווייץ, איטאַליען, עסטרייך און פּוילען. באַקונין האָט געשפּיעלט אַ פּראָמינענטע ראָלע אין דער

מאַי-רעוואָלוציאָן פֿון דרעסדען אין 1849, נאָך זיין נידערלאַגע איז ער פֿעראורטהיילט גע-
וואָרען צו לעבענס-לענגליכער געפֿאַנגענשאַפֿט און די זאַקסישע רעגירונג האָט איהם אי-
בערגעגעבען צו עסטרייך, נאָך צוויי יאָהר געפֿאַנגענשאַפֿט אין אַן עסטרייכישער פֿעסטונג,
וואו מען האָט איהם צוגעשמיעדט צו דער וואַנד, ביז מען האָט איהם איבערגעגעבען
צו דעם רוסישען צאַר, ניקאָליי דעם ערשטען, וועלכער האָט איהם פֿערשפּאַרט אין דער
פֿעסטונג פֿון סט.-פּעטערבורג ביז 1856, נאָך דעם טויט פֿון ניקאָליי איז באַקונין פֿער-
שיקט געוואָרען נאָך סיביר; דער גענעראַל-גובערנאַטאָר פֿון מזרח סיביר, נ. מוראַוויאָוו-
אַמורסקי, האָט איהם פֿריינדליך עמפּפֿאַנגען, אין 1862 האָט זיך איהם איינגעגעבען צו
אַנטלויפֿען פֿון וולאַדיוואָסטאָק, ער איז געקומען קיין לאָנדאָן און האָט באַלד ווידער גע-
נומען דעם לעבעדיגסטען אַנטהייל אין דער רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציאָן אין אייראָפּאַ,
ער איז באַלד געוואָרען אַ מיטגליעד פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער-אַסאָסיאַציאָן"
און האָט זיך אָנגעשלאָסען צו דער יורא-פֿעדעראַציאָן, די דאָזיגע פֿעדעראַציאָן האָט פֿער-
קערפּערט מיט זיך די אידעע פֿון דעם דירעקטען עקאָנאָמישען קאַמף; זי איז געווען די
פֿעסטונג פֿון די פֿעדעראַליסטישע, אַנטי-שטאַאַטליכע און רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען
אין דער „אינטערנאַציאָנאַלע" און געווען אין אָפּאָזיציאָן צו דעם גענעראַל קאָמיטע אין
לאָנדאָן, אויף אַזאַ אופן האָט זיך ענטוויקעלט דער קאָנפֿליקט צווישען באַקונין און מאַרקס
און ענגעלס, וועלכע זיינען געווען די קעפּ פֿון דעם לאָנדאָנער גענעראַל-קאָמיטע און
וועלכע האָבען זיך אין יענער צייט געגעבען די גרעסטע מיה אַראָבצופֿיהרען די „אינטער-
נאַציאָנאַלע" פֿון דעם געביעט פֿון'ם דירעקטען עקאָנאָמישען קאַמף און צו מאַכען פֿון
איהר אַ פּאַרלאַמענטאַרישע פּאַרטיי, אויף דעם האַאַגער קאָנגרעס אין 1872 האָט זיך
מאַרקס איינגעגעבען, מיט דער הילפֿע פֿון אַ קינסטליך פֿאַבריצירטער מאַיאָריטעט, אויס-
צושליסען די יורא פֿעדעראַציאָן און איהרע פֿעהיגסטע פֿערטרעטער, באַקונין און דזשיימס
גיאָם, פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלע", די פֿאָלגע איז געווען, אַז די שפּאַנישע, איטאַליענישע
און אָסט בעלגישע פֿעדעראַציאָנען האָבען אָבגעבראָכען אַלע פֿערבינדונגען מיט דעם
גענעראַל-קאָמיטע. מאַרקס און זיינע אָנהייגער האָבען איבערגעטראָגען דעם גענעראַל-
קאָמיטע נאָך ניו יאָרק, וואו ער איז באַלד אין גאַנצען פֿערשוואונדען. די אויבען דער-
מאָהנטע פֿעדעראַציאָנען האָבען געשלאָסען צווישען זיך אַ פֿעדעראַטיווע אַליאַנץ, אָבשאַ-
פֿענדיג יעדע צענטראַלע אויטאָריטעט און האָבען פֿאָרטגעזעצט די אַרבייט פֿון דער „אינ-
טערנאַציאָנאַלע" אויף אַ פֿעדעראַליסטישען באַזיס. ביז 1878 האָבען זיי אָבגעהאַלטען
זייערע יעהרליכע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען, ביז וואַנען די פֿערפֿאָלגונגען פֿון די
רעגירונגען האָבען זיי פֿערהינדערט אין דעם. וועהרענד דער דאָזיגער פּעריאָדע האָט
באַקונין אָנגעשריבען אַ געוויסע צאָהל שריפֿטען, אין וועלכע ער האָט ענטוויקעלט די
פּרינציפּען פֿון'ם אַנאַרכיזם, די וויכטיגסטע דערפֿון זיינען: „די שטאַאַטס-אידעע און דער
אַנאַרכיזם", „בריעף צו אַ פֿראַנצויז" איבער דער מלחמה פֿון 1870-71, „דאָס קנוטאָ-
גערמאַנישע קייזער-רייך און די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן". די בעקאַנטע בראָשורע „גאָט און
דער שטאַאַט" איז אַן אָבשניט פֿון דעם לעצטען ווערק. דר. מ. נעטלוי האָט אָנגעשריבען
אַן אויספֿיהרליכע ביאָגראַפֿיע פֿון באַקונין אין דריי גרויסע בענדער. פֿון דעם דאָזיגען
ווערק איז ערשינען אַ קורצער אויסצוג.

מ אַ ר ק ס, ק אַ ר ל (1818—1883), דער גרינדער פֿון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער
שולע אין דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג. זייענדיג געצוואונגען צו פֿערלאָזען דייטשלאַנד
צוליעב פּאָליטישע אורזאַכען, האָט ער זיך צוערשט בעזעצט אין פּאַריז, וואו ער האָט

אַרויסגעגעבן אַ ראַדיקאַלע דייטשע צייט-שריפֿט צוזאַמען מיט אַרנאָלד רוגע. נאָכדעם ווי ער איז אין 1844 אַרויסגעשיקט געוואָרען פֿון פֿראַנקרייך און אין 1848 פֿון בעלגיען, האָט ער זיך בעזעצט אין לאָנדאָן, וואו ער איז אין 1864 געווען איינער פֿון די הויפּט-גרינדער פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן" און דער גייסטיגער פֿיהרער פֿון דעם גענעראַל-קאָמיטעט פֿון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציאָן. זיינע וויכטיגסטע ווערק זיינען: „דאָס עלענד פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע" (1847), אַן ענטפֿער אויף פּרודהאָן'ס ווערק „די פֿילאָזאָפֿיע פֿון'ם עלענד"; „דער קאָמוניסטישער מאַניפֿעסט" (1848), — וועגען דעם אורשפּרונג פֿון דער דאָזיגער שריפֿט, זעה טשערקעסאָוו'ס „בלעטער פֿון דער סאָציאַליסטישער געשיכטע" (1896) און פּראָפֿעסאָר אַדלער'ס „היסטאָרישע איינלייטונג" צו דער פֿראַנצויזישער אויסגאַבע פֿון דעם „קאָמוניסטישען מאַניפֿעסט" (1901)—און זיין הויפּט-ווערק, „דאָס קאַפּיטאַל", פֿון וועלכען דער ערשטער און וויכטיגסטער באַנד איז ערשיענען אין 1867. דאָס דאָזיגע ווערק ענטהאַלט אַ בעמערקענסווערטהע אַנאַליזירונג איבער דעם אורשפּרונג פֿון קאַפּיטאַל, וועלכער איז געוואָרען דער פֿונדאַמענט פֿון די עקאָנאָמישע אידעען פֿון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. נאָך 2 בענדער פֿון דעם „קאַפּיטאַל" זיינען ערשיענען נאָך דעם טויט פֿון קאַרל מאַרקס אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט פֿון פֿרידריך ענגעלס.

אַנטהראָפּאָלאָגיע, די וויסענשאַפֿט וואָס בעשעפֿטיגט זיך מיט דעם שטודיום פֿון'ם מענשען: מיט זיין פֿיזישער קאָנסטיטוציאָן אין פֿערשיעדענע קלימאַטען, זיינע ראַסען, זיין פֿיזישער ענטוויקלונג און מיט דער ענטוויקלונג פֿון זיינע אינסטיטוציאָנען און זיינע סאָציאַלע, מאָראַלישע און רעליגיעזע פֿאָרשטעלונגען. עס איז נויטיג צו בעמערקען, אַז דער שטודיום פֿון די מענשליכע אינסטיטוציאָנען און די סאָציאַלע, מאָראַלישע און רעליגיעזע אַנשויאונגען ווערן אָפֿטמאָל בעטראַכט אַלס אַ טהייל פֿון דער עטהנאָלאָגיע. ווען מיר ריידען פֿון דער „אַנטהראָפּאָלאָגישער שולע", מיינען מיר די פֿאָרשער, וועלכע האָבען זיך, אין דעם צווייטען העלפֿט פֿון'ם 19טען יאָהרהונדערט, געשטעלט די אויפֿגאַבע צו שטודירען דעם אורשפּרונג און די ענטוויקלונג פֿון די מענשליכע בעגריפֿען און די סאָציאַלע אינסטיטוציאָנען פֿון אַ נאַטור-וויסענשאַפֿטליכען שטאַנדפּונקט, ניט בענוצענדיג זיך מיט איבערנאַטירליכע פֿאָרשטעלונגען און גיט פֿערזוכענדיג אויסצופֿילען דעם מאַנגעל פֿון קענטניסע מיט אונבעשטימטע אונפֿערשטענדליכע מעטאַפֿיזישע ווערטער.

ביכנער, לודוויג (1824—1901), אַ דייטשער נאַטור-פֿאָרשער און פֿילאָזאָף, וועלכער איז הויפּטזעכליך בעריהמט געוואָרען דורך זיין ווערק „קראַפֿט און שטאָף". דאָס דאָזיגע ווערק שטעלט פֿאָר מיט זיך אַ פֿערזוך צו שאַפֿען אַן אַנאַטאָמיסטיש-מאַטעריאַליסטישע וועלט אַנשויאונג אויף דעם באַזיס פֿון דער מאָדערנער נאַטור-וויסענשאַפֿט און איז אָנגעשריבען אין אַ וואונדערבאַרער פּאָפּולערער און פֿערשטענדליכער פֿאָרם. הונדערט טויזענדער עקזעמפּלאַרען פֿון דעם דאָזיגען ווערק זיינען פֿערשפּרייט געוואָרען אין דייטשלאַנד, פֿראַנקרייך און רוסלאַנד. ביכנער האָט אויך אָנגעשריבען אַ ווערק איבער „ליעבע", וואו ער בעשרייבט די סאָציאַביליטעט און די אינסטינקטען פֿון מיטלייד ביי די חיות, אויסערדעם איז ער דער פֿערפֿאַסער פֿון „דער מענש און זיין שטעלונג אין דער נאַטור", אַ ווערק, וואָס איז אויך זעהר פֿיעל פֿערשפּרייט געוואָרען אין דייטשלאַנד און פֿראַנקרייך; פֿון אַ פּאָפּולערער ערקלעהרונג פֿון „דער דאַרווינשער טהעאָריע"; פֿון „ליעבע און בעציהונגען פֿון ליעבע אין דער וועלט פֿון די חיות" (1885); פֿון „די לעצטע ווערטער פֿון מאַטעריאַליזם" א.א.וו. דורך דיזע אַלע ווערק האָט ער זעהר פֿיעל בייגעטראָגען צו דער פֿערשפּרייטונג פֿון אַ מאַטעריאַליסטישער, ד.ה. אַ דינאַמישער אויפֿפֿאַסונג פֿון דער נאַטור,

**האָבס, טהאָמאַס** (1588—1679), איינער פֿון די אָריגינעלסטע ענגלישע פּאָליטישע שרייבער און פֿילאָזאָפֿען, זיינע הויפּט ווערק זיינען: „לעוויאַטהאַן“, „דע סיווע“, „דע קאָרפּאָרע פּאָליטיקאָ“. האָבס האָט פֿערטראָטען דעם שטאַנדפּונקט, אַז מאַכט איז רעכט; קיין זאַך איז ניט רעכט אָדער אונרעכט אָן און פֿאַר זיך. ער איז געווען מיט דער מיינונג, אַז די ווילדע שטאַמען פֿיהרען אָן אַ שטענדיגען קאַמף איינער מיט די אַנדערע. די מורא, וואָס איין מענש האָט פֿאַר דעם צווייטען און די נויטווענדיגקייט אַרויסצוקומען פֿון אָט דעם עלענד פֿון זייערע פּרימיטיווע בעדינגונגען, איז פֿאַר איהם געווען די הויפּט אורזאַכע פֿאַר דער ענטשטעהונג פֿון׳ם שטאַאַט. עס פֿערשטעהט זיך, דאָס אַ מענש מיט אַזעלכע אַנשויאונגען האָט לאָגישער ווייזע געמוזט זיין אַן ענערגישער פֿערטהיידיגער פֿון דער אַבסאָלוטער קעניגס-מאַכט; און ער האָט טאַקע בעהויפּטעט, אַז דער אַבסאָלוטיזם פֿון די קעניגע האָט געמאַכט שלום צווישען די ווילדע שטאַמען און זיי געגעבען די מעגליכקייט צו לעבען אונטער בעסערע בעדינגונגען. פֿון דער אַנדערער זייט איז האָבס געווען אַ ביטערער געגנער פֿון דער קירכע אַלס אַ פּאָליטישע מאַכט. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אויסגעאַרבייט אַ פֿאָלשטענדיג אַנטי-רעליגיעזע און מאַטעריאַליסטישע וועלט-אַנשויאונג.

**שאַמאַן** איז דער נאָמען, וואָס מען האָט געגעבען די כשוף-מאַכערס ביי די פֿערשיעדענע פֿעלקערשאַפֿטען אין צפון-זייט פֿון אַזיען. מען גלויבט, אַז די שאַמאַנען האָבען בעציהונגען צו די דונקעלע קרעפֿטען פֿון דער נאַטור, און דאָס מיט זייערע בעצויבערונגען און טעניץ קענען זיי בעשווערען קראַנקהייטען און אַלע סאָרטען אונגליק.

**בריהאָנס.** — ביי אַלע פֿרייע קעלטישע, זעקסישע, סקאַנדינאַווישע און פֿינישע שטאַמען, וועלכע זיינען ניט געווען אונטערוואָרפֿען צום רוימישען קייזער-רייך, און וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין שום געשריבענע געזעצע וועהרענד די ערשטע יאָהרהונדערטער פֿון דער קריסטליכער ערא, האָבען עקזיסטירט בעזונדערע מענער, וועלכע האָבען געהאַלטען אין זכרון די טראַדיציאָנען פֿון׳ם געזעץ, ד. ה. די ענטשיידונגען פֿון די פֿאָלקס-פֿערזאַמלונגען אין פֿריהערדיגע פֿעלע. די דאָזיגע מענער פֿלעגען געוועהנליך אויפֿהאַלטען זייערע קענטניסע אין זייערע פֿאַמיליעס אָדער אין בעזונדערע גילדעס. עס איז געווען זייער פֿליכט עפֿענטליך פֿאָרצוטראָגען דעם טראַדיציאָנעלען געזעץ אין דער צייט פֿון די פֿאָלקס ימים-טובים, וועלכע מען האָט געוועהנליך געפֿייערט, ווען די גרויסע פֿאָלקס-פֿערזאַמלונגען פֿון די פֿעדערירטע שטאַמען פֿלעגען שטאַטפֿינדען. צו אָט דעם צוועק איז דאָס געזעץ אָפֿטמאָל פֿאָרגעטראָגען געוואָרען אין דער פֿאָרם פֿון גראַמען אָדער **טריאַדען**, כדי מען זאָל עס קענען בעסער בעהאַלטען אין זכרון. די דאָזיגע געוואוינהייט איז נאָך היינט צו טאָג וויט פֿערשפּרייט ביי די פֿעלקער און שטאַמען אין מערב-זייט פֿון אַזיען. אין אירלאַנד זיינען די דאָזיגע היטער פֿון דעם געזעץ בעקאַנט געווען אונטער דעם נאָמען „בריהאָנס“, און זיי פֿלעגען דאָרט פֿעראייניגען זייער טהעטיגקייט מיט פּריעסטערליכע פֿונקציאָנען. די זאַמלונג פֿון דעם אירישען געוואוינהייטס-רעכט, וועלכע איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אין מיטען 5-טען יאָהרהונדערט, און וועלכע איז בעקאַנט אַלס דער „סענטשוס מאָר“ („דאָס גרויסע אַלטערטהום“), איז איינער פֿון די מערקווירדיגסטע דאָקומענטען צווישען די פֿיעלע עהנליכע זאַמלונגען פֿון דעם אונגעשריבענעם געזעץ פֿון דער דאָזיגער פּעריאָדע. מאָדערנע היסטאָריקער מאַכען שטענדיג דעם פֿעהלער פֿאָרצושטעלען די בריהאָנס און עהנליכע דעקלאַמאַטאָרס פֿון דעם געזעץ אַלס **געזעץ-געבער**; אָבער די דאָזיגע פֿאָרשטעלונג איז אַ פֿאַלשע. די אייגענטליכע געזעץ-געבער זיינען געווען די

פֿאָלקס-פֿערזאַמלונגען, די בריהאַנס, וועלכע האָבען געשפּיעלט דיזעלבע ראָלע ווי די „קניאַזשעס“ ביי די סלאַוואָניער א.ז.וו., זיינען בלויז געוועזן די היטער פֿון דעם געזעץ און זיינע אַלטע פֿאָרמען.

פּרודהאָן, דזשאָזעף פּיער (1809—1865), אַ פֿראַנצויזישער סאָציאַליסט, דער געוואַלדיגסטער קריטיקער פֿון דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם, פֿון׳ם שטאַאַט און פֿון די אויטאָריטערע סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע סיסטעמען, וועגען זיין אייגענעם סיסטעם פֿון מוטואַליזם זעה דעם טעקסט פֿון דיזער שריפֿט. זיינע הויפּט-ווערק זיינען: „וואָס איז אייגענטהום?“ „סיסטעם פֿון די עקאָנאָמישע ווידערשפּרעכונגען“; „די ווידוי פֿון אַ רעוואָלוציאָנער“; „אַלגעמיינע אידעען וועגען דער רעוואָלוציאָן פֿון׳ם 19טען יאָהרהונדערט“; „מכח די פּאָליטישע פֿעהיגקייטען פֿון דעם אַרבייטער-קלאַס“, א.ז.וו.

בלאַן, לואי (1811—1882), אַ פֿראַנצויזישער סאָציאַליסט און היסטאָריקער. בראַן האָט בעוויזען, אַז דאָס עלענד פֿון די מאַסען ווערט פֿעראורזאַכט דורך דעם אינדיווידואַליזם און דורך דער אינדוסטריעלער און קאָמערציעלער קאָנקורענץ, וועלכע איז די אונפֿערמיידליכע פֿאָלגע פֿון דעם ערשטען. ער האָט פּראָפּאַגאַנדירט די רעקאָנסטרוקציאָן פֿון דער געזעלשאַפֿט אויף דעם באַזיס פֿון סאָלידאַריטעט און איז געוועזן מיט דער מיינונג, אַז די סאָציאַליזירונג פֿון די פּראָדוקציאָנס-אינסטרומענטען דאַרף זיין דער ערשטער שריט צו אַזאַ צושטאַנד. דערפֿאַר האָט ער געפּריידיגט די „אָרגאַניזאַציאָן פֿון דער אַרבייט“ און די גרינדונג פֿון סאָציאַליסטישע ווערקשטאַטען מיט דער הילף פֿון׳ם שטאַאַט. צוזאַמען מיט פּעקער און ווידאַל איז ער געוועזן איינער פֿון די ערשטע פֿערטרעטער פֿון׳ם שטאַאַטס-סאָציאַליזם. וועהרענד דער רעוואָלוציאָן פֿון 1848 איז בלאַן געוואָרען אַ מיטגליעד פֿון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג און דער פּרעזידענט פֿון אַ בעזונדערער קאָמיטע פֿאַר דער רעאָרגאַניזאַציאָן פֿון דער פּראָדוקציאָן. זיינע הויפּט-ווערק זיינען: „די אָרגאַניזאַציאָן פֿון דער אַרבייט“; „די געשיכטע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָן“ אין אַכט בענדער, געשריבען פֿון אַ יאַקאָביניסטישען שטאַנדפּונקט; „די געשיכטע פֿון 10 יאָהר“ (1830—1840) א.ז.וו. נאָך דעם שטאַאַט-שטרייך פֿון נאַפּאָלעאָן דעם 3טען האָט ער אַ לאַנגע צייט געלעבט אין ענגלאַנד.

דידראָ, דעניס (1713—1784), אַ פֿראַנצויזישער פֿילאָזאָף. נאָך דעם ווי ער איז פֿערפֿאָלגט געוואָרען פֿאַר זיין שריפֿט „פֿילאָזאָפֿישע געדאַנקען“ אין 1746 און אַריינגעזעצט געוואָרען אין געפֿענגניס פֿאַר זיינע „בריעף צו די בלינדע“ אין 1749, האָט ער אויסגעאַרבייט און רעאַליזירט דעם געדאַנק אַרויסצוגעבען אַן „אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע“. צוזאַמען מיט ד׳אַלאַמבער, האָלבאַך, און די בעסטע דיינקער און וויסענשאַפֿטס-מענער פֿון יענער צייט, האָט ער דורכגעפֿיהרט אָט די געוואַלדיגע אַרבייט אין צוויי-און-צוואַנציג יאָהר צייט, פֿון 1751—1772, צום טראָץ די אַלע אינטריגעס, וועלכע די אויטאָריטעטען פֿון דער קירכע און שטאַאַט האָבען אָנגעפֿיהרט געגען איהם.

גאָדווין, וויליאַם (1756—1836), אַן ענגלישער פּאָליטישער שרייבער. זיין הויפּט-ווערק איז געוועזן „אַן אונטערזוכונג וועגען דער פּאָליטישער גערעכטיגקייט און איהר איינפֿלוס אויף דער אַלגעמיינער טוגענד און גליק“. די ערשטע אויסגאַבע פֿון דעם ווערק איז ערשינען אין 1793, אין צוויי בענדער אין לאָנדאָן און האָט דעם ערשטען מאָל ענטוויקעלט די אידעען פֿון׳ם קאָמוניסטישען אַנאַרכיזם. אונטער „פּאָליטישער“ גערעכטיגקייט האָט גאָדווין פֿערשטאַנען די פֿערווירקליכונג פֿון די פּרינציפּען פֿון מאָראַליטעט און וואַהרהייט אין דעם לעבען פֿון דער געזעלשאַפֿט. ער האָט אויפֿגעוויזען אין זיין ווערק,

דאָס אַ רעגירונג, דורך דעם פֿאַקט פֿון איהר עקזיסטענץ גופא און צוליעב איהר אינערליכען כאַראַקטער, איז שטענדיג אַ הינדערניש פֿאַר דער ענטוויקלונג פֿון מאָראַלישע געוואוינהייטען און מנהגים; דאָסזעלבע איז דער פֿאַל מיט פריוואַט-אייגענטהום. גאָדווין האָט פֿאָראויסגעזעהן אַ צייט, ווען יעדער מענש וועט האַנדלען נאָך זיין אייגענעם ווילען, פֿריי פֿון יעדען צוואַנג, פֿאַר דעם וואוילזיין פֿון דער געזעלשאַפֿט — די פֿערנונפֿט אַליין וועט בעשטימען די האַנדלונגען פֿון אַלעמען. גאָדווין און זיינע פֿריינד זיינען בעשולדיגט געוואָרען אַלס יאַקאָבינער און רעפּובליקאַנער, און עס האָט ניט געפֿעהלט פֿיעל, אַז מען וואָלט זיי פֿערפֿאָלגט. דערפֿאַר האָט ער אין דער צווייטער אויסגאַבע פֿון זיין ווערק אויסגעלאָזט אַלע קאָמוניסטישע שטעלען פֿון דער ערשטער אויסגאַבע.

**אָוען, ראָבערט** (1771—1858), צוזאַמען מיט פֿוריע און סענט סימאָן איינער פֿון די דריי גרעסטע בעגרינדער פֿון׳ם מאָדערנעם סאָציאַליזם—הויפּטזעכליך פֿון אַ פֿעראייניגטען טרייד-יוניאָניזם און פֿון פֿעדערירטע קאָאָפּעראַציאָנען. אָוען האָט געהאַט אַ טיעפֿען איינפֿלוס אויף זיינע צייט-גענאָסען אין ענגלאַנד, אויף דעם אַרבייטער קלאַס ווי אויך אויף דער אינטעליגענץ און האָט איינגעפֿלאַנצט אין ביידע העכערע אידעאַלען פֿון גלייכהייט, פֿרייהייט און גערעכטיגקייט. אין 1831 האָט ער און זיינע אָנהייגער געגרינדעט די גרויסע יוניאָן פֿון אַלע טריידס, וועלכע האָט געהאַט די אויפֿגאַבע צו פֿעראייניגען די אַרבייטער פֿון אַלע ציוויליזירטע לענדער און וועלכע איז אויף אַזאַ אופן געוועזען דער פֿאָרגענגער פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן". אָבער די גרויזאַמע פֿערפֿאָלגונגען פֿון דער רעגירונג האָבען אָוען און זיינע אָנהייגער געצוואונגען צו בעשריינקען זייער טהעטיגקייט און צו פּראָפּאַגאַנדירען פֿריעדליכע קאָאָפּעראַציאָנען און אַ געמעסיגטען טרייד-יוניאָניזם. זיינע וויכטיגסטע ווערק זיינען: „דער פּלאַן פֿון אַ ראַציאָנאַלען סיסטעם"; „דאָס בוך פֿון דער נייער מאָראַלישער וועלט"; און „די גייסטיגע און פּראַקטישע רעוואָלוציאָן פֿון דער מענשליכער ראַסע". אויסערדעם האָט ער נאָך אַרויסגעגעבען אַסך קלענערע שריפֿטען און צייטונגען און האָט געשאַפֿען אַ שולע פֿון ענגלישע סאָציאַליסטען, וועלכע איז ליידער היינט פֿערגעסען געוואָרען.

**אַנאַבאַפּטיזם** — אַ רעליגיעזע פֿאָלקס-בעוועגונג אין דער צייט פֿון דער רעפֿאָרמאַציאָן. די דאָזיגע בעוועגונג האָט זיך געריכטעט געגען די אויטאָריטעט פֿון דער קאַטוילישער קירכע, אָבער זי איז געגאַנגען פֿיעל ווייטער ווי די, וואָס לוטהער האָט אָנגעפֿיהרט. די אַנאַבאַפּטיסטען האָבען פֿערטראָטען די פֿאָלשטענדיגע פֿרייהייט אין אַלע אינדיווידועלע, רעליגיעזע און מאָראַלישע פֿראַגען; וואָס אָנבעלאַנגט זייער שטעלונג צו די סאָציאַלע פֿראַגען, האָבען זיי געפּרעדיגט די גלייכהייט און די אָבשאַפֿונג פֿון פּריוואַט-אייגענטהום. זיי האָבען אויך פֿערוואָרפֿען אַלע פֿאָרמען פֿון צוואַנג — די שבועה, די געריכטס-טריבונאַלען פֿון די פֿעאָדאַלע גרונד בעזיצער, די מיליטער-פֿליכט, און יעדע געהאָרכזאַמקייט צו דער רעגירונג, וועלכע זיי האָבען ערקלעהרט פֿאַר ניט קריסטליך. ערשט אין 1520, ווען די פֿערפֿאָלגונגען פֿון צוויקוי האָבען זיך אָנגעהויבען, האָט מען אָנגעפֿאַנגען צו שיינקען אויפֿמערקזאַמקייט צו דער בעוועגונג. אין דער ווירקליכקייט אָבער האָט זי זיך אָנגעפֿאַנגען מיט דער וויקליף-בעוועגונג פֿון׳ם 14טען יאָהרהונדערט און מיט דער בעוועגונג פֿון די הוסיטען אין בעהמען צו ענדע פֿון׳ם 14טען יאָהרהונדערט. לאַנג בעפֿאָר לוטהער האָט אַרויסגעשטעלט זיינע „טהעזען" אויף דער טהיר פֿון דער קירכע אין וויטענבערג, איז שוין אָנגעגאַנגען אַ בעוועגונג צווישען די בויערן און האַנד-ווערקער געגען דער קירכע, דעם שטאַאַט און דאָס געזעץ. די דאָזיגע בעוועגונג האָט פֿאָרגעשטעלט

מיט זיך דעם לינקען פֿליגעל פֿון לוטהער׳ס בעוועגונג און האָט איהר געגעבען איהר אמת׳ע קראַפֿט. אין דער צייט פֿון דעם גרויסען בויערן-קריעג (1525) און מיט דער פּראָקלאַמאַציאָן פֿון דער קאָמונע אין דער שטאָדט ליידען דורך טהאָמאַס מינצער (1535) האָבען די אַנאַבאַפּטיסטען אָפֿען רעוואָלטירט געגען אַלע עקזיסטירענדע אויטאָריטעטען. דיביידע רעוואָלוציאָנען זיינען דערטרונקען געוואָרען אין בלוט; טויזענדער אַנאַבאַפּטיסטען זיינען דער׳הרג׳עט אָדער לעבעדיגערהייט פֿערברענט געוואָרען. שפּעטער איז אַן ענליכע בעוועגונג אַריבערגעטראָגען געוואָרען פֿון עמיגראַנטען קיין ענגלאַנד; נאָר דאָרטען האָט זי אָנגענומען געמעסיגטערע פֿאָרמען. דייטשע עמיגראַנטען האָבען די בעוועגונג פֿערשפּרייט אין עסטרייך, רוסלאַנד און זאַגאַר אין גרענלענד און אין די אַלע פֿערשידענע לענדער האָט זי געטראָגען אויף זיך אַ מעהר אָדער וויינגער קאָמוניסטישען כאַראַקטער. (זעה די דייטשע ווערק פֿון קעלער, האַזע און קאָרנעליוס און די אויסגעצייכענטע קליינע ענגלישע שריפֿט „אַנאַבאַפּטיזם“ פֿון ריטשאַרד דיטהם, 1895).

קאָנסידעראַן, וויקטאָר (1802—1893), אַ פֿראַנצויזישער סאָציאַליסטישער שרייבער און נאָכפֿאָלגער פֿון פֿוריע, וועמענס ווערק ער האָט פֿאָרטגעזעצט. אין 1837 האָט קאָנסידעראַן אַרויסגעגעבען די צייטונג „לאַ פֿהאַלאַנזש“ און אין 1845 די „דעמאָקראַטיע פּאַסיפֿיק“. שפּעטער האָט ער פֿערזוכט צו גרינדען אַ פֿוריערסטישע קאָלאָניע אין טעקסאַס. ער האָט ענטוויקעלט פֿוריע׳ס אידעען אין אַ סעריע פֿון שריפֿטען, וועלכע האָבען אַ גרויסען ווערטה. זיינע וויכטיגסטע ווערק זיינען: „דאָס סאָציאַלע אונגליק“ (1834), „די טהעאָריע פֿון אַ נאַטירליכער און אַטראַקטיווער ערציהונג“ (1835) „פּרינציפּען פֿון סאָציאַליזם: מאַניפֿעסט פֿון דער פֿריעדליכער דעמאָקראַטיע“. די לעצטע שריפֿט איז צוערשט ערשיענען אין 1843 און איז באַלד אונטערדריקט געוואָרען. אַ צווייטע אויפֿלאַגע איז ערשינען אין 1847. די עקאָנאָמישע פּרינציפּען פֿון דער דאָזיגער שריפֿט — אַזוי ווי ז. טשערקעסאָוו האָט עס בעוויזען — זיינען דיזעלבע ווי די, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבען שפּעטער ענטוויקעלט אין זייער „קאָמוניסטישען מאַניפֿעסט“. די שריפֿט „דער סאָציאַליזם בעפֿאָר דער אַלטער וועלט“, וועלכע איז ערשינען אין 1848, איז אַ גלענצענדער איבערבליק איבער די פֿערשידענע שולען און ריכטונגען פֿון׳ם סאָציאַליזם אין יענער צייט.

קאַבעט, עטיען (1788—1856), אַ פֿראַנצויזישער קאָמוניסט, וועלכער האָט ענטוויקעלט זיינע אידעען אין זיין צייטונג „לע פּאָפּילער“. אין 1842 האָט ער אַרויסגעגעבען זיין הויפּט ווערק, „אַ רייזע נאָך איקאַריען“, וואו ער האָט פֿאָלשטענדיג ענטוויקעלט די אידעען פֿון׳ם אויטאָריטערען שטאַאַטס-קאָמוניזם. דאָס בוך איז פֿיעל געלעזען געוואָרען און ערשינען אין אַסך אויפֿלאַגען. די אויסגאַבען פֿון 1856 ענטהאַלטען אַן אַנאַליזע וועגען די פֿאָרגענגער פֿון קאַבעט, וועלכע שליסט אויך איין די קאָמוניסטען פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. אין 1848 האָט קאַבעט פֿערזוכט צו פֿערווירקליכען זיינע אידעען אין טעקסאַס און שפּעטער אין אילינאָיס; אָבער ביידע פֿערזוכען האָבען זיך געענדיגט מיט אַ פֿיאַסקאָ. פֿון דעסטוועגען האָט די קאָלאָניע „יונג איקאַריען“ עקזיסטירט ביז אין די 80-גער יאָהרען פֿון דעם פֿערגאַנגענעם יאָהרהונדערט.

בייקאָן, פֿראַנסיס (1561—1626), אַ גרויסער ענגלישער פֿילאָזאָף, וועלכער איז בעקאַנט אַלס דער פֿאָטער פֿון דער „אינדוקטיווער“ מעטהאָדע אין וויסענשאַפֿטליכע אונטערזוכונגען, דערפֿאַר וואָס ער איז געוועזען דער ערשטער, וועלכער האָט אויפֿגעוויזען, אַז די אַרבייט פֿון אונטערזוכונג און ענטדעקונג וועט נור דאַן קענען פּראָגרעסירען, ווען דער

מענשליכער גייסט וועט זיך צוגעוואוינען צו בעטראַכטען די פּראַקטישע בעאָבאַכטונג און די פֿרייע, מעטהאָדישע, עקספּערימענטאַלע אונטערזוכונג אַלס דעם איינציגען מיטעל, ווי אויסצוגעפֿינען נאַטור געזעצע און די אמת׳ע אורזאַכען פֿון די ערשיינונגען. די סקאָלאַסטישע חכמה, וועלכע שפּיעלט זיך בלויז מיט ווערטער, מוז פֿערשווינדען; ווייל אמת׳ע קענטניסע קענען בלויז ערוואָרבען ווערען דורך אינדוקציאָן, ד.ה. דורך דעם גרינדליכען שטודיום פֿון יעדער בעזונדערער ערשיינונג גופֿא, איידער מיר געהען אויסאַרבייטען אַלגעמיינע שליסע. דאָס איז געווען די גרונד-אידעע פֿון בייקאָן׳ס ווערק און דעריבער בעטראַכטען מיר איהם אַלס דעם פֿאָטער פֿון דער מאָדערנער וויסענשאַפֿט. (זעה די ערקלעהרונג וועגען דער „אינדוקטיוו-דעדוקטיווער מעטהאָדע").

הערצען, אַלעקסאַנדער (1812—1870), אַ פּאָליטישער רוסישער שריפֿט-שטעלער. נאָך זיין פֿערשיקונג נאָך איינע פֿון די פּראָווינצען אין מזרח-זייט האָט ער פֿערלאָזען רוסלאַנד און איז אַוועק קיין פֿראַנקרייך און איטאַליען, וואו ער האָט געהאַט פֿריינדשאַפֿטליכע בעציהונגען צו אַלע פֿאָרטגעשריטענע סאָציאַליסטען און ראַדיקאַלען. נאָך דער מפּלה פֿון דער רעוואָלוציאָן אין 1848 האָט ער פּרודהאָן׳ן געהאָלפֿען אַרויסגעבען זיין צייטונג „לע פּעפּל". ווען מען האָט איהם אַרויסגעשיקט פֿון פֿראַנקרייך איז ער געפֿאָהרען נאָך ענגלאַנד. דאָרטען האָט ער געגרינדעט די ערשטע „פֿרייע רוסישע פּרעסע", און צו די ענדע פֿון די פֿופֿציגער האָט ער אַרויסגעגעבען דעם „קאָלאָקאָל" מיט דער מיטאַרבייטערשאַפֿט פֿון זיין פֿריינד אָגאַרעוו און טורגעניעוו און שפּעטער פֿון באַקונין. די דאָזיגע צייטשריפֿט, אין וועלכער הערצען (אין אַ וואונדערבאַרען סטיל) האָט געקעמפֿט מיט ענערגיע פֿאַר דער אָבשאַפֿונג פֿון דער לייבאייגענשאַפֿט און אויפֿגעדעקט אַלע גרוי-זאַמקייטען פֿון דעם אַבסאָלוטיסטישען רעזשים, האָט געהאַט אַ גוטען נאָמען און אַ גרויסען איינפֿלוס אין רוסלאַנד אין דער צייט פֿון דער בעפֿרייאונג פֿון די לייבאייגענע. אין 1863, ווען עס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען דער אויפֿשטאַנד אין פּוילען, האָבען באַקונין און הערצען וואַרים פֿערטהיידיגט די רעבעלען, אָבער מיט דעם זיעג פֿון דער רעאַקציאָן אין דעמזעלבען יאָהר האָט זיך געענדיגט דער איינפֿלוס פֿון דעם „קאָלאָקאָל". צו דאַנקען זיינע גרויסע היסטאָרישע און פֿילאָזאָפֿישע קענטניסע, איז הערצען געווען איינער פֿון די בעסטע פּאָליטישע שרייבער פֿון זיין צייט אין אייראָפּאַ. זיינע „בריעף פֿון פֿראַנקרייך און איטאַליען" און זיין בוך „פֿון׳ם אַנדער ברעג", וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען נאָך דער מפּלה פֿון דער 1848גער בעוועגונג, זיינען אמת׳ע ליטעראַרישע קונסט-ווערק, שוין ניט ריידענדיג פֿון זייער פּאָליטישער בעדייטונג. דאָסזעלבע איז דער פֿאַל מיט זיין אויטאָביאָגראַפֿיע „פֿערגאַנגענעס און ערלעבטעס".